STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05518

UNTER DER FON FUN K.P.P.

Permanent preservation of this book was made possible
by Julian Levinson
in honor of
Harry Maor

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונטער דער פאָן
פון קפפ

(אַרטיקלען, זכרונות און דאָקומענטן)

WYDAWNICTWO
„KSIĄŻKA I WIEDZA"

Warszawa
1959
וואַרשע

פאַרלאַג
„קסיאָנזשקאַ אי וויעדזאַ"

Nakład 3 500 + 251 egz. Obj. ark. wyd. 24. Obj. ark. druk 24+33 wklejki. Papier druk. sat. kl. III, 70 g., 70×100 cm. Oddano do składu 20.II.59 r., podp. do druku 30.V.59 r., druk ukoń. w lipcu 1959. Druk. RSW „Prasa", Tarczyńska 8. Zam. 6469 — W-89.

אונטער דער פאָן

פון

[redacted]

פּ.

- זאַמלבוך -

POD SZTANDAREM KPP

Kolegium redakcyjne:
H. GOLDFINGER, M. MIRSKI, Sz. ZACHARIASZ

רעדאַקציע־קאָלעגיע:
ה. גאָלדפינגער, ש. זאַכאַריאַש, מ. מירסקי

Stronę tytułową, okładkę i obwolutę projektował:
R. Chwoles

שער־בלאַט, הילע און אָבוואָלטע פּראָיעקטירט: ר. כוואָלעס

Red. techniczny:
Sz. LICHTENSZTEJN

טעכנישער רעדאַקטאָר: ש. ליכטענשטיין

Korektor:
B. SZAFIR

קאָרעקטאָר: ב. שאַפיר

אדרעס פון דער רעדאקציע:
Redakcja „Unter der fon fun KPP"
Zakład Historii Partii przy KC PZPR
Warszawa, ul. Górnośląska 18/20
Sz. Zachariasz

אַרײַנפֿיר

אין די ראַמען פֿון די פֿייערונגען געווידמעט 40 יאָר קפּפּ, וועלכע קומען פֿאָר ביי אונדז אין לאַנד אין משך פֿון יאָר 1959. טראָגן מיר אונטער דעם יידישן לייענער דאָס זאַמלבוך „אונטער דער פֿאָן פֿון קפּפּ״.

„אונטער דער פֿאָן פֿון קפּפּ״ אנטהאלט דער עיקר דערינערונגען, פּאַרטיי־דאָקומענטן און מאַטעריאַלן ווי אויך ביבליאָגראַפֿישע ידיעות, וועלכע ברענגען צום אויסדרוק די רומפֿולע טעטיקייט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן צווישן דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג. דאָס זאַמלבוך שפּיגלט אָפּ זעלבסטפֿאַרשטענדלעך בלויז אַ ברוכטייל פֿון דער מעכטיקער באַוועגונג, מיט וועלכער די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן אין פֿאַרמלחמהדיקן פּוילן האָבן פֿאַרבונדן זייער גוראַנגל פֿאַרן טאָג־טעגלעכן קיום און זייער האָפֿענונג אויף דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפֿרייונג. פֿאַר אונדזערע אויגן טויכן אויף בילדער פֿון זייער פּילפּאַרביק לעבן, וואָס איז אָפּגעגאַנגען אין טייכן בלוט און אַוועק מיט פֿלאַמען און רויך. דאָס זאַמלבוך פֿאַרצייכנט אין אַ געוויסער מאָס זייער העלדישקייט און צוגלייך פּשטות און פֿאַרזיגלט אין אונדזערע הערצער זייער ליכטיקן אָנדענק.

„אונטער דער פֿאָן פֿון קפּפּ״ איז אנטשטאַנען לויט דער איניציאַטיוו פֿון אַ קאָמיסיע ביים אנשטאַלט פֿאַר פּאַרטיי־געשיכטע אין באַשטאַנד פֿון פֿאָלגנדיקע חברים: אַלעקסאַנדראַ בערגמאַן, הערשל גאָלדפֿינגער (סעקרעטאַר), יצחק גאַרדין־לענאָוויטש, יוסף גיטלער־באַרסקי, יואל לאזעבניק, לוציאַן מאַרעק (פֿאַרזיצער), מיכאל מירסקי און שמעון זאַכאַריאַש.

דאָס זאַמלבוך „אונטער דער פֿאָן פֿון קפּפּ״ ווערט פֿאַרטראַכט ווי אַן אָנהייב. די רעדאַקציע האָט בדעה אַרויסצולאָזן נאָך עטלעכע זאַמלביכער. דאָס קאָן אָבער געשען אין פֿאַל, ווען אונדזערע חברים און פֿריינד אין לאַנד און אין אויסלאַנד וועלן אונדז צוהעלפֿן. מיר בעטן אַריינצושיקן אין דער רעדאַקציע: דאָקומענטן, ציטונגען, זשורנאַלן, זכרונות און נאָטיצן וועגן אייגענעם אָנטייל אין דער קאַמפּבאַוועגונג אָדער וועגן חברים און נאָענטע.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ רעכענונג דערפון, אַז דאָס זאַמלבוך אַנטהאַלט בלויזן און אומפינקטלעכקייטן. דאָס איז אויך נוגע די ביאָגראפישע ידיעות וועגן חברים, וועלכע ווערן דערמאָנט צום סוף פון זאַמלבוך. נישט וועגן אַלע זענען פאַראַן די גענויע ידיעות. מיר בעטן דעריבער אונדזערע לייענער צו שטעלן זיך מיט אונדז אין פאַרבינדונג און צושיקן אונדז זייערע באַמערקונגען. פאַר וועלכע מיר דריקן אויס אונדזער האַרציקן דאַנק.

רעדאקציע

װלאַדיסלאַװ גאָמולקאַ

(ערשטער סעקרעטאַר פֿון צ. ק. פֿון דער
פּױלישער פֿאַראײניקטער אַרבעטער־פּאַרטײ)

קפּפּ אין קאַמף קעגן פֿאַשיזם און מלחמה־געפֿאַר *

די אײנציקע פּאָליטישע פּאַרטײ אין פּױלן, װאָס האָט אױסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם, אָנװײַזנדיק אַ רעאַלע מעגלעכקײט אַרױסצוגײן פֿון אָט דער סיטואַציע, אַ פּראָגראַם, װאָס אַנטשפּרעכט די אַקטועלע און היסטאָרישע אינטערעסן פֿון לאַנד, איז געװען די קאָמוניסטישע פּאַרטײ פֿון פּױלן. און אױב אין דער גאַנצער צװישנמלחמהדיקער פּאָליטישער ליטעראַטור איז פֿאַראַן אַ דאָקומענט, װאָס װײַזט אָן אַ רעאַלן װעג אַרױסצופֿירן פּױלן פֿון בלינדן געסל פֿון סטאַגנאַציע, אָפּגעשטאַנענקײט, אַרבעטסלאָזיקײט, נױט פֿון די אַרבעטער און פּױערים, זענען עס די באַשלוסן און מאַטעריאַלן פֿון II צוזאַמענפֿאָר פֿון דער קפּפּ. װען מיר פֿאַרגלײַכן די מאַטעריאַלן פֿון דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר מיט די אַרױסזאָגונגען פֿון די דעמלטיקע פֿאַראַנטװאָרטלעכע מלוכה־מענער פֿון פּױלן, בלײַבן מיר שטײן פֿאַרװוּנדערט סײ פֿון דער װײַטזיכטיקײט און טיפֿן געפֿיל פֿון פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט פֿאַרן לאַנד מצד די פּױלישע קאָמוניסטן, סײ פֿון דער קלײנקעפּלדיקײט און זאָרגלאָזיקײט מצד דער בורזשואַזיע, װאָס האָט רעגירט מיט פּױלן.

דער II צוזאַמענפֿאָר האָט אָנגעצײכנט פֿאַר פּױלן אַ װעג, געשטיצט אױף דער אַנטװיקלונג פֿון די אינערלעכע כּוחות פֿון לאַנד, װי אױך אױף דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון איר אינטערנאַציאָנאַלער פּאָזיציע. שאַפֿן אַ גרױסן אינערלעכן מאַרק דורך אָפּגעבן די פּױערים די פּריצישע ערד, גאַראַנטירן דורך דעם דער װירטשאַפֿט מעגלעכקײטן פֿון װוּקס פֿון דער אײגענער פּראָדוקציע, װי אױך מעגלעכקײטן פֿון אָפּנעמען די אינדוסטריע־

* פֿראַגמענט פֿון דער רעדע, װאָס דער חבר גאָמולקאַ האָט געהאַלטן דעם 16־טן דעצעמבער 1958 אױף דער אַקאַדעמיע געװידמעט 40 יאָר קפּפּ.

לע פּראָדוקציע, איבערדייסן מיט דער אַנטי־סאָוויעטישער פּאָליטיק און דער אָפּהענגיקייט פון די אויסלענדישע קאַרטעלן און עפענען אויף אַזאַ אופן פאר דער פוילישער אינדוסטריע דעם גרויסן סאָוויעטישן מאַרק, ווערן אומאָפּהענגיק פון די אַוואַנטוריסטישע אימפּעריאַליסטישע קרייזן סיי אויפן געביט פון ווירטשאַפט, סיי פון פּאָליטיק, איינשטעלן פריינדלעכע באַציונגען מיט די שכנישע פעלקער דורך אָפּזאָגן זיך פון דער ראָל פון אַ זשאַנדאַרם אין מזרח־איראָפּע, דורך אָפּזאָגן זיך פון דער אייגענער אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק לגבי די אונטערדריקטע פעלקער פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד — אָט דאָס איז דער פּראָגראַם, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן IIטן צוזאַמענפאָר פון דער קפּפּ, אַ פּראָגראַם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ רומפול פּאַרמעג פון דער פוילישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

לייענענדיק איצט די מאַטעריאַלן פון II צוזאַמענפאָר, וואַרפט זיך אונדז באַזונדערס אין די אויגן איינער פון די שטריכן, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פוילן — אַ שטריך, וואָס מיר האָבן, דוכט זיך, ביז איצט נישט גענוג אונטערגעשטראָכן. איך האָב אין זינען דאָס גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטס־געפיל פאר פוילן, וואָס איז געווען אייגנטימלעך פאר די פאַריאָגטע אין אונטערערד פוילישע קאָמוניסטן. פיל — און מיט רעכט — האָבן מיר גערעדט און רעדן וועגן דער העלדישקייט פון די פוילישע קאָמוניסטן, וועגן זייער גרויסער קרבנות־גרייטקייט, פאַרהאַרטעוועטקייט און איבערגעגעבנקייט דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס, וועגן זייער מסירת־נפשדיקייט, וועלכע זיי האָבן כסדר אָן אויפהער אַרויסגעוויזן. אָבער דער שטריך, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די קפּפּ האָט אין אַלע איבערברוך־מאָמענטן אין לעבן פון פוילישן פאָלק און דער מלוכה געהאַט די ריכטיקסטע קאָנצעפּציע, וואָס האָט צוממייסטן אַנטשפּראָכן די אינטערעסן פון פאָלק, אַז זי האָט זיך שטענדיק געפונען אין אַוואַנגאַרד, אַז דער פּאָליטישער געדאַנק פון דער קפּפּ האָט איבערגעיאָגט דעם פּאָליטישן

געדאַנק פון אנדערע פּראָגרעסיווע ריכטונגען, — אָט דער שטריך איז צווישן אַנדערע געווען דאָס גרויסע געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון לאַנד.

קלאָר, אַז בלויז דאָס פאַראַנטוואָרטלעכקייט-געפיל וואָלט געווען ווייניק, ווען די קפפ וואָלט זיך נישט באַנוצט מיטן וויסנשאַפטלעכן מעטאָד פון פאָרשן סאָציאַלע דערשיינונגען — מיטן מעטאָד פון מאַרקסיזם-לעניניזם. דאָס געהעריקע און דורכגעטראַכטע באַנוצן זיך מיטן מאַרקסיסטישן מעטאָד פון פאָרשן די געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון פוילן האָט מעגלעך געמאַכט די פוילישע קאָמוניסטן אויסצואַרבעטן אַ מעטיקייטס-פּראָגראַם, אויסצופירן די ראָל פון אַוואַנגאַרד דורך דעם סאַמע דייפסטן טייל פון ארבעטער-קלאַס, וואָס איז באַרופן צו קערעווען מיט גורל פון לאַנד.

שטענדיק טיף אין די מאַסן, האָט די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פוילן געמוזט זיין און איז געווען זייער פאַרטיידיקער אַנטקעגנאיבער דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע, אַנטקעגנאיבער דער פאַרביסנקייט און ריקזיכטלאָזיקייט פון די הערשנדיקע קלאַסן.

די קאָמוניסטן זענען געשטאַנען בראש פון די שטרייק-אַקציעס און געפירט נאָך זיך צענדליקער און הונדערטער טויזנטער ארבעטער, זענען געווען אקטיוו אין אַלע גרויסע און קליינע שטרייק-אַקציעס פון די ארבעטער און פויערים-קאַמפן, פאַרטיידיקנדיק די טאָג-טעגלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

די קפפ איז געווען די פאַרטיי פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון אָט די מאַסן איז געווען איר עלעמענטאַרער חוב. אָבער גלייכצייטיק איז איר חוב אויך געווען אָנצווייזן די אַרבעטנדיקע מאַסן, אַז זייער קאַמף פאַר זייערע טאָג-טעגלעכע פראַגן מוז זיין גלייכצייטיק א קאַמף פאַר ענדערן די אָרדענונג פון לאַנד, פאַר ליקווידירן די קוואַלן פון עקספּלאָאַטאַציע, פאַר אָפּשאַפן די הערשאַפט פון קאַפּיטאַליזם און איינשטעלן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

די דאָזיקע אויפגאַבע האָט די קפפ סיסטעמאַטיש אויסגעפירט, דערציענדיק די מאַסן אין רעוואָלוציאָנערן גייסט, צואייגנענדיק זיי די רעוואָלוציאָנערע לערע פון מאַרקסיזם-לעניניזם.

די רעגירונגען פון דער פוילישער בורזשואַזיע האָבן נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן דער טעטיקייט פון די קאָמוניסטן קיין שום זאַך, ווי נאָר די פּאָליטיק פון צעוושעטן טעראָר לגבי די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער און פויערים, ווי דאָס שטיקן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן. מען דאַרף אין הסכם מיטן אָביעקטיוון אמת זאָגן, אַז דאָס שטיקן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, און קודם כל דאָס צונעמען די דאָזיקע פרייהייטן ביים אַרבעטער-קלאַס, איז געווען דער אויפטו נישט נאָר פון דער פאַשיסטישער סאַנאַציע-דיקטאַטור. אויך אין פאַר סאַנאַציע-פעריאָד האָט זיך געטאָסן

אויף די גאַסן אַרבעטער-בלוט, האָבן זיך די טורמעס פאַרפולט מיט רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, האָבן געבושעוועט שטאַנד-געריכטן, האָבן געווילדעוועט שוואַרצמאַהדיקע און דעפענסיווע-באַיוווקעס. יעדעס יאָר, יעדער חודש פון פאַרמלחמהדיקן פוילן איז געצייכנט געוואָרן מיט קרבנות פון אַרבעטער-קלאַס און זיינע רעוואָלוציאָנערע פאָרשטייער. לאָמיר זיך דערמאָנען די ערשטע טעג פון דער אומאָפּהענגיקייט און דעם טעראָר לגבי דער רויטער גוואַרדיע פון זאַגלעמביע, לאָמיר דערמאָנען הייטשיקן און פילארטשיקן, באַגינסקין און וויעטשאָרקעוויטשן, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער דעפענסיווע, לאָמיר דערמאָנען היבנערן, קניעווסקין, רוטקאָווסקין, באָטווינען, ענגעלן, לאָמיר דערמאָנען די אַרבעטער פון קראָקע, באָריסלאַוו און טאַרנאָוו, וואָס זענען געפאַלן אין 1923 יאָר, לאָמיר דערמאָנען די אַנטי-יידישע פּאָגראָמען, אָרגאַניזירטע דורך דער ענדעקישער פּאָליציי, לאָמיר דערמאָנען די לאַנגע און בלוטיקע כוואַליע פון טעראָר לגבי דער באַפעלקערונג פון מערב-אוקראַינע און מערב-ווייסרוסלאַנד, לאָמיר דערמאָנען די צענדליקער טויזנטער פּאָליטישע אַרעסטירטע — דאָס אַלץ איז געשען נאָך פאַר דער סאַנאַציע-הערשאַפט.

די סאַנאַטאָרישע דיקטאַטור האָט דערפירט דעם טעראָר לגבי דעם אַרבעטער-קלאַס און די פאָלקס-מאַסן צו די לעצטע גרענעצן, איינפירנדיק אין פוילן די היטלערישע מעטאָדן פון ברעכן אַרבעטער- און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. דאָס סאַנאַציע-פוילן, גייענדיק אין די פוסטריט פון היטלערישן דריטן רייך, האָט געשאַפן דעם קאָנצענטראַציע-לאַגער אין קאַרטוז-בערעזע. אין די געריכטן זענען פאָרגעקומען פּראָצעסן, וואָס האָבן אַרומגענומען הונדערטער אָנגעקלאָגטע אין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. די טורמעס זענען געוואָרן צו ענג. לויט די ידיעות פון דער אָרגאַניזאַציע צו העלפן רעוואָלוציאָנערן איז די צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע — קאָמוניסטן ווי אויך אַנדערע אַנטיילנעמער פון שטרייקן און פויערים-קאַמפן — דערגאַנגען אין די יאָרן פון דער סאַנאַציע-הערשאַפט ביז דרייסיק טויזנט. דאָס זענען געווען צייטן, ווען אין לאַנד האָבן געהוליעט די „גאָלענדזשינער-יונגען", וועלכע האָבן געטראָגן בראַנד און טויט איבער די דערפער פון מערב-אוקראַינע און מערב-ווייסרוסלאַנד, ווי אויך אין הארץ פון פוילן גופא. גערעכט איז געווען די קפּפּ, אָנווייזנדיק די מאַסן אויף דעם, אַז די אונטערדריקונג פון אוקראַינישן און ווייסרוסישן פאָלק איז מיט איר שאַרף געווענדט אויך קעגן די אינטערעסן פון די פוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

עס איז דאָ און עס מוז זיין א פאַרבינדונג צווישן דער אינערלעכער פּאָליטיק און דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון הערשנדיקן קלאַס. די אַנטיסאָוויעטישע פּאָליטיק פון דער פּוילישער בורזשואַזיע האָט געמוזט ברענגען מיט זיך און האָט געבראַכט א קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אינערלעכע פּאָליטיק. די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אינערלעכע פּאָליטיק האָט געמוזט ברענגען מיט זיך און געבראַכט די אָריענטאַציע פון דער פּוילישער בורזשואַזיע אויף די סאַמע אָפּגעשטאַנענע און רעאַקציאָנערע כוחות אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע.

דערמיט דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס ווען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד איז געקומען די בלוטיקע היטלעריסטישע דיקטאַטור, האָבן די סאַנאַציע־רעגירונגען און די רעאַקציאָנערע פּאָליטישע פּאַרטייען אין פּוילן זיך געפונען צווישן די ערשטע ענטוזיאַסטן פון דער היטלעריסטישער „נייער אָרדענונג" און לויט איר נוסח אָנגעהויבן איבערבויען זייערע פּאָליטישע פּראָגראַמען.

פיל מאָל האָט מען ביי אונדז גערעדט וועגן די קוואַלן פון דער סעפּטעמבער־טראַגעדיע, און אפשר איז מען נישט גערעכט, ווען מען פּרוּווט וואַרפן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער דאָזיקער טראַגעדיע בלויז אויף דער אויסערן־פּאָליטיק פון דער סאַנאַציע און איר בונד מיטן היטלעריזם. ריכטיקער וועט זיין די מיינונג, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער סעפּטעמבער־טראַגעדיע טראָגן אַלע רעגירונגען פון דער פּוילישער בורזשואַזיע זינט דעם ערשטן טאָג פון איר הערשאַפט אין לאַנד, זינט דעם ערשטן מאָמענט, ווען זי האָט זיך באַמיט צו פאַרוואַנדלען פּוילן אין א. ג. „שוץ־וואַל פון קריסטנטום", וואָס איז באַרופן צום קאַמף מיטן באָלשעוויזם. שוין דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אָפּהענגיק מאַכן פּוילן פון די אַוואַנטוריסטישע אימפּעריאַליסטישע קרייזן, דאָס אונטעראָרדענען די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון פּוילן די אינטערעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטר־רעוואָלוציע, אין רעזולטאַט פון וועלכן מיר האָבן שפּעטער געהאַט דעם פאַרברעכערישן פּאַקט מיט היטלערן, דעם פאַרברעכערישן געמיינזאַמען מאַרש אויף טשעכאָסלאָוואַקיע, די פאַטאַלע

אַקציע קעגן דעם סאָוועטישן פאָרשלאַג וועגן א פאַקט פון קעגנזייטיקער הילף צום פאַרטיידיקן זיך קעגן דער היטלעריסטישער אַגרעסיע — מיט איין וואָרט, די גאַנצע קייט מאָסמיטלען, וואָס האָבן דירעקט פאַרלייבטערט דעם היטלעריסטישן אָנפאַל אויף פוילן.

צום לויב פון דער קפּפּ דארף געזאָגט ווערן, אז זי איז געווען די איינציקע פּאַרטיי, וועלכע האָט אין דער גאַנצער אומפּאַסונג דערזען די גרויסע אָנקומענדיקע געפאר, און איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט געוויזן דעם רעאַלן אויסוועג, כדי זי אויסצומיידן.

עדוואַרד אָכאַב

(מיטגליד פון פּאָליט=ביוראָ פון צ. ק. פון דער
פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער=פּאַרטיי)

רום די אומדערשראָקענע קעמפער — זעלנער פון דער קפּפּ *

די פּאָליטישע טעטיקייט פון דער קפּפּ צווישן דער יידישער באַפעלקערונג האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן, ווו די יידן האָבן געבילדעט 10 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז אין די שטעט האָבן זיי אויסגעמאַכט איבער 30 פּראָצענט פון די איינוווינער.

די פּוילישע בורזשואַזיע, געטריי די שענדלעכע טראַדיציעס פון צאַריזם, האָט זיך באַמיט פאַרסמען די צוריקגעשטאַנענע שיכטן פון די פּוילישע מאַסן מיטן גיפט פון מיטלאַלטערלעכן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט בייגאַנד מיטן שאָוויניזם און קלעריקאַליזם געבילדעט אַ וויכטיק אידעאָלאָגיש געווער פון דער קאָנטררעוואָלוציע.

קיין שום פּאַרטיי פון דער פּוילישער בורזשואַזיע און קליינבירגערטום האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגרענעצט פון דעם אַנטיסעמיטיזם. אפילו די פּפּס האָט זיך נישט דערוועגט צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם און האָט אָפט פשוט קאַפּיטולירט לגבי די אַנטיסעמיטישע שטימונגען.

די איינציקע פּוילישע פּאַרטיי, וועלכע האָט אין דעם שווערן פּעריאָד פון צווישן ביידע וועלט=מלחמות געפירט אַ קאָנסעקווענטן, אומבויגזאַמען, פּרינציפּיעלן קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּלאָג, פאַרטיידיקט די רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג און דעם כבוד פון דעם פּוילישן פאָלק, איז געווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן.

עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס די קפּפּ האָט זיך פאַרשאַפט אַ גרויסן אויטאָריטעט און דרך=ארץ נישט בלויז צווישן די פּוילישע אַרבעטער, נאָר אויך צווישן די יידישע מאַסן.

אַ טייל פון דער יידישער אָרעמקייט, באַזונדערס דער רייכערער טייל פון קליינבירגערטום האָט זיך געלאָזט פאַנגען פון דער נאַציאָנאַליסטי=

* אָנגעשריבן ספּעציעל פאַרן זאַמלבוך.

שער נעץ פון ציוניזם אָדער פון די רעאַקציאָנער־רעליגיעזע יידישע פּאַר־טייען און גרופּירונגען, זוכנדיק אַן אויסוועג נישט אין קאַמף, נאָר אין תפילות אָדער און טרוימען וועגן צוגעזאָגטן לאַנד. אָבער די גרונטיקע מאַסע פון די יידישע אַרבעטער און אַ באַדייטנדיקער טייל פון קליינביר־גערטום האָט געשטרעבט צו קעמפן פאַר זייערע מענטשלעכע רעכט און קלאַסן־אינטערעסן דאָ, אויף אָן אָרט, אין פּוילן, געמיינזאַם מיט די פּוי־לישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

די קפּפּ האָט אָרגאַניזירט דעם קאַמף פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן קעגן דעם פאַשיזם און די רעאַקציאָנערע רעגירונגען. זי האָט אָרגאַניזירט די פּראָגרעסיווע כוחות פון דער פּוילישער געזעלשאַפט קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּלאָג. גלייכצייטיק האָט זי געווירקט צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן, באַזונדערס צווישן די יידישע אַרבעטער, כדי זיי אַרויסצורייסן פון אונטער די ציוניסטישע אָדער בונדישע איינפלוסן, דער־ציען זיי אין גייסט פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, זאַמלען די אַרבעטער פון אַלע פעלקער אונטער איר רויטער פאָן...

טויזנטער יידישע אַרבעטער און די סאַמע פאָרגעשריטענע פאָרשטיי־ער פון דער יידישער אינטעליגענץ האָבן געקעמפט אין די רייען פון דער קפּפּ האַנט ביי האַנט מיט די פּוילישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע אַר־בעטער פאַר דער געמיינזאַמער אַרבעטער־זאַך, פאַר אָראָפּוואַרפן די מאַכט פון פאַשיזם, פאַר סאָציאַליזם.

אויף פיל בלעטלעך פון דער רומפולער געשיכטע פון רעוואָלוציאָ־נערן קאַמף פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס זענען מיט בלוטיקע אותיות לעבנאַנאַנד די נעמען פון די פּוילישע חברים פאַרשריבן די נעמען פון די געפאַלענע יידישע חברים, די העלדישע זעלנער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן און פון דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון פּוילן.

דער אַרבעטער־קלאַס פון פּוילן וועט מיט יראת־הכבוד פאַראייביקן אין זיין זכרון די נעמען פון די אומדערשראָקענע קעמפער שמואל ענגעל און נפתלי באָטווין, וועלכע האָבן זייער יונג לעבן אַוועקגעגעבן פאַר דער זאַך פון דער פּאַרטיי; די נעמען פון גערמאַניסקין, וועלכער איז דער־מאָרדעט געוואָרן אין בערעזער גיהנום; פון מאַקס לאַפּאַן, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן אין ווראָנקי; פון אַדאַם לאַנדוי, וועלכער איז דער־מאָרדעט געוואָרן אין סאָסנאָוויעץ; פון דעם פּאָפּולערן פירער פון די לאָדזשער טעקסטיל־אַרבעטער ה׳ אייזן, וועלכער איז געפאַלן אין די רייען פון די דאָמבראָווע־שטשאַקעס צוזאַמען מיט „באָברוש" גוסענבוים, רובינ־שטיין, יאַשונסקי און פיל אַנדערע קעמפער פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניע; פון ב. צוקער (וויטאָלד קאַלסקי), מאַניעק נאָוואָגרודזקי, סאַמועל מאַרק, יאַקוב ראָטשטיין, לוציגאַ הערץ, יוסף לעוואַרטאָווסקי, אַנדזשעי קאַרטינאָ־שמידט, אַהאָם מערעטיק און פיל אַנדערע, וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף מיטן היטלעריסטישן אָקופּאַנט.

אין דער גאַנצער דורותלאַנגער געשיכטע פון אכזריותן, וועלכע זענען באַגאַנגען געוואָרן דורך די באַזיצנדיקע קלאַסן לגבי די פֿאָלקס־מאַסן און אונטערדריקטע פעלקער, איז נישטאָ נאָך אַזאַ העסלעכקייט, ווי די צעיושעטע בעסטיאַלישקייט פון די היטלעריסטן לגבי מיליאָנען שוצלאָזע יידן, פרויען, זקנים און קינדער.

די געשיכטע פון די פינצטערע יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע רעדט צו אונדז און וועט רעדן צו די קומענדיקע דורות נישט בלויז וועגן דער אומבאַגרייפלעכער פאַרן מענטשלעכן געדאַנק טראַגעדיע פון מיליאָנען בעסטיאַליש דערמאָרדעטע שוצלאָזע מענטשן, נאָר וועט אויך אויף גאַנצע יאָרהונדערטער טראָגן דעם רום פון די העלדישע קעמפער פון וואַרשעווער און ביאַליסטאָקער געטאָס, צווישן וועלכע עס האָבן דערפילט אַזאַ דערהויבענע ראָל די געוועזענע קאַפּעפּאָוצעס און קאָמיוגיסטן.

געלערנט פון די שרעקלעכע אומגליקן, וועלכע עס האָט געבראַכט דער ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, ווען מיר מיט אַ פאַרטאָפּלטער ענערגיע אַרויסרייסן דאָס אַנטיסעמיטישע ווילדגראָז פון אונזער ערד, וועלכע האָט איינגעזאַפּט אַזויפיל בלוט פון אונזערע בעסטע פוילישע און יידישע חברים. ביים אַראָפּלאָזן די פאַרטייאישע פענער איבער די קברים פון די געפאַלענע חברים ווען מיר אין זינען האָבן זייער בענקשאַפט, זייערע טרוימען וועגן אַ סאָציאַליסטיש פוילן, וועגן ברידערלעכקייט צווישן די אַרבעטס־מענטשן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און ראַסן. געדענקנדיק די צוואה פון די געפאַלענע אין קאַמף חברים, קוקן מיר אין דער צוקונפט און טראַכטן וועגן דעם שווערן וועג, וועלכן ס'וועט נאָך אויסקומען אַדורכצומאַכן.

אַנטאָני יאַקובאָווסקי דער מוטיקער, אומדערשראָקענער זעלנער פון דער קפפ, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן ביים אָרגאַניזירן הילף פאַרן ביאַליסטאָקער געטאָ, פלעגט אָפט דערמאָנען די באַקאַנטע סטראָפע פון בראָניעווסקין:

„ווי ראַדיום זאָלן אונדזערע ווערטער
פאַרברענען די האַרץ־געוועבן,
רום צו דעם, וואָס איז געפאַלן;
מיר — גייען ווייטער!“

שמעון זאַפּאַריאַש

40 יאָר קאַמף פֿאַר דער מאַכט פֿון פֿאָלק, פֿאַר סאָציאַליזם

דער 16 דעצעמבער 1918 איז אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער געשיכטע פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן. אין דעם טאָג איז פֿאָרגעקומען די פֿאַראייניקונג פֿון רעוואָלוציאָנערן טייל פֿון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס (סדקפּל — פּפּס לינקע). עס איז אַנטשטאַנען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון פּוילן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון פּוילן — די פֿאָרגייערין פֿון דער פּפּר און פֿון דער פּזפּר — איז אַנטשטאַנען בעת דעם איבערברוך־מאָמענט אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, וועלכן ס'האָט גורם געווען די זיגרייכע סאָציאַליסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די פּאַרטיי פֿון לענינען, איר אינטערנאַציאָנאַליזם, איר אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמף קעגן סעפּאַראַטיזם און נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט, איר קאַמף פֿאַר אַן איינהייטלעכער, אינטערנאַציאָנאַליסטישער פּאַרטיי האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער געשטאַלטיקונג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

שוין אין די יאָרן פֿון דער ערשטער אימפּעריאַליסטישער וועלט־מלחמה האָבן די צוויי פּאַרטייען סדקפּל און פּפּס לינקע געמיינזאַם געקעמפֿט קעגן די דײַטשיש־עסטרײַכישע אָקופּאַנטן און זייערע פּוילישע פּריציש־בורזשואַזע אונטערהעלפֿער; געקעמפֿט קעגן דעם נאַציאָנאַליזם און רעפֿאָרמיזם פֿון דער פּפּס און קעגן ציוניסטישן און בונדישן נאַציאָנאַליזם. דער דעצידירנדיקער פֿאַקטאָר אָבער פֿאַר דער אידעאָלאָגישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער פֿאַראייניקונג פֿון די צוויי פּאַרטייען אין איין קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געווען דער זיג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

איצט, אין מאָמענט, ווען דער פּוילישער אַרבעטער־קלאַס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער פּוילישער פֿאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי, אינעם ענגן בונד מיטן אַרבעטנדיקן פּויערטום געשטאַלטיקט איבער אויף אַ רעוואָלוציאָנערן אופֿן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פֿון פּוילישן

פֿאָלק און פֿעסטיקט אין בונד מיטן מעכטיקן ראַטנפֿאַרבאַנד די אויסגעקעמפֿטע אומאָפּהענגיקייט פֿון אונדזער לאַנד — דערשיינט אין פּערספּעקטיוו פֿון 40 יאָר רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן די גראַנדיעזע ראָל פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון פּוילן. די אַרבעטנדיקע אין נייעם, פֿאָלקס־פּוילן דאַרפֿן וויסן, אַז די קפּפּ מיט איר רעוואָלוציאָנערער, קעמפֿעריש־דערציערישער טעטיקייט אויף אַלע געביטן פֿון געזעלשאַפֿטלעכן לעבן האָט אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג פֿאַר אונדזער הייַנטיק פֿאָלקס־דעמאָקראַטיש פּוילן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון פּוילן האָט אָנגעבונדן צו די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פֿון דער ס״ד קפּ״ל און לינקע פּפּס — די יורשים פֿון „I־טן פּראָלעטאַריאַט“. די טראַדיציע פֿון דער קפּפּ איז די קאַמפֿס־געשיכטע פֿון פּוילישן פֿאָלק פֿאַר אומאָפּהענגיקייט, פֿאַר א סאָציאַל־יושרדיק פּוילן. פֿון די באַדערפֿענישן און שטרעבונגען פֿון פֿאָלק, פֿון זיין אַרבעטער־קלאַס איז אַנטשטאַנען און אויסגעוואַקסן די קפּפּ.

די קפּפּ איז געבוירן געוואָרן אין דער צייט פֿון דראַמאַטישן געראַנגל פֿון די כוחות פֿון רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע אויף דער וועלט.

נאָך דער דערוואָרבענער, אין רעזולטאַט פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אומאָפּהענגיקייט פֿון פּוילן, איז אויף דער טאָג־אָרדענונג געשטאַנען די פֿראַגע: וואָס פֿאַר א פּוילן זאָל זיין? א בורזשואַז־פּריציש, ווי עס האָבן געוואָלט אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען מיטן סאָציאַל־רעפֿאָרמיזם אַריינגערעכנט, אָדער אַן אמת אומאָפּהענגיק, דעמאָקראַטיש פּוילן, געשאַפֿן פֿון פֿאָלק און פֿאַרן פֿאָלק, פֿאַר וועלכן עס האָט געקעמפֿט די קפּפּ?

צוליב א גאַנצער ריי היסטאָרישע סיבות האָבן לײדער די מאַכט אַריינגענומען אין זייערע הענט די פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

די קפּפּ האָט פֿון איר אַנטשטייונג אָן רעפּרעזענטירט די היסטאָרישע אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַריאַט, פֿון פּאָרגעשריטענעם טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט — די אינטערעסן פֿון פֿאָלק. די פּאַרטיי פֿון די פּוילישע קאָמוניסטן איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט געטראָגן אינעם פֿאָלק דעם געדאַנק, אַז די צוקונפֿט פֿון פּוילן געהערט צום סאָציאַליזם.

די קאָנצעפּציע פֿון א סאָציאַליסטיש פּוילן האָט די געשיכטע באַשטעטיקט. די קאָנצעפּציע פֿון א בונד פֿון פּראָלעטאַריאַט מיטן פּויערטום, פֿון פֿריינדשאַפֿט מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד איז געווען די קאָנצעפּציע פֿון די קאָמוניסטן, וועלכע די געשיכטע האָט באַשטעטיקט.

אין די אונטערערדישע באַדינגונגען און טעראָר פֿון סאַנאַציע־פּוילן האָבן די קאָמוניסטן און קאָמיוניסטן געציילט 35 טויזנט מיטגלידער, אויסער 10 טויזנט, וועלכע זענען געזעסן אין די תפֿיסות. די ראָל פֿון יעדן קאָמוניסט און קאָמיוניסט איז געווען א גרויסע. וויפֿל מאָל האָט א פּאַרטיי־קעמערל פֿון עטלעכע קאָמוניסטן באַוויזן אונטער זיין אָנפֿירונג מיטצורייסן טויזנטער אַרבעטער און פּויערים צום קאַמף. דער כוח פֿון די קאָ־

מוניסטן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זענען געווען פאַרבונדן מיט די מאַסן.

די קאָמוניסטן אין פוילן זענען געווען די איניציאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון טויזנטער שטרייקן פון אַרבעטער־קלאַס און פויערטום, די אינספּיראַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג פון די אוקראַאינער און ווייסרוסן, די אָרגאַניזאַטאָרן פון קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג לגבי די יידישע מאַסן מצד די בורזשואַזן־פריצישע רעגירונגען.

אין די יאָרן 1918 — 1919 זענען די קאָמוניסטן אין פוילן געווען די אָרגאַניזאַטאָרן פון די אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַטן אין זאַגלעמביע, לובלין, וואַרשע, לאָדזש, וולאָצלאַוועק, זשיראַרדאָוו, ראַדאָם און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך. דאָרט, וווּ די קאָמוניסטן האָבן געהאַט אַ מערהייט, ווי אין זאַגלעמביע, זענען די ראַטן געווען די עמבריאָנען פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט, איינשטעלנדיק די קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע. אין אַ ריי פאַבריקן זענען אַנטשטאַנען אייגענע פאַרוואַלטונגען, ס'איז איינגעפירט געוואָרן דער 8־שעהדיקער אַרבעטס־טאָג, דורך אַ ריי פאַראָרדענונגען איז פאַרבעסערט געוואָרן דער לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. די קאָמוניסטן האָבן אָרגאַניזירט דעם באַוואָפנטן כוח פון פּראָלעטאַריאַט — די רויטע גוואַרדיעס אין זאַגלעמביע, שלעזיע, טאַרנאָבזשעג, זאַמאָשטש, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן דער סאָלדאַטעסקע פון פילסודסקין.

די קפּפּ, טריי דעם לעניניזם וועגן גערעכטע און נישט גערעכטע מלחמות, נישט געקוקט אויף דער ווילדער אַנטיסאָוויעטישער העצע און מענשן־פרעסערישן שאָוויניזם — האָט בעת דער אַנטיסאָוויעטישער מלחמה אין די יאָרן 1920 — 1919 הויך געהאַלטן די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַליזם און סאָלידאַריטעט מיטן יונגן סאָציאַליסטישן סאָוועטן־לאַנד.

אונטער די לאָזונגען פון ראַטן, פאַר אַ פאָלקס־מאַכט, פאַר באַוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט, פאַר שלום מיטן ראַטנפאַרבאַנד האָבן מאַניפעסטירט טויזנטער אַרבעטער אונטער די פענער פון דער קפּפּ אין די מאַי־דעמאָנסטראַציעס פון די יאָרן 1920 — 1919.

די העראָישע אָנשטרענגונגען פון דער קפּפּ האָבן פונדעסטוועגן נישט געקאָנט דעצידירן אין יענעם רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד. דער מאַנגל פון אידעאָלאָגישער רייפקייט פון דער יונגער קפּפּ אין אַזעלכע פראַגן ווי נאַציאָנאַלער און אַגראַרער, באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג אַלס לוקסעמבורגיזם, האָט מעגלעך געמאַכט דער בורזשואַזיע און די סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע פּאַרטייען צו האַמעווען די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון אַרבעטער־קלאַס און פויערטום און פאַרפעסטיקן איר מאַכט.

די פעלערן פון קפפ פאַרקלענערן אָבער נישט די גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן אירע אין יענער צייט אין קאַמף פאַר פאָלקס-הערשאַפט, פאַר אַ פוילן, וועלכן מיר בויען הײַנט.

אַן איבערברוך אין דער אַנטוויקלונג פון דער קפפ איז געווען דער צווייטער צוזאַמענפאָר אין 1923 יאָר. געלערנט פון די אייגענע דערפאַרונגען און פעלערן פון דער קנאַפער 5-יאָריקער טעטיקייט, געשטיצט אויף די דערפאַרונגען פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי און געניסנדיק פון דער גרויסער הילף פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט די קפפ אויפן II-טן צוזאַמענפאָר געמאַכט אַ גרויסן שריט אין דער ריכטונג פון צואייגענען זיך די מאַרקסיסטיש-לענינישע טעאָריע אין דער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק און סטראַטעגיע.

אָט וואָס מיר לייענען אין דער רעזאָלוציע פון צוזאַמענפאָר:

„די בורזשואַזע רעגירונגען אין פוילן שטעלן מיט זיך פאָר אַ מיטגעפאַר פאַר זיין אומאָפּהענגיקייט. אַ דויערהאַפטע מלוכהשע אומאָפּהענגיקייט קאָן געבן דעם פוילישן פאָלק נאָר דער זיג פון דער רעוואָלוציע“.

35 יאָר זענען אַוועק זינט דעם 2-טן צוזאַמענפאָר, און ווי אמתדיק קלינגען הײַנט די ווערטער. דער רוף פון דער קפפ איז רעאַליזירט געוואָרן דורכן פוילישן אַרבעטער-קלאַס.

אין איינקלאַנג מיט דער מאַרקסיסטיש-לעניניסטישער טעזע, אַז „עס קאָן נישט זיין פריי אַ פאָלק, וואָס דריקט אונטער אַנדערע פעלקער“, האָט דער צווייטער צוזאַמענפאָר פּראָקלאַמירט, אַז

„דער פוילישער פּראָלעטאַריאַט מוז אָפן, אין זיין אייגענעם אינטערעס, פאַר דער אייגענער באַפרייונג פון אונטער דער פּאָליטישער און סאָציאַלער פאַרשקלאַפונג, אָן באַוואָרענישן אונטערשטיצן די פאָדערונגען פון פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון די אונטערדריקטע דורך דער פוילישער בורזשואַזיע פעלקער און באַקעמפן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג אין יעטוועדער פאָרם“.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר האָט פּראָקלאַמירט דעם לענינישן לאָזונג: רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג ביז אָפּרייסן זיך.

די קפפ האָט אויך אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פאַרוואָרפן די לוקסעמבורגיסטישע, פאַלשע איינשטעלונג אין דער פויערים-פראַגע און האָט אַרויסגערוקט דעם לאָזונג „ערד פאַר די פויערים“. דער צווייטער צוזאַמענפאָר האָט אָבער גלייכצייטיק אויפן גרונט פון לענינס לערע אָנגעצייכנט אין זיין פּראָגראַם דעם סאָציאַליסטישן וועג אויך פאַרן דאָרף, וואָס איז הײַנט דער הויפּט-יסוד פאַר דעם סאָציאַלן איבערבוי פון פוילישן דאָרף.

דער צווייטער צוזאַמענפאָר האָט אַ סוף געמאַכט צו דער סעקטאַנטישער איינשטעלונג וועגן דער באַגרענעצטער מיסיע פון פּראָלעטאַריאַט אין דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אין דער רעזאָלוציע לייענען מיר דעריבער:

„אין דעם היסטאָרישן מאָמענט מוז דער רעוואָלוציאָנערער פּראָלעטאַריאַט אַרויסטרעטן אויף דער אַרענע פון די היסטאָרישע געשעענישן נישט בלויז אַלס רעפּרעזענטאַנץ־פאַקטאָר פון די אינטערעסן פון איינגענעם קלאַס, נאָר אַלס פירער און פאָרשטייער פון די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק".

אַזוי האָט דער צווייטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר מיט די אויבנדערמאָנטע באַשלוסן דערנענטערט די קפּפּ צום לענינישן פּאַרטיי־טיפּ.

דאָס איז געווען פאַרשטייט זיך בלויז דער אָנהייב פון אַ לאַנגן פּראָצעס, ווייל יעדער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און דעצידירנדיקע פּלענאַרע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קפּפּ — זענען ביי אַלע ווייטערע שוואַכע זייטן און פעלערן געווען אַ צושטייער אינעם פּראָצעס פון צואייגענען דורך דער קפּפּ דעם לעניניזם.

דער נייער פּאָליטישער פאַקטאָר אין דער יידישער סביבה

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן איז געווען די פּאַרטיי נישט נאָר פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר פון אַלע אַרבעטנדיקע מענטשן, פון די יידישע, ווייסרוסישע, אוקראַאינישע, ליטווישע און דייטשישע אַרבעטער.

דער היסטאָרישער פאַרדינסט פון דער קפּפּ אין דער יידישער אַרבעטנדיקער סביבה באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט אַרויסגעפירט די יידישע אַרבעטער פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט און זיי איינגעשלאָסן אין אַלגעמיינעם קאַמפּס־פראָנט פון לאַנד־פּראָלעטאַריאַט קעגן קאַפּיטאַליזם, פאַר דער מאַכט פון פאָלק, פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּוילן.

די קפּפּ איז געווען די איינציקע אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט פּראָפּאַגאַנדירט דעם מאַרקסיזם־לעניניזם צווישן די יידישע אַרבעטער.

די רעזאָלוציע פון 1־טן צוזאַמענפאָר פון דער קפּפּ האָט דעקלאַרירט:

„איינפלאַנצן אין די אַרבעטער־מאַסן דעם באַוווסטזיין פון סאָלידאַריטעט און קלאַסן־איינהייט אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט, אָפּשטאַמונג אָדער רעליגיע; לויט דעם ציל דאַרפן אומבאַדינגט באַקעמפט ווערן די פּאַרטייען, וועלכע פאַרשפּרייטן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג נאַציאָנאַליזם, אָפּאָרטוניזם און פשרהדיקייט".

אין אָנבליק פון שטאַרקן וווּקס פון קאָמוניזם צווישן די פּוילישע אַרבעטער, מיטן ציל אָפּצולענקען זיי אויף זייטיקע וועגן, האָט די ענדעקיש־פּילסודסקי־רעגירונג אין די יאָרן 1918 — 1920 אָרגאַניזירט אין לאַנד אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען און אַנטי־יידישע פּאָגראָמען.

דעמלט האָט זיך געהערט די שטים פון דער קפּפּ. זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט גערופן

די פּוילישע אַרבעטנדיקע צום קאַמף קעגן אַנטי־יידישער העצע און אַנטי־יידישע פּאָגראָמען.

אָט וואָס עס האָט געזאָגט איר ערשטער צוזאַמענפאָר:

„דער צוזאַמענפאָר שטעמפּלט מיט דער גאַנצער קראַפט די ווילדע אַנטיסעמיטישע העצע, וועלכע איז פאַנאַנדערגעפלאַקערט געוואָרן דורך די פּוילישע בורזשואַזע קלאַסן און די שענדלעכע פּאָגראָמען אויף דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג...

„דער פּוילישער און יידישער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך אַנטשלאָסן אַנטקעגנשטעלן דער נאַציאָנאַליסטישער העץ־קאַמפּאַניע, וועלכע פאַרשטאַרקט אויך דעם קאָנטררעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַליזם, וואָס ווערט פאַרשפּרייט דורכן יידישן נאַציאָנאַליזם. אויף דער פּאָגראָם־העצע וועט ער ענטפערן מיט אַ נאָך ענגערער באַהעפטונג פון זיינע רייען און מיט פאַרמאַפלטע אָנשטרענגונגען אין קאַמף פאַר דעראָבערן זיין דיקטאַטור, וועלכע וועט, פאַרניכטנדיק דעם קאַפּיטאַליזם, גלייכצייטיק אויך אַ סוף מאַכן צו דער שענדלעכער פּאָגראָם־פּאָליטיק פון די באַזיצנדיקע קלאַסן".

אַלע אויסגאַבן פון דער קפּפּ: „שטאַנדאַר קאָמוניזמו", „טשערוואָני שטאַנדאַר", „גראָמאַדאַ", אויפרופן, פלוגבלעטער האָבן גערופן צום קאַמף קעגן די פּלאַנירטע און אָרגאַניזירטע אַנטי־יידישע פּאָגראָמען.

ס'איז דערייבער געווען אַ לאָגישע קאָנסעקווענץ, וואָס אין די אַלגעמיינע פּאָליטישע שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס און אויפשטאַנדן פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט און פויערטום האָבן די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער מאַרשירט צוזאַמען מיט פּוילישע פּראָלעטאַריער.

אָט וואָס מיר לייענען אין נומ. 1 „ז פּאָליאַ וואַלקי", אינעם אַרטיקל פון חבר זביגניעוו שטשיגעלסקי: „אַ שיינער שטריך איז געווען די סאָלידאַריטעט פון פּוילישן און יידישן פּראָלעטאַריאַט (ער מיינט דעם אויפשטאַנד אין זאַמאָשטש — רעד.). די יידישע אָרעמקייט, נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון „בונד", וועלכער האָט געהאַט ביי איר שטאַרקע ווירקונגען, האָט מאַסנוויז אָנטייל גענומען אין אויפשטאַנד און געקעמפּט אין די רייען פון דער רויטער גוואַרדיע. עס איז נישט געלונגען די קעגנער פון אויפשטאַנד די פּראָוואָקאַציע, צו איזאָלירן די יידן פון דער אויפשטאַנדס־אַקציע, נישט געקוקט, וואָס עס זענען אונטערגענומען געוואָרן פּרוּוון אַזאַ אַגיטאַציע צו פירן.

די פּאָליציי האָט צוגעזאָגט צו באַפרייען די אַרעסטירטע פּוילישע אויפשטענדלער, אויב זיי וועלן אויפן געריכט דערקלערן, אַז אין דעם אַלעם זענען שולדיק די יידן, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן — שרייבט דער מחבר — די סאָלידאַריטעט איז נישט געבראָכן געוואָרן".

וועגן די וואַקסנדיקע ווירקונגען פון די קאָמוניסטן צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע שרייבט דער „גלאָס קאָמוניסטיטשני" פון דעצעמבער 1921

יאָר. ער ציטירט די רעזאָלוציע פון דער באַראַטונג פון פּאַרטיי־טוער אין דער יידישער סביבה:

„אונדזער פּאַרטיי מאַכט אַדורך אַ פּעריאָד פון אַ שנעלער עקסטענסיווער אַנטוויקלונג. די נאַציאָנאַליסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי פּפּס, „בונד“, פּועלי־ציון“ פאַרלירן אַלץ מער זייערע איינפלוסן אויף די אַרבעטער־מאַסן... דער וווּקס פון די איינפלוסן פון דער פּאַרטיי האָט אַוועקגעשטעלט פאַר איר נייע אויפגאַבן, וואָס דריגנען אַרויס פונעם פאַרשידנאַרטיקן און נאַציאָנאַלער היגזיכט צוזאַמענשטעל פון פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן... די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך דעריבער אַלץ בעסער צופּאַסן צום ראַזיקן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון אירע מיטגלידער“.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דער צייטונג מיט 9 חדשים שפּעטער לייענען מיר: „נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע פּאַרלוסטן פון די טעטיקסטע חברים (אין רעזולטאַט פון אַרעסטן), אַנטוויקלט זיך די אַרבעט פון דער יידישער אָפּטיילונג זייער גוט“. פון דער קאָרעספּאָנדענץ דערווייסן מיר זיך, אַז דער „בונד“ ווערט אָפּגעשוואַכט, אַז אויף אַ מיטינג פון 3000 שניידער־אַרבעטער זענען מיט אַ מערהייט שטימען אָנגענומען געוואָרן אַלע פּאָליטישע רעזאָלוציעס פון די קאָמוניסטן, אַז אין פּאַריין פון די לעדער־און טעקסטיל־אַרבעטער האָבן די רעכטע בונדיסטן בכלל פאַרלוירן זייער ווירקונג, אַז אין די פאַריינען פון מעטאַל, האָלץ, בעקער, לעדער־גאַלאַנטעריע זענען אויסגעוואַקסן שטאַרקע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

די קאָמוניסטן האָבן קאָנסעקווענט געפירט דעם קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק פון די בורזשואַזע רעגירונגען לגבי דער יידישער באַפעלקערונג און האָבן פאַרטיידיקט די דעמאָקראַטישע קולטור־אינסטיטוציעס פון די יידישע מאַסן.

אין 1922 יאָר, ווען די רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט געדרוקט די יידיש־וועלטלעכע שולן, פאַרמאַכט די יידישע שול־אָרגאַניזאַציעס אין פיל ערטער, האָט זיך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געוואָנדן צום „בונד“ און צו דער צענטראַלער קאָמיסיע פון די פּ.פּ.ס. פאַרייניגן מיט אַ פאָרשלאַג דורכצופירן אַ פּראָטעסט־אַקציע פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס קעגן די רדיפות לגבי דעם יידישן שול־וועזן. די פּפּסישע צענטראַלע קאָמיסיע האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג, און דער „בונד“ האָט נישט דערלאָזט צו דער איינהייט פון מאַסן אַרום דער פראַגע.

אין די סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע פּאַרטייען קומט דעמאָלט פאַר אַ שטאַרקער פערמענט. עס אַנטשטייען אין זיי קאָמוניסטישע גרופּן. אַן אויסדרוק פון דעם איז די רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציע אין דער פּפּס (זומער 1919 יאָר) אין וואַרשע, זאַגלעמביע, לובלין, ראַדאָם, קעלץ, פּיעטריקאָוו, סקאַרזשיסק און אַנד. אין לובלין איז בראש פון דער אָפּאָזיציע אין דער פּפּס געשטאַנען מאַריאַן בוטשעק, אין וואַרשע — טאַדעוש זשאַרסקי און קאַראָל לאַנדאַו. אין 1920—21 איז אין דער פּפּס אויפגעקומען אַ נייע אָפּאָזיציע

מיטן חבר סאָכאַצקין בראש. אַלע אָפּאָזיציעס האָבן זיך אַנגעשלאָסן אין דער קפּפּ.

אין דער זעלבער צייט אַנטשטייען רעוואָלוציאָנערע אָפּאָזיציעס אין די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. שוין אין 1918 יאָר קומט פאָר די ערשטע גרויסע שפּאַלטונג אין דער פּ. צ. אונטער דער אָנפירונג פון מיט-גליד פון צ. ק. פון דער פּ. צ., חבר טויבענשלאַק און די חברים אברהם זאַכאַריאַש, לייב קראַנצנבלום (בער), ברוך ליבערמאַן, פישל ווייסמאַן, לאַ-זער זילבערגעלט, דעם שרייבער פון די שורות טרעטן אַרויס פון דער פּ. צ. 180 מאַן, און נאָך אַ קורצער צייט שליסן זיי זיך אָן אין דער אַנטשטאַנע-נער קפּפּ. אין 1920 יאָר קומט פאָר דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון דער פּ. צ. דאָרט בילדעט זיך אויס אַ קאָמוניסטישע גרופּע פון 11 מאַן. אין 1921 יאָר קומט פאָר די צווייטע שפּאַלטונג. עס גייט אַוועק די גרופּע פון הענריקאָווסקי, לעוואַרטאָווסקי.

אין דער ס. ס. „פאַריייניקטע" קומט פאָר אין 1919 יאָר אַ שפּאַלטונג, ווו אונטער דער אָנפירונג פון די חברים ישראל גייסט, פּינקוס בוקסהאָרן טרעטן אַרויס 180 מענטשן. אין 1921 יאָר דערגייט צו אַ פולשטענדיקער צעשפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי. די גרופּע יצחק גאַרדין פון די „פאַריייניקטע" שליסט זיך אָן אין דער קפּפּ.

באַזונדערס איז דער רעוואָלוציאָנערער פערמענט געווען טיף אין דער שטאַרקסטער פּאַרטיי פון יידישן רעפאָרמיזם — אינעם „בונד".

אין אַפּריל 1920 קומט פאָר דער ערשטער פאַראייניקונגס-צוזאַמענ-פאָר פון „בונד" פון קאָנגרעס-פוילן מיט דעם „בונד" פון גאַליציע. נאָך עטלעכע טעג דיסקוסיע האָבן זיך 41 דעלעגאַטן אַרויסגעזאָגט פאַר דעם אַרויסטריט פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל און אָנשלוס אין 3-טן אינטערנאַ-ציאָנאַל.

אָט איז אַ פראַגמענט פון דער רעזאָלוציע:

„דער ערשטער פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער-„בונד" אין פוילן שטעלט פעסט, אַז נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַל פון רעוואָלוציאָנערער טאַט, וואָס פאַראייניקט אין זיך ווילן אָן מיטן קאַמף פון זיינע באַשטאַנד-טיילן, אַנטשפרעכט די באַדערפעניש פון דער עפּאָכע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע מיר לעבן איבער".

פעסטשטעלנדיק ווייטער, אַז „די פּרינציפּיעלע פּלאַטפאָרם און דער אָרגאַניזאַציאָנעלער באַזיס פון דעם עקזיסטירנדיקן 3-טן אינטערנאַציאָ-נאַל אַנטשפּרעכן די אויבן פאָרמולירטע באַדינגונגען פון אן אינטערנאַציאָ-נאַל פון רעוואָלוציאָנערער טאַט, באַשליסט דער צוזאַמענפאָר אַרויסטרעטן פון צווייטן און אָנשליסן זיך אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל".

צו קיין שפּאַלטונג איז אָבער נישט דערגאַנגען.

די אמת לינקע עלעמענטן האָבן ווייטער געקעמפט קעגן דער רעכטער אָנפירונג פון „בונד". די גרופּע קריסטאַליזירט זיך אויס אַלס קאָ-

מוניסטישע. עס אַנטשטייט דער „קאָמבונד“, וועלכער איז שפּעטער אַריין אין דער קפּפּ.

מיר ווילן זיך דאָ נישט פאַרנעמען מיטן פּראָבלעם, צי איז די טאַקטיק פון דער קפּפּ געווען אַ ריכטיקע סיי אין דער פראַגע פון נאָמען „קאָמבונד“, וואָס האָט אים אויסגעשטעלט לכתחילה אויף אומלעגאַלקייט און סיי אין דער פראַגע פון זיין צו שנעלער ליקווידאַציע. לויט מיין מיינונג איז עס געווען אַן אויסדרוק פון סעקטאַנטישקייט. אָבער נישט דערמיט פאַרנעמען מיר זיך איצט. וויכטיק איז דער פאַקט, אַז די קפּפּ איז געוואַקסן אויך אין דער יידישער סביבה.

אין דער קפּפּ זענען געקומען אָנגעזעענע רעוואָלוציאָנערע טוער פון „בונד“ און „צוקונפט“ ווי: אַבע פלוג, אַבע קאַנטאָר, מענדל סקראָבעק, אברהם רעזענפעלד, חיים קאַפּלאַן, בנימין גאָלדפלאַם־יאַניצקי, גימעלע ראַפּאַפּאָרט, הערשל גאָלדפינגער, י. לאַזעבניק, אַלעקסאַנדער זאַטאָרסקי, נחמן קראַמאַזש, ליבער מושינסקי און פיל אַנדערע.

די ווירקונגען פון דער קפּפּ זענען געוואַקסן אין די פּראָפאַרייענ. לאָמיר דערמאָנען דעם יידישן בוי־פאַריין, וועלכער איז געווען באַגרינדעט פון דער סדקפּל אין 1918 יאָר, בראש מיט ראָמאַן טיק, בענדער קאַנאַר (מאַלאַזש), משה קויפמאַן (מעזריטשער); טאַבאַק־פאַריין אונטער דער אָנפירונג פון די חברים: אָסקאַר בלומקינד, אַניעלע בלומקינד, סאַלאַ ראָמענבערג (מערי), חיים (יונה) דזבאַנעק, דעם שרייבער פון די שורות א. אַנד.; לעדער־פאַריין בראש מיט שמואל בורשטיין, אשער, מענדל סאַרנע, לייבוש מאַלאָטשינסקי און אַנדערע; דעם בעקער־פאַריין מיטן שאַמען (איך געדענק נישט דעם פאַמיליע־נאָמען) אין דער שפּיץ; דעם פאַריין פון פאַפּירבראַנזשע בראש מיט מענדל סקראָבעק און זיין פרוי שרה (וויערע) — וועלכע זענען איבערגענומען געוואָרן דורך די קאָמוניסטן. עס האָבן זיך געשטאַרקט די קאָמוניסטישע אָפּאָזיציעס אין מעטאַל (הערצקע גאָלדשלאַג), האָלץ, שניידער, בראש מיט די קאָמוניסטישע טוער משה גרינבוים, יידל פלאַץ, ישראל ליכטענשטיין, געצל שוואַרצבאַרד, יאַנקעלע ביבלייזער, (דער קליינער יאַנקעלע) אין אַנדערע פאַריינען.

דער צווייטער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון דער יידישער סביבה.

אַזוי, למשל, לייענען מיר אין זיינע רעזאָלוציעס:

„דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט מוז פאָדערן אָפּצושאַפן אַלע באַגרעניצונגען פאַר יידן אויפן געביט פון דער אַדמיניסטראַציע, געריכטס־וועזן און שול־וועזן“.

און ווייטער:

„ער (דער פּראָלעטאַריאַט — רעד.) פאָדערט פאַר די יידישע פאָלקסמאַסן פולשטענדיקע פרייהייט פון אַנטוויקלונג... איינפירן מלוכהשע און שטאָטישע וועלטלעכע שולן מיט דער יידישער אונטעררעכט־שפּראַך, אומגעציימטער צוטריט פון יידן צו די אַלגעמיינע שולן“.

KC PZPR
ARCHIWUM

מאטעריאלן און דאקומענטן

צו דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער-באוועגונג אין פוילן

Materiały i dokumenty do historii żyd. ruchu rob. w Polsce
wyd. „Kombundu" 1922

2835

ארויסגעגעבן דורכן לאנד קאמיטעט פון יידישן
קאמוניסטישן ארבעטער-בונד (קאמבונד) אין פוילן
1922

צוויינגען זיך אין דער טעאָריע, באַזונדערס אין דער פּראַקטיק די גרונט־פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. דאָס איז געווען אַ לאַנגדויערנדיקער פּראָצעס, אַ שווערער און קאָמפּליצירטער. די קפּפּ האָט נישט איינמאָל קאָרעגירט אירע פעלערן.

יידישע אַרבעטער ווערן אריינגעצויגן אין די קאַמפן פון לאַנד־פּראָלעטאַריאַט

נאָכן צווייטן צוזאַמענפאָר — אַ נייע כוואַליע פון רעוו. קאַמפן אין פּוילן. אין די נאָוועמבער־טעג פון 1923 יאָר האָט דער קראָקעווער פּראָלעטאַריאַט, ווי באַקאַנט, זיך גענומען צום געווער. נישט געקוקט אויף דער אָפּגעשוואַכטקייט צוליב אַרעסטן, מאַרשירט די קראָקעווער אָרגאַניזאַציע פון דער קפּפּ אין די ערשטע רייען פון די קאַמפּאַניעס.

אויך די יידישע אַרבעטער האָבן אַקטיוו אָנטיילגענומען אין די דאָזיקע קאַמפן. עס צעגיסט זיך אַ כוואַליע פון שטרייקן אין דער יידישער סביבה, ווי למשל, ביי די שטריקער־אַרבעטער, שניידער, הענטשקעמאַכער, וועבער, שוסטער און אַנדערע. אין וואַרשע שטרייקן העלדיש 16 וואָכן די שטריקער־אַרבעטער אונטער דער אויסשליסלעכער אָנפירונג פון די באַליבטע ביי די אַרבעטער און פאַרהאַסטע ביי דער פּוילישער און יידישער בורזשואַזיע און ביים סאָציאַל־רעפאָרמיזם — מורדזשעלניקעס. העלדיש שטייען דעמלט אין קאַמף די וואַרשעווער שניידער 6 וואָכן צייט. 6 וואָכן האָבן געשטרייקט 700 הענטשקע־אַרבעטער.

צווישן די אומגעקומענע בעת די רעוו. קאַמפן אין קראָקע געפינט זיך אויך דער יידישער אַרבעטער פּסח לעמאַן — געפאַלן דעם 6־טן נאָוועמבער 1923 יאָר.

אין די יאָרן 1925 — 1923 זענען די קאָמוניסטן די שעפער פון איינהייטס־פּראַקטיק „קאָמיטעט פון 21" מיט יוזעף וויעטשאָרעקן בראש, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אין אַלע דריי זאַגלעמביעס גרויסע שטרייק־קאַמפן פון די קוילן־ און הוטע־אַרבעטער. די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון דער קפּפּ איז שטאַרק אַקטיוו אין העלדישן שטרייק פון די מעטאַל־אַרבעטער. די לאָדזשער קפּפּ־אָרגאַניזאַציע האָט אָרגאַניזירט די שטרייקן פון טעקסטיל־פּראָלעטאַריאַט אין די יאָרן 1927 — 1928.

אין 1929 יאָר ברעכט אויס דער שווערער וירטשאַפטלעכער קריזיס. הונדערטער טויזנטער אַרבעטער ווערן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. די קאָמוניסטן אָרגאַניזירן די אַרבעטסלאָזע.

מיט די צוויי שטרייקן פון די העלדישע וואַרשעווער טראַמוויי־אַרבעטער אין יוני און אין נאָוועמבער 1931 יאָר איז אַריינגעשריבן געוואָרן אַ שיין בלעטל אין דער געשיכטע פון קאַמף פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט. אָנגעפירט מיט די שטרייקן האָט די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון דער קפּפּ.

אין די יאָרן ווערט פּאָפּולער אין פּוילן די פֿאָרם פֿון אָקופּאַציע־שטרייקן. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט דער פֿאַרעקשנטער אָקופּאַציע־שטרייק אין דער פּיעטריקאָווער גלאָז־הוטע „האָרטענסיאַ“, וואָס האָט מיט זיין דראַמאַטישן כאַראַקטער אַרויסגערופֿן די סאָלידאַריטעט נישט בלויז ביים פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך צווישן פּויערטום און אינטעליגענץ. דער דאָזיקער שטרייק איז אָנגעפֿירט געוואָרן דורך דער פּיעטריקאָווער קפּפּ־אָרגאַניזאַציע. די צוויי אייַנהייטספֿראָנטיקע גענעראַל־שטרייקן אין יאָר 1933 און 1936 פֿון די לאָדזשער טעקסטילאָוועס זענען אויך אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון דער לאָדזשער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

די שטרייק־באַוועגונג אין 1936 יאָר האָט דערפֿירט צו גרויסע פּאָליטישע קלאַסן־שלאַכטן. איך מיין דאָ די געשעענישן אין קראָקע און לעמבערג, וועלכע דער געוועזענער פּרעמיער באַרטעל האָט באַצייכנט אַלס אַ קליינע רעוואָלוציע. בראָש פֿון די דאָזיקע קאַמפֿן איז געשטאַנען די קפּפּ.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די דירעקטע פּאָליטישע קאַמפּאַניעס, ווי סיים־ און שטאָטראַט־וואַלן. זיי זענען גוט באַקאַנט. איך וועל בלויז דער־מאָנען די 77 טויזנט שטימען אויף דער געפּסלטער ליסטע צום וואַרשע־ווער שטאָטראַט און די וואַלן צום סיים אין 1928 יאָר, ווען נישט געקוקט אויפֿן טעראָר, שווינדל און געפּסלטע ליסטעס אין פֿאַרשידענע ראַיאָנען, האָבן די קאָמוניסטן צונויפֿגעזאַמלט אין לאַנד ביז אַ מיליאָן שטימען.

די וואַקסנדיקע ווירקונג פֿון די קאָמוניסטן צווישן די מאַסן האָט גע־פֿירט צום אַנטשטיין פֿון לעגאַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, ווי פּפּס לינקע, „אומאָפּהענגיקע פּויערים־פּאַרטיי“ און שפּעטער „פּויערישע זעלבסטהילף“, ווי די רעוו. נאַציאָנאַל־באַפֿרייערישע מאַסן־אָרגאַניזאַציע אויף מערב־ווייסרוסלאַנד „הראָמאַדאַ“, וועלכע האָט געציילט 100 טויזנט מיטגלידער, ווי די אָרגאַניזאַציע פֿון פּויערים און אַרבעטער „סעלראָב“ אויף מערב־אוקראַינע. די דאָזיקע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנערקענט די אָנפֿירנ־דיקע ראָל פֿון דער קפּפּ.

אין אַ ברייטן פֿאַרנעם האָבן די קאָמוניסטן אַנטוויקלט זייער טעטי־קייט נאָך דער היטלעריסטישער איבערקערעניש אין דייטשלאַנד, באַזונדערס אין די יאָרן 1935—1938. די קאָמוניסטישע קאָנצעפּציע פֿון פֿאָלקס־פֿראָנט אָנגעפֿירט דורך אַ פֿאַראייניקטן אַרבעטער־קלאַס האָט כולל געווען אין זיך דעם קאַמף פֿאַר די קלאַסן־פּאָסטולאַטן פֿון פּראָלעטאַריאַט מיטן קאַמף פֿאַר פֿאַרטיידיקן די דעמאָקראַטישע רעכט און דאָס פֿאָטערלאַנד.

אָט וואָס די קפּפּ האָט געשריבן אין אַ רעזאָלוציע פֿון מערץ 1936 יאָר:

„מיר, קאָמוניסטן, זענען שטאַרק צוגעבונדן צו אונדזער לאַנד; דער פֿראָנט פֿון אונדזער קאַמף איז געוואָנדן קעגן די מאַגנאַטן פֿון קאַפּיטאַל און די פּריצים, וועלכע האָבן פֿאַרקויפֿט פּוילן דעם צאַר און די קייזערס,

האָלץ־אַרבעטער אין 1־טן מאַי־צוג אין וואַרשע
אין יאָר 1936

און היינט זענען זיי געוואָרן די פאַרבינדעטע פון זיין טויט־שונא — פון היטלערן.

„מיר, קאָמוניסטן, זענען די יורשים פון די בעסטע דעמאָקראַטיש־באַפרייערישע טראַדיציעס פון פוילישן אַרבעטנדיקן פאָלק, פון העלדישן קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן און מאַגנאַטן, זענען די יורשים פון די העלדן פון די פאָלקס־אויפשטאַנדן, דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס און פון דער פּאַריזער קאָמונע.

„מיר, קאָמוניסטן וועלן נישט דערלויבן, אַז אונדזער לאַנד זאָל ווערן אַ קאָרידאָר פאַר אַ דורכמאַרש פון די היטלעריסטישע גענעראַלן, וועלכע ווילן פאַרשקלאַפן סיי דאָס פוילישע פאָלק און סיי די פעלקער פון ראַטן־פאַרבאַנד”.

די בורזשואַזיע האָט דערשאַצט די געפאַר פון דער קאָמוניסטישער קאָנצעפּציע פון פאָלקס־פראָנט פאַרן סאַנאַציע־רעזשים, פאַר אירע אימ־פּעריאַליסטישע פּלענער קעגן ראַטנפאַרבאַנד. נישט אומזיסט האָט אין 1936 יאָר דער אינערן־מיניסטער ראַטשקעוויטש געוואָרנט:

„די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאָרסירט עקשנותדיק — האָט ער דער־קלערט — דעם אייגנהייטלעכן פראָנט אין אַ ברייטן פאַרנעם אַזוי צווישן דעם עלטערן, ווי צווישן דעם יונגן דור; איך מוז רופן צו ספּעציעלער וואַכזאַמקייט די הערן און דורך די הערן די גאַנצע געזעלשאַפט, וועלכע פאַרשטייט די געפאַר פון די צעלייגערישע איינפלוסן פון קאָמוניסטישן גע־דאַנק פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור”. פאַרשטייט זיך, אַז „נאַציאָנאַלע קולטור” איז געווען בלויז דער פּסעוודאָנים פון סאַ־נאַציע־רעזשים. ס'האָבן אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן די אַליאַרמען פון ראַטשקעוויטשן. אַ סימן — די פּרעכטיקע אייגנהייטספראָנטיקע מאַי־דע־מאָנסטראַציעס אין די יאָרן 1936—1937.

אַ באַזונדער בלעטל אין דער העלדישער געשיכטע פון דער קפּפּ איז די פּויערים־באַוועגונג אויפן דאָרף קעגן די שטייער־לאַסטן, קעגן דער פּרי־צישער עקספּלאָאַטאַציע. לאָמיר דערמאָנען די וויכטיקסטע: דעם אויפ־שטאַנד אין לעסקאָ, וועלכן די קאָמוניסטן האָבן אָרגאַניזירט צוזאַמען מיט די לינקע „לודאָוועצעס”; די באַוואָפנטע קאַמפן פון 100.000 פּויערים אין מיטל־גאַליציע אין 1933 יאָר. דאָן די כוואַליע פון דער אַנטיפאַשיסטישער פּויערים־באַוועגונג אַ באַהערשטע דורך דער אידעע פון פאָלקס־פראָנט, וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד, בראש מיט די אַרויסטרעטונגען אין רצלאַוויצע, גאָוויעלצע.

אויך צווישן דער אַרבעטנדיקער און שעפערישער אינטעליגענץ האָט די אידעע פון פאָלקס־פראָנט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג.

אַן אויסדרוק דערפון איז געווען דער אַנטיפאַשיסטישער קולטור־קאָנ־גרעס אין לעמבערג אין יאָר 1936.

אין די קאַמפס־רייען פון פוילישן פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אָנ־פירונג פון דער קפּפּ האָבן זיך אויך געפונען די יידישע אַרבעטער. אין די

יאָרן 1928 — 1925 האָבן בלויז אין דער באַקלייד־אינדוסטריע געשטרייקט 54.035 יידישע אַרבעטער (לויט אָפיציעלע בונדישע אָנגאַבן). די יידישע טעקסטיל־אַרבעטער אין וואַרשע האָבן אין די יאָרן 1927 — 1925 אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון די קאָמוניסטן אַדורכגעפירט 24 לוין־אַקציעס אין 1273 פאַבריקן. געשטרייקט האָבן 561.256 פערזאָן. געדויערט האָבן די שטרייקן 2260 טעג.

אין 1928 יאָר קומען פאָר לוין־שטרייקן פון די געגריוועטע שוסטער, וואַלקער־אַרבעטער, שטעפּער, בייטל, קינדער־שיכלעד־ און געטרעט־אַרבעטער אונטער דער אָנפירונג פון רעוואָלוציאָנערן לעדער־פאַריין. ס'איז ווערט צו דערמאָנען דעם גרויסן שטרייק פון די 1000 שטריקער־אַרבעטער אין וואַרשע אין 1933 יאָר; דעם שטרייק אין 1934 פון די 2.000 שוסטער־ און שטעפּער־אַרבעטער אין ביאַליסטאָק; די שטרייקן אין 1934 יאָר אין לאָדזש פון טריקאָטאַזש־ און גאַבעלין־אַרבעטער; דעם שטרייק פון די טריקאָטאַזש־אַרבעטער אונטער דער אָנפירונג פון אן אייגהייטלעכן קאָמיטעט פון 9 לינקע און 4 בונדיסטן; דעם אייגהייטלעכן בעקער־שטרייק פון די בונדישע, פּפּסישע און קאָמוניסטיש־געשטימטע אַרבעטער; דעם שטרייק פון די 700 שניידער מיטן אייגהייטלעכן שטרייק־קאָמיטעט פון 10 פון „בונד“, 10 פון פּ. צ. און 10 פון די קאָמוניסטן.

אַקטיוו איז געווען דער אָנטייל פון די יידישע וועבער און אַנדערע טעקסטיל־אַרבעטער אין אַלגעמיינעם קאַמף פון לאָדזשער טעקסטיל־פּראָלעטאַריאַט. לאָמיר דערביי דערמאָנען די טייערע חברים: יאשקע קאַווע, לייביש לעסקי, כיל האָזענבערג, שלמה באַרנשטיין, און די ערשטע טעג פון שטרייק־קאַמף פון די לאָדזשער טעקסטיל־אַרבעטער האָבן 6000 קראַפט־ און האַנטוועבער אויפן רוף פון אייגהייטלעכן שטרייק־קאָמיטעט געוואָרפן די אַרבעט.

אַ באַזונדער שיין בלעטל אין דער געשיכטע פון דער קאַמף זענען די געמיינזאַמע שטרייקן פון יידישע און פּוילישע אַרבעטער.

לאָמיר דערמאָנען עטלעכע. אין 1935 יאָר האָבן 1000 פּוילישע און יידישע שפּילקאָווע שוסטער געשטרייקט 3 וואָכן צייט. אין 1937 — 3000 פּוילישע און יידישע שפּילקאָווע שוסטער, 250 פּוילישע אַרבעטער האָבן אין דער גלאָז־הוטע „וואָלקאַן“ געשטרייקט 8 טעג קעגן אָפּזאָגן 50 יידישע אַרבעטער. דער אייגנטימער, אגב, — אַ חסידישער פאַבריקאַנט במעל־ביצקי.

אָט וואָס די פּוילישע אַרבעטער האָבן דערקלערט:

„מיר ווילן נישט דערלאָזן באַזייטיקן אונדזערע יידישע חברים, וועלכע אַרבעטן שוין דאָ 15 יאָר צוזאַמען מיט אונדז“.

דער פאַבריקאַנט האָט פאַרלאַנגט, אַז די דעלעגאַציע זאָל נישט רעדן אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער. דעמלט האָט דער פּוילישער דעלעגאַט דערקלערט:

„מיר וועלן נישט דערלאָזן טיילן אונדזער פאַבריק אויף יידן און נישט־יידן“. דער שטרייק איז געווונען געוואָרן.

אָט אַזוי האָט דערצויגן דעם פוילישן און יידישן פּראָלעטאַריאַט די קפּפּ.

מיר האָבן נישט קיין גענויע סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל פּאַרטייענער און פּאַרטיי־מיטגלידער, וועלכע זענען געווען אונטער דער ווירקונג פון די קאָמוניסטן. צום לויב פאַר די קאָמוניסטן איז דער פאַקט, אַז נישט געקוקט אויף די הסדרדיקע רעפּרעסיעס, אויפן סיסטעמאַטישן פאַרמאַכן די לינקע פאַריינען, אויף די שיקאַנעס מצד הגם „בונד“, פּ. צ. איז דאָך נישט געלונגען צו איזאָלירן די קאָמוניסטן פון די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די יידישע אַרבעטנדיקע.

מיר וועלן זיין גענוי צום אמת, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז אין די געמיינזאַמע פאַריינען און אין די באַזונדערע, יידישע (צוליב דער נאַציאָנאַליסטיש־סעפּעראַטיסטישער אַרבעט פון פפּס, „בונד“ און פּ. צ.) האָבן זיך 30.000 יידישע אַרבעטער געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער קפּפּ.

דער פּראָצעס פון ווירונג אין „בונד“, פּ. צ., „השומר“ און דער איבערגאַנג פון גרעסערע און קלענערע גרופּן צו דער קפּפּ — איז געווען אַ פּערמאַנענטער.

די קפּפּ איז געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג אין דער יידישער סביבה. זי האָט פאַרבונדן די אומלעגאַלע אַרבעט מיט דער לעגאַלער. נישט בלויז אין דער פּראָפ־באַוועגונג, נאָר אויך אין די פאַרשידענע קולטור־אָרגאַניזאַציעס. גרויס איז געווען די צאָל ביבליאָטעקן, לייען־זאַלן, ספּאָרט־קלובן, דראַמקרייזן, כאָרן און מוזיק־סעקציעס אונטער דער ווירקונג און אָנפירונג פון די קאָמוניסטן. אַלע געדענקען די גרויסע, שיינע קולטור־אינסטיטוציע — די ביבליאָטעק „דאָס לעבן“ פון די רעוואָלוציאָנערע טעקסטיל־אַרבעטער אין וואַרשע, דעם ספּאָרט־קלוב „פּראָמיען“. דעם קלוב „פּראָגרעס“ און ענלעכע אינסטיטוציעס אין לאָדזש און אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך.

לאָמיר דערמאָנען די גרויסע אויפטוען פון דער קפּפּ אויפן געביט פון פּרעסע. נישט געקוקט אויף די רעפּרעסיעס האָט שטענדיק עקזיסטירט אַ לעגאַלע קאָמוניסטישע פּרעסע. גענוג צו דערמאָנען אַ ריי נעמען פון לעגאַלע אויסגאַבן, ווי „צייט“ אָדער „די צייט“, „אונדזער געדאַנק“, „דער געדאַנק“, „דאָס לעבן“, „ניי־לעבן“, „דער גלאָק“, „דער פונק“, „פרייע טריבונע“, „טריבונע“, „אונדזער וועג“, „דער וועג“, „זיבן טעג“, „ליטעראַרישע טריבונע“, „עטיודן“, „זשורנאַל“ און די טאָג־צייטונג „פריינד“; דאַן אַ ריי פּראָפעסיאָנעלע אויסגאַבן: „דער בוי־אַרבעטער“, „דער טעקסטיל־אַרבעטער“, „פּראָפעסיאָנעלע לעבן“, „דער לעדער־אַרבעטער“, „פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער“ און אַנדערע.

די לעגאַלע און אומלעגאַלע צייטונגען, בראָשורן וועגן מאַרקסיזם־לעניניזם, וועגן „בונד“, ציוניזם, טראָצקיזם און אויך די פּאַרטיי־ און פאַריינס־אויפרופן זענען געווען די קוזניע פון קאָמוניזם צווישן די יידישע

אַרבעטער, זענען געווען מיטאָרגאַניזאַטאָרן פֿון די רעוו. קאַמפֿן, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע, קאַמפֿן קעגן פֿאַשיזם און יידישן נאַציאָנאַליזם.

די לעגאַלע און אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּרעסע, די ליטעראַרישע צייטונגען און זשורנאַלן האָבן גרופּירט אַרום זיך די רעוואָלוציאָנערע שרייבער, אַרטיסטן, קינסטלער און בכלל די פּראָגרעסיווע יידישע אינטעליגענץ, צווישן וועלכע אַ באַזונדער אָרט האָבן פֿאַרנומען די טאַלענטירטע פּובליציסטן — די חברים דוד ריכטער און שלמה לעווין.

דער קאָנסעקווענטער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג

אַ הערלעך בלעטל אין דער געשיכטע פֿון דער קפּפּ איז איר קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, באַזונדערס אין דעם פּעריאָד פֿון פֿאָלקספראָנט, ווען דער פּוילישער פֿאַשיזם באַמיט זיך צו דערשטיקן די אַנטיפֿאַשיסטישע כוואַליע אין אַנטי־יידישע עקסצעסן.

אין אַן אויפֿרוף פֿון קפּפּ צו די פּוילישע און יידישע אַרבעטער לייענען מיר:

„יידישע לעבנס ווערן דערקלערט פֿאַר הפקר און שוצלאָז. יידישע סטודענטן ווערן געשלאָגן און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון די אוניווערסיטעטן, יידישע הענדלער ווערן געשלאָגן און געטריבן פֿון די יאַרידים, יידישע אַרבעטסוואַרשטאַטן ווערן רואיִנירט, ביי די יידישע מאַסן ווערט צוגענומען דאָס רעכט אויף אַרבעט, עקזיסטענץ און לעבן“.

אין אַ צווייטן אויפֿרוף שרייבט די קפּפּ:

„פּנים אל פּנים מיטן בריסקער פּאָגראָם מוז ווידער אַמאָל געשטעלט ווערן די פֿראַגע, ווי אַזוי צום בעסטן פֿאַרטיידיקן זיך קעגן די ווייטערדיקע געפֿאַרן; ווי אַזוי בעסער אָרגאַניזירן דעם ווייטערדיקן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, פּאָגראָמען, פֿאַשיסטישע אָנגריפֿן, פֿאַר פֿולער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג“.

און אין אַ דריטן אויפֿרוף לייענען מיר:

„צי קאָן זיין אַן אַנדער געדאַנק ווי דער, אַז אַלע אָן אויסנאַם פּאַרטייען... וואָס זענען גרייט צו קעמפֿן פֿאַר די אינטערעסן פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, דאַרפֿן זיך פֿאַראייניקן צום האַזיקן קאַמף און פֿירן אים געמיינזאַם, מיט פֿאַראייניקטע כוחות? צו אַזאַ קאַמף רופֿן מיר די גאַנצע יידישע באַפֿעלקערונג“.

דעם 17־טן מערץ 1936 יאָר האָבן די יידישע פּראָפֿ־פֿאַריינען אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־שטרייק קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונגס־פּאָליטיק פֿון פֿאַשיזם, קעגן פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטיזם, אין וועלכן די פּפּס און פּפּסישע צענטראַל־קאָמיסיע פֿון די פּראָפֿ־פֿאַריינען האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען.

פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך

ARCHIWUM
Dział KPP
Nr 118/II 6
Komitet Centr. Polskiej Partii Robotn.

85

דער VI-ער צוזאַמענפאָר פון ק. פּ. פּ.

VI Zjazd KPP.

וואַרשע
יאַנואַר
1933

פּרייז 50 גראָשן

די קפּפּ איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די פּוילישע אַרבעטער צום פּראָטעסט=שטרייק אין טאָג פֿון 17=טן מערץ. אַזוי אַרום האָט די קפּפּ געטאָן אַלץ, אַז דער שטרייק זאָל טראָגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אַז די יידישע אַרבעטער זאָלן נישט זיין איינזאַם אין דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען.

שטייענדיק אויפֿן שטאַנדפּונקט, אַז יעטוועדער קאַמף קעגן פֿאַשיזם דאַרף האָבן די אונטערשטיצונג פֿון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, האָבן די קאָמוניסטן אונטערגעשטיצט דעם צוויי=שעהדיקן פּראָטעסט=שטרייק פֿון די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויפֿן 24=טן מאַי 1937.

דער אָנטייל פֿון די קאָמוניסטן האָט דעם שטרייק צוגעגעבן אַן אמתן מאַסנהאַפֿטן פֿאַרנעם און בולטן אַנטיפֿאַשיסטישן כאַראַקטער. דאָס האָט געווירקט, אַז אויך בונדישע אַרבעטער האָבן — קעגן ווילן פֿון זייערע פֿירער — אָנטיילגענומען אין דער אימפּאָזאַנטער אַקציע.

„אָט קומען מיר צו אייך — האָט געשריבן די קפּפּ צו אַלע יידישע פּאַרטייען: סאָציאַליסטישע, דעמאָקראַטישע און ציוניסטישע — לאָמיר שאַפֿן דעם אַנטיפֿאַשיסטישן פֿאָלקס=פֿראָנט, לאָמיר אַלע געמיינזאַם, געשטיצט דורך דער סאָלידאַריטעט פֿון פּוילישן אַרבעטער=קלאַס און גאַנצן דעמאָקראַטישן לאַגער, באמת דערקלערן אַ קאַמף דער אַנטיסעמיטישער רעאַקציע און פֿאַשיזם, די פּאָגראָם=העצער און יידן=פֿאַרפֿאָלגער, אַלע די, וואָס ווילן אויסראָטן די יידישע באַפֿעלקערונג פֿון פּוילן".

די ווענדונגען פֿון די קאָמוניסטן זענען אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן מצד דער פּפּס און „בונד".

די ריכטיקע טאַקטיק פֿון דער קפּפּ וועגן איינהייטלעכן און פֿאָלקס=פֿראָנט האָט געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען. אין פֿיל ערטער האָבן זיך בונדישע אַרבעטער און גאַנצע אָרגאַניזאַציעס אויסגעבראָכן פֿון דער פּאַרטיי=דיסציפּלין און מאַרשירט צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן.

אונטערן איינפֿלוס פֿון דער קאָמוניסטישער אידעע פֿון פֿאָלקס=פֿראָנט האָט אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע קלייןבירגערלעכע אינטעליגענץ — דעלעגאַטן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון יידישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע — אונטערגעשריבן אין יאָר 1936 אַ פֿאָלקספֿראָנטיקן אויפֿרוף, וועלכער האָט גערופֿן צו פֿאַרטיידיקן די יידישע קולטור קעגן דער געפֿאַר פֿון היטלערישן באַרבאַריזם. אַרום דעם אַנטיפֿאַשיסטישן קולטור=קאָנגרעס איז לעמבערג אין 1936 יאָר האָבן די קאָמוניסטן מאָביליזירט די יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ.

אין זעלבן יאָר קומט צושטאַנד אין וואַרשע לויט דער איניציאַטיוו פֿון קאָמוניסטישע קולטור=טוער און שרייבער אַ קולטור=פֿראָנט, אין וועלכן עס שליסט זיך אָן אַ טייל פֿון דער יידישער קלייןבירגערלעכער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ און לינק=פּעצעקישע קולטור=טוער. דער געשאַפֿענער קולטור=פֿראָנט גיט אַרויס אַ ליטעראַרישע צייטשריפֿט „פֿאַר=

מעסט" אונטער דער רעדאַקציע פון דערמאָרדעטן אין 1941 יאָר דורך די אוקראַיִנישע געסטאַפּאָ־לייט אַלטער קאַציזנע.

אויב די רעכטע פּאָליטישע פירער האָבן אָפן דערקלערט, אַז זיי זענען קעגן דער אידעע פון פאָלקס־פראָנט מיט קאָמוניסטן, האָבן די רעכטע בונדישע פירער מאַנעווורירט. זיי האָבן באַקעמפט דעם פאָלקס־פראָנט כּלומרשט פון אַ לינקער פּאָזיציע.

„...מיר אַרבעטער — האָבן געשריבן די בונדישע פירער — שליסן נישט קיין בלאָק מיטן קליינבירגערטום. מיר האָבן אונדזער פּראָלעטאַרישן וועג. די קאָמוניסטן גייען אויף רעכטס..."

ווי מיר זעען, זענען אין קאַמף קעגן פאָלקס־פראָנט אַלע „אַרגומענטן" געווען כּשר.

די קפּפּ איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט די פּוילישע אַרבעטער און די פּוילישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג צום שוץ פון די יידן. אויף איר רוף האָבן די פּוילישע אַרבעטער פּאַרטיידיקט די יידישע באַפעלקערונג אין מינסק־מאַזאָוויעצק און פּשיטיק, באַזונדערס אין בריסק האָבן די פּוילישע און ווייסרוסישע אַרבעטער אויף אַ סך גאַסן פאַרטריבן די פּאָגראָמשטשיקעס.

„בריסק מוז ווערן — האָט געשריבן די קפּפּ — אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַ ברייטער קאָנסאָלידירונגס־אַקציע פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט אין קאַמף קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם".

אין 1938 רייסט זיך איבער די שעפערישע טעטיקייט פון דער קפּפּ. זי איז פאַנאַנדערגעלאָזט געוואָרן אויפן גרונט פון אַ דיווערסאַנטישער אינפאָרמאַציע, אַז די אָנפירונג פון דער קפּפּ איז באַהערשט פון פיינטלעכע עלעמענטן.

דער טראַגישער פאַקט, וואָס גראָד אין דער סיטואַציע, נאָענט פאַר דער סעפטעמבער־קאַטאַסטראָפע, איז אויפגעלעזט געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס — די קפּפּ, האָט פאַרלייכטערט דער סאַנאַציע און איר נאַציאָנאַל־פאַרעטערישער פּאָליטיק, וועלכע האָט דערפירט צום פאַרלירן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן.

נאָכן פאַנאַנדערלאָזן די קפּפּ זענען צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, דערצויגענע דורך איר אין גייסט פון רעוו. קלאַסן־קאַמף, מיטן אויסנאַם פון אידעיש שוואַכע און נישט שטאַנדהאַפטיקע — געבליבן טריי דער קאָמוניסטישער אידעע. יעדער קאָמוניסט אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ, אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אין די קולטור־ און מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, אין דער תּפיסה, אין בערעזע האָט ווייטער אין הסכּם מיט זיין קאָמוניסטיש געוויסן אויף אייגענער אַחריות געפירט דעם קאַמף קעגן פאַשיזם.

אין די טעג פון היטלערישן איבערפאַל אויף פּוילן האָבן די קאָמוניסטן פרייוויליק זיך געמאָלדן אין מיליטער. אין די רייען פון די ספּאָנטאַן־אַנטי־

שטאַנענע אַרבעטער־באַטאַליאָנען האָבן זיי פּאַרטיידיקט װאַרשע קעגן די היטלערישע האָרדעס.

אויף דער סאָוויעטישער ערד האָבן די פּוילישע און יידישע קאָמוניסטן זיך געשטעלט אין די רייען פון די סאָציאַליסטישע בויער.

אינעם העלפן שמידן דעם זיג איבערן היטלעריזם האָבן די קפּפּאָוו־צעס געזען די מעגלעכקייט אויסצוקעמפן די אומאָפּהענגיקייט און פריי־הייט פון אייגענעם פאָלק און לאַנד. דאָרט, אויף דער סאָוויעטישער ערד, האָבן די קפּפּאָווצעס אָרגאַניזירט דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַט־ריאָטן, דאָס פּוילישע מיליטער און זיך געשטעלט אין די פאָדערשטע רייען פון מלחמה־פראָנט.

יידישע אַרבעטער און אינטעליגענטן פון װאַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, לובלין, ראַדאָם, קראָקע, טשענסטאָכאָוו, סאָסנאָוויעץ, פּיעטריקאָוו און פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך — דערצויגענע דורך דער קפּפּ — האָבן מאַרשירט פון לענינאָ ביז בערלין.

אין לאַנד, אין די קאָשמאַר־יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָבן די דערצויגענע דורך דער קפּפּ קאַדרען געבויט די פּוילישע אַרבע־טער־פּאַרטיי, וועלכע האָט צוזאַמען מיט די לינקע עלעמענטן פון פּפּס און פּויערים־פּאַרטיי אָרגאַניזירט דעם דעמאָקראַטישן נאַציאָנאַלן פראָנט קעגן דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט, פאַר דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג פון לאַנד.

אין די געטאָס, וווּ דאָס יידישע פאָלק איז געפּייניקט און געמאָרדעט געוואָרן, האָבן די קאָמוניסטן אָרגאַניזירט דעם אַנטיפאַשיסטישן נאַציאָ־נאַלן פראָנט. שוסטער, שניידער, טעקסטילער, סטאָליער, בעקער, מאָלאָ־רעס און מעטאַליסטן — דערצויגענע אין די רייען פון דער קפּפּ אין גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם, פאַרהאַרטעוועטע אין די תפי־סות און אין בערעזע — האָבן זיך געשטעלט די ערשטע צום קאַמף קעגן אָקופּאַנט און זיינע מיטהעלפער צווישן דער יידישער באַפעלקערונג — די „יודענראַטן“.

אויפן רוף פון דער פּפּר האָבן די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער געשאַפן די באַוואָפנטע קאַמפס־גרופן אין די געטאָס. צוזאַמען מיט די לינקע פון „בונד“ און פון די ציוניסטישע פּאַרטייען האָבן זיי אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון דער אַזוי שווער געפּייניקטער יידישער באַפעלקערונג.

די קאָמוניסטן אין די געטאָס האָבן פאַרבונדן דעם קאַמף אין געטאָ מיטן קאַמף אין וואַלד און אויף דער אַזוי גערופענער אַרישער זייט.

אין די קאַמפס־רייען פון דער פּפּר האָבן געקעמפט די אַלטע אויסגעּ־פּרוּװטע קאָמוניסטישע טוער: יוסף לעוואַרטאָווסקי, אַנדזשעי קאַרטינאַ־שמידט, אַדאָם מערעמיק, חיים אַנקערמאַן, בנימין לייבגאָט, יאַנעק שוואַרצ־פּוס, שכנא פיינגאָלד, מיכאַל ראָזענפעלד, עדוואַרד פאַנדאַמינסקי, רבקה

וווּיסקאָווסקאַ, דאַניעל מאָשקאָוויטש, יאַשקע קאָווע, אַדעלע הערץ — גרינבאַום, קובאַ דרייער, יודיטאַ גאָוואָגראָדזקאַ, וואָלף וואָלקאָוויסקי, לייבוש מאַנדעלבלאַט, משה אַפּעלבוים (ביאַלער), יאָסל ליכטענשטיין (פון בוי-פּאַריין) און אַנד. דאָס רוב פון זיי איז געפאַלן אין קאַמף. וויפל הערלעכע געשטאַלטן — קאָמוניסטן האָבן געקעמפט און געפאַלן אין די פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונגען, אין דער סאָוועטישער און אין דער פוילישער אַרמיי.

די אידעאָלאָגיש-פּאָליטישע צילן פון דער קפּפּ — איבערצוגעשטאַלטיקן דאָס בורזשואַז-פּריצישע פוילן אין אַ סאָציאַליסטיש פוילן — זענען פאַרווירקלעכט. די מאַרקסיסטיש-לעניניסטישע אידעען וועגן דער אַנפירנדיקער ראָל פון דעם פּראָלעטאַריאַט, די לערע וועגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין דער עפּאָכע פון איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם, די פּראָגראַמאַטישע איינשטעלונג פון דער קפּפּ פאַרן בונד פון אַרבעטער-קלאַס מיטן פּויערטום, דער געדאַנק, אַז די אמתע אומאָפּהענגיקייט פון פוילן וועט מעגלעך זיין בלויז דאַן, ווען דאָס פאָלק וועט ווערן די מאַכט, — אידעען פּראָקלאַמירטע מיט 35 יאָר צוריק אויפן 2-טן פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר פון דער קפּפּ — זענען געוואָרן די אידעיש-פּאָליטישע ליניע פון דער פּפּר און ווערן רעאַליזירט דורך דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער-פּאַרטיי.

40 יאָר זענען פאַרביי זינט דער אַנטשטייונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פוילן און קרוב 15 יאָר זינט דער באַפרייונג פון פוילן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

דאָס אַלטע פוילן איז אויף שטענדיק אַוועק. דאָס אַמאָליקע שוואַכע, אויסגענוצטע פון דער אייגענער בורזשואַזיע און פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל פוילן איז שוין נישטאָ. אויף שטענדיק זענען פאַרטריבן געוואָרן די רעגירונגען, וואָס האָבן געפירט די פּאָליטיק פון אונטערדריקן אַנדערע פעלקער און דאָס אייגענע פוילישע פאָלק — די רעגירונגען פון אַנטיסעמיטיזם און אַנטי-יידישע פּאָגראָמען, די רעגירונגען, וועלכע האָבן דערפירט צו דער סעפּטעמבער-קאַטאַסטראָפע, צו דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, צום מאָרד פון 3 מיליאָן פּאָליאַקן און 6 מיליאָן אייראָפּעישע יידן.

15 יאָר בויען מיר אַ נייַ פוילן. אַ פוילן, וואָס האָט געשאַפן באַדינגונגען פון עקאָנאָמישער אויפריכטונג און קולטורעלער אַנטוויקלונג פון פוילישן פאָלק און פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן.

טריי די רעוו. טראַדיציעס פון דער קפּפּ, וועלכע האָט געזאָרגט און הערלעך געקעמפט פאַר די לעבנס-אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק, טרעטן מיר צו, אונטער דער אָנפירונג פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער-פּאַרטיי צו רעאַליזירן די היסטאָרישע אויפגאַבן פון נייעם פינפיאָר-פּלאַן, אַ פּלאַן פון נאָך מער שטאַרקן אונדזער סאָציאַליסטיש לאַנד, ווירטשאַפטלעך און קולטורעל, מיט דער צענטראַלער אויפגאַבע — פון זאָרג פאַרן אַרבעטס-מענטש.

דער קאַמף פון דער קפפ — אָנגעהויבן מיט 40 יאָר צוריק — פאַר אַ פוילן פון דעמאָקראַטיע, פרייהייט, שלום, פעלקער־פאַרברידערונג און סאָציאַליזם ווערט רעאַליזירט.

מיט דעם גרויסן מיר זיך. דאָס איז דער שטאָלץ פון אַלע ערלעכע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן אין די יאָרן פון רעאַקציע, אונטערדריקונג און אָקופּאַציע געחלומט וועגן אַ פוילן, וואָס מיר בויען היינט.

דעצידירט גייען מיר צום סאָציאַליזם אונטער דער אָנפירונג פון אונדזער פאַרטיי אין בונד מיט דער ראַטנפאַרבאַנד, מיטן גייעם סאָציאַליסטישן כינע, מיטן גאַנצן סאָציאַליסטישן לאַגער.

די קפפ האָט מאַרשירט צוזאַמען מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אויף דער וועלט אַלס סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אויך היינט מאַרשירן די פּוילישע קאָמוניסטן מיטן גאַנצן סאָציאַליסטישן לאַגער, מיט אַלע פּראָגרעסיווע כוחות אויף דער וועלט.

סטעפאַן קרוליקאָווסקי

סטעפאַן קרוליקאָווסקי (פסעוודאָנימען: באַרטאָשעוויטש, ציפּריאַן און אַנד.), איז געבוירן געוואָרן אין 1881 יאָר אין וואַרשע. פון פאַך איז

ער געווען אַ גערטנער. אין 1901 ווערט ער א מיטגליד פון דער פפּס. טעטיק אין גראָדנע, ווילנע. אין 1905 יאָר ווערט ער א מיט־גליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון פפּס. אין 1906 יאָר איז חבר קרוליקאָווסקי איינער פון די אָר־גאַניזאַטאָרן פון דער לינקער פפּס. פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט ווערט ער פאַרפאָלגט דורך דער צאַרישער מאַכט. אין 1901 ווערט ער ארעסטירט און זיצט אַפּ 9 חדשים. אין 1907 באַ־קומט ער אן אורטייל פון 5 יאָר צייט. אין די יאָרן 1915—1917 געפינט ער זיך אויף פאַרשיקונג אין סיביר. חבר קרוליקאָווסקי נעמט אָנטייל אינעם פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר פון דער סדקפּל און לינ־קע פפּס, ווו ער ווערט אויסגעוויילט אין צ. ק. פון דער קפּרפּ. באַלד נאָכן צוזאַמענפאָר ווערט ער אַרעסטירט און זיצט ביז יולי 1919. אין 1921 איז ער דעלעגאַט אויפן III קאָנגרעס פון קאָמינטערן. חבר קרוליקאָווסקי איז איינער פון די באַשולדיקטע אין באַקאַנטן שוויענטאָיורער פראָצעס (1922). ער ווערט פאַרמשפּט אויף 3 יאָר תפיסה. זיצנדיק אין תפיסה, ווערט ער אויסגעוויילט אַלס סיים־דעפּוטאַט. אין 1923 איז ער דעלעגאַט אויפן II־טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אין 1927 — אויפן IV־טן פאַרטיי־צו־זאַמענפאָר. אין 1928 איז ער דעלעגאַט אויפן VI קאָנגרעס פון קאָמינטערן.

חבר סטעפאַן קרוליקאָווסקי איז באַקאַנט פון זיינע אַרטיקלען אין „נאָווי פשעגלאָנד“, פון זיינע אַרויסטרעטונגען אין סיים און אויף מי־טינגען. אומגעקומען אין 1937.

רעדע פון קאָמוניסטישן סיים־דעפּוטאַט סטעפאַן קרוליקאָווסקי קעגן אַנטיסעמיטיזם

מאַרשאַלעק: „דאָס וואָרט האָט דעפּוטאַט קרוליקאָווסקי".

(שטימען רעכטס: „ער גייט פאַרטיידיקן די יידן").

דעפּוטאַט קרוליקאָווסקי: דער פּראָיעקט, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן דורך דער רעגירונג וועגן אָפּשאַפן די ביז־איצט נאָך עקזיסטירנ־דיקע רעכטלעכע באַגרענעצונגען לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, רירט אָן אַ זייער וויכטיקע פראַגע — אַן אייטערנדיקע וווּנד אויפן קערפּער פון דער יידישער געזעלשאַפט און פון דער גאַנצער פּוילישער געזעלשאַפט. עס וואָלט געווען אַן אילוזיע צו טראַכטן, אַז מיטן אָפּשאַפן אַזאַ אָדער אַנדערן פּאַראַגראַף, וואָס באַגרענעצט די רעכט פון די יידן, באַוואָלט זיי און שטעלט זיי אין דער ריי פון בירגער פון דער צווייטער און דריטער קאַטעגאָריע — וועט זיך אין פּוילן פאַקטיש אָנהייבן אַ פּעריאָד פון גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן. אַזוי איז עס נאָך ניטש, און אַזוי וועט עס, לײדער, נאָך אַ לאַנגע צייט נישט זיין. ווייל, מיינע הערן, לגבי דער יידישער באַפעלקערונג איז היינט אין פּוילן אַלץ דערלויבט. להיפּוך צו דער קאָנסטיטוציע, להיפּוך צו די עלעמענטאַרסטע געפילן פון גערעכטיקייט, להיפּוך צו דער עלעמענטאַרסטער עטיק איז לגבי דעם ייד אין פּוילן אַלץ דערלויבט.

(אַ שטימע: „איי, בראָקט איר ליגנגס!").

קרוליקאָווסקי: דאָס וואָס איר האָט זיך אָפּגערופן איז אַ זייער גו־טער סימן, ווייל אָדער איר שעמט זיך, וואָס עס איז אַזוי, אָדער איר ווילט אָפּלייקענען דאָס, וואָס עס איז אין דער אמתן. לגבי דעם ייד איז, מיינע הערן, אין פּוילן אַלץ דערלויבט: מען מעג אים באַליידיקן פיזיש, מען מעג אים זידלען, מען מעג אים שטעמפּלען פאַר זינד, וועלכע ער איז נישט באַגאַנגען, פאַר זינד, וועלכע עס זענען באַגאַנגען די, וואָס ווילן אים שטעלן צום שאַנד־סלופּ. יעדער וואָס אָבסערווירט דאָס היינטיקע לעבן זעט, אַז דער ייד איז געשטעלט אויסער יעדן געזעץ. באַוואָלן אַ ייד, באַ־ליידיקן אים, צונעמען אים דעם מענטשלעכן נאָמען (אַ שטימע: „וויפל האָט מען אייך דערפאַר באַצאָלט?"), איז געוואָרן אַ פּרינציפּ, מיט וועלכן עס ריכט זיך היינט די בורזשואַזע געזעלשאַפט אין פּוילן לגבי יידן.

(אַ שטים אויף די רעכטע בענק: „און דערפאַר זענען די יידן די רייכסטע אין פּוילן").

קראָליקאָווסקי: דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער ווערט אָנגעווענדט, באַדראָט נישט די רייכע קלאַסן, ווייל זיי קאָנען זיך שטענדיק פֿאַרטיידיקן דורך דעם, וואָס זיי האָבן אין זייערע הענט די מאַטעריעלע מיטלען (אַ שטים אויף רעכטס: „וויפֿל האָט איר דערפֿאַר באַקומען?“). אָבער דער אַנטיסעמיטיזם, דער ווילקיר שלאָגט קודם־כּל אין די עקאָנאָמיש־שוואַכע, שלאָגט אין די אָרעמעלייט, אַרבעטער, ווייל זיי האָבן נישט קיין שום אָנשפּאַר, נישט קיין רעכטלעכן, נישט קיין מאַטעריעלן.

דעפּ. כאַנדזינסקי: „אָבער טראָצקי איז נישט קיין אַרבעטער, נאָר אַ גביר“.

קראָליקאָווסקי: דער אַנטיסעמיטיזם ווערט אונטערגעשטיצט נישט דערפֿאַר, ווייל עס גייט אייך באמת אין וועלכע ס׳איז צילן, וואָס איר רוקט אַרויס אַלס סיבות פֿון אַנטיסעמיטיזם. איר, הערן, רוקט אָפֿט אַרויס אין דער פּרעסע דעם אַרגומענט, אַז אַ גרויסער פּראָצענט צווישן די ייִדן פֿאַרנעמט זיך מיט האַנדל. איר זאָגט, אַלזאָ, אַז דער טייל באַפֿעלקערונג לעבט פּאַראַזיטיש. אָבער דאָס איז נישט דער אמתער מאָטיוו, מיט וועלכן איר ריכט זיך (אַ שטימע: „לאָזט געמאַך. זיי וועלן זיך שוין אָן אייך פֿאַרטיידיקן“). דער אמתער מאָטיוו איז אַן אַנדערער. איר ווילט אויפֿן אָרט פֿון ייִדישן פֿאַרמיטלער אוועקשטעלן אייער פֿאַרמיטלער — אַ פּאָליאַק. דאָס איז אייער ווענטלעכער ציל. גאַנץ פּשוט, אונטער דעם שלייער פֿון קאַמף מיטן פּאַראַזיטיזם ווילט איר בלויז אַרויסשטויסן איינע, כּדי איר זאָלט אַליין קאָנען פֿאַרנעמען זייער אָרט. פֿאַר די אַרבעטער איז אָבער אַלץ איינס, צו וועלכן פֿאָלק עס געהערן זייערע אויסנוצער.

די צווייטע סיבה פֿון אַנטיסעמיטיזם, וועלכן איר, הערן, ווענדט אָן, באַשטייט דערין, וואָס איר ווילט אָפּלענקען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די ברייטע מאַסן פֿון אַרבעטנדיקן פֿאָלק פֿון אייערע אייגענע פֿאַרברעכנס, און דערפֿאַר מוזט איר אונטעררוקן דעם המון דעם כּלומרשט שולדיקן, כּדי אָפּצווענדן פֿון אייך די אויפֿמערקזאַמקייט, כּדי אַרויפֿצוּוואַרפֿן אויף עמעצן אַנדערש די שׂנאה, וועלכע איר האָט אויפֿגעוועקט קעגן זיך אַלס פֿאָרשטייער פֿון אַ פּאַראַזיטישן קלאַס. רעדנדיק דאָ אין דער דאָזיקער דעפּוטאַטן־קאַמער אין פֿאַרטיידיקונג (אַ שטימע „פֿון די ייִדן“) פֿון די ייִדישע אַרבעטער און דער ייִדישער אָרעמקייט, טו איך דאָס מיטן טיפֿן גלויבן, אַז איך פֿאַרטיידיק אַ גערעכטע זאַך, אַז איך פֿאַרטיידיק די זאַך פֿון גאַנצן אַרבעטנדיקן פֿאָלק, אַז איך פֿאַרטיידיק אַ זאַך, וואָס איז ריין און הייליק (אַ שטימע: „אין גייסט פֿון תּלמוד“).

קראָליקאָווסקי: מיינע הערן. איך פֿאַרטיידיק די זאַך, ווייל איך זע, אַז דורכן פֿאַרשפּרייטן שׂנאה צו די ייִדן ווילט איר, הערן, פֿאַרלענגערן דעם פּעריאָד פֿון דער הערשאַפֿט פֿון די באַזיצנדיקע קלאַסן, ווייל איך זע, אַז דורכן פֿאַרשפּרייטן שׂנאה צו די ייִדן באַגייט איר, הערן, נישט בלויז אַן אומגערעכטיקייט לגבי אומשולדיקע מענטשן, נאָר איר, הערן, ווילט דעמאָראַליזירן ריזיקע מאַסן פֿון פּוילישן אַרבעטער־פֿאָלק. איך

פּאַרטייִדיק דעם אַרבעטנדיקן קלאַס קעגן דער דאָזיקער דעפּראַוואַציע, וועלכער איר ווילט איינפלאַנצן דורך אַגיטאַציע צווישן ברייטע מאַסן (אַ שטימע: „צי צאָלט מען אייך פון שטיק אָדער שורה?“).

קראָליקאָווסקי: מיינע הערן. איך האָב געלייענט און קען די דאָזיקע טעאָריע (אַ שטימע: „איר האָט ליב צו לייענען?“), אַז אין פּוילן זענען נישט געווען קיין פּאָגראָמען, אַז אין פּוילן זענען בלויז געווען עקסצעסן. פאַר מיר איז דאָס בילד פון דעם דערמאָרדעטן ייד (אַ שטימע: „אין רוסלאַנד“), וועמען מען האָט אַריינגעשלאָגן טשוועקעס אין די אויגן אין ביאַליסטאָק, אָדער אין קישעניעוו (אַ שטימע: „דאָס הייסט אין רוסלאַנד“), פאַר מיר איז דאָס געווען אַ פּיזישער מאָרד איבער אַ מענטש. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער מערדערישער טעטיקייט פון די צאַרישע רעגירונגען, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אופן געוואָלט אָפּראַטעווען זייער עקזיסטענץ. די צאַרישע רעגירונג האָט דעם דאָזיקן ציל נישט דערגרייכט און זיך נישט געראַטעוועט. אָבער, מיינע הערן, אויב אין פּוילן האָט מען נישט אַריינגעשלאָגן קיין טשוועקעס אין די אויגן (אַ שטימע: „וואָס האָט דאָס פאַראַ שייכות מיטן דאָזיקן געזעץ-פּראָיעקט?“), דרינגט דערפון נישט, אַז אין פּוילן האָט זיך נישט געגאָסן קיין יידיש בלוט. עס האָט זיך געגאָסן בלוט פון יידן, בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען יידן. פאַר מיר איז דער שטעמפּל, וועלכן עס האָט אויף די יידן זיך באַמיט אַרויפצולייגן די וויטאָס-דאַשינסקי-רעגירונג, אינטערנירנדיק זיי אין יאַבלאָננע (טומל), פאַר מיר איז דער פאַקט, וואָס מען האָט אין פּינסק דערשאָסן עטלעכע צענדליק יידן — ווי דאָס איז שפּעטער געוואָרן פעסטגעשטעלט — אינגאַנצן אומשולדיק, פאַר מיר איז דאָס, וואָס מען האָט היי-יאָר, אין טאָג פון 1-טן מאַי זיך איזדיעקעוועט אויף די גאַסן פון די פּוילישע שטעט איבער יידן — פּונקט אַזוי העסלעך, פּונקט אַזוי פאַרברעכעריש (אַ טומל. פאַרשידענע אויסגעשרייען. אַ שטימע: „מיר קענען אייך פון פּעטערבורג, איר תמימותדיקער הער“.), און דערפאַר האַלט איך, אַלס קאָמוניסט, פאַר מיין חוב אייך צו זאָגן, אַז עס עקזיסטירט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט אַ קלאַס, אַ קלאַס, וועלכער איז נישט פאַראינטערעסירט אין אונטערהאַלטן די אַנטיסעמיטישע אָרגיע (אַ שטימע: „גענוג דערמיט!“), אַז עס עקזיסטירט אין פּוילן אַ גרויסער און שטאַרקער קלאַס, וועלכער איז קעגן דעם דאָזיקן אַנטיסעמיטיזם, קעגן דער דאָזיקער געוואַלט דערפאַר, ווייל ער שלאָגט אין אים גופא. אָבער דאָס וואָס אין פּוילן זענען נאָך ביז איצט נישט געווען אַזעלכע פּאָגראָמען, ווי אין ביאַליסטאָק אָדער קישעניעוו, דאָס איז נישט קיין שום פאַרדינסט אייערער, הערן. אייער פּרעסע טוט אַלץ, וואָס זי קען, כדי צו אַזעלכע פּאָגראָמען צו דערפירן. אייער פּרעסע, יעדן טאָג, פון שעה צו שעה...

מאַרשאַלעק: ה. דעפּוטאַט קראָליקאָווסקי: „כ'בעט צו רעדן וועגן געזעץ-פּראָיעקט“.

קרוליקאָווסקי: ...פאַרשפּרייט דעם גיפט, וועלכער מוז האָבן די שרעקלעכסטע פאָלגן, און אויב ער האָט נישט, איז דאָס דערפאַר, ווייל דעם דאָזיקן גיפט, וואָס פליסט פון דעם לאַגער פון דער ביעגישער פּרע־סע, איז געשטעלט געוואָרן אַ באַריערע דורכן אַרבעטער־קלאַס. אַדאַנק דעם איז צו די דאָזיקע שרעקלעכע געוואַלט־טאַטן נישט דערגאַנגען. אָבער איר אַרבעט דערויף, אַז עס זאָל צו זיי דערגיין.

מיינע הערן, איך וויל איצט ווענדן די אויפמערקזאַמקייט דערויף, אַז אייער באַציונג צו די יידן איז נישט קיין איינהייטלעכע.

מאַרשאַלעק: ה. דעפּוטאַט: צום צווייטן מאָל בעט איך זיך אומ־קערן צו דעם געזעץ־פּראָיעקט.

דעפּ. קרוליקאָווסקי: איך רעד אין דעם מאָמענט וועגן אַ פּראַגע, וועלכע איז צונויפגעבונדן מיטן געזעץ־פּראָיעקט. איך וויל, געמלעך, אונטערשטרייכן, אַז עס עקזיסטירט אַ יידיש שול־וועזן, געפירט אין דער יידישער שפּראַך. די באַציונג פון אייער רעגירונג און פון די באַזיצנדיקע קלאַסן איז אַ צווייענדיקע (אַ שטימע: „ער דאַרף נישט האָבן דאָס רעכט צו רעדן"). עס איז נישט קיין שום סוד, אַז אין פּוילן זענען געוואָרן פאַרמאַכט שולן, צווישן אַנדערן דערפאַר... (אַ שטימע: „צוויי באָלשע־וויקעס פאַרנעמען אַזוי פיל צייט. ער דאַרף קריגן דאָס וואָרט בלויז אין אויסנאַם־פאַלן")... די געזעלשאַפט „אונדזערע קינדער", אונטערן איינ־פלוס פון מסירות, וועלכע שטאַמען פון צוויי קוועלן, איז פלוג געוואָרן גאַנץ קעגנזעצלעכע (דעפּ. מיאַנאָווסקי: „וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות מיט דעם גאַנצן ענין?"), די דאָזיקע געזעלשאַפט איז געוואָרן פאַרמאַכט אונטערן איינפלוס פון דער אַגיטאַציע פון דער „גאַזעטאַ 2 גראָשע" און פון דער צייטונג „דער איד",* ווייל עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערציען דאָס יידישע קינד, אַרויסרייסן עס פון אונטער די איינפלוסן פון דער קהילה און רבנים.

מאַרשאַלעק: ה. דעפּוטאַט קרוליקאָווסקי. צום דריטן מאָל מאַך איך אויפמערקזאַם, אַז די ערשטע לעזונג באַשטייט אין אַרומרעדן די אַלגעמיינע פּרינציפּן. איך בעט זיך דערצו צוצופּאַסן, ווייל אין קעגנפאַל וועל איך מוזן אייך אָפּנעמען דאָס וואָרט.

קרוליקאָווסקי: איך בין געצוווּנגען צו פאַרענדיקן נישט ענדיקנדיק. דער געזעץ־פּראָיעקט, וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט, רעדט וועגן אָפּשאַפן די עקזיסטירנדיקע באַגרענעצונגען, און איך האַלט פאַר מיין חוב צו באַ־טראַכטן די סיבות, וואָס זענען גורם דעם דאָזיקן ספּעציעלן צו־שטאַנד, אין וועלכן עס געפינט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין אונדזער לאַנד.

---

* פּאַרטיי־אָרגאַן פון דער „אגודה". (רעד.)

מיר פֿאַרשטייען אויסגעצייכנט, וואָס עס רופֿט אַרויס דעם אַנטיסעמיטיזם. מיר ווייסן, אַז דער קאַמף קעגן אים איז מעגלעך איבער די קעפּ פֿון דער שוואַרצער פּוילישער רעאַקציע און איבער די קעפּ פֿון דער שוואַרצער יידישער רעאַקציע (אַ שטימע לינקס: „ענדיקן!“), ווייל להיפּוך צו די אַלע אָנשטעלן גייען זיך די דאָזיקע צוויי לאַגערן אָפּ צונויף צווישן אַנדערן (אַ שטימע רעכטס: „ענדיקן!), זיי גייען זיך צונויף אויך אין דעם, וואָס ביים פֿאַרפֿאָלגן דאָס יידישע שול-וועזן טרעפֿט איר זיך, מיינע הערן, נישט אַלעמאָל אָן מיטן ווידערשטאַנד און מיטן אומבאַדינגטן פּראָטעסט פֿון די דעפּוטאַטן פֿון יידישן „קאָלאָ“, ווען עס האַנדלט זיך וועגן שולן, וועלכע זיי קוואַליפֿיצירן אַלס שעדלעכע פֿון זייער נאַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, וועגן שולן, וועלכע נעמען זיי צו די איינפֿלוסן אויף די יידישע פֿאָלקס-מאַסן. דעמלט ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אַנטיסעמיטיזם שטערט אייך נישט אין קעגנזייטיקער פֿאַרשטענדיקונג.

דערפֿאַר טאַקע האַלטן מיר, פֿאַרטיידיקנדיק די אינטערעסן פֿון גאַנצן אַרבעטער-קלאַס אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָנאַליטעט, מיר, וועלכע באַטראַכטן זיך פֿאַר די פֿאָרשטייער פֿון אַלע אַרבעטס-מענטשן (אויסגעשרייען), אַלזאָ אויך פֿון די יידישע אַרבעטער — פֿאַר אונדזער חוב אויפֿצוהייבן די שטימע פֿון פּראָטעסט און רופֿן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַז ער זאָל אין דער סאָלידאַרער פֿאַראייניקונג מיטן גאַנצן אַרבעטנדיקן פֿאָלק פֿון פּוילן קעמפֿן פֿאַר זיין סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג פֿון די קייטן פֿון דער שקלאַפֿעריי, אין וועלכע די בורזשואַזיע וויל אים ווייטער האַלטן און נאָכמער אים פֿאַרשמידן.

(סטענאָגראַפֿישער באַריכט פֿון דער 44-טער זיצונג פֿון סיים פֿון דער פּוילישער רעפּובליק פֿון 9-טן יוני 1923 יאָר).

כיל ראָזענבערג

כיל ראָזענבערג (שמעון) — אַ לאָדזשער בלעכער־אַרבעטער. לכתחילה אַ טעטיקער מיטגליד אין קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד. שוין אין 1922 ווערט ער פֿאַרמשפּט אויף 4 יאָר תּפֿיסה. נאָך דער תּפֿיסה זיך אויסגעלערנט וועבעריי און געאַרבעט אַלס טעקסטילאַוויעץ. איינער פֿון די אַקטיווסטע טוער פֿון רעוו. טעקסטיל־פֿאַריין. געווען אויך טעטיק אין דער יידישער ביוראָ ביים לאָדזשער שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. חבֿר כיל ראָזענבערג האָט אין נאָמען פֿון דעם לאָדזשער פּאַרטיי־קאָמיטעט אָנגעפֿירט מיט דער לינקער אָפּאָזיציע אין דער פּראָפֿ. באַוועגונג אין לאָדזש.

אין יאָר 1930, בעת די וואַלן צום סיים איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט פֿון דער קאָמוניסטישער ליסטע. אין סיים האָט ער מוטיק פֿאַרטיידיקט די אַרבעטנדיקע באַפֿעלקערונג. גלייכצייטיק פֿלעגט ער אָפֿט צונויפֿרופֿן מיטינגען אונטערן פֿרייען הימל.

די אומבאַרירלעכקייט איז אָבער אויף אַ קאָמוניסטישן דעפּוטאַט נישט חל געווען. פֿלעגט טאַקע כיל ראָזענבערג כּסדר צעשלאָגן ווערן דורך די שפּיצלען. נישט איין מאָל פֿלעגט מען אים זען אין גאַס מיט אַ פֿאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. און ווען די סאַנאַטאָרישע סיים־מערהייט האָט געזען די אומדערשראָקנקייט און דרייסטקייט פֿון כיל ראָזענבערגן, האָט זי באַשלאָסן פּטור צו ווערן פֿון אים אויף אַ „לעגאַלן" אופֿן: זי האָט אים פּשוט אַרויסגעגעבן דעם געריכט. די פּאַרטיי שיקט אים דאַן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד. אין 1935 נעמט כיל ראָזענבערג אָנטייל אין VII קאָנגרעס פֿון קאָמינטערן. שפּעטער טיילט ער דעם טראַגישן גורל פֿון די קרבנות פֿון 1937.

קעגן דער ליקווידאַציע פון דער בילדונג

רעדע פון קאָמוניסטישן דעפּוטאַט ח' כיל ראָזענבערג,

אויף דער זיצונג פון סיים אין מערץ 1932 יאָר.

מיינע הערן. נאָכן לעצטן אָפּשניידן דעם בילדונגס=בודזשעט אויף 100 מיליאָן זלאָטעס און נאָך דער אָנגעהויבענער שוין רעדוקציע פון דער לערערשאַפט...

מאַרשאַלעק: הער דעפּוטאַט, איך בעט לייענען דייטלעך און פּאַמעלעך, כדי איך זאָל קאָנען הערן.

דעפּ. ראָזענבערג: אין אָנבליק פון דעם באַדייטנדיקן צוואוקס פון די קינדער אין שול=עלטער, און פון איבער 1 מיליאָן 200 טויזנט אַרבעטער= און פּויערים=קינדער, וועלכע פאַרבלייבן מחוץ פון יעטוועדער שול; אין אָנבליק פון דעם כמעט ליקווידירטן שול=וועזן פון די אונטערדריקטע פעלקער — האָט די רעגירונג פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור צוגעגרייט אַ נייעם געזעץ וועגן דער סטרוקטור פון דעם שולוועזן. דאָס דאָזיקע געזעץ, נישט בלויז וואָס עס ברענגט נישט די מאַסן קיין פאַרבעסערונג פון דעם בילדונגס=מצב, נאָר עס וועט נאָכמער פאַרטיפן און פאַרשאַרפן די איצטיקע שול=קאַטאַסטראָפע, עפענענדיק אַ ברייטן וועג פאַר די אויסגעפּרוווטע פאַרבינדעטע פון דער בורזשואַזיע צווישן די מאַסן: פאַרן אַנאַלפאַבעטיזם און פינצטערניש.

דער גרונט=ציל פון דעם געזעץ שיידט זיך נישט אונטער פון דעם, וואָס איז דער לייט=מאָטיוו פון אַלע לעצטע געזעצן, וועלכע זענען איינגעפירט געוואָרן דורך דער רעגירונג פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור — אין דער ערשטער ריי פון דעם געזעץ וועגן זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס וועט אין קורצן אַרויפקומען אויפן סדר=היום פון סיים. דער דאָזיקער לייט=מאָטיוו איז די שטרעבונג פון דעם פאַשיזם, די שטרעבונג פון היינטיקן רעגירונגס=לאַגער צו פאַרשטאַרקן און אויסצוברייטערן זיינע פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזעס, צום אונטעראָרדענען אַלע געביטן פון לעבן דעם אַדמיניסטראַציע=אַפּאַראַט פון דער רעגירונג. דער פאַשיזם וויל פולשטענדיק באַהערשן דאָס שולוועזן, איבערגעשטאַלטיקן עס לויט די באַקוועמסטע פאַר אים מוסטערן — און דעראָבערן די יוגנט אָדער לכל הפּחות באַקומען צווישן איר סטאַבילע פּאָזיציעס. ווידער די קלאַסן=פרעמדע יוגנט, וועלכע איז ווייניק גינסטיק פאַר דער פאַשיסטישער ווירקונג, זאָל באַקומען אַ צוטריט בלויז צו די שולן פון נידעריקסטן שטאַפּל, און דאָס רוב זאָל פאַרבלייבן מחוץ יעטוועדער שול. דערביי דאַרף אויך דאָס געזעץ פאַרשטאַרקן

דעם איינפלוס פון קלער פון אַלע רעליגיעס אויפן שול־וועזן, „פאַרזיכערן די העכסטע רעליגיעזע אויסבילדונג" — ווי דאָס פאָרמולירט דער אָפּי־ציעלער אַריינפיר צום געזעץ.

די אייגעניש, מיט וועלכער מען האָט צוגעגרייט דאָס שול־געזעץ און מיט וועלכער מען פירט עס דורך אין סיים, זאָגט עדות וועגן דעם, אַז חוץ די פרינציפיעל־פּאָליטישע צילן, פאַרבינדט די פאַשיסטישע רעגירונג מיטן דאָזיקן געזעץ אויך אַזוי גערופענע פיסקאַלע צילן.

אויפן פאָן פון דעם פאַרטיפערנדיקן זיך קריזיס, נישט געקוקט אויף די כסדר וואַקסנדיקע שטייערן, שרומפן זיך פון חודש צו חודש שטאַרק איין די בודזשעט־הכנסות. אַ וואָס גרעסערן טייל פון די דאָזיקע הכנסות שלינגען איין די אויסגאַבן אויף מעראָר און מלחמה־צוגרייטונגען. דער רעסאָרט פון בילדונג און שול־וועזן — דאָס איז איינער פון די ערשטע געביטן, וו די פאַשיסטישע דיקטאַטור גרייט צו ווייטער־דיקע אָפּשפּאָרונגען און רעדוקציעס. דאָס אַלץ געשעט, מיינע הערן, אין אַ מלוכה פון דער קאַפּיטאַליסטישער „מערב־קולטור"...

מאַרשאַלעק: איך רוף אייך צו אָרדענונג צום ערשטן מאָל.

דעפּ. ראָזענבערג: ...אין אַ מלוכה, וועלכע ווי איר פּרעדיקט — בילדעט אַ שוץ־פּאַנצער קעגן „מזרחדיקן סאָוועטישן באַרבאַריזם". וואָס זאָגן אָבער די פאַקטן, וועלכע איר אַליין אפילו זענט שוין נישט בכוח צו פאַרבאַהאַלטן און פאַרשווייגן?

אין דער אָפיציעלער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" (נומער 55 פון 24 פעברואַר 1932 יאָר), אין דעם אַרטיקל פון דער ווירטשאַפטלעכער אָפּטיילונג א. נ. „דער בודזשעט פון פּסטר" געפינען מיר אָנגאַבן פון סאָוועטישן בוד־זשעט. אין די דאָזיקע אָנגאַבן אויפן ערשטן אָרט...

מאַרשאַלעק: הער דעפּוטאַט, איך רוף אייך צו אָרדענונג צום צווייטן מאָל.

דעפּ. ראָזענבערג: ...פיגורירט דער בילדונגס־בודזשעט אין דער הייך פון 6 מיליאַרד 454 מיליאָן זלאָטעס.

מאַרשאַלעק: איר האָט געהערט, הער דעפּוטאַט?

דעפּ. ראָזענבערג: כ'האָב געהערט.

דער בודזשעט פון דער רויטער אַרמיי שטייט אויפן צווייטן אָרט, בעת אין פאַשיסטישן פּוילן...

מאַרשאַלעק: איך נעם אייך צו דאָס וואָרט. כ'בעט צו פאַרלאָזן די טריבונע. דאָס וואָרט האָט דער דעפּוטאַט דאַמבראָווסקי.

(דעפּוטאַט ראָזענבערג פּראָטעסטירנדיק פאַרלאָזט די טריבונע).

*

* *

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע „נאָווי פּשעגלאָנד", וועלכע האָט אָפּ־געדרוקט ביל ראָזענבערגס רעדע:

Jednodniówka Jedności Robotniczo-Chłopskiej
Łódź, 10 listopada 1930r.

P.114

JEDNODNIÓWKA | פרייז 5 גראשן | KEMFER UN WEJLER

דער קעמפער און וויילער

פון לאדזש און אומגעגנט

10 LISTOPAD | 1930 | לאדזש, 10 נאוועמבער

די מערהייט פון לאדזשער פראלעטאריאט מיט דער „ארבעטער-און-פויערים-איינהייט" פאר דער ליסטע 22

פראוואקאטארן, ארבעטער-פארעטער און מלחמה-העצער אין שפיץ פון „לינק-סאציאליסטישן בלאק"

די לאדזשער ארבעטער

יידישע ארבעטער און הארעפאשניקעס.

לאדזשער-ארבעטער.

„דאָס צוגעמען דאָס וואָרט ביים קאָמוניסטישן דעפוטאַט בעת זיין רעדע קעגן דער ליקווידירונג פון בילדונגס־וועזן — איז איינער פון די אָרדנטלעכע אויסדרוקן פון פאַשיסטישן טעראָר אין סיים.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער מאַרשאַלעק שווימאַלסקי האָט צוגענומען דאָס וואָרט ביים ח׳ ראָזענבערג אין מאָמענט, ווען דער דעפוטאַט האָט ציטירט פון דער פאַשיסטישער פרעסע פאַקטן פון דעם סאָוויעטישן לעבן און ווירקלעכקייט, פאַרגלייכנדיק זיי מיט דער פאַשיסטישער ווירקלעכקייט. פאַר דעם אמת וועגן ראַטנפאַרבאַנד, וואָס ווערט געזאָגט פאַר די ברייטע מאַסן, האָט די פאַשיסטישע דיקטאַטור מורא ווי פאַר פייער.

(„נאָווי פשעגלאָנד“, נומער 5/6 (53/54) מאַי—יוני 1932).

פון די רעדעס

אויפן || און ||| צוזאמענפאָר
פון דער קפּרפּ

(סאַנדעצקי־אַמסטערדאַם, גרינבערג־לעוואַרטאָווסקי און דואַ־באָגען)

שאול אַמסטערדאַם

חבר שאול אַמסטערדאַם — הענריקאָווסקי — סאַנדעצקי, איז געבוירן געוואָרן דעם 17=טן מערץ 1898 יאָר אין נאָווי סאָנטש. געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין יאָר 1923. שוין אין די גימנאַזיע=יאָרן האָט ער

געהערט צו דער סאָציאַליסטישער יוגנט=אָרגאַניזאַציע „פּראָמיען“, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער פּפּסד (פּוילישע סאָציאַל=דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון גאַליציע).

אַלס סטודענט איז ער אַריינגעטראָטן אין דער יידישער סאָציאַל=דעמאָקראַטישער אַרבעטער=פּאַרטיי פּועלי=ציון. אין 1921 יאָר איז ער, יוסף לעוואַרטאָווסקי צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַרויסגעטרעטן פון פּ. צ. און אָנגעשלאָסן זיך אין דער קפּרפּ. אַמסטערדאַם=הענריקאָווסקי רוקט זיך שנעל אַרויס אַלס איינער פון די צענטראַלע פּאַרטיי=טוער. לכתחילה אַרבעט ער אין דער צענטראַלער יידישער ביוראָ און אין דער צענטראַלער פּראָפּ. אָפּטיילונג ביים צ. ק. קפּפּ. אין 1923 יאָר ווערט ער דעלעגירט אויפן צווייטן פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר און אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון צ. ק. ער איז געווען דעלעגאַט אויף אַלע שפּעטערדיקע פּאַרטיי=צוזאַמענפאָרן. פון V פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר אָן איז ער געווען מיטגליד פון פּאָליט=ביוראָ.

שאול אַמסטערדאַם=הענריקאָווסקי איז אויך טעטיק געווען אין קאָמינטערן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע פּובליציסטישע ירושה אין פאַרשידענע צייטשריפטן פון דער קפּפּ און קאָמינטערן. אין דער צייט פון יעזשאָווטשינע קומט ער טראַגיש אום.

פראַגמענטן פון די רעדעס פון ח׳ סאַנדעצקי

...כ׳וואָלט דאָ געוואָלט נאָך דערמאָנען מיט עטלעכע ווערטער דעם טייל פון דער ארבעט, וועלכן איך רעפּרעזענטיר דאָ אויפן צוזאמענפאָר. מען דאַרף פעסטשטעלן, אַז אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן מיר געמאַכט אין אונדזער אַרבעט צווישן יידישן פּראָלעטאַריאַט ריזיקע פאָרשריטן. נאָכן פאראייניקן אונדזער פּאַרטיי מיטן „קאָמבונד" האָבן מיר באַהערשט די וויכטיקסטע יידישע פראָפ-פאַרייגען אין ווארשע, לאָדזש ביאַליסטאָק א. אַנד. עס זענען כמעט אינגאַנצן פארשוונדן פון דער אויבערפלאַך 2 סאָציאַל-נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען: די „פאַראייניקטע" און פּועלי-ציון. דער „בונד", וועלכער איז ביז דאָ נישט לאַנג געווען דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, האָט פארלוירן זיינע איינפלוסן אין די גרעסטע ארבעטער-צענטערן. די קאַמף ווערט שטופנווייז די איינציקע פאָרשטייערין פון די יידישע ארבעטנדיקע מאסן. היינטיקס יאָר האָבן מיר אָנגעהויבן ארויסגעבן פעריאָדישע צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך, * וועלכע האָבן דערוואָרבן גרויס אָנערקענונג צווישן די יידישע אַרבעטער. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז מיר דרוקן איצט 5 טויזנט עקזעמפּליארן, וועלכע ווערן פשוט צעכאַפּט.

אין דער לעצטער צייט זענען מיר אויך צוגעטראָטן צו אן ענערגישער אַקציע קעגן יידישן קלעריקאַליזם, וועלכע ווערט אָרגאַניזירט אין לאַנד-מאַסשטאַב, און קעגן ציוניזם. די פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, וועלכע ווערן איינגעאָרדנט אין גאַנצן לאַנד, ווייזן דערויף, אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט באפרייט זיך פון די קליינבירגערלעכע פענטעס און פון יידישן קלער.

II-טער צוזאמענפאָר פון קפּפּ 1923.

(„ז פּאָלאַ וואַלקי", נומ. 3, וואַרשע 1958, זייטן 173—171).

*

*   *

ח׳ ס א נ ד ע צ ק י : כ׳האָב נישט געהאַט בדעה צו נעמען א וואָרט, וויל איך בין מסכים מיט די טעזן. אָבער דערפאַר וואָס עס זענען באַרירט געוואָרן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראגן פון דעם געביט פון דער יידישער אַרבעט, וואָלט איך געוואָלט באַלייכטן געוויסע מאָמענטן און צעשטרייען א ריי לעגענדעס, וועלכע זענען פארבונדן מיטן אַנטשטיין פון „קאָמבונד" און פון אונדזער באַציונג צו אים. דאָס וועט אָן ספק צוהעלפן דער גאַנצער פּאַרטיי צו דער וואָס שנעלערער ליקווידירונג פון די טיספאַרשטענדענישן, וואָס עקזיסטירן נאָך אויף דעם געביט.

---

* אין דער צייט זענען געווען אַרויסגעגעבן 2 לעגאַלע קאָמוניסטישע צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך: „דאָס לעבן" אין קראָקע און „די צייט" אין לעמבערג. (באַמערקונג אין אָריגינאַל).

דער קאַמף פון די יידישע אַרבעטער קעגן סאָציאַל-נאַציאָנאַליזם און פשרה איז אין משך פון זיין גאַנצער היסטאָרישער אַנטוויקלונג געפירט געוואָרן אונטער דעם לאָזונג פון אָנשליסן זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פון דעם פוילישן פּראָלעטאַריאַט. די יידישע אַרבעטער האָבן פאַרשטאַנען, אַז זייענדיק אָפּגעריסן פון די קעמפנדיקע רייען פון פוילישן פּראָלעטאַריאַט — זענען זיי פאַרמשפּט אויף פּאָליטישער אָנמאַכט; זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ דער ענגסטער צוזאַמענבינדונג מיט די פּוילישע אַרבעטער אין די ראַמען פון אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע וועט זייער אָנטייל אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף זיין אַ מינימאַלער. דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס שוין אין די יאָרן 1918—1920 האָבן די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — אין אַ גרעסערער מאָס ווי די פּפּס — גענומען זיך צעפאַלן. אין יאָר 1920—1921 דערגייט דער דאָזיקער פּראָצעס צום קולמינאַציע-פּונקט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסנווייזער אריינטריט פון יידישע אַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אונדזער פּאַרטיי האָט זיך דעמאָלט געשטעלט די אויפגאַבע די וואָס שנעלסטע אַסימילירונג פון די דאָזיקע אַרבעטער אויף דער באַזע פון אַ קלאָרער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּלאַטפאָרם, וועלכע זאָל אוממעגלעך מאַכן יעטוועדן פּירוש אין אויטאָנאָמיסטישן גייסט.

נאָכן אַנטשטיין פון „קאָמבונד“ האָבן מיר דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געשטעלט אַלס די וויכטיקסטע אויפגאַבע — פאַראייניקן זיך מיט אונדזער פּאַרטיי. דער עקזעקוטיוו פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אָבער געשטעלט אויף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, פאַרלאַנגענדיק אויפצוהאַלטן אַ באַזונדערע יידישע אָרגאַניזאַציע. דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט גערעכנט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט ער לייכטער ענדגילטיק צעקלאַפּן דעם „בונד“. מיר האָבן דעמאָלט געוואָרנט דעם עקזעקוטיוו, אַז דאָס קאָן שאַפן אָפּזונדערונגס-טענדענצן, און מיר האָבן פאַרלאַנגט די פאַראייניקונג. צו דעם צוועק בין איך געשיקט געוואָרן צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, כדי פּערזענלעך גענוי באַלייכטן די פראַגע פאַר דעם עקזעקוטיוו. אין דעם מעמאָריאַל צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָב איך געשריבן צווישן אַנדערן:

„דער „קאָמבונד“, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין דער אַטמאָספער פון קאַמף פאַר אַן איינהייטלעכער פּאָליטישער און פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע, האָט געמוזט גאַנץ נאַטירלעכערווייז תיכף אָן פאַרבאַהאַלטן זיך שטעלן אויפן דאָזיקן שטאַנדפּונקט און מאַניפעסטירן זיין שטרעבונג צו אַ וואָס שנעלערער פאַראייניקונג“.

און ווייטער.

„דער, וואָס קען די באַציונגען אין דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין פּוילן, דער ווייס, אַז ווען דער „קאָמבונד“ וואָלט טאַקע די דאָזיקע

מענדענצן נישט ארויסגעבראכט, וואָלט זיין עקזיסטענץ געווען אומ־מעגלעך.

...איצט איז דער „קאָמבונד" שוין נישט קיין צוציונגס־כוח. די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע מוז דערפירן צו איר אינערלעכער צעפאַלונג".

דער דאָזיקער מעמאָריאַל האָט געהאַט די פעולה, אז דער ח' זינאָוויעוו איז אין זיין בריוו צו אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט און צום „קאָמבונד" געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אז דער „קאָמבונד" איז אן איבערגאַנגס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר הויפּט־אויפגאַבע איז זיך צו פאַראייניקן מיט דער קפּפּ.

אין אונדזערע באַציונגען מיטן „קאָמבונד" האָבן מיר געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק. פון איין זייט האָבן מיר פולשטענדיק בולט געשטעלט די פראַגע פון פאַראייניקונג און באַקעמפט יעדע אָפּזונדערונגס־שטרעבונג, און פון דער צווייטער זייט האָבן מיר געמוזט צוזאַמענאַרבעטן מיט די חברים פון „קאָמבונד", שטרעבנדיק צו דער מאַקסימאַלסטער דערנענטערונג זייערער און אַסימילירונג מיט אונדז. די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער פּאָליטיק זענען בלי ספק געווען גוטע. אויפן IV קאָנגרעס (פון קאָמינטערן) האָט א דעלעגאַציע פון „קאָמבונד" צוזאַמען מיט אונדז באַקעמפט די שטרעבונג פון ח' ראַדעק צו שאַפן א באַזונדערע יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע זאָל זיין פעדערירט מיט אונדזער פּאַרטיי. אין דער פראַגע פון די (יידישע) ביוראָען האָט דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל אויך געהאַט א קעגנזעצלעכע שטעלונג צו אונדזערער.

אונדזער ארבעט אין משך פון יאָר האָט אויף אזוי ווייט דערנענטערט די ארבעטער פון „קאָמבונד" צו אונדזער פּאַרטיי, אז געוויסע אָרגאַניזאַציעס פון „קאָמבונד" האָבן פאַרן IV קאָנגרעס קאַטעגאָריש געפאָדערט די ליקווידאַציע פון „קאָמבונד". אין טייל ראַיאָנען האָבן די קאָמבונדיסטן סטיכיש זיך געמאָלדן צו אונדזערע פּאַרטיי־קאָמיטעטן, בעטנדיק אָנצונעמען זיי אין דער אָרגאַניזאַציע.

גלייכצייטיק אָבער האָבן מיר געפירט מיט די קאָמבונדיסטן אַ שאַרפן קאַמף אין אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. מיר האָבן אונטערגעשטראָכן, אז די יידישע ביוראָען קאָנען זיין בלויז הילפס־אָרגאַנען פון די פּאַרטיי־קאָמיטעטן פאַר דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן די יידישע ארבעטער. די דאָזיקע ביוראָען קאָנען נישט האָבן קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע פונקציעס און מוזן אַרבעטן אונטער דער דירעקטער אָנפירונג פון די אַנטשפּרעכנדיקע קאָמיטעטן. נאָך לאַנגע וואַקלעניש האָבן די פירער פון „קאָמבונד" ענדגילטיק אָנערקענט אונדזער שטאַנדפּונקט פאַר ריכטיק, פאַרלאַנגענדיק אָבער, אַז די ביז איצטיקע אָפּטיילונגען זאָלן זיך רופן ביוראָען פון די יידישע סעקציעס און דער עקזעקוטיוו פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט אונטערגעשטיצט דעם באַשלוס פון די קאָמבונדיסטן.

ווי איר זעט איז אונדזער ליניע אין באַצוג צום „קאָמבונד" געווען אַ פולשטענדיק קלאָרע. דאָס זעלבע קאָן אויך באַשטעטיקן אונדזער גאַנצע ליטעראַטור פון דער צייט. די דאָזיקע קלאָרקייט פון אונדזער שטאַנדפונקט האָט אָפּגעשטויסן פון אונדז די וואַקלדיקע עלעמענטן פון „קאָמבונד". נאָך דער פאַראייניקונג איז א טייל פון זיי צוריק אַוועק צום „בונד", וואָס איז בלי ספק געווען א געזונטע דערשיינונג. ביים דעצידירן די פראַגע, צי מען דאַרף ענדערן דעם פונקט פון דעם סטאַטוט בנוגע די יידישע ביוראָען, מוז די פאַרטיי זיך רעכענען מיט אַלע מאָמענטן, וואָס האָבן ביגעטראָגן צום שאַפן די איצטיקע פאָרם פון די יידישע ביוראָען.

אין איצטיקן מאָמענט שטייט די פראַגע אַזוי: עס זענען געווען פעלערן אין אונדזער אַרבעט, עס זענען געווען ערנסטע פעלערן, צום ביישפיל, אין דער שול-פראַגע.* איצט האָט מען דאָס קאָרעגירט און מען וועט נאָכמער קאָרעגירן אין שייכות מיטן נייעם קורס פון דער פאַרטיי. שוין פאַר דעם איצטיקן צוזאַמענפאָר האָבן מיר אונטערגענומען אַן ערנסטע אַרבעט אין דער ריכטונג. נישט אמת איז אָבער די פעסטשטעלונג, אַז די יידישע ביוראָען האָבן נישט דערלאָזט צום שאַפן איינהייטלעכע פאַרטיי-קערפערלעך, וואָס נעמען אַרום יידישע און פוילישע אַרבעטער. באָגען האָט די דאָזיקע פראַגע שוין באַלויכטן. איך וויל די חברים דערמאָנען, אַז אין 1923 האָבן מיר געמוזט פירן א קאַמף מיטן לאָדזשער קאָמיטעט, כדי נישט צו דערלאָזן צום שאַפן א באַזונדערע יידישע „דזשעלניצע". מיר האָבן זיך אויך געוואָנדן צום וואַרשעווער קאָמיטעט אין דער פראַגע פון ליקווידאַציע פון דער מוראַנאָווער „דזשעלניצע". מיר האָבן אָבער שטענדיק אָנגעטראָפן אויף דעם ווידערשטאַנד נישט בלויז פון געוויסע יידישע חברים, נאָר אויך אויפן בולטן אופן פון די פוילישע חברים. אַזוי איז געווען. איך האָב דערויף באַוויזן (א שטימע: „נישט אמת, דאָס איז נישט געווען!"). **

די נייע יידישע ביוראָ וועט מוזן שטרעבן דערצו, אַז עס זאָלן ענדגילטיק ליקווידירט ווערן די באַזונדערע יידישע ראַיאָנען דאָרט, ווו זיי עקזיסטירן. די גאַנצע פאַרטיי מוז מאַכן א גרויסע אָנשטרענגונג אין

---

* דער חבר סאַנדעצקי מיינט דאָ די רעוויזיע פון דער ר י כ ט י ק ע ר שטעלונג פון דער קפפ ביזן יאָר 1925 וועגן איר אָנטייל אין דער „צישאָ" אַלס דעמאָקראַטישער מאַסן-אָרגאַניזאַציע. (רעד.).

** דער מוראַנאָווער ראַיאָן, ווו עס האָט זיך גרופּירט דער גרעסטער טייל יידישע פאַרטיי-חברים און בכלל אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער איז קיינמאָל נישט ליקווידירט געוואָרן, ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אינטערנאַציאָנאַליזירן דעם ראַיאָן. דאָס איז טאַקע שפּעטער געשען. פאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, למשל, ווי די יידישע שוסטער זענען אַריבער צום פאָוואָנזקער ראַיאָן. די פוילישע טראַמוואַי-אַרבעטער פון דער מוראַנאָווער רעמיזע זענען באַדינט געוואָרן פאַרטייאיש דורך דעם מוראַנאָווער פאַרטיי-קאָמיטעט. אויך די פאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע פון דער פאַבריק „אָפּוס" איז באַדינט געוואָרן דורכן מוראַנאָווער פאַרטיי-קאָמיטעט (רעד.).

דער דאָזיקער ריכטונג. עס וועלן, פאַרשטענדלעך, זיין געוויסע שוועריקייטן, וועלכע מוזן אָבער ווערן איבערגעבראָכן. אויב עס גייט אין דער פראגע פון דער יידישער ביוראָ גופא, וועלן מיר די פראגע ברייטער ארומרעדן אויף דער קאָמיסיע. אָבער שוין דאָ וואָלט איך געוואָלט באַמערקן, אַז די מורא פון טייל חברים, אז די געוויילטע יידישע ביוראָען זאָלן נישט ווערן קיין באַזע פון אָפּזונדערונגס=טענדענצן אין דער פאַרטיי זענען שטאַרק איבערגעטריבן. ווייל מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אז עס איז צווישן אונדז נישטאָ קיין מיינונגס=פאַרשידנקייט בנוגע דעם, אז די פאַרטיי=קאָמערלעך, נישט די ראַיאָנען, דאַרפן זיין איינהייטלעכע, אַז מען דאַרף די אָפּגעזונדערטע ראַיאָנען תיכף ליקווידירן. וועגן וואָס אַלזאָ גייט עס? עס גייט אין דעם, אז די חברים, וועלכע זענען טעטיק צווישן די יידישע אַרבעטער, זאָלן קאָנען אויף זייערע קרייז= און לאַנד=קאָנפערענצן פאָרשטעלן די אַנטשפּרעכנדיקע פאַרטיי=קאָמיטעטן א ליסטע פון די חברים, וועמען זיי האַלטן פאר די פאַסיקסטע אָנצופירן מיט דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער און אגיטאַציע=טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאסן. די קאָמיטעטן (פון די קרייזן און דער צענטראַל=קאָמיטעט) האָבן, פאַרשטענדלעך, דאָס רעכט צו באַשטעטיקן אָדער אָפּוואַרפן די דאָזיקע ליסטע, ווי אויך דאָס רעכט פּשוט צו באַשטימען אַן אַנדער צוזאַמענשטעל פון דער ביוראָ. *

וועלכן ציל האָט טאַקע אַזאַ סטרוקטור פון די יידישע ביוראָען? בלויז איינעם: די ענגסטע פאַרבינדונג פון די פירער פון דער יידישער אַרבעט מיט זייער טעטיקייטס=געביט. ביי דער לעבהאַפטער פאַראינטערעסירונג מצד דער גאַנצער פאַרטיי מיט די פּראָבלעמען, וואָס גייען אָן די יידישע אַרבעטער און ביי דעם סיסטעמאַטישן אָנפירן מצד די פאַרטיי=קאָמיטעטן מיט די דאָזיקע געהילפס=אָרגאַנען פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע — איז אויסגעשלאָסן יעדע סכנה פון אויטאָנאָמיזם.

די גאַנצע פאַרטיי מוז זיך פאַראינטערעסירן מיטן דאָזיקן קאָמפּליצירטן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּראָבלעם און מיט דער גאַנצער ערנסטקייט צו אים צוטרעטן. איך בין איבערצייגט, אַז דער IV צוזאַמענפאָר וועט דעצידירן די דאָזיקע פּראַגע אין גייסט פון מיינע אויבנאָנגעוויזענע אויספירן.

(III צוזאַמענפאָר פון קפּפּ, וואַרשע 1925 יאָר. זייטן 457—460).

* *

*

וואָס שייך דער יידישער פּראַגע, איז דער טייל פון די טעזן באַדאַי

---

* דער דאָזיקער פאָרשלאַג איז דורכן צוזאַמענפאָר נישט אָנגענומען געוואָרן. די יידישע ביוראָען זענען נישט געוויילט, נאָר באַשטימט געוואָרן דורכן צ.ק., פּונקט ווי אַנדערע אָפּטיילן ביים צ.ק. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז דער נאָמען יידישע ביוראָ געענדערט געוואָרן אויף יידישער אָפּטייל. געוויילטע אָרגאַנען זענען געווען בלויז פּאַרטיי=קאָמיטעטן. (רעד.)

דער בעסטער, איך גיב דאָ אן אַנאַליז פון דער פראַגע. מען דאַרף אים בלויז אַנטוויקלען, אויסברייטערן און מאַכן בולט.

איך וויל ווענדן די אויפמערקזאַמקייט אויף עטלעכע מאָמענטן, וועלכע זענען נישט באַרירט אין אונדזער ליטעראַטור. דהיינו — די פראַגע פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער יידישער געזעלשאַפט. מען קאָן זי נישט פאַראַלגעמיינערן. אין דער הינזיכט עקזיסטירן אין פוילן 3 סיסטעמען: קרעסן, קאָנגרעס-פוילן, מערב- און מיטל-גאַליציע, ווי אויך אַ טייל פון עטנישן פוילן. צום צאַלרייכסטן איז דער אַרבעטער-עלעמענט רעפּרעזענטירט אין קאָנגרעס-פוילן.

די יידישע באַפעלקערונג פון קאָנגרעס-פוילן באַשטייט פון דער גרויס- און מיטל-בורזשואַזיע, קליינבירגערטום און פּראָלעטאַריאַט, דערפון בילדעט די גרויס-בורזשואַזיע אומגעפאַר 5—6 פּראָצענט, די מיטעלע בורזשואַזיע — אַן ערך 15 פּראָצענט, קליינבירגערטום — איבער 60 פּראָצענט, פּראָלעטאַריאַט — מאַקסימום 15—20 פּראָצענט.

קרעסן: קליינבירגערטום איז דאָרט נאָך מער, ווי אין קאָנגרעס-פוילן, באַזונדערס די אָרעמקייט.

מערב-גאַליציע: פּראָלעטאַריאַט איז פאַראַן דאָ נאָך ווייניקער ווי אין די אַנדערע טיילן פון פוילן.

אין וואָס גייט מיר? עס גייט מיר אין דעם, אַז די קאָמוניסטן מוזן אונטערשטרייכן מיט דער גאַנצער בולטקייט, אַז עס איז פאָרגעקומען אַ פּויפּעריזאַציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט און פון דעם קליינבירגערטום. מען דאַרף אין דעם קאַמף קעגן ציוניזם אונטערשטרייכן דעם דאָזיקן מאָמענט, אָנווייזנדיק, אַז די ציוניסטן רוקן אַרויס אַן אוטאָפּישן פּלאַן פון עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע, ווי אויך, אַז בלויז מיר ווילן, נאָכן דורכפירן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, זיין בכוח די דאָזיקע פראַגע צו לעזן.

נאָך איין וויכטיקער מאָמענט, וועלכער איז ביז איצט אין אונדזער אַגיטאַציע נישט גענוג אונטערגעשטראָכן: די נויטווענדיקייט אַנטקעגנצושטעלן דעם ראַטנפאַרבאַנד — פוילן אויף דעם געביט פון לעזן די יידן-פראַגע.

די באַציונג פון דער פאַרטיי צו דער יידן-פראַגע איז אין אָנהייב געווען אַ ניהיליסטישע, דערנאָך אַ פּראַקטיקציאָנעלע, דער פּראַקטיציאָנעלער רעאַליזם האָט געהאַט שלעכטע פאָלגן. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז די יידן-פראַגע אין פוילן איז אַן ערנסטע פראַגע, סיי אין אַלגעמיינעם מאַסשטאַב, סיי אין די ראַמען פון אונדזער אָרגאַניזאַציע.

(III צוזאַמענפאַר פון קפּפּ, וואַרשע 1925. זז. 521—522).

יוסף לעוואַרטאָווסקי

חבר לעוואַרטאָווסקי (פּסעוודאָנימען: „גרינבערג“, „אַראָנסקי“) — איז געבוירן געוואָרן דעם 10 מאַי 1895 יאָר אין ביעלסק־פּאָדלאַסקי.

זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין 1918 יאָר אין דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון. אין יאָר 1920, ווען די רויטע אַרמיי באַפרייט זיין שטאָט, דערנענטערט ער זיך צו די קאָמוניסטן. ווען עס אַנטשטייט דער „רעווקאָם“ — (רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט) אין ביעלסק, ווערט ער זיינער אַ מיטגליד. אין 1921 יאָר איז ער איינער פון די אָנפירער פון דער גרופּע, וועלכע רייסט איבער מיט די פּ. צ. און טרעט אַריין אין דער קפּפּ. ער אַרבעט אין מוראַנאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט און ווערט אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט. אין די יאָרן 1922—1926 איז חבר לעוואַרטאָווסקי סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ.ק. פון דער קפּפּ. חבר לעוואַרטאָווסקי איז דעלעגאַט אויפן II און III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אויפן III פּאַרטייצוזאַמענפאָר ווערט ער אויסגעוויילט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

חבר לעוואַרטאָווסקי ווערט פיל מאָל אַרעסטירט. אין די תפיסה־מויערן איז ער אָפּגעזעסן 10 יאָר. אין די יאָרן 1929—1934 אַרבעט ער אין לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי. ער האָט אויך געאַרבעט אין קאָמינטערן. ער איז אָנוועזנד געווען אויף די צוזאַמענפאָרן פון דער ליטווישער, לעטישער, עסטאָנישער און פינלענדישער קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע איז חבר לעוואַרטאָווסקי באַפולמעכטיקטער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּפּר אין וואַרשעווער געטאָ, וו ער אָרגאַניזירט די פּפּר. ער איז אויך געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ. לויט

זיין איניציאַטיוו און מיטווירקונג ווערן פאַרלייגט די ערשטע קאַמפּס־גרופּן, וועלכע זענען געוואָרן דער קערן פון דער שפּעטערדיקער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (זש. אָ. ב.).

אין 1942 איז דער חבר יוסף לעוואַרטאָווסקי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ און דורך איר אומגעבראַכט געוואָרן.

רעדע פון ח׳ י. לעוואַרטאָווסקי

חבר גרינבערג (אין יידיש):

כ׳וואָלט געוואָלט זיך אָפּשטעלן אויף דער פראַגע פון דעם איינהייטלעכן פראָנט און זיינע קאָנסעקווענצן. איך האָב דעם איינדרוק, אַז דער ח׳ דאָמסקי איז שוין דער לעצטער מאָהיקאַנער פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע. עס איז אָבער אַ נויטווענדיקע זאַך צו פאָרשן די סיבות פון די דאָזיקע טאַקטישע פעלערן, וועגן וועלכע עס האָבן טיילווייז ריכטיק דערמאָנט די ח״ח דאָמסקי און זשוראַווסקי.

ס׳דוכט זיך מיר, אַז די וויכטיקסטע סיבה פון אַלע ביז איצטיקע טאַקטישע אָפּנויגן סיי אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דייטשלאַנד ווי אויך אין דער קפּרפּ זענען די סיבות, וועלכע זענען פאַרבאָרגן אין דער נישט ריכטיקער אָנווענדונג פון דער טאַקטיק פון איינהייטלעכן פראָנט.

גאַנץ אָפט פאַרשטייען נישט די פּאַרטייען, באַזונדערס די יונגע, דעם תוך פון דער דאָזיקער טאַקטיק, זיי פאַרשטייען נישט, אַז אין די מאַסן־באַוועגונגען האַרף מען איינהאַלטן די זעלבשטענדיקייט און די קלאָרקייט פון דער אייגענער ליניע און פּאָליטיק. עס זענען געווען פעלערן אויך פון אַן אַנדער מין. מורא האָבנדיק צו פאַרלירן די ליניע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט מען פאַרגעסן די מאַסן־באַוועגונג.

די פעלערן פון דער דייטשישער פּאַרטיי אין דער צייט פון דער ראַטענאַו־אַקציע,* די פּאַסיווקייט פון דער בולגאַרישער פּאַרטיי בעת דער צאַנקאָוו־איבערקערעניש,** און צום סוף דער מאַנגל אין איניציאַטיוו פון אונדזער פּאַרטיי בעת די דעצעמבער־געשעענישן — אָט דאָס זענען די קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער נישט פאַרשטענדעניש.

אונדזער פּאַרטיי איז באַגאַנגען אַ סך פעלערן. אָבער דוכט זיך, אַז די גרעסטע פעלערן איז זי באַגאַנגען דעמלט, ווען זי האָט געשוויגן, ווען זי האָט נישט פאָרויסגעזען, נישט דערשאַצט די גינסטיקע סיטואַציעס פאַר אַריינציען די ברייטע אַרבעטער־מאַסן אין פּאָליטישע אַקציעס. אונדזער פּאַרטיי האָט נישט שטענדיק אונטערשיידט סטראַטעגיע פון טאַק־

* ראַטענאַו וואַלטער (1867—1922), מיניסטער פאַר אויסערן־ענינים אין דייטשלאַנד. אַן אָנהענגער פון דערנעענטערן זיך צום ראַטנפאַרבאַנד. דערמאָרדעט דעם 24 יולי 1922 דורך אַ נאַציאָנאַליסטיש־טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע.

** אין טאָג פון 9 יולי 1923 יאָר איז אין בולגאַריע פאָרגעקומען אַ פאַשיסטישע איבערקערעניש. די פירער פון פויערים־פאַרבאַנד זענען דערמאָרדעט געוואָרן און בראָש פון לאַנד האָט זיך געשטעלט דער דיקטאַטאָר צאַנקאָוו. (רעד.)

מיק, וועגן וועלכער עס האָט דאָ גערעדט דער ח' ראַדעק.* און מיר ווייסן פון דער געשיכטע פון געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, אַז אויב וועלכע ס'איז פּאָליטישע ריכטונג לערנט זיך נישט אויס פאָרויסצוזען, קאָן זי ווערן אַראָפּגערוימט פון דער אַרענע פון פּאָליטישן לעבן.

דער רעפעראַט פון ח' בראַנד האָט מיך נישט באַפרידיקט. איך האָב זיך גערעכנט אויף אַ געוויסער אַנאַליז פון די אַלע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, מיט וועלכע מיר מוזן זיך פאַרבינדן אין דעם פעריאָד פון קאַמף פאַר מאַכט. באַזונדער גייט מיר דאָ אין דעם לאַגער פון פּילסודסקין. אויב עס גייט אין דער שלאַגעטער-פּאָליטיק * אין דייטשלאַנד, איז אפילו מיר דאָ אין פּוילן פאַרשטייען זי. מיר פאַרשטייען זי דערפאַר, ווייל אונדזערע דייטשישע חברים האָבן געפונען אין איר אַן אַנטשפּרעכיקן שטיץ-פּונקט פאַר זייער אַגיטאַציע צווישן די שיכטן פון קליינבירגערטום און אינטעליגענץ. איך האָב אָבער מורא, אַז דאָס שאַבלאָנישע איבערטראָגן די דייטשישע טאַקטיק אויפן פּוילישן באָדן קאָן דערפירן נישט אַלעמאָל צו גליקלעכע קאָנסעקווענצן. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז פּוילן איז אַן אויסגעשפּראָכן נאַציאָנאַליטעטן-מלוכה און די אויבנדערמאָנטע פראַגע וועט זיין זייער קאָמפּליצירט. פּילסודסקי האָט נאָך נישט אָפּגעזונגען זיין שוואַנען-ליד און מען דאַרף זיך ריכטן, אַז ער וועט נאָך אַרויפשווימען אויף דער פּאָליטישער אַרענע. נישט געקוקט אויף דער זייער שווערער לאַגע, גלייב איך אָבער, אַז די פּאַרטיי וועט דערפילן די אויפגאַבן, וועלכע דער איצטיקער מאָמענט האָט פאַר איר געשטעלט.

II-טער צוזאַמענפאָר פון קפּרפּ אין 1923 יאָר.

„ז פּאָלאַ וואַלקי“ נומ 4, וואַרשע 1958, זייט 178)

---

* אַלבערט — לעאָ שלאַגעטער (1894—1923) — איז געווען איינער פון די פירער פון דער אולטראַ-רעאַקציאָנערער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, וועלכע האָט באַקעמפט דעם ווערסאַלער טראַקטאַט און געפאָדערט צו פאַראייניקן דעם רור-געביט מיט דייטשלאַנד. שלאַגעטער און זיינע שותפים — דאָס איז דער אָנהייב פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד.

שלאַגעטעריאַדע האָט באַדייט אַ באַשטימטע, קאָנקרעטע פּאָליטיק פון דייטשישע און פּוילישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אין הסכם מיט דער לעניניסטישער אייַנשטעלונג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט אָנגעפירט דורך זיין קאָמוניסטישער פּאַרטיי דאַרף איבערציען אויף זיין זייט די אומצופרידענע קליינבירגלעכע, פּויפּעריזירטע מאַסן און אינטעליגענץ (אין דייטשלאַנד אומצופרידענע מיטן פאַרהאַסטן ווערסאַלער טראַקטאַט, אין פּוילן — מיט דער ענדעקישער פּאָליטיק, וועלכע האָט געשטעלט אין אַ סכנה די דעראָבערטע אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן) פאַרגעלייגט טעטיק צו זיין צווישן די דאָזיקע מאַסן, כדי זיי צו געווינען אַלס פאַרבינדעטע פון פּראָלעטאַריאַט.

דעם חבר לעוואַרטאָווסקים באַוואָרעניש צו דער שלאַגעטעריאַדע האָבן וואַרשיינלעך געהאַט אין זין דעם אומשטאַנד, אַז די פּילסודטשיזנע איז נישט דער רעפּרעזענטאַנט פון די דאָזיקע אומצופרידענע קליינבירגערלעכע מאַסן און אינטעליגענץ און אַז מיט איר (פּילסודטשיזנע) קאָנען נישט געמאַכט ווערן קיין בלאָקן. (רעד.)

גרשון דוא

גרשון דוא־באגען איז געבוירן געוואָרן אין 1892 יאָר אין אַן אַר־בעטער־פאַמיליע. אין יאָר 1909 טרעט ער אריין אין פועלי־ציון. אין

1916 ווערט ער ארעסטירט דורך די דייטשישע אָקופּאַנטן און פאַרשיקט אין לאַגער אין האָ־וועלבערג. אין 1918 י. ווערט ער באפרייט. אלס פאָרשטייער פון פועלי־ציון ווערט ער א מיטגליד אין ווארשעווער ראט פון ארבע־טער־דעלעגאַטן. פאַרפאָלגט פון דער פּאָליציי, אַנטלויפט ער קיין פּאַלעסטינע, וו אין יאָר 1920 אָרגאַניזירט ער די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אין 1921 קומט ער צו־ריק קיין פּוילן און ווערט א מיטגליד פון דער קפּפּ. ער ווערט פיל מאָל ארעסטירט און זיצט אין ווארשעווער און לאָדזשער תפיסות. גרשון דוא איז געווען טעטיק אין דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ. ק. פון קפּפּ און אין דער צענטראַלער יידישער פּאַרטיי־רעדאַקציע. ער נעמט אָנטייל אין אַלע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן. איז אַ מיטגליד פון צ. ק. פון מערב־ווייסרוסלאַנד. אין די יאָרן 1936—1935 איז ער אין דער לאַנד־אַנפירונג (סעקרעטאַ־ריאַט) פון דער קפּפּ. ער איז אויך דעלעגירט צו דעם צענטראַלן יידישן אַפּטייל ביים צ. ק.

אין 1936 יאָר ווערט גרשון געשיקט קיין שפּאַניע. אין דער ברי־גאַדע אויפן נאָמען פון יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי אָרגאַניזירט ער די יידישע קאָמפּאַניע א. נ. נפתלי באָטווין. נאָכן פאַל פון רעפּובלי־קאַנישן שפּאַניע געפינט ער זיך אין פּאַריז, וו ער איז ווייטער טעטיק צווישן די פּוילישע יידישע עמיגראַנטן. אין 1942 יאָר געלינגט אים מיט דער הילף פון חברים אריבערצופאָרן קיין קובאַ, וו ער פאַרנעמט זיך מיט פּאָליטיש־קולטורעלער אויפקלער־אַרבעט. אין 1947 יאָר קומט גרשון דוא צוריק קיין פּוילן און שטעלט זיך גלייך צו דער פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סביבה.

ווי באַקאַנט קומט ער אום אין אַן אויטאָ-קאַטאַסטראָפע אין דער געגנט פון קאַטאָוויץ.

גרשון דוא-באָגען איז געווען נישט בלויז פובליציסט, נאָר שריפטשטעלער. אין פאַרלאַג „יידיש בוך" זענען דערשינען צוויי ביכער זיינע פון אַ בעלעטריסטישן כאַראַקטער. אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט געפינען זיך זיינע נאָך נישט ארויסגעגעבענע מאַנוסקריפטן.

רעדע פון גרשון דואַ-באָגען

חבר באָגען (אין יידיש):

די פראַגע פון דער באָלשעוויזאַציע פון דער פאַרטיי איז באַדאַי די וויכטיקסטע פראַגע אויפן איצטיקן צוזאַמענפאָר. פון איר הענגט אָפּ די קאַמפּס-איינשטעלונג פון דער פאַרטיי, פון איר הענגט אָפּ די מעגלעכקייט פון פאַרווירקלעכן די אַלע לאָזונגען, וועלכע מיר רוקן ארויס אין אונדזער פאָליטישן קאַמף, ווי אויך די מעגלעכקייט פאַר אַ ראַדיקאַלן קער אויף לינקס.

אויך דער II צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען באַשלוסן, וועלכע — אויב זיי וואָלטן געוואָרן רעאַליזירט — וואָלטן זיי געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער פאַרטיי אין דעם לעצטן פעריאָד. ליידער זענען זיי נישט געוואָרן רעאַליזירט. מען דאַרף דעריבער אַכטונג געבן, אז מיט די באַשלוסן פון III צוזאַמענפאָר זאָל נישט געשען דאָס זעלבע.

די פראַגע פון דער באָלשעוויזירונג איז נוגע קודם-כל דער אינערלעכער אַרבעט, דער אַקטיוויזירונג פון די פאַרטיי-קעמערלעך. אין דער דאָזיקער פראַגע דאַרף מען אָבער נישט זיין עקסטרעם. איך בין נישט מסכים מיט סקולסקין, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען דאַרף מען אויסשטיילן אָדער רעדוצירן צו אַ מינימום ביים ארומרעדן פּאָליטישע פראַגן אויפן קעמערל. דאָס איז נישט ריכטיק. אויף וויפל ס'וועט זיך איינגעבן צו פאַראינטערעסירן די פאַרטיי-מיטגלידער מיט די אינטערנאַציאָנאַלע פראַגן, אויף אַזוי פיל הענגט אָפּ די פאַרבינדונג פון דער פאַרטיי מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אין די טעזן איז נישט גענוגנדיק בולט געשטעלט געוואָרן די פראַגע פון דער פאַרטיי-דיסציפּלין. און דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. אויף דעם געביט דערוואַרט נאָך דער פאַרטיי אַ גרויסע און שווערע אַרבעט. דער אָנטייל פון די מיטגלידער פון אונדזער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע אין דער מאַי-אַקציע פון ה. י. זאָגט עדות דערויף, אַז די פאַרטיי-דיסציפּלין איז נאָך אַלץ די שוואַכסטע זייט פון אונדזער באַוועגונג.

כ'וואָלט געוואָלט מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן, וואָס רירן אָן אונדזער יידישע אַרבעט. אַ פאַקט איז, אַז ביז

איצט איז דער פּראָצענט יידן אין אונדזער פאַרטיי פּראָפּאָרציאָנעל גרע־סער לגבי דער צאָל פּוילישע חברים. דאָס הייסט נישט, אז מען דאַרף די יידישע ארבעט פארקלענערן אָדער באַגרענעצן, נאָר דאָס דאַרף זיין א לערע פאר דעם גאַנצן צוזאַמענפאָר, אז מען דאַרף אָנהייבן אן אינטענ־סיווע און ברייטע אַקציע מיטן ציל אויסצוברייטערן אונדזערע אָרגאַני־זאציאָנעלע איינפלוסן צווישן די פּוילישע ארבעטער, באַזונדערס אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן. וואָס שייך די יידישע ארבעטער דאַרף מען ענדלעך פארענדיקן מיטן ביז איצטיקן אָפּטיילן זיי אין אונדזער אָר־גאַניזאציע פון די פּוילישע ארבעטער. די חברים דאַרפן געדענקען, אז אונדזער קאַמף קעגן נאַציאָנאַליזם און אָפּאָרטוניזם איז שטענדיק געגאַנגען אונטער דעם לאָזונג פון פאַראייניקן זיך מיט די פּוילישע ארבעטער, אונטער דעם לאָזונג פון אן אייגהייטלעכער פּאַרטיי־אָרגאַני־זאציע.

דאָס, וואָס ביז איצט איז די דאָזיקע איינהייטלעכקייט נאָך ווייט נישט געוואָרן רעאליזירט אין דער פּועלער מאָס, איז נישט די שולד פון די יידישע ארבעטער, נאָר פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט די דאָזיקע פראַגע טראַקטירט גלייכגילטיק. די אויפגאַבע פון נאָענטסטן פּעריאָד וועט זיין צו שאַפן איינהייטלעכע פּאַרטיי־קאָמיטעטן, וועלכע וועלן ארומנע־מען אַלע ארבעטער, וואָס זענען באשעפטיקט אין איין ארבעטס־וואַר־שטאַט און ליקווידירן די באַזונדערע יידישע דזשעלניצעס.

עס וועלן זיין שוועריקייטן, קודם־כל שפּראַכלעכע. די פּאַרטיי וועט אָבער בלי ספק זיי דורכברעכן. די ענגסטע פאַרבינדונג פון די יידישע אר־בעטער מיט די פּוילישע ארבעטער איז חוץ דעם דער בעסטער מעטאָד פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם פון אַנטי־יידישע פאָראורטיילן אין די ארבעטער־רייען.

איצט א פּאָר ווערטער וועגן דער פראַגע פון דער יידישער ביוראָ און איר אָרגאַניזאַציאָנעלן געבוי.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט ריכטיק באַשלאָסן, אז די דאָזיקע פראַגע זאָל ענדגילטיק באַשלאָסן ווערן אויפן IV צוזאַמענפאָר. דער דאָ־זיקער באַשלוס איז א ריכטיקער, ווייל די פראַגע איז א קאָמפּליצירטע און די פּאַרטיי מוז זיך אָפּגעבן א רעכענונג פון דער שעדלעכקייט צו רעווידירן דעם איצטיקן צושטאַנד. די יידישע ביוראָ איז נישט בלויז אַן אָפּטייל, וועלכער אַרבעט אויף אייזן סאָציאַלן געביט (שטאָטישער אָפּטייל), אָדער אויפן געביט פון באַשטימטע ארבעטער־אינסטיטוציעס (פּראָפּ. אָפּטייל). די יידישע ביוראָ איז א געהילפס־אָרגאַן פון די פּאַרטיי־קאָמי־טעטן פאַר דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער ארבעט צווישן דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט א באַזונדערע שפּראַך, קולטור און מנהגים. עס גייט אין דעם, אז די יידישע חברים, וועלכע זענען צוזאַמענגעסטן פארבונדן מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען זאָלן זיי קאָנען שטעלן פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי.

כדי די חברים ,וואָס פירן אָן מיט דער דאָזיקער אַרבעט, זאָלן מיט איר זיין צוזאַמענגעשמידט פארבונדן, איז נייטיק צו שאַפן יידישע ביוראָען אויסגעוויילט דורך די יידישע אַרבעטער, פּאַרטיי־מיטגלידער. אויב טייל חברים האַלטן, אַז דאָס איז א געוויסער מין אויטאָנאָמיע, האַלט איך, אַז זיי זענען אין א גרויסן טעות, ווייל זיי נעמען ניט אין אכט די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון דער גאַנצער יידישער אַרבעט. די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון אויבן ביז אונטן, פון פּאַרטיי־קאָמיטעט ביז די קריינז־קאָמיטעטן, וועט זיין אייגהייטלעך. דאָ גייט בלויז אין א געהילפס־אָרגאַן פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וועלכער איז נישט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלער אייגנס און פאַרמאָגט נישט קיין שום אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָמפּעטענצן. חוץ דעם דאַרפן די וואַלן פון די יידישע ביוראָען ווערן באַשטעטיקט דורך די אַנטשפּרעכנדיקע פּאַרטיי־קאָמיטעטן. די געפאַר אַלזאָ פון וועלכן ס'איז אויטאָנאָמיזם און אָרגאַניזאַציאָנעלער באַזונדערקייט איז נישט פאַראַן.

די יידישע חברים שטרעבן נישט צום סעפּארירן זיך פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. עס וועט איצט זיין א וויכטיקע אויפגאַבע פון דער גאַנצער פּאַרטיי צו ליקווידירן ווי צושנעלסטן יעטוועדע אָרגאַניזאַציאָנעלע אָפּגעזונדערטקייט, וועלכע איז נאָך פאַרבליבן.

III צוזאַמענפאָר פון קפּ״פּ אין 1925 יאָר.

זכרונות
כאראקטעריסטיקעס
און ביאגראפיעס

דוד ריכטער

ד ו ד ר י כ ט ע ר איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1897 אין טשענסטאָכאָוו. זיינע יונגע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין חדר און ישיבה. פון 1912 ביז 1915 אַרבעט ריכטער אַלס צייכנער און לאַקערניק אין א מעטאַל=פאַבריק. אין 1914 שטעלט ער זיך אין א פאַרבינדונג מיט רעוואָלוציאָנערע יוגנט=קרייזן, און אין 1915 טרעט ער אַריין אין דער סדקפל, ווו ער טרעפט זיך מיט די רעוואָלוציאָנערע טוער זיגמונט מאָדזשעלעווסקי, שלמה קאַנעמאַן (פּסעוודאָנימען: גראַף, טשערווינסקי). אין די יאָרן 1915—16 איז דוד געווען שוין אין דער פּאַרטיי=אָנפירונג פון יידישן ראַיאָן אין טשענסטאָכאָוו. אין 1916—18 איז ער טעטיק אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. אין 1916 ווערט ער אַרעסטירט דורכן דייטשן אָקופּאַנט, אין 1918 — דורך דער פּוילישער זשאַנדאַרמעריע. נאָך דער פאַראייניקונג פון סדקפל און פּפּס=לעוויצע ווערט דוד ריכטער א מיטגליד פון דער קפּפּ, מיט וועלכער ער פאַרבינדט זיין גאַנץ לעבן.

אין יאָר 1920, בעת דער אַנטיסאָוויעטישער מלחמה איז דוד איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער 1=טער מאַי=דעמאָנסטראַציע אין טשענסטאָכאָוו. ער ווערט אַרעסטירט און פאַרשיקט אין אינטערנירונגס=לאַגער קיין דאָמביע (הינטער קראָקע).

אין די יאָרן 1921—22 איז ער א מיטגליד פון טשענסטאָכאָווער קרייז=קאָמיטעט פון קפּפּ. בעת די וואַלן צום סיים (1922) איז ער געווען סעקרעטאַר פון יידישן סעקטאָר ביים צ.ק. פון „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“. ער רעדאַגירט די יידישע וואַל=ליטעראַטור.

נאָך די וואַלן ווערט ער דורך דער פּאַרטיי געשיקט קיין לאָדזש אויף פּראָפ=אַרבעט. ער ווערט סעקרעטאַר, לכתחילה פון פאַריין פון די שוסטער, שפּעטער — פון די שניידער=אַרבעטער. אין 1924 ווערט ער אַרעס=

טירט און שווערלעך געפייניקט אין דער פּאָליציי. ער זיצט אָפּ 13 חדשים אין תפיסה. אין 1926 זעען מיר שוין דוד ריכטערן אלס סעקרע־טאַר פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון די שניידער־פאַריינען. שפּע־טער איז ער טעטיק אלס סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ.ק. פון דער קפּ פון מערב־ווייסרוסלאַנד. פון 1927 איז דוד טע־טיק אין דער צענטראַלער יידישער פּאַרטיי־רעדאַקציע און איז א מיטגליד פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ.ק. פון קפּפּ. אין 1929 ווערט ער אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 3½ יאָר תפיסה, נאָך דער תפיסה (1932—35) איז ער ווידער טעטיק אין דער רעדאַקציע און אין דער צענטראַלער יידישער ביוראָ. די פּאָליציי פּאָלט אויף די שפּורן פון זיין פּאַרטייאישער טעטיקייט און הייבט אים אָן זוכן. דוד ריכטער גייט אַרי־בער אויף אומלעגאַלע לעבנס־באַדינגונגען.

זיין שפּעטערדיקע טעטיקייט איז דער עיקר פאַרבונדן מיט רעדאַק־ציע־אַרבעטן. אין אלע לעגאַלע פּאַרטיי־צייטונגען, באַזונדערס אין דער „פרייער טריבונע“, אין „פריינד“ איז ער געווען דער פּאַרטייאיש־פּאָראַגנט־וואָרטלעכער און דער הויפּט־פּובליציסט. זיינע פּסעוודאָנימען זענען געווען ד. קליין, ד. לייבין און אנדערע. ער איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער לעגאַלער פּאַרטיי־אויסגאַבע געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון טויט פון קאַרל מאַקס (1933). ער איז געווען אויך רעדאַק־טאָר פון שאַטנס בראָשור „בריוו פון אַ בונדיסט צו בונדיסטן“.

אין 1934 איז דוד ריכטער איינער פון דער דעלעגאַציע, וועלכע איז באַפולמעכטיקט געוואָרן דורך דער קאָמפּאַרטיי צו אונטערהאַנדלען מיטן צ.ק. פון „בונד“ וועגן איינהייטלעכן פראָנט. ער איז איינער פון די מחברים פון דער איינהייטס־פּלאַטפאָרם.

נאָכן פאַרמאַכן פון „פריינד“ ווערט ער געשיקט דורכן צ.ק. פון דער פּאַרטיי אין זאַגלעמביער געגנט אויף אָנצופירן מיט דער יידישער אַרבעט. אָבער שוין האַרבסט 1935 איז דוד ריכטער ווידער אין וואַרשע. ער איז הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער לעגאַלער צייטונג פון דער פּאַרטיי „זיבן טעג“, וועלכע איז דערשינען אין ווילנע. מיט רעדאַקטאָרישער אַרבעט פאַרנעמט ער זיך ביזן פאַנאַנדערלאָזן די פּאַרטיי.

אין די יאָרן 1939—41 איז דוד ריכטער אין ביאַליסטאָק. ער איז טעטיק אין דער סביבה פון די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן.

דער פּאָפּולערער און באַליבטער דורך אַלעמען פּאַרטיי־טוער דוד ריכטער האָט פון זיינע 44 יאָר לעבן 27 יאָר געדינט דער רעוואָלוציאָ־נערער אַרבעטער־באַוועגונג.

מ. מירסקי

„דודל"

אזוי האָט זיך געמאַכט, אַז די פאַמיליע ריכטער איז פאַרבונדן מיט מיינע ערשטע טריט אין דער פאַרטיי. הגם דוד ריכטער דירעקט האָט דערמיט קיין שייכות נישט.

געווען איז דאָס אין טשענסטאָכאָוו אין יאָר 1927. איך האָב באַקומען דעם פאַרטייאישן קאָנטאַקט. געווען איז דאָס אין איינעם אַ האַרבסט־אָוונט. אין אַ טויער פון נייעם מאַרק, באַלד ווי עס הייבט זיך אָן די אַלעע פון „דער הייליקער פאַננע מאַריע" האָט מען מיך געהייסן צוּוואַרטן אויף אַ חבר, וואָס האָט מיר געזאָלט אָנגעבן די דירה, וווּ איך האָב געזאָלט ארויפגיין. פּינקטלעך צו דער מינוט בין איך געווען אויפן „פּאָדפּונקט". דער טויער איז געווען אַ טומלדיקער, מענטשן זענען געגאַנגען אהין און צוריק. מיין אָנוועזנהייט אין אים האָט נישט אַרויסגערופן קיין שום פאַרדאַכט. אגב בין איך נאָך געווען אינגאַנצן אַ ריינער. נאָך אַ פּאָר מינוט וואַרטן, באַמערק איך אַריינגיין אין טויער אַ מענטש פון אַ גאָר קליינעם וווּקס, מיט אַ גאָר קליין פּנים. ער האָט מיט די אויגן אָפּגעמאָסטן דעם גאַנצן טויער און גלייך צוגעגאַנגען צו מיר. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דער מענטש האָט מיך, ווייזט אויס, שוין ערגעץ געזען און געקענט, ווייל אָן צערעמאָניעס האָט ער גלייך צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— גוט'נאָוונט, חבר. קומט מיט מיר — און מיר דערלאַנגט זיין קליינע האַנט. מיר זענען ארויס אויף דער טומלדיקער אַלעע און זיך אויסגעמישט מיטן געדיכטן עולם. נאָכן אָפּמשלן מיר געננוי די גאַס, דעם טויער, די אַפּיציינע און די זייט רעכטס פון דער דירה, גיט ער פּלוצעם אַ זאָג:

— איך בין דודס ברודער.

ער האָט באַמערקט, אַז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט האָט אויף מיר קיין שום איינדרוק נישט געמאַכט, ווייל תיכף נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן:

— איר קענט מסתמא דוד ריכטער. איך בין זיין יינגערער ברודער.

אינעם טאָן האָב איך דערפילט, אַז דוד ריכטער דאַרף זיין אַ וויכטיקער חבר. און דאָס וואָס ער איז זיינער אַ ברודער איז נישט אָן באַדייטונג פאַר אים, דעם יינגערן, וואָס טראָגט דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען. פאַר מיר איז אַלץ געווען ניי און פרעש. איך גיי צום ערשטן מאָל אויף אַ פּאַרטייאישער זיצונג. לעם מיר גייט אַ מענטש פון זייער אַ קליינעם וווּקס,

איז זייער פריינדלעך צו מיר, איז זייער אָפנהאַרציק, זאָגט מיר זיין פּאַמיליע, וואָס איז נישט געווען אָנגענומען אין די קאָנספּיראַטיווע באַציונגען, און פרעגט מיך אויף אַ חבר, וואָס דאַרף זיין וויכטיק, אויב צוליב אים, האָט ער זיך דערלויבט אויף דעקאָנספּיראַציע. מיר איז געוואָרן טאָפּלט אומאַנגענעם, און מיט דער גאַנצער אָפנהאַרציקייט און מיט אַ שמייכל, ס'זאָל אים נישט וויי טאָן, אַ זאָג געטאָן:

— לייזער, איך קען נישט אייער ברודער. נישט געהערט. נישט אויסגעקומען צו טרעפן זיך. איך בין נישט לאַנג אין דער פּאַרטיי. — נאָר ער האָט נישט שנעל זיך אונטערגעגעבן:

— יאָ, אָבער ער איז באַקאַנט נישט בלויז אין דער פּאַרטיי, אים קענען היל אומפּאַרטייאישע, און ער ליגט גוט אין די בייגער אונדזער קענער. באַזונדערס קענען אים גוט די „אומאָפּהענגיקע" און פּועלי ציון פון טשענסטאָכאָוו. ער איז פּונקט ווי איך אַ געבוירענער אַ היגער. זיין שאַרפע פען שניידט זיי ווי אַ חלף.

אייגנטלעך האָט דער שמועס נישט געהאַט קיין שום שייכות צו מיין פּאַרטייאישער טרעפונג, וועלכע איז מיר קאָנקרעט פּאָרגעשטאַנען. אפילו דאָס גיין מיט אים אויף דער גאַס איז געווען איבעריק, זיין מיסיע האָט זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס ער האָט מיר אָנגעגעבן דעם אַדרעס פון דער דירה, וווּ איך האָב געזאָלט אַרויפגיין. אָבער דער שמועס וועגן זיין ברודער דוד האָט אים אַריינגעצויגן. דאָס געפיל פון ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר זיין ברודער איז געווען, ווייזט אויס, שטאַרקער פון די כללים פון קאָנספּיראַציע. ווען איך האָב אָבער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, אַז איך קען אים נישט און בין איצט נישט געהערט פון אים, האָט ער מיר העפלעך דערלאַנגט די האַנט און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— איר וועט זיך נאָך מיט אים טרעפן!

מיר איז געווען פיינלעך די גאַנצע באַגעגעניש. פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט האָבן געהערט פון אַזאַ חבר!

ערשט אין פיר יאָר אַרום האָט דער גאַנצער שמועס אויפגעטוויכט אין מיין זכרון.

געווען איז דאָס אין וואַרשע, אויף גענשע 6. איך בין געשטאַנען אין טויער און געשמועסט מיטן חבר משה פייערמאַן, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אין דער גרויסער שניט־קראָם פון שאַפּירמאַן אויף גענשע 6. כ'האָב נישט באַמערקט פון וואַנען און ווי אַזוי, צי פון גאַס, צי פון הויף — פּלוצעם האָט זיך לעם פייערמאַנען באַוויזן אַ מענטש פון נידעריקן וווּקס, מיט אַ קליין פּנים, לעבעדיקע אויגן און געדיכטער טשופּרינע האָר. אויף אַ רגע האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ'האָב ערגעץ דעם מענטשן געזען. איך האָב אָבער נישט באַוויזן זיך צוגויפצונעמען מיט די געדאַנקען און דערמאָנען זיך ווי, ווען, ווי משה פייערמאַן האָט אַ זאָג געטאָן:

—איר קענט זיך נישט, דאָס איז דער חבר דוד ריכטער.

FRAJE TRYBUNE

פרייע טריבונע

FRAJE TRYBUNE

דער גרויסער קאמף אין דייטשלאנד

FRAJE TRYBUNE — פרייז 25 גראשן

פרייע טריבונע

Po konfiskacie

Nr. 18 „ZYBN TEG" פרייז 20 גראשן

זיבן טעג

ליטעראריש-געזעלשאפטלעכע וואכנשריפט

1936

אונטערן צייכן פון ארבעטער-אייניקייט

איך האָב דערזען פאַר זיך משענסטאָכאָוו, דעם טויער פון דער אַלטע א. ג. פון דער הייליקער מאַריע און די קליינע פיגור פון זיין ברודער.

אַזוי איז פאָרגעקומען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דוד ריכטער. ער איז געווען זייער ענלעך צו זיין יינגערן ברודער, אָבער העכער פון אים. ער האָט אויסגעזען אויף א יאָר 35. און נערעבט איז געווען זיין ברודער, ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך וועל זיך נאָך טרעפן מיט אים. ווייל ס'איז באמת נישט געווען מעגלעך צו מאַן פאַרטייאישע אַרבעט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג און נישט קענען, נישט באַגעגענען זיך מיטן חבר דוד ריכטער.

דוד ריכטער האָט געהערט צו די מיוחסים אין דער פאַרטיי. זיין פאָליטישער וועג צו דער קאָמפּאַרטיי פון פוילן איז געווען א גראָדער. ער האָט נישט דורכגעמאַכט, ווי פיל אַנדערע יידישע טוער, דעם וועג פון ציוניזם אָדער בונדיזם. ער איז געקומען צו דער קאָמפּאַרטיי צוזאַמען מיט דער סדרקפּל.

דוד ריכטער איז געווען א פאַרטיי-טוער פון א באַזונדערן שניט. ער האָט אין זיך פאַראייניקט פּאָליטישע ערודיציע, פאַרטייאישע דערפאַרונג מיט קינסטלערישער עמפינדלעכקייט. צו דעם איז ער נאָך געווען א בקי אין ש"ס און פוסקים. געלערנט אַמאָל אין א ישיבה. דאָס קינסטלערישע געפילמעסיקע ביי ריכטערן איז דירעקט געקומען צום אויסדרוק אין זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט. צום אונטערשייד פון משה (שלמה) לעווין, וואָס איז געווען נוטה צו וויסנשאַפטלעכער עקזאַקטקייט, איז דוד ריכטער געווען דער זשורנאַליסט מיט קינסטלערישן עספּרי. שוין דאָס אויסערלעכע אין זיין שרייבן האָט אים אויסגעגעבן אַלס קינסטלער. זיין כתב איז געווען פערלדיק. דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכע שריפט. זי האָט תמיד געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט נישט געשריבן מיט קיין פעדער, נאָר געמאָלט מיט א ווייכן פענדזל. דערביי אַזוי דריבנע קליין, ווי מאָן, אָבער זייער דייטלעך און לייכט צום לייענען. ביים אַדיוסטירן עמעצנס אַן אַרטיקל פלעגט ער קונציק זיך אַריינשלייכן צווישן יענעמס שורות, באַפינטלען, באַפּאַסעכן און באַקאָמעצן יענעמס נישט-דייטלעכע וואָקאַלן, אויסנוצן יעטוועדעס איבערגעבליבן ווייס אָרט פון בלעטל. — ביסט דאָן געווען זיכער, אַז פונעם אַרטיקל איז געוואָרן א לייט.

היינט זיינע אָריגינעלע אַרטיקלען אין דער אומלעגאַלער און לעגאַלער פּרעסע. אין אים האָט שטענדיק איבערגעוויגן דער קינסטלער. קלאָר אין געדאַנק, שאַרף און שפּיציק אין דער אַרגומענטאַציע, באַזונדערס אין דער פּאָלעמיק, איז זיין שרייבן ווייט געווען פון יענעם טרוקענעם סטיל, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט אנדערע פאַרטייאישע זשורנאַליסטן. א באַזונדערע ווייכקייט, ריטמישקייט, כ'וואָלט געזאָגט מוזיקאַלישע טאָנאַציע האָט פאַרמאָגט זיין שרייבן. ער איז געווען קורץ און געפּרעסט. ער האָט שטענדיק זיין געדאַנק אַריינגעפּאַסט אין איין זאַץ. און האָט ער זיך ווען ס'איז דערלויבט אויף א לענגערן, צוזאַמענגעזעצטן זאַץ, איז זיין בוי גע-

ווען אַזוי דורכזיכטיק און ריטמיש, אַז די לאָגיק פון געדאַנק האָט דעם לייענער געהאַלטן אין שפּאַנונג.

געשריבן האָט דוד ריכטער וועגן אַלץ. ער איז געווען די פירנדיקע פּען אין דער יידישער רעוואָלוציאָנערער זשורנאַליסטיק. לייט־אַרטיקלען, פעליעטאָנען, פּאָלעמישע און אינסטרואירנדיקע אַרטיקלען, קאָמענטאַרן צו פּאַרטיי־רעזאָלוציעס, אָפּשאַצונגען פון ביכער און טעאַטער־רעצענזיעס. כ'האָב דעם איינדרוק, אַז צום בעסטן האָט ער זיך גראָד גע־פּילט ביים שרייבן די לעצטע. דער עצם־שטאָף איז געווען נאָענט צו זיין קינסטלערישן געמיט. זיינע טעאַטער־רעצענזיעס זענען געווען זייער טרעפלעכע, מיט מאָס און וואָג, מיט גרויס טאַקט לגבי די אַקטיאָרן און רעזשיסערן. ער איז געווען זייער אַ באַשיידענער מענטש. זייענדיק דער עלטסטער צווישן דער יונגער פּלעיאַדע קאָמוניסטישע זשורנאַליסטן, האָט ער זיך געהאַלטן זייער פּשוט, קיינמאָל נישט געגעבן אָפּצופילן זיין לענגערן סטאַזש. פאַרקערט, שטענדיק געווען גרייט צו העלפן אַ יינגערן חבר. אויב דאָס אַרטיקל איז געווען שוואַך און געפאָדערט אַ סך זיץ־פלייש, האָט עס דוד גענומען אויף זיך און געווייסנהאַפט געמאַכט. און ווען ס'פלעגט זיך טרעפן, אַז דודס אַדיוסטאַציע איז געווען פון אַזאַ מין, אַז דער מחבר האָט קוים ז י ך דערקענט אין אַרטיקל, פלעגט דוד זאָגן: נו — דאָס מאָל איז ביי דיר אַרויס אַ גוט אַרטיקל. איך האָב עס מער נישט צוגעשוירן און צוגעפּוצט.

דוד ריכטער פלעגט מען רופן „דודל“. די צערטלעכקייט האָט זיך גענומען נישט בלויז מחמת זיין קליינעם וווקס אין סיבטעלע שטריכן, נאָר צוליב דער ליבשאַפט צו אים, וואָס ער האָט שנעל געווינען ביי די אַרומיקע. דער שיינער מין איז באַזונדערס נישט געווען גלייכגילטיק צו אים. און אויך פאַרקערט. אים פלעגט מען מוחל זיין פיל אַזוינס, וואָס אַ צווייטער אויף זיין אָרט וואָלט נישט איין ביטער וואָרט אויסגעהערט. ער פלעגט שרייבן אין דער לעצטער מינוט, ווען דער חלק איז שוין געלעגן אויפן האַלדז. מאָרגן, למשל, איז דער לעצטער טערמין אויף אָפּגעבן אין זאַץ, און ביי דודן איז נאָך אַלץ אין פּראָשעק. ער דאַרף נאָך אָנשרייבן אַן אַרטיקל, פאַרריכטן עטלעכע קאָרעספּאָנדענצן, עטלעכע נאָטיצן אָנשרייבן. אָבער ער פלעגט עס מאַכן. אויפן צווייטן טאָג האָט ער טאַקע געהאַט רויטע אויגן, אַ גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסן, אָבער דעם מאַטעריאַל צוגעשטעלט. און קיינער האָט נישט געהאַט צו אים קיין טענות צוליב דעם. ער פלעגט אַנטוואָפענען מיט זיין אָפנהאַרציקייט, מיט זיין באָהעמישקייט. זיין דריבנער געלעכטער, וואָס פלעגט זיך צעשיטן ווי אַרבעס, פלעגט פאַרגלעטן אינצידענטן, דאגות און צרות. זיין גוטסקייט איז צומאָל געווען אומאָנגענעם. ער האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן, ווען מע פלעגט זיך צו אים ווענדן מיט אַ בקשה. ער פלעגט צוזאָגן און נישט קאָנענדיק דערפילן, אָפּציען, אָפּלייגן, נאָך אַמאָל צוזאָגן. און מיט גרויס קרענקונג פלעגט ער

גרופּע סדקפל־טוער פון טשענסטאָכאָוו.

עס שטייען פון לינקס: ריכטער דוד, קישעפּיצקי שמואל אָפּאַטאָווסקי מאַקס, הירשבערג, צימבערקנאָף, גאָנזוואַ, עס זיצן פון לינקס: ראָזענבערג, גאָנזוואַ, זאָנשינסקי, איזידאָר, סאָבאָל, קאַנעמאַן שלמה (גראַף), צעשינסקי.

שוין דערקלערן די אוממעגלעכקייט פון דורכפירן דאָס אָדער יענץ, און כדי דעם חבר צו טרייסטן צוגעבן: אַ צווייט מאָל וועלן מיר עס מאַכן...

דוד האָט זייער שווער איבערגעלעבט דאָס פונאַנדערלאָזן די פּאַרטיי. אַ מענטש, פאַר וועלכן אויסער דער פּאַרטייאישער אַרבעט, האָט קיין זאַך נישט עקזיסטירט, האָט זיך פילוצעם דערפילט, אַז דער אינהאַלט פון זיין לעבן איז אים פאַרשוואונדן. פיל חברים זענען אַוועק צוריק צו זייער פאַך. דוד האָט נישט געהאַט וווהין צו גיין. אויסער די יאָרן תפיסה, איז ער געווען פּראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער, וווהין זשע האָט ער געהאַט צו גיין? אָבער לעבן האָט מען געמוזט. דעמלט האָט דודן טיילווייז געהאָלפן די פעיקייט צו מאָלן. ער פלעגט מאָלן אויף לייוונט און ווי נישט איז אַדורכקומען. ער פלעגט זיך אָבער קיינמאָל נישט באַקלאָגן, שטענדיק געווען פריילעך, שטענדיק מיטן וויץ, מיטן שמייכל.

דוד איז אומגעקומען בעת היטלער איז אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט זיך דעמלט געפונען אין ביאַליסטאָק. ער איז געווען פון דעם ערשטן פינפטל, וואָס איז רעסטאַווירט געוואָרן אין זייער פּאַרטייאישע רעכט, איז אָנגענומען געוואָרן אין דער אלקפ(ב). ער האָט געזאָרגט פאַר דער עוואַקואַציע פון די חברים ליטעראַטן און זשורנאַליסטן. אַליין איז ער געווען דער לעצטער. אָבער קיין צוג האָט ער שוין נישט געהאַט, איז ער אַנטלאָפן צופוס. די דייטשן האָבן אים דעריאָגט. אַרומגערינגלט און אומגעבראַכט.

אומגעבראַכט אונדזער אומפאַרגעסלעכן דודל — די פירנדיקע פעדער פון דער רעוואָלוציאָנערער יידישער זשורנאַליסטיק.

משה טירמאַן

די ערשטע נומערן „צום קאַמף“

די יידישע מוראַנאָווער „דזשעלניצע“ ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פוילן און ליטע (סדקפּל) האָט אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה דערפילט די נויטווענדיקייט צו קומען מיטן געדרוקטן וואָרט צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן. עס איז דעמלט געווען אַ צייט, ווען די פּראָפעסיאָנעלע פאַרייגען זענען געוואַקסן ווי אויף הייוון, ווען מאסן ארבעטער האָט עס געצויגן אין די רייען פון די ארבעטער־פּאַרטייען, כאָטש זיי האָבן זיך נאָך נישט גענוי אָריענטירט אין די אונטערשידן צווישן זיי. די נויטווענדיקייט איז נאָך געוואָרן גרעסער דערמיט, וואָס די אָפּאָרטוניסטישע ארבעטער־פּאַרטייען אין פּוילן האָבן געהאַט זייערע לעגאַלע אָרגאַנען און פלעגן פאַלש פאָרשטעלן און אָפּשאצן די פּאָליטישע געשעענישן. די פראַגע פון שאפן אן אייגענע יידישע פרעסע, וועלכע זאָל זיך אנטקעגנשטעלן דער קעגנערישער פּראָפּאַגאַנדע, קומען מיטן אמתן רעוואָלוציאָנערן וואָרט צו די יידישע מאַסן איז דעריבער געווען אַ דרינגענדיקע אויפגאַבע פאַר די יידישע סדקפּלאָוויצעס.

אזוי אָרום איז אנטשטאַנען דער אָרגאַן פון סדקפּל אין דער יידישער שפּראַך, די פּעריאָדישע אויסגאַבע — „צום קאַמף“.

*

* *

מען קאָן נישט שרייבן ווי אזוי מען האָט אָרגאַניזירט די טעכניק פון ארויסגעבן אַן אומלעגאַלע צייטונג, ווי אזוי מען האָט זי געזעצט און געדרוקט, ביז מיר וועלן זיך נישט באַקענען מיט דער פּערזאָן, וואָס איז געווען דער מאָטאָר פון דער גאַנצער אונטערנעמונג.

דאָס איז געווען הער חבר אברהם אָדער יוסף ווייצבלום, וועלכן די יידישע אַרבעטער־גאַס האָט געקענט אונטערן פּסעוודאָנים „קאַראָל“, שפּעטער „שכנא קאַראָלסקי“.

דאָס איז געווען נאָך גאָר א יונגער מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. אַ הויכער, שטאַלטנער מיט א געקרייזלטער בלאָנדער טשופּרינע. ער איז געקומען צו דער פּסס־לעוויצע גלייך פון דער שול און זיך געוואָרפן אין דער ארבעט מיטן גאנצן ברען פון זיין יונגער נשמה. אין קורצן האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס גלענצנדיקער רעדנער. זיינע רעדעס האָבן

געשפּרודלט מיט וויסן און עספּרי. ח׳ קאַראָל האָט דערנאָך (סוף 1916 יאָר) דערפירט דערצו, אַז די יידישע גרופּע פון פּפּס־לעוויצע, וועלכע האָט געהאַלטן מיט די צימערוואַלדער לינקע, בעת די פּאַרטיי האָט פאַרנומען אַ וואַקלענדיקע פּאָזיציע, און אויך צוליב דעם, וואָס די פּפּס־לעוויצע האָט דעמלט קעגן דער שטעלונג פון דער יידישער גרופּע געשלאָסן אַ בלאָק מיטן „בונד“ צו די שטאָט־ראַט־וואַלן — איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּאַרטיי און זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון דער סדקפּל („זאַזשאָנ־דאָוועס“). *

דער חבר קאַראָל איז שטאַרק באַליבט געוואָרן ביי די יידישע אַרבע־טער פון דער סדקפּל. אָבער נישט בלויז ביי זיי. ער איז בכלל שנעל פּאָפּו־לער געוואָרן אויף דער אַרבעטער־גאַס. ער פלעגט אָפט קומען אין די קלובן פון „פּועלי־ציון“, „בונד“, „ס.ס.“ און אַרויסטרעטן דאָרט אין די דיסקו־סיעס. ער האָט געוווּנען די מאַסן דורך זיין שיינעם אופן פון רעדן און דורך זיין לאָגישער אַרגומענטאַציע. אפילו זיין זשעסטיקולאַציע האָט גע־האַט א באַזונדערן חן. די מאַסן פלעגן אַרויסווייזן אַן אינטערעס צו אַ דיסקוסיע גאַנץ אָפט בלויז דערפאַר, וואָס ס׳איז באַקאַנט געווען, אַז אין איר וועט אָנטיילנעמען חבר קאַראָל.

*

*   *

נאָך דעם אַריבערפירן די יידישע גרופּע פון דער פּפּס־לינקע אין דער סדקפּל האָט זיך פאַרן ח׳ קאַראָל געשאַפן אַ ברייט פעלד. ס׳האָט זיך אָנגע־הויבן אַ ברייטערע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער. אין דער אַרבעטער־געזעלשאַפט „וויעדזאַ ראָבאָטניטשאַ“, אויף עק גזשיבאָווס־קע און זשעלאַזנע, זענען יעדן פרייטיקצונאַכטס פאָרגעקומען רעפעראַטן מיט דיסקוסיעס פאַר יידישע אַרבעטער, פאַרשטייט זיך, אויף יידיש, וועל־כע האָבן צוגעצויגן מאַסן צוהערער, אפילו מיטגלידער פון אַנדערע פּאַר־טייען. דאָס האָט אויך געצוווּנגען אַ סך מאָל די טוער פון די אַנדערע פּאַרטייען צו קומען אין אונדזער לאָקאַל און אָפּאָנירן אונדזערע רעדנער. מיט איין וואָרט: מען האָט זיך אָנגעהויבן מיט אונדז רעכענען ווי מיט אַ נייעם כוח אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, וועלכן די אַנדערע פּאַר־טייען, איבערהויפּט דער „בונד“, האָבן גענומען שאַרפער באַקעמפן.

אויף די אָנפאַלן פון „בונד“ האָבן מיר אָפט געענטפערט אין דעמל־טיקן לעגאַלן אָרגאַן פון סדקפּל „גאַשאַ טריבונאַ“, אָדער „נאַשאַ ספּראַ־וואַ“, (אָרגאַן פון די ראָזלאַמאָוועס). ביידע צייטונגען זענען אָבער שוואַך

---

* אין 1911 זענען אין דער סדקפּל אַנטשטאַנען צוויי גרופּן: די אָנהענגער פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג (צ. ק.), וועלכע האָבן זיך גערופן „זאַזשאָנדאָוועס“, און אַ גרופּע אינלענדישע טוער, וועלכע האָבן באַקעמפט די הויפּט־פאַרוואַלטונג, האָבן זיך גערופן „ראָזלאַמאָוועס“. (רעד.)

געווען פאַרשפּרייט צווישן די יידישע אַרבעטער. קאַראָל האָט דעריבער פאַר דער פּאַרטיי אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון אַרויסגעבן אַ פּאַרטייאי-שע צייטונג אין יידיש. דער צענטראַל-קאָמיטעט פון סדקפּל האָט אַקצעפּ-טירט דעם פאָרשלאַג פון חבר קאַראָל.

די טעכנישע ארבעט ביים ארויסגעבן דעם פּארטיי-אָרגאן, איז מיר אָנפארטרויט געוואָרן. איך בין דעמלט געווען מיטגליד פון מוראנאָווער ראַיאָן-קאָמיטעט. מיין פּסעוודאָ איז געווען „זשוויאַל“. דער עיקר איז געגאנגען אין דעם, וואָס איך בין פון פאר געווען א זעצער און אונ-טער מיין אויפזיכט האָט זיך געפונען די אומלעגאַלע זעצעריי, אין וועלכער מען פלעגט אויסזעצן פון ציט צו צייט א יידיש פלוגבלעטל. די דאָזיקע זעצעריי, וועלכע האָט זיך געפונען ביי א חברטע אין א קליין, לעצט צימערל אויף קארמעליצקע 5, איז באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך א ביסל שריפט, וואָס חברים האָבן אָנגעטראָגן פון פאַרשידענע דרוקערייען, און מיט גאַנץ פּרימיטיווע מיטלען איז אויסגעזעצט געוואָרן דער ערשטער נומער פון „צום קאַמף“.

געווען איז דאָס קורץ נאָך דער פאַראייניקונג פון אונדזער גרופּע מיט דער סדקפּל, אָנפאַנגס 1917 יאָר.

עס זאָגט זיך לייכט: אויסגעזעצט דעם נומער... די שריפט, וועלכע די דאָזיקע זעצעריי האָט פאַרמאָגט, האָט קוים געסטייעט אויסצוזעצן איין זייטל זשורנאַל-פאָרמאַט. דעריבער האָט מען יעדעס אויסגעזעצטע זייטל געמוזט גלייך מאַטריצירן, כדי צו באַפרייען די שריפט פאַר א צווייטער זייט. דערצו האָט אונדז מיטגעהאָלפן דער מאַטריצירער לייזער רינג, אַן עלטערער ארבעטער פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג „הייגט“, וועלכער האָט געהאַט אַן אייגענע גיסעריי אויף לעשנאָ 6, אין אַ קעלער-שטוב. יעדעס זייטל איז גלייך נאָכן אויסזעצן איבערגעשיקט געוואָרן אַהין און נאָכן מאַטריצירן האָט מען עס צוריקגעבראַכט אין דער געהיימער זעצעריי, ווו די שריפט איז צעלייגט געוואָרן אין פודעלעך, פונוואַנען מען האָט ווייטער געזעצט.

ביים זעצן איז געווען באַשעפטיקט א חבר, וועלכן מען האָט גערופן דער „געלער מאַריץ“. איך האָב אים אויסגעלערנט די מלאכה פון זעצן. ער האָט אין דער דאָזיקער זעצעריי פאַרבראַכט טאָג און נאַכט, געווען שוואַרץ ווי קויל, נישט געפינענדיק קיין צייט זיך אַרומצוואַשן — אַזוי איבערגעגעבן איז ער געווען זיין הייליקער ארבעט. צוזאַמענשטעלן די עמודים און אויספאָרמירן זיי — פלעג איך אליין קומען. אויך דער ח' קאַראָל האָט פיל מיטגעהאָלפן ביים טראָגן די עמודים צום סטערעאָטיפּירן און זיי ברענגען פון דאָרט צוריק. דער ערשטער נומער איז פון די אָפּגע-גאָסענע פּלאַטן געדרוקט געוואָרן אין אַ פּוילישער דרוקעריי.

דאָס דערשיינען פון ערשטן נומער „צום קאַמף“ איז דעמלט געווען אַ גרויס געשעעניש אויף דער יידישער ארבעטער-גאַס און איז אין משך פון עטלעכע טעג צעכאַפּט געוואָרן.

KO PZPR
ARCHIWUM
Nr. 476

'2 tertie' [illegible]

פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט אייך!

צום קאמף

ארגאן פון צענטראל קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי פון פוילן
(סעקציע פון קאמוניסטישן אינטערנאציאנאל)

װארשע, מאנטיק יולי 19:5 — № 2 — פרייז 20 גראשן

פראלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט אייך!

קאמוניסטישע פארטיי פון פוילן (סעקציע פון קאמ. אינטערנאציאנאל)

נידער מיט דער סאנאציע־פאשיסטישער רעגירונג פון הונגער און מלחמה־העצער!
[illegible] די פאשיסטישע מלחמה־פלאנען [illegible]
[illegible] די רעוואלוציאנערע [illegible]
צום קאמף פאר [illegible], גלייכע, [illegible], [illegible] און [illegible]
[illegible], פאר [illegible], [illegible], [illegible] און [illegible]
[illegible] דער [illegible] [illegible] פון מלחמה!

ארבעטער, פויערן פון פוילן!

[illegible]

[illegible]

די גרעסטע געשעעניש איז דאָס אָבער געווען אין די אייגענע רייען. די חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן האָבן מיט פיל ענערגיע און מסירת־נפש פאַרשפּרייט דעם נומער. לויפנדיק מיט די צייטונגען אין אַלע אַרבע־טער־קלובן, אין אַלע פּאַריינען און אַרבעטער־קיכן און אפילו אין די וואַר־שטאַטן.

אין רעדאַקציע־קאָלעגיע פון „צום קאמף" האָט דער צ.ק. אחוץ זיי־נעם אַ מיטגליד באַשטימט די ח"ח: אברהם ווייצבלום (קאַראַל), הענעך זאַטאָרסקי (סמאַשעק) און מיר. אַחוץ די מאַטעריאַלן, וועלכע עס האָט צו־געשטעלט דער צ.ק. און וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרן פון פּויליש, האָבן די מיטגלידער פון רעדאַקציע־קאָלעגיע אליין געשריבן ארטיקלען און נאָטיצן אין יידיש.

דער ערשטער נומער פון „צום קאַמף" האָט אונדז גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט א סך חברים פון דער פּראָווינץ, וועלכע זענען אידעיש געשטאַנען נאָענט צו דער סדקפּל. פון טשענסטאָכאָוו איז געקומען א ספּע־ציעלער שליח פון די אָרטיקע יידישע מיטגלידער פון סדקפּל, כדי אָנצו־בינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער וואַרשעווער מוראַנאָווער „דזשעלניצע". עס זע־נען געקומען יידישע ארבעטער פון מינסק־מאַזאָוויעצק, קאַלושין און גריצע נעבן וואַרשע און געבעטן עטלעכע עקזעמפּליאַרן פון דער צייטונג. מען איז געקומען פון לוקאָוו, בענדין און פּלאָצק. אָבער לײדער האָבן מיר מער קיין עקזעמפּליארן נישט געהאַט זיי צו געבן. דערפאַר אָבער האָבן מיר איינגע־שטעלט מיט זיי א קאָנטאַקט, צוגעזאָגט זיי צושיקן די נאָענטסטע נומערן פון „צום קאַמף" נאָך איידער זיי וועלן קאָלפּאָרטירט ווערן אין וואַרשע.

דער צווייטער נומער „צום קאַמף" איז דערשינען נאָך דער מערץ־איבערקערעניש אין רוסלאַנד במעט אין אַ טאָפּלטער צאָל עקזעמפּליאָרן. מיר האָבן געהאַלטן וואָרט. איידער דער נומער איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין וואַרשע, האָבן מיר אים אַוועקגעשיקט אויף דער פּראָווינץ.

דער דערפאָלג פון צווייטן נומער איז געווען נאָך אַ גרעסערער. אַר־בעטער האָבן געוואַרט מיט אָפענע מיילער צו הערן אַ וואָרט וועגן די גע־שעענישן אין רוסלאַנד. דער לאָקאַל פון דער „ווידזאַ ראָבאָטניטשאַ", וועלכן מיר האָבן געעפנט אין דער יידישער געגנט, אויף קופּיעצקע 14, האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן פאַר צו קליין אויפצונעמען די גרויסע צאָל אַרבעטער, וועלכע זענען געקומען יעדן אָוונט. מיר האָבן געמוזט זיך אי־בערטראָגן אין אַ גרעסערן לאָקאַל פון 5 צימערן אויף נאָוואָליפּיע 30.

*

* *

צוליב די געשעענישן אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן זיך אנטוויקלט מיט א געוואַלדיקער שנעלקייט און געהאַלטן אין שפּאַנונג די אַרבעטער־וועלט, און אויך צוליב דער אָנוואַקסנדיקער נייער פּאָליטישער סיטואַציע אין

פוילן, איז פאַר דער פּאַרטיי געוואָרן אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט צו שאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, אַז דער „צום קאַמף“ זאָל דערשיינען נישט ספּאָראַדיש, נאָר רעגולער. איך האָב באַקומען די אויפגאַבע איינצוהאַנדלען שריפט און אַוועקצושטעלן אַ פאַכמענערישע זעצעריי, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד דעם גאַנצן נומער אויסצוזעצן פּאַראַמאָל און נישט וואַרטן עטלעכע טעג און טיילמאָל וואָכן, ביז עס וועט פּאַרטיק ווערן אַ זייטל (צוליב די שלעכטע אַרבעטס־באַדינגונגען זענען אָפט די שוין־אויסגעזעצטע זייטן צעשאָטן געוואָרן, און מען האָט די שריפט געמוזט אויפקלייבן פון דער פּאָדלאָגע און אָפט אפילו פון טראָטואַר ביים איבערטראָגן דעם זאַץ). מיט גרויס מי און אונטער דער פירמע פון אַ פּראָווינצער דרוקעריי איז די שריפט איינגעהאַנדלט געוואָרן, אָבער זי איז געבליבן ליגן ביי מיר אין שטוב, ווייל ס'איז נישט געווען ווו זי צו לאָקירן און פאַנאַנדערשיטן.

דערווייל האָט מען אין די פּרימיטיווע באַדינגונגען געזעצט דעם דריטן נומער, אָבער מאַטריצירן איז נישט געווען ווו. ביים מאַטריצירער לייזער רינד איז אין צווישנצייט פּאָרגעקומען אַ רעוויזיע. מען האָט גאָר געזוכט פּלאַטן פון פאַלשע ברויט־קאַרטן. נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט ביי אים גאָרנישט געפונען, האָט ער פונדעסטוועגן מורא געהאַט צו ריזיקירן און פאַר אונדז אָפּקלאַפּן דעם נומער. מיר האָבן געמוזט אָנקומען צו זיינס אַ לערנייינגל, וועלכער איז געווען אונדזערס אַ סימפּאַטיקער. דאָס איז געווען דער שפּעטערדיקער איבערגעגעבענער קאָמוניסטישער טוער לייבעלע העכטמאַן, וועלכער האָט מאַטריצירט די זייטן אָן דעם וויסן פון באַלעבאָס, ביינאַכט, ווען לייזער רינד איז געווען באַשעפטיקט ביי זיין נאָרמאַלער אַרבעט אין „היינט“.

ביי אַזעלכע און נאָך אַנדערע שוועריקייטן איז אונדז אויסגעקומען אַרויסצוגעבן דעם דריטן נומער „צום קאַמף“.

ערשט דער פערטער נומער האָט זיך אָנגעהויבן זעצן אין אַ גוט־איינגעאָרדנטער דרוקעריי. דאָס איז פאָרגעקומען כמעט אויף אַ צופעליקן אופן: אויף נאַלעווקי 32 האָט זיך צו יענער צייט געפונען די זעצעריי פון דער יידישער אָרטאָדאָקסישער צייטונג „דער איד“. אין זעלביקן הויף האָט זיך אויך געפונען אַ פּריוואַטע דרוקעריי, וועלכע האָט געהערט צו אַ געוויסן ראַפּאַפּאָרט. אַ ייד, אַ חסיד מיט אַ דיק בייכל אונטער אַ ברייטן ארבע־כנפות. אין אַ צופעליקן געשפּרעך מיטן דאָזיקן דרוקעריי־אייגנטימער, וועלכער האָט זיך פאַר מיר געקלאָגט, אַז ער האָט לעצטנס ווייניק אַרבעט, האָב איך אים פאָרגעלייגט צו זעצן און דרוקן אונדזער צייטונג אויף אַן אומלעגאַלן אופן. איך האָב צוגעזאָגט צו געבן אייגענע שריפט, אַ גוטן זעצער, נו... דער עיקר אַ גוטן פאַרדינסט. דער חסיד איז נאָך לאַנגער קווענקלעניש איינגעגאַנגען אויף מיין פאָרשלאָג און געבעטן, אַז מיר זאָלן אים געבן זיכערע מענטשן צו דער אַרבעט.

ווען איך האָב אים פאָרגעשטעלט דעם זעצער, אונדזער חבר „דער הויכער יאַנקל“, אַ מאָגערער יונגערמאַן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ

ווייצבלום אברהם — קאַראַל קאַראָלסקי אין דייטשישן קאָנצענטראַציע־
לאַגער האַוועלבערג אין 1917 יאָר.

חסידיש היטעלע אויפן קאָפּ, האָט ער זיך פּשוט מחיה געווען: „איר ווייסט — האָט ער מיר מיט התפּעלות געזאָגט — ווען איך זע דעם יונגנמאַן אויף דער גאַס, וואָלט איך געשווירן, אַז דאָס איז אַ ישיבה־בחור״.

ערשט איצט, מיטן פערטן נומער „צום קאַמף״, וועלכער איז דער־שינען אַ שטיק צייט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נאָרמאַלע דערשיינען פון דער צייטונג יעדן חודש, דאָס איז שוין גע־ווען אַ צייטונג פון זעלביקן פאָרמאַט וואָס די דעמלטיקע בונדישע „לעבנס־פראַגן״, נאָר אויף בעסער פּאַפּיר, מיט שענערן דרוק, נישט געקוקט דע־רויף, וואָס זי איז דערשינען נישט לעגאַל.

אויך די טעכניק פון דרוקן איז אונדז אַ סך פאַרגרינגערט געוואָרן. דערפאַר איז די עקספּעדיציע פיל שווערער געוואָרן. מיר האָבן אַליין גע־מוזט איבערטראָגן די צייטונג פון דער דרוקעריי אין אַן אייגענעם צענט־ראַלן סקלאַד, וועלכן מיר האָבן אייגעאָרדנט אין דער אַרבעטער־קיך ביי פּאָליאַקעוויטשעס טאַבאַק־פאַבריק אויף באַניפראַטערסקע־גאַס. מיט דער דאָזיקער טעכניק האָט אָנגעפירט די חברטע טאַשע גרינבערג (מאַרטאַ), וועלכע האָט צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברטעס איבערגעטראָגן די אָפּ־געדרוקטע צייטונגען, אַ סך מאָל ארומגעוויקלט אויפן בויך און דערנאָך אין דער קיך זיי געפּאַלצט און איינגעלייגט צום קאָלפּאָרטירן אָדער פאַר־פּאַקט זיי צום אַוועקשיקן אויף דער פּראָווינץ. דאָס איז געווען אַ שווערע, קאָמפּליצירטע אַרבעט.

דער ח׳ קאַראָל האָט אָבער נישט זוכה געווען צו געניסן דאָס פאַר־געניגן פון נאָרמאַלן דערשיינען פון דער צייטונג. אין מאַי 1918 איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער דייטשישער מאַכט און אוועקגעשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין האָוועלבערג (דייטשלאַנד).

אויך איך האָב זיך נישט לאַנג געפרייט מיטן דערפאָלג פון „צום קאַמף״. אין מיטן זומער 1918 בין איך אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ מסי־רה. נאָכן אָפּהאַלטן מיך עטלעכע טעג בין איך געוואָרן באַפרייט. די פאַר־טיי האָט מיך דעריבער צוגענומען פון דער מוראַנאָווער „דזשעלניצע״ און מיך איבערגעפירט אַרבעטן אין אַן אומלעגאַלער דרוקעריי ביים זעצן דעם „משערוואָני שטאַנדאַר״, „גראָמאַדאַ״ און אַנדערע אויסגאַבן. מיטן רעדאַ־גירן און פאַרשפּרייטן דעם „צום קאַמף״ האָבן זיך פאַרנומען אַנדערע חברים.

נאָכן אַרויסטרייבן די דייטשן פון וואַרשע, איז דער „צום קאַמף״ אַ געווייסע צייט דערשינען לעגאַל. גרויסע, רויטע פּלאַקאַטן אויף די וואַרשע־ווער מויערן האָבן געמאָלדן, אַז דער „צום קאַמף״, הייבט אָן דערשיינען יעדע וואָך.

איך געדענק נאָך, אַז אין די חדשים, ווען דער „צום קאַמף״ איז דער־שינען לעגאַל, האָט זיך די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון דער צײ־

טונג געפונען אויף נאַוואָליפּקי 42 און די געשעפטלעכע זייט פון דער רע־דאַקציע האָט געפירט דער ח' מאקס וויינער.

* * *

*

נאָך איין מאָל האָב איך געמוזט מיטהעלפן דערצו, אַז דער „צום קאמף" זאָל דערשיינען.

דאָס איז געווען אין 1921 אָדער 1922 יאָר. צו יענער צייט זענען אדורכגעפאַלן עטלעכע דרוקערייען אין ווארשע, ווו די פּאַרטיי האָט גע־דרוקט אירע אויסגאבן. עס האָט זיך געשאפן אזא לאגע, אז ס'איז פשוט נישט מעגלעך געווען ארויסצוגעבן וועלכע עס איז אומלעגאלע פּובליקא־ציע. דעמאלט האָט זיך די פּאַרטיי (שוין די קפּרפּ) געווענדעט צו מיר, איך זאָל אָנווענדן אלע מיטלען כדי ארויסצוגעבן א נומער „צום קאמף".

איך האָב דעמלט געארבעט אין דער פּריוואַטער דרוקעריי פון דער פירמע סאָלאָווייטשיק אויף סענאַטאָרסקע 32. דאָרט האָט מען אויך גע־זעצט די באַריכטן פון קרן קימת לישראל, וועלכע עס האָט ארויסגעגעבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

גיין מיט כוח אין וועלכער עס איז דרוקעריי האָב איך נישט גע־קאָנט, ווייל איך בין צופיל באַקאַנט געווען אין דער דרוקער־וועלט. איז מיר איינגעפאַלן א געדאַנק, אז איך זאָל אויסנוצן דערצו די לעגאַליזאַציע פון דער פּעריאָדישער אויסגאבע „דער בוי־ארבעטער", וועלכע איז גע־ווען א לעגאלע אויסגאבע פון דער פּאַרטיי. איך האָב איינגערעדט דער אייגנטימערין פון דער דרוקעריי, זי זאָל אָננעמען צום זעצן דעם „בוי־אר־בעטער". זי האָט זיך געלאָזט צורעדן און צוליב זיכערקייט אוועק מיט דער לעגאליזאציע אין פּאָליציי־קאָמיסאריאט און געפרעגט, צי זי קאָן אָננע־מען די דאָזיקע ארבעט. דאָרט האָט מען נישט געהאט דאקעגן, אָבער מען האָט זי געוואָרנט, זי זאָל נישט פריער דרוקן, ביז זי וועט נישט האָבן די דערלויבעניש פון דער צענזור. מען האָט צוגענומען אַ זעצער און געגו־מען זעצן דעם מאטעריאל פון „צום קאמף".

דער גאנצער נומער איז געוואָרן אויסגעזעצט. אויף דער ערשטער זייט דאָס קעפּל פון „בוי־אַרבעטער" און יעדע זייט געצייכנט מיטן איבער־שריפט „בוי־ארבעטער". נאָכן אויסקאָרעגירן דעם נומער האָט מען די זייטן אוועקגעשיקט צום מאטריצירער, אָבער פון דאָרטן איז געקומען צו־ריק בלויז דער זאַץ, נישט די מאַטריצן און נישט די פּלאַטן. זיי האָבן פון דאָרט אַוועקגעוואַנדערט אין אַ פּוילישער דרוקעריי, ווו מען האָט אָפּגע־האַקט פון די פּלאַטן דאָס קעפּל „בוי־אַרבעטער", צוגעשמעלט דאָס קעפּל „צום קאַמף" און אָפּגעדרוקט דעם נומער.

דער סוד פון אָפּנאַרן דאָס פּאָליציי־פּרעזידיום און די פּרוי סאָלאָווייטשיק איז אפילו דערנאָך אויפגעדעקט געוואָרן דורך די געזעלן, וועלכע האָבן געארבעט ביי רינגדן אין גיסעריי. זיי האָבן אויף א מיטינג פון „בונד“, ווו ס'איז קאָלפּאָרטירט געוואָרן דער „צום קאמף“, דערקענט די זייטלעך פון „בוי־ארבעטער“, וועלכע זיי האָבן מאטריצירט. איך האָב דעמלט געהאַט אַן ערן־געריכט מיטן אייגנטימער פון דער גיסעריי. מיט עטלעכע צענדליק זלאָטעס האָבן מיר פאַרריבן דאָס עסק.

צום גליק איז דער סוד נישט דערגאַנגען ווייטער, און לייזער רינג האָט נאָך נישט איינמאָל אויסגעפירט אַרבעטן פאַר דער קפּפּ.

ז. שימאַנסקי

אברהם

(אַ פּאָר שטריכן צו זיין כאַראַקטעריסטיק)

אברהם זאַכאַריאַש איז געקומען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן ווי הונדערטער און טויזנטער אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. 40 יאָר ווערט זינט ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער מחנה. פון 1918 ביז 1944 יאָר האָט ער טריי געדינט זיין אידעע, דעם אינטערנאַציאָנאַליזם, דער קפּפּ.

אברהם איז געבוירן געוואָרן אין אָסטראָוו מאַזאָוויעצקי. ווי אַלע קינדער, האָט אברהם באַקומען אַ שטרענג-רעליגיעזע דערציונג. דער טאַטע איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיין אַ רב. אַ שטאַרקע איבערלעבונג איז דעריבער געווען פאַר טאַטע-מאַמע, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז שוין אין חדר און שפּעטער אין דער פּראַגער ישיבה ביי מנחם זעמבע האָט אברהם אָנגעהויבן צו לייענען „טרייפענע“ ביכער. צווישן אַלע ברידער און שוועסטער איז אברהם טאַקע צומבעסטן באַהאַוונט געווען אין דער יידישער, רוסישער און וועלט-ליטעראַטור.

די אָרעמקייט אין זיין שטוב איז געווען גרויס און קינדער — 11. אַלע קינדער האָבן דעריבער געמוזט גיין אַרבעטן און פאַרדינען אויף ברויט, אויך אברהם איז צו 14 יאָר אַוועק אַרבעטן אין אַ קאַם-פאַבריקל, ער איז געוואָרן אַ פאַרדינער.

אין די יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה — אונטער דער ווירקונג פון זיין עלטערן ברודער מענדל, א פועלי-ציוניסט — פלעגט אברהם אין די פרייע שעהן קומען אין דער ביבליאָ-

מעק פון דער פּעצעקישער „אַרבעטער־היים“. דאָרט פלעגט ער זיצן אין די אָוונטן און שלינגען — ווי מען האָט געזאָגט וועגן אים — די יידישע און נישט־יידישע ליטעראַטור.

אַלס 15־יאָריקער בחור איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון.

די פּ. צ., ווי אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איז געווען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע אומלעגאַל. דער אַנטי־אָקופּאַנטישער קאַמף איז געפירט געוואָרן דער עיקר דורך אומלעגאַלע אויפרופן, שאַבלאָנירן לאָזונגען אויף די מויערן און דורך אָרגאַניזירן אומלעגאַל גאַסן־מאַניפעסטאַציעס. ביי די אַלע געפערלעכע אַרבעטן איז אברהם שטענדיק געווען. ער פלעגט שטאָלצירן, וואָס די אָנפירונג שענקט אים צוטרוי.

דעם 27־טן אָקטאָבער 1917 איז באַשטימט געוואָרן די ערשטע פּייערלעכע זיצונג פון נאָמינירטן דורכן דייטשישן אָקופּאַנט רעגענטן־ראַט. דאָס איז געווען אַ סוראָגאַט פון אַ פּוילישער רעגירונג. פּאַקטיש — אַן אָרגאַן פון מיטאַרבעט מיטן דייטש־עסטרייכישן אָקופּאַנט.

האָבן זיך דעריבער באַוויזן אויף די וואַרשעווער מויערן־ווענט שאַבלאָנירטע מיט רויטער פאַרב לאָזונגען: „נידער מיטן רעגענטן־ראַט!“, „נידער מיט די אָקופּאַנטן!“, „זאָל לעבן אַ פריי פּוילן!“, „זאָל לעבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע!“. די אַרבעט אין די פינצטערע נעכט פלעגט דער עיקר געטאָן ווערן דורך דער סדקפּל און פּפּס לינקע. דער „בונד“ און די „פּאַרטייניקעס“ האָבן זיך מיט דער אַרבעט נישט פאַרנומען. ביי דער וויכטיקער און געפערלעכער אַרבעט פלעגן די גרופּן פון דער סדקפּל און לינקע פּפּס זיך טרעפן מיט גרופּן פון פּ.צ. לינקע.

די אַמביציע פון אברהמען און זיין גרופּע איז געווען, אַז שאַבלאָנירט מיט די לאָזונגען זאָלן ווערן נישט בלויז די מויערן־ווענט פון די אַרבעטער־ראַיאָנען, נאָר אויך די גאַסן: מאַרשאַלקאָווסקע, קראָלעווסקע און באַזונדערס די סענאַטאָרסקע־גאַס, וווּ עס האָט געדאַרפט פאָרקומען די ערשטע פייערלעכע זיצונג פון דעם רעגענטן־ראַט.

אויף ראָג מאַרשאַלקאָווסקע און קראָלעווסקע האָבן אַרבעטער אין די נאַכט־שעהן רעמאָנטירט די טראַמוויי־ליניע. דער ווינקל איז געווען צוליב דעם שטאַרק באַלויכטן. די דייטשישע שוץ־לייט (פּאָליציי) האָבן באַמערקט פּונדערווייטנס עפּעס פאַרדעכטיקס. דעמלט האָט אברהמס גרופּע שאַבלאָנירט אויף דעם ראָג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אויף די שאַבלאָנירער. דער מיטן שאַבלאָן א. אגד. זענען אַנטלאָפן. אַריינגעפאַלן אין די פּאָליציייִאישע הענט איז אברהם צוזאַמען מיט לייב קראַנצנבלום — „בער“ — שפּעטערדיקער קאָמוניסט און יוסף וואַראָנסקי (געבליבן פּ.צ. איצט אין ישראל). ביי זיי האָט מען געפונען דעם פּענדזל און די רויטע פאַרב. אין דער פּאָליציי־זשאַנדאַרמעריע ווערט אברהם מערדערלעך צעממיתט, געמשפּט ווערט ער דורך אַ מיליטערישן געריכט און פאַראורטיילט אויף 2 יאָר שווערע תפיסה.

אין 10־טן פאַוויליאָן פון ציטאַדעל און אין דער מאָקאָטאָווער תפי־סה איז אברהם אָפּגעזעסן ביז סוף אָקטאָבער 1918 יאָר. פון די קלעפּ אין דער פּאָליציי און שווערע באַדינגונגען אין דער תפיסה ווערט ער קראַנק אויף די לונגען. ער מאכט אדורך אויך א שווערע טיפוס־קראַנקהייט. די תפיסה־חברים האָבן געבעטן הילף, ווייל זיין לעבן איז געווען אין געפאַר. פריינד און באקאנטע האָבן געזאַמלט געלט, אויך די פּעצעקישע פּאַרטיי־קאַסע האָט צושטייער געגעבן אויף קויציע. נאָך שטאַרקע באַמיונגען — עטלעכע וואָכן פאַרן ארויסטרייבן פון פּוילן דעם דייטשישן אָקופּאַנט — ווערט אברהם באַפרייט.

אין דער תפיסה האָט זיך אַברהם נעענטער באַקענט מיט סדקפּלאָווי־צעס און לינקע פּפּסאָווצעס. עס קומען פאָר שמועסן און דיסקוסיעס. און פון דער פריי דערגייען צו אים ידיעות וועגן דיסקוסיעס אין די יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איבער פּראָבלעמען—אַנטשטאַנענע אין רעזול־טאַט פון רוסישן אָקטאָבער. עס דערוועקן זיך ביי אים פּאָליטיש־אידעאָ־לאָגישע ספקות. פיל „באַראַכאָוויסטישע אמתן" הייבן זיך אָן ביי אים צו טרייסלען. אין זיינע „גריפּסן" — ארויסגעשיקטע פון תפיסה — פלעגט ער וועגן דעם אינפאָרמירן זיינע נאָענטסטע.

נאָכן אַרויסרייסן זיך פון דער תפיסה — א קליינער אָפּרו. קומענדיק צוריק צום געזונט, ווערט אברהם אַקטיוו אין דער פּראָלעטאַריש־אינטער־נאַציאָנאַליסטישער אָפּאָזיציע פון דער פּועלי־ציון. די אָפּאָזיציע מיט חיים טויבנשלאַק — מיטגליד פון וועלט־ביוראָ און פון פּוילישן צ. ק. פון דער פּ.צ. — אין דער שפּיץ ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַניזירטער פראַק־ציע מיט איר אייגענער דיסציפּלין און געלט־באַשטייערונג.

אברהם, לייב קראַנצנבלום, ברוך ליבערמאַן, לאָזער זילבערגעלט, פישל ווייסמאַן, שמעון זאַכאַריאַש, משה טושינסקי זענען אין דער אָנפי־רונג פון דער פראַקציע. עס ווערט רייף דער געדאַנק פון איבעררייסן מיט די פּ.צ. און אָנשליסן זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג.

אויף דער פראַקציאָנעלער באַראַטונג ווערט דאָס פּראָבלעם פון אַרויסטריט דיסקוטירט. עס זענען פאַראַן וואַקלדיקע. אברהם פאַרטרעט דעם שטאַנדפּונקט פון שטעלן זיך אין קאָנטאַקט מיט דער סדקפּל און צו־גרייטן דעם אַרויסטריט.

די פּ.צ.־אָנפירונג, סיי די רעכטע און צענטריסטן גרייט זיך אויס־צושליסן פון דער פאַרטיי די אָנפירנדיקע גרופּע פון דער פראַקציע און אַזוי אַרום פאָרמעל אויסמיידן א שפּאַלטונג. זי האָט געגרייט א גרויסע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, וו די אָפּעראַציע האָט געזאָלט געמאַכט ווערן. דאָס האָט פאַרשנעלערט דעם אַרויסטריט פון דער פראַקציע. עס איז צוגעגרייט געוואָרן אַן אידעען־דעקלאַראַציע אָנגעשריבן פון טויבנשלאַק, ביי דער מיטבאַטייליקונג פון אברהם און שמעון זאַכאַריאַש. די פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע טעג פון נאָוועמבער 1918 יאָר אין סימאָנס פּאַ־סאַזש אויף נאַלעווקי 2. תיכף נאָכן אָפּיציעלן רעפעראַט האָט טויבנשלאַק

איבערגעלייענט די דעקלאַראַציע אונטערגעשריבן פון 83 מענטשן, וועלכע האָט געווּפן צו פאַרלאָזן די פּאַרטיי און אָנשליסן זיך אין דער סדקפּל, וועלכע האָט זיך געגרייט צו פאַראייניקן מיט דער פּפּס־לינקע און צו שאַפן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. צוזאַמען מיט 180 מיטגלידער פאַרלאָזט אב־רהם די רייען פון פּ. צ. דאָס איז געווען די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אָפּ־שפּליטערונג אין דער סאָצ.־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין פּוילן אויפן יסוד פון די קאָנסאָלידאַציע־טענדענצן פון די אינטערנאַציאָנאַליסטישע כוחות.

די אַרויסגעטרעטענע גרופּע האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט אַלס יידי־שע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע — נישט פּאַרטיי — מיט אַן אייגענעם קלוב אויף נאַוואָליפּקי 51.

די צייטווייליקע עקזיסטענץ פון דער גרופּע האָט אין הסכם מיט דער איינשטעלונג פון דער סדקפּל־אָנפירונג געהאַט דעם ציל אידעאָלאָגיש צו־גרייטן די גרופּע צום אַריינטריט אין דער קפּרפּ, וועלכע איז אַנטשטאַנען אינעם רעזולטאַט פון דער פאַראייניקונג פון די צוויי רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען: סדקפּל און פּפּס־לינקע. נישט אַלע זענען געווען נאָך רייף צו דעם. אויף די פאַרזאַמלונגען פון דער גרופּע זענען פאָרגעקומען דיסקוסיעס וועגן אופן פון אַריינטריט. צי אַריינטרעטן אַן באַוואָרענישן, צי שטעלן באַדינגונגען, ווי זיכערן די רעכט פון דער יידישער שפּראַך, קולטור אד״גל. די דאָזיקע טענדענצן האָבן געהאַט אַן אָרט צוליב די נאָך פאַראַנענע אַסי־מילאַטאָרישע טענדענצן ביי אַ טייל אָנפירנדיקע חברים פון דער סדקפּל און מאַנגל פון לעניניסטישער איינשטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע בכלל.

אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען איז געווען אַ הייסע דיסקוסיע אַרום דער פראַגע יאָ אָדער נישט אַריינטרעטן אין דער קפּרפּ. נישט בלויז די פראַגע פון באַדינגונגען, שפּראַך און קולטור איז דיסקוטירט געוואָרן, נאָר אויך דאָס פּראָבלעם פון צייט: צי האָט די גרופּע שוין אָפּגעשפּילט איר ראָל מיט איר באַזונדערער עקזיסטענץ לגבי די נאָך פאַרבליבענע אין דער פּ.צ. ראַדיקאַליזירטע עלעמענטן. מיט ברען האָט אברהם פּאַרטייאיקט דעם שטאַנדפּונקט פון אַריינטרעטן אָן באַדינגונגען. ער האָט אויפגעוויזן, אַז די ווייטערדיקע סעפּאַראַטע עקזיסטענץ האָט נישט קיין באַרעכטיקונג. אינעווייניק, אין דער קפּרפּ וועט מען אַגיטירן און קעמפן פאַר אַ ריכטי־קער איינשטעלונג פון דער אַרבעט אין דער יידישער סביבה.

פיל שמועסן און קאָנפערענצן זענען פאָרגעקומען מיט דער סדקפּל אין דער פראַגע. מצד דער סדקפּל זענען געווען דעלעגירט די חברים ווייצ־בלום־קאַראָלסקי, הענריק זאַמאָרסקי (סמאַד) א. אַנד. מצד דער גרופּע — טויבנשלאַק, אברהם א. אַנד. אין די טעג פון דער פאַראייניקונג פון דער סדקפּל און פּפּס־לינקע איז די גרופּע אין איר גרעסטן טייל צוזאַ־מען מיט אברהמען אַריין אין דער קפּרפּ.

אין דעם קלוב פון דער פּועלי־ציוניסטישער אָפּאָזיציע אויף נאָוואָליפּקי 51 פלעגן פאָרקומען אין פאַרשטענדיקונג מיט דער סדקפּל מיליטערישע איבונגען. דאָס זענען געווען צוגרייטונגען צו דער צוקונפטיקער רויטער גוואַרדיע אין וואַרשע. אברהם האָט פלייסיק און דיסציפּלינירט זיך געלערנט. ער האָט אין דעם געזען דעם עמבריאָן פון באַוואָפנטן כּוח פון דעם וואַרשעווער ראַט פון אַרבעטער־דעלעגאַטן.

נאָך זייענדיק אין דער פּ.צ., אָבער שוין אַלס אָרגאַניזירטע רעוואָלוציאָנערע פראַקציע, האָט אברהם, ווי די גאַנצע גרופּע, אַגיטירט פאַר די קאַנדידאַטן פון דער סדקפּל בעת די וואַלן צום וואַרשעווער אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט. ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל ביים אַנטוואָפענען די דייטשישע זעלנער און ביים איבערגעבן דאָס געווער דער סדקפּל, מיט וועלכער די גרופּע איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט. שוין זייענדיק אין דער קפּרפּ אַלס טוער אין פראָפ־פאַריין פון האָלץ־גאַלאַנטעריע (זיין קאָם־סעקציע איז דאָרט געווען אָנגעשלאָסן), ווערן ביי זיין מיטבאַטייליקונג אויסגעוויילט אין וואַרשעווער ראַט פון אַרבעטער־דעלעגאַטן אויך קאָמוניסטן (אויסער בונדיסטן). ס'איז די צייט פון שטורעם און דראַנג. אברהם איז אומעטום טעטיק. אומעטום איז ער דאָ. און אומעטום אין די פאָדערשטע רייען. ווו ערגעץ אַ צוזאַמענשטויס מיט פּאָליציי — האָט מען געקאָנט טרעפן אברהמען.

מיר טרעפן אים אַ צעשלאָגענעם דורך דער פּאָליציי אין דער ערשטער מאַי־דעמאָנסטראַציע פון 1919 — ער פאַרטיידיקט דאַן די פּאַרטייפאָן. דעם 20 יולי, אין טאָג פון סאָלידאַריטעט מיט דער רוסישער און אונגאַרישער רעוואָלוציע, בעת דער מאַניפעסטאַציע פונעם וואַרשעווער אַרבעטער־קלאַס — נעמט ער אָנטייל אין קאַמף מיט דער פּאָליציי אויף ראָג לעשנע און אייזנגאַס. אַ צעשלאָגענער, רייסט ער זיך קוים אַרויס פון די פּאָליציייִשע הענט. דעם 3־טן יולי 1919 אויף דער בלוטיקער דעמאָנסטראַציע פון די באַשעפטיקטע ביי עפנטלעכע אַרבעטן, אין וועלכער עס פאַלן פון פּאָליציייִשע קוילן 3 אַרבעטער, איז אברהם איינער פון אירע אָנטיילנעמער. קיין זאַך שרעקט אים נישט אָפּ. געטריבן פון טיפן באַוווסטזיין און געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט — דינט ער טריי דער רעוואָלוציע.

סוף 1919 ווערט אברהם מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי. אויך דאָרט איז ער טעטיק. ער אָרגאַניזירט אַ קאָמוניסטיש קעמערל, אַגיטירט צווישן די זעלנער קעגן די אַגרעסיע־פּלענער לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד. די אַגרעסיע־פּלענער ווערן באַגלייט מיט אַן אַנטיסעמיטישער העצע. די ייִדן פון די מיליטערישע אייגנסן ווערן צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעשיקט קיין יאַבלאָנגע, אין אַ לאַגער. אויפן וועג ווערט אָרגאַניזירט אַ קאַטאַסטראָפע, ווו הונדערטער ייִדישע זעלנער ווערן לייכט און שווער פאַרוווּנדעט און עטלעכע פאַלן טויט. אברהם, אַליין לייכט פאַרוווּנדעט, פאַרבאַנדאַזשירט מיט שטיקער פון אייגענעם העמד די שווערע וווּנדן פון חבר מיטעק (דעם פאַמיליע־נאָמען געדענק איך נישט).

פרייז 100 מארק
טאג-צייטונג
Undzer weg.
פרייז 800 מארק
אונדזער וועג
Jednodniówka
1923
פון דער רעדאקציע

אברהם אַנטלויפֿט פֿון מיליטער. מיט דער הילף פֿון פֿרייַנד מאַכט ער זיך אַ פֿאַלשן פּאַס אויפֿן נאָמען דוד ווײדע. ער באַהאַלט זיך אויס.

נאָך דער מלחמה ווערט אברהם אַ טריקאָטאַזש־אַרבעטער און איז טעטיק אין פּראָפֿ־פֿאַרייַן פֿון די טעקסטיל־אַרבעטער.

אין די יאָרן 1921—1923 אַלס אַרבעטער אין וואַרשטאַט גיט ער אָפּ די גאַנצע פֿרייַע צייַט פֿאַר פּאַרטיי־טעטיקייט. צוזאַמען מיט די חברים אַבע פלוג, אַבע קאַנטאָר, יודל ראָזענפֿעלד פֿירט ער אָן מיט די שטרייקן אין דער טריקאָטאַזש־בראַנזשע. גלײַכצײַטיק איז ער טעטיק אויפֿן מוראַנאָווער ראַיאָן אַלס מיטגליד פֿון ראַיאָן־קאָמיטעט. מען זעט אים אַלס רעפֿערענט און פּאַרטיי־פֿאָרשטייער אויף די פּאַרטיי־קרייַזן, רויטע פּראַקציעס: ניט בלויז ביי די טעקסטילאָוועס, נאָר אויך ביי די מעטאַל, לעדער, האָלץ, הויז־דינערשאַפֿט א. אַנד. אַרבעטער.

אין דער צייַט קומט פֿאָר אַ ווּקס פֿון דער קפּפּ אין דער יידישער סביבה. די פּאַרטיי דיסקוטירט וועגן די אַרבעטס־פֿאָרמען און לאָזונגען צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. עס איז אויך געווען אַקטועל אַ נייַע שפּאַלטונג אין דער פּ.צ. (שאול אַמסטערדאַם, לעוואַרטאָווסקי). באַזונדערס וויכטיק איז געווען דער פֿאַקט פֿון אַנטשטיין פֿון „קאָמבונד“. עס קומט פֿאָר אַ לאַנד־באַראַטונג פֿון פּאַרטיי־טוער אין דער יידישער סביבה. אויף דער באַראַטונג געפֿינט זיך אברהם צוזאַמען מיט די חברים משה ראַפּעס, דעלעגירט פֿון רוסלענדישן „קאָמבונד“, ישראל גייסט—„מאַריוש“, שאַמע בעקער (דעם פֿאַמיליע־נאָמען געדענק איך ניט), פּיניע פישער — „פּאַווין“, יודל ראָזענפֿעלד, סאַלע ראָטנבערג — „מערע“ און אַנד., די באַראַטונג האָט געהאַט אַ וויכטיקע באַדייַטונג פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון די פּאַרטיי־אייַנפֿלוסן און פֿאַרטיפֿערונג פֿון די נייַע פֿערמענטן אינעם „בונד“ און אין דער פּ.צ.

אין די יאָרן 1921—1923 איז אברהם איינער פֿון די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דער מוראַנאָווער מאַי־דעמאָנסטראַציע. ער אָרגאַניזירט די זעלבסטשוץ אויף צו פֿאַרטיידיקן די מוראַנאָווער פּאַרטיי־פּאָן. בעת דער וואַל־שלאַכט צום סיים אין 1922 יאָר זעען מיר אברהמען אויף וואַל־מיטינגען אין די אַרבעטער־פֿאַרייַנען אַלס אָרגאַניזאַטאָר פֿון „פֿאַרבאַנד פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿון שטאָט און דאָרף“. בעת דער אַקציע ווערט ער אויך דעלעגירט אין פֿאַרשידענע געגנטן פֿון לאַנד אויף וואַל־אַגיטאַציע.

אַרבעטנדיק אין דער פֿאַבריק, ווידמענדיק די פֿרייַע צייַט פֿאַר פּראָפֿפֿאַרייַנישער אַרבעט און פּאַרטיי־טעטיקייט פּלעגט ער אין די שפּעטע נאַכט־שעהן זיצן און שטודירן מאַרקסן, ענגעלסן און לעניגען. ער האָט שטענדיק געפֿונען צייַט, כּדי צו פֿאַרטיפֿערן זייַן וויסן.

אין דער צווייטער העלפֿט 1923 יאָר גייט דורך אַ כוואַליע פֿון שטרייקן אין קוילן־ראַיאָן, אין לאָדזש און אין קראָקע. אויפֿן 2־טן צוזאַמענפֿאָר אַרבעט אויס די פּאַרטיי די ריכטיקע ליניע אין דער נאַציאָנאַלער און פּויערים־פֿראַגע. די פּאַרטיי ניטיקט זיך אין גוטע און געטרייַע

קאַדרען... די פּאַרטיי־אָנפירונג מאָביליזירט די בעסטע פּאַרטיי־מענטשן אַלס פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן. אויך אברהם ווערט מאָביליזירט. אומצופרידן פון באַשלוס אַרויסצוגיין פון פאַבריק, נעמט ער אָן ווי אַ דיס־ציפּלינירטער זעלנער די פּאַרטיי־שליחות אַלס סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט פון שעדלעץ און אומגעגנט. זיין אויפגאַבע איז געווען אַ שווערע. די אָרגאַניזאַציעס זענען געווען צעקלאַפּט דורך דער פּאָליציי. אַ גרויסער טייל פאַריינען געשלאָסן. באַזונדערס איז זיין אויפגאַבע געווען שווער, ווייל די געגנט איז אין גרונט גענומען געווען אַ פּויערישע.

ער פאָרט פון שטעטל צו שטעטל און פון דאָרף צו דאָרף. ער טרעפט זיך מיטן אָרטיקן אקטיוו. ער דערלערנט די אָרטיקע באַדינגונגען.

איבער אַ יאָר צייט זעט מען אברהמען אין די שטעט לאָשיץ, סאָקאָ־לאָוו, לוקאָוו, מעזריטש, ביאַלע, יאַנאָוו, פּאַרטשעוו און אין די אָרטיקע דערפער. אין דער צייט ווערן די אָרגאַניזאַציעס אויפגעבויט. ער פירט אַדורך ראַיאָן־קאָנפערענצן, פאַרבינדנדיק די שטאָטישע מיט די דאָרפי־שע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס און די פּאַרטיי־אַרבעט צווישן די יידישע אַר־בעטס־מענטשן מיט דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־טעטיקייט. יעדן חודש קומט ער מיט באַריכטן צום לאַנד־סעקרעטאַריאַט. ביי מיר אין דעם קליינעם שטיבעלע אויף בוראַקאָווסקע 8 הערט איך זיך צו צו זיינע באַריכטן, וועלכע ער רעפערירט פאַר די סעקרעטאַריאַט־מיטגלידער: וולאַדיסלאַוו קראַיעווס־סקי, יעזשי סאָכאַצקי און פראַנטשישעק גזשעלטשאַק - גזשעגאָזשעווסקי (מאַרטשין). זיינע באַריכטן זענען געווען זאַכלעכע, אַנאַליטישע און אָן לאַ־קיר — ווי מען זאָגט היינט. זיין אַרבעט איז אָפּגעשאַצט געוואָרן זייער הויך סיי פון סעקרעטאַריאַט, סיי פון די אָרטיקע טוער, וועלכע ער האָט פיל געשולט אַלס פּראָפ. רעוואָלוציאָנער.

אין דער געגנט קומען פאָר גרויסע אַרעסטן אין שטאָט און דאָרף. די פּאָליציי זוכט דעם „אָקרענגאָוויעץ" (סעקרעטאַר פון קרייז־קאָמיטעט). אב־רהם באַהאַלט זיך אויס ביי פּויערים. אין אַ פינצטערער נאַכט, איבערגע־טאָן, אַנטלויפט ער קיין וואַרשע און מיידט אויס דעם אַרעסט. אברהם באַ־קומט דעם אויפטראַג זיך צו שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־ווייסרוסלאַנד. ער ווערט געשיקט אַלס סעקרעטאַר פון איר צענטראַלער יידישער ביוראָ. געווען איז דאָס אין דער העלפט 1924. ביז דער העלפט 1925 יאָר איז ער דאָרט טעטיק. אין ביאַ־ליסטאָק, גראָדנע, ווילנע, וואָלקאָוויסק, ביעלסק פּאָדלאַסקי, סאָקאָלקע אאַ. שטעט איז ער דער אָרגאַניזאַטאָר פון די יידישע אַרבעטער, פון די פּראָפ־פאַריינען און שטרייק־קאַמפן. ער איז אויך אין יענער צייט טעטיק אין ביאַליסטאָקער קאָמיטעט. זיין פסעוודאָנים איז „יאַקיב". אין פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט ער געאַרבעט צוזאַמען מיט ליובאַ יאַנקאָווסקאַ (קאָווענ־סקאַ), יאַן באָגדאַן. מצד דעם צ.ק. פלעגט צו זיי קומען דער ח' מילער („שליאָמקע").

די אַנטוויקלטע לעגאַלע און אומלעגאַלע קאָמוניסטישע מאַסן־אַרבעט האָט דער פּאָליציי נישט געגעבן קיין רו. די פּאָליציי־לייט פֿירן אַדורך גרויסע אַרעסטן. די רעוואָלוציאָנערע פּראָפֿ־פֿאַריינען ווערן געשלאָסן און הונדערטער לעגאַלע און אונטערערדישע טוער ווערן אַרעסטירט. אבֿרהם געפֿינט זיך דעמאָלט אין וואַלד אויף אַ קאָנספּיראַטיווער דירה. מען גיט אים צו וויסן וועגן דער געשאַפֿענער לאַגע. מיט דער הילף פֿון חבֿרים געלינגט אים אויסצומיידן אויך דאָס מאָל אַן אַרעסט.

זיין ווונטש איז באַרייכערן זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע דערפֿאַרונגען מיט טעאָרעטיש וויסן. דער דריטער פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר האָט באַשלאָסן טעאָרעטיש צו שולן די פּאַרטיי־קאַדרען. עס ווערט געשאַפֿן די ערשטע פּאַרטיי־שול אין מאָסקווע. זיין ווונטש ווערט דערפֿילט. צוזאַמען מיט די חבֿרים ביערוט, יאַן איזידאָרטשיק, יאַנעק דזבאַנעק, אַדעלע הערץ, יוליאַן לאַזעבניק, אבֿרהם אייכענבוים, ראָמאַן גאַוואָק ווערט אבֿרהם געשיקט אין דער שול. ווי אין דער פּאַרטיי־אַרבעט, אַזוי אויך אין דער שול, איז אבֿרהם פֿון די פֿלייסיקסטע און פֿעיִקסטע.

אין יוני 1926 קומט ער צוריק אין לאַנד. ער אַרבעט אין דער יידישער ביוראָ ביים צ.ק. פֿון דער קפּפּ, רייזט אַרום איבער די גרעסערע און קלענערע שטעטלעך, וווּ עס לעבן און קעמפֿן די יידישע אַרבעטער, אָרגאַניזירט פּראָפֿ־פֿאַריינען און שטאַרקט די עקזיסטירנדיקע. וואַנדערט אין די שטעטלעך מיט פֿאַרלעזונגען, אָרגאַניזירט די פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סבֿיבֿה און פֿאַרבינדט די פּאַרטיי־אַרבעט פֿון קליינעם יידישן שטעטל מיט דער אַלגעמיינער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין שטאָט און אין דאָרף. אים קומען צונוץ זיינע דערוואָרבענע דערפֿאַרונגען פֿון דער צייט, ווען ער האָט געאַרבעט אין דער שעדלעצער געגנט און אין מערבֿ־ווייסרוסלאַנד.

אין דעם יאָר, אין חודש סעפּטעמבער איז ער אָנגעוויזן אויף דער לאַנד־באַראַטונג פֿון פּאַרטיי־טוער אין דער יידישער סבֿיבֿה, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין דאַנציק. אויף דער באַראַטונג איז פֿאָרגעקומען אַן אידעאָלאָגישע דיסקוסיע אין צוזאַמענהאַנג מיטן קריזיס אין דער פּאַרטיי. דער קריזיס איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פֿון דעם אַזוי גערופֿענעם מאַי־פֿעלער, וועלכן די פּאַרטיי איז באַגאַנגען בעת דער פּילסודסקי־איבערקערעניש אין 1926 יאָר.

די באַראַטונג האָט געדויערט צוויי טעג. זיין אָנטייל איז געווען אַ וואָגיקער, באַזונדערס ביים אייַנשטעלן די פּאַרטיי־טאַקטיק אין די באַדינגונגען פֿון פֿאַשיזם. אין דער אַלגעמיינער דיסקוסיע וועגן די סיבות פֿון מאַי־פֿעלער האָט זיך אבֿרהם געשטעלט אויף דער זייט פֿון די אַזוי גערופֿענע מינדערהייטלער. אין דער צייט פֿון פֿערטן פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָר אין די זומער־חדשים 1927 יאָר איז אבֿרהם געווען סעקרעטאַר פֿון דער צייטווייליקער יידישער ביוראָ צוזאַמען מיט די חבֿרים אַבֿע קאַנטאָר, משה גריינביים א. אַנד. די צייטווייליקייט פֿון ביוראָ האָט זיך גענומען דערפֿון, וואָס די ח"ח אַבֿע פֿלוג, שמעון זאַכאַריאַש זענען דעמאָלט געווען אויפֿן IV־טן

צוזאַמענפאַר פון דער פּאַרטיי, און דער חבר יוסף לעוואַרטאָווסקי איז געזעסן אין תפיסה.

*

* *

סוף 1927 יאָר אין טראַמוויי ווערט אברהם דערקענט דורך אַ פּראָוואָקאַטאָר אַ סטודענטין פון ביאַליסטאָק (אידאַ האַלפּערן) — וועלכע גיט אים איבער אין די הענט פון דער פּאָליציי. מען שיקט אים קיין ביאַליסטאָק. דאָרט ווערט ער געפּייניקט. זיין באַקעט לייב ווערט צעמזיקט. מען רייצט אויף אים אַן פּאָליציייאישע הינט, אין זייגע נאָזלעכער גיסט מען אַריין אורין, כדי אים פיזיש און מאָראַליש ברעכן. אַ שוואַכער, קראַנק אויף די לונגען, אָבער מאָראַליש שטאַרק האַלט אברהם אוים די שווידערלעכע מאַטערנישן.

דעם 26-טן אַפּריל 1928 יאָר קומט פאָר דער קאָמוניסטישער פּראָצעס פון „133“. 400 מאשין-זייטן האַלט דער באַשולדיקונגס-אַקט. אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק זיצן קאָמוניסטן — פּאָליאַקן, ווייסרוסן, יידן — אַרבעטער, פּויערים און אינטעליגענץ.

די פּאַרטיי-אָנפירונג האָט באַשלאָסן, אַז אַ טייל פון די באַשולדיקטע זאָל אַרויסטרעטן אויפן פּראָצעס אַלס קאָמוניסטן. צווישן זיי געפינט זיך אברהם, ליובאַ יאַנקאָווסקאַ, פּיאָטר אָרעכווא, וויערא כאַראַנזשאַ, ראָמאַנאַ וואָלף — העלענאַ, וולאַדיסלאַוו אזשאַווא, יאַן באַגדאַן. אָנערקענענדיק זיך אַלס קאָמוניסטן האָבן זיי דערציילט אויפן געריכט וועגן די שרעקלעכע פּייניקונגען און שענדלעכע מעשים פון דער פּאָליציי, וועגן דער פּאַשיסטישער פּאָליטיק לגבי די ווייסרוסישע און יידישע פּאָלקס-מאַסן, וועגן טעראָר און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. נישט איינמאָל האָט מען די באַשולדיקטע געשלאָגן אויפן געריכט און זיי אַרויסגעפירט פון זאַל. דעמלט האָט זיך דערהערט דאָס רעוואָלוציאָנערע געזאַנג פון „133“.

אברהם אין זיין ווירדיקער אַרויסטרעטונג אויפן געריכט האָט אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט.

„איך האָב נישט געהאַט דעם כבוד — האָט ער דערקלערט — צו זיין אַ מיטגליד פון צ. ק. פון דער קפּזב, אין וואָס איך ווער באַשולדיקט. איך בין געוועזן אַ געוויינלעכער מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי“.

נאָך דער דערקלערונג האָט ער דערציילט וועגן זיין וועג, וואָס האָט אים געפירט אין די רעוואָלוציאָנערע רייען.

„אליין בין איך אַ טעקסטיל-אַרבעטער. פון 15 יאָר אַרבעט איך אין דער פאַבריק. מיין אַרבעטס-וואָך איז געווען 72 שעה. אויף די איינציגע פּלייצעס האָב איך געפילט די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלאָאַטאַציע, וואָס האָט מיר גענומען די אויגן אויף דער וועזנטלעכקייט פון קלאַסן-קאַמף און

האָט מיר געוויזן דעם וועג, אויף וועלכן עס דאַרף גיין יעדער קלאַסן־באַוווסטזיניקער פּראָלעטאַריער".

ער דערמאָנט וועגן זיינע אילוזיעס אין צוזאַמענהאַנג מיטן דער־גרייכן די פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט:

„אין די צייטן פון צאַריזם און אויך אין דער צייט פון דער דייטשי־שער אָקופּאַציע, ווען דאָס פּוילישע פאָלק איז געווען אונטעריאָכט, האָב איך געהאַט אילוזיעס, אַז מיטן אַנטשטיין פון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן וועט זיך פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. איך האָב געטראַכט, אַז נאָר די רוסישע הענקער און די דייטשישע אָקופּאַנטן אונטערדריקן און קאַטעווען די אַרבעטער און פּויערים".

„עס איז געקומען דאָס יאָר 1917, — דערקלערט ער ווייטער, — אַדאַנק דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט פּוילן באַקומען אומאָפּהענגיקייט. און וואָס האָב איך געזען? עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די עקספּלאָאַטאַציע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און די נאַציאָנאַלע אונ־טערדריקונג. מען שיסט צו דעמאָנסטראַנטן, מען קאַטשעוועט און מען מאָר־דעט אַרעסטירטע אַרבעטער און פּויערים. די תּפֿיסות זענען איבערפולט. דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז בלויז און אויסשליסלעך אין רעוואָלוּ־ציאָנערן קאַמף, אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וועט דער אַרבעטער־קלאַס אינעם בונד מיטן פּויערטום און אונטערדריקטע פעלקער דערגרייכן די פאַרבעסערונג פון דער עקזיסטענץ און די ענדגילטיקע באַפרייונג פון אונטערן קאַפּיטאַליסטישן יאָך. דעריבער — האָט אַב־רהם דערקלערט פאַרן געריכט — בין איך אַריינגעטרעטן אין די ריי|ען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אַקטיוו געווען טעטיק ביזן אַרעסט".

דער ענטפער פון פאַשיסטישן געריכט איז געווען — 600 יאָר תּפֿיסה פאַר די 133 רעוואָלוציאָנערע אַנטיפאַשיסטישע קעמפער. אברהם האָט באַקומען 6 יאָר שווערע תּפֿיסה.

ער איז געזעסן אין די תּפֿיסה־מויערן פון ביאַליסטאָק, לאָמזשע, קאַראָנאָווע און פון מאָקאָטאָווער תּפֿיסה אין וואַרשע. דאָרט האָט ער זיך און אַנדערע געלערנט, זיך און אַנדערע באַוואָפנט מיט מאַרקסיזם־לעני־ניזם, גרייטנדיק זיך צו דער פּאַרטיי־אַרבעט אויף דער פריי.

די יאָרן תּפֿיסה האָבן אים פיזיש אויסגעמאַטערט, באַזונדערס די הונגער־שטרייקן און כּסדרדיקער קאַמף מיט די אַדמיניסטראַציעס פון די תּפֿיסות. ער איז געוואָרן שווער קראַנק, פיל מאָל געלעגן אין שפּיטאָל. נאָך שטאַרקע באַמיִונגען און אָנגשטרענגונגען מצד דעם „מאָפּר" האָט האָט אברהם אין 1932 יאָר זיך אַרויסגעריסן פון דער תּפֿיסה אויף אַ גע־זונטהייטס־אורלויב.

אין אַ בריוועלע פון תּפֿיסה, געבראַכט דורך אַ חבר (ער האָט געהאַט דאָס בריוול ביי זיך איינגענייט אין די הויזן), האָט אברהם געשריבן:

„איך וואַרט אויף דער מינוט פון באפרייונג, ווען איך וועל ווייטער קאָנען דינען אונדזער פּאַרטיי, צוזאַמען מיט אייך זיין אַקטיוו, איך האָב נאָך גענוג ענערגיע...“

אַזוי איז טאַקע געווען. ניט ווי געהעריק זיך אָפּגערוט, ווינציק צייט געהאַט אפילו אויף צו פרייען זיך מיט דער קראַנקער מאַמען, מיט די שוועסטער, ברידער און מיט דער אייגענער פאַמיליע זיינער, — און ווי־טער אין דער פּאַרטיי־אַרבעט פון די פריע שעהן ביז אין דער שפּעטער נאַכט. זיין פּאַרטייאישע אַרבעט איז אין דער צענטראַלער יידישער ביוראָ. אַלס סעקרעטאַר פון דער צ. ייר. ביוראָ ווערט ער דעלעגירט אויפן זעקסטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אויפן צוזאַמענפאָר רופט ער זיך יאַטשקאָווסקי.

אין סוף 1933 יאָר ווערט ער געשיקט אויף אַרבעט אין דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי פון מערב־אוקראַינע. ער וויקלט פאַנאַנדער א ברייטע טעטיקייט, באַזונדערס אין לעמבערג. ער פירט אויך אָן מיט דער פּאַרטיי־טעכניק אין נאָמען פון צ. ק. ער אָרגאַניזירט אייגענע פּאַרטיי־דרוקערייען, אָבער דאָס דויערט נישט לאַנג. ער ווערט פאַרשיט און פאַלט ווייטער אריין אין די הענט פון דער פּאָליציי. עס דראָט אים 15 יאָר תפיסה. ווי־דער געפּייניקט און מערדערלער צעשלאָגן. מען מאַכט ווייטער באַמיונגען ארויסצורייסן אים פון די פּאָליצייאישע לאַפּעס. דער באַוווּסטער אַדוואָ־קאַט לייב לאַנדאַו העלפט זייער שטאַרק. סוף 1935 יאָר, עטלעכע וואָכן פאַרן געריכט ווערט ער באַפרייט פאַר 5.000 זל. קויציע מיטן מאָטיוו, אַז ער איז שטערבלעך קראַנק.

די פּאַרטיי־אָנפירונג באַשליסט, אַז ער זאָל זיך נישט צושטעלן צום געריכט און איבערגיין אויף אומלעגאַלע באַדינגונגען. אין 1936 יאָר איז ער אין לאָדזש, וווּ ער אַרבעט אין לאָדזשער פאַרטיי־קאָמיטעט. ער פילט ווי די פּאָליציי־הינט טרעטן אים אויף די פּיעטעס. די באַדינגונגען ווערן מיט יעדן טאָג שווערער. די פּאַרטיי־אָנפירונג באַשליסט אויף אַ געוויסער צייט אים צו שיקן אויף עמיגראַציע. און אין 1938 יאָר שמוגלט אברהם זיך אריבער פאַרשידענע גרענעצן מיט אַ פאַלשן פּאַספּאָרט און קומט קיין פּאַריז.

אין פּאַריז ווערט ער אויפגענומען פון די דאָרטיקע חברים מיט פול זאָרג. פיל שעהן און טעג פאַרברענגט ער אין שמועסן וועגן דער לאַגע אין דער קאַפּ מיט די חברים פידלער, באַגען א. אגד., וועלכע געפינען זיך אויף עמיגראַציע. פאַרשידענע נישט־קאָנטראָלירטע אינפאָרמאַציעס דערגייען צו זיי פון מאָסקווע און פון וואַרשע וועגן זייער פּאַרטיי און פירער. אים ווילט זיך נישט גלייבן. צום סוף — דער אמת, די פּאַרטיי איז פאַנאַנדער־געלאָזט.

די צייט איז פאַר אים און פאַר אַנדערע — ווי עס האָט מיר דער־ציילט גרשון דוא — געווען די ערגסטע. ער האָט געאַרבעט אַלס פּרעסער אין א שניידער־וואַרשטאַט. זיין איינציקע זאָרג איז געווען די באַוועגונג, דאָס לאַנד, וואָס איז געבליבן אָן דער פּאַרטיי.

אָקופּאַציע=שטרייק אין ראַדזשעיעווסקיס פאַבריק (וואַרשע) פון טריקאָטאַזש=אַרבעטער
אָרגאַניזירטע אין טעקסטיל=פאַריין.

אין די באַדינגונגען איז געקומען דער אָנפאַל פון די היטלעריסטישע באַנדיטן אויף פּוילן. אברהם ווערט מאָביליזירט אין די פּוילישע מיליטערישע פאָרמאַציעס, אָרגאַניזירטע אין פראַנקרייך. דאָס געדויערט ניט לאַנג. פראַנקרייך ווערט אָקופּירט דורך די דייטשישע מיליטער-טיילן.

ווי נאָר עס אָרגאַניזירט זיך דער אַנטי-היטלעריסטישער ווידערשטאַנד אין פראַנקרייך אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, טרעט אברהם אין איר אַריין. ס'קומען פאָר כסדרדיקע אָבלאַוועס אויף אַנטיפאַשיסטן. אברהם באַהאַלט זיך אויס אַ פּאָר חדשים אין 14-טן ראַיאָן פון פּאַריז ביים געוועזענעם שפּאַנישן קעמפער לאָסער. אין 16-טן יולי 1942, בעת דער גרויסער אָבלאַווע אויף יידן, איז אברהם, זיין פרוי ביילע און זיין גוטע חברטע ליבעלע ציטרין אַרעסטירט געוואָרן. ער ווערט אינערגעשיקט אין באַרימטן לאַגער לעבן פּאַריז דראַנסי. זומער 1943 — דערציילן חברים — איז ער אָנגעקומען אין לאַגער בירקענאו לעבן אָשוויענטשים. דאָרט ברעכט אויס אַ טיפוס-עפּידעמיע. זיין פרוי אַלס טיפוס-קראַנקע און הונדערטער אַנדערע ווערן געשיקט אויף „סעלעקציע“ — אין די גאַז-אויוונס.

אין אָקטאָבער 1943 — ווי עס דערציילן די חברים חיים-איצל גאָלדשטיין, מאיר ווילנער און אַנדערע — געפינט זיך אברהם אינעם אַרבעטס-לאַגער „גענשעווקאַ“ אויף גענשאַ-גאַס אין וואַרשע. זייער באַשעפטיקונג איז באַשטאַנען אינעם אָפּרייניקן דאָס געטאָ.

אברהם איז געווען שרעקלעך אויסגעדאַרט. שטענדיק געהוסט, קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס. נאָענטע חברים האָבן פיל געזאָרגט פאַר אים. געטאָן אַלץ, ער זאָל ניט גיין צו דער אַרבעט, און ווען ער איז געגאַנגען אויף אַרבעט, פלעגן זיי אים אונטערהאַלטן, געבן אים בעסערע דערנערונג. חברים האָבן געטאָן אַלץ, כדי צו מילדערן זיינע ליידן. אזוי האָט ער זיך געמאַטערט ביז דער ליקווידאַציע פון דעם לאַגער.

געווען איז עס פיר טעג פאַרן וואַרשעווער אויפשטאַנד אין יולי 1944 יאָר. אַלע געזונטע אין דער צאָל פון 3.000 האָט מען אַרויסגעשיקט צופוס קיין קוטנע און שפּעטער קיין דאַכאַו. אברהם איז געלעגן אין קראַנקן-הויז. די חברים האָבן אים באַזאָרגט מיט בעסערער קליידונג און אים צוגעגרייט דערצו, ער זאָל מאַרשירן צוזאַמען מיט די געזונטע. אברהם האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ געזונטן. די חברים האָבן אים אונטערגעהאַלטן, ער האָט זיך שוין געפונען צווישן די, וועלכע האָבן געדאַרפט מאַרשירן. ביים אַרויסמאַרש פון לאַגער-הויף האָט דער עס-עס-מאַן אַמשוויץ אים באַמערקט, ווי ער וואַקלט זיך אויף זיינע שוואַכע און אויסגעמאַטערטע פיס. ברוטאַל-היטלעריסטיש האָט דער עס-עס-מאַן אַרויסגעשלעפּט אברהמ'ען פון דער ריי און צוריק געשליידערט אים צו די קראַנקע, וועלכע זענען אין אַ צאָל פון 300 דערמאָרדעט געוואָרן. דעמלט, אין יענער נאַכט איז אויך אברהם אומגעקומען.

פיל פון זײַנע חברים, מיטקעמפּער האָבן פאַרגעזעצט דעם קאַמף אין אַנדערע לאַגערן. פיל פון זיי אין וואַרשעווער אויפשטאַנד. אברהמען אָבער איז ביַשט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט ווייטער אָנטײַלצונעמען אינעם קאַמף פאַר דער זאַך, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפּט 26 יאָר אין די רייען פון דער העלדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן.

זאָלן די פאַר ווערטער וועגן אים זײַן אָנשטאָט בלומען אויף זײַן אומבאַקאַנטן קבר.

הערשל גאָלדפינגער

פון שמאָלן געסל אויפן ברייטן טראַקט

אויף דער לער

אין האַרבסט 1918, נאָכן אַרויסטרייבן די דייטשן פון פּוילן, האָט זיך מיין פאַמיליע, ווי פיל אַנדערע יידישע פאַמיליעס, צוריקגעקערט קיין וואַרשע. אין די מלחמה- און אָקופּאַציע-יאָרן פון 1914—1918 איז געווען אַן אָפטע דערשיינונג, ווען מענטשן פון די גרויסע שטעט האָבן — געטריבן פון הונגער און עפּידעמיעס — געזוכט אַ רעטונג דורכן צוריקפאָרן אין זייערע קליינע אָפּשטאַמונגס-ערטער, ווו עס איז געווען אַ ביסל לייכטער מיט לעבנס-מיטל.

דער האַרבסט איז אין יענעם יאָר — ווי ווייט איך געדענק — געווען אַ שיינער, זוניקער. די גרויע, שטיינערדיקע, גאָענטע פאַר מיר גאַסן פון גזשיבאָוו-ראַיאָן, די געדיכט-באַוווינטע פון יידישע אַרבעטער, באַלמעלאָכעס און אָרעמקייט: טוואַרדע, פּאַנסקע, באַגנע, קראָכמאַלנע האָבן ביי מיר נאָך אַ 3-יאָריקער אָפּוועזנהייט געהאַט אַ באַזונדערן רייץ. אַלס 11—12-יאָריק ייִנגל האָב איך נאָך דעמלט קנאַפּ וואָס זיך אָריענטירט אין די געשעענישן, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט אָפּגעשפּילט אין וואַרשע און אין לאַנד. אָבער אויך מיר, יונגטלעכע האָבן אַריינגעאָטעמט אין זיך די אָנגעגליטע אַטמאָספער פון דער שטאָט, ווו כמעט טאָג-איין, טאָג-אויס האָבן געהאַט אַן אָרט אַרבעטער-מאַניפעסטאַציעס, שטרייקן, מיטינגען, פאַרזאַמלונגען. עלטערע יידן פלעגן אין שול אָדער אין געזעמלער אויף די הייף דערציילן אויסטערלישע מעשיות וועגן די „שטרייקערס“, וועגן די „סאָציאַליסטן“, וואָס גייען מיט רויטע פענער, דערביי אונדז, קליינוואַרג, אָנשרעקן נישט צו גיין דאָרט, ווו אַזעלכעס קומט פאָר, ווייל „די פּאָליציי שלאָגט און שיסט“. דאָס האָט נאָכמער געררייצט אונדזער פאַנטאַזיע. ווי הונגעריקע אויף ברויט האָבן מיר זיך געוואָרפן לייענען די יידישע צייטונגען. דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט. פיל פון אונדזערע עלטערן, פּשוטע, אָבער פרומע יידן האָבן נאָך דעמלט געהאַלטן אַ יידיש בלאַט פאַר אַ „טריף-פּסול“ און נישט אַריינגעלאָזן עס אין שטוב. מיר פלעגן זיך געבן אַן עצה דורך נעמען ביי די צייטונגס-פאַרקויפער צייטונגען אויף אויסצולייענען.

די יידישע צייטונגען, דער ציוניסטישער „הינט“, דער „אומפּאַרטייאישער“ „מאָמענט“ און דאָס אָרטאָדאָקסישע „טאָגבלאַט“ זענען דעמלט

געווען פול מיט גרויל־ידיעות וועגן רויטן רוסלאַנד, וועגן די באָלשעוויקעס, וועגן לענינען. אויך די בונדישע „לעבענספראגן“ האָבן צוגעלייגט זייער קניידל. די טעלעגראַמעס האָבן דערציילט וועגן די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין דייטשלאַנד, עסטרייך, וועגן דעם, אַז אין אונגאַרן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ ראַטן־רעפּובליק. נישט ווייניקער שפּאַנענדיק זענען געווען די ידיעות וועגן די „איטאַליענישע“ שטרייקן אין דער וואַרשעווער גאַזאָווניע און עלעקטראָווניע, וועגן די שטורמישע זיצונגען פון די אַרבעטער־ראַטן, וועגן פּאָגראָמען אין לעמבערג, בריסק, פּינסק, וועגן שניידן יידישע בערד, וועגן אַרעסטן, וועגן די דיאַלאָגן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט צווישן נח פּרילוצקי און דעם ענדעק אילסקי, וועגן די גיפטיקע אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען פון גלח לוטאָסלאַווסקי אין סיים אַדגל.

דאָס האַרטע לעבן פון דעם יוגנטלעכן פון די אומפאַרמעגלעכע שיכטן האָט אונדז שנעל געמאַכט רייף און אַריינגעצויגן אין דעם שטורמישן גורט פון די גרויסע סאָציאַלע, פּאָליטישע, נאַציאָנאַלע קאַמפן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט סיי אין אַלגעמיינעם און סיי אין יידישן לעבן. נאָר פאַר אַלעם האָט זיך פאַר אונדז געשטעלט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע פון צוהעלפן דער פאַמיליע און אַליין פאַרדינען אויף ברויט. צו 10—12 יאָר האָט דאָס רוב פון אונדז שוין געקלערט וועגן אויסלערנען זיך אַ פאַך. אָבער וווּ?...

די מאַסן־אַרבעטסלאָזיקייט, שטייגנדיקער יקרות, דער מאַנגל אין די עלעמענטאַרסטע אינדוסטריעלע־ און לעבנסמיטל־אַרטיקלען האָט זיך געלאָזט פילן אין יעדן הויז. די נויט און הונגער, וואָס האָט געהערשט אין פיל שטובן, האָבן דערמאָנט די שווערסטע מלחמה־יאָרן, ווען מאַסן מענטשן זענען פשוט געשוואָלן געוואָרן און אויסגעגאַנגען אין די גאַסן.

אין אונדזער שטוב זענען מיר דעמלט געווען 5 קינדער אין עלטער צווישן 7 און 18 יאָר. אַלע חוץ דאָס יינגסטע שוועסטערל זענען מיר איינגעשפּאַנט געוואָרן אין עול פּרנסה. באַזונדערס די עלטסטע שוועסטער, שוין באַלד אַ כלה־מיידל מיט אַ ביסל בילדונג, וואָס האָט דערצו נאָך געהאַט אַזעלכע „גאָלדענע פאַכן“ אין די הענט, ווי העפטעריי און נייען שטרויענע קאַפּעליושן. מען האָט געדאַרפט צוצאָלן אַז אוצר מיט געלט פאַר אויסלערנען די פאַכן. וואָס איז אָבער דערפון אַרויסגעקומען, אַז קיין אַרבעט איז אין די און אויך אין די אַנדערע בראַנזשעס נישט געווען.

דער עלטערער ברודער האָט נאָך לאַנגע וואַקלענישן פון די עלטערן זיך גענומען לערנען שוסטעריי. קיין לוין האָט מען דעמלט אַזעלכע לערניינגלעך, באַזונדערס אין די ערשטע צייטן, כמעט נישט געצאָלט. דער טאַטע האָט אים פאַרדונגען מיט „עסן“. דאָס איז אין אונדזער שטוב שיר נישט געווען אַ „גליק“, אַ קלייניקייט עפּעס: אַ מויל ווייניקער צו שפּייזן.

זומער־צייט 1919 בין איך געגאַנגען אַרבעטן צו מיין פאָטערס אַ באַקאַנטן. אַ חסיד פון זעלבן רבין און פון זעלבן שטיבל. ער האָט געהאַט אַ

וואַרשטאַט פון היטלמאַכעריי אין אַ פּראָנט־געוועלבל אויף דער טוואַרדעגאַס.

דער „מייסטער“ איז אָבער געווען אַ גאַנץ שוואַכער באַלמעלאָכע. ער פלעגט בלויז ניצעווען די קיילעכיק־שוואַרצע טוכענע אָדער סאַמעטענע היטלעך, וועלכע ס׳פלעגן דעמאָלט טראָגן די פרומע יידן. גאַנצע טעג פלעג איך אָפּזיצן ביים צעטרענען די דורכגעפּעטשטע היטלעך. ווען עס פלעגט אַריינפאַלן אַ באַשטעלונג אויף אַ ניי, מאָדערן היטל, פלעגט מיך דער באַלעבאָס אַרויפשיקן מיט דעם צו אַ שכן, אַ היטלמאַכער, וואָס האָט געוווינט אין צווייטן הויף. אַרויפקומענדיק דאָרט פלעג איך באַוווּנדערן די „מאַטשעיעוווקעס“ מיט די גלאַנציקע דאַשיקעס, וועלכע זענען דעמאָלט שטאַרק געווען אין דער מאָדע. נאָך עטלעכע מאָל אַרויפקומען בין איך שוין געווען היימיש מיטן באַלעבאָס, וועלכער איז פריער אַליין געווען אַן אַרבעטער.

איינמאָל רופט ער זיך אָפּ צו מיר:

— „וואָס וועסטו זיך אויסלערנען ביי דעם „פּאַרטאַטש“? אַ שאָד בלויז די צייט, וואָס דו פאַרלירסט דאָרט. אויב דו ווילסט, קאָנסטו אַרויפקומען צו מיר אַרבעטן“.

אַ פראַגע צי איך וויל! נישט אָנזאָגנדיק אפילו אין שטוב בין איך באַלד נאָך שבת שוין געזעסן ביי אַ היטלמאַכער־מאַשין און זיך געלערנט שטעפּן קיילעכיקע ראַנדן פון פּיקענע קאַפּעליושלעך.

צום נייעם מייסטער פלעגן אַרויפקומען זיינע פאַר־חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די גרויסע היטל־פאַבריקן, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט (קראַטקע, וויקינסקי א. אנד.). זיי האָבן מיר דערציילט, אַז ביים פאַריין עקזיסטירט א יוגנט־סעקציע, ווו איך דאַרף זיך אויך פאַרשרייבן אלס מיטגליד.

איך ווער אַ מיטגליד אין נאָדל־פאַריין

אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג, דאָס איז געווען אומגעפער סעפּטעמבער 1919, בין איך אַוועק אין נאָדל־פאַריין, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף די רימאַרסקע 4—2. דער פאַריין האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע הויז. אויפן ערשטן שטאָק האָט זיך געפונען דער סעקרעטאַריאַט אין עטלעכע צימערן, ווו עס פלעגן פאָרקומען זיצונגען און דיזשורן פון די באַזונדערע פאַך־קאָמיסיעס. ווייטער, העכער, אויפן צווייטן שטאָק האָט זיך געפונען א גרעסערער פאַרזאמלונגס־זאַל און עטלעכע קלענערע צימערן. אויף די ווענט זענען געהאָנגען בילדער פון קאַרל מאַרקס, לאַזונגען, ווי „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך“, „וויסן איז מאַכט“.

אויף מיר האָט דאָס אַלץ געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. אין דער היים און אין גאַס האָב איך זיך פאַר דעם אָנגעהערט מאָדנע זאַכן וועגן די „פאַריינען“, ווו עס קומען זיך צונויף יונגען מיט מיידן צוזאַמען, ווו מען

עסט חזיר, מען רויכערט שבת פּאַפּיראָסן און נאָך אַזעלכע „גרויליקייטן".
ווי אַ היפּנאָטיזירטער בין איך געשטאַנען פאַר דער באַריערע פון דעם סעקרעטאַריאַט־צימער, זיך צוגעקוקט ווי נאָך גאָר אַ יונגער בחור (דאָס איז געווען דער סעקרעטאַר, סאַמעט האָט ער געהייסן) קאַסירט איין מיט־גליד־אָפּצאָל, גיט אַרויס פּאַרייגס־ביכלעך. איך האָב נישט געהאַט קיין דרייסטקייט זיך צו דערנענטערן צו אים און עפּעס פרעגן. כ'האָב שוין צו יענער צייט געטראָגן אַ מאַרינאַרקע, אָבער נאָך אַ קיילעכיק חסידיש היטע־לע און האָב זיך אַ ביסל געשעמט דערמיט, ווייל אַלע אין צימער זענען גע־ווען געקליידט מאָדערן. מיין פאַרלוירנקייט האָט באַמערקט אַ חבר, וואָס האָט זיך געפונען אין זעלבן צימער. ער האָט מיט מיר אָנגעהויבן רעדן, אויס־געפרעגט זיך ביי וועמען איך אַרבעט, וויפל כ'פאַרדין, דערנאָך איז ער מיט מיר אַראָפּגעגאַנגען אויפן הויף, וועלכער איז פונקט ווי אַלע צימערן געווען פול מיט מענטשן. ער האָט מיך צוגעפירט צו איינעם אַ נישט קיין סך עלטערן פון מיר. פון אים האָב איך זיך דערוווסט, אַז אחוץ דער יוגנט־סעקציע, צו וועלכער עס געהערן יוגנטלעכע ביז 18 יאָר, עקזיסטירן אין פּאַריין יוגנט־קרייזן, וועלכע קומען זיך צונויף יעדן שבת און ווו מען פירט פאַרשידענע שמועסן.

ווען כ'בין דעם נאָענטסטן שבת נאָכמיטאָג אָריינגעקומען, נישט אָן האַרץ־קלאַפּעניש, אין דעם פּאַרייגס־צימער, ווו דער קרייז איז פאָרגעקו־מען, איז שוין האַרט געווען פאַרזאַמלט אָן ערך 2 צענדליק יוגנטלעכע אַר־בעטערינס און אַרבעטער אין עלטער פון 14—16 יאָר. די קליידונג פון די מערסטע איז געווען אַן אָרעמע. ווי האָט עס דען אַנדערש געקאָנט זיין ביי קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט, וואָס האָבן שוין צו 12 יאָר געמוזט פאַרדינען אויף ברויט? די בלייבע, כמעט קינדערישע געזיכטער האָבן אויסגעדריקט ערנסטקייט ווייט פון קינדערישקייט. אָבער די גאַנצע אַט־מאָספער דאָ האָט געעטעמט מיט פריינדלעכקייט און היימישקייט.

אַ ווײַלע שפּעטער איז אַריינגעקומען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 25 אין באַגלייטונג פון אַ חברטע. איר נאָמען איז געווען אסתּר (דער פאַמיליע־נאָמען איז מיר אַרויס פון זכרון). זי האָט אונדז געמאָלדן, אַז דעם נאָענטסטן שבת וועט פאָרקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע יוגנט־קרייזן פון נאָדל־פאַריין מיט וואַלן פון אַ פאַרוואַלטונג.

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז טאַקע פאָרגעקומען אין אַ וואָך אַרום, זענען מיר געווען ביז אַ 150 יוגנטלעכע. דאָ איז שוין די אַטמאָספער געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע. צווישן די אָנוועזנדיקע זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן קריטיקירט די פריערדיקע פאַרוואַלטונג. די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך שטאַרק דענערווירט.

אַהיימגייענדיק האָט מיך געעקבערט דער געדאַנק: אַרום וואָס ווערט געפירט דער שטרייט? יעדן פאַרנאַכט, ווי נאָר כ'בין פריי געוואָרן פון דער אַרבעט, בין איך פשוט געלאָפן אין פאַריין. אין די זאַלן און אויפן הויף האָבן זיך געפירט ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס איבער דער פּאָלי־

טישער סיטואַציע אין לאַנד, וואָסער פּאַרטיי איז די בעסטע. אָפט זענען געפאַלן שאַרפע ווערטער: „אָפּאָרטוניסטן“, „פּאַרעטער“, „דיקטאַטאָרן“ א. אנד.

פון מיינע נייע חברים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז חוץ אונדזערע קרייזן, וועלכע געהערן צו דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט“, זענען דאָ נאָך אַנדערע יוגנט־קרייזן, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען „אומאָפּהענגיקע“. צווישן די רעפערענטן אויף די קרייזן איז געווען מאַניעק נאָוואָגרודזקי.

די יוגנט־קרייזן פון כמעט אַלע יידישע פּראָפ־פאַריינען האָבן זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון „צוקונפט“. צו יענער צייט האָט זי שוין געהאַט א דערפאַרונג פון אַן ערך 10־יאָריקער טעטיקייט, אַן אָנגעזעענע צאָל געניטע טוער און קאַדרעס, א פאַרצווייגטן אַפּאַראַט און נעץ פון אָרגאַניזאַציעס, קלובן, א ריי אויסגאַבן. דערצו האָט זי זיך שטאַרק באַנוצט מיט דער א.ג. בונדישער לעגענדע, מיט דער חשיבות פון א טייל פירער פון „בונד“, וועלכע זענען אָפּגעזעסן יאָרנלאַנג אין די צאַרישע תפיסות און געווען אויף קאַטאָרגע. אַלץ צוזאַמען האָט אויף אונדז, יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געמאַכט די ערשטע שריט אין לעבן, שטאַרק געווירקט.

די געשעענישן אין לאַנד זענען געגאַנגען האַסטיק, עס האָט זיך גערעדט פאַר א קלאָרע שטעלונג צו גורלדיקע פּראַגן, וואָס זענען דעמלט געשטאַנען פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג ביי אונדז אין לאַנד און אין דער גאַרער וועלט. מיר, יוגנטלעכע, וואָס זענען נאָך דעמלט געווען אין דער „צוקונפט“, האָבן מער מיטן אינסטינקט ווי מיטן קלאָרן שכל באַנומען, אַז עס גייט אין לאַנד אַן א גרויסע שלאַכט צווישן די כוחות פון סאָציאַליזם, מיט וועלכע מיר האָבן סימפּאַטיזירט מיטן גאַנצן האַרצן, און די פינצטערע כוחות פון רעאַקציע, וואָס האָבן וואָס אַמאָל מער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און אַז אין דער דאָזיקער שלאַכט דאַרפן מיר גיין צוזאַמען מיטן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס.

דאָס נייע פאַר מיר לעבן אין פאַריין, יוגנט־אָרגאַניזאַציע, יוגנט־סעקציע האָט מיך אינגאַנצן פאַרשלונגען. חוץ די וועכנטלעכע קרייז־צוזאַמענקונפטן פלעגן כמעט יעדע וואָך פאָרקומען פאַרזאַמלונגען אין גרויסן פאַריינס־זאַל. פון צייט צו צייט פלעגן אויך פאָרקומען פאַרלעזונגען, אין דעם לאָקאַל פון דער אָוונט־שול אויף שוויענטאָיערסקע 32. אָפט פלעגן מיר גיין אין דעם פאַריין פון די לעדער־אַרבעטער אויף נאָוואָליפּקי 7.

אין א 3 — 2 חדשים אַרום נאָכן פאַרשרייבן זיך אין פאַריין זענען פאָרגעקומען וואַלן צו דער פאַרוואַלטונג פון דער יוגנט־סעקציע, אין וועלכער איך ווער אויסגעוויילט. קורץ נאָך דעם ווער איך אויך אַריינגעצויגן אין דער פאַרוואַלטונג פון די יוגנט־קרייזן ביים פאַריין. כ'האָב זיך שוין דעמלט געהאַט אָנגעלייענט מיט א מאַסע סאָציאַליסטישע בראָשורן און

ביכלעך און בעת די צוזאַמענקונפטן נעמען אַ וואָרט, ענטפערן אויף די פראַגן פון די העפערענטן.

צו דער פאַרוואַלטונג פון דער יוגנט־סעקציע און קרייזן האָבן געהערט צווישן אנדערע: אַדעק ליכטנבוים, אפרים פינקערט, חיים ווייסגלאַז, רו־זשקע יונגהויז (וועלכע מען האָט גערופן „די ווייסע רוזשקע", צום אונ־טערשיד פון דער צווייטער רוזשקע, וועלכע מען האָט גערופן „די שוואַרצע").

אין דער פאַרוואַלטונג האָט געהערשט אַ גוטע אַטמאָספער, אמתע פריינדשאַפט און חברשאַפט. ביים אויסקריסטאַליזירן פון דער שייד־ליניע אינערהאַלב דעם „בונד" און „צוקונפט" צווישן די אָפּאָרטוניסטישע פי־רער און דער רעוואָלוציאָנערער מיטגלידער־מאַסע איז מיט יעדן טאָג אַלץ קלאָרער געוואָרן פאַר אונדז, מיט וועמען מיר דאַרפן גיין. דער רעוואָ־לוציאָנערער שטראָם האָט מיטגעריסן מיט זיך כמעט די גאַנצע מיטגלי־דערשאַפט פון דער יוגנט־סעקציע און „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע.

אונדזערע זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג פלעגן פאָרקומען יעדע וואָך. יעדן טאָג האָבן מיר געהאַט דיזשורן אויף צו רעגיסטרירן נייע מיטגלי־דער, אויפנעמען די עניינים וועגן סכסוכים צווישן די יוגנטלעכע און די מייסטערס. אין פאַל ווען עס איז געווען נייטיק, פלעגט ווער פון דער פאַר־וואַלטונג צוזאַמען מיט אַ פאַר־קאָמיסיאַנט גיין בייטאָג אין דעם וואַר־שטאַט, וווּ דער יוגנטלעכער איז געווען באַשעפטיקט, און דערלייִדיקן דעם סכסוך אויפן אָרט. דער אויטאָריטעט פון פאַריין און דער יוגנט־סעקציע איז געווען שטאַרק אָנגעזען.

האַנט ביי האַנט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט איז געגאַנגען אַ לעבהאַפטע קולטור־אַרבעט, וועלכע האָט אַלץ מער באַקומען בולטערע פּאָליטישע קאָנטורן. די דאָזיקע אַרבעט האָבן מיר געפירט ווי ווייט מעגלעך זעלבשטענדיק, באַדינענדיק אונדזערע קרייזן און פאַרלעזונגען מיט איי־גענע כוחות. די עלטערע און דערפאַרנסטע צווישן אונדז, אַדעק ליכטנ־בוים און אפרים פינקערט זענען געווען די, מיט וועמען עס האָט מיך גלייך פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט פאַרבונדן די נאָענטסטע אידעישע און פערזענלעכע פריינדשאַפט.

אַדעק און אפרים! שוין לאַנג ווי איר זענט נישט צווישן אונדז. נישטאָ מער צווישן אונדז דער טעמפּעראַמענטפולער ליבער מושינסקי, דער האַר־ציקער מענדל סקראָבעק, דער באַגאַבטער יאַנעק גאָדלפלאַם, דער אַזוי איידעלער יאַנקעלע ביבלייזער, איציק קאָונער, די „ווייסע רוזשקע" און אַזויפיל אַנדערע, וועמען מיר אַלע האָבן אַזוי ליב געהאַט מיט לייב און לעבן.

אין פאַריין, אין דער אָרגאַניזאַציע פלעגן מיר, די טוער און אויך מיטגלידער זיך צוזאַמענטרעפן יעדן טאָג, יעדע פרייע שעה. ווען ווער פון אונדז האָט צוליב עפּעס אַ סיבה זיך נישט באַוויזן אין אַ פראָסטן אָוונט

אָדער שבת־טאָג, האָט ער אַליין געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט פאַרפעלט עפּעס וויכטיקס.

מאַכט זיך איינמאָל אין מערץ צי אַפּריל 1920, אַז אונדזער אַדעק ליכטנבוים באַווייזט זיך נישט שוין אַ געשיכטע פון אַ 2 טעג. איך פלעג אָפט אַרויפקומען צו אים אין שטוב אויף נאַלעווקעס 35. אָבער דאָס מאָל האָבן מיך די חברים אָפּגעהאַלטן פון צו גיין דאָרט: „מען דאַרף אָפּוואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג“ — האָבן זיי געזאָגט.

אויפן דריטן טאָג האָט זיך אונדזער אדעק ווידער באַוויזן. אין זיינע שוואַרצע טיפע אויגן האָבן מיר באַמערקט סימנים פון אַ טיפער איבערלעבונג. אַזוי איז עס טאַקע געווען. אדעק איז די 2 טעג געווען אַרעסטירט.

— אַרום 5 — 4 פאַרטאָג — האָט ער אונדז דערציילט — האָב איך אין שלאָף דערהערט, ווי מען קלינגט און קלאַפּט אין אונדזער טיר. כ'האָב גלייך געהאַט אַ שלעכט פאָרגעפיל, אַז דאָס האָט עפּעס אַ שייכות מיט מיר. די מוטער (אַ שווער־קראַנקע זינט פיל יאָרן) האָט זיך שטאַרק באַאומרואיקט. ווען מען האָט געעפנט, זענען אריין 2 פּאָליציאַנטן מיט אַ פּשאָדאָוניק און 2 שפּיצלעס. זיי האָבן זיך געפרעגט אויף מיר, אַדורכגענישטערט די שטוב און לסוף מיך געהייסן מיט זיך מיטגיין, אַוועקפירנדיק מיך אין דער דעפענסיווע, וועלכע האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף בראַציקע 17.

פאַר דעם האָבן מיר זיך שוין געהאַט גענוג אָנגעהערט וועגן דער דאָזיקער „אינסטיטוציע“, געשאַפן דורך דער „סאָציאַליסטישער“ רעגירונג פון מאָראַטשעווסקי. די צייטונגען האָבן געבראַכט איינצלהייטן וועגן פייניקן אַרעסטירטע קאָמוניסטן, שטרייקנדיקע אַרבעטער און בכלל מענטשן, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין די לאַפּעס פון בלוטיקן סנאַרסקי (דער ערשטער שעף פון דער דעפענסיווע). אונדזער אַדעק האָט נאָך גוט אָפּגעשניטן, באַקומענדיק בלויז אַ פּאָר „טרוקענע“ קלעפּ. די סיבה פון אַרעסט איז געווען, וואָס א „פּאָליטיש־פאַרדעכטיקטער“, אויף וועמען די דעפענסיווע האָט אויסגעשפּרייט איר „דיסקרעטע“ השגחה, האָט אין אַ בריוו צו זיינס אַ חבר דערמאַנט אַדעקס נאָמען. נישט געפינענדיק קיין שום אַנדערע באַווייזן, האָט מען אים באַפרייט מיט דער פאַרפליכטונג זיך צו מעלדן 2 מאָל אין דער וואָך אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט פון זיין וווין־אָרט.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער 1־טער מאַי פון 1920. אויף אונדז אַלעמען האָט געדריקט ווי אַ שווערע בליי־משא די אַטמאָספער פון דער מלחמה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן, פון רעפּרעסיעס און אַרעסטן, פון צעפלאַקערטן שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם, פון שווערן עקאָנאָמישן קריזיס און פון אומרו.

די אַרבעטנדיקע מאַסן זענען געווען באַאומרואיקט צוליב דעם אַלץ שאַרפערן רעאַקציאָנערן קורס פון די רעגירונגען, וועלכע האָבן זיך אָפט געטוישט ביים מלוכה־רודער. אָנגעהויבן האָט אים די „פאָלקס־רעגירונג“ פון פּפּס־פירער מאָראַטשעווסקי. אירע ערשטע שריט זענען געווען: דעלע־

גאַליזירן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין דעצעמבער 1918 יאָר, מאַסן־אַרעסטן פון קאָמוניסטן און בכלל אַרבעטער. דאָס לאַנד האָט זינט דער פּראָקלאַמירונג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן זיך געפונען אין פּראָוואָצירטן דורך פּילסודסקין קריגס־צושטאַנד מיט דער שכנותדיקער ראַטן־מלוכה.

סוף אַפּריל האָבן די צייטונגען געבראַכט די ידיעה, אַז די פּוילישע אַרמיי האָט פאַרנומען זשיטאָמיר און מאַרשירט אויף קיעוו, וועלכע איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געוואָרן פאַרכאַפּט דורך די אָנגרייפער. די פּוילישע פּרעסע, ווי למשל, די ענדעקישע „דוואַ גראָשע“, דער „ליבעראַלער“ „קוריער פּאָראַנני“, האָט ממש פאַרכליניעט זיך פון שמחה. די יידישע צייטונגען „היינט“, „מאָמענט“, „טאָגבלאַט“ טאַנצן נאָך. דאָס קומט פּאָר אין דער זעלבער צייט ווען די פּילסודסטשיקעס און האַלערטשיקעס באַגלייטן זייער מאַרש אויף אוקראַינע מיט פּאָגראָמען אויף יידן אין לעמבערג, בריסק, פּינסק; ווען אין יאַבלאָנגע, לעבן וואַרשע, ווערט אויפגעשטעלט דער קאָנצענטראַציע־לאַגער, וו אויפן באַפעל פון דער ווימאָס־דאַשינסקי־רעגירונג ווערן פאַרשלעפּט טויזנטער יידישע זעלנער און אָפיצירן.

דער שאָוויניסטישער טשאַד ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ געדיכטער און אומדערטרעגלעכער. וואַרשע באַקומט דעם אויסזען פון אַ ריזיקן מיליטערישן לאַגער. אויף די גאַסן קורסירן אָן אויפהער מיליטערישע פּאַטראָלן, מיט אויסגעשטרעקטע שיסגרייטע לופּעס פון ביקסן און מאַשינגעווער. צווישן די מאַסן אומשלייכנדיקע סילועטן פון די פּוילישע אָפיצירן מיט זייערע כאַראַקטעריסטישע „קאָנפעדעראַטקעס“ וואַרפן זיך אין די אויגן די צאָלרייכע „קעפּיס“ פון פראַנצויזישע אָפיצירן, פון ענגלענדער און אַמעריקאַנער — די פּאַקטישע שטריקל־ציער פון דער וואַנזיניקער מלחמה־אַוואַנטורע קעגן דער סאָציאַליסטישער מלוכה.

אויף די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מבול פון רעפּרעסיעס. וועגן די קאָמוניסטן איז דאָך אָפּגערעדט. זינט דעם ערשטן טאָג פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן פאַרפולן זיי די תפיסות. איצט איז געקומען די ריי אויף די אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס (חוץ די פּפּסישע און דאָס אויך נישט אַלע).

פאַר די אָרגאַניזירטע אין די פּראָפ־פאַראיינען יידישע יונגטלעכע זענען שוין צו יענער צייט אַ סך זאַכן געווען קלאָר. אויף מאַסאָווקעס און קרייזן איז אויסגעדריקט געוואָרן דער ווונטש, אַז מען זאָל אין דעם טאָג פון גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־יום־טוב מאַרשירן צוזאַמען מיטן גאַנצן וואַרשעווער אַרבעטער־קלאַס. די בונדישע „צוקונפט“־פירער האָבן וועגן דעם גערעדט אומקלאָרע דיבורים. מיר האָבן באַקומען פון זיי אינסטרוקציעס זיך צו פאַרזאַמלען דעם 1־טן מאַי אינדערפרי, צוערשט אויף אַ מיטינג אין דעם זאַל פון קינאָ „פּאַרום“ אויף דער נאָוויניאַרסקע 14 און שפּעטער אָפּמאַרשירן אויפן פּשעיאַזד צום זאַמל־פּונקט פון „בונד“.

דער זאַל איז געווען פֿול געפּאַקט מיט יוגנטלעכע. אין זייערע רעדעס האָבן די „צוקונפֿט"־פֿירער נישט געזשאַלעוועט קיין „רעוואָלוציאָנערע" רייד און געמוזט שווער אויסטייטשן, פֿאַרוואָס מיר דאַרפֿן גיין באַזונדער און נישט צוזאַמען מיטן פּוילישן אַרבעטער.

מיר האָבן זיך נאָכן מיטינג אויסגעשטעלט אין רייען און מאַרשירט אין דער ריכטונג פֿון פּשעיאַזד. אויפֿן וועג זענען אונדז באַפֿאַלן פּאָליציאַנטן, שפּיצלעס און ענדעקישע כוליגאַנעס. אַ גרויסע צאָל יוגנטלעכע איז שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן. אויף דער מיט־אויסגעלייזיקטער גאַס האָבן זיך געוואַלגערט היטלען, קאַפּעליושן, דאַמען־טאַשן. דער ברוק איז געווען באַגעצט מיט פֿרישע בלוט־פֿלעקן. איינצלווייז האָבן מיר זיך צוגעקריגן צום בונדישן צוג, וועלכער האָט שוין גענומען מאַרשירן אין דער ריכטונג פֿון דער לעש. די פּאָליציייִשע איבערפֿאַלן האָבן זיך ווידער איבערגעחזרט. די פּפּס האָט געמאַכט שבת פֿאַר זיך. מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט וועגן אַ גרויסער מאַסן־מאַניפֿעסטאַציע פֿון די קאָמוניסטן אין דער געגנט פֿון קראָלעווסקע, „אָבער פֿאַרוואָס גייען נישט אַלע אַרבעטער צוזאַמען?" — האָבן געפֿרעגט פֿיל יוגנטלעכע און עלטערע אַרבעטער אין די דיסקוסיעס, וועלכע זענען פֿאָרגעקומען שפּעטער אין די נאָכמיטאָג־שעהן אין פֿאַריינס־לאָקאַל.

אַ געווייסן פֿאַרנאַכט אין חודש מאַי אָדער יוני, גייענדיק דורך גראַבישטשע צו דער רימאַרסקע, באַמערק איך ווי אַ ריי באַקאַנטע אָנשטאָט צו גיין אין דער ריכטונג פֿון פֿאַריין דרייען זיך אַרום אין די אַרומיקע גאַסן. עפּעס האָט געמוזט געשען — האָט מיר ווי אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן. עטלעכע מינוט שפּעטער האָב איך שוין געוווּסט אַלע אייַנצלהייטן פֿון דעם פּאָליציייִשן איבערפֿאַל אויף אונדזער פֿאַריין.

אַרום 3 — 2 בייטאָג, ווען אין פֿאַריינס־לאָקאַל האָבן זיך געפֿונען בלויז אַ פּאָר מענטשן, איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג מיליטער. אָן שום טענות־ומענות האָבן זיי גענומען שלאָגן די אָנוועזנדיקע, אויפֿגעבראָכן די ביוראָס, שענק, אַרויסגעשלייַדערט די דאָקומענטן אויפֿן הויף, אַראָפּגעריסן פֿון די ווענט די פּאָרטרעטן פֿון די סאָציאַליסטישע פֿירער, די לאָזונגען. דאָס אַלץ איז געווען באַגלייט מיט אַ רייכן לעקסיקאָן פֿון אַנטיסעמיטישע זידל־ווערטער און באַליידיקונגען.

דער סעקרעטאַר פֿון פֿאַריין און די אָנוועזנדיקע פֿאַרוואַלטונגס־מיטגלידער זענען אָפּגעפֿירט געוואָרן אין דער מיליטערישער קאָמענדע. דאָרט האָט מען זיי געמאָלדן, אַז דער לאָקאַל ווערט רעקווירירט דורך דער מיליטערישער מאַכט און זיי אָפּגעלאָזן.

ענלעכע פּאָליציייִשע איבערפֿאַלן זענען אין דער זעלבער צייט פֿאָרגעקומען אויף אַ ריי אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און פּראָפֿ־פֿאַריינען.

נאָכן פֿאַרהתמענען די פּראָפֿ־פֿאַריינען און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע טראָגן די אַקטיוויסטע עלעמענטן פֿון זיי איבער די טעטיקייט אויף די „בירזשעס", ווי אין די אַמאָליקע צאַרישע צייטן. דער אַקטיוו פֿון אונ־

דער יוגנט־סעקציע פלעגט זיך אין די פאַרנאַכטן זאַמלען אין טייל אַלעען פון זאַקסישן גאָרטן. דאָ האָבן מיר נישט בלויז אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן זיך, נאָר אויך זיך געטיילט מיט ידיעות און דערלעדיקט פּראָפעסיאָנעלע ענינים.

די מלחמה־אַוואַנטורע האָט גורם געווען אַ כמעט פולשטענדיקן פּאַראַליזש פון ווירטשאַפטלעכן לעבן. געדרייט האָבן זיך די רעדער בלויז דאָ, ווו מען האָט געאַרבעט פאַר דער ארמיי. נאָך אין יאָר 1919 זענען אין וואַרשע אויפגעקומען א ריי פּאָדריאַד־אונטערנעמונגען, ווו מען האָט אויסגעאַרבעט מיליטערישע שיך, שינעלן, מונדירן, היטלען א״ע. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען געהאַט פעסטע פּאָזיציעס. ווען עס האָט זיך אין פרילינג 1920 אינגאַנצן אָפּגעשטעלט דאָס היטל־פאַך, בין איך דורך דער פאַרוואַלטונג פון פאַריין געשיקט געוואָרן אין א גרעסערער פּאָדריאַד־פאַבריק פון מיליטערישע היטלען, ווו עס האָבן געאַרבעט ביז 100 ארבעטער.

די באַשעפטיקטע אין דער פאַבריק האָבן אַרויסבאַקומען ביי דער מיליטערישער מאַכט ספּעציעלע שיינען און זענען אַזוי אַרום געווען באַפרייט פון דער מאָביליזאַציע און פון דער פליכט צו גראָבן אָקאָפּעס אַרום דער שטאָט.

ווען די מלחמה־אָפּעראַציעס האָבן זיך איבערגעטראָגן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע, האָט די רעגירונג דערקלערט א „טאָטאַלע מאָביליזאַציע“ פון דער מענלעכער באַפעלקערונג פון 17 ביז 65 יאָר. די ווענט פון די הייזער און די טראָטואַרן ווערן דורך די מאַכט־אָרגאַנען באַדעקט מיט שאַבלאָנירטע אויפשריפטן: „גיי אויפן פראָנט!“, „צי ברענט דיר נישט די פּוילישע ערד אונטער די פיס?“.

אין דער פאַבריק, ווו איך האָב געאַרבעט ביים „שוואַרצן דוד“ אויף דער קאָנוויקטאָרסקע־גאַס און אין די אַנדערע פאַבריקן, ווו איך פלעג אַרויפקומען, האָט מען נאָכגעפאָלגט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג די ידיעות וועגן די געשעענישן אויף די פראָנטן. מיר אַלע, יונגטלעכע און עלטערע, צווישן זיי פיל אַלטע אָנגעזעענע מיטגלידער פון „בונד“ האָבן מיטן גאַנצן פיבער פון אונדזערע נשמות געוווּנטשן אַ מפּלה דער פּילסודסקי־אַוואַנטורע. א גרויסער טייל פון די טוער פון די ארבעטער־פּאַרטייען און פראָפ־פאַריינען אויך נישט קאָמוניסטן זענען געוואָרן אינטערנירט. צווישן זיי אויך פיל בונדישע פירער.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד — דאָס איז געווען אויגוסט 1920 — האָט שוין אין וואַרשע אָפּגעהילכט דער עכאָ פון די האַרמאַטן־זאַלפן. „די באָלשעוויקעס זענען שוין ביי דער ווייסל, זיי זענען אַריין קיין ראַדזימין“ — האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל. גייענדיק גאַנץ פרי צו דער אַרבעט פלעג איך באַמערקן, ווי נישט פון איין מויער שיינט אַראָפּ די פרישע פאַרב פון לאָזונגען און אויפרופן: „נידער מיט דער מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד“, „זאָל לעבן די קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון פּוילן“. אין געוויסע ער־

טער פון דער פאַבריק זענען ווי דורך אַ געהיימער האַנט אַוועקגעלייגט געוואָרן אויפרופן, און דער, וואָס האָט זיי דער ערשטער באַמערקט, פלעגט זיי שנעל פאַרשטעקן אין טאַש און זיי לייענען אין דער גרעסטער געהיימעניש. מיר האָבן טיף געפילט, אַז אין אַרבעטנדיקן וואַרשע איז פאַרטאַיעט אַ כוח, וועלכער איז דערווייל געשטיקט אין די אייזערנע קלעשטשעס פון טעראָר און שטאַנד־געריכטן, אָבער וועלכער וועט נאָך זאָגן זיין וואָרט. אַ סך פון אונדז האָבן אָבער נאָך נישט קלאָר געוווסט, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאָס אָבער קלאָר געוואָרן.

„רויטע"

סוף 1920 און אָנהייב 1921 לעבט ווידער אויף די פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין וואַרשע און אין גאַנצן לאַנד. פיל לאָקאַלן פון די פראָפאַריינען און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זענען נאָך רעקוויזירט. אַ סך פראָפעסיאָנעלע און פאָליטישע טוער געפינען זיך נאָך אַלץ אין די אינטערנירונגס־לאַגערן. די תפיסות זענען פול מיט אַרעסטירטע קאָמוניסטן און לינקגעשטימטע אַרבעטער, אָבער דער דופק פון דער אַרבעטער־באַוועגונג קלאַפט אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער.

צוליב דער נאָך אַלץ אָנהאַלטנדיקער רעקוויזיציע פון דעם פאַריינס־לאָקאַל אויף רימאַרסקע 2/4 האָבן מיר זיך איבערגעטראָגן אין אַ לאָקאַל אויף גראַניטשנע 17. דער אַ ביסל קלענערער פאַריינס־לאָקאַל איז יעדן אָוונט געווען פול געפאַקט מיט אַרבעטער און אַרבעטערינס. עס קומען פאָר אַלץ אָפטער פאַך־פאַרזאַמלונגען, מיטינגען און פאַרזאַמלונגען. אויך די אַרבעט פון דער יוגנט־סעקציע און יוגנט־קרייזן לעבט צוריק אויף, אָבער יעדער פון אונדז האָט ווי בחוש געפילט, אַז אין אונדזערע אייגענע שטימונגען און פון דער מיטגלידער־מאַסע קומען פאָר טיפע ענדערונגען. די איבערגעלעבטע שווערע מלחמה־חדשים, די דערנענטערונג פון דער רויטער אַרמיי, איר ריקצוג, דער עקאָנאָמישער און פינאַנציעלער כאַאָס, די דויערנדיקע רעפרעסיעס קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, דער ווייטערדיקער אויפשטייג פון דער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע אין אייראָפּע — דאָס אַלץ האָט טיף אויפגערודערט אַלעמען און האָט פאַרלאַנגט אַן ענטפער. פיל פון אונדז, מיטגלידער פון „בונד" און „צוקונפט" האָבן אים נאָך געזוכט, אָבער האָבן זיך שוין גענומען אָפגעבן אַ רעכענונג, פון די „ענטפערס", וואָס עס גיבן אויף די פראַגן די רעכטע בונדישע און „צוקונפט"־פירער, פון די בסדרדיקע אָנגריפן זייערע קעגן ראַטנפאַרבאַנד, קעגן די קאָמוניסטן.

אין גאַנג פון דאָזיקן קריסטאַליזירונגס־פראָצעס האָט אונדזער אויפמערקזאַמקייט אַלץ מער גענומען זיך ציען צו דעם, וואָס עס זאָגן די, וועלכע מען האָט באַצייכנט אין אונדזערע ווי אין אַנדערע יידישע פראָפ־פאַריינען אַלס „רויטע". אין פאַריין און אויף די קרייזן, אין דער בונדישער און „צוקונפט"־פרעסע זענען אָן אויפהער געפלעגט געוואָרן לגבי זיי געפילן פון

שנאה. אויף די אַלגעמיינע און פאַר־פאַרזאַמלונגען פלעגן די בונדישע פאַריינס־טוער פשוט זידלען די רעוואָלוציאָנער געשטימטע אַרבעטער, באַצייכענענדיק זיי אַלס „רויטע מאָשקעס", „אַסימילאַטאָרן" א״ג״ל. באַזונדערס האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט דער פאַריינס־סעקרעטאַר הערשל הימעלפאַרב. איך דערמאָן זיך גענוי דעם פאַרלויף פון איינער אַ באַריכטס־און וואַל־פאַרזאַמלונג פון פאַריין, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אָנהייב 1920. די פאַרזאַמלונג איז געווען אין דעם קאַמינסקי־טעאַטער אויף דער קאַראָווע־גאַס. דער גרויסער זאַל און די גאַלעריע איז געווען געפאַקט פון אַרבעטער. ווען דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, זלמן ווויַלאַנד האָט פאָרגעלייגט די טאָג־אָרדענונג פון דער פאַרזאַמלונג, האָט געבעטן אַ וואָרט צו דער טאָג־אָרדענונג דער פאָרשטייער פון דער „רויטער פראַקציע" (אין יענער צייט איז דאָס געווען דער „שוואַרצער אימשע" פון דאַמען־מאַגאַזין). באַלד איז אַהורך איבערן זאַל אַ טיפע שושקעריי. דער בונדישער פאָרזיצער האָט אונטער פאַרשידענע פרעטעקסטן זיך אָפּגעזאָגט אים צו געבן דאָס וואָרט. ה' אימשע האָט דאַן פון אָרט אויסגערופן: „איך לייג פאָר אַרויפצושטעלן אַ פונקט: „די פּאָליטישע סיטואַציע אין לאַנד". דאָס האָט ביי די בונדישע פאַריינס־פירער אַרויסגערופן פשוט היסטעריע. אויף דער טריבונע גייט אַרויף אַ צווייטער בונדישער פאַריינס־טוער און נעמט שרייען, אַז דאָס הייסט צעברעכן די אָרגאַניזאַציע. דער טומל פאַרשטאַרקט זיך נאָכמער און די בונדישע פירער דערקלערן די פאַרזאַמלונג פאַר אויפגעלייזט.

צווישן די אַרבעטער האָט מען שוין דעמלט פיל גערעדט וועגן דעם פאַקט. „אויב עס איז אמת — האָבן טייל געזאָגט — אַז די „רויטע" גרופּע איז אַזאַ קליינע, טאָ פאַרוואָס האָט מען די פאַרזאַמלונג אויפגעלייזט? דאָ איז עפּעס נישט אין אָרדענונג".

צווישן אומפּאַרטייאישע אַרבעטער פלעגט מען אָפטמאָל הערן רעדן וועגן קאָמוניסטן; לעגענדעס פשוט פלעגט מען דערציילן וועגן איינעם פון די ערשטע קאָמוניסטישע טוער צווישן יידישע אַרבעטער, שכנא קאַראָלסקי.

אין איינעם אַ אָוונט אָנהייב 1921, בעת איך בין אַרויסגעגאַנגען פון פאַריינס־לאָקאַל, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ חברטע, וועלכע איך פלעג אָפט זען אין פאַריין, און דערלאַנגט מיר אומבאַמערקט פאַר אַנדערע אַן איינגעוויקלט פּאַפּירל צוגעבנדיק: „לייענט עס איבער אין דער היים און גיט עס איבער אַ צווייטן". דאָס איז געווען אַ גרעסערער אויפרוף, אין וועלכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פוילן האָט אויפגעקלערט די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע און די לאַגע אין לאַנד און פאָרמולירט די אויפגאַבן פון אַרבעטער־קלאַס אויפן נאָענטסטן צייט־אָפּשניט.

אין דעם אויפרוף ווערן אויך שאַרף דעמאַסקירט די מאַנעוורען פון די רעכטע פירער פון „בונד" אַרום דער פראַגע פון אָננעמען די 21 אַריינ־

טריטס=באַדינגונגען, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורכן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אַ קורצע צייט שפּעטער באַקום איך אויך אַ לעגאַלע אויסגאַבע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין דער יידישער שפּראַך, וועלכע האָט אַנטהאַלטן אַ ריי אַרטיקלען וועגן פּוילישע און אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און קאָרעספּאָנדענצן פון אַ ריי שטעט און פּראָפּ=פּאַריינען.

די אַטמאָספער אויף די פאַרזאַמלונגען פון די עלטערע און יוגנטלעכע, אויף די פאָרלעזונגען איז געוואָרן אַלץ הייסער. דאָס גלייכן אויף די „צוקונפט“=קרייזן.

אין דעם לאָקאַל אויף שוויענטעיערסקע 32 פלעגן זיך פּעריאָדיש פאַרזאַמלען די סעקרעטאַרן פון די יוגנט=קרייזן, פאַרוואַלטונגס=מיטגלידער פון די יוגנט=סעקציעס און די מיטגלידער פון וואַרשעווער און צענטראַל=קאָמיטעט פון דער „צוקונפט“. די לעצטע פלעגן זיך באַמיען צו באַגרענעצן דעם אינהאַלט פון די באַראַטונגען צו אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן. נישט געקוקט דערויף האָט זיך דער שווערפּונקט איבערגעטראָגן אויף די אַקטועלע, ברענענדיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען. אַלץ בולטער מערקט זיך אָן אויף די פאַרזאַמלונגען אַ שאַרפע שייד=ליניע צווישן 2 קעגנזעצלעכע שטאַנדפּונקטן בנוגע דעם וועג פון דער יידישער אַרבעטנדיקער יוגנט אין פּוילן: צי זאָל דאָס זיין דער וועג פון בשותפותדיקן קאַמף אונטער דער פאָן פון קאָמוניסטישן יוגנט=אינטערנאַציאָנאַל, צי ווייטער טאָפּטשען אין זומפּ פון בונדישער אָפּגעזונדערטקייט און אָפּאָרטוניזם.

אין פּראָצעס פון קאַמף זענען אויסגעוואַקסן אַ ריי יוגנט=טוער און פירער, וואָס זענען געקומען פון די טיפענישן פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און אינטעליגענץ. צו זיי האָבן געהערט: יאַנעק גאָלדפּלאַם, ליבער מושינסקי, מענדל סקראָבעק, גיטעלע ראַפּאַפּאָרט, חיים קאַפּלאַן, אָלעק זאַטאָרסקי, אפרים פּינקערט, אַדעק ליכטענבוים און פיל אַנדערע. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר זיך צוגעהערט צו זייערע ליידנשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען קעגן די „פּאַטענטירטע“ מנהיגים, די ליפּשיצס, שאַפּראַנס און הערצס. בלויז אַ בלינדער אָדער וואָס מאַכט זיך בלינד האָט געקאָנט נישט זען, אַז די סימפּאַטיעס און איבערוואָג בייגט זיך אויף דער זייט פון די, וואָס רייסן אויף די קינסטלעך=אויפגעשטעלטע געטאָ=וואַנט צווישן דער אַרבעטער=יוגנט פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן באַוווינט פּוילן. אַלץ מער איז געוואָרן קלאָר, אַז די שטעלונג, וואָס עס פאַרטרעטן די אָנהענגער פון דער אָפּאָזיציע, האָט די אונטערשטיצונג פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט „צוקונפט“=מיטגלידער. יעדער פון אונדז האָט געפילט בחוש, אַז די חילוקי=דעות צווישן די 2 קעגנזעצלעכע ריכטונגען אינערהאַלב דער אָרגאַניזאַציע זענען צו טיף, אַז מען זאָל זיי קאָנען ווידעראַמאָל צוזאַמענקלעפּן, און אַז עס מוז דערגיין צו אַן אַנטשיידונג. אַזאַ איז געווען די לאָגיק פון דעם קאַמף, וועלכע האָט דערפירט צום קאָנסטיטויִרן זיך

פון דער אָפּאָזיציע און אַ קאָמוניסטישער פראַקציע סיי אין „בונד“ און סיי אין דער „צוקונפט“.

דער קאַמף פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אינערהאַלב דער בונדישער פּאַרטיי און יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט — ווי איך האָב דאָס פאַרשטאַנען אַ ביסל שפּעטער — געהאַט אַ פיל טיפערן הינטערגרונט. די דאָזיקע שורות פּרעטענדירן נישט דאָ צו שילדערן די געשיכטע פון דאָזיקן קאַמף, נאָר זענען דער אויסדרוק פון פּערזענלעכע איבערלעבונגען. איך דערמאָן זיך די שאַרפע ווערטער פון יידישע אַרבעטער פון דער פאַבריק, וו כ'האָב געאַרבעט זומער 1920, אויפן אַדרעס פון די בונדישע „לעבנספראַגן“ צוליב אירע אַנטיסאָוויעטישע אָנפאַלן. אין די געשפּרעכן צווישן די עלטערע אַרבעטער האָט מען אָפט דערמאָנט וועגן שענדלעכן פאַראַט פון די פירער פון די גרעסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען בעת דער מלחמה 1914—1918, וועגן דער קאָנסעקווענטער אַנטי־מלחמה־שטעלונג פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי בראש מיט לענינען, וועגן די מוטיקע ארויסטרעטונגען פון קארל ליבקנעכט אין דייטשישן רייכסטאַג, וועגן די אנטימלחמה־קאָנפערענצן אין צימערוואַלד און קינענטאַל, וועגן דער גרינדונג פון דריטן, קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אויף די צוקונפט־קרייזן האָבן די אָפיציעלע רעפערענטן וועגן דעם אַלעם קיין וואָרט נישט דערמאָנט. אויך די ברייטערע פאָרלעזונגען, אָרגאַניזירטע דורך דער „צוקונפט“ האָבן צוממיינסטן געטראָגן אַן אַבסטראַקטן כאַראַקטער. אַלס אני־מאמין האָט געגאָלטן קאַוטסקיס „ערפורטער פּראָגראַם“ אהגל. אָבער דעם אמת האָט מען נישט געקאָנט באַהאַלטן. אויף פאַרשידענע אופנים איז ער סוף־כל־סוף צו אונדז דערגאַנגען.

די חברים, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט צוזאַמען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער יוגנט־סעקציע און יוגנט־קרייזן, האָבן פיל מער ווי איך געקענט די געשיכטע פון דעם קאַמף צווישן די רעכטע און לינקע אינערהאַלב דער אָרגאַניזאַציע. באַזונדערס איז דאָס געווען שייך אונדזער אפֿרים פינקערט. נישט געקוקט אויף זיין יונגן עלטער האָט ער שוין געהאַט הינטער זיך נאָך זיין קומען קיין וואַרשע, אין יאָר 1920—21, אַ סטאַזש פון עטלעכע יאָר פּאָליטישע טעטיקייט אין זיין געבוירן־שטעטל סטשעגאָווע. פון דאָרט איז ער אויך אויסגעוויילט געוואָרן אויף דער 2־טער לאַנדקאָנפערענץ פון דער „צוקונפט“, וועלכע איז פאָרגעקומען אין 1920. די עיקר־פראַגע אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז געווען די שטעלונג לגבי דעם נאָרוואָם העמלט געגרינדעטן קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל.

„כמעט אלע דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ — האָט אפרים דערציילט — האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָנשליסן זיך אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט־באַוועגונג. אין דעם גייסט איז טאַקע צום סוף פון דער קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציע. קעגן איר האָבן זיך אויפגעהויבן בלויז 12 הענט פון די רעכטע פירער פון צענטראַל־קאָמיטעט, צווישן זיי פון יאַשקע ליבשיץ און נאַטאַן שאַפּראַן“.

„צום באַדויערן — האָט ווייטער דערציילט אונדזער פינקערט — האָט די מערהייט פון צוזאַמענפאָר נישט געמאַכט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע אויספירן פון דער היסטאָרישער אָפּשטימונג. בעת די וואַלן צום נייעם צענטראַל־קאָמיטעט זענען ווידעראַמאָל אויסגעוויילט געוואָרן די פּאָליטיש־באַנקראָטירטע אָבער דורכגעטריבענע רעכטע פירער, וועלכע האָבן פייערלעך פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן רעאַליזירן דעם באַשלוס פון דער קאָנפערענץ. די זעלבע געשיכטע האָט זיך אויך אָפּגעשפּילט אויפן צוזאַמענפאָר פון „בונד“. די דאָזיקע לייכטגלויביקייט האָט אונדז טייער געקאָסט.

די מלחמה־געשעענישן פון 1920 האָבן אויף אַ געוויסער צייט איבערגעריסן דעם אינערלעכן קאַמף, וועלכער האָט זיך אָבער גלייך ווידער צעפלאַקערט. אַ ריי נייע פאַקטאָרן האָבן בייגעטראָגן, אַז ער זאָל אָננעמען אַ נאָך מער פּאַרטייפּטן אידעאָלאָגישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן פּאַרנעם. דאָס נייע איז געווען, וואָס דער קאַמף האָט זיך איצט קריסטאַליזירט אַרום דער פראַגע פון אָננעמען אָדער אָפּוואַרפן די 21 אַריינטריטס־באַדינגונגען, וועלכע זענען באַשלאָסן געוואָרן דורכן 2־טן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין אויגוסט—סעפּטעמבער 1920.

די שטימונג צווישן די יידישע אַרבעטער איז געווען אַזאַ, אַז די רעכטע בונדישע פירער האָבן נישט געוואַגט אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן אָנשלוס און קעגן אָננעמען די 21 פונקטן. זיי האָבן אַלזאָ מאַנעווּרירט, פּרוּווּנדיק דעם אַזוי ערנסטן גורלדיקן פּראָבלעם הערפירן צו... דינגעניש. איין גרופּע, בראש מיט ערליך, אלטער, מיכאַלעוויטש האלט ביים אָננעמען בלויז 16 פונקטן און באַקומט די באַצייכענונג „די 16־נער“. די צווייטע גרופּע, בראש מיט יוסף כמורנער (יוסף לעשטשינסקי) איז פאַר אָננעמען 19½ פונקטן (די פירער פון דער דאָזיקער גרופּע, זענען ס'רוב געווען פּליטים פון רוסלענדישן „בונד“).

דער שטרייט צווישן די „16־נער“ און „19½־נער“, ווי שאַרף ער זאָל נישט האָבן געווען זיין, האָט אָבער נישט געקאָנט פירן צו קיין פּאָזיטיוון רעוואָלוציאָנערן רעזולטאַט. ווייל סיי די און סיי יענע האָט געבונדן דער עיקר: דער אָפּאָרטוניסטישער פּרינציפּ וועגן דער נייטווענדיקייט פון אַ באַזונדערער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע פאַר די יידישע אַרבעטער. דער אומשטאַנד האָט געפירט דערצו, וואָס אפילו די כמורנער־גרופּע ביי איר גאַנצער קאָמוניסטישער דעקלאַראַציע האָט צוליב איר פאַרשטייפטקייט אין דער עיקר־פראַגע במילא פאַרמאַכט פאַר אונדז, יידישע אַרבעטער דעם אַרויסגאַנג אויפן ברייטן שליאַך פון דער באמת אינטערנאַציאָנאַליסטישער, רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

פריי פון אָפּאָרטוניזם אין דער עיקר־פראַגע איז געווען בלויז די קאָמפראַקציע אין „בונד“ און „צוקונפט“. דער „קאָמבונד“ האָט ראשית

געפאָדערט אָנצונעמען אַלע אַרײַנטריטס־באַדינגונגען אָן אויסנאַם. ער האָט פאַרלאַנגט תיכף צו שליסן אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער קאָמוניסטי־שער אַרבעטער־פּאַרטיי פון פּוילן, אָרגאַניזירן די יידישע און פּוילישע אַרבעטער אין אײנהייטלעכע קלאַסן־פאַרײנען אַרגל.

במשך פון כמעט דעם גאַנצן יאָר 1921 האָט זיך דער האָזיקער קאַמף געפירט אינערהאַלב דער בונדישער פּאַרטיי און יוגנט־אָרגאַניזאַ־ציע. די אַרענע פון האָזיקן קאַמף איז געווען יעדער יוגנט־קרײַז אין וואַר־שע און אין לאַנד. דער ווּכטיקסטער געביט פון דעם האָזיקן דראַמאַטישן קאַמף, וועלכער האָט אויסגעשמידט אין אַ דעצידירנדיקער מאָס דאָס נײַע פּנים און נײַעם אינהאַלט פון דער קלאַסן־באַוועגונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן — זענען נאַטירלעכערהווײַז געווען די פראָפ־פאַרײַ־נען און זײערע יוגנט־סעקציעס.

אָנהייבנדיק נאָך פון די יאָרן פון דער ערשטער דײַטשישער אָקו־פּאַציע פון 1918 — 1914 אַנטשטייט קודם־כל אין וואַרשע אַ ברייטע נעץ פון פראָפעסיאָנעלע פאַרײנען פון יידישע אַרבעטער. לויט אַן אָפי־ציעלער סטאַטיסטיק זענען אין די דאָזיקע פאַרײנען געווען אָרגאַניזירט:

אין יאָר 1919 — 57 טויזנט מיטגלידער,
אין יאָר 1921 — 71 טויזנט מיטגלידער,
אין יאָר 1922 — 56 טויזנט מיטגלידער.

צו די גרעסטע פראָפ־פאַרײנען האָט געהערט דער נאָדל־פאַרײן, וועל־כער האָט אין די יאָרן 1920—1919 געציילט 10 טויזנט מיטגלידער. פיל טויזנטער מיטגלידער האָבן געציילט די פאַרײנען פון די לעדער־ אַר־בעטער (נאַוואָליפּקי 7), און פון די טעקסטיל־אַרבעטער (קאַרמעליצקע 15). עס האָבן עקזיסטירט שטאַרקע פראָפ־פאַרײנען פון האָלץ־גאַלאַנטעריע (מי־לע 10); פון די בעקער, לעדער־גאַלאַנטעריע, מעטאַל־אַרבעטער א. אַנד.

פיל טויזנטער יוגנטלעכע זענען געווען אָרגאַניזירט אין די יוגנט־סעקציעס. פון זיי האָט זיך אויך רעקרוטירט די עיקרדיקע מיטגלידער־מאַסע פון דער „צוקונפט". אין יאָר 1921 האָט די וואַרשעווער „צו־קונפט" געציילט פון 800 ביז 1000 מיטגלידער. בלויז אין דעם נאָדל־פאַרײן האָבן די „צוקונפט"־קרײַזן אַרומגענומען ביז 250 מיטגלידער.

די כוחות־פאַרהעלטענישן אינערהאַלב דער אָרגאַניזאַציע איז אין 1921 יאָר געווען אַזאַ, אַז די פאַרוואַלטונגען פון די יוגנט־סעקציעס און פון די יוגנט־קרײַזן אין אַלע וואַרשעווער פראָפ־פאַרײנען זענען באַשטאַ־נען פון קאָמצוקונפטיסטן. די רעפערענטן אויף די קרײַזן, פאַרזאַמלונגען און פאַרלעזונגען זענען אויסגעטיילט געוואָרן אָדער דירעקט דורך די קאָמצוקונפטיסטן פונם געגעבענעם אָרט, אָדער דורך דער אָנפירונג פון דער וואַרשעווער און צענטראַלער פראַקציע. מיר האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז די רעכטע פירער, וועלכע האָבן געבראַכן די באַשלוסן פון

דער איבערוועגנדיקסטער מערהייט מיטגלידער, זאָלן ביי יעדן זייער פּרוּוו פון אַריינברענגען אַ צעטומלונג אין די מוחות באַקומען דעם געהעריקן ענטפער.

אין די האַרבסט־חדשים 1921 האָט זיך דער אינערלעכער קאַמף דערנענטערט מיט שנעלע טריט צו זיין ענדגילטיקער אַנטשיידונג. דער קאַמף צווישן דער יידישער אַרבעטער־יוגנט איז זעלבסטפאַרשטענדלעך געפירט געוואָרן די גאַנצע צייט אין דער ענגסטער פאַרשטענדיקונג און אונטער דער אָנפירונג פון דעם „קאָמבונד“. די באַציונגען אינערהאַלב דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען געשפּאַנט ביזן פּלאַצן. די אַטמאָספער אויף די קרייזן איז געווען פול מיט אויפרייס־שטאָף. אַלס פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער יוגנט־סעקציע און יוגנט־קרייזן פלעג איך יעדן שבת באַדינען עטלעכע פון זיי. מיר האָבן אויף זיי אינפאָרמירט וועגן די געשעענישן אין לאַנד, אויף דער וועלט, וועגן די אינערלעכע שטרייט־פראַגן מיט די רעפאָרמיסטישע עלעמענטן. אויף די אַלע קרייזן געדענק איך נישט, אז עס זאָל האָבן עמיצער געווען, וואָס זאָל נישט האָבן מסכים געווען מיט אונדזער שטעלונג.

אומגעפער אין חודש אָקטאָבער אָדער נאָוועמבער 1921 איז אויף אַ ריי צוזאַמענטרעפן און קאָנפערענצן פון דעם וואַרשעווער און צענטראַלן אַקטיוו פון „קאָמבונד“ און „קאָמצוקונפט“ באַשלאָסן געוואָרן פולשטענדיק צו איזאָלירן די רעכטע, אָפּאָרטוניסטישע גרופּע. לויטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן האָבן אין דעם טאָג געדאַרפט פאָרקומען פאַרזאַמלונגען פון אַלע קרייזן, און פון דאָרטן האָבן מיר גלייך נאָכן פאַרענדיקן זיי געדאַרפט אַוועק אין דעם לאָקאַל פון דעם לעדער־פאַריין אויף נאַוואָליפּקי 7, אויף דער אַלגעמיינער קאָנסטיטואירונגס־פאַרזאַמלונג פון דער זעלבשטענדיקער „קאָמצוקונפט“.

אזוי איז עס טאַקע געשען. האָבנדיק דעם טאָג צו באַדינען עטלעכע קרייזן, האָב איך זיי פאַרזאַמלט צוזאַמען. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער „צוקונפט“, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ מערהייט רעכטע, האָט זיך אויך מאָביליזירט און צוגעשיקט זיינע מענטשן אויף אַלע פאַרזאַמלונגען. אויף דער פאַרזאַמלונג, וועלכע איז באַדינט געוואָרן דורך מיר איז צוגעקומען איינער פון די „צוקונפט“־פירער, וועלכער איז אָנגעגאַנגען אַלס „לינקער“, דאָס איז געווען אַבראַשא וויינער. מיר האָבן אָבער נישט געהאַלטן פאַר נייטיק ווידער אויפצונעמען מיט זיי דיסקוסיעס. גלייך אַלזאָ נאָך מיין באַריכט האָט דער פאָרזיצער געשלאָסן די פאַרזאַמלונג, און אַלע זענען מיר גלייך אַוועק אויפן באַשטימטן אָרט.

צווישן די הונדערטער „צוקונפט“־מיטגלידער פון נאָדל־פאַריין איז די רעכטע, נאָכן מאָביליזירן זייערע קאָרפּן־קעפּ, געלונגען אָפּצוציען בלויז 2 יוגנטלעכע היטלמאַכער.

ווען מיר זענען פון דער גרעניטשנע 17 צוגעקומען צו נאַוואָליפּקי 7, האָט שוין דער גאַנצער הויף און דער פאַריינס־לאָקאַל פשוט געברויזט

פון יוגנטלעכע שטימען. עטוואָס שפּעטער איז שוין דער גרויסער פאַרזאַמלונגס=זאַל און די אַרומיקע צימערן געווען פול געפּאַקט מיט אַ קרוב 1000=קעפּיקער מאַסע יוגנטלעכע. אַלע האָבן מיר ווי איינגעהאַלטן דעם אָטעם אין פולן באַוווסטזיין פון דער היסטאָרישער באַדייטונג פון מאָמענט.

אויף דער טריבונע האָבן זיך שוין געפונען אונדזערע באַליבטע אָנפירנדיקע חברים: חיים קאַפּלאַן, מענדל סקראָבעק, ליבער מושינסקי און די פאָרשטייער פון „קאָמבונד“.

ביי אַ פייערלעכער שטילקייט עפנט די פאַרזאַמלונג מענדל סקראָבעק. שוין ביי זיינע ערשטע ווערטער, אַז די יידישע אַרבעטער=יוגנט אין פוילן שליסט זיך אָן אין די רייען פון קאָמוניסטישן יוגנט=אינטערנאַציאָנאַל — ברעכט אויס אַן אומבאַשרייבלעכער ענטוזיאַזם. נאָך אים רעדט דער ח' קאַפּלאַן.

אויפן זאַל זעט מען נישט קיינעם פון די רעכטע „צוקונפט“=פירער. זייער איינציקער שליח איז אַבראַשאַ ווייגער. ער בעט און באַקומט אַ וואָרט. אַבראַשאַ ווייגער האָט בלי ספק געהערט צו די סימפּאַטישסטע ליניק געשטימטע פירער פון דער „צוקונפט“. דאָס איז זיכער געווען די סיבה, פאַרוואָס די ליפּשיצעס און שאַפּראַנס האָבן אים אָנפאַרטרויט די „מיסיע“ פון פאַרטרעטן זיי אויף דער פאַרזאַמלונג, אָפּהאַלטנדיק זיך צו קומען אַליין. אין זיין רעדע האָט ער גלייך אָנגעשלאָגן אין אַ סענטימענטאַלן טאָן און איינגאַנצן אויסגעמיטן צו פאַרנעמען אַ שטעלונג לגבי די שטרייט=פראַגן. זיין פאַרופן זיך אויף „בונדישע טראַדיציעס“ איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אייז=קאַלטן שווייגן. אָבער גלייך באַווייזט זיך אויף דער טריבונע דער שאַרף=געשניצטער סילועט פון ליבער מושינסקי.

וועגן ח' ליבער האָבן מיר שוין פאַר דעם פיל געהערט, אָבער נישט אָפּט אים געזען דאָ ביי אונדז אין וואַרשע. ער האָט געהערט צום צענטראַלן אַקטיוו פון דער „קאָמצוקונפט“=פראַקציע, פלעגט אַרומפאָרן איבערן גאַנצן לאַנד און דער עיקר — געאַרבעט אין דעם ראַיאָן פון לאָמזשע, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט. אין זיינע ליידנשאַפטלעכע ווערטער האָט אָפּגעהילכט דער עכאָ פון דעם טיפן רעוואָלוציאָנערן איבערברוך, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע אַרבעטער=יוגנט אין גאַנצן לאַנד. ער רעדט וועגן דער היסטאָרישער באַדייטונג פון באַהעפטן זיך מיט דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער יוגנט=אַרמיי, וואָס קעמפט אונטער דער אָנפירונג פון דעם קאָמוניסטישן יוגנט=אינטערנאַציאָנאַל.

דער ענדגילטיקער ריס

פון דער פאַרזאַמלונג זענען מיר אַרויס מיט אַ שטאַרקער אידעאישער און עמאָציאָנעלער אָנלאָדונג. מיר האָבן זיך געפילט פשוט ווי

ניי=געבוירן. דער ענטוזיאַזם און קאַמפּס=ווילן האָט אַלעמען באַפליגלט. די גרינטלעכע ניכטערע אָפּשאַצונג, וואָס מיר האָבן געמאַכט נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט באַוויזן, אַז איבער 90 פּראָצענט פון די יוגנטלעכע, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין דער וואַרשעווער „צוקונפט", איז אַוועק מיט אונדז. דאָס זעלבע איז אויך געווען אין לאָנדאָן=מאַסשטאַב. די גרופּע רעכטע פירער איז געבליבן אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט — אַ שטאַב אָן אַן אַרמיי. אויך אַלע פאַרוואַלטונגען פון די יוגנט=סעקציעס זענען געבליבן ביי אונדז.

אין דעם באַקלייד=פאַריין איז די גאַנצע יוגנט=סעקציע געגאַנגען מיט דעם נייעם וועג, בעת אין דער פאַרוואַלטונג פון פאַריין האָט ווייטער געבאַלעבאַטעוועט די פריערדיקע בונדישע אָנפירונג בראש מיט ה. הימעלפאַרב. אין פאַריין איז אָבער פאַר דער צייט אויסגעוואָקסן אַ מעכטיקע אָפּאָזיציע, וועלכע האָט באַהערשט די שטאַרקסטע פאַכן (מענער=פּריוואַט, מענער=מאַגאַזין, קליידער=שניידעריננס, קירזשנער א. אַנד.), האָבנדיק פאַקטיש אונטער זיך די מערהייט פון די פאַריינס=מיטגלידער. אין דעם טעקסטיל=פאַריין האָט סיי די פאַרוואַלטונג פון פאַריין און סיי פון דער יוגנט=סעקציע איבערגעריסן מיטן „בונד"; דאָס זעלבע איז אויך געווען אין לעדער=פאַריין, ביי די האָלץ= און בוי=אַרבעטער, פּאַפּיר. די יידישע אַרבעטער=באַוועגונג האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט איינגאַנצן אַ נייַ בילד. עס זענען אויפגעבראָכן געוואָרן די דורותדיקע מחיצות. דער וועג צו אייניקייט מיטן רעוואָלוציאָנערן לאַנד=פּראָלעטאַריאַט, מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז געוואָרן פריי. ער איז אָבער ווייט נישט געווען קיין לייכטער, פיל שטרויכלונגען און וואַקלענישן האָבן נאָך געהאַט אַן אָרט.

נאָכן קאָנסטיטואירן זיך אַלס זעלבשטענדיקער „קאָמבונד" און „קאָמצוקונפט" זענען ביי אונדז אַנטשטאַנען געוויסע מיינונגס=פאַרשידנקייטן. אַ טייל האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף גלייך אַריינגיסן זיך אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אין פּוילן. די פּראָבלעמען וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער סטרוקטור און פאָרמען פאַר אונדזער טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן — האָבן געהאַלטן די האָזיקע חברים — קאָנען באַהאַנדלט און דערליידיקט ווערן, ווען מיר וועלן שוין זיין אינעווייניק.

די מערהייט חברים האָט אָבער געהאַלטן, אַז עס איז נייטיק נאָך אַ געוויסע צייט פון זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ פון „קאָמבונד" און „קאָמצוקונפט". „קיין קאָמוניסט קאָן מען נישט ווערן פון היינט אויף מאָרגן" — האָבן די חברים אַרגומענטירט. יאָרן לאַנג האָבן מיר איינגעזאַפּט אין זיך פרעמדע אידעאָלאָגיעס, וועלכע זענען ווייט נאָך נישט אויסגעלעבט געוואָרן במשך פון דעם שאַרפן אינערלעכן קאַמף. עס איז אַלזאָ נייטיק אַ געוויסע איבערגאַנגס=צייט, וועלכע דאַרף אויסגענוצט ווערן פאַר דער קאָמוניסטישער איבערדערציונג פון דער פּילטויזנטקע=

פּיקער מאַסע, וואָס האָט איבערגעריסן מיטן בונדישן סאָציאַל־רעפאָרמיזם און נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט.

מיינונגס־פאַרשידנקייטן זענען געווען אויך וואָס שייך די פּראָבלעמען פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט אין דער יידישער סביבה. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז נישט דערשאַצט געוואָרן סיי דורך דער סדקפּל און סיי דורך דער פּפּס־ליגקע. נישט האָבנדיק קיין ריכטיקע איינשטעלונג אין דער נאַציאָנאַלער פּראַגע בכלל, האָבן ביידע פּאַרטייען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געקאָנט האָבן קיין ריכטיקע שטעלונג אין דער פּראַגע פון די יידישע מאסן. ערשט די קאָמוניסטישע ארבעטער־פּארטיי פון פּוילן האָט די דאָזיקע פּראַגע אוועקגעשטעלט אויף די פיס. ביים צענטראַלן קאָמיטעט אַנטשטייט אן אָפּטיילונג פאר יידישער ארבעט. עס ווערן ארויסגעגעבן לעגאַלע און אומלעגאַלע אויסגאבן אין דער יידישער שפּראַך (דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „צום קאמף“, „דער בוי־ארבעטער“, אויפרופן א. אנד.). אָבער די דאָזיקע ארבעט האָט נאָך נישט געהאט אָנגענומען קיין מאסן־כאַראַקטער.

די פּראָבלעמען פון אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן כאַראַקטער, וואָס זענען ביי אונדז ארויפגעשווומען נאָכן איבעררייסן מיטן „בונד“, זענען אין פיל הינזיכטן געווען ענלעך צו די פּראָבלעמען, וואָס זענען אויפגעשווומען אין דעם שכנותדיקן ראַטנפאַרבאַנד נאָך דער זעלבסטליקווידאַציע פון דעם רוסלענדישן „בונד“. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אָנגעפירט דורך לענינען האָט דאָס פּראָבלעם געלעזט דורך שאַפן יידישע סעקציעס ביי די פּאַרטייאישע קאָמיטעטן, ווו עס האָט געלעבט א קאָמפּאַקטע יידישע באַפעלקערונג. די דאָזיקע סעקציעס זענען געווען פּאַראייניקט אין א „צענטראַל־ביוראָ פון יידישע סעקציעס“ ביים צ. ק. פון דער אלקפּ(ב).

די גרויסע מערהייט פון די „קאָמבונדיסטן“ און „קאָמצוקונפטיסטן“ האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַזאַ ענלעכער לעזונג ביי אונדז אין לאַנד. בלויז אַ קליינע גרופּע האָט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק פון אַ ברייטערער אויטאָנאָמיע פאַר אונדזער יידישער אַרבעט.

די אַרבעט פון דעם „קאָמבונד“ און „קאָמצוקונפט“ איז במשך פון גאַנצן יאָר 1922 ביז דער פאַראייניקונג געפירט געוואָרן אין פולער פאַרשטענדיקונג און קאָאָרדינירונג מיט דער אָנפירונג פון קפּפּ און קאָמיוג.

אַ קורצע צייט נאָך דער היסטאָרישער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג אויף נאָוואָליפּקי 7 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „קאָמצוקונפט“, אויף וועלכער עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ וואַרשעווער קאָמיטעט. אין זיין באַשטאַנד זענען אַריין: ח. קאָפּלאַן, מענדל סקראָבעק, איציק קאָוונער, יאַנעק גאָלדפּלאַם, גימעלע ראַפּאָפּאָרט, אלעקסאנדער זאטאָרסקי, ה. גאָלדפינגער, יאַנקעלע ביבלייזער, אַדעק ליכטענבוים, אפרים פינקערט און האַלינע פעפער.

דעם עיקר־אָנשפּאַר פון אונדזער אָרגאַניזאַציאָנעלער, פּאָליטישער און קולטור־טעטיקייט האָבן ווייטער געבילדעט די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

דאָ פלעגן יעדן שבת פאָרקומען ווי פריער די מערסטע פאַרזאַמלונגען פון די קרייזן און אין מיטן וואָך — די זיצונגען פון די פראָפ־פאַריינישע עקזעקוטיוון. אין די פאַריינען, וועלכע זענען געבליבן אונטער דער בונדישער אָנפירונג, ווי: נאָדל, מעטאַל, האָבן מיר געמוזט פירן אַ שווערן קאַמף פאַר גרופּן־רעכט. די בונדישע פאַריינס־פירער פלעגן באַזונדערס אויסלאָזן זייער האַס צו די ווידערשפּעניקע יונגעלעכע, ארויסטרייבנדיק זיי פּשוט פון די פאַריינס־לאָקאַלן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגן זיי געניסן פון דער סאָלידאַריטעט און גאַסטפריינדלעכקייט פון די פראָפ־פאַריינען אונטער אונדזער אָנפירונג, אָרגאַניזירנדיק די קרייז־צוזאַמענקונפטן אין זייערע לאָקאַלן. מיר האָבן זיך אָבער אַלץ מער אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז די צייטן פון לעגאַלער אָדער אפילו האַלב־לעגאַלער טעטיקייט ענדיקן זיך. די „רעפּע" האָט שוין זינט לאַנג זיך „אינטערעסירט" מיט דעם, וואָס קומט פאָר אין דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג. א באַשיימפערלעכן באַווייז פון דעם „אינטערעס" זענען געווען די ארעסטן פון אונדזערע אקטיוויסטן און די אָפטע „וויזיטן" פון דער פּאָליציי און שפּיצלעם אין די פאַריינען און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. איינער אַזאַ „וויזיט" איז מיר באַזונדערס פאַרבליבן אין זכרון.

אין אַ שבתדיקן פאַרנאַכט, א חודש — צוויי נאָך דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער „קאָמצוקונפט" האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ צווייטע אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג אין דעם זעלבן לאָקאַל אויף באָוואָליפּקי 7. דער רעפערענט איז געווען ח' קאַפּלאַן. פּלוצעם באַווייזן זיך אין דער טיר עטלעכע אַרבעטער און געבן אַ זאָג: „פּאָליציי גייט"! די גראַנאַטאָווע „געסט" זענען שוין געווען אויפן הויף. די פּרעזידיום־מיטגלידער האָבן זיך אָבער נישט פאַרלוירן. אַראָפּרוימענדיק שנעל אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אויפן טיש, האָבן זיי זיך אויסגעמישט מיטן עולם. ערגער איז געווען מיטן רעפערענט. אַלס סטודענט האָט אים געדראָט, אין פאַל ווען די „דעפּע" זאָל אים פאַקן, א שטראָף, און די אָרגאַניזאַציע־אַרבעט וואָלט שטאַרק געליטן פון זיין אַרעסט. נישט פאַרלירנדיק קיין איבעריקע סעקונדע, האָט קאַפּלאַן געגעבן אויף זיך אַ צי אַרויף עפּעס אַ שטיקל מלבוש, אַן אַנדער היטל און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דורכן פענצטער, וואָס איז ארויסגעגאַנגען אויף א בלינד הייפל. צום גליק איז דער פאַריינס־לאָקאַל געווען בלויז אויפן ערשטן שטאָק, און דער „אַקראָבאַט" איז אָפּגעקומען מיט אָפּרייסן זיך די הויט פון די קני. דער קאָמענדאַנט פון דער כאַפּטע פּאָליציי און שפּיצלעם, וואָס האָבן זיך אין אַ ווײַלע שפּעטער אַריינגעריסן אין זאַל, האָט זיך געהאַלטן אין איין פרעגן: „אַ גדזשע יעסט טען טשאַרני, וויסאָקי?" (ווו איז דער שוואַרצער, דער הויכער). נאָכן אדורכבדיקענען ביי אַלעמען די קעשענעס, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן מיט קענטיקער אומצופרידנקייט.

פאַר אונדז איז דאָס געווען אן איבעריקער סיגנאַל, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק און אַז עס זענען נייטיק איינצופירן אין דער אָרגאַניזאַציאָנע־

לער אַרבעט כללים פון רעוואָלוציאָנערער קאָנספּיראַציע. די זיצונגען פון
די קרייזן האָבן מיר אָנגעהויבן איבערצוטראָגן אין פּריוואַטע לאָקאַלן. מיר
האָבן אָנגעהויבן באַנוצן אין דער אָרגאַניזאַציע און פּאַריינס-טעטיקייט
פּסעוודאָנימען. בעתן דערנענטערן זיך פון ערשטן מאַי און אַנדערע
אַרבעטער-יום-טובים האָט דער אַקטיוו באַקומען אַ באַפעל נישט צו נעב-
טיקן אין זייערע וווינונגען.

אין משך פון די זומער-חדשים 1922 האָבן זיך געפירט די געשפּרעכן
וועגן די אופנים פון צונויפגיסן דעם „קאָמבונד“ און „קאָמצוקונפט“ מיט
דער קאָמוניסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי און קאָמיוג פון פּוילן.
דער קאָמוניסטישער יוגנט-פאַרבאַנד פון פּוילן איז אַנטשטאַנען אין מיטן
מערץ 1922. בראש פון אים האָבן זיך געפונען יוגנט-טוער, וועלכע זענען
געקומען פון פאַרשידענע פּאָליטישע סביבות. די מערסטע פון זיי האָבן
נאָך אין די יאָרן 1918—1919 פאַרלאָזן די רייען פון די סאָציאַל-רעפאָר-
מיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און שנעל געפונען דעם
וועג צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. צווישן די פירער פון קאָמוניס-
טישן יוגנט-פאַרבאַנד האָבן זיך געפונען (ווי ווייט מיין זכרון גרייכט):
די ח"ח מאָניעק נאָוואָגרודזקי, אַדאַמיטש, ציטערשפּילער. אין אַ רײ
פּראָפ-פאַריינען זענען שוין געווען קאָמוניסטישע יוגנט-גרופּן. אין דעם
טעקסטיל-פאַריין, למשל, האָט געאַרבעט דער טאַלאַנטירטער מאַרקום
מאָרגענשטערן. אין דעם נאָדל-פאַריין האָט שוין זינט אַ געוויסער צייט
געווירקט אן אָרגאַניזירטע יוגנט-גרופּע, צו וועלכער עס האָבן צוו. אַנדערע
געהערט: יואל לאַזעבניק (דער „שוואַרצער יולעק“, „סעוועק“), גוטעק
(„כּמאַד“), מאָניעק בעכער, חיים רוסמאַן, משה גאָלדוואַסער („משה
משאַפּ“) א. אנד. הגם קליין אין צאָל, איז דאָך דער איינפלוס פון די
דאָזיקע „רויטע“ גרופּן געווען אַ באַדייטנדיקער.

צווישן די „קאָמצוקונפט“-פראַקציעס אין די פאַריינען און די קאָמו-
ניסטישע יוגנט-גרופּן האָט זיך נאָך אין 1921 איינגעשטעלט אַ צוזאַמענ-
אַרבעט. אָבער אָפט האָט ביי אַ טייל פון אונדז געעקבערט דער געדאַנק,
אַז מיר דאַרפן וואָס שנעלער בילדן אַ גאַנצן אָרגאַניזם.

געאייניקט אין דער גרויסער פּאָליטישער וואַל-שלאַכט

די פאַראייניקונג איז אויסגעפאַלן סוף 1922. דאָס איז געווען אין
דער צייט, ווען אין לאַנד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ גרויסע פּאָליטישע
שלאַכט ארום די וואַלן צום סיים. די וואַל-קאַמפּאַניע איז פאַר דער גרוי-
סער מאַסע עלטערע און יונגערע יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אויס-
געקליבן דעם וועג פון געאייניקטן קאַמף מיטן לאַנד-פּראָלעטאַריאַט, געווען
די ערשטע פייער-פּראָבע.

אין וואַל-קאַמף האָבן פיגורירט ליסטעס פון פיל פּאָליטישע פּאַרטיי-
ען, אָבער דער איינגלעכער קאַמף האָט זיך אָפּגעשפּיגלט צווישן דער

פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס, דער קפּ״פּ פון איין זייט און דעם גאַנצן פּעבער פון די בורזשואזע, סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען פון דער צווייטער זייט.

די קפּ״פּ אַלס אומלעגאַלע, גערודפטע פּאַרטיי איז געגאַנגען צו די וואַלן אונטער דעם נאָמען: „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“. אויף דער קאַנדידאַטן־ליסטע נומער 5 האָט פיגורירט אויף איינעם פון די ערשטע ערטער אונזער שטאַרק באַליבטער יצחק גאָרדין. „אונזער יצחק מוז אַדורכגיין“! — האָבן מיט פינקלענדיקע אויגן גערעדט עלטערע און יונגערע יידישע שוסטער, בעקער, טרעגער.

אונזער פּאַרטיי האָט נישט געוואָרפן מיט קיין פּוסטע הבטחות. זי האָט קלאָר און דייטלעך פאַרגעשטעלט דעם אַרבעטער־קלאַס און די ברייטע פאָלקס־שיכטן די ערנסטקייט פון דער לאַגע, אויפגעדעקט די טיפע סיבות פון דעם שווערן ווירטשאַפטלעכן קריזיס, אַרבעטסלאָזיקייט, פון דעם קאָפּשווינדלערישן אַראָפּזינקען פון דער פּוילישער וואַלוטע און שטייגנדיקן יקרות און געוויזן דעם אויסוועג: די פאַראייניקונג פון די אַרבעטער פון אַלע פעלקער, וואָס באַוווינען פּוילן, צום קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט און קעגן די, וועלכע צעשפּליטערן און שפּאַלטן די אַרבעטער־כוחות.

אין דער וואַל־פּלאַטפאָרם פון דער ליסטע נומער 5 איז צווישן אַנדערן אָנגעזאָגט געוואָרן דער שאַרפסטער קאַמף קעגן מענטשנפרעסערישן אַנטיסעמיטיזם און עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן דער לאָזונג פון פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

מיט ענטוזיאַזם און טיפן גלויבן אין זיג פון דער גרויסער באַפרייאונגס־אידעע פון אַרבעטער־קלאַס האָבן מיר זיך געוואָרפן אין קאַמף, קומענדיק מיט אונזער וואָרט צו אַזעלכע שיכטן פון דער יידישער אָרעמקייט, וועלכע זענען ביז איצט נאָך נישט געווען באַרירט דורך אונזער אַגיטאַציע. יעדעס פּאַרטיי־ און יוגנט־קעמערל האָט באַקומען אַ געוויסע צאָל הייזער, וועלכע מען האָט געדאַרפט באַזוכן, רעדן מיט די מענטשן, פאַרטיילן ליטעראַטור, קלעפּן אויפרופן. געגאַנגען זענען מיר זאַלבעצווייט אָדער זאַלבעדריט. מיין גרופּע האָט געהאַט די וואָלינסקע־גאַס און דאָס אָסטראָווסקע־געסל. מיר זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב. דאָס בילד, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן, איבערטרעטנדיק די שוועל פון טייל יידישע וווינונגען, איז געווען אַזוי דערשיטערנדיק, אַז עד־היום איז אוממעגלעך דאָס צו פאַרגעסן: פייכטע, פינצטערע קעלערס און סתם נאָרעס פון עטלעכע קוואַדראַט־מעטער, וווּ מען האָט זעלטן ווען געזען אַ שטיקל ברויט צו דער זעט; מענטשן אָנגעטאָן בוכשטעבלעך אין שמאַטעס; בלייכע, קרענקלעכע קינדערישע געזיכטער אָן אַ שמייכל; יונגע, אָבער שוין פאַרעלטערטע מענער און פרויען, וואָס האָבן חדשים און יאָרן אַרומגעזוכט אַרבעט. די ענגלישע קרענק און שווינדזוכט האָבן דאָ געהאַט זייער מוראדיקן שניט.

נישט איינמאָל האָט אונדז, וועלכע זײַנען אַליין געקומען פֿון דער יידישער אָרעמקייט, פשוט פֿאַרחפֿעלט ווערטער אין אָנבליק פֿון דעם עלנט און נויט. אָבער די פֿאַרחושכטע מענטשן האָבן אין אונדז גלייך דערפֿילט זייערע נאָענטסטע, אויפֿריכטיקסטע פֿרייגד און האָס אַרויסגעוויזן אויף פֿאַרשידענע אופֿנים. מיר האָבן אין די פּשוטסטע ווערטער, יעדער איינער ווי ער האָט געקאָנט, גערעדט וועגן דעם, אַז עס וועט אויך פֿאַר זיי אויפֿשיינען די זון, ווו זי האָט שוין אויפֿגעשיינט אויפֿן מזרח; מיר האָבן זיי געוויזן די סיבות און שולדיקע אין זייער נויט און דעם אויסוועג — קעמפֿן צוזאַמען מיטן גאַנצן אַרבעטער-קלאַס אונטער דער פֿאָן פֿון דער קפּפּ. די ווערטער און אונדזערע האָבן דאָ געפֿונען דעם וואַרעמסטן אָפּקלאַנג. פֿון די געסטן פֿון ביטערסטער נויט האָבן אומאויפֿהערלעך געשטראָמט אַלץ פֿרישע קעמפֿער אין אונדזערע רייען.

די רעזולטאַטן פֿון די וואַלן האָבן קלאָר באַוויזן, אַז צווישן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפֿעלקערונג אין פּוילן איז אויפֿגעקומען אַ נייער פּאָליטישער כוח — די קאָמוניסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי פֿון פּוילן.

זוילע און אברהם פינקערט

דער אומפארגעסלעכער אפרים

אפרים פינקערט (פסעוודאָנימען: „סמזשעגאָוו", „לאָווקאַ", „קריש", „וויעזשביצקי") איז געבוירן אין 1904 יאָר אין ווארשע. ווי טויזנטער יידישע בחורים און מיידלעך פון יענער צייט האָט ער געפונען דעם וועג צו דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באַוועגונג.

דערצויגן אין א טראדיציאָנעל־רעליגיעזער יידישער שטוב, שטעט ער שוין אין עלטער פון 13 יאָר פאר אן „עילוי". בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה פארלאָזן אפרים׳ס עלטערן ווארשע און באַזעצן זיך אין דעם קליינעם שטעטעלע סטשעגאָוואָ לעבן מלאַווע. אפרים זעצט פאָר דאָס לערנען ביים אָרטיקן שוחט, וואָס שטעט אליין פאר אן אָנגעזעענעם למדן.

די היסטאָרישע געשעענישן אין רוסלאַנד פון נאָוועמבער 1917, דער עכאָ פון די זאַלפּן פון דער „אַוראָראַ" דערקייקלט זיך אויך צום קליינעם שטעטעל סטשעגאָוואָ. צו יענער צייט אַנטשטייט אַ ביגדישע און אויך אַ „צוקונפט"־אָרגאַניזאַציע (אָרגאַניזירט דורך זיין פעטער שמחה גאָלדבערג, וואָס איז שוין דעמלט געווען אַן אָנגעזעענער אַקטיוויסט צווישן די וואַרשעווער קירזשנער־אַרבעטער), אָנגעפירט דורך דער חברטע פייגע בירנבערג (די פרוי פון חבר ראובן יוקלסאָן, איצט אין אַמעריקע). אונטער דער ווירקונג פון דער נייער סביבה, גייט אפרים איבער פון דיסקוסיעס מיט זיין רבין ביז אָפענער מריוהה און טרעט אַריין אין דער „צוקונפט". ער לייענט און שטודירט מיט אַ געוואַלדיקער התמדה מאַרקסיסטישע און אַנדערע וויסנשאַפטלעכע ווערק. זיין ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט אין מלאַווע רופט אַרויס אין יענער צייט אַ סענסאַציע.

שטייט זיך אויף דער טריבונע אַ בחורל נאָך אין דער טראַדיציאָנעלער יידישער קאַפּעטע (זיין קליינער וווּקס מאַכט אים נאָך יונגער), און

מיט פּלאַמיקע ווערטער שיקט ער טרעפלעכע פּײלן דער מאַכט פון פינצטערניש אין יידישן לעבן. די דאָזיקע ארויסטרעטונגען האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אין שטעטל און אין דער גאַנצער אומגעגנט. אפרים ווערט שנעל באַליבט ביי דער יוגנט.

צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע אין דער היים באַשליסט אפרים צו גיין ארבעטן ביי זיינס א קרוב, א לעקעד=בעקער אין נאָווידוואָר. דאָרטן באַגעגנט ער זיך פנים אל פנים מיט דער רויטער אַרמיי. אין אַ לענגערער דיסקוסיע, וואָס איז אים אויסגעקומען צו פירן מיט אַ יידישן קאָמיסאַר, ווערן אים קלאָר א גאַנצע ריי פראגן, וואָס זענען פאַר אים ביז דאַן געווען פאַרנעפּלט. אומקערנדיק זיך אין שטעטל אויף א קורצער צייט, לעבט ער אויף די טעטיקייט אין דער „צוקונפט“=אָרגאַניזאַציע און ווערט דעלעגירט אויף איר לאַנד=קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1920 יאָר אין וואַרשע. אויף דער קאָנפערענץ גייען אָן הייסע דיסקוסיעס וועגן אָנשלוס אין קאָמינטערן. די ריזיקע מערהייט זאָגט זיך ארויס פאַר אָנשליסן זיך אין קאָמוניסטישן יוגנט=אינטערנאַציאָנאַל. אפרים געהערט צו די איבערצייגטסטע אָנהענגער פאַר אָפּשאַפן די מחיצה צווישן דער יידישער און פּוילישער ארבעטער=יוגנט.

דאָס פעלד פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין קליינעם שטעטל ווערט פאַר אפרימען צו שמאָל, און ער באַשליסט איינצואָרדענען זיך אין וואַרשע. ער הייבט זיך אָן לערנען דאָס שניידער=פאַך און ציט זיך באַלד אַריין אין אַקטיווער אַרבעט אין נאָדל=פאַריין. ער ווערט אויסגעוויילט אַלס מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון דער יוגנט=סעקציע, וועלכע האָט געפירט א לעבהאַפטע טעטיקייט, צו דער גרופּע אָנגעזעענע אַקטיוויסטן פון דער יוגנט ביים פאַריין געהערן צו יענער צייט: חיים ווייסגלאָז פון ביאַלע פּאָדלאַסקע, אברהם ליכטענבוים (אַדעק), באָרדאָווסקי, אסתר. די גרופּע איז אויך איינע פון די אַקטיווע אָפּאָזיציאָנעלע רינגען אין דער וואַרשעווער „צוקונפט“=אָרגאַניזאַציע.

דער דראַנג צו וויסן איז ביי אפרימען אומגעהויער גרויס. ער באַשליסט צוזאַמען מיט זיין חבר מאַטעס גאָבל צו פאָרן קיין ווילנע. דאָרטן טרעט ער אַריין אין אַן „אָרט“=שול, וווּ ער לערנט זיך סמאָלעריי. ער אַרבעט גלייכצייטיק אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער יוגנט=אָרגאַניזאַציע און ווערט דעלעגירט פון ווילנער קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אין פּוילן, וואָס קומט פאָר דעם 3=טן מאַי 1923 יאָר אין וואַרשע אין פאַריינס=לאָקאַל פון די הויז=דינערינס דלוגע 61. דער צוזאַמענפאָר, ווי באַוווּסט, פאַלט דורך. דער זאַל ווערט פול מיט געהיים=אַגענטן און פּאָליציי.

אין 1924 יאָר קומט פאָר דער פּראָצעס. אויף דער באַשולדיקונגס=באַנק געפינען זיך: מאָניעק נאָוואָגרודזקי, גיטעלע ראַפּאַפּאָרט, חיים קאַפּלאַן, מ. דיוואַן אַלס באַשולדיקטע אין געהערן צו דער יידישער ביוראָ ביים

DER CHAWER № 2 צווייטער יאָרגאַנג. פּרייז 20 גר.

דער כאַווער

אָרגאַן פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון פּוילן.

(סעקציע פון קאָמוניסטישן יוגנט אינטערנאַציאָנאַל)

Styczeń 1925 יאַנואַר

748

ליבקנעכט—לענין

ליבקנעכט, לענין.

צוויי פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָ־לעטאַרישער באַוועגונג, צוויי סימבאָלן פון ענערגישן באַפרייאונגס־קאַמף פונם אַרבעטער־קלאַס.

דער 15 יאַנואַר 1919 און 21 יאַנואַר 1924 — די טעג פון זייער טויט — זיינען געבליבן אין אייביקן זכרון פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, ווייל יענע טעג, ווען דער קלאַס האָט פאַרלוירן פון אויסגעצייכנטע זיינע די בעסטע צוויי פירער.

קאַרל ליבקנעכט. זיין נאָמען האָט [illegible]

אומשטערבלעכע קעמפער — קאַרל ליבקנעכט און ראָזאַ לוקסעמבורג.

דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט איז צו יענער צייט געווען פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל שוואַך געווען. די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט זיך פאַרבונדן מיט דער בורזשואַזיע און קאַמף קעגן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. דער אויפשטאַנד איז אונטערגעדריקט געוואָרן מיט די הילף פון דער דייטשער פּראָלעטאַריאַט אונטער דער אָנפירונג פון גענאָסע. אין קאַמף זיינען געפאַלן די צוויי גרעסטע און בעסטע פון צווישן די קעמפער — ליבקנעכט און לוקסעמבורג.

דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ער האָט געשאַפן די מעטאָדיק לויט־דעם לעניניזם, וועלכע איז אַ וועגווייזער פאַרן פּראָלעטאַריאַט אין זיין באַפרייאונגס־קאַמף.

פאַר דער אַרבעטער־יוגנט האָט לענין גרויסע פאַרדינסטן. מיט יוגנט־פראַגן האָט ער זיך גאַנץ ווייניג פאַרנומען. ס'איז גענוג צו דערמאָנען זיין אַרטיקלען אויפן צוזאַמענפאָר פון ר. ק. ס. מ. אין 1921 יאָר, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן דעם וועג פאַר דער ווייטערדיקער טעטיקייט פון רוס־לענדישן פאַרבאַנד און האָט פעסטגעשטעלט באַגריפן די ראָל און באַדייטונג פון דער קאָם. יוגנט־

צ. ק. פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אין פוילן. די איבעריקע דעלעגאַטן פון שטעט: ראָמאַן מאַטיס פון בריסק, מנחם קראַמאַזש פון שעדלעץ, יאַנוש טשעשניאַק פון ראַדאָם, וואָלף פלושאַנסקי פון לאָמזשע, קוזשמינסקי און טראַווינסקי — פון גאַליציע, אברהם קערש — טשעכאַנאָוו, אפרים פינקערט — ווילנע.

אויפן פראָצעס פאַלן פאַרשידענע אורטיילן. אפרים באַקומט 2 יאָר טורמע נישט פאַררעכענענדיק די צייט, וואָס ער איז געזעסן ביזן פראָצעס. די אַמנעסטיע פון 1926 יאָר באַפרייט אים פון תפיסה. נישט געקוקט דערויף וואָס ער קומט אַרויס פיזיש צעבראָכן, דער לינקער טייל קערפער איז ביי אים אָפּגעדאַרט, אַ מתנה פונעם הונגער=שטרייק, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה אין 1925 יאָר, איז ער אָבער פול מיט הומאָר און גייסטיק געשטאַרקט.

נאָך אַ קורצן אָפּרו טרעט ער צו מיט באַנייטער ענערגיע צו אַקטיווער פאַרטיי=אַרבעט. אין 1927 יאָר איז ער סעקרעטאַר פאַר פּראָפּאַגאַנדע ביים צ. ק. פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אין פוילן, אין 1928 יאָר ווערט ער דעלעגירט אויף אַרבעט קיין מערב=ווייסרוסלאַנד, וווּ ער ווערט באַשטימט אַלס מיטגליד אין סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. פון קאָמ=יוגנט=פאַרבאַנד. אין 1929 יאָר ווערט ער געשיקט קיין ראַטנפאַרבאַנד אויף אַ יאָר, וווּ ער לערנט זיך אין אַ פאַרטיי=שול אין מאָסקווע. נאָך זיין צוריקקער קיין פוילן טרעפן מיר אים ווייטער ביי אַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. פון ווייסרוסישן קאָמיוג=פאַרבאַנד. בעתן גרויסן טעקסטיל=שטרייק אין ביאַליסטאָק, וואָס קומט פאָר אין 1933 יאָר, פירט ער אויס די פאַרטיי=שליחות אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פון צ. ק. פון דער מערב=ווייסרוסישער קאָמפאַרטיי פאַר יידישער אַרבעט. אין 1934 יאָר אַרבעט ער אַ קורצע צייט אַלס איינער פון די קרייז=סעקרעטאַרן אין מערב=אוקראַינע. אין זומער פון זעלבן יאָר ווערט ער ווידער געשיקט קיין ראַטנפאַרבאַנד. ער לערנט זיך אין מאָסקווע אויפן קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וווּ ער מאַכט אַדורך אַספּיראַנטור אויפן היסטאָרישן פאַקולטעט. נאָכן אומקערן זיך פון ראַטנפאַרבאַנד אַרבעט ער אַלס מיטגליד אין דעם מוראַנאָווער פאַרטיי=קאָמיטעט. אין דער צייט שרייבט ער אַ טעאָרעטישע אַרבעט וועגן טראָצקיזם, אַרויסגעגעבן אין יענער צייט דורך דעם וואַרשעווער פאַרטיי=קאָמיטעט. זאָל אויך דערמאָנט ווערן, אַז אין משך פון יאָרן איז ער געווען רעדאַקציע=מיטגליד פון אָרגאַן „דער חבר“, אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער ביוראָ ביים צ. ק. קומפ, דערשינען אין די יאָרן 1938—1924.

בעתן בירגער=קריג אין שפּאַניע דריקט אפרים אויס דעם ווונטש צו פאָרן קיין שפּאַניע, אָבער זיין קורצזיכטיקייט דערלויבט אים נישט אויסצופירן זיין פּלאַן און זיין קאַנדידאַטור ווערט אָפּגענומען. דערפאַר איז ער אָבער שטאַרק טעטיק ביים אַריבערוואַרפן מענטשן קיין שפּאַניע.

אין פוילן גייט אַדורך אַ שטאַרקע רעוו. שטרייק=באַוועגונג. די היי=

מישע פאַשיסטן הייבן אָן העכער אויף דעם קאָפּ. אַ שאָוויניסטישע כוואַליע, באַגלייט מיט פּאָגראָמען אויף יידן, פאַרפלייצט דאָס לאַנד. די קאָמוניסטן און אַנדערע פּראָגרעסיווע כוחות טוען אַלץ קעגנצושטעלן זיך דער פאַשיסטישער בעסטיע. און פּלוצלינג אַ ידיעה — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פאַנאַנדערגעלאָזן. אָבער דער פאַקט פון פאַנאַנדערלאָזן די פאַרטיי ברעכט נישט דעם מוט פון קאָמוניסטן. ס'ווערט געשאַפן אַן „איניציאַטיוו-גרופּע", וואָס שטעלט זיך פאַר אַ ציל אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיטן קאָמינטערן. צו דעם צוועק ווערט געשיקט אַ חבר קיין פראַנקרייך. צו דער „איניציאַטיוו-גרופּע" געהערט אויך אפרים.

נאָכדעם ווי די היטלעריסטישע האָרדעס באַהערשן וואַרשע, פאַרלאָזט ער די שטאָט און מאַכט אַדורך דעם זעלבן וועג וואָס צענדליקער טויזנטער פּוילישע יידן. אַ צייט איז ער אין ווילנע. נאָכן פאַרלאָזן פון דער רויטער אַרמיי ווילנע, קומט ער ווי אַנדערע קאָמוניסטן קיין ביאַליסטאָק, און דאָ באַשליסט ער צו פאָרן קיין מינסק, וווּ ער אָרדנט זיך איין מיט זיין משפּחה אין שטעטעלע טשערוויען, אַרבעט אַ קורצע צייט אין שטעטל, ווערט אין 1940 יאָר געשיקט קיין מאָסקווע אויף אַ דריי-חדשימדיקן מאָפּר-קורס, שפּעטער קיין ביאַליסטאָק אויף אַרבעט. דעם 22 יוני 1941 באַפאַלן די היטלעריסטן דעם ראַטנפאַרבאַנד. ביאַליסטאָק שטייט אין פלאַמען. די היטלעריסטישע אַרמיי איז שוין נאָענט פון שטאָט. אפרים באַוויזט נאָך צו עוואַקוירן זיין משפּחה און אַליין, אויפן באַפעל פון דער פּאַרטיי פאַרבלייבט ער אין ביאַליסטאָק.

אַזוי איז איבערגעריסן געוואָרן דאָס לעבן פון אַן אומבויגזאַמען אַרבעטער-טוער, וואָס איז אין משך פון 20 יאָר ווי אַ געטרייער זעלנער געשטאַנען אין דינסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין דער טאָג-טעגלעכער פּראַקטישער אַרבעט האָט ער אַלע מאָל ווי אַ האַרציקער פריינד באַמיט זיך איינצופלאַנצן זיין טיפן אידעיִשן גלויבן ביי אַלע, מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג. מיט עקשנות און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן פלעגט ער נעמען אויף זיך די שווערסטע פּאַרטיי-אויפגאַבן.

געזעגענענדיק זיך מיט אים אין שטעטעלע טשערוויען סוף 1940 יאָר, האָט ער מיר געזאָגט: „די היטלעריסטן האָבן פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ מלחמה-שׂרפה, גאַנץ אייראָפּע ליגט שוין באַלד ביי זייערע פיס. צו וועט געלינגען דעם ראַטנפאַרבאַנד נאָך אַ לענגערע צייט צו זיין אין גוטע באַציונגען מיט היטלער-דייטשלאַנד, איז נישט באַוווּסט. אָבער אין איין זאַך גלייב איך שטאַרק, אַז די רויטע אַרמיי וועט פריער צי שפּעטער צוקלאַפּן דעם לעצטן טשוואָק צו דער היטלעריסטישער טרומנע." מיט דעם דאָזיקן גלויבן האָט ער ערגעץ-ווו אויסגעהויכט זיין נשמה...

היינט, ווען מיר מערקן אָפּ די רומפולע דאַטע, דעם 40-טן יאָרטאָג זינט דער אַנטשטייונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן זאָלן די קאַרגע פּאָר ווערטער וועגן אים זיין אַ פּאָר רויזן אויף זיין אומבאַקאַנטן קבר.

י. שיווק

„MAŁY"

מיט אפרים פינקערטן אונטערן פּאָפּולערן נאָמען „מאַלי", האָב איך זיך באַקענט אין מאָסקווע אויפן קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פון די מערבדיקע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויפן נאָמען פון מאַרכלעווסקי.

דער אוניווערסיטעט האָט געשולט קאָמוניסטישע טוער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן: פּאָליאַקן, בולגאַרן, גריכן אאַז״וו. אויפן אוניווערסיטעט זענען שטאַרק געווען פאַרטראָטן די גרופּעס פון קפּפּ און קפּזב.

אין זיין קרייז האָט ער געהאַט אַ גרויסן אויטאָריטעט. ער איז געווען איינער פון די אָנפירער אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד פון מערב-ווייסרוסלאַנד.

אפרים פינקערט האָט געלעכצט נאָך וויסן, ער האָט געוואָלט דערווערבן, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט. אין זיינע יינגל-יאָרן האָט ער קוים פאַרענדיקט עטלעכע אָפּטיילונגען פון דער „פּאָווּשעכנער" שול. פּאַקטיש איז ער געווען אַן אויטאָדידאַקט מיט אַ גרויסער איינגעבוירענער אינטעליגענץ און מיט נישט-דורכשניטלעכע פעיקייטן. דאָס וואָס ער האָט דערוואָרבן פונעם גרויסן וויסנשאַפט-אוצר איז אַדאַנק זיין כסדרדיקער און סיסטעמאַטישער אַרבעט איבער זיך. טאָג און נאַכט האָט ער נישט אָפּגעטראָטן פון בוך.

גאַנץ אָפט פלעגט ער מיך בעטן אויפצוקלערן אים די לעזונג פון אַ גלייכונג מיט צוויי אומבאַקאַנטע גרייסן, אים אויפצוקלערן געוויסע אומבאַקאַנטע טערמינען און באַגריפן. לאַנג-לאַנג פלעגט ער אָפּזיצן איבער אומבאַקאַנטע פאַר אים באַגריפן, ביז ער האָט זיי באַהערשט.

ער איז געווען אַן אַספּיראַנט. אויף די סעמינאַרן און אויף די לעקציעס האָט ער אַרויסגעוויזן אַ „שעפערישן פערמעגנט". תמיד פלעגט ער אויפפּאַסן דעם גרונט-געדאַנק, און אז ער האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט ער זיך באַמיט מיט דער הילף פון די לעקטאָרן צו דערגרייכן ביזן עצם פון דער פראַגע. איך דערמאָן זיך וויפל שעפערישע דיסקוסיעס האָט אַנטוויקלט אפרים „מאַלי", הויפּטזעכלעך בעת מען פלעגט באַהאַנדלען ווערק פון די מאַרקסיסטישע קלאַסיקער. וויפל לעבעדיקע דיסקוסיעס זענען פאָרגעקומען אויף די לעקציעס פון דער פּוילישער אַרבעטער-באַוועגונג, אָנגעפירט

דורכן ה׳ וויטאָלד טאָמאַראָוויטש, איינער פון די הויפּט־קאָפּ־אָנפירער, וועלכער איז געווען הויך געשעצט און באַליבט דורך אַלע צוהערער.

די דיסקוסיעס האָבן זיך הויפּטזעכלעך געפירט אַרום די פּראָבלעמען: די ראָל פון דעם קליינבירגערטום, די פּעלערן פון קפּפּ בעת דער מאַי־אי־בערקערעניש, די פּערספּעקטיוון פון דער רעוואָלוציע־אַנטוויקלונג אין פּוילן. און דאָס איז געווען אַ פּעריאָד פון פאַרשאַרפטע קלאַסן־קאַמפן אין לאַנד, דער פּעריאָד, ווען עס האָט זיך פאָרמירט דער פאָלקס־פראָנט.

אפרים „מאַלי״ האָט ליב געהאַט טעאַטער, מוזיק און געזאַנג. אָפט־מאָל האָט ער אָרגאַניזירט אַלגעמיינע באַזוכן אין טעאַטער און קאָנצערטן. ער האָט געקענט אַ סך רעוואָלוציאָנערע און פאָלקס־לידער. פון צייט צו צייט פלעגן מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט אָפּזיצן ביי אים אין צימער, אויסהערנדיק זיין „לידער־קאָנצערט״. הויפּטזעכלעך זענען ביי אים פיין אַרויסגעקומען די יידישע פאָלקס־לידער, דורכגעזאַפּטע מיט אומעט און בענקשאַפט.

פאַר דער צוקונפט, פאַר דער זאַך פון סאָציאַליזם איז אפרים „מאַלי״ גרייט געווען אָפּצוגעבן אַלץ אין דער וועלט. פיל מיט רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם האָט ער זיך געריסן צו טעטיקייט, צום קאַמף אין לאַנד.

צוויי יאָר האָט געדויערט די לערע אין מאָסקווע. עס איז אונדז נישט געלונגען צו פאַרענדיקן דעם פולן קורס.

אפרים „מאַלי״ האָב איך ווידער באַגעגנט אין הארבסט 1936 אין וואַרשע. זיין קליין בוידעם־שטיבל אויף נאַלעווקעס איז געווען אַן אָרט פון אַ סך חברים־צוזאַמענטרעפן. נישט רעכענענדיק זיך מיט די כללים פון קאָנספּיראַציע, האָב איך אים זייער אָפט באַזוכט. אַלס פאַרטיי־טוער מיט גרויסער דערפאַרונג, האָט מען אים באַשטימט אויף פאַרטייאישער אַרבעט אין טעקסטיל־פאַריין. די סיטואַציע אין דער פאַרטיי האָט אָנגעהויבן צו ווערן אומקלאָר — ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד, ווען פאַרטיי־טוער האָבן אָנגעהויבן צוריקקערן צו זייערע אַמאָליקע פאַכן אָדער לערנען זיך נייע. אפרים „מאַלי״ איז אַוועק אַרבעטן אַלס מעטאַלאָוויעץ. ער האָט שנעל באַהערשט דאָס פאַך און אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין אַ קליין פאַבריקל פון מעטאַל־גאַלאַנטעריע אויף טוואַרדע־גאַס.

אין אָט דער שווערער סיטואַציע האָבן אויפגעטויכט אין „מאַלין״ כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון אַ הארציקן, גוטן חבר. קיינמאָל האָט ער נישט אָפּגעזאָגט אין חברישער הילף, און חברים, וועלכע האָבן זיך אין איר גענייטיקט, זענען געווען וואָס אַמאָל אַלץ מער. מען קאָן דרייסט זאָגן, אַז ער האָט זיך געטיילט מיט יעדן ביסן ברויט.

דאַנק זיין הילף איז מיר אויך געלונגען אומלעגאַל צו וווינען אין וואַרשע.

אפרים „מאַלי״ האָט אָנגעהויבן זיין אַרבעט אין מיראַנאָווער ראַיאָן. אָבער אים באַפרידיקט נישט די פּאָליטישע אַרבעט אין לאַנד, רייסט ער זיך צו רעוואָלוציאָנער־מיליטערישער אַקטיווער קאַמפס־טעטיקייט. ער

וויל פֿאָרן קיין שפּאַניע. אָבער זײַנע משפּחה⸗באַדינגונגען און שוואַכער געזונט⸗צושטאַנד דערלויבן אים נישט אויסצופֿירן זײַנע טרוימען. ער טוט אַלץ, כּדי צו העלפֿן די חברים, וואָס פֿאָרן אַרויס אויפֿן פֿראָנט פֿון דער שפּאַנישער פֿאָלקס⸗רעפּובליק.

אַדאַנק זײַן אָפּפֿערווילִיקייט און איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט דערוואַרבט ער זיך גרויס אויטאָריטעט אינעם קרײַז, וווּ ער אַרבעט. ער ווערט דעריבער אין קורצן אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פֿון „מוראַנאָווער" ראַיאָן⸗קאָמיטעט. אויף דעם אָרט פֿאַרבלײַבט ער ביז דער אויפֿלעזונג פֿון דער פּאַרטיי.

א. „מאַלים" דירה איז דאַן געוואָרן אַ טרעף⸗פּונקט פֿון אַלטע פּאַרטיי⸗טוער.

וויפֿל נעכט זענען מיר אָפּגעזעסן און געבראָכן זיך דעם קאָפּ איבער די סיבות, וואָס האָבן גורם געווען די אויפֿלעזונג פֿון דער פּאַרטיי. „מאַלי" האָט געגלייבט, אַז אין גיכן וועלן די קאָמוניסטן זיך צוריק נעמען צו דער אַרבעט. ער ווידער טוט ווייטער זײַן אַרבעט אויפֿן געביט פֿון מעטאַל⸗פֿאַריין. ער האָט אויך געהערט צו דער קליינער צאָל חברים אין לאַנד, מיט וועלכער די פֿאָרשטייער פֿון דער פּאַריזער איניציאַטיוו⸗גרופּע האָט אָנגעהאַלטן אַ פֿאַרבינדונג.

איך בין זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט אפֿרים „מאַלי" אין אַפּריל 1939. איך בין אַרויסגעפֿאָרן קיין פֿראַנקרייך. איך האָב מיך געשיידט אויף שטענדיק נישט בלויז מיט אַ גוטן חבר, נאָר אויך מיט אַ האַרציקן פֿרײַנד.

דער מלחמה⸗שטורעם האָט אונדז אַוועקגעשליידערט אין פֿאַרשידענע טיילן פֿון דער וועלט. איך האָב אפֿרים „מאַלי" שוין מער נישט געזען.

משה (שלמה) לעווין

שלמה לעווין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1899 אין ווארשע. אין 1918 טרעט ער אריין אין דער סטודענטישער אָרגאניזאציע פון די פּ.צ. לינקע. אין 1920 פאָרט ער אָפּ צוזאמען מיט זיינע עלטערן קיין פּאַלעסטינע.



דאָרט דערווייטערט ער זיך פון ציוניזם און טרעט אריין אין ד'ער נאָר וואָס אַנטשטאַנענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּאַלעסטינע. ער ווערט א מיטגליד אין צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. ס'הייבן זיך אָן פארפאָלגונגען און ארעסטן.

אין 1926 יאָר איז לעווין געוואָרן דעלעגירט מיט אנדערע קאָמוניסטישע טוער צום קאָמינטערן אויף אדורכצודיסקוטירן א ריי פּאַלעסטינער פּראָבלעמען. מחמת דעם, וואָס געוויסע פּאָליטיש־פּאַרטייאישע אומשטענדן מאַכן אים אוממעגלעך ווייטער טעטיק צו זיין אין פּאַלעסטינע, באַקומט ער, אויף זיין פאַרלאַנג די דערלויבעניש צו פאָרן קיין פּוילן. אין 1928 איז ער צוריק אין פּוילן. ער שטעלט זיך צו דער דיספּאָזיציע פון דער קפּפּ. שנעל אייגנט ער זיך צו די פּראָבלעמאַטיק פון דער פּוילישער ארבעטער־באַוועגונג.

ער ארבעט אלע יאָרן אין דער צענטראלער יידישער פּארטיי־רעדאַקציע. אין די יאָרן 1931—1935 איז ער אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ.ק.

לעווין איז דער אויטאָר פון פיל טעזן, רעזאָלוציעס, רעפעראַטן און אויפרופן. אין דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־צייטונג „צום קאַמף“ און אין די לעגאַלע צייטונגען פון דער קפּפּ, באַזונדערס אין דער „פרייער טריבונע“, „טריבונע“, „לעבן“, „אונדזער וועג“, „ליטעראַרישע טריבונע“ און אין דער אַנטי־פאשיסטישער טאָג־צייטונג „פריינד“ האָט לעווין אַקטיוו מיטגעאַרבעט און באַרייכערט זיי מיט זיין פּובליציסטיק. אין „פריינד“ האָט ער געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים מ. יאַקובאָוויטש.

אין 1931 יאָר האָט דער טעאָרעטישער אָרגאַן פון דער קפּפּ „נאָווי פּשעגלאָנד“, נומ. 11/12 ארויסגעגעבן לעווינס א בראָשור אין פּויליש „פון דער פּראָבלעמאַטיק פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן“ (אונטערן פּסעוודאָנים מ. ריוועס).

ער איז אויך דער מחבר פון א ריי בראָשורן און וואָגיקע אַרטיקלען, ווי למשל: „די געשיכטע פון אַ פּאַלשער טעאָריע“, „טראָצקי און די אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג“; „קאַרל מאַרקס“ (צום פופציקסטן יאָרטאָג נאָך זיין טויט); און פון אַ ריי איבערזעצונגען פון מאַרקסן, פּלעכאַנאָוון, לעניגען, דאַרווינען און אַנדערע.

אין 1935, נאָכן פאַרמאַכן דורך דער פּאָליציי דעם „פריינד“ ווערט לעווין אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 6 יאָר תפיסה. ער שטעלט זיך אין דינסט פון דער תפיסה־קאָמונע. זיין גרויסע ערודיציע ווערט דער קנין פון די חברים, וועלכע זיצן מיט אים געזעסן צוזאַמען.

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 יאָר רייסט ער זיך ארויס מיט אנדערע פּאָליטישע ארעסטירטע פון דער ראַוויטשער תפיסה. אויפן וועג קיין וואַרשע ווערט ער אינטערנירט און אָפּגעשיקט אין אַ היטלערישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קראָקע. פון דאָרט אַנטלויפט ער און קומט אין באַפרייטן ביאַליסטאָק. אין אָנפאַנג אַרבעט ער אין דער רעדאַקציע פון דער צייטונג פאַר די באַן־אַרבעטער און שפּעטער אין דער עקאָנאָמישער אָפּטיילונג ביים געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט פון ראַט פון די אַרבעטנדיקע צוזאַמען מיט די חברים פּאַוועל פינדער און אַלפרעד לאַמפּע. נאָכן אָנפאַלן פון היטלערן אויפן ראַטנפאַרבאַנד עוואַקוּאירט ער זיך אין טיפן הינטערלאַנד.

דוד ספּאַרד

אייניקע זכרונות און כאַראַקטער־שטריכן

אַ האַרבסטיקער רעגנדיקער פאַרנאַכט. אין דעם קליינעם טונקעלן פאָדער=צימערל פון טלאָמאַצקיע 13 ביי דעם קיילעכדיקן ברוין=פּאָליטורטן און אָפּגעשיילטן טישל איז געשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער מיטליאָריקער מענטש אין ברילן. ער האָט געטראָגן אַ ברייטן און עטוואָס קורצן פאַר יענער צייט אָפּגעבליאַקעוועטן שוואַרצן פּאַלטאָ מיט אַן אויסגעקראָכענעם שאַלאָווע קאָטיק=קאָלנער. זיין ברייט=קיניק נישט ראַזירט געזיכט האָט אויסגעדריקט עקשנות און אומצופרידנקייט.

איך בין געבליבן שטיין אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט. אויסער אונדז ביידע איז אין פאָדער=צימער אין דעם מאָמענט מער קיינער נישט געווען.

צי איז דאָס דער מענטש, וואָס וואַרט אויף מיר?

דורך דער עטוואָס אָפענער טיר האָט פאָרשעריש געקוקט די באַלעבאָסטע פון טלאָמאַצקע 13. כ'האָב דעריבער זיך געכאַפּט, אַז איך מוז מאַכן דעם אָנשטעל פון אַן אַלטן באַקאַנטן, און אויב איך וועל נישט האָבן געטראָפן, וועל איך אויך גאָרנישט האָבן פאַרלוירן.

איך בין צוגעגאַנגען צום אומבאַקאַנטן און היימישלעך געזאָגט:

— נאָך אַזוי פיל יאָר האָב איך אייך שיער נישט דערקענט... און איר געדענקט נאָך אויך אוודאי ספּאַרדן פאַר אַ יונג ייִנגל?

אין קעגנזאַץ צו זיין בייזלעך אומצופרידן פּנים האָט זיין שמייכל פאַרמאָגט עפּעס קינדישעס און הילפלאָזעס, אָבער ער איז גלייך צוריק געוואָרן ערנסט און, קוקנדיק אין אַ זייט, מיר דערלאַנגט אַ קורצע האַנט מיט דיקלעכע פינגער, וועלכע ער האָט גלייך צוריקגעכאַפּט, ווי מורא האָבנדיק, איך זאָל זי נישט וועלן פלוצעם פאַרהאַלטן מיט געוואַלד.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען קאָנצענטרירט אין זיך, ווי ער זאָל אָנגעשטרענגט זוכן אַ פּאַסיקע פאָרם פאַר דעם, וואָס ער גייט איצט זאָגן, אָבער פלוצעם האָט ער אויסגעשאָסן, קוקנדיק אַלץ אין דער זייט:

— חבר, איר פאָרט מאָרגן קיין פּ. איר וועט דאָרט האָבן אַ רעפּעראַט וועגן גאָרקין.

אין טאָן פון זיינע רייד האָט זיך געפילט אַ מין צערייצונג, ווי ער זאָל וואַרטן אויף אַ דערווידערונג, אָבער גלייכצייטיק אויך עפּעס אומגעלומפּערטס און נאַכלעסיקס. דער קעגנזאַץ צווישן דעם שטרענגן אָנשטעל און דעם פאַרלוירענעם אויסדרוק פון געזיכט האָט געווירקט אויף מיר קאָמיש, און איך האָב אים לאַכנדיק געפרעגט:

№ 4 (13) פרייז 30 גראשן 48 זייטן פארגרעסערטער יובל-נומער Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem

איבערבוי

חודש-זשורנאל

WELT-IBERBLIK № 9 (18) פרייז 25 גראשן Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

וועלט איבערבליק

1936 | צוויי-וואכן זשורנאל | י ו נ י

מארק ראקאווסקי

מיין אינטערוויו מיטן סאציאליסטישן לארד מארלי

— וואָס הייסט „איך וועל דאָרט האָבן“, און אפשר האָב איך אים גאָר אינגאַנצן נישט, און אפשר קאָן איך אים גאָרנישט האָבן?

צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער מיר אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן און זיך פשוט און האַרציק צעלאַכט:

— זעני האָט מיר געזאָגט, אַז איר דאַרפט זיך דערצו אפילו נישט צוגרייטן.

זעני — דאָס האָט ער מיר טאַקע נעכטן אַ זאָג געטאָן דורך אגב, אַז משה לעווין (געזאָגט האָט ער: משה בטלן) דאַרף מיך עפּעס האָבן, אַז ער האָט אים איבערגעגעבן ווו און ווען מען קאָן מיך טרעפן. דערביי האָט אַ כיטרע שמייכעלע אַ שפּיל געטאָן אויף זיינע דינע ליפּן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער ווייסט נישט אין וואָס עס גייט... איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ז יי ן אויפטו, און עס האָט מיר פאַרדראָסן אויף אים, פאַרוואָס ער פּראַקטיצירט מיך נאָך אַלץ ווי אַ גרינעם, וועלכן מע דאַרף צוביסלעך צוגעוווינען און צוביסלעך, ווי אַריינגנאַרן...

— גוט — האָב איך קורץ געזאָגט — איך וועל מאָרגן אַהין פאָרן.

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש און באַקאַנטשאַפט מיט משה (אין דער אמתן: שלמה) לעווין. און שוין פון דער דאָזיקער ערשטער באַגעגעניש האָט ער אַרויסגערופן ביי מיר אַ ספּעציעלן אינטערעס. עס איז געווען אין אים פיל קעגנזעצלעכעס. ער האָט אויסגעזען ווי אַ גזיר און ווי אַ באַלעבאַטישער ייד גלייכצייטיק. אין טאָן און אין אינהאַלט פון זיין רעדן איז געלעגן אַ מין פאַנאַטישע האַרטקייט און בייזקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך עפּעס קרישלדיקעס און נישט שטאַנדהאַפטיקס, אַ מין פאַרלוירנקייט. מאָמענטנווייז האָט ער זיך פאַרהאַלטן ווי אַ מיזאַנ־טראָפּ, וואָס מיידט אויס מענטשן. קומט אַריין אָן אַ גוט־מאָרגן, זאָגט אָפּ זיינס און גייט אַוועק אָן אַ זיי־געזונט. דעמלט האָבן זיינע אויגן אויס־געדריקט אומצופרידנקייט, געקוקט כסדר אין אַ זייט און אויף זיין פּנים האָט געגרוט אַ שלעכטע בלאַסקייט און עפּעס אַ מין אומגעדולדיקייט און נישט אויסגעשלאָפנקייט. און מאָמענטנווייז, פאַרקערט, איז ער געזעסן גע־מיטלעך ביי אַ טיש אין ליטעראַטן־פאַריין, דאָס פּנים אומאויפהערלעך גאַיוו־צעשמייכלט, די אויגן עטוואָס קאָסאָקע־פאַרזשמורעט און מיט אָן אַ שיעור געדולד אויסגעהערט מצד ליטעראַרישע קיביצער די פאַרשידנס־טע פּרעטענזיעס צו די קאָמוניסטן בכלל און צו די יידישע קאָמוניסטן בפרט און מיט נאָך מער געדולד אַלץ אויפגעקלערט, צו פאַרשטיין געגעבן, שטיל, פאַמעלעך און שטענדיק פּאַרטיפּט, פּאַראַלגעמיינערנדיק.

— אַהאַ, איר האָט שוין ווידער אָנגעבראַכט אייערע ליגנס — האָט אַ זאָג געטאָן אייגער אַן עקסצענטרישער מאָלער — צען טויזנט, הונדערט טויזנט, גאַנץ וואַרשע האָט דעמאָנסטרירט מיט אייך! און פּונקט אייך אויף להכעיס האָב איך צופעליק געהאַט די געלעגנהייט צו זען אייער רי־זיקע דעמאָנסטראַציע פון עטלעכע הונדערט מענטשן...

לעווין האָט אים אויסגעהערט רואיק מיט אַ שמייכל, אין וועלכן ס'איז געווען סיי בימול, סיי באַדויערן:

— מע דאַרף קאָנען נישט בלויז קוקן, נאָר אויך זען, וויפל אין דעם שטאַם פון אַ יונגן געזונטן בוים זענען פּאָרויסצוזען צווייגן, וואָס דאַרפן ערשט אויפקומען, און וויפל אויף אַ ברייט־פאַרצווייגטן אַלטן און קראַנקן בוים שטייט פאַר אָפּצודאַרן. ווער עס גייט באַרג־אַרויף מאַכט אפשר ווייני־קער טריט, אָבער צו אים געהערט די צוקונפט. מיר דריקן אויס די אינ־טערעסן פון אַלע אַרבעטנדיקע און אַלע אַרבעטנדיקע זענען געווען מיט אונדז. פאַרטראַכט אייך וועגן דעם.

דער מאָלער האָט געקוקט אויף אים מיט אַ ביטערע בליק פול מיט חשד.

איך ווילט מיר שוין דאָ עפּעס אַריינגנאַרן — איך וועל מיך נישט לאָזן!

לעווין האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, נאָר ווי זיין שטייגער איז געווען — קורץ און אָפּגעהאַקט. אָבער אויך דער מאָלער האָט שוין איצט מיט אים מיטגעלאַכט.

די מענטשן, וועלכע האָבן זיך דערווייל צונויפגעזאַמלט אַרום דעם טישל און זיך איינגעהערט אין דער דיסקוסיע, האָבן אויך גוטמוטיק גע־שמייכלט, אָבער אין זייער בליק איז געלעגן אַ מין אויפרודערונג. איך בין זיכער, אַז דאָס האָבן לעווינס ווערטער אַזוי געווירקט אויף זיי, גע־צוווּנגען זיך צו פאַרטראַכטן.

מיר האָבן אַ שיינע פאָר יאָר צוזאַמענגעאַרבעט, געווען אין איין שרייבער־קעמערל, געטראָפן זיך ביי רעדאַקציע־זיצונגען, ביי חברים. וויפל געמיינזאַמע דיסקוסיעס אויף אַלגעמיינע און ליטעראַרישע טעמעס, וויפל אויפשוונג און באַגייסטערונג און אויך חילוקי־דעות און פאַרדרוסן — און איך האָב דעם מענטשן נאָך אַלץ נישט געקאָנט דערקענען. איך האָב געוווּסט, אַז ער באַזיצט אַ טיף מאַרקסיסטיש וויסן, איז אין אַלגעמיין אָנגעלייענט און אינטעליגענט און גלייכצייטיק באַשיידן, וואַרפט זיך נישט מיט שיינע ווערטער, שטעלט נישט אַרויס זיין וויסן אויף ווונדער. כ'האָב אויך געוווּסט, אַז קוים וואָס ער שטופּט זיך דורך מאַטעריעל, פאַרמאָגט בלויז דאָס, וואָס ער טראָגט אויף זיך, גייט אַרום אין שטוב אין אַ ברע־זענטענעם אנצוג, כדי דעם איינציקן גוטן נישט אויסצורייבן, זיצנדיק איבער די ביכער — און קיינמאָל קיין אין וואָרט נישט וועגן דעם — קיינ־מאָל נישט! עס זענען פאַריבער פרילינגען און זומערס, האַרבסטן און ווינטערס — פאַר דעם דאָזיקן מענטשן האָט עקזיסטירט בלויז די פּאַרטיי.

די פּאַרטיי זאָגט. די פּאַרטיי רעקאָמענדירט. די פּאַרטיי פאָדערט. די פּאַרטיי לערנט...

בלויז איין מאָל האָב איך אים געהערט רעדן פון דער נאַטור, ווען מיר אַלע זענען געווען אַ ביסל בגילופינדיק אויף אַ „ליאַמע" איז איינעם פון אונדזערע רעוואָלוציאָנערע יום־טובים. ער האָט גערעדט וועגן דעם

אײנגאַרטיקן פּײזאַזש פון פּאַלעסטינע, װי ער איז געװען עטלעכע יאָר און צום סוף געזעסן אין דער עבֿודער תּפֿיסה. ער האָט געערדט װעגן פּײזאַזש מיט אַ סך ליבשאַפט און אפֿילו צאַרטקײט, געשילדערט זײַנע ספּעציפֿישע שײנקײטן, און דאָך האָט ער דאָרט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, גע־בענקט נאָך דער גרינגער פּױלישער לאַנקע.

...און װען ער האָט אויפֿכאַפּנדיק זיך אינדערפֿרי שױן אױף דער פּױ־לישער זײַט פּלוצעם דערזען דעם גרינעם זאַפּטיקן מעפֿיד, האָט ער פֿון געררטקײט און חידוש קײן װאָרט נישט געקאָנט אױסרעדן, װי ס׳זאָל זיך אים פּלוצעם אַנטפּלעקן אַ גרױסער נס...

פֿון דעמלט אָן האָב איך אים פֿיל מאָל אָנגעצויגן אויף דער דאָזיקער טעמע. כ׳האָב ליב געהאַט צו זען, װי דער דאָזיקער ביזלעכער מענטש, װעלכער — װי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט — איז כּסדר אַרײַנגעטאָן אין שװערע און ערנסטע טעאָרעטישע ספֿרים, װערט פּלוצעם מילד, און אַ נעפּל פֿון עפּעס אַ װײטן חלום פֿאַרציט זײַן פֿאַרזשמורעטן בליק.

טײלמאָל איז געשען, אַז אַזאַ שמועס האָט זיך פֿאַרצויגן געגוג שפּעט און, גײענדיק דערנאָך אײנער אַלײן אַהײם, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מאָרגן װעט ער זײַן אַן אַנדערער. אָבער מאָרגן איז ער װידער געװען דער זעלבער אָנגעברוגזטער און אומצופֿרידענער מרוק, װעלכער איז, אָנטשטאָט אַ גוט־מאָרגן, אָפּגעקומען מיט אַ נישט דײַטלעכן ברום און דיסקוטירט פּאַרבײסן װעגן פֿאַרשידענע פֿראַגן, קװאַליפֿיצירנדיק שטרענג די מײנונגען פֿון קעגנער לױט אַ באַשטימטער סכעמע און טײלמאָל — װי מיר האָט זיך געדאַכט — אפֿילו בײזװיליק אונטערציענדיק זײ אונטער באַשטימטע נעגאַטיװע טערמינען.

עס זענען געװען די רױשיקע טעג פֿון אױפֿשטײַג אין אָנהײב פֿון די 30־ער יאָרן, װען די באַװירקונגען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ פֿון פּױלן האָבן געגרײכט אַלץ װײַטער און טיפֿער אין דער ײדישער סבֿיבֿה אָנגעהױבן אַרומנעמען אױך זײער פֿיל פֿון דער קלײנבירגערלעכער ײדי־שער אינטעליגענץ. די עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג פֿון די ײדישע מאַסן אין פּױלן פֿון אײן זײַט און דער פֿאַנאַנדערבלי פֿון די נאַציאָנאַלע קולטורן אין ראַטנפֿאַרבאַנד פֿון דער צװײטער — האָט צו דער פּעריפֿעריע פֿון דער קאָפּ און אין פֿיל פֿאַלן אויך אין אירע רײען געבראַכט אַלץ מער און מער ײדישע לערער, שרײַבער, מאָלער, אַקטיאָרן און מענטשן פֿון אַנדערע פֿרײַע פּראָפֿעסיעס. עס זענען אויפֿגעקומען נײַע מעגלעכקײטן אין דער ײדישער סבֿיבֿה פֿאַנאַנדערצוװיקלען אַ רײַכערע קולטור־אַרבעט, באַװירקן ברײטערע קינסטלערישע קרײַזן אין גײַסט פֿון דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער װעלט־אָנשױונג, ריכטיקער און טיפֿער קאָמענטירן די שעפֿערישע ירושה פֿון דער ײדישער קלאַסיק, סטימולירן אַ מער קאָנקרעטע און אַקטועלע טעמאַטיק פֿאַר געװיסע גרופּן פֿון ײדישע אַקטיאָרן, שטאַרקן די פּראָגרעסיװ־רעאַליסטישע טענדענצן בײַ אַ גאַנצער רײ רעװאָלוציאָנערע מאָלער. די „לינקע שרײַבער־גרופּע“, צו װעלכער עס

האָבן אויך געהערט אייניקע אַקטיאָרן און מאָלער, האָט זיך מיט די אַלע פראַגן ברייט פאַרנומען, דיסקוטירט זיי אין די אייגענע ראַמען און עפנטלעך, איינאָרדנדיק אין שרייבער־פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13 פאַרשידענע אויפטריטן פון די לינקע שרייבער, וועלכע האָבן זיך שטענדיק פאַרוואַנדלט אין גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציעס, ווי אויך שעפערישע אָוונטן פון אַזעלכע שרייבער, וועלכע האָבן צו דער גרופּע נישט געהערט, מיטווירקנדיק אַזוי אַרום צו רעוואָלוציאָניזירן די גאַנצע סביבה.

אָבער גלייכצייטיק מיט די דאָזיקע נייע און ברייטע מעגלעכקייטן, אַדאַנק דעם וווּקס אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג פון אָנטיילנעמער און סימפּאַטיקער, וועלכע זענען געקומען פון פאַרשידענע שיכטן, האָבן זיך אויך פאַרגרעסערט און פאַרטיפערט די געפאַרן פון אַן אָנגעלויף פון פרעמדע נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן. אין דער דאָזיקער סיטואַציע איז געווען נייטיק אַ קאַדר פון מענטשן אין דער יידישער שעפערישער סביבה, וועלכער זאָל באַזיצן אין אַ גענוגנדיקער מאָס סיי דאָס טעאָרעטישע וויסן, סיי די קענטשאַפט פון ספּעציפישן געביט, כדי צו קאָנען ביי דער אויסגעברייטערטער און פאַרטיפערטער אַרבעט איינהיטן די גרונטיקע איינשטעלונג צו אַט די אַלע פראַגן. משה לעווין האָט געהערט צו דעם דאָזיקן קאַדר. אַדאַנק זיין גרונטיק מאַרקסיסטיש וויסן, האָט ער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פון שוועריקייטן, אומקלאָרקייטן און חילוקי־דעות פיל מיטגעהאָלפן אויפצוקלערן פאַר זיך גופא גרונטיקע פּראָבלעמען. כאָטש עס האָט אים געפעלט, וואָס אָן אמת, אין קעגנזאַץ צו דוד ריכטער די עלאַסטישקייט צו מאַכן זיינע געדאַנקען איבערצייגעוודיק אָדער בעסער געזאָגט, עס האָט אים געפעלט די אויסערלעכע פאָרם, כדי צו פאַרלייכטערן זייער אויפנעם. ער איז אָפטמאָל געווען אַפּאָדיקטיש אין זיינע אַרויסזאָגונגען, וואָס האָט אומנייטיק אַרויסגערופן אַ ווידערשטאַנד ביי די, וועלכע האָבן זיך אין די דאָזיקע אַרויסזאָגונגען נישט פאַרטיפט.

דער דאָזיקער שטריך פון זיין כאַראַקטער האָט אָפט געלייגט אויף אים דעם חותם פון אַ פּאַרטייאישן אַסקעט, פאַר וועלכן עס עקזיסטירן בלויז טעאָרעטישע פאָרשריפטן און אויספירן, וואָס פליסן פון זיי דירעקט אַרויס אין שטרענגער קאָנסעקווענץ, נישט רעכענענדיק זיך אינגאַנצן מיט דעם לעבעדיקן לעבן.

אָבער, ווי געזאָגט, האָט זיך פאַר מיר שוין געהאַט אויפגעעפנט אַמאָל צופעליק אין דער דאָזיקער בייזלעכער פיגור אַ קליין נשמה־טירעלע, דורך וועלכן איך האָב דערבליקט אויך אַן אַנדער לעבנס־אינהאַלט. אַ מענטש גיט אויס אַמאָל זיין אמתע אינערלעכקייט אין איין אויגנבליק פיל מער, איידער ווי דורך זיין איינגעשטעלטן סטיל אין משך פון יאָרן. ווען ביי פיל חברים פון דער שרייבער־גרופּע, פאַרטייער און סימפּאַטיקער האָט לעווין אָפט מיט זיין אונטערברומען און שאַרף אַריינזאָגן אַרויסגערופן בייז בלוט, האָב איך פלוצעם באַמערקט ביי אים אַ בליק, אַ באַוועגונג, וועלכע האָבן דערציילט פון גוטמוטיקייט און באַשיידנקייט. אָבער

FRAJND

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פריינד

№ 37

פרייז 10 גראשן

Warszawa, 11 Czerwca 1934

אויף דער שעה

דייטשלאנדס פראגראם אין עקספאנסיע אויפן מזרח

מיניסטער ראזענבערג עפנט די קארטן

די וועלט-פרעסע וועגן דער אנערקענונג

פון ראטנפארבאנד דורך טשעכאסלאוואקיע און רומעניע

אין סאַמע צענטער פון זיין דענקען האָט שטענדיק אומדערשיטערלעך געהערשט דער פּאַרטייאישער פּרינציפּ, ווי אַ זייל אויף וועלכן עס האַלט זיך דער גאַנצער בנין. יעדער איינער, וואָס האָט זיך צו דעם דאָזיקן פּרינ־ציפּ דערנענטערט, כדי עפּעס פון אים צו מינערן אָדער אפשר בלויז איבערשטעלן, האָט געשאַפן אין אים אַן אַטמאָספער פון צערייצונג.

איך האָב שפּעטער, נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין גאָר אַנדערע, שווערערע און טרויעריקע באַדינגונגען געהאַט די מעג־לעכקייט צו איבערצייגן זיך אין דער ריכטיקייט פון דאָזיקן איינדרוק מיינעם.

דאָס איז געווען צוערשט אין ביאַליסטאָק, וווּ איך האָב משה לעווין פּלוצעם דערזען אין אַ מונדיר פון אַ באַן־באַאַמטן. ער איז דאַן געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער צייטונג פון די ביאַליסטאָקער אייזנבאַנער. ער האָט פאַרלוירן געשמייכלט, אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט און אַ ביסל ווי רעזיגנירט, אָבער עס איז גלייכצייטיק געווען אין אים אַ גרויסע און איי־דעלע נאַטירלעכקייט פון אַן עכטן קאָמוניסט, וואָס באַטראַכט אַלס קאַמפּס־פּלאַץ און כבוד־אויפגאַבע יעדן פּאָסטן, אויף וועלכן מע שטעלט אים אַוועק. ביידע זאַכן צוזאַמען האָבן מיך אַזוי טיף גערירט, אַז אויסער אַ נאַרישן שמייכל האָב איך קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסברענגען.

שפּעטער האָט מיך דער צופאַל ווידער צונויפגעפירט מיט לעווינען אין נאָוואָסיבירסק, סאַראַטאָווער „אָבלאַסט״. דאָרט האָט זיך געפונען די יידישע גרופּע שרייבער פון וואַרשע, וועלכע איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַוועק קיין ביאַליסטאָק און שפּעטער נאָך דעם איבערפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויפן ראַטנפאַרבאַנד געקומען פון ביאַליסטאָק אַהער. די אָרטיקע פּאַרטייאישע און מלוכהשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך הארץ פאַר די יידישע שרייבער־פּליטים, צוטײַלנדיק זיי גלייך ווױ־נונגען און לעבנס־מיטל און שפּעטער אויך דערמעגלעכנדיק זיי אויסצו־ווײַלן לויט זייער אייגענעם איינזען אַ סטאַביל אָרט אויף דער צייט פון דער מלחמה. די מערהייט שרייבער האָט דאַן אויסגעקליבן די הויפּט־שטאָט פון קאַזאַכסטאַן, אַלמאַ־אַטאַ. נאָך זייענדיק אין נאָוואָסיבירסק, האָט אַ גרופּע שרייבער זיך געמאָלדן פרייוויליק, כדי צוהעלפן אַראָפּ־נעמען די תבואה פון פעלד אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס כמעט אַלע יונגע מענטשן זענען אַוועק אויפן פראָנט. די אַרבעט איז פאָרגעקומען ווייט פון שטאָט, אין סטעפּ, ווו מ׳איז פאַרבליבן אויף אַ וואָך און מער, שלאָפנדיק אונטערן פרייען הימל. די באַדינגונגען פון אַרבעט זענען געווען געגנוג פּרימיטיווע. אויך די צייט איז געווען אַזאַ, וועלכע האָט אויסגעטאָן די מענטשן פון אַלע קאָנווענאַנסן, אויפדעקנדיק זייער אמתן כאַראַקטער. אין אָט דער סיטואַציע האָב איך ווידער דערזען משה לעווינען אין אַזאַ ליכט, וואָס האָט פולשטענדיק באַשטעטיקט מיין איינדרוק פון ביאַליסטאָק. ער האָט נישט בלויז געאַרבעט שווער און איבערגעגעבן, ווי ער זאָל טאָן עפּעס אַ הייליקע עבודה, נאָר מיט זיין ערנסטער רואיקייט אין שטענדי־

קער געדולדיקער מילדקייט באַווירקט אַלעמען, געהויבן די שטימונג און צוגעגעבן מוט. אַ באַזונדערער גייער שטריך אין זיין כאַראַקטער איז געווען פאַר מיר זיין אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייט און אָפּעראַטיווקייט, וועלכע זענען לגמרי געווען אין סתירה צו דעם צונאָמען „במלן". שוין דעם ערשטן טאָג פון זיין קומען אין סטעפּ האָט ער איינגעאָרדנט אין דעם איינציקן וואַגאָן, וועלכער האָט געדינט אַלס שלאָף־צימער פאַר די קאַזאַכישע פרויען, אַ מין „שוויעטליצע" מיט אַ וואַנט־צייטונג, וועלכער ער האָט אַוועקגעשענקט זיין גאַנצע אָפּרו־צייט נאָך שווערע טעג פון האַרעוואַניע. ער האָט אויך אין די איבעררייס־שעהן אויף מיטאָג איינגעאָרדנט שמועסן, אין וועלכע ער האָט אויפגעקלערט די קאַזאַכן דעם כאַראַקטער פון דער מלחמה, שטאַרקנדיק אַלעמען אין זייער האָפענונג און גלויבן. איך האָב באַוואונדערט זיין מוט אין דער דאָזיקער שווערער צייט און אַפילו איבערגעלעבט אַ געפיל פון שטאָלץ, וואָס אַזעלכע זענען זיי די מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן: אין די שווערסטע באַדינגונגען נישט פאַרלירן זיך און שטענדיק בלייבן טריי זייער אידעאַל, וועלכן זיי האָבן אָפּגעגעבן זייער גאַנץ לעבן.

זייענדיק שוין אין אַלמאַ־אַטאַ האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו פון טאַשקענט, ווו ער איז איבערגעפאָרן פון גאָוואָאַוזיענסק. פון צווישן די שורות האָב איך אַרויסגעלייענט וועגן זיין שווערער מאַטעריעלער לאַגע, אָבער אויך וועגן זיין אַקטיוו־פּאַרטייאישן אופן פון רעאַגירן אין דער סביבה, אין וועלכער ער האָט געאַרבעט. איך האָב אים צוגעשיקט אַ באַשטעטיקונג, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד פון שרייבער־פאַריין אין וואַרשע, וואָס האָט אים פאַרלייכטערט אין פאַרשידענע הינזיכטן, ווי ער האָט מיר געשריבן אין זיין לעצטן בריוו. ער האָט באַקומען אַ צוטריט צו די שרייבער־קרייזן אין טאַשקענט, געהאַט די מעגלעכקייט נאָך די אַרבעטס־שעהן אַריינקומען אין שרייבער־קלוב און אַפילו אָנגעהויבן ווידער זיך צו פאַרנעמען מיט שעפערישער אַרבעט. אָבער אינגיכן ווערנדיק מאָבילי־זירט דורכן מיליטערישן קאָמיסאַריאַט אויפן אַרבעטס־פראָנט איז ער אומגעקומען אויף זיין פּאָסטן.

דערקענענדיק אים אַ סך נעענטער און אינטימער אין די דאָזיקע שווערע און טרויעריקע יאָרן, האָב איך מיך איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען אַ מענטש נישט בלויז פון טיפן ווייסן און עקזאַקטן וויסנשאַפטלעכן דענקען, וואָס איז אַלעמאָל געקומען צום אויסדרוק אין זיינע וויסנשאַפטלעכע, פּובליציסטישע און איבערזעצערישע אַרבעטן, נאָר אויך פון גרויסער געזעלשאַפטלעכער ערלעכקייט און פּערזענלעכער אידעאַלער באַשיידנקייט.

בער בעקער

טאג־בוך פון דער לוקישקער טורמע

בער בעקער

ב ע ר ב ע ק ע ר איז געבוירן געוואָרן אין 1907 יאָר. די קינדער־יאָרן האָט ער פארבראכט אין ארבעטער־שטעטל, לעבן ווילנע — ניי־ווילייקע. דערצויגן איז ער געוואָרן אין אן ארבעטער־משפחה מיט רעוואָלוציאָנערע טראדיציעס.

אין 1925 יאָר ווערט ער אַרעסטירט פאר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט צוזאמען מיט נאָך עטלעכע יוגנטלעכע. ער ווערט פארמשפט אויף 2½ יאָר שווערע תפיסה. ארויסגייענדיק אויף דער פריי גיט ער זיך פולשטענדיק אָפּ דער אומלעגאלער ארבעט, ער ווערט א פראָפעסיאָנעלער רעוואָלוציאָנער. אין די יאָרן 1930—1934 געפינט זיך בעקער אין ראטנפאַרבאַנד, וו ער שטודירט מאַרקסיזם אין דער הויכשול ביים קאָמינטערן. אין 1934 יאָר קערט ער זיך אום קיין פוילן אונטער דער פאמיליע באַשקין. ער איז טעטיק אין ביאליסטאָק, גראָדנע און בריסק אלס אינסטרוקטאָר פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּארטיי פון מערב־ווייסרוסלאנד. אין 1935 יאָר ווערט ער ארעסטירט. אים גיט אויס דער פראָוואָקאַטאָר סטרעלטשוק. נאָכן אָפּזיצן אַ יאָר צייט אין אַן איינצל־קאַמער אין גראָדנער תפיסה ווערט פעסטגעשטעלט זיין אמתע פאמיליע און מען פארמשפט אים אויף 10 יאַר תפיסה. אין 1939 יאָר, נאָך אַן אָנפלי פון דער היטלעריסטישער אַוויאַציע אַנטלויפט ער צוזאמען מיט נאָך ארעסטירטע פון דער גראָדנער טורמע. ער קומט אָן קיין ווארשע. דאָ שליסט ער זיך איין אין די רייען פון די פארטיידיקער פון דער פוילישער הויפטשטאָט. ער נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין קאמף קעגן די פאשיסטישע האָרדעס. א פארוווּנדעטער קערט ער זיך אום אין זיין היימשטאָט ווילנע.

ביזן אָנפאל פון דער היטלעריסטישער ארמיי אויפן ראַטנפאַרבאַנד ארבעט בעקער אין מלוכהשן אַפּאַראַט אין וואָלקאָוויסק, ביאַליסטאָקער געגנט. בשעת דער מלחמה טרעט ער אַריין אין דער רויטער אַרמיי.

ער פאַלט אין אַ שלאַכט ביי קורסק.

דאָס טאָג=בוך פון בער בעקער איז אַן אויטענטישער דאָקומענט. איז געשריבן געוואָרן אין ווילנער לוקישקער תפיסה. דאָס טאָג=בוך אַנטהאַלט קנאַפּע 100 העפט=זייטן און נעמט ארום א צייט=אָפּשניט פון העכער א יאָר, פון סוף 1925 ביז סוף 1926. ס'איז געשריבן אין אַ טעלעגראַפישן סטיל, קורץ, אָפּגעהאַקט און שפּיגלט אָפּ דעם קאַמף מיט דער תפיסה=אַדמיניסטראַציע און אויך דאָס אינערלעכע לעבן פון דער תפיסה=קאָמונע. דאָס העפט טראָגט אפילו אויסערלעך געוויסע סימנים פון תפיסה=לעבן, ווי למשל דער שטעמפּל פון דער תפיסה=אדמיניסטראציע. אויסער דעם היסטאָרישן ווערט פון בער בעקערס טאָג=בוך דארפן אונטערגעשטראָכן ווערן אויך די ליטעראַרישע פעיקייטן פון מחבר. צום סוף פון טאָג=בוך האָט דער אויטאָר אָנגעשריבן עטלעכע אימפּרעסיעס פון תפיסה=לעבן. צוליב מאַנגל אין אָרט דרוקן מיר בלויז פיר פראַגמענטן פון דאָזיקן ווערטפולן דאָקומענט.

א האַרציקן דאַנק דריקן מיר אויס דעם ברודער פון בער בעקער, שלמה בעקער און דעם חבר י. יאַקובאָוויטש פון וואלבזשיך, וועלכע האָבן דאָס העפט אויסבאַהאַלטן און עס אונדז איבערגעגעבן. דאָס טאָג=בוך געפינט זיך איצט אין אַרכיוו פון אַנשטאַלט פאַר פּאַרטיי=געשיכטע ביים צ.ק. פון פּזפּר.

לייענער, וועלכע קאָנען געבן צוגאָבלעכע אינפאָרמאַציעס וועגן מחבר פון טאָג=בוך אָדער וועגן די ארעסטאַנטן, וועלכע ער דערמאָנט, ווערן געבעטן צו שטעלן זיך מיט אונדז אין פאַרבינדונג.

ר ע ד א ק צ י ע.

ליבע און טייערע —

ביז איצט, ווען איך שרייב דעם בריוו, איז שוין אַוועק 5 חדשים צייט זינט איך זיץ שוין פאַרשפּאַרט הינטער די קראַטעס אין דער באַוווּסטער לוקישקער תפיסה. דער אַרעסט איז פאָרגעקומען אַקוראַט ערב ימים־נוראים. מיין פאַרברענגען אין תפיסה די ימים־טובים, קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן. דער אַרעסט האָט אונדז זייער דערשלאָגן סיי גייסטיק סיי מאַטעריעל. כ'בין געוואָרן אָפּגעריסן פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, פון שטוב און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, אַרומגעצוימט פון דעם גאַנצן אַרומיקן לעבן. די ערשטע צייט איז געווען נישט אַמבעסטן, איידער כ'האָב זיך צוגעוווינט צו די נייע באַדינגונגען, צום נייעם סדר לעבן. כ'האָב זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז מען קאָן זיצן פאַרשפּאַרט און

נישט האָבן די פרייהייט פון באַוועגונג און ווילן. ביסלעכווייז האָב איך זיך אָבער צוגעוווינט צום טורמע־לעבן מיט דעם גאַנצן סדר. די קלאַנגען פון די קייטן זענען מיר געוואָרן אייגן און נאָענט. זיי האָבן מיר שוין מער נישט געשראָקן, כ׳בין צוגעוווינט געוואָרן צו זייער מאָנאָטאָנעם קלאַנג. אפילו איז מיר שוין אויסגעקומען דאָ איבערצולעבן...

די ערשטע צייט בין איך געזעסן אין אן איינצל־קאַמער. איצט זיץ איך שוין אין אַן אַלגעמיינער קאַמער צוזאַמען מיט נאָך 17 פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. ביז איצט האָב איך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אייך צו שרייבן. איבעריקנס איז ניט געווען וואָס, דאָס וואָס מ׳זאָל קענען. ס׳איז איצט אויך נישט אַזוי גרינג. ס׳איז פאַרבונדן מיט אפילע שוועריקייטן. פון מיין אַרעסט, ווי די עלטערן האָבן מיר איבערגעגעבן, ווייסט איר שוין פון פריער. נאָר דאָס וווּנדערט מיר, וואָס איר האָט זיי אַזאַ לאַנגע צייט נישט געענטפערט. די ערשטע 2 חדשים האָב איך זיך מיט די עלטערן נישט געזען, נאָר נאָכדעם האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער גענומען אַרויסגעבן זעונגען אַלע וואָך. זיי קומען צו מיר איצט אַלע וואָך. ברענגען מיר עסן, כאָטש איך ווייס גוט, אַז ס׳קומט זיי אָן זייער שווער. דאָס איז פאַר מיר אין מיין טרויעריקער לאַגע כאָטש אַ שטיקל טרייסט, וואָס כ׳קאָן זיך זען מיט זיי אַלע וואָך.

אונדזער אויספאָרשונג (צו מיר זענען נאָך דאָ עטלעכע, וואָס זענען פאַרמישט אין אונדזער ענין; איינער זיצט נאָך איצט אויך מיט מיר אינאיי־נעם) האָט זיך געצויגן 4 חדשים. איצט איז שוין אונדזער ענין אַרי־בער צום פּראָקוראָר, און אינגיכן גייט ער איבער אין קרייז־געריכט. ביזן משפּט קאָן נאָך אויסקומען צו זיצן אַ היפּש ביסל חדשים. אַרויסצוגיין ביזן משפּט איז דערווייל אַ שוואַכע האָפענונג. באַשולדיקן באַשולדיקט מען אונדז אין אַרטיקל 129 — אין פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור און אַנד. די איצטיקע באַדינגונגען דאָ ביי אונדז זענען אפילע בעסער ווי פריער, ווען כ׳בין אַהער אָנגעקומען. די באַדינגונגען האָבן זיך דערשלאָגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע גופא. איר האָט געוויס געלייענט אין די צייטונגען פון די הונגער־שטרייקן, וואָס זענען דאָ פאָרגעקומען. ידורך אָט דעם מיטל, וואָס איז דאָס איינציקע געווער פון די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, האָבן זיך פאַרבעסערט אפילע די באַדינגונגען.

די צייט לויפט זייער גיך אין דער אַלגעמיינער קאַמער. מען זעט זיך גאָרנישט אַרום, ווי ס׳גייען די טעג, און דאָס איז טאַקע גוט — זאָלן זיי גיין וואָס גיכער און נישט עקבערן דעם מוח. נאָר שטאַרק אויסברענגען די צייט אויף גאָרנישט און נאָך אין תפיסה איז נישט קיין עסק. אויף וויפל ס׳איז מעגלעך זע איך עס אויסצונוצן. לעבן לעבן מיר זייער חבריש, די פאַרשידענע פּראָדוקטן סיי אין גייסטיקן, סיי אין מאַטעריעלן זין ווערן פאַרברויכט געמיינזאַם. מען לערנט זיך, יעדערער צו וואָס ער האָט פעי־קייט און לוסט, מען לייענט און א.וו. באַגיין באַגייט מען זיך מיט אונדז זייער העפלעך, נאָר כ׳וואָלט זיי אַלץ מוחל געווען. אויף מיין געזונט האָט

די טורמע כמעט ווי נישט געווירקט. איצט פיל איך מיר זייער גוט. די עלטערן האָט עס אָפּולע מער שאָדן געבראַכט מיין אַרעסט, איבערהויפּט אויף דער מאַמען האָט עס זייער געווירקט. מער שאָדן האָט עס געמאַכט אין מאַטעריעלן זין. קיין פיל אַרבעט איז אַפילו נישט געווען, נאָר דאָס האָט גענוג געשטערט. נישט גענוג וואָס כ'קאָן נישט אַרבעטן, דאַרפן זיי נאָך מיר שטיצן. ווי לאַנג ס'וועט מיר נאָך אויסקומען צו זיצן, ווייס איך נאָך באַשטימט אַליין נישט. כ'בעט אייך אַלעמען, ענטפערט מיר וואָס שנע־לער. אייער ענטפער וועט זיין פאַר מיר די איינציקע טרייסט, וואָס כ'קאָן נאָר האָבן. איר וועט מיר געוויס אַנטשולדיקן פאַר אַזאַ שרייבן. כ'קאָן נישט אין די איצטיקע באַדינגונגען קלערן און צוזאַמענשטעלן די זאַצן ווי געהעריק. קיין סך צייט קאָן מען זיך דערויף נישט דערלויבן. דע־ריבער מוז מען עס מאַכן איינפאַך, אַבי וואָס גיכער. איך גריס אייך אַלע־מען און לאָז גריסן ש. ב

טאָגבוך — אין קורצע נאָטיצן — פון ארעסט אָן

25 — IX — 17. סעפטעמבער 1925. דאָנערשטיק ביינאכט, אזייגער דריי פערטל 12 גיי איך מיט וועלפקען אויפן גאַס... א פאַטרול פון 2 פאָליציאַנטן האַלט אונדז אָפּ... ביי אים געפינט מען א רויטע פאָן מיט אויפרופן... מע בינדט אונדז די הענט און מען פירט אונדז אין קאָמיסאריאַט... אויפן באַן ¼ נאָך איינס. אין קאָמי־סאַריאַט... אליין אין קאַמער אויף די ברעטער...

25 — IX — 18 פאַרטאָג רופט מען מיך אַרויס צום קאָמענדאַנט... ער פרעגט מיך אויס וועגן ההלוץ... צוריק אין קאַמער... אין דער פרי רופט מען ווידער אַרויס... וועלפקע טוט זיך אָן... ער האָט שוין געגעבן די דערקלערונגען... דער פשאָדאָווניק שרייבט מיינע דערקלערונגען... פון וועלפקעס פראָטאָקאָל... איך פראָטעסטיר... ס'העלפט נישט... מען פאַר־חתמעט זאַכן, וואָס מען האָט צוגענומען אויף דער רעוויזיע צוזאַמען מיט פעקלעך פון דער היים, צוגענומענע אין דער פרי אַזייגער 4 פאַרטאָג... אַן איילעניש צום באַן... מען שמידט אונדז... 2 פאָליציאַנטן פירן אונדז דורך דער ליניע צום וואָקזאַל... אויפן וואָקזאַל... אין וואַגאָן...

אין ווילנע... אויפן וואָקזאַל... געשמידטע איבער דער גאַס... אויף סובאָטש... „סטאַראָסטווע" קרייז־עקספּאָזיטור... נאָך די פאָרמאַליטעטן. אין אַרעסט־קאַמער. צוזאַמען. דער ערשטער פאַטש... מען רופט ארויס וועלפקען אויף א „פאַרהער"... נאָך אים... מיין פאַר־הער"... דער פאַרהער... קעראָווניק... מען קוקט דורך מיינע זאַכן פון שטוב... צוריק... מיר זיצן שוין באַזונדער... די לעקציע אויפן פאַרהער... מיינע דערקלערונגען... דער ווילייקער הויקערדיקער אַגענט, פּיאָטראָווסקי... די געקויפטע עסן עסט זיך נישט... כ'זע דורך דער לאָך פון שלאָס, ווי מען רופט וועלפקען אויף אַ צווייטן פאַרהער... מיין וואַרטן... ער צוריק... כ'־



ציי‏כענונג אויפן שער־בלאט פון בער בעקערס „טאָג־בוך
פון לוקישקער טורמע“ (פאָטאָ־קאָפּיע).

דערקען נאָך אים, אז ער האָט געכאַפּט א הרגע... מען רופט מיך אויף אַ צ ו ו י י ט ן פ אַ ר ה ע ר... דער ווילייקער, דער שוואַרצער, דער קעראָווניק און נאָך עטלעכע... דער שוואַרצער הייבט אָן צו שלאָגן... ס'נעמט זיך צו דער אַרבעט דער ווילייקער... זיין לאַפּע... משונהדיקע פראַגן... ווו האָבן מיר גענומען די פאָן... און נאָך... קלעפּ...אסורי המלכות... פאַרנאַכט... מען שמידט אונדז צוזאַמען... די פּאָליציאַנטן מיט בלויזע שווערדן פירן אונדז... איבער די גאַסן... דאָס פּובליקום... א י ן צ ע נ ט ר אַ ל אַ ר ע ס ט... פרייטיק צונאַכט ראש השנה... מען פאַרשרייבט אונדז אין בוך... רעוויזיע... מען צעשיידט אונדז... אים אין 1־טן קאַמער... מיך אין לעצטן צוזאַמען מיט נאָך 2 אַרעסטאַנטן פון ווילנע... באַשולדיקטע אין שפּיאָנאַזש... מיר פאַרפירן א געשפּרעך... מעטאָדע פון געבן אַ הרגע... דער נאַכטלעגער...

25 — IX — 19. ש ב ת, ד ע ר ע ר ש ט ע ר ט אָ ג ר א ש ה ש נ ה... דער גראָטעסקער פרישטיק... פּייקע... כ'וואַרט אויפן טאָג... אזייגער 10 פירט מען אונדז ווידער אין סטאַראָסטווע. ק ר ײ ז ־ ע ק ס פּ אָ ז י ט ו ר... איבער דער גאַס... אין אַרעסט־קאַמער... וועלפּקע באַזונדער... נאָך עטלעכע קרימינעלע... די לאָך אין טיר... וועלפּקע אויף א פאַרהער... כ'וואַרט לאַנג... מ י י ן „ד ר י ט ע ר פ אַ ר ה ע ר“... פאַרהערט מיך דער הויכער, שוואַרצער... אַזוי... ער נעמט מיך מכבד זיין מיט זיין קולאַק... דערמאָנט מיר דעם הויקערס האַנט... זיינע ווילדע פראַגן... דער ווילייקער. ער ברענגט פּאַפּירן... פרעגט מיך וועגן אַ מייערקען... מעשה גאַסול... וועלפּקעס שוועסטער דורכן פענצטער... דער שוואַרצער זעצט זיך שרייבן אַ פּ ר אָ ט אָ ק אָ ל :

כ'קען וועלפּקען... ווי אזוי כ'בין אַרעסטירט געוואָרן... וועגן 10 זלאָט... צו דער ק.פּ. געהער איך נישט... כ'געהער צום החלוץ... נאָכן אונטערשרייבן... צוריק אין קאַמער... וועלפּקעס שוועסטער ברענגט אונדז עסן... כ'זע איר דורכן פענצטער... דער פ ע ר ט ע ר „פ אַ ר ה ע ר“ אַרום אַזייגער 3. קלעפּ... משונהדיקע פראַגן... פוילן קאָרמעט... זי האָט מיך געהאָדעוועט... זלזולים... אַ וואָרף דורכן טיר... אין קאָרידאָר... דער פּאָליציאַנט, וואָס שטייט אויף דער וואַך... פאַרנאַכט אַרום 7 אַזייגער... מען שמידט אונדז און מען לאָזט אונדז וואַרטן... א שמועס מיטן וועכטער... אויף דער גאַס... מען וואַרט אונדז אָפּ... וועלפּקעס שוועסטער... די וואַרע... לעבן בעלהבית'ס הויף... פיינע מענטשן... אין צ ע נ ט ר אַ ל ק ע... אין ערשטן קאַמער... וועלפּקען אין צווייטן... אין קאַמער איז נאָך איינער... אַ קרימינעלער... דער האַרטער געלעגער... ביינאַכט ברענגט מען נאָך איינעם... פאַר צעהרגענען זיך מיט פּאָליציאַנטן... פאַרטאָג נאָך איינעם אַ ליטווין... ער דערציילט אונדז פון ליטער טורמעס... אונדזער צאָל פאַרגרעסערט זיך... אלע קרימינעלע... איינער פון וואַרשע... 2 וואָס כ'האָב געזען אין סטאַראָסטווע... וואָיעוואָדע... אַ יודליק פון ליטע... מעשיות און דערציילונגען... דער עסן...

25 — IX — 20. זונטיק, 2 טאָג ראש השנה. אינ־דערפרי... דער רוימער, וואַנסעוואַמער רופט מיך. נאָך קאַווע... מיין הולך... לעבן הויז... דער בעל־הבית אויפן גאַס... צוריקקומענדיק אין קאַמער... נאָך 2 קרימינעלע... איינער פון לוקישער טורמע... געבראַכט צו פירן... ער דערציילט אונדז פון טורמע־לעבן... פון די אַלגעמיינע קאַמערן... זיין פאַרטיידיקן זיך פון זיין שווינדלעריי... געבראַכט מיר עסן... אָוונט... מיין שטימונג... מיר זעצן זיך צונויף אין איין קופע און נעמען זיך דערציילן אַנעקדאָטן און מעשיות... אָוונטברויט... שלאָפן...

25 — IX — 21. מאָנטיק... אין דער פרי... מען הייבט אָן רופן... ס'קומט צו מיר... געשמידטע אויפן גאַס... וועלפּקעס שוועסטער... זיין מאַמע... מיין מאַמע... איך פּנים... דער בעל־הבית מיט זיין גאַנצער פאַ־מיליע... אין די געסלעך... הי לעבעדיקע לוויה נאָך אונדז... מען פירט אונדז אויף זאַוואַלנע אין „פּאָליטישער פּאָליציי“... הינ־טער אונדז... מיר רוען זיך אויף א הרגע... מען פאַרשרייבט אונדז אין ספר הזכרונות... הענט־שטעמפּלען... מען פאָטאָגראַפירט אונדז.... צוריק אין קריי־עקספּאָזיטור... מען לאָזט אונדז היינט אריין צוזאַמען... אין קאַמער געפינען זיך מיט וועמען כ'בין גע־זעסן... מען רופט ארויף וועלפּקען... כ'וואַרט... א לאַנגער וואַרטן... נאָך זיין פאַרהער... אין גאַז בלוט... כ'וואַרט אויף זיך... מיך רופט מען מער נישט... מיטאָג די שוועסטער אין פענצטער... מיר זאָגן איר, אז מען האָט אונדז געשלאָגן... אין א ווײַלע ארום... שטרענג... דער וועכטער, זיין אויג... 4 אזייגער בייט זיך די וואַך... דער באַקאַנטער וועכטער... מען צע־פירט אַלעמען... מיר בלייבן אליין... אונדזער שטימונג... מיר מיינען, אז מען גרייט צו פאַר אונדז א באָד... פענצטער... מען שמידט אונדז... ס'בלייבט זאַכן... די וואַך פירט אונדז... מען וואַרט אונדז אָפּ... זיי זאָגן אונדז, אז מען וועט שוין מער נישט שלאָגן... איבערן גאַס... אין צענטראַליקע... מיר פאַרמאַכט מען אין לעצטן צימער אליין... אים אין ערשטן... איינער אליין... איך זינג... איך דערמאָן זיך אין שטוב... אויף די האַרטע ברעטער...

25—IX—22. דינסטיק. אינדערפרי... כ'באַקוק דורך די קראַטעס ווילנע... דער פרישטיק... מען פירט אונדז מער נישט... מען ברענגט מיר עסן און א צייטונג... איך כאַפּ זיך צו צו איר... פאַרמיטאָג אויפן הויף... כ'ראָם ליים... דורכן הויף דער בעל־הבית... נאָך מיטאָג גיי איך וואַשן די געפעס... כ'גיי ארויף צוריק... דער פּראָקוראָר... ביי וועלפּקען אין קאַמער... כ'בלייב אויך שטיין... ער פרעגט אים, צי מען האָט אים געשלאָגן... ער הייסט אים זיך אויסטאָן... נאָכהער פרעגט ער מיך אויס... מער וועט מען אונדז נישט שלאָגן... פאַרנאַכט אזייגער פינף רופט מען אונדז אין קאַנצעלאַריע... אויף אונדז וואַרט א וואַך... נאָך די פאָרמאַלי־טעטן... אויפן גאַס... 3 פּאָליציאַנטן מיט די רעוואָלווערן... איינער דער באַקאַנטער... זיין האַלטן זיך אין א זייט... געשמידטע... מען פירט אונדז

צו לוקישקעס... אויפן וועג... די גאַנצע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע... מיר רעדן צווישן זיך... דעם ערשטן מאָל לעבן לוקישקער תפיסה. אין טויער... די קראַטעס... דער קבלת־פנים אין קאַנצעלאַריע... די נייע אוניפאָרמען... נייע מענטשן... מען פאַרשרייבט אונדז אין די ביכער... מיין זלאָט... אין צימער פון די זעונגען... א רעוויזיע... פאַר ביידע פליגלען... דער אויסזען פון תפיסה... אין ציגאַנקע... פינצטער אין די אויגן... אַן אומגעווונטשענע ציגאַנקע... נישט קיין מאכל... נאָך 3 מענטשן... אַן אַלטער פויער — גראַנאַס... פאַר סאַמאָגאָנקע... דער דייטש לינדער... פאַר הרגענען זיך... פאַן שאָסטאַק... באַקענט... מיר גיבן זיך ארויס פאַר קרימינעלע... די פאַראַשקע... דער עסן... פענצאַקאָווע זופ... אַפעל... 6 אזייגער א פייף... אויף די נאַרעס... שלאָף...

25 — IX 23. מיטוואָך... האַלב 6 פרי א סיגנאַל אויף אויפשטיין... 6 — אַפעל... פרישטיק... מיר וואַרטן מען זאָל אונדז איבערפירן... מען ברענגט נאָך אַ פאָר צו אונדז... פערעוואַסקין... פאַר אונטערצינדן זיין אייגענעם טאַרטאַק... דער אַנדערער, וועלכן מיר האָבן געזען אין סמאַראָסטווע... א גנב... ער דערציילט, ווי ער איז אַנטלאָפן... נאָך מיטאָג רופט מען אונדז אַלעמען אין שפיטאָל... דעם ערשטן מאָל אויף די הויפן... פון די פענצטערלעך שרייט מען צו אונדז... אין שפיטאָל... יאַטן... צוריק... כ'קוק זיך צו צו דער באָד... דער וועכטער טרייבט פון פענצטער... דער טאָג אין ציגאַנקע... א גאַנצן טאָג פאַרשפאַרט... נישטאָ וואָס צו טאָן... מען דערציילט זיך מעשיות... האַמקי... גוהנעדיק... די שטימונג... נייע איינאָרדענונג... געזעצן... מען פירט אונדז נאָך אַלץ נישט אַריבער... אין הויף אַריין...

25 — IX — 24. דאָנערשטיק. פאַרמיטאָג ברענגט מען צו אונדז נאָך איינעם פון ווילייקער קאַנט... אַרטיקל 108... ער דערציילט אונדז אַפילע אינטערעסאַנטע נייעס... פון דיווערסיע־באַנדעס... דער דערציילט אונדז וועגן דער מעשה „איזאַקסאָן“ פון ראַדאשקאָוויץ... דער דערהרגעטער פויער און נאָך... נאָך מיטאָג ברענגט מען וועלפקע עסן פון דער היים... מען ברענגט מיר אויך עסן... ווי אַזוי ס'גייט צו דאָס דערלאַנגען... אזייגער 3 בייטאָג גייט אַריין צו אונדז א „דאָזאָרצע“ און רופט אַרויס וועלפקען אויף א „באַדאַניע“... איך וואַרט... ער גייט אַריין צוריק... איך גיי אויף א „באַדאַניע“ צום אויספאָרשונגס־ריכטער... אַנטקעגן ציגאַנקע... פון ערשטן קאַמער... א זי אויך... זי הערט אויס א קרימינעלן... מיין „פאַרהער“... די פאָרמאַליטעטן... צי איך בין זיך מודה?... די פראָקלאַמאַציעס פון 13־טן אויפן 14־טן... און די גאַנצע מעשה ווי ס'איז צוגעגאַנגען... כ'שרייב אונטער נישט איבערגעלייענטערהייט... „דעציזיע“... אַרטיקל 129 און 51. מיר דערציילן אַלץ פערעוואַסקינען... ער דערציילט אונדז פון זיין ענין... דאָס זיצן אין ציגאַנקע... ס'ווערט אונדז דערעסן... נאָך אַפעל... מיר זעצן זיך אַלע אין איין ווינקל דערציילן מעשיות... אַנעקדאָטן... לוקאַמודישצעוו... וועגן נקבות... לינדער

דערציילט וועגן א מעשה, וואָס האָט געטראָפן מיט אים... גראַף און א מיידל... משפט... ס'גייט ווי פון א ראָמאַן... דער וועכטער פארלעשט די פייער... מיר לייגן זיך שלאָפן...

25 — IX — 25. פ ר י י ט י ק... ס'קומט צו צו אונדז נאָך איינער פון ברודער=פאַריין... פאַרנאַכט. מען פירט אונדז אין באָד... ס'וואַרט לעבן ציגאַנקע א יידליק... איזאַקסאָן... יאַטעס... אין באָד... דורך די הויפן... פון די קראַטעס... נאָכן באָד... א י ז אַ ק ס אָ נ ס טרויעריקע געשיכטע... ער וויינט... ער דערציילט, ווי מען האָט אים געשלאָגן... 10 טעג... שפּיקעס... מיין טאָכטער זיצט אין ווילייקע... נאָכן אַפּעל... ער דאַוונט...

25 — IX — 26. ש ב ת. פארמיטאָג... מען רופט אונדז אלעמען אַרויס... מען צעטיילט אונדז... אויף די טרעפּ... וועלפּקען אויפן דריטן גאָרן... מיך מיט איזאַקסאָנען אין דער הייך א ו י פ ן ל י נ ק ן פ ל י ג ל... אין קאַמער נומער 96... אין קאַמער... איינצל=קאַמער... איין בעט... אַ טישל, אַ בענקל... די ווענט... דאָס פענצטערל... דורך אים... די פריי... מיטאָג דורכן טירל אין טיר... כ'קריג אַ ביכל צום לייענען... א קוויט... כ'זע ווי חברה גייען שפּאַצירן... דער סדר פון טאָג... דער ערשטער טאָג... אין קאַמער... ס'קלאַפּן די טירלעך... אַפּעל... פאַרנאַכט דורכן פענצטער... מיר גייען פרי שלאָפן... מיין שכן...

25 — IX — 27. אַפּעל... דער אַנדערער טאָג אין קאַמער... זונטיק גייט מען נישט אויף שפּאַציר... אַ גאַנצן טאָג פארמאַט... מיין שכן... זיינע מעשיות... דאָס נייע לעבן...

25 — IX — 28. כ'זע ווי מען גייט אויף שפּאַציר... ראַדיאָס דורך די פענצטער... דער וועכטער... ד ע ר ע ר ש ט ע ר ש פּ אַ צ י ר... נאָך מיטאָג... מיינער גייט נישט... דער שפּאַציר איז אַן איינצלנער... כ'גיי מיט באַלאַקן... שילען... און נאָך... אַ גאַנצע ישעה... דורך די פענצטער... ערב יום=כיפור... מיין שכן דאַוונט... פאַרפאַסט... זון=אונטערגאַנג...

25 — IX — 29. י ו ם=כ י פּ ו ר. דינסטיק... מיין שכן בעט זיך אין קלויז. מען לאָזט אים נישט... ער דאַוונט... אויף שפּאַציר מיט די יאַטעס פון די 94... כ'באַקען זיך מיט זיי... זיי רינגלען מיך אַרום... אַ גייער... וועגן די פּאָליטישע ארעסטירטע... ווי ס'לעבט זיך אין תפיסה... מעשיות... כ'דערצייל זיי פון דער פריי... פון שפּאַציר... מיין יידליק... ער דערציילט מיר פון זיין ענין...

25 — X — 1. כ'קריג עסן... דאָנערשטיק... דאָס לעבן אין קאַמער... ביכער פון תפיסה=ביבליאָטעק... געשמוגלטע ביכער...

25 — X — 2. ערב סוכות... דער שיינער אָוונט... זון=אונטערגאַנג... פון פענצטער... אָנגעצונדענע ליכט... ס'זעט זיך שפּאַצירן...

25 — X 3. סוכות אין טורמע... איך דערצייל זיך מעשיות מיט מיין יידליק... די שפּאַצירן... יאַטעס... די מעלדונגען אין ציימונג...

25 — X — 4. זונטיק... אָן שפּאַציר... דעם ערשטן מאָל אין קאַנ=



פון בער בעקערס „טאָג־בוך פון לוקישקער טורמע“ (פאָטאָ־קאָפּיע).

טינע... כ'שרייב אַ ביטע צום נאַטשאַלניק אויף אַ העפט און בלייער... א קלאַפּעניש אין די טירן אין אָוונט פאר וועלן באַשטראָפן...

25 — X — 8. דאָנערשטיק... אין באָד מיט אַלעמען דער גאַנצער 4־טער עטאַזש... יאַטעס... מיר רעדן זיך צוזאַמען...

25 — X — 9. מען פאַרהאַקט די פענצטער... אויס ראַדיאָ... דער אָוונט...

25 — X — 11. אין קאַנטינע... כ'שרייב אַ בריוו אין שטוב אויף פויליש...

25 — X — 12. כ'דערהויס זיך פון וועלפקען אויף אַ שפּאַציר, דאָס מען האָט געבראַכט אין לוקישקעס פון ווילייקע אַרעסטירטע יאַטעס. זיין שוואָגער... רודאַשעווסקי... געלער... פאַטאַשניק... רעזניק... סאַנקע... אים האָט מען ביינאַכט גערופן אויף אַ פאַרהער... די יאַטעס האָט מען געהאַלטן אין לאַנדוואַראַווע... ער האָט געזען שמואלקען און סאַנקען...

25 — X — 14. דאָס ערשטע שנייעלע... אויף שפּאַציר... יאָשקע זיצט אין 2־טן, מיר רעדן מיט אים... פרעגן אים אויס... טאַנצן...

25 — X — 19. אָנגעהויבן געבן וואַרעמקייט...

25 — X — 20. געבראַכט פון לאַנדוואַראַווע אויף אויטאָמאָבילן די אַרעסטירטע פון ווילנע דעם 14־טן אויפן 15־טן אָקטאָבער... באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ העפט...

25 — X — 21. נאָך מיטאָג אַ זייגער 3. דער וועכטער הייסט מיר זיך אָנטאָן צו גיין אין שטאָט... צוזאַמען מיט וועלפקען... אין קאַנצעלאַריע... 2 פּאָליציאַנטן... נישט געשמידט... אויפן גאַס... וועלפקעס שווע־טער... די פרייהייט... מען פירט אונדז אין געריכט... צום אויספאָרשונגס־ריכטער פון ערשטן קרייז... ער נעמט אונדז איבער מיט אַ פּזמון... אַ נייע „ספּראַווע", וועגן געהערן צו אַן אָרגאַניזאַ־ציע... וועגן ווילייקער אַרעסטירטע... איינעם קען איך נישט... ער דראָט... כ'ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן... פּראָטאָקאָל... צוריק... לעבן תפיסה... יאַטיכעס... צוריק אין קאַמער... 4 אַזייגער...

25 — X — 22. נאָך שפּאַציר... אין באָד... כ'רעד מיט גילינסקין וועגן איבערזעצן זיך... צוזאַמען מיט אים...

25 — X — 23. נאָך שפּאַציר... כ'קלייב זיך אַרויס פון קאַמער 96... כ'לאָז איבער איזאַקסאָנען... אַריבער צו גילינסקין אין 78 קאַמער... אין דער נייער קאַמער מיט גילינסקין... דורכן פענצטער... דער טויער... די באָד... אַ שטיקל פרייקייט... ס'זעט זיך וואָר ס'קומט אויף זעונגען... דאָס זיצן מיט גילינסקין... זיין טיפ... די ערשטע צייט..

25—X—24. באַקומען אַ מעלדונג, אַז אונדזער ענין איז אַריבער צום אויספאָרשונגס־ריכטער פון 6־טן קרייז... אויף שפּאַציר... מען רעדט וועגן אַ פּראָטעסט־הונגער־שטרייק... פאַרוואָס מען דערלאָזט נישט קיין קאָמיסיע צו די געשלאָגענע פון לאַנדוואַראַווע...

25—X—25. אין דער פרי... דערקלערט געוואָרן אַ פּראָטעסט־

ה ו נ ג ע ר ־ ש ט ר י י ק... אַ ראַדיאָ... אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע שטרייקן... אָן מיטאָג... מיר נעמען נישט צו קיין עסן... מען גייט נישט אויף זעונגען... דער טאָג גייט אַוועק לייכט... מיר שטייען נישט צום אַפּעל... די פאָדערונג צו דערלאָזן אַ קאָמיסיע פון די צעהרגעטע... פאָרשטייער אבראהמקע...

25—X—26. אָן אַפּעל... 2־ט ע ר ט אָ ג פ ו ן ש ט ר י י ק... קיינער גייט נישט אויף שפּאַציר... אין קאַמער... ווי כ׳פּיל זיך... לייבקע דערציילט מיר וועגן טומל פאַריאָרן... מעשיות וועגן מיינע פאַרליבע־ניכטשן... דעם 2־טן טאָג פאַרשלאָסן... מיר שטייען נישט צום אַפּעל... נאָכן אַפּעל אַ דעפּעשע, אַז ד ע ר ש ט ר י י ק א י ז ג ע ע נ ־ ד י ק ט... נאָכן שטרייק... ווי ס׳איז אַוועק די צייט... מע קריגט צו פּייקעס...

25—X—27. דער אינספּעקטאָר רעדט אונדז אויס וואָס מיר שטייען נישט צום אַפּעל... אויף שפּאַציר... וועגן שטרייק... אויסגעפירט... זיך גוט געהאַלטן... כ׳רעד מיט יאַשקען... אינדערפרי אָנגעהויבן געבן פייער... דאָס אַלגעמיינע לעבן אין די קאַמערן... צייטונגען... לערנען... ווי אַזוי ס׳גייט אַוועק די צייט... לייענען און שרייבן... כ׳לייען זייער אַקט...

25—X—30. באַקומען אַ קוויט...

25—XI—1. כ׳שרייב צום אויספאָרשונגס־ריכטער אַ „ביטע“, ער זאָל מיר ארויסלאָזן אונטערן אויפזיכט פון דער פּאָליציי...

25—XI—3. באַקומען דעם ערשטן העפט, געקויפט אין קאַנטינע. כ׳הייב אָן צו שרייבן...

25—XI—7. הייִנט דער משפט פון דער ש פּ י אָ נ אַ ז ש ־ ב אַ נ ־ ד ע... בייגאַכט... אַרקע פריי... די איבעריקע אַראָפּגענומען...

. . . .

. . . .

. . . .

26 — IV — 30. אין דער פרי פון שפּאַציר... אויף אונדזער קאָרי־דאָר דער נאַטשעלניק און אַלע אינספּעקטאָרן... עס גרייט זיך עפּעס... די שטרענגקייט... עס שמעקט מיט עפּעס... זורקאָ קומט פון געריכט און דערציילט, אַז לעבן דער טורמע שטייט רייטער־פּאָליציי און אין דער צענ־טראַלקע שטייט פוס־פּאָליציי... מען וואַרט אויף עפּעס... דער 29־טער קאַ־מער גייט... מיר זענען אויף שפּאַציר... אין אַ ווײַלע אַרום לאָזט מען אונדז אויף שפּאַציר... מיר דערוויסן זיך, אַז מען האָט אַרויסגעפירט דעם 29־טן קאַמער מיט פּאָליציי אויף סטעפּן־גאַס... דער רושם... וואָס וועט ווייטער זיין? געוועזן דער פּראָקוראָר און געזאָגט, אַז אויב זיי גייען נישט מיט גוטן, גיט ער זיי איבער אין די הענט פון דער פּאָליציי. מיט די יאַטי־כעס... פאַר „איזאָלאַציע“ דער נאַטשאַלניק און אינספּעקטאָרן... מען נעמט צו פון אונדזער קאַמער אַלע נאָוואָגרודקער... 7 מאַן... און מען פירט זיי אַריין אין 29־טן קאַמער... מען צעברעקלט אונדזערע כוחות...

פון אַנדערע קאַמערן אויבעט... קיין 29 קאַמער... 15 מאַן... מען זעט אַרום די פענצטער... נאָך אַפּעל...

26 — V — 1. שבת... דער ערשטער סיגנאַל... צום אַפּעל שטייען אַלע מיט רויטע שלייפלעך... ס'גייט דער אינספּעקטאָר מיט אַ גאַנצן פּולק וועכטער... דער ערשטער שפּאַציר... 29 גייט אַרויס מיט די שלייפלעך... עטלעכע קרייזן, מע הייסט זיי אַראָפּנעמען די שלייפלעך אָדער גיין אין קאַמער... זיי גייען אין קאַמער... מען לאָזט נישט די יאַטיבעס גיין אין באָד... צוליב די שלייפלעך און שפּאַצירן... אַרום זייגער 10 הוראַ־געשרייען אויף לוקישקער פּלאַץ... פון דער פריי... מען לויפט... עס טוט זיך אויף דער פריי... געשפּאַנטקייט... טויטע שטילקייט ביז האַלב צוועלף אַזייגער... דער סיגנאַל, קאַמער 32 הויבט אָן זינגען... די גאַנצע טורמע שטורעמט אויף... פון אַלע זייטן... דער אינטערנאַציאָנאַל... פון דער פריי, אויף די באַלקאָנעס און דעכער... נאָך דעם אינט *... פון יענער זייט רעדט ק. דורכן פענצטער... הוראַ־געשרייען... אַלע צוזאַמען פון אַלע קאַמערן מען זינגט „אד וויעקו" **... פייערלעכע שטימונג... פון יענער זייט אַרויסגעהאָנגען אַ פאָן... אין אַ ווײַלע אַרום... דער נאַטשאַלניק מיט אַלע אינספּעקטאָרן... מיט אַ גאַנצער פאַרשטאַרקטער שמירה אין אַלע קאַמערן.. דראָט מיט פאַר האַקן די פענצטער... נאָך מיטאָג מען וויל אונדז פירן אויף שפּאַציר... אָבער מען גייט נישט... באַקומען אַן אויפפאָדערונג זיך צו שטעלן אין געריכט דעם 5. 28. אַפּעל... קיינער שטייט ניט צום אַפּעל... פּראָטעסט... די פאַרשטאַרקטע שמירה... אַרום 7 אַזייגער אָוונט דער סיגנאַל... קאַמער הייבט אָן זינגען... די גאַנצע טורמע ווערט אויף... אַלע זינגען מיט צוזאַמען... דער מעכטיקער באָר... די זעלבע 2 לידער... די שטימע פון די יאַטיבעס... פון די איינצלקאַמערן... מען פאַרהאַקט אַ גראָדניס צום פענצטער... אויפגעהאַקט מיטן בענקל...

26 — V 2. נאָכן יום־טוב... אויף שפּאַציר... אין קאַמער מיטן וועכטער... מיר דערוויסן זיך ערשטוינענדיג פאַקטן... וועגן די נאָוואָגרודקער... זערקאָ פראָוואָצירט דעם גאַנצן פּלאַן... 29 אַ קרבן פון זיי... זייער כסדרדיקע טאַקטיק... דער וועכטער האָט זיך אַרויסגעזאָגט... זערקאָס צעטל פון פּראָקוראָר... זייער אָנטייל אין נעכטיקן טאָג... זייער קאַמער 29... מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן?... מיליטער געווען אַרום און אַרום... פון די זעונגען... ווילנער דעמאָנסטראַציע... מען לערנט אָן די פאַשיסטן... ביי 40 פאַנעס... עטלעכע אַרבעטער פאַרווונדעטע... פון וואַרשע... 60 פאַרווונדעטע 9 דערהרגעטע...

— — — — — — — — — — —

26 — V — 11. א ביטע אין געריכט צו גיין לייענען דעם ענין***...

---

* אינטערנאַציאָנאַל.

** ווייסרוסיש רעוואָלוציאָנער ליד.

*** דער אויטאָר מיינט די געריכטס־אַקטן. (רעד.)

אויף שפּאַציר... מיר דערוויסן זיך מען האָט פאַרנאַרט לעווינען פון 33 מיטאָגצייט און אַוועקגעפירט אויף סטעפּן-גאַס... מיר גרייטן זיך צו אַ פּראָטעסט... אומגעריכטער טומל... אַ גיכע אַקציע... די פאָדערונגען... אַלע גרייטן זיך צו זינגען... פּאָר אַפּעל... 39 הייבט אָן זינגען... די גאַנצע טורמע זינגט דעם „אינטערנאַציאָ-נאַל"... ס'הערן זיך קולות... דער גאַנצער פּאַווילאָן הונדערט אויף פון די קלעפּ אין די טירן... 2-טער זינגען... ביידע אינספּעקטאָרן און אַ גאַנצע אַרמיי וועכטער... מיר דערקלערן אים... צוליבן אַוועקפירן לעווינען... זיין ענטפער... מיר פאָ-דערן דעם פּראָקוראָר... אַפּעל... נאָך אַפּעל צום 3-טן און 4-טן מאָל זינגען... מיט די יאַטיכעס...

26 — V — 12. מיטוואָך פרי... מען גרייט זיך צו דערקלערן אַ הונגער-שטרייק... די גיכע אָרגאַניזירונג... אַלע דערוויסן זיך אויף גיך... דער ערשטער שפּאַציר... אונטערהאַנדלונגען מיט 29... זייער מיאוסער פּאַרצוף... די פאָדערונגען... פאַרבעסערן די עסן, זעונגען אָן באַר-יערן און צו האַלבע שעה... אויפהערן די רעפּרעסיעס און אומקערן אַלע פון סטעפּן-גאַס... פרייער שפּאַציר... און אַ שול און נאָך 12 פּונקטן... מען וויל נעמען יאַשקען מיט געוואַלד אין געריכט... דערפאַר גייט מען מער נישט אויף שפּאַציר און מע היט אים... דער פּראָקוראָר... ס'גיט זיך זיי נישט איין... די ראַדיאָ מיט די יאַטיכעס... 12½ פאַרמי-טאָג ערקלערט געוואָרן דער שטרייק... אַלע קאַ-מערן חוץ 29... זייער מיאוסער דורכפאַל... דער אינספּעקטאָר גייט פאַר-שרייבן די פאָדערונגען... פון דער פרי נעמט מען נישט צו קיין עסן... זיי דערוויסן זיך, אַז מיר הונגערן... פאַרנאַכט... הינטערן טויער די יאַטי-כעס וואָס זענען געווען... מען גיט זיי אַלץ איבער... וואָס זיי האָבן צו טאָן... גוטע שטימונג...

26 — V — 13. צום אַפּעל... אַלע שלאָפן... נאָך אַפּעל... מיר דער-וויסן זיך, אַז אַלע 111-טער און 108 זענען צוגעשטאַנען און ערקלערט היינט פרי אַ הונגער-שטרייק... 29 נעמט עסן... גייען נישט אויף שפּאַציר... די שטימונג... בייטאָג דער נאַצ.* אין 33 און 32 קאַמער... די פאָדערונגען אַוועק צום פּראָקוראָר... ס'האַלט אויף אַ לאַר... מען שטייט ניט צום אַפּעל... נאָך אַפּעל הינטערן טויער. מען גיט איבער פון דער פרי. אַלע ווייסן שוין געווען אין דער פּרעסע. געווען אַ דעלעגאַציע פון ווייבער ביים פּראָק. סטעפּן-גאַס גרייט זיך צו העלפן... אומרוען אין וואַרשע. דער שטרייק אין ענגלאַנד דויערט.

26 — V — 14. 3-טער טאָג פון הונגער-שטרייק... 29 גייט אין באָד.. זייער ענטפער מילערן.. אויף „00"...

---

* „נאַטשעלניק". (רעד.)

מיט 33 וועגן נעכטן נאָך מיטאָג קומט דער פּראָקוראָר מיטן נאַצ. אין די קאַמערן... ער מעלדעט, דאָס ער הייסט אונז איבעררייסן דעם הונגער־שטרייק... די פאָדערונגען זענען ניט קיין באַרעכטיקטע... ער וועט באַפעלן אונז קאַרמענען קינסטלעך... נאָך זייער וויזיט... מיט די יאַטיכעס... מיר גרייטן זיך ווייטער צו הונגערן... מיט 33... ער האָט זיי געמאָלדן, אַז אויב אַ טומל, צו אַ שטאַנדגעריכט... יוליעק אין ביאַליסטאָק? לעווין אין קאַרצער... אַ גאַנצן טאָג אין קאַמער... פאַר אַפּעל... פון דער פריי... הינטערן טויער יאַטיכעס... סטעפּן־גאַס האָט אָנגעהויבן נעכטן הונגערן. אין וואַרשע פאָרגעקומען אַ מיליטערישע איבערקערעניש... אַלע אויף פּילסודסקיס זייט... נאָך ניטאָ קיין נייער קאַבינעט... דער שטרייק אין ענגלאַנד נאָך ניט געענדיקט... וואָס זיי זאָלן טאָן אויף דער פריי... ווי ס'זעט אויס דער אַפּעל... נאָך אַפּעל... ס'קומט דער נאַטשאַלניק... רופן שילען אין זיין קאַב. צום פּראָקוראָר פון קרייזגעריכט... ער אַנטזאָגט זיך... אין די אַנדערע קאַמערן... גייען אויך ניט... ער וויל ניט אָנערקענען קיין פאַרשטייער... שטימונג... אַנדערע זענען שוין שוואַכלעך... נאָך מען האַלט זיך פעסט... שילע דערציילט פון 17 יאָר.. מיינע מעטיקייטן... די ערשטע דעמאָנסטראַציע פון מינסקער טורמע... אַ ידיעה 50 פּאָליט. אַרעסט...

26 — V — 15. 4־טער טאָג פון הונגער־שטרייק... 5 פאַרטאָג גיט מען פון דער פריי איבער, דער צ. ק. געהייס: איבעררייסן דעם הונגער־שטרייק... בייטאָג וועט זיין וויגאָדזקי... קיין אַנדערע קענען נישט זיין... איבערגעריסן די קאָמוניקאַציע מיט וואַרשע.. שלאַכטן... פּילסודסקי־דיקטאַטור און נאָך... נאָך אַפּעל אין „00“... מיר גיבן איבער די נייעס 33... זיי באַציען זיך פּעסימיסטיש... אַלע האַלטן זיך זייער גוט... גיבן איבער אין ווילנע נעכטן פרייליך געווען... די גאַנצע מיליטער... וואַרשע קריג־צושטאַנד.... אַ פרייליכע שטימונג ביי אונדז... מיר זענען גרייט צו הונגערן ווייטער... ווידער לעבן טויער... וויבער גייען באַלד צום פּראָקוראָר... מיט די יאַטיכעס... פרייליכע שטימונג... אַלע פילן זיך גוט.... מער ניט אויסגעדאַרט... מען פירט אריבער צו אונדז פון 29 מאַלטען... ער דערציילט פון זייערע מעשים... איבערהויפּט געווען קעגן 1־טן פונקט... מען רופט אַרויס יוליעקן און ליובען... צו וויגאָדזקין... פאַרמיטלער צווישן אונדז און פּראָקוראָר... די סיטואַציע... כמעט אַלע פאָדערונגען ווערן נאָכגעגעבן... ער ראַט איבערצורייסן... מען רופט אַרויס אונדזער פאַרשטייער... אַלע אין שרייב־צימער... מען לאָזט זיי נישט מיט ליובען... זאַלבעדריט... קולים... זייער באַראַטונג... לעבעדיקע שטימונג... שילע קומט און גיט אונדז איבער... באַלד וועט זיך ענדיקן, כמעט נאָכגעגעבן אַלע פאָדערונגען און צוליב די איבעריקע לוינט נישט צו הונגערן ווייטער צוליב דער לאַגע... גוטער רעזולטאַט... וועגן וואַרשע... אַ ידיעה אַז 4 קעפּ דערשאָסן... איבערגעגעבן צו פאַרענדיקן יליקען... ער גייט צום נאַטשאַלניק... מען באַפרידיקט אַ ביסל די 111

אויך... אויף 29 באַשלאָסן אַ באָיקאָט... אַרום 4 אַזייגער גייט אַריין עפּשטיין און מעלדעט, אַז צוליב דער סיטואַציע ווערט דער שטרייק איבערגעריסן און מען גייט איין אויף די נאָכגעגעבענע פאָדערונגען... מען האָט זיי געמאָלדן, אַז אויב לויט זייער צוזאָג... זיי וועלן נישט ברענגען דעם 21... די יאַטן... הויבט זיך די אַקציע ווידער אָן... צופרידנקייט מיטן שטרייק... גוטער רעזולטאַט... אָפּגעהונגערט 77 שעה... מיר נעמען זיך צו דער אַכילה... אויף שפּאַציר מיט די יאַטן... הער נאָז פון 21... סאָלידאַריטעט... מען נעמט צו עסן... געבראַכט מער עסן... צום אָפּעל... סטעפּן־גאַס געענדיקט... גאָכן הונגער... די גוטע האַלטונג... געבראַכן די שטאַרקייט פון אַד. * פּאָליציי געווען... זייער דעלעג... רעזולטאַטן... מיר וואַרטן אויף ווייטער....

הינטער די קראַטעס **

האַלבער טאָג. די זון קריכט אַרויס פון אונטער די געדיכטע וואָלקנס און וואַרפט בלענדנדיקע שטראַלן, אָפּשפּיגלענדיק זיך אין דעם ווייסן שניי. ס'הייבן אָן בלישטשען פון אַלע זייטן שנייעלער, ווי אַ מעכטיקע האַנט וואָלט מיטאַמאָל פאַרשאָטן דעם גאַנצן אויבערפלאַך פון דער ערד מיט שיינענדיקע דימענטן און בריליאַנטן. פון די דעכער הייבן אָן צעגיין די ליכטלעך, און טראָפּן נאָך טראָפּן קאַפּען אַראָפּ אַרונטער און גראָבן אויס גריבלעך אין דער ערד. ס'הייבן זיך אָן ווייזן שטיינדלעך און נאַקעטע ערד, און ס'דוכט זיך, אַז אָט נישט ווייט איז שוין דער פרילינג. אַ העלע ליכטיקייט כאַפּט אַלץ אַרום. די שטומע מויערן פון דער תּפיסה מיט די קראַטעס ווערן עפּעס לעבעדיקער, ווי זיי וואָלטן זיך אויסגעניכטערט פון די פאַרוואָלקנטע, אומעטיקע טעג. זיי דערציילן עפּעס מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן לשון פון מויזנטער אַרעסטירטע, פון ליידן און אומעט. סודות אָן אַ שיעור ליגן אין זיי פאַרמויערט. פון איבער דעם הויכן, געמויערטן תּפיסה־פּאַרקאַן זעען זיך אַרויס די שיינענדיקע קופּאָלן און שפּיצן פון די קלויסטערס פון שטאָט. ס'הערן זיך די פייפערייען פון די אויטאָס, וואָס רייסן דורך די שטילקייט פון תּפיסה. ס'הערט זיך דאָס גערויש פון דער קאָכעדיקער, לעבעדיקער שטאָט. כ'שטיי זיך אויפן בענקל לעבן פענצטערל און ס'כאַפּט מיך אָן אַ בענקשאַפט נאָך פרייהייט. די קראַטעס האַקן זיך מיר אַריין אין די אויגן, שפּאַלטן יעדע זאַך וואָס איך זע פון דער ווייט אויף פילפאַכיקע טיילן. אַ בענקעניש צוזאַמען מיט אומעט דריקט מיין ברוסט און ראַנגלט זיך מיטן שווערן אָטעם, וואָס כ'ציִ קוים. דער וועכטער שפּאַצירט זיך אַרום אונטן אין הויף אָנגעפּעלצט

---

* אַדמיניסטראַציע (רעד.)

** איינע פון די אימפּרעסיעס פון תּפיסה־לעבן. (רעד.)


(94)
1926
Inspektor

די לעצטע זייט פון בער בעקערס „טאָג־בוך פון לוקישקער טורמע"
מיטן תפיסה־שטעמפל (פאָטאָ־קאָפּיע).

און אַרומגעוויקלט די שטיוול מיט טיכער און אויף זיי קלומפּעס הילצערנע, די ביקס אויפן אַקסל, די הענט אין די גרויסע קעשענעס פון פעלץ. זייערע טריט קלאַפּן אָפּ הילכיק און גיסן זיך צוזאַמען מיט מיין קלאַפּן פון האַרצן. זיי יאָגן אָן נאָך מער אומעט אויף מיר אָט די קלעפּ פון וועכמער, וועלכער שפּאַצירט זיך מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט איבערן הויף, און אויף זיין פּעט, אָנגעפּרעסן קיילעכדיק פּנים ליגט זיך אַ נאַרישער שמייכל. לאַנג וועל איך נאָך דאַרפן זיצן דאָ אונטערן שלאָס? לאַנג וועל איך נאָך דאַרפן הערן דאָס פּויקן פון וועכטערס קלומפּעס? ס׳פאַרכאַפּט מיר דער אָטעם. מיר שטיקט עפּעס אין האַלדז. כ׳וויל א געשריי טאָן, נאָר ס׳בלייבט מיר שטיין אין האַלדז. אונטן אין הויף הערט זיך שוין דער קלונג פון די קייטן. עס גייט שוין שפּאַצירן דער אַרעסטאַנט, וואָס האָט געוואָלט זיך באַפרייען און עפּעגען די תפיסה. איינטאָניק קלינגען זיי, די גראָבע קייטן, און וואַרפן אָן א שרעק. א פחד כאַפּט מיך אָן, ווען איך קלער, אַז מ׳וואָלט דאַרפן אַזוי לאַנג זיצן ווי ער און שלעפּן אויף זיך אַזעלכע קייטן. כ׳פיל א שוידער איבערן לייב, ווי מוראַשקעס וואָלטן אויף מיר געקראָכן. ס׳הייבט מיך אָן נאָכמער צו פּרעסן די ברוסט. שטאַרק קלאַפּט מיר דאָס האַרץ און רייסט זיך גאָר ערגעץ. ווי לאַנג, ווי לאַנג? — פרעג איך זיך אליין. די קייטן ענטפערן מיר מיט זייער אייזן־שטימע, קלאַנג נאָך קלאַנג, געמאָסטן און געוויגן, איינער נאָכן צווייטן, נישט שפּעטער און נישט פריער.

ס׳עפנט זיך קעגנאיבער די טיר פון צווייטן פּאַווילאָן און ס׳לאָזן זיך אַרויס די פּאָליטישע אַרעסטירטע. אויפן הויף פאָרמירן זיי זיך צו 2, צו 3 און צו 4 אין רייען און הייבן אָן שפּאַצירן. לעבעדיקע. פרייליכע. זייערע פּנימער שיינען פריילעכע קעגן דער זון. שפּאַצירן זיך זאָרגלאָז איבערן הויף, ווי ס׳וואָלט זיי גאָרנישט אַרן דער הויכער ציגלצוים מיט די אייזערנע שפּיצן אויבן. מיט פעסטע, פרייע טריט גייען זיי איבערן קרייז פון הויף, ווי ס׳וואָלט זייער הויף געווען, קימערן זיך גאָרנישט פאַר דער הויכער מויער מיט די קליינינקע פענצטערלעך, דורך וועלכע ס׳קוקן זיי נאָך די פורטקעס פּנימער. איינער דערלאַנגט אַ געשריי מיט אַ באַסאָווער שטימע, וואָס קלינגט אָפּ אויף דער גאַנצער תפיסה, צו איינעם פון די פענצטער, און ס׳הערט זיך אַן ענטפער פון אינעווייניק, א קוויטשענדיקער או! או! זיי גייען און רעדן צווישן זיך און לאַכן. איין גרופּע הערט זיך צו צו זייער רעדנער, וואָס רעדט עפּעס ערנסט און מאַכט צום טאַקט מיט די הענט און איינער שאָקלט אים צו מיטן קאָפּ. איינער, דער לעצטער, גיט זיך א בייג אין א זייט, נעמט אָן אַ הויפן שניי, מאַכט אַ קנויל און באַץ דעם, וואָס רעדט אַזוי ערנסט צו זיין גרופּע, גלייך אין היטל. דאָס היטל פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד און אַלע צעלאַכן זיך אויפן קול. ס׳גייט דורך א וועכטערקע. איינער פון דער חברה זאָגט עפּעס א חכמה אויף איר אדרעס און אַלע צעלאַכן זיך גוטמוטיק. יענע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, גייט אַריין אין פליגל

און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. אָט עפנט זיך די טיר. אַלע גיבן זיך אַ קער. ס'גייט אַרויס אַ וועכטער. הינטער אים עטלעכע חברה. אַלע דערלאַנגען זיך אַ שאָט צו זיי. ס'הייבן זיך הענט פון אַלע זייטן. דער וועכטער שטויסט, שרייט. ס'העלפט ניט, ביז וואַנען אַלע גיבן זיך ניט די הענט. כ'קוק אויף זיי און וווּנדער זיך: וואָס זענען זיי אַזוי פריילעך? — פרעג איך זיך. צי דען איז זיי דאָ בעסער צו זיצן אין די ענגע, שטיקנדיקע צימערן און וואַרטן אויף דעם שפּאַציר, ווי צו שפּאַצירן פריי, ווו און ווען ס'ווילט זיך? צי איז זיי דאָ בעסער צו זיין פאַרצוימט און פאַרשפּאַרט, אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט מיט אַ הויכן געמויערטן צוים? און וואָס זענען זיי נאָך דערצו אַזוי פריילעך און אויפגעלייגט, וואָס אַרט זיי גאָרניט די יאָרן, וואָס זיי דאַרפן דאָ אָפּזיצן? אפשר רעכענען זיי מעשה גם באַפרייט צו ווערן. און מאָדנע, זיי שטעקן מיך אָן מיט זייער לעבעדיקייט. כ'ווער מונטערער, ווען כ'דערזע זיי, אָט די לעבעדיקע חברה. זיי יאָגן אָן אויף מיר אַ פריילעכע שטימונג. עפּעס אַ זיכערקייט ווייעט פון זיי. כ'הייב אָן אויף עפּעס צו האָפן. כ'דערפיל אַ לויטערקייט. ס'דוכט זיך מיר, אַז אָט באַלד ווערט צעשפּאָלטן דער הויכער צוים פון דער תפיסה, און אַלע, מיר אַלע פאַרשפּאַרטע, פאַרשלאָסענע, ווערן מיטאַמאָל פריי און לאָזן זיך אין געשלאָסענע רייען מאַרשירן מיט אַ געזאַנג, מיט אַ דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן פון שטאָט. אָט גיט דער לעצטער ווידער אַ וואָרף אַ שנײַ-קויל און אַלע לאַכן ווידער, און כ'לאַך אויך מיט זיי. אָט הייבן זיי אַלע אָן צו זינגען; דער וועכטער, דוכט זיך, שרייט און דראָט, אַז ער וועט זיי מאַכן „מעלדונקעס" און זיי הערן אים ווי דעם קאָטער, זינגען נאָך שטאַרקער און קלאַפּן צו צום טאַקט מיט די פיס. כ'הייב אָן שטיל מיטצוהעלפן און קלאַפּ צום טאַקט מיט די פינגער אין שויב. און כ'טראָגט זיך דאָס מעכטיקע געזאַנג, צונויפגעגאָסן פון אַלעמענס קלאַפּנדיקע הערצער...

29—I—26

קאַמער נומ. 27 *

29. I. 1926	שילא ניקאָלאַי	
— „ —	קושטאָווסקי לוקאַש	19. VII .26
— „ —	דזערעוויאַנקאַ אַלעקסאַנדער	4. IX .26
— „ —	ציעלאַק אַלעקסאַנדער	21. VIII
— „ —	דאַנאָווסקי ווינצענטי	28. II
— „ —	זערקאָ קאַזימיר	16. II.
— „ —	וואָראָביי קאָנסטאַנטין	30. IV
— „ —	פּאַווליקאָווסקי וולאַדיסלאַוו	30 .IV
— „ —	קלימקאַ יוזעף	5. II.
— „ —	זערקאָ ניקאָלאַי	30. IV

* רשימה פון פּאָליט-אַרעסטירטע פון דער קאַמער, צונויפגעשטעלט ד"ר ב. בעקער. (רעד.)



רשימה פון אַרעסטירטע, וועלכע זענען געזעסן צוזאַמען מיט בער בעקער אין דער קאַמער נומער 27 (פאָטאָ־קאָפּיע).

	29. I. 1926	בושקאָ עדמונד	30. IV.
	— „ —	יונצעוויץ בראָניסלאַוו	30. IV.
	3. II. 1926	בעקער בער	
	— „ —	לעווין רפאל	3. IV. 26
	— „ —	ראדזקאָ לעאָן	22. IV.
	— „ —	זייקין פעליקס	
	— „ —	זייקין באזיל	12. IV.
	5. II.	זייקין ניקאָלאַי	11. II.
	13. II.	נאליווייקא פעליקס	
	— „ —	קאָשציענקאָ ניקיפאָר	
	15. II.	זייקין ניקאָלאַי	2. III.
	20. II.	סערייקאָ יוזעף	
	23. II.	קלימקאָ יוזעף	30. IV.
	25. II.	זערקאָ מיקאָלאַי	30. IV.
	19. IV. 1926	װלאַדישלאַוו מאראַץ	
	15. V. 1926	קאַזימיעזש מאלטא	
	21. V. 1926	נחקע געננס	
	— „ —	נאסקע סאגאָן	
	— „ —	חיים העכט	21. VIII.
	8. VI. 1926	קאסריעל גאלוב	23. VI.
	— „ —	מענדל שטאָקפיש	
	17. VI. 1926	פיאָטר מאַלינאָווסקי	27. VII.
	22. VI. 1926	ניקאָלאַי זייקין	30. VI.
	19. VII. 1926	זענקאָ מיקאָלאַי	
	— „ —	יאַקוב סוויטאַ	
*	13. VIII. 1926	אַלטער איינשטער	
*	6. IX. 1926	מיכאל לאנקעוויץ	
*	15 .IX. 1926	קארנאוך מיקאָלאי	

די איבעריקע פון די נאָוואָגרוד. מאקראָווסקי, פיסקאָר־סקי, יושדא און נאָך.

הדסה רובין

א בריוו

בענקען הייסט דען ליבע? — ,
נאָר נאָך א טויטן טאָר מען נישט בענקען.
פון קאַמער נומער זיבן
שרייבסטו צו מיר, אַז איך זאָל דיך געדענקען.

ביי אונדז אויפן הויף איז שוין ווּעסנע,
נאָר כ׳בין נאָך מיט איר פונדערווייטנס,
כ׳קאָן דיר שרייבן, אַז כ׳האָב נישט פאַרגעסן.
כ׳קאָן דיר שרייבן מיט בליקן אויף קראַטעס.

ס׳ווינט א פייגעלע איבער מיין פענצטער.
און דער הימל איז בלוי פונעם הענגען.
שרייב מיר, טייערער, אָן — אפשר קאָנסטו —
וואָס כ׳זאָל טאָן מיט מיין בענקען.

תפיסה, 1937

בלומען אויף מײַן גאַנעק

בלומען אויף מײַן גאַנעק,
מײַנע שײנע בלומען, —
צעבליט זיך נישט ביז וואַנען
איך וועל קומען, קומען...

זילבערנע בערעזקע,
זילבער־גרין באַמעליקט,
איך באַשווער דיך בײַ דער סט
וואַקס אָן מיר פאַמעלעך...

ײנגל מײַנער, הארציקער,
דו בעסטער צווישן מענער,
האלט אײַן לאָקן שווארצינקע,
איך זאָל דיך נאָך דערקענען...

בלומען! — נײַן, איך שפּאַס נאָר,
בערעזקע, גרין זיך פרײדיק.
צעוואַקסט זיך איבער גאַסן.
צעבליט געזונטערהײט זיך!

און דו, מײַן יונג, נישט טרויער,
דו ווײסט, ס'איז קאַמף קײן שפּיל נישט.
דו גרוי, און איך נאָך גרויער —
מיר וועלן זיך דערפילן!

תפיסה, 1938

הערש סמאָליאַר

פון טיפן אונטערערד — אויף דער ברייטער אויבערפלאַך

(דערמאָנונג)

I. די לערע ווי אַזוי צו גיין

באַמערקט האָט עס קודם־כל מיין טאַטע: בעתן ערשטן אָוונטיקן שפּאַציר, אין דעם זעלבן טאָג, ווען כ׳בין פון תפיסה צוריקגעקומען אַהיים, איז אים נאָכאַנאַנד אויסגעקומען צו „קאָרעגירן" מיין גאַנג. כ׳פלעג רק פאַרגיין אין אַ האַלבן קרייז, און ער האָט געמוזט מיך צוריקציען צום מיטן שאָסיי. עס האָט אים געוואַלדיק געחידושט, געמיינט, אפשר איז עס אַ קרענק אַזאַ. ס׳האָט אים דערמאָנט מיינע פריסטע קינדער־יאָרן, ווען די עלטערן האָבן מיך געלערנט שטעלן די ערשטע טריט. איך אַליין האָב זיך אָבער דערטראַכט פון וואַנעט עס שטאַמט די ציִעניש צום קרייז: דאָס איז געווען די באַקומענע געוווינהייט פון יאָרנלאַנגן אַרומקרייזן דאָס קליינע הויפל בעת דעם קורצן תפיסה־שפּאַציר. מיט דער צייט האָב איך ווידער מיך צוגעוווינט צום נאָרמאַלן מענטשלעכן גאַנג.

ערגער האָט זיך מיר די זאַך פאַרגעשטעלט נאָכן ערשטן שמועס מיטן מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון צ. ק., דעם ח׳ אַ ר ק אַ ד י (סעמעניקאָוו). כ׳האָב ערשט דערשפּירט, ווי שטאַרק אָפּגעריסן איך בין פון דער ווירקלעכקייט, ווי אַנדערש עס זעען אויס די פּילפּאַל־דורכגעטראַכטע און גרינטלעך־דורכגעדיסקוטירטע ענינים בעתן זיין הינטער די קראַטעס, נאָכדעם ווי מען באַגעגנט זיך מיט זיי אַלס טאָג־טעגלעכע רעאַליען.

איז געבליבן, אַז כ׳זאָל מיך צוריק נעמען לערנען גיין...

באַטייט האָט עס: טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט דער האַרטער ווירקלעכקייט, אָט אַזוי ווי זי זעט אויס נישט דורך דער פּריזמע פון פאַראַלגעמיינערטע פאָרמולירונגען, פעסטגעשטעלטע און איבערגעחזרטע ליניעס און איינשטעלונגען, נאָר אויפן אַרבעטס־פּלאַץ פון יעדן מענטשן, אין זיין היים און אין זיין פאַריין. בין איך געפאָרן קיין ביאַליסטאָק. געווען איז עס ווינטער־צייט 1932. געזאָגט האָט מען מיר, אַז די לאַגע פון די דאָרטיקע טעקסטיל־אַרבעטער איז שטאַרק פאַרערגערט געוואָרן, די נויט אין אַרבעטער־כאַטעס האָט זיך פאַרגרעסערט. די אומצופרידנקייט און אויפ־

ברויז איז אויסגעוואַקסן. דאַרף מען שמועסן מיט מענטשן און מיט זיי צוזאַמען אַרויסברענגען די קאָלעקטיווע פאָדערונגען, וועלכע זאָלן דינען אַלס באַזע פאַר אַן אַלגעמיינער האַנדלונג. נאָך אַן אויפגאַבע האָב איך געהאַט: נאָכן גרונטיקן דערקענען די לאַגע אָנשרייבן אויפן אָרט אַ פּראָיעקט פון אַן אויפרוף פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי צו די ביאַליסטאָקער טעקסטיל=אַרבעטער.

געשען איז אַזוי, אַז אַלס „זייטיקער פּראָדוקט“ פון דער גרונט=אויפגאַבע, וואָס די פּאַרטיי האָט דאַן פאַר זיך געשטעלט — אַרויספירן אין שטרייק די טעקסטיל=אַרבעטער — האָט גענומען אויסוואַקסן עפּעס אַזוינס, וואָס מיר האָבן בשעת=מעשה קיין נאָמען דערפאַר נישט געקאָנט געפינען. אין דער פּערספּעקטיוו האָט זיך אָנגעמערקט די מעגלעכקייט אַרויסצופירן אין קאַמף די גאַנצע, בוכשטעבלעך די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער פּראָלעטאַרישער שטאָט.

געווען איז עס אַזוי:

אין שמועסן מיט פּוילישע, יידישע, ווייסרוסישע אַרבעטער — מיט טעקסטילער, שוסטערס, בעקערס, שניידערס, מיט סתם האָרעפּאַשניקעס, מיט באַלעבאַטים פון אונדזערע „יאַטקעס“ און קאָנספּיראַטיווע דירות פלעגט זיך נאָכאַנאַנד איבערחזרן דער פאַרביטערטער פאַרדראָס אויף דעם מענטשן, וואָס קוילעט אַלעמען אָן אַ מעסער. געהייסן האָט ער ריגערט, אַ דייטש, וואָס איז געווען סיי דער דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער עלעקטרישער סטאַנציע און סיי דער פּרעזעס פון ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן=פאַריין. דער דאָזיקער ריגערט (וועלכער איז, אגב, בעת דער קורצער ממשלה פון די היטלעריסטן אין ביאַליסטאָק, אין דער ערשטער העלפט סעפּטעמבער 1939 געוואָרן דער שטאָט=פּרעזידענט) האָט אַוועקגעשטעלט אַזאַ מין פּרייז אויף עלעקטרישער ענערגיע: פאַר די פאַבריקן — 80 גראָשן אַ קילאָוואַט און פאַר דער באַפעלקערונג — אַ זלאָטי מיט 20 גראָשן. אויפן בודזשעט פון יעדער אַרבעטער=משפחה האָט עס געדריקט אויף אַ מוראדיקן אופן. שוין אָפּגערעדט פון די טויזנטער אַרבעטסלאָזע, וועלכע האָבן זיך געמוטשעט אומקערן צום קאָפּטשערל, צום נאַפט=לעמפּל אין די לאַנגע ווינטערדיקע אָוונטן. ברייטערע קרייזן אַרבעטער האָבן בולטער דערזען די גאַנצע ציניזם פון דער דאָזיקער קלאַסן=פּאָליטיק, וואָס האָט גראָד די רייכסטע געגעבן הנחות און אַ פּאַס געריסן פון די אָרעמסטע. ס'איז פאַר אַ סך געווען אַן אָנשוילעכע לעקציע פון קלאַסן=„יושר“, אַזוי ווי דאָס האָבן פאַרשטאַנען די פאַבריקאַנטן, זייער פירשפּרעכער — ריגערט און זייער באַשיצער מצד דער סאַנאַציע=מאַכט, דער כיטרער דעמאַגאָג פון וואָיעוואָדישן זיכערהייטס=אַמט ווּיסאָקינסקי. האָבן מיר, בעת די פּילצאָליקע שמועסן, וואָס די מיטגלידער פון ביאַליסטאָקער שטאָט=קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב=ווייסרוסלאַנד און פון שטאָט=קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד האָבן געהאַט סיי מיט די פּאַרטיי= און יוגנט=חברים, סיי מיט די

מיטגלידער פון די לינקע פראַקציעס פון די פראָפ־פאַריינען, גענומען שאַפן בײַ אַלעמען דעם דופק: ווי וואָלט געווען, ווען מ'זאָל אָנהייבן רופן אַלע טײלן פון אַרבעטער־קלאַס צו אַ געמיינזאַמען ווידערשטאַנד קעגן דער „עלעקטרישער“ פּאָליטיק פונעם דירעקטאָר און פּרעזעס? זענען חברים צוריק געקומען מיט איין און דעם זעלבן אויספיר: יאָ, אַלע דריקן אויס ממש גרייטקייט תיכף נעמען עפּעס טאָן. געווען זענען אַזעלכע, וואָס זענען געקומען מיט דער טענה: פאַרוואָס עפּעס בלויז דער אַרבעטער־קלאַס? עס לײַדן דאָך אויך די באַלמעלאָכעס, די לווינקעטניקעס, די קליינהענדלער, סתם לאָקאַטאָרן. אפשר מיט זיי אויך שמועסן?

דער ענין האָט גענומען אַריבערוואַקסן אַלע מעגלעכע אונדזערע פּלענער. דער לאָזונג איז פון זיך אַליין געקומען: מיר צאָלן נישט מער, ווי די פאַבריקאַנטן! מיר באַקומען ידיעות: עס שטייט צו די פּפּס, דער „בוגד“. דער האַנטווערקער־פאַריין איז גרייט אָנטייל צונעמען. דער קליינהענדלער־פאַריין אויך. דער כאַדעקישער פאַריין „פּראַצאַ“ האָט באַטראַכט די פראַגע בײַ זיך. ער וואַקלט זיך. ער פילט די שטימונג פון דער גאַס, בוכשטעבלעך — פון דער גאַנצער גאַס. די באַוועגונג הייבט אָן אָנצונעמען קאָנקרעטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען: עס ווערן געשאַפן הויף־דרייליִנגס. די קאַמפּס־פאָרם: מען צינדט נישט מער קיין פייער אין די הײַזער. בײַ קיינעם נישט! אויך בײַ די פאַבריקאַנטן. ווער עס וועט וואַגן עס צו טאָן — וועט האָבן צו עסק מיט די דיזשורנע־דרייליִנגס, וועלכע האָבן גענומען יעדן אָוונט באַוואַכן אַלע גאַסן פון שטאָט, ווו נאָר עס פלעגט זיך באַווײַזן אַן אָנגעצונדן עלעקטריש לעמפּל — איז תיכף געפלויגן אַ שטיין אין די שויבן. אין באַשטאַנד פון די דרייליִנגס געפינען זיך אַלע אונדזערע פּאַרטיי־מיטגלידער און סימפּאַטיקער, אַלע קאָמיוניסטן. מען גייט צוזאַמען „אויף דער אַרבעט“ מיט פּפּסאָווצעס, מיט בונדיסטן, מיט כאַדעקעס, אַרבעטער צוזאַמען מיט קליינבירגער, מיט סתם יוגנטלייט, וועלכע זענען אַרײַן אין אַמביציע צו ברעכן די פאַבריקאַנטישע פאַרשווערונג. דאַרף מען מאַכן אַן אויסנאַם, ווער עס האָט יאָ דאָס רעכט צו ברענען עלעקטריע — אַ שטייגער שפּיטאָלן, קינדער־אַנשטאַלטן, אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען — מוז מען האָבן די אָפיציעלע סאַנקציע פון „עלעקטרישן קאָמיטעט“. געקומען איז גראָד דעמלט שפּילן אין „פּאַלאַס“־טעאַטער אַ יידישע טרופּע. געלייגט הוצאות און מ'איז שוידערלעך געענגט אין אַ גראָשן, נישטאָ מיט וואָס דעם טאָג דורכצולעבן. אין ווי וועט עס זיין? האָט דער „עלעקטרישער קאָמיטעט“ געגעבן די דערלויבעניש: ויהי אור! זאָל ליכטיק זיין אין יידישן טעאַטער.

פּאָליציי הייבט אָן נאָכצויגיין פוסטראָט די דרייליִנגס. פרוווט שלאָגן, אַרעסטירן. ווערט אַ טומל אין דער גאַנצער שטאָט. מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל אין קיין שום קאַמף זיך נישט באַטייליקט, געווען לאָיאַל, געווייכט פון אַ קאָמוניסטישער דעמאָנסטראַציע, האָבן באַקומען מוט און לשון. מ'שטעלט זיך אַנטקעגן דער פּאָליציי, מ'שלאָגט אָפּ אַרעסטירטע.

אין דער חשכות פון די ביאַליסטאָקער נאָסן האָבן ווינטער־צייט 1932 זיך גענומען וועבן די פעדעם פון יענער באוועגונג, וואָס האָט אין די שפּע־טערדיקע יאָרן באַקומען דעם נאָמען: פּאָלקס־פראָנט. די אַטמאָספער איז געווען אַזאַ, אַז אפילו מיר, די אומלעגאַלע טוער, האָבן קוים אַלע קאָנספּיראַציע־כּללים גענומען אָפּטער אַרויסגיין אויף דער גאַס, צווישן עולם, ווו מיט רעכט האָבן מיר זיך דערפילט זיכערער, ווי אויף די אומ־לעגאַלע דירות. ס'איז געווען די זיכערקייט, וואָס קומט פון דעם, וואָס די רוסן רופן „משוּווסטווּאָ לאָקטיא", פון פילן, אַז מ'איז באַשיצט פון פאָלק. גופא.

ריגערט רופט דעם „עלעקטרישן קאָמיטעט" אויף אונטערהאַנדלונ־גען. ער פּרוווט צו ספּעקולירן אויף דעם אָנקומענדיקן קריסטלעכן און יידישן יום־טוב. א בעטטיקער טאָג, עס העלפט נישט. ער גייט איין אויף הנחות. ער לאָזט אַראָפּ 20 גראָשן פון קילאָוואַט. קיינער האָט זיך נישט געוואַקלט בעתן אָפּוואַרפן זיינע פאָרשלאָגן. אפילו די בירגערלעכע פּוי־לישע און יידישע פּרעסע האַלט אונטער די שטרייק־פאָדערונגען. אַלץ שטרייקט! . . . .

. . . .

...איז א קליין צימערל אויף שלערזיאַווע גאַס, ביי א חלבן ליכטל האָבן זיך א שורה נאָך א שורה געלייגט די אותיות, וואָס האָבן מיט טי־פער איבערצייגונג און זיכערקייט אין נצחון גערופן די טעקסטיל־אַרבע־טער אַרויסצוגיין אין שטרייק, אין קאַמף פאַר זייערע פאָדערונגען. עס איז געווען די זיכערקייט, אַז נאָך דעם געוווּנענעם עלעקטרישן שטרייק, וועלכער איז געווען א פּרעקטיקע שול פון קלאַסן־קאַמף פאַר א גאַנצער שטאָט פּשוטע פאָלקס־מענטשן, וועט זיכער קומען א ברייטע סאָלידאַרי־טעט־אַקציע פאַר די סאַמע באַוווּסטסטע צווישן די ביאַליסטאָקער פּראָ־לעטאַריער — פאַר די טעקסטיל־אַרבעטער. צי קאָן דען זיין א בעסערע גאַראַנטיע פאַרן נצחון?

ווען מיט וואָכן שפּעטער האָבן טויזנטער טעקסטיל־אַרבעטער גע־לייענט דעם אויפרוף פון צ.ק., האָבן זיי מער געפילט, איידער געוווּסט, אַז אייגנטלעך איז דער אויפרוף אָנגעשריבן געוואָרן דורך זיי אַליין.

וואָס שייך מיר — פיל איך אַלעמאָל די טיפסטע דאַנקבאַרקייט פאַר די ביאַליסטאָקער אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן מיר דאַן געגעבן די סאַמע בעסטע לעקציע, ווי אַזוי וויידער צו שטעלן א זיכערן טראָט אין דער אַרבעט, וואָס איז דער לעבנס־זין פון יעדן איינעם קאָמוניסט.

II. די לערע, ווי אַזוי צו האַנדלען

געווען איז עס דאָס וווּנדערבאַרע געזעץ פון אונדזער קאָמוניסטישער פּאַרטיי: נישט פאַראַן „מיינע" ענינים, „דיינע" ענינים — עס איז פאַ־ראַן אונדזער אַלעמענס זאַך. נאַטירלעך? אוודאי. אָבער אין באַדינגונ־

גען פון טיפסטן אונטערערד, ביי אזא מין קאָנספּיראַציע, וואָס פאָדערט, אז די פונקציעס־פאַנאַנדערטיילונג זאָל זיין די סאַמע שטרענגסטע, כדי אין מאָמענט פון אַן אומגליק זאָל א דורכגעריסענער רינג נישט ציען נאָך זיך די גאַנצע קייט — דאָ איז דער ענין שוין געווען גאָר, גאָר קאָמ־פּליצירט.

מיט „וואַסקען" (דעם היינטיקן גענעראַל פון פּוילישן פאָלקס־מיליִ־טער ס. מאַלקאַ) פלעגן מיר זיך טרעפן נאָר בעת גאָר א נויטווענדיקן פאַל. זיין אַרבעט האָט געפאָדערט א באַזונדער שוץ. דער דאָזיקער פּויע־רים־זון האָט מצד דער פּאַרטיי־אָנפירונג באַקומען די אויפגאַבע אָנצו־פירן מיט דער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג אין מערב־ווייסרוס־לאַנד, מיט דער לעגאַלער באַוועגונג פון דער פּוילישער אינטעליגענץ, פון די ליטווינער. מיט אומרו און טאָפּלטער נאָכשפּירעריי האָט די דעפענ־סיווע אָבסערווירט אונדזערע שטייגנדיקע דערפאָלגן אין די דאָזיקע, אַזוי ווייכטיקע סביבות. איז פאַרשטענדלעך די טאָפּלטע פאָרזיכטיקייט ביים באַשטימען א טרעפונג מיט „וואַסקען".

מאַכט זיך אָבער אַזוי, אז ס'קומט אויף פאַר די יידישע חברים אין ווילנע די פראַגע, צי זאָלן מיר איצט, אין 1936, גיין צו די קהילה־וואַלן אָדער ווי אין די פריערדיקע יאָרן האַלטן, אז ס'איז נישט אונדזערס קיין עסק. פון צ. ק. איז קיין דירעקטיוו נישט פאַראַן. אַלע יידישע פּאַרטייען גרייטן זיך, פירן די ברייטסטע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. וואָס טוט מען? איז געבליבן, אַז מען וועט גיין „צום וואַיט" — צו „וואַסקען" הייסט עס. און ער הערט אויס אַלע אַרגומענטן פּראָ און קאָנטראַ מכוח „קאַהאַל", וועגן וועלכן ער האָט עפּעס געוווּסט פריער, דער עיקר פון אַנעקדאָטן און דרינגט אריין אין דעם ענין אַזוי, ווי ער וואָלט א געבוירענער ייד געווען. „וואַסקע" האַלט: צו די וואַלן אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע — צי זי געפעלט אונדז יאָ, צי זי געפעלט אונדז נישט — גייען דאָך פּשוטע יידן. ביי זיי נעמט מען דאָך צוואַנגמעסיק דעם קהילה־שטייער. דאָרט ווערן דאָך באַהאַנדלט נישט בלויז רעליגיעזע ענינים. טאָ וואָס איז דאָ פאַראַן צו הקרענען זיך. מ'דאַרף גיין צו די וואַלן — אי וודאי!

איז מען געגאַנגען, לערנענדיק זיך בעת־מעשה אַזוי צו האַנדלען אין דער אומגעוויינלעכער פאַר אונדז סיטואַציע, כדי אָפּצוהאַלטן א גאָר קענטיקן נצחון.

מאַכט זיך אַמאָל, אז לחלופין אומגעריכט גיט מיר די פאַרבינדלע־רין צו וויסן, אַז „וואַסקע" וויל זיך מיט מיר דרינגענדיק טרעפן. טרעפט מען זיך אין א כאַטע, ווייט הינטער דער שטאָט, ביי ליובען (דעם דיכ־טער מאַקסים טאַנקים פרוי).

מיט זיין פאָרשלאָג האָט מיך „וואַסקע" ממש פּריטשמעליעט: ער לייגט מיר פאָר מיטאַרבעטן מיטן ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן חודש־זשורנאַל פונעם קסיאָנדז סטאַנקעוויטש...

אויף מיין חידושן זיך ענטפערט ער: „וואָסי, דו האָסט געמענט

מאַכן פון מיר א „ראבין" ביים באַהאַנדלען די קהילה־ענינים, מעגסטו דו דאָך ווערן אַמאָל אַ קסיאָנדז..."

עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אז כ'זאָל זיך אוועקזעצן אָנשרייבן א פאָלעמישן ארטיקל טאַקע קעגן די קריסטלעך־קאַטוילישע קאָנצעפּציעס פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר קסיאָנדז סטאַניקעוויטש און עס אָפּגעבן צום דרוק אין זיין, דעם גלח'ס אָרגאַן. אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. מ'דאַרף נאָר אַזוי שרייבן, אַז די צענזור זאָל נישט האָבן ביי וואָס זיך אָנצוטשעפּען.

דער ארטיקל איז פארטיק. מיר זיצן מיט „וואַסקען" און „שלייפן" אים, פירן דורך אַן אויטאָצענזור, פאַרבייטן אַ שאַרפער וואָרט מיט אַן עזאָפּ־אויסדרוק. אַלץ איז פאַרטיק. ווי שרייבט מען אים אונטער? לייג איך פאָר: אַלענטשוק. „וואַסקע" איז מסכים, נישט ווייסנדיק, אז דאָס איז א בוכשטעבלעכע ווייסרוסישע איבערזעצונג פון מיין יידישן נאָמען... ער האַלט אָבער, אז מען דאַרף צוגעבן „נאָך עפּעס". דהיינו? „ער, דער שעף־רעדאַקטאָר , שרייבט זיך אונטער מיט גאַנצן טיטל: קסיאָנדז־דאָקטאָר, טאָ ווי פּאַסט עס, אז דו, וואָס „וואַנסט" צו פּאָלעמיזירן מיט אים, זאָל זיין אַ פשוטער הי וקים? בלייבט עס, אַז איך באַקום דעם אוניווער־סיטעטס־טיטל „מאַגיסטער"...

מיט דריי יאָר שפּעטער, שוין אין באַפרייטן ווילנע בין איך מיט אַ גרופּע חברים געזעסן אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט פון אָרטיקע און מינס־קער שרייבער. אַ רעדע האָט געהאַלטן דער ווייסרוסישער ליטע־ראַטור־קריטיקער אַלעס קוטשאַר. פּלוצים — און דאָס בלוט האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. דער רעדנער דערציילט, ווי ווייט און טיף עס האָבן געגרייכט די קאָמוניסטישע איינפלוסן, אז אפילו אי־נעם היגן קאַטוילישן חודש־זשורנאַל זענען געווען געדרוקט מאַרקסיסטישע אַרבעטן. און ציטירט דערביי גאַנצע פּאַסוסן פון „מאַגיסטער אָלענטשוקס" אַרטיקל...

*

* *

ווי האַנדלט מען אין אַזאַ פאַל? דער „בונד" איז צוגעטראָטן צום רופן א קאָנגרעס געווידמעט דעם קאַמף קעגן אנטיסעמיטיזם אין פּוילן. אַוודאי ווייסן מיר הן פון אונדזער לעניניסשער לערע, הן פון אונדזער פּראַקטיק, אַז אין קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם דאַרפן קודם־כל מאָבילי־זירט ווערן די פּוילישע, ווייסרוסישע, אוקראַינישע, ליטווישע פאָלקס־מאַסן. אַ יידישער קאָנגרעס קעגן אַנטיסעמיטיזם קאָן העכסטנס אַפּע־לירן, אָבער נישט מאָביליזירן די מאַסן פון אנדערע פעלקער צום קאַמף. אָבער ס'איז אַ פאַקט: דער „בונד" אָרגאַניזירט אַזאַ קאָנגרעס, און מיר שטייען צו אים צו. באַהאַנדלען מיר די פראגע, ווען זאָלן מיר אַרויס־שטעלן אלס אונדזערע דעלעגאַטן צו דעם האָזיקן ריין־יידישן צוזאַמענ־

פאָר. פאַלט א באַשלוס: קודם=כל דעם פּאָליאַק יעזשי שטאַכעלסקי (היינט מיניסטער אין פאָלקס=פּוילן, מיטגליד פון צ.ק. פּזפּר). עס איז באַוווסט, אַז ער איז צו אונדז געקומען פון אַ באַוועגונג מיט אַן אַנטי=יידישער באַפאַרבונג. זאָל זיין וואָרט וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם ברענגען די אַנטשלאָסנקייט פון דעם בעסטן טייל פון פּוילישן פאָלק אַנטקעגנצושטעלן זיך דער ענדעקיש=סאַנאַטאָרישער אַנטי=יידישער פּאָגראָם=העצע.

אונדזער באַשלוס איז מיט שטאַרקער סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש אויפגענומען געוואָרן דורך די יידישע פאָלקס=מענטשן, אויך דורך די בונדיסטן, פאַר וועלכע די שפּראַך פון אונדזער עכטן, קרישטאָל=ריינעם אינטערנאַציאָנאַליזם איז געווען נאָענט צום האַרצן און פאַרשטענדלעך.

דער קאָנגרעס איז נישט פאָרגעקומען. די פּאָליציי האָט אים פאַרבאָטן. אָבער דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז סטימולירט און אָרגאַניזירט געוואָרן פון טיפן קאָמוניסטישן אונטערערד, איז אַרויס אויף דער ברייטסטער אויבערפלאַך און איז געוואָרן דער אַנטשיידנדיקסטער פאַקטאָר ביים באַשיצן די יידישע באַפעלקערונג.

אין דער דירה פונעם פּוילישן פּאָעט יעזשי פּוטראַמענט זענען מיר געזעסן צוזאַמען מיט „מוטען“ (מאַריאַ דזשעוויצקאַ) און אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון ווידערשטאַנד מצד די רעוואָלוציאָנערע און דעמאָקראַטישע פּוילישע סטודענטן קעגן די מעסער=שטעכער און זשילעטקע=„העלדן“ פון די פאַרשידענע סאַנאַטאָרישע און ענדעקישע קאָרפּאָראַציעס. וואָס פאַר אַ מיאוסן אָפּשניט די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע באַנדיטן האָבן נאָכדעם געהאַט אין ווילנע, איז באַוווסט געווען אין גאַנץ פּוילן. איינער פון צווישן זיי, וואַצלאַווסקי האָט דאַן באַצאָלט מיט זיין לעבן.

נישט אַנדערש איז עס אויך געווען אין די קלענערע שטעט.

א חבר איז ספּעציעל געקומען פון נאָוואָגרודעק מיט דער איוב=בשורה: עס גרייט זיך דאָרט א פּאָגראָם אויף דער יידישער באַפעלקערונג. באַלד זענען שליחים פאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן אין אַלע דערפער פון דער אַרומיקער געגנט מיטן אָנזאָג: מאָביליזירן אַלע פּאַרטיי=קעמערלעך, אַלע סימפּאַטיקער צווישן די פּויערים און זיך לאָזן אין שטאָט אַריין.

ביי יעדער יידישער שטוב, ביי יעדן געשעפט איז באַצייטנס געווען אויפגעשטעלט א וואַך פון ווייסרוסישע און פּוילישע חברים. די ערשטע, וואָס האָבן בלויז געפּרוווט אָנהייבן די פּאָגראָם=העצע, האָבן געכאַפּט אַזא גאָב, אַז די איבעריקע האָט זיך אָפּגעוואָלט איבערצוחזרן די מעשה=פּשוטיק. די יידישע באַפעלקערונג האָט גוט געוווסט, פון וואַנען עס איז געקומען דער באַפעל און די אָרגאַניזאַציע צו באַשיצן זייערע לעבנס און אייגנטום. דאָס איז געווען דער באַפעל און אָרגאַניזאַציע פון דעם אומגעזעענעם „קאָנגרעס“ צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט פּערמאַנענט געווירקט אין הסכם מיט אונדזער קאָמוניסטישער לערע,

ווי אַזוי צו האַנדלען, און הסכם מיט דער מערקווירדיקסטער קראַפט, וואָס עס האָט פאַרמאָגט אין זיך דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם פון דער קפּפּ.

ווען מיט יאָרן שפּעטער, בעת דער מלחמה קעגן די היטלעריסטן אין אָקופּירטן הינטערלאַנד זענען אין אונדזער וואַלד, אויף אַ מאַסנהאַפטן אופן אָנגעקומען יידן פון גאָוואָגרודקער געטאָ און פון די אַרומיקע שטעטלדיקע געטאָס, זענען דאָס געווען די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן געוווּסט, אַז אַפילו אין דער שרעקלעכסטער עת־צרה פון דער ברוינער אויסראָטונג איז פאַראַן אויף וועמען זיך צו שטיצן: אויף די זעלבע ווייסרוסישע, פּוילישע און ליטווישע חברים, וועלכע האָבן פון דער שול פון קפּפּ אַרויסגעטראָגן דעם טייערסטן אוצר — די לערע, ווי אַזוי צוזאַמען האַנדלען און אָנבליק פון געמיינזאַמען שונא, די לערע, ווי אַזוי צוזאַמען זיגן.

לייב אָליצקי

אינעם לעצטן טאָג פון פּראָצעס *

פרייטיק, דעם לעצטן טאָג פון חודש אָקטאָבער האָט דאָדיע אַ זאָג געטאָן צו אסתרן:

— פּאָרסט באַלד מיטן באַן קיין קאָוולע. מאָרגן איז דער לעצטער טאָג פון פּראָצעס. זע, דו זאָלסט שטיין וואָס נעענטער בײַם וועג, אַז איציק זאָל דיך דערזעען...

אסתר האָט זיך דערמיט שטאַרק דערפרייט, כאָטש ס'איז איר אײַנ־צײַטיק אַ שאָד געווען: דער בעסטער אָוונט מיט שמעונען איז דאָך פרײַ־טיקצונאַכטס, פאַרן מאָרגנדיקן פרײַען טאָג. און ער וועט נישט פאַר־שטיין, שמעון, וואָס ס'איז מיט איר פּלוצעם געשען.

— און דו, טאַטע? טאָמער, חלילה...? — האָט זי אַ פרעג געטאָן, די רעשט שוין דערטראַכטנדיק: טאָמער, חלילה, ווערט איציק פאַרמשפּט?

— איכל זײַן מאָרגן גאַנצפרי, ווי פאַראַכטאָגן.

— ווידער?... האָט זיך דאָס פרעגנדיקע וואָרט מיט אַ דערשראָקענעם פאַראיבלדיקן טאָן אַרויסגעכאַפּט פון מינציעס מויל, ווי אַ זיפץ, און די רעשט פון דער פראַגע איז שטעקנגעבליבן שרעקעוודיק אין געדאַנק: ווי־דער פאָרן אום שבת? מחלל שבת זײַן?

— ווידער... — האָט דאָדיע אַ וואָרטשע געטאָן צולהכעיסדיק עמעצן, און זײַן פּנים איז חושכער געוואָרן — לאָזן הײַנט די קוזניע אויף הפקר איז אַ גרעסערע עבירה... צוליב מײַן פאָרן הײַנט בײַנאַכט וועט פון גאָטס באָרד קיין אײן ווײַסע האָר נישט געמינערט ווערן.

מינציע האָט אונטערטעניק און רעזיגנירט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרקוועטשט די ליפּן מיט די פינגער, ווי אַ שלעסל אויף זיי אויפגע־האָנגען. ערשט ווען ער איז אַרויס, האָט זי אָפּגעזיפצט אויף אַ קול:

— אוי־אוי!... אַ מענטש האָט אויפגעהערט זיך בייזערן אויפן ווײַב, בייזערט ער זיך אויף גאָט אַליין. איציקל זאָל נאָר צוליב זײַן עבירה נישט ווערן דאָס כּפרה־הינדל...

אויף מאָרגן, שבת אינדערפרי האָט זיך דאָדיע, אַן אָפּגעדאַוונטער און

---

* פראַגמענט פון ראָמאַן „דאָדיע קאָוואַל“, וואַרשע פאַרלאַג „יידיש־בוך“ 1955 יאָר.

עפּעס וואָס איבערגעכאַפּט, אַ שווייגנדיקער און ערנסטער, אין דער שבתדיקער פּאַלטע געלאָזט פון זיין זונס שטוב אין קאָוולע אויפן „באָמבע“ געסל, באַגלייט פון ביידע זייטן פון אהרונען און אסתרן, צו דער תפיסה. די זון האָט וואַרעם און לייטזעליק אַראָפּגעקוקט פונעם קילן לויטערן הימל, כאָטש אין דער לופט האָבן זיך געשושקעט קיל=פייכטע ווינטעלעך: ס'איז שוין שפּעטער אָסיען, שפּעטער אָסיען... די ברייטע וואַרשעווער גאַס, מיט די רייען צוגעשלאָסענע קראָמען פון ביידע זייטן, מיט די נאַרישע שילדן, וואָס רעדן איצט גלאַט אין דער וועלט אַריין, איז געווען שבתדיק אויפגעראָמט און דערוואַרטנדיק — ווי אויפן אויסגאַנג פונעם פּראָצעס היינט. דאָ און דאָרט איז געגאַנגען אַ שבתדיקער, באָרדיקער ייד מיטן טלית אונטערן אָרעם. דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען שבתדיק פאַרפּוצטע שמועסנדיקע רעדלעך. פּאָרלעכווייז און דרייליגווייז האָבן געשפּאַצירט יונגטלעכע און יונגוואַרג. אין דער זעלבער ריכטונג וואָס זיי. כלומרשט שפּאַצירן זיי זיך, אָבער אינדעראמתן לאָזן זיי זיך אויך אַהין, צו דער תפיסה.

די פּריסיקס האָבן פאַרקערעוועט אין דער מיצקעוויטש=גאַס. די נאַקעטע קעפּ פון די יונגינקע קאַשטאַן=ביימלעך פון ביידע זייטן ברוק זענען דורכגעלויכטן פון דער זון. די ווייניק פאַרבליבענע, פאַרגעלט=ברוינע בלעטער אויף זייערע ליסינעס איז שוין איבערצוציילן. דערפאַר זענען דאָ אויף די טראָטואַרן פון ביידע זייטן געדיכט די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך. נישט ווייט פונדאַנען צו גיין הייבט זיך אָן די מאָנאָפּאָל=גאַס, וואָס פירט צום גרויסן פּוסטן תפיסה=פּלאַץ. אַוועקצושפּאַצירן אַהין גלייך איילט מען זיך נישט, ווייל אין דער צייט איז דאָרט טאָג=טעגלעך פול מיט פּאָליציי=פּאַטרולן, פוסגייער און רייטער. מע האָט זיי ליב פונדערווייטן, כאָטש גראָד לעצטנס פאַרטשעפּען זיי קיינעם נישט. זייערע פּנימער זענען ערנסטשווייגנדיקע, אָבער נישט קיין בייזע, ווי ס'וואָלט אייגנטלעך געווען צו דערוואַרטן.

— זיי האָבן געמוזט אַזאַ באַפעל בקומען, — האָט מען געשמועסט צווישן די שפּאַצירנדיקע — זיך אויפצופירן איידל=פיין, העפלעך. אדרבה, זאָל זען די באַפעלקערונג, ווי די מאַכט באַציט זיך צום פאָלק... שטימט זשע, זשידקעס און באַמעס, פאַר דער רעגירונגס=ליסטע!

זענען ווידער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשמועסט פאַרקערט:

— אפשר איז טאַקע אינדעראמתן אַנדערש געוואָרן. מע האַלט אין איין שמועסן, אַז מע האָט די אַרעסטירטע שרעקלעך געקאַטעוועט אויף דער אויספאָרשונג. און איצט פירט מען זיי דאָך יעדן טאָג צום געריכט, אַהין און צוריק, מיט פרייע הענט — אָן קייטעלעך...

דאָריע מיטן זון און דער טאָכטער האָבן פאַרקערעוועט אין דער מאָנאָפּאָל=גאַס. אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג — זע נאָר! פון אַ זייטיק געסל קומט אָן זייער שכנה פעסיע חווה, פאַרהילט אין איר שאַל, ווי אַ שאָטן. איר פּנים איז אַזוי חושך, אַז סע זעט אויס — די אויגן זענען איר אויסגעלאָשן און זעען שוין נישט אפילו קיין היימישן מענטשן. זי גייט פאַר=

ביי. ערשט אסתּרס רוף שטעלט זי אָפּ. זיי בלייבן שטיין אין שאָטן פון אַ הויז, לעבן געפּאַרבטע שטאַכעטן, הינטער וועלכע נאַקעטע קוסטעס באַווייזן זייער סקעלעט — אַ געץ פון מאָגערע ריטלעך. בלאָנדזשענדיק מיט די בליקן אין דער דאָזיקער טויטער געץ, פאַרטויִשן זיי צווישן זיך עטלעכע ווערטער. מער לאָזט זיך עפּעס נישט רעדן. הייבן זיי אַרויס די בליקן און טוען מיט זיי אַ זוך איינעם אַרום. דער תּפיסה־פּלאַץ איז נאָך פאַרשטעלט פאַר זיי. סע זעט זיך שוין אָבער אַרויס דער זשאַלוועדיקער דאַך פון דער הויכער תּפיסה און אונטער אים אַ פּאַסיקל גרויע וואַנט מיט לענגלעכע און שמאָלע פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך... אין דעם מאָמענט קוקן אפשר אַרויס פון דאָרטן זייערע קינדער.

— וואָס איז דאָס? — האָט דאָדיע אָנגעשטעלט אַ פרעגנדיקן בליק אויף אהרונען.

ס׳האָט זיך פון יענער זייט געלאָזט הערן אַ שלאַבעריק הירזשען פון פּויערישע פערדלעך, אַ בענקענדיק מרוקען פון קי, אַ גריזלצענדיק קוויטשען פון חזירים, און פון הינטער די דאָזיקע קולות — אַ טויבלעך געוויש פון מענטשלעך גערייד און טומלענדיקע געשרייען.

— ס׳איז דאָרט, אויפן תּפיסה־פּלאַץ מאַרק, דער יאַריד, — האָט אהרון אַ וואָרטשע געטאָן.

— אַ יאַריד אום שבת, ווען די יידישע קראָמען זענען געשלאָסן? — האָט דאָדיע ווי אַ טענה צום זון.

— מאַרק גאָר אום שבת, טאַטע, — ענטפערט אהרון מיט פאַרדרוס אין טאָן אויף עמעצן — אויף צולהכעיס די יידן... כאָטש נעם שטעל זיך אַוועק אין קוזניע אַרבעטן אום שבת... אונדזער סטאַראָסטע איז אַן אַנטיסע מיט... כאָטש אונדזער קאַמינער רב איז מיט אים איין קנעפּל.

— וואָס זשע שטייט איר? — האָט זיי אַ שטויס געטאָן אַ שטים הינטער די פּלייצעס — מע וועט זיי דאָך שוין איינגיכן אַרויספירן.

ס׳איז געווען דער שנעל אָנגעקומענער סראַלקע ביגהאָרן. ער איז שטיינגעבליבן, האָט אויפגעהויבן די פאַרקוועטשטע דלאָניע מיטן טאַביק־פּושקעלע צו דער נאָז, אַ צי געטאָן דערפון מיט די נאָזלעכער — איינס, צוויי, און מיט די גרויע אויגן, אויפגעוועקטע און פייכטע צוליב דער אַריינגעאָטעמטער ביטערער שאַרפקייט, שאַרף אַריינגעקוקט דאָדיען אונטערן אַראָפּגערוקטן דאַשעק:

— כ׳האָ׳ נעכטן נאָכאַמאָל גערעדט מיטן גרויסן אַדוואָקאַט. מנא... ער איז פרום געוואָרן: „גאָט קאָן העלפן, האָט ער געזאָגט, און אַן אַדוואָקאַט איז אפילו נישט קיין מלאך...“. הערסט, קלער איך זיך, ווען דו זאָלסט זיין אַ מלאך, וואָלסטו דאָך ביי מיר און דאָדיע קאָוואַל אַזויפיל געלט נישט גענומען...

— און וואָס ׳עט זיין מיט מיין קינד? — האָט פעסיע חווה אויסגעזיפצט די פראַגע. די ווערטער — אויסגעהוילטע, אויסגעלאָשענע, ווי אירע אויגן.

— אין הימל האָבן מיר אַלע דעם אייגענעם מליץ־יושר, — האָט איר סראָלקע בישט גערן צוגעוואָרפן דעם ענטפער, ווי אַ ביין, און זיך אַ שאַר אַוועק געטאָן מיט אַ פאַרדראָסיק פיינטלעכן געדאַנק: מ'האָט פון קהל געבעטן איר בחור מיטן שקראָפּולימשנעם פרצוף צו גיין איבער־מאַכן די וועלט!... אַזעלכע שטופּן זיך אויך זאָגן אַ דעה אין וועלט־זאַכן!...

זיי זענען אים שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען און אַרויסגעקומען צום תפי־סה־פּלאַץ. ווי גרויס ער איז, איז ער באַשטעלט מיט דאַרע פּויערישע פערדלעך און וועגענער, וואָס שטאַרצן מיט די דישלעס אינדערלופטן, מיט מרוקענדיקע קי און כרויקענדיקע חזירים, מיט געבונדענע שרייענדי־קע עופות, און צווישן דעם אַלץ — אוקראַיִנישע פּויערים און פּאָליעשו־קעס, מיט האָריק־שטעכיקע פּנימער, און פּויערטעס, מיט יאַרידישער הייַ־סער צעטומלטקייט אין די אויגן.

— אָוואַ! אַ היפּשער יאַריד הייַנט, — מרוטשעט אַהרון, ווי געַ־טראַכט אויפן קול — אַ גרעסערער ווי שטענדיק... ווי אויך זיך געשטעלט אויפן פראָצעס.

אינמיטן דעם פּלאַץ, ווי מ'וואָלט אים „פאַרקעמט אַ שרונט", ציט זיך אַן אָפּגערוימטער, שטויביקער, גרויער שליאַך ביז צום ברוין־רויטן טויער פון דער תפיסה. דער שליאַך איז לענגוים באַשטעלט מיט באַוואָפנ־טע פּאָליציאַנטן. גרופּקעס רייטער־פּאָליציי מעסטן אים מיט די פּאַמעלע־כע שפּרייזן פון זייערע פערד. זיי שפּאַצירן איבער אים צירלעך־מאַניר־לעך, ווי בלויז זיך צו באַווייזן, פּאַראַדירן. דער שטאָלץ פון יעדן רייטערס פּנים און פיגור גיסט זיך צוזאַמען מיטן שטאָלץ פונעם קאָפּ און שלאַנקן באַגריוועטן האַלדז פון זיין פערד און פאַרוואַנדלט זיי אין איין באַשעפע־ניש — מענטש־פערד, אָדער פערד־מענטש.

די ציווילע שטאָטישע, די דרייסטערע, וואָס קומען צו אפילו אַהער, מיידן אויס דעם שליאַך, ווי דער שטויב אויף אים וואָלט געווען קרעץ. ווער ס'וויל זיך דערשלאָגן נעענטער, שלייכט זיך אַריין צווישן די פורן. דאָ פילט מען זיך זיכערער און היימישער. אויך די טריסקער לייט האָבן זיך אַזוי דורכגעשלאָגן און אָפּגעשטעלט האַלבוועגס פון דער תפיסה. אָפּוואַרטנדיק, האָבן זייערע בליקן אַרומגעבלאָנדזשעט, דאָ — איבער די רויטבאַקיקע, פּולקאַרקיקע און ברייטפּלייציקע מוגדירטע, דאָ — אויפן תפיסה־טויער, אַ מרה־שחורהדיקער, ווי געפאַרבט מיט בלוט, וואָס איז אויף אים פאַר־בליווערט געוואָרן.

סראָלקע בינהארן איז שוין דאָ לעבן זיי נישט געווען. ווי אַנשטאָט אים איז איצט לעבן זיי געשטאַנען אַ צווייטער טאַטע פון אַן אַרעסטירטן — באַסקל קצב, באַסקל וועמפּל, וואָס רעדן, ס'הייסט בייזערן זיך, פּלעגט ער בלויז אין יאַטקע, בעת אויסהאַקן פלייש פאַר באַלעבאָסטעס מיט פאַר־ריסענע נעזן; אין פאַרטוענקייט האָבן זיי גאָרנישט באַמערקט, ווי ער איז צוגעקומען.

וואָס העכער די זון האָט זיך אויפגעהויבן אין הימל איבערן פּלאַץ,

אַלץ מער שטאָטישע, מיינסטנס יונגטלעכע האָבן זיך אַריינבאַקומען צווישן די פורן. זייער שבתדיקע פאַרפוצטקייט האָט זיך אויסטערליש אַרויסגעטיילט אויפן פאָן פון דער יאַרידישער וואָכעדיקייט. זיי האָבן פאַרנומען ערטער ביים ראַנד פונעם שליאַך... ווען זשע וועט מען זיי שוין ענדלעך אַרויספירן? און דערווייל האָט דער יאַריד געיאַרידעוועט, געטומלט, ווי ער וואָלט די טויטע תפיסה מיט אירע לעבעדיקע באַוואָפנטע שומרים אַפילו אין דער לינקער טשופּריגע נישט האָבן.

נאָר אָט איז פאַרן טויער פון דער תפיסה געוואָרן אַ באַוועגונג. ס'האָבן זיך דאָרט אויסגעפאָרמירט עטלעכע רייען רייטער־פּאָליציאַנטן. דער טויער האָט צעעפנט זיינע צוויי העלפטן, ווי צוויי פינצטערע פליגל פון אַ פויגל־געשפּענסט, און ס'האָבן פון דער תפיסה־פינצטערניש אַרויסגעשפּאַנט די געמשפּטע. פּאָרוויז. מיט פרייע הענט. יעדע פּאָר געקאָנוואָירט פון צוויי פּאָליציאַנטן, צו איינעם פון יעדנס זייט. און אַ געוויסן אָפּשטאַנד פון דעם לעצטן פּירלינג רייטן ווידער רייען פּאָליציאַנטן. צו אַזאַ שמירה זענען שוין טאַקע איבעריק קייטעלעך.

די געמשפּטע גייען מיט אַ שלאַבעריקן אָבער רואיקן טראָט, די קעפּ אויפגעהויבן, מיט געשלאָסענע אומבאַוועגלעכע ליפּן. נאָר זייערע אויגן, צעעפנטע און דורשטיקע, נישטערן צווישן די שטייענדיקע מענטשן פון ביידע זייטן: אפשר אַן אייגענער?... אַ היימישער כאָטש?...

זיי גייען. גייען.

די טריסקער לייט לאָזן דורך פאַר זייערע זוכנדיקע בליקן אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר.

— אוי! — טוט פּעסיע הווה אַ קרעכץ, אַ שטרעק טוענדיק זיך פאָרויס — מיין קינד!... נחום... מיין נחום... שוואַרץ... חושך... דער מאַמען זאָל זיין פאַר דיר... מיט בנימינען, מיט בנימין פעלץ גייט ער...

— טאַטע! — טוט אסתר אַ צי דעם טאַטן האַסטיק פאַר דער האַנט — דאָרט איז אונדזער איציק!... זעסט?... ער גייט מיט טאַראַס טאַראַשקיעוויטשן... זעסט? ער האָט אונדז אויך דערזען... ער שמייכלט...

דאָדיעס בליק האָט זיך פאַרטשעפּעט מיט איציקס. יאָ. ער שמייכלט, איציק... און ער — קאָן נישט צוריקשמייכלען... אים, דעם טאַטן, וואַרגט עפּעס אין האַלדז. ווי אַ פּאָר צונויפגעזאַמלטע, אויסבאַהאַלטענע טרערן וואָלטן דאָרט פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ האָגל־קייקעלע, נישט אַרויסצוקוועטשן, נישט אַראָפּצושלינגען...

און פּלוצעם —

צענטליקער הענט האָבן זיך, ווי אויף אַ צייכן פון אַן אומגעזעענעם דיריזשאָר־שטעקעלע, אַ הייב געטאָן איבער די קעפּ פון די געפירטע מיט ווייסע פּעקעלעך אין די דלאָניעס. די דלאָניעס האָבן אַ שווונג געטאָן אין דער לופט, ווי צום אַוועקפליען, און איבערן יאַריד זענען זיך, ווי מחנה־לעך לייכטע פייגל, צעפלויגן פּאַפּירלעך, פּאַפּירלעך, פּאַפּירלעך... שטאָטישע צוקוקער און פּויערים האָבן געטאָן אַ שטרעק אויס צו זיי הענט

מיט פּאַנגענדיקע פינגער... פּעסיע חווה האָט געטאָן אַ כאַפּ אײנעם אין פּלי־
און אַ פּאַרשטעקט עס, ווי אַ מציאה, אין טרוקענעם בוזעם... די פּאָלי־
ציאַנטן זענען צעמישטע געבליבן הינטערשטעליק זײַערע פּאָרלעד. נאָר
באַלד האָט זיך דערהערט אַ קורצער באַפעל. זיי האָבן האַסטיק אַרויסגע־
כאַפּט עפּעס פון די מונדירן־קעשענעס; זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פּאָר־
לעד מיט קייטעלעך אין די פינגער און גענומען צושליסן די געפירטע
האַנט צו האַנט, אַ רעכטע צו אַ לינקע, אַ לינקע צו אַ רעכטע...

ביי די צוקוקער איז פאַרשפּאַרט געוואָרן דער אָטעם. מ׳איז געווען
אַזוי פאַרכאַפּט און פאַרשלונגען פונעם געשעעניש, אַז ס׳האָט זיך גע־
דאַכט: דער גאַנצער יאַריד — די פערד, בהמות, חזירים, עופות — אַלץ
איז אַנטשטומט געוואָרן. מ׳האָט געגאַפט מיט צעשראָקענע פּנימער און
אָנגעצונדענע אויגן: וואָס וועט זיין ווייטער?...

— „גאַפּשוד!“* — האָט פון אַ פערד אַראָפּ אַ רימשע געטאָן אַ פּאָ־
ליציי־אָפיצער מיט בלוטיקער רציחה...

און ווידער איז געשען אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך, ווידער ווי אויף
אַן אומגעזעענער באַוועגונג פון אַן אומגעזעען דיריזשאָר־שטעקעלע:

אַלע צוזאַמענגעקייטלטע פּאָרלעד האָבן זיך געטאָן אַ זעץ אַנידער
אויפן גרויען שטויב פונעם שליאַך, און ס׳טוט זיך אַ הייב אַ צאָרנדיקע
שטים אויף אוקראַיִניש, ווי פון אַ מענטשן, וואָס איז אויף דער העלפט
באַגראָבן אין דער ערד:

— מענטשן! ברידער אוקראַיִנער און יידן! מיר פּראָטעסטירן קעגן
די קייטעלעך!

— כ׳דערקאָן דאָס קול, — טוט אסתר היים אַ סאָפּע — ס׳איז דער
לערער טאַראַס טאַראַשקיעוויטש. אָט זיצט דאָרט לעבן אים צוגעקאָוועט
אונדזער איציק.

— „גאַפּשוד!“ — האָט ווידער אַ פּאָליציייִשע יאַפּע דראָענדיק
אַ רימשע געטאָן.

אָבער טאַראַס טאַראַשקיעוויטש רייסט אים איבער מיט אַזאַ קול, ווי
הורד אים וואָלטן אַ הילך געטאָן אַלע אין די קייטעלעך געשמידטע פּאַראָ־
מאָל:

— זאָלן מענטשן זעען!... מיט די קייטעלעך אויף די הענט — וועט
זיך קיין איינער פון אונדז פון אָרט נישט רירן!

דערויף האָבן די פּאָליציאַנטן גענומען האַקן מיט די קאָלבעס מיט
רציחה און רציחהדיקן געריטש אין די זיצנדיקע צוזאַמענגעשמידטע פּאָר־
לעך, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט בלויז איין פרייע האַנט צו באַשיצן

* פּאָרויס.

די געפּערלעכסטע ערטער פון זיין באַדראָטן הפקרדיקן קערפּער. די גע־ממיתטע האָבן טאַקע פאַרשטעלט מיט זיי די קעפּ, די פּנימער און פון הינטער זיי אַרויס געענטפערט מיט הילפסרופנדיקע געוואַלדן און פּראָ־טעסטירנדיקע געשרייען. און מיטאַמאָל סקאַנדירן אַלע, ווי אין כאָר, אַ צאָרנדיקן באַפעל:

— נישט שלאָגן!... נישט שלאָגן!... נישט שלאָגן!...

ביי די ראַנדן פונעם שליאַך האָט זיך פונעם יאַריד אַרויס, פון דאָ און דאָרט דערהערט אַ יאָמער־געשריי, אַ דערשראָקענער קרעכץ פון אַ מאַמען אָדער אַ שוועסטער. אסתר פריסיק האָט דערזען אַ קאַלבע אי־בער איציקס קאָפּ, און אַ ווילדער קוויטש האָט זיך פון איר קעל אַרויסאַריינגעשניטן אין דער צעפייניקטער לופט. פּעסיע חווהן האָט זיך אויך ענלעכס גערעכט. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און געפאַלן חלשות אויף די אומטערכאַפּנדיקע הענט פון אַ פּויער.

באַלד האָבן אויך אייניקע פונעם יאַריד — מאַמעס און ברידער פון די אַרעסטירטע — אָנגעהויבן שרייען, צאָרנדיק־פּראָטעסטירנדיק:

— קאַטעס! נישט שלאָגן!... נישט שלאָגן, קאַטעס! קאַטעס! קאַ־טעס!...

די קולות האָבן זיך פון מינוט צו מינוט פאַרמערט, געהעכערט, גע־דיכטער געוואָרן, ביז לסוף האָט זיך אַ ריס געטאָן איבערן יאַריד צום הימל אַ באַפעל־געשריי פון אַ גאַנץ פאָלק:

— נישט שלאָגן!... נישט שלאָגן!...

ערשט האָט זיך גערעכט: סע שרייט דער גאַנצער יאַריד, יעדער אויף זיין קול, זיין שפּראַך און שטייגער —די פערד, בהמות, חזירים, עופות, דער גאַנצער יאַריד־טומל — קעגן דעם רציחהדיקן אַקט, וואָס ווערט דאָ באַגאַנגען אין מיטן העלן טאָג קעגן אומבאַשיצטע ערלעכע מענטשן. דאָ און דאָרט איז אַ פּויער אַרויף אויף אַ וואָגן, שטאַרצנדיק צווישן די אויפ־געשטעלטע דישלעס, וואָס קאָנען זיך פאַרוואַנדלען אין קאַלט געווער, מיט אַ פאַררעסענעם קאָפּ און ווייט־צעעפנט שרייענדיק מויל, כדי זיין שטים זאָל וואָס העכער און ווייטער דערגרייכן...

ראַפּטעם האָבן די פּאָליציאַנטן זיך פאַרלוירן און אַראָפּ־געלאָזט די באַוואָפנטע הענט. די צממיתטע אַרעסטירטע האָבן מיטאַמאָל איבערגעריסן די געשרייען. די פּאָליציאַנטן זענען געשטאַנען איבער זיי ווי פאַרשפּילטע.

די פריסיקס האָבן ווידער דערזען זייער איציקן. אַ זיצנדיקער קוקט ער אַרויף צו זיי. אויף זיין צעקרימט פּנים, פון ווייטיק אַוודאי, בלאַסט ווידער אַ שמייכעלע... פּעסיע חווה, אַן אָפּגעמינטערטע איז געזעסן אויף אַ וואָגן און, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אויף זיין לייטער, געגלאָצט מיט די אויגן. ס'האָבן זיך פאַר זיי געדרייט און געשווינדלט רעגנבויגנס, און פונעם פילקאָלירדיקן שווינדלעניש אַרויס האָט אַלעמאָל זיך אַרויסגע־

טוקט איר נחומס פּנים — אַ בלאַס=געל=בלויס, ווי דאָס פּנים פון איר מאַן בעת זיין גסיסה... אָבער זיינע אויגן זענען לעבעדיקע, גלאַנצן אַרויס פייכטע, גרויסע און פיבערדיקע... זי האָט אַלע ווייל אַ טאַפּ געטאָן זיך ביים האַרצן. צי ווייל עס האָט איר ווי געטאָן, צי ווייל לעבן דעם איז געלעגן דאָס פּאַפּירל, וואָס איז אפשר געוואָרפן געוואָרן פון איר נחומלס האַנט...

צוויי רייטער=פּאָליציאַנטן האָבן אַוועקגאַלאָפּירט צו דער מיצקעוויטש=גאַס. מסתם נאָך אַ פאַראָרדענונג פון דער העכערער מאַכט... וואָס וועט דאָ ווייטער זיין? עס קאָן דאָ ווערן הייס... מיט וואָס וועט זיך עס פאַרענדיקן? אָבער קיינער אויפן יאַריד רירט זיך נישט פון אָרט אָפּצוציען פון דעם אָרט פון סכנה. עס האַלט זיי אַ געשפּאַנטע דערוואַרטונג, ווי צווישן צוויי שלאַכטן, איינע אַ שוין פאָרגעקומענע און געווונענע און אַ צווייטע, וואָס דאַרף ערשט קומען. פאַרקערט, דאָ און דאָרט ציט אַרויס דערווייל, דאָ איינער, דאָ אַ צווייטער אַ געכאַפּטן אויפרוף און — ווער סע לייענט אים מיט די אויגן בלויז פאַר זיך, ווער — שעפּטשענדיק, אָבער אַזוי, אַז אַ דערלעבנשטייענדיקער זאָל אויך הערן:

„...אַרבעטער און פויערים! דאָס פּלענען די אַנטיפאַשיסטישע וואָלליסטע, דער ווילדער טעראָר און די אַרעסטן וועלן נישט אָפּשרעקן די אַרבעטנדיקע מאַסן... דאָס אָפּגעבן די שטים פאַרן אַנטיפאַשיסטישן לאַגער — דאָס איז אַ דעמאָנסטראַציע... פאַר אַ רעוואָלוציאָנערער לייזונג פונעם איצטיקן קריזיס... קעגן די צוגרייטונגען פון אַ מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד...“

„...דעם 16=טן און 23=טן ליסטאָפּאַד זאָל קיינער פון אייך נישט פעלן ביי דער וואַל=אורנע... זאָל לעבן אַן אַרבעטער= און פויערים=רעגירונג!“...

„...חברים!... פאַשיסטישע באַנדעס וועלן זיך באַמיען צו טעראָריזירן די פּראָלעטאַרישע וויילער. שטעלט זיך אין זייער שוץ, ברידערט זיך מיטן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט... נידער מיטן פאַשיזם!... זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון מערב=אוקראַינע!...“

ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פרישע פּאָליציי=גרופּקעס שוין נישט נאָר אַהער אויפן שליאַך, נאָר אויך הינטער דעם יאַריד, וועלכער איז לסוף געשטאַנען אַרומגערינגלט מיט אַ דראָענדיקער קייט באַוואָפנטע. ווער ס'האָט געהאַט אַ פּראָקלאַמאַציע — אָדער ער האָט זי פאַרשטופּט ערגעץ טיפער אין פאַזוכע צי 'אין היי פון וואָגן, אָדער געלאָזט זי פאַלן צווישן די רעדער.

ערשט אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען צום אָרט פון די „שטרייקנדיקע אַרעסטירטע“, וועלכע זיצן נאָך אַלץ אויף דרערד, צוגעפאָרן פיר גרויסע פאַרמאַכטע לאַסט=אויטאָס, באַזעצטע מיט פּאָליציאַנטן. ערגעץ האָט זיך צעקנאַלט אַ וואָרנדיקער, אָפּשרעקנדיקער זאַלפּ... די פּאָליציאַנטן, אַראָפּגעשפּרונגען, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די זיצנדיקע. נישט געשלאָגן זיי, נאָר אויף כוח, צוויי אויף איינעם, אַרויפגעשלעפּט אויף די אויטאָס. די „שטרייקערס“ האָבן זיך נישט געלאָזט, אָבער קיין קולות און

געוואַלדן מער נישט געמאַכט. זיי האָבן אַפּנים געהאַלטן, אַז זיי האָבן שוין זייערס דערגרייכט. אָנגעפּאַקטע און פֿאַרמאַכטע האָבן זיך די מאַשינעס אַ לאָז געטאָן מיט אימפּעט פֿאָרויס, די רייט־פּאָליציי נאָך זיי, און געלאָזט הינטער זיך שטויב, פּוסטקייט און נישט געשטילטן צאָרן.

ערשט איצט, ווען דאָס געפּאַר איז שוין אייגנטלעך געווען אַריבער, האָבן אַ סך פּויערים גענומען אייליק און בייז, וואָרטשענדיק און שעלטנדיק שפּאַנען די פֿערדלעך אַהיימצופֿאָרן. אַ פֿאַרשטערטער יאַריד.

— אַז פֿאַרשטערט ווערן זאָל דאָס לעבן פֿון די שונאים פֿונעם פֿאָלק!...

מיכאל טעפער

שלמה באָרנשטיין (שלאַמעק)

I

שטילערע פאַרצייכענונגען



דער טעקסטיל=פאַריין אויף צעגעלניאַנע 28 האָט פאַרמאָגט נאָך אַ לאָקאַל אויף לאַגעווניצקע 4 פאַר די באַלוטער וועבער, איינגעטיילט שטילערע שטיבלעך אין פאַרטער און אויפן ערשטן שטאָק. אויף איינעם פון די טישן איז געלעגן צוזאַמענגעבונדן אַ שטויס מיט יידישע צייטונגען פון פאַר דער ערשטער וועלט=מלחמה. פון די בילדער, וואָס זענען געהאָנגען אויף די ווענט, האָט באַזונדערס געצויגן די אויפמערקזאַמקייט דאָס בילד פון לעוו טאָלסטאָי מיט זיין גרויסער צעפּאַטלטער באָרד. אַמאָליקע באַלוטער וועבער האָבן שטאַרק געהאַלטן פון טאָלסטאָיען.

אויף דעם זעלבן הויף האָט זיך אויך געפונען דער בעקער= און טראַנספּאָרט=פאַריין. אין די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט=מלחמה האָבן די פאַריינען, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן ראָזיקן הויף, אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין לעבן און קאַמף פון די אַרבעטער, וועלכע זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט אין די געסלעך פון באַלוט, ראַדאָגאָשטש און זגערזש. דאָ האָט געקאָכט און געברויזט. ווען ס'זענען פאָרגעקומען גרויסע טעקסטיל=שטרייקן אין שטאָט, ווען ס'זענען פאַרשטומט געוואָרן די גרויסע פאַבריקן פון פּאָזנאַנסקין, בידערמאַנען, שייבלערן און אַנדערע, פלעגן זיך אויך אָפּשטעלן די באַלוטער וועבער, האָבן אויפגעהערט צו קלאַפּן די לאַדעס אין די געסלעך פון מלינאַרסקע, פעפער=געסל, שמאָלע=געסל און אַנדערע. ס'זענען אויך געקומען מיט פאָדערונגען צו די פאַבריקאַנטן די

האַנט־וועבער פון באַלוט. אויף דעם הויף פלעגן די בעקער־אַרבעטער צונויפנעמען ברויט פאַר די שטרייקנדיקע טעקסטיל־אַרבעטער. דאָ האָבן די פאַרטייען, וואָס האָבן געווירקט צווישן די יידישע אַרבעטער: קאָמוניסטן, „בונד“ און לינקע פועלי־ציון געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר זייער השפעה. די קאָמוניסטישע פאַרטיי און איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָבן באַזונדערס קאָנצענטרירט זייער אַרבעט אין די פאַריינען צוליב די אומלעגאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען. אין אָנפאַנג צוואַנציקער יאָרן האָט עקזיסטירט א מין נישט אָפיציעלער אָפמאַך פון פראַקציע־רעכט. דאָס האָט געהייסן, אַז יעדע פאָליטישע ריכטונג האָט געהאַט רעכט אָפצוהאַלטן פראַקציע־פאַרזאַמלונגען. אויף איינער אַזאַ פראַקציע־פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען האַרבסט 1924, האָב איך ס'ערשטע מאָל געהערט שלאָמקען.

איך בין געווען איינער פון די פיל יוגנטלעכע באַלוטער וועבער, וואָס האָבן געוואַרט א גאַנצע וואָך אויף דעם פרייטיקצונאַכטס, ווען מיר פלעגן זיך צונויפקומען אויף לאַגעווניצקע 4 אויף אויסצוהערן רעפעראַטן, אַמפּיינסטן אויף אַקטועלע פאָליטישע טעמעס. מיר פלעגן אַרבעטן פון 12—16 שעה אַ טאָג. קיינער פון אונדז, יוגנטלעכע באַלוטער וועבער האָט נישט געהאַט דאָס גליק צו באַזוכן על כל פנים אַן עלעמענטאַרע שול. די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען זענען פאַר אונדז געווען איינער פון די קוואַלן, ווו מיר פלעגן שעפּן אונדזער וויסן. די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָבן אונדז אָנגערעגט צו לייענען ביכער און צייטונגען און זוכן עפּעס אַ ליכטיקערן וועג אין לעבן. ס'רוב מאָל פלעגן אויף די פאַרזאַמלונגען אויסברעכן ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס. אָבער דאָס זענען שוין געווען פאַרזאַמלונגען גערופן צוזאַמען מיט עלטערע אַרבעטער, ווו ס'זענען צוגעלאָזן געוואָרן אָפּאָנענטן פון אַנדערע פאָליטישע ריכטונגען. דאָס זענען געווען צייטן פון הייסע פּאָליטישע וויכוחים. די זיגרייכע רוסישע רעוואָלוציע איז נישט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג. ס'איז פיל דיסקוטירט געוואָרן איבער דער טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס. די פאַרשפּילטע דייטשישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן ליידנשאַפטלעכע אַמפּערייען צווישן רעכטס און לינקס.

יעדע פאָליטישע ריכטונג האָט פאַרמאָגט אירע רעדנער, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אויף באַשטימטע טעמעס. אַזוי אַשטייגער פלעגן די „רויטע“ אַרויסרופן מענדל מיכראָווסקי — מיראָן — קאָנטראַ אפרים־לאָזער פון „בונד“; מאָטל ראַדימש ווידער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער פּאָלעמיסט. זיין יעדעס דערשיינען אויף דער טריבונע פלעגט אַרויסרופן אַ הייטערקייט ביים עולם. פון גאָר אַן אַנדערן שניט רעדנער איז געווען פינקוס בוקסהאָרן (יולסקי, יוליאַן), מיטגליד פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ. ק. פון דער קפּפּ. אַ רואיקער, אַן אויסגעשפּראָכענער אינטעליגענט. זיינע רעפעראַטן זענען געווען גייסטרייך. צו מיינע באַליבסטע רעד־

נער האָט אויך געהערט שלמה באָרנשטיין. ער האָט געהערט צו דער קאַטעגאָריע רעדנער, וואָס האָבן נישט ליב געהאַט זיך צו היצן, גערעדט מיט איבערצייגונג, לאָגיש אַרגומענטירט. אַדורכגעפלאָכטן מיט הומאָר, נישט זשעסטיקולירט, ווי אַנדערע רעדנער. ער פלעגט אַמאָל אַמייסטן אַרויסטרעטן אויף יוגנט-פאַרזאַמלונגען.

זיין פּאָליטישע טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן 1921—1922, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן דער „צוקונפט" (בונדישע יוגנט) און „קאָמצוקונפט" (אָפּגעשפּאָלטענע פון דער „צוקונפט"). אין 1922-טן יאָר האָט זיך די „קאָמצוקונפט" אויפגעלעזט און דער ווייט גרעסטער טייל איז אַריבער צום קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד. איינער פון זיינע וויכטיקסטע טוער איז געווען שלאמעק. פון באַרוף איז שלמה באָרנשטיין געווען אַ בוכהאַלטער. ער האָט פאַרמאָגט עטלעכע קלאַסן גימנאַזיע. דאָס איז געווען דאָס העכסטע, וואָס זיין אָרעמע מוטער האָט אים געקאָנט געבן. מיר האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ גרויסן אינטעליגענט. ווי דען אַנדערש? ווער פון דער אָרעמער אַרבעטער-יוגנט האָט דעמלט געקאָנט חלומען וועגן בילדונג? דער גרעסטער טייל יוגנט-אַקטיוויסטן האָט דערגרייכט זייער וויסן דורך זעלבסטבילדונג, געזעסן האַלבע נעכט נאָך שווערער אַרבעט, געלייענט ביכער און זיך געלערנט שרייבן. ס'זענען געווען גרויסע אויסנאַמען. אַ שטייגער, באָלעק לעווין, סטאַך קרענגעל, שעראַדזקי, זשולא פאַצאַנאָווסקאַ, עווא הערמאַן. דאָס זענען געווען בחורים און מיידלעך געקומענע פון מיטלשטאַנד.

שלמה באָרנשטיין האָט פאַרמאָגט נאָך איין מעלה — ער איז געווען שיין. זיינע שוואַרצע האָר זענען געווען גלאַט פאַרקעמט מיט א שרינט, דאָס פּנים זיינס האָט געהאַט שאַרפע שטריכן, איז געווען טונקל-ברוין. אָנגעטאָן איז ער געווען נישט רייך, אָבער ריין, געפּוצט, מיט געשמאַק. ווען ער פלעגט קומען צו אונדז אויף פאַרזאַמלונגען, אויף לאַגעווניצקע 4, פלעגט זיין מיידל ס'רוב וואַרטן אויף אים אויף דער גאַס. איך פלעג זי אָבסערווירן. זי פלעגט רואיק שפּאַצירן אהין און צוריק. זי האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון שלאמעקס טעטיקייט. אַזוי האָט שלאמעק איינגעשטעלט די באַציונגען. נישט איינער פון שלמה באָרנשטיינס שניט האָט מקריב געווען דאָס שענסטע, וואָס ס'לעבן קאָן געבן א יונגן מענטשן.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט דעם בעקער-פאַריין אויף לאַגעווניצקע 4. ווען די „רויטע פראַקציע" האָט באַקומען אַ מערהייט ביי די וואַלן צו דער פאַרוואַלטונג, איז אַרויסגעשווומען די פראַגע פון באַזעצן דעם פאַריין מיט אַ פונקציאָנאַר. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף שלאַמעקן. די ראָל פון אַ פאַריינס-פונקציאָנאַר איז געווען נישט קיין לייכטע. דערליידיקן קאָנפליקטן צווישן אונטערנעמער און אַרבעטער, אַקטיוו זיין אין דער פּאָליטישער אָנפירונג פון פאַריין, פירן די בוכהאַלטעריע אאַוו.

ווי אויף זיינע יונגע יאָרן איז עס געווען נישט קיין גרינגע אויפגאַבע. צו דעם איז נאָך צוגעקומען די טעטיקייט אין האַנדלס־אָנגעשטעלטן פאַריין.

דער לאָדזשער האַנדלס־אָנגעשטעלטער פאַריין איז איינס פון די שענס־טע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער לאָדזשער פּראָפ.־באַוועגונג. לאָדזש האָט פאַרמאָגט דריי גרויסע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, ווו ס'איז געווען קאָנצענטרירט דער רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פּראָלעטאַ־ריאַט. דאָס זענען געווען דער טעקסטיל־פאַריין, 7־טע אָפּטיילונג, באַקלייד־פאַריין און דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער פאַריין. די פאַריינען האָבן אַרומ־גענומען אַ מיטגלידערשאַפט פון אַ 15 טויזנט אַרבעטער.

אין אָנפאַנג צוואַנציקער יאָרן איז אָנגעגאַנגען אַ העפטיקער קאַמף צווישן די לינקע פּועלי־ציון און די „רויטע" פאַר דער השפּעה אויף די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. דער פאַריין האָט זיך דעמלט געפונען אויף שענקע־וויטש־גאַס 22. אין דעם פאַריין האָט זיך קאָנצענטרירט אַ טייל פון דער בע־סערער יידישער אינטעליגענץ. ערשט אין יאָר 1925 האָבן די „רויטע" ענדגילטיק באַהערשט דעם פאַריין. איך פלעג דאָרט ארויפקומען פון צייט צו צייט, ווען ס'איז פאָרגעקומען אַן אינטערעסאַנטע פאָרלעזונג. ס'פלעגן דאָרט ארויסטרעטן מיט רעפעראַטן: יצחק גאָרדין, שאול אַמסטערדאַם (העגריקאָווסקי), אדמוני (גרשון דוא). מיכלינען — גוטמאַן זעליקאָ־וויטש — האָב איך געהערט וועגן קאָלעקטיוויזאַציע־פּראָבלעמען אין ראַ־טנפאַרבאַנד. אין דער אַנטוויקלונג פונעם פאַריין האָט געהאַט אַן אַקטיוון אָנטייל שלמה באָרנשטיין. נאָכן איבערנעמען דורך די „רויטע" דעם פאַריין, איז ער זיך נאָך מער פאַנאַנדערגעוואַקסן. ס'איז אַנטשטאַנען די נויטווענדיקייט פון איבערטראָגן זיך אין אַ גרעסערן לאָקאַל. דער פאַריין איז איבערגעטראָגן געוואָרן אויף קאָסציושקע־גאַס 21 אין שיינע גרויסע צימערן. דער האַנדלס־אָנגעשטעלטער פאַריין האָט פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקע ביבליאָטעק פון יידישע, פּוילישע ווי אויך ביכער אין פרעמדע שפּראַכן. די פאַרוואַלטונג פון פאַריין האָט אויך געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטור־טעטיקייט נישט בלויז צווישן די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, נאָר אין אַלגעמיין צווישן די לאָדזשער אַרבעטער.

עטלעכע נעמען פון די אַקטיוויסטע טוער פון פאַריין געדענק איך אחוץ שלמה באָרנשטיינען: פישביין, גרויגעס, מאַניועק (זיין פאַמיליע־נאָ־מען האָב איך פאַרגעסן), נו, דער אומפאַרגעסלעכער אַנטאָני, אַ מענטש, וואָס איז פאָרמעל געווען דער פאַריינס־וועכטער און פאַקטיש — דער גאַנ־צער באַלעבאָס. אין ערשטן מאַי איז ער געווען דער פאַנען־טרעגער. נישט געווען קיין איין אונטערנעמונג, ווו אַנטאָני זאָל זיך נישט געפונען אין צענטער. ס'וואָלט זיך געלאָזט וועגן דעם אַליין, ערלעכן פּראָלעטאַריער פיל דערציילן (די האַנדלס־אָנגעשטעלטע האָט מען טאַקע גערופן אַנטאָ־ניאָווצעס).

די יאָרן 1926 — 1925 זענען געווען שווערע פאַר דער קאָמוניסטי־שער באַוועגונג אין לאָדזש. מיט יעדן טאָג האָבן זיך פאַרשאַרפט די רדי־פות אויף לינקע אַרבעטער־טוער. א טייל ווערט אַרעסטירט און באַקומט לאַנגע יאָרן תפיסה, אנדערע מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דער פּאַרטיי־אַק־טיוו ווערט וואָס אמאָל אַלץ שמעלער. אויף יעדן איינעם פאַלט אויס אַלץ מער פליכטן. שלאַמעקן קאָן מען טרעפן דאָ אין בעקער־פאַריין, דאָ אויף א זיצונג פון דער פּאַרוואַלטונג פון פריזיר־אַרבעטער. נו, דאָס גרעסטע געביט פון שלאַמעקס טעטיקייט איז געווען דער לאָדזשער באַקלייד־פאַ־ריין. כ'מיין, אז וועגן אָט דעם פאַריין וואָלט כדאי געווען אָנצושרייבן א מאָנאָגראַפיע. איך וויל זיך באַגנוגענען אויף דעם אָרט אָנצוצייכענען באַטש עטלעכע שטריכן פון אָט דער אַרבעטער־אינסטיטוציע, וואָס האָט זיך אזוי באַרימט געמאַכט און האָט געהאַט א ווירקונג אויף די פּאָליטי־שע געשעענישן אין דער שטאָט לאָדזש אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

איך געדענק דעם רעוואָלוציאָנערן באַקלייד־פאַריין פון די יאָרן 1924 — 1922 אויף אַלע ערשטער מאַי. איך געדענק נאָך גוט דעם גרויסן פאַרזאַמלונגס־זאַל, וואָס יעדן אָוונט איז ער אויסגעפולט געוואָרן מיט הונדערטער שניידער און שניידערינס, וועלכע האָבן דאָרטן אהין גע־צויגן פון אַלע עקן שטאָט. דער פאַריין האָט אַרומגענומען פיל הונדערטער, כ'וואָלט געזאָגט טויזנטער שנייד׳ער פון שווערער קאָנפעקציע, וועש־נייע־רינס, געזונטע מאַסיווע פרעסער, קירזשנער, מענער־און דאַמען־באַשטעלטע — די „אַריסטאָקראַטיע“ פון נאָדל־פראָלעטאַריאַט.

אין שפּיץ פון דעם באַרימטן נאָדל־פאַריין האָבן זיך געפונען אַלטע אַרבעטער־טוער: פאָרזיצער — יהושע קאַלטון, א מענטש, וואָס האָט לאַנגע יאָרן פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, אַן אָנטיילנעמער פון דער רוסי־שער רעוואָלוציע, ברייטשטיין, מענדל גאָלדמאַן, דער יונגט־טוער מאיר גראַבינא, נו, און דער אומפאַרגעסלעכער און אומדערמידלעכער דוד ריב־טער אלס פאַריינס־פונקציאָנאַר.

ס'איז אָנגעקומען די מאַי־איבערקערעניש, נאָך איר — יאָרן פון שווערע רדיפות אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג. די רעפּרעסיעס פון דער לאָדזשער דעפענסיווע האָבן נישט אויסגענומען דעם נאָדל־פאַריין. ס'ווערט אַרעס־טירט איין פאַרוואַלטונג נאָך דער צווייטער, זייערע אַקטיוויסטע מיטגלי־דער פילן אויס די תפיסות: גדאַנסקע 13, לענטשיץ און שעראַדז. אין דער צייט פון די שווערסטע רעפּרעסיעס שיקט די פּאַרטיי שלאַמעקן אלס פונק־ציאָנאַר אין נאָדל־פאַריין. עס ווערט פאַרהתמעט דער לאָקאַל אויף דער אַ־לעע ערשטער מאַי, באַלד עפנט זיך א פרישער פאַריין אויף פּיעטרקאָ־ווער 83. אין דער פאַרוואַלטונג מוזן פיגורירן פרישע, נישט „קאָמפּראָמי־טירטע“ מענטשן. ווען אויך דער פאַריין ווערט פאַרמאַכט, עפנט זיך ווי־דער דער פאַריין אויף קאָנסטאַנטינער 26 אין א קעלער. ווען די פּאָליציי־אישע הענט גרייכן אויך דאָ, געפינט זיך דער פאַריין אויף דער גאַס, דאָס

הייסט, אויף דער אזוי גערופענער אַרבעטער־בירזשע. שלאָמעקן שרעקן נישט אָפּ די רעפּרעסיעס. אויף אַ קורצער צייט טוישט די פּאַרטיי־אָנפירונג דעם פונקציאָנאַר. א געווויסע צייט פאַרנעמט דעם אמט זיגמונט גראָס. אָבער נישט אויף לאַנג. אויף פּאָמאָרסקע 43 זעט מען ווידער שלאָמעקן, און דערנאָך — אויף זאַכאָדניע 64.

די עקזיסטענץ פון נאָדל־פאַריין אויף זאַכאָדניע פאַלט אויס שוין אין די דרייסיקער יאָרן. דעמלט איז מיר אויסגעקומען געענגער זיך צו טרעפן און צוזאמענארבעטן מיט שלאָמעקן. אויף דער זעלבער גאַס, צוויי הייזער ווייטער האָט זיך געפונען דער לינקער האָלץ־פאַריין, וווּ איך בין געווען פאַרוואַלטונגס־סעקרעטאַר. זייער אָפט האָב איך זיך געדאַרפט מיט שלאָמעקן באַראַטן אָדער זיך ווענדן צו אים נאָך א געוויסער עצה. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אויף זיצונגען פון פּאַרטייאישן פאַריינס־אַקטיוו (פראַפ.־„ווידזיאל”). שלאָמעק האָט שוין דעמלט געהאט הינטער זיך צוויי און א האלב יאָר תפיסה.

אין יאָר 1928 ווערט שלמה בערנשטיין דעלעגירט מיט א גרעסערער גרופּע אַרבעטער־ און פויערים־טוער קיין ראַטנפאַרבאַנד. נאָכן פאַרברענגען עטלעכע וואָכן דאָרט, קערט ער זיך אום קיין לאָדזש. ער טרעט אַרויס אויף אַ צאָל פאַרזאַמלונגען, טיילנדיק זיך מיט זיינע איינדרוקן פון זיין רייזע איבערן ראַטנפאַרבאַנד.

עס הייבן זיך אָן אַרעסטן. די פּאָליציי פאַלט אויף די שפּורן פון אַ גרויסן טייל אָנטיילנעמער פון דער עקסקורסיע, אויך שלאָמעק ווערט אַרעסטירט. א סך האָבן זיך געחידושט, ווי געשיקט שלאָמעק האָט זיך אַרויסגעדרייט פון די פּאָליציייאישע הענט. עפּעס אַ קלייניקייט, העכער זעקס יאָר אומדערמידלעכע פּאָליטישע טעטיקייט ביי אומלעגאַלע באַדינגונגען און נישט אריינפאַלן! אזעלכע זאַכן האָבן געהערט צו אויסנאַמפאַלן.

נאָכן אַרויסקומען פון תפיסה פאַרנעמט ווייטער שלאָמעק אָן אָנגעזעען אָרט אין דער פּראָפעסיאָנעלער און פּאַרטייאישער אַרבעט.

עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה. שלאָמעק דערגרייכט ביז מינסק. דאָ טרעפט אים דער איבערפאַל פון די דייטשישע חיילות. ער ווערט דערהרגעט.

II

די היים פון לאָדזשער בעקער־אַרבעטער

דער פאַריין פון די לאָדזשער בעקער־אַרבעטער האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ צווישן אַלטשטאָט און באַלוט, אויף לאַגעוווניצקע 4 אין הויף אויפן צווייטן שטאָק. דער פאַריין איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע שטובן

Jednodniówka. פרייז 25 גר. Der Profesjoneler Arbeter.

דער
פראפעסיאנעלער ארבעטער

באשיצט די אינטערעסן פון די ארבעטער און די באשעפטיגטע אין לערער-פארייגען.

Piotrków, 21 lutego — 1927

מיר פארדעריגן... שטירטע

Der Tekstyl-Arbeter פרייז 30 גר. Jednodniówka

דער
טעקסטיל-ארבעטער

Warszawa, 1 grudnia

Das Profesjonale Lebn — פרייז 20 גראשן — Jednodniówka

דאס
פראפעסיאנעלע לעבן

Łódź, 21 kwietnia — 1927

פאר דעם באקלייד-צוזאמענפאר

דער באקלייד-צוזאמענפאר

צום 1-טן מאי

מיט אַ קאַנצעלאַריע. אין דער ערשטער שטוב האָט זיך געפונען אַ בופעט. דאָ האָבן זיך שטענדיק גיזאַמלט אַרבעטער. עס זענען געקומען בעקער־אַרבעטער נאָך אַ קוויטל — אַ „פּייעראַנט“. אַנדערע זענען געזעסן ביי לאַנגע טישן און האָבן „הערהרגעט“ די צייט ביי אַ דאָמינע אָדער דאַמקע.

די צווייטע שטוב איז געווען באַשטימט אויף פאַרזאַמלונגען און באַראַטונגען. אויף דער וואַנט, לעבן פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקס, איז געהאַנגען אַ בילד פון איינעם פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון לאָדזשער בעקער־אַרבעטער — מענדל פּאָזנער. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן פּאָפּולאַריזירט דעם קאַמפּס־געדאַנק צווישן די בעקער־אַרבעטער. ער איז געווען אַ בולטערע פיגור, גערופן און געוועקט דעם יידישן אַרבעטער צום געמיינזאַמען קאַמף מיטן פּוילישן פּראָלעטאַריאַט קעגן דער צאַרישער אונטערדריקונג, געקעמפט מיט געווער אין האַנט אויף די לאָדזשער באַריקאַדן. פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט איז ער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, פון וואַנען ער האָט זיך שוין מער נישט אומגעקערט.

לאַנגע יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן בעקער־אַרבעטער ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנט מיטן גרעסטן יראת־הכבוד זיין נאָמען, זיינע העלדן־טאַטן.

די לאָדזשער בעקער־אַרבעטער האָבן אַריינגעשריבן אַ הערלעך קאַפּיטל אין קאַמף קעגן צאַריזם אין פינפטן יאָר, געקעמפט אין די רייען פון סדקפּל און פּפּס־לעוויצע. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיי אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאָרגעזעצט דעם קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּוילן.

דער פאַריין האָט פאַרמאָגט אַן אַקטיוו פון איבערגעגעבענע טוער און קעמפער: הערש גאָלדבערג, געווען אַ מיטגליד פון באַלוטער ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אַרעסטירט געוואָרן אין 1929 יאָר צוזאַמען מיט איינעם פון די עלטסטע לאָדזשער קאָמוניסטן — עמיל סלאַמאַ. (אין 1936 יאָר — מיטגליד פון לאָדזשער פּאַרטיי־קאָמיטעט, צוויי מאָל געווען אין בערעזע, איצט מיטגליד פון דער פּאַרטייאישער קאָנטראָל־קאָמיסיע אין לאָדזש).

אַן אינטערעסאַנטן מענטש האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט שלמה קאַרפּ אָדער ווי מ'פלעגט אים רופן — שלמה הויקער. יאָרנלאַנג איז ער געווען דער פּאָליטישער טאָן־געבער פון פאַריין און דער פירער פון דער רויטער פראַקציע. מענטשן פלעגן זיך חידושן: פונוואַנען נעמט זיך ביי אָט דעם אַרבעטער, וועלכער האָט קוים געקענט לייענען אַזאַ גלענצנדיקע אָריענטאַציע און באַהאַוונטקייט אין פּאָליטישע און גוזעלשאַפטלעכע פראַגן? ווען אים האָט מען געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט געשעפּט וויסן פון

לעבן גופא. ער האָט פאַרמאָגט אַ קלוג פּנים, שטענדיק געשיט מיט גלייכ־ווערטלער, געווען זייער באַליבט ביי די בעקער־אַרבעטער. אַזעלכע אַקטי־וויסטן האָט דער בעקער־פאַריין פאַרמאָגט אַ היפּש ביסל, צו זיי האָבן געהערט: שלמה בלייוויים, יאַקובאָוויטש און אַנדערע.

דער פאַריין איז געווען פאַר די לאָדזשער בעקער־אַרבעטער פּשוט אַ היים. דאָ האָט געהערשט אַ שטענדיקע באַוועגונג. אין די אָוונטן איז דער לאָקאַל געווען פול געפּאַקט, ס'זענען פאָרגעקומען הייסע דיסקוסיעס.

אין די צוואַנציקער יאָרן פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אין בעקער־פאַריין אָדער אין גערזינגענע דורכן פאַריין זאַלן פאַרלעזונגען און אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען. די באַליבטסטע רעדנער אויף די פאַרזאַמלונגען פלעגן זיין די חברים יצחק גאָרדין, מענדל מיכראָווסקי (מיראָן) און פינקוס בוקס־האָרן (יולסקי).

צווישן די לאָדזשער בעקער־אַרבעטער האָט געהערשט אַ כראָנישע אַרבעטסלאָזיקייט. מענטשן פלעגן זיך אַרומדרייען יאָרנלאַנג אָן אַ וועל־כער ס'איז באַשעפטיקונג. די אָנפירערשאַפט פון פאַריין פלעגט מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען אויף צו לינדערן די נויט. דורך טיילן אַזוי גערו־פענע פייעראָנטן. די אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט אַ שטענדיקע באַשעפ־טיקונג, האָבן זיך געטיילט מיט זייערע חברים דורך אָראָפּגעבן אַ טאָג אַרבעט אין דער וואָך.

צווישן אָט דער אַרבעטסלאָזער מאַסע בעקער־אַרבעטער האָט זיך געפונען איינער, וואָס איז געווען דער עלנטסטער פון אַלע; ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין היים, קיין קרובים, מ'האָט אים גערופן אייזיקל. שוין אַן עלטערער מענטש פון עטלעכע זעכציק יאָר, פון נידעריקן וווקס, אַ קרעמ־פּער מיט ברייטע פּלייצעס און אַ צוגעשוירן בערדל. אייזיקל האָט געהאַט הינטער זיך אַ רייכע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. ער איז געווען פון די ערשטע יידישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען געווען פאַרשיקט קיין סיביר אויף לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע. נאָכן אויסברוך פון דער מערץ־רעוואָ־לוציע, ווערט ער באַפרייט און קערט זיך אום קיין לאָדזש. אינעם בעקער־פאַריין האָט ער זיין היים געפונען, דאָ איז ער געשלאָפן אויף דער האַרטער באַנק און זיך דערנערט מיט וואָס עס איז.

יעדעס יאָר דעם ערשטן מאַי אָדער אויף אַנדערע אַרבעטער־מאַני־פעסטאַציעס פלעגט ער טראָגן די פאַריינס־פאָן, פאַר וועלכער ער פלעגט נישט איינמאָל קריגן אָנגעבראָכן די ביינער פון דער פּאָליציי.

אויף דער האַרטער באַנק פון זיין פאַריין איז אויך אייזיקל געשטאָרבן קורץ פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין די דרייסיקער יאָרן איז אַנטשטאַנען ביים פאַריין אַ יוגנט־גרופּע, וועלכע האָט באַקומען אַ רעוואָלוציאָנערע דערציונג פון זייערע עלטערע חברים.

עס זענען אָנגעקומען באַזונדערס שווערע צייטן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. דער פּוילישער פאַשיזם איז געוואָרן מיט יעדן טאָג ברוטאַלער. פיל פאַריינען, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון דער לינקער ריכטונג, זענען פאַרמאַכט געוואָרן, און זייערע פירער זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן תּפיסה. כמעט אַלע לעגאַלע אינסטיטוציעס זענען פאַרמאַכט געוואָרן.

די פאַריינס־אַרבעט איז איבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער גאַס — אויף דער „בירזשע", וווּ אַרבעטער זענען געקומען דערלייזיקן קאָנפליקטן. די „בירזשע" האָט אָנגעפירט מיט שטרייקן. נישט געקוקט אויף די רדיפות, איז דער בורזשואַזיע נישט געלונגען צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון אַרבעטער. ס'איז אָנגעגאַנגען א קאַמף פאַר אַן 8־שעהדיקן אַרבעטסטאָג און פאַר אַנדערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע רעכט.

די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן פיל איבערגעגעבנקייט און טרייהאַפט פאַר דער פּאַרטיי — גרייט צו געבן די גרעסטע קרבנות פאַר דער אַרבעטער־זאַך.

די בעקער־יוגנט האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אין קאַמף קעגן פּראָוואָקאַטאָרן אין שפּיצלעס, ביים פאַרטיידיקן רעדנער אויף מאַסן־וויקעס, זי פלעגט אָפּשלאָגן אַרעסטירטע. די בעסטע זעלבסטשוץ האָט עקזיסטירט ביי די בעקער־אַרבעטער. ביי דער בעקער־יוגנט האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט אַ חבר מיטן נאָמען ראש. דאָס איז געווען אַ העלדישער בחור, פון הויכן וווּקס מיט ברייטע פּלייצעס. ער איז געווען איבערגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע מיט לייב און לעבן. נישט געווען קיין איין דעמאָנסטראַציע אָדער עפנטלעכער אַרויסטריט, ווו ראש זאָל זיך נישט האָבן געפינען.

אַ צווייטער יוגנטלעכער חבר, וואָס איז שטאַרק באַרימט געוואָרן צווישן דער יוגנט פאַר זיין געוואַגטקייט, איז געווען חיים געשפּענסט. אַלע פלעגן אים רופן „גיעדזשוויעדזש" צוליב זיין פיזישער שטאַרקייט. מיט אים האָט א רעדנער אָדער א קאָלפּאָרטער פון אומלעגאַלער ליטעראַטור זיך געפילט זיכער. פאַר זיין שטעקן האָט נישט איין שפּיצעל געמאַכט אַ ויברח. אין אַן 1־טן מאַי איז ער געוואָרן אַרעסטירט בעת אַ דעמאָנסטראַציע, ער איז געווען דער פאָן־טרעגער. אַריינקומענדיק אין קאָמיסאַריאַט אַריין מיט אַ גרעסערער גרופּע אַרעסטירטע, האָט ער אומבאַמערקט פאַר אַלע אַפּגענומען די פאָן פון אונטערן מאַנטל און פאַרשטופּט אונטערן אויוון און אויף אַזאַ אופן זיך אויסגעדרייט פון אַ לאַנגיאָריקן תּפיסה־אורטייל.

פיל איבערגעגעבנקייט און מסירת־נפש פאַרן פאַריין און דער פאַרטיי האָט אַרויסגעוויזן אין יענער צייט דער יוגנטלעכער יוסף יאַכימאָוויטש. אים האָט מען שטענדיק, סיי ביי טאָג, סיי ביינאַכט געטראָפן אין פאַריין

אָדער אויף דער „בירזשע“. נישט געווען קיין אַרבעט, וואָס זאָל זיין פאַר אים צו שווער; קיינמאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע אויפגאַבן. ער האָט זיך „סעפּציאַליזירט“ ביים הענגען פענער אויף די דראָטן. פיל אַזעלכע יונגטלעכע העלדן האָבן זיך געפונען צווישן די בעקער־אַרבעטער! דאָס איז געווען אַ יוגנט, וואָס האָט זיך נישט געשראָקן נישט פאַר קיין תפיסות, נישט פאַר בערעזע און נישט פאַר קיין קוילן!

פסח בינעצקי

קפפ

גיב א קוק: אַט דעם וועג דורכגעגאַנגען —
יעדער טראָט איז פארקריצט אין געמיט.
יעדע פרייד אין די אַלטע געזאַנגען
מיט א טרויער איז אָפט דורכגעגליט.
נאָר דער וועג, וואָס טוט אָפט אַזוי באַנג אונדז,
איז מיט טריישאפט אָן ברעגן פאַרהיט.

גיב אַ קוק: יעדעס יאָר איז געצייכנט
מיט א וווּנד אויף דער הויט אויסגעשטעפּט,
מיט אַן אָטעם, וואָס קען קוים דערגרייכן
יענע יוגנט אין נעכטן פארוועבט.
מיט אַ חלום צו בלויאיקע הייכן,
וואָס געשפּינט אים עס האָט ק.פ.פ.

אָט דער חלום אויף סטאַווקע און ניזקע,
אויף כאַנאַיקעס און באלוטער הייף,
ווו דער קינדהייטס סוכאָטישע פיסלעך
האָבן געיאָגט אַ פאַרזשאווערטן רייף.
אַ געזינד זאלבעאכט ביי דער מיסקע...
און אַ זעלטענער גילדענער שטרייף —

פלעגט אַ שייבל פון קעלער באַזוימען,
אויף אַ וויגל אַ טאַנץ טאָן און אויס...
אוי, ווי גוט ס׳איז געווען צו טרוימען:
פון דער נאכט און פון קעלער ארויס
זיך אַ לאָז טאָן צו וואַלד און צו ביימער,
צו אַ ברויט ווי די זון אַזוי גרויס....

אָט דער חלום געצונדן אויף דראָטן,
און אין בליקן פון מידקייט דערשעפּט

האָט דער צער און דער צאָרן געזאָטן.
און די אותיות די דריי ק.פ.פ. —
ווי אויף זוניקע שטיגן געטראָטן
צו אַ וועג, וואָס אין תכלת פאַרוועבט...

גיב א קוק: אָט דעם וועג דורכגעגאנגען
פון וואָלינסקע ביז לענינאָ הער,
דורך מאָקאָטאָוו און באָטווין־געזאנגען —
לעוואַרטאָווסקי מיט טויט אין געוועט.
דורך די פעלדער מיט פוילישע זאנגען,
וו עס צייטיקט שוין איצטער די זעט —

אָט דער וועג, אונדזער גרויסע ירושה,
אונדזער ליד אין דער וואר איז פאַרוועבט,
און דאָס האַרץ, וואָס האָט טרויער געוווסט שוין,
הערט זיך צו צו אירע פריידיקע קלעפּ.
אונדזער פאָן איז אויף אייביק בארוט שוין,
אין דעם רום וואָס זי טראָגט: ק.פ.פ.

•

וואַרשע, יאַנואַר 1959.

גרשון מייטעלעס

דער ערשטער קאַרצער

דאָס איז געווען זונטיק — דער טאָג פֿון אָפּרו אין קאַרטוז בערעזע.

דער פּאָליציאַנט האָט געשפּרייזט אָן אויפֿהער איבערן לאַנגן קאָרידאָר. האַרט און טעמפּ האָבן אָפּגעקלונגען זיינע שווערע טריט. אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ טויבע שטילקייט. די טירן פֿון די אַרעסטאַנטן־קאַמערן זענען געווען ברייט צעעפֿנט, און דער פּאָליציאַנט האָט געקאָנט אין יעדן אויגנבליק אָבסערווירן אַלץ וואָס ס'געשעט דאָרטן. נאָר איבעריקנס האָט גאָרנישט געטאָרט געשען אין די דאָזיקע אומהיימלעכע, שרעקלעכע צימערן. אַ פֿיינלעך־קאַלטע שטילקייט האָט דאָרטן געהערשט, און ס'איז געווען פֿאַרבאָטן יעדע מינדסטע באַוועגונג און יעדער קלאַנג אויף די ליפּן. די פֿענצטער זענען געווען פֿאַרקלאַפּט מיט ברעטער, נאָר דורכן אָפֿענעם לופֿטשיק האָט פֿון דרויסן קוים זיך אַריינגעשלענגלט אַ שמאָלע, בלאַסע שיין פֿון פּראָסטיקן טאָג און שוואַך באַלויכטן דעם לינקן פֿליגל פֿון די נאַרעס. אַקעגנאיבער, לעבן דער טיר איז געשטאַנען אַ גרויסער בלעכערנער קיבל און ווייטער, אויף יענער זייט נאַרעס, האַרט ביי דער וואַנט זענען אין צוויי רייען געשטאַנען די אומבאַוועגלעכע אַרעסטאַנטן. שעהן־לאַנג זענען זיי אַזוי געשטאַנען, די גרויע פֿאַרמאַטערטע געשטאַלטן. לאַנגזאַם און שווער האָט די צייט זיך געצויגן, און זיי זענען אַלץ אַזוי געשטאַנען, ווי פֿאַרשטיינערטע און שטומע. אין דער קאַמער איז געווען שטיל און קאַלט, נאָר הינטער דער אָפֿענער טיר האָבן פֿון קאָרידאָר כּסדר געהערט זיך די שווערע, איינטאָניקע טריט פֿון וואַך־פּאָליציאַנט. אומעטום, אין יעדער קאַמער האָבן די אַרעסטאַנטן געפֿילט זיין פֿיינטלעך־זוכנדיקן בליק. פֿון צייט צו צייט האָט אַ שאַרפֿער פֿייף איבערגעריסן די שטילקייט. דאָס האָט ער באַפֿוילן: „רוען"! און אין די שווייגנדיקע קאַמערן האָבן די אַרעסטאַנטן געקאָנט אויף אַ וויַיל זיך אָפּרוען און אויסגלייכן די פֿאַרשטייפֿטע גלידער אָדער אַוועקזעצן זיך אויף דער צעמענטירטער פּאָדלאָגע. נאָר לאַנג האָט דאָס אָפּרוען ניט געדויערט. באַלד האָט אַ צווייטער פֿייף פֿאַראָרדנט צו שטיין אויף „אַכטונג"! און ווידער זענען די אַרעסטאַנטן אַוועק אין די צוויי־רייען און ווידער אומבאַוועגלעך געשטאַנען אין פֿיינטלעכער דערוואַרטונג אויף דעם באַגערטן באַפֿעל: „רוען"! פֿיינלעך און אָן אַ סוף האָבן זיך געצויגן די אומעטיקע „אָפּרו־טעג" אין בערעזע!

זינט אָנהייב 1938, ווען קיין בערעזע האָבן אָנגעהויבן אָנקומען גרעסערע גרופּן קרימינעלע אַרעסטאַנטן, האָט מען אַלץ זעלטענער די פּאָליטי־

שע צוגעלאָזט צו וואַסער עס איז אַרבעט און נאָר געטריבן אויף די שטראָף=איבונגען. פון טאָג צו טאָג האָט די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער אויסגעקלערט אַלץ מער ראַפינירטע און פיינלעכע מוטשערס. דער טעראָר אין לאַגער האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט אָנהייב פרילינג 1938 יאָר.

אין יענער צייט זענען די פאָליטישע אַרעסטירטע אינגאַנצן נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער אַרבעט. אַז אויסנאַם האָבן געבילדעט ספּעציאַליסטן, עטלעכע פאַכמענער, וועלכע מ'האָט נישט געקאָנט פאַרטרעטן מיט קרימינעלע. נאָכן פרימאָרגן=אַפּעל האָבן שוין געוואַרט אויף אונדז די „אינסטרוקטאָרן“ — קרימינעלע, דעגענערירטע סאַדיסטן און מיט די פייפעד אין מויל, באַגלייט מיט אַ האָגל פון זידלערייען צוגעטראָטן צום „מושטירן“ די אַרעסטירטע.

אין יענע שווערע טעג איז עס אין „איבונגס=פּראָגראַם“ געוואָרן איינגעפירט דאָס „שטורמישע פאַלן“. דאָס איז געווען אַ זעלטן=טיוואָנישער „נומער“ פון אַרויסענדיקן די אַרעסטאַנטן. שעהן=לאַנג, אָן איבעררייס, אויסגעגליכטע אין די רייען און ריטמיש שנעל צום טאַקט פון פייפל זענען צענדליקער געשטאַלטן שטורמיש געפאַלן צו דער ערד, ווי אונטערגעהאַקטע ביימער. נאָך אַזאַ „שטורמישער“ פאַרציע האָב איך זיך געפילט, ווי מ'וואָלט מיך אַרויסגעצויגן פון אונטער אַ מאַנגל, און דערביי איז ווערט צו דערמאָנען, אַז דעמלט האָב איך זיך געפילט פולשטענדיק געזונט. דעריבער איז לייכט זיך פאָרצושטעלן אין וואָסער צושטאַנד עס האָבן זיך געפינען אַזעלכע חברים, ווי קאָלסקי, פירסטענבערג און אַנדערע אַלטע בערעזער, פון וועלכע דער קאַרציער האָט אויסגעזויגן די לעצטע כוחות.

דאָס איז געווען אין אַ זומער, אָנהייב ניינצן אַכט און דרייסיק.

איך בין געשטאַנען ביי דער טיר פון אונדזער קאַמער און קוים באַמערקבאַר אָבסערווירט יעדע באַוועגונג פונעם פּאָליציאַנט, וועלכער האָט מאַרשירט אויפן קאָרידאָר. ווען ער האָט זיך שוין גענוג דערווייטערט פון אונדזער קאַמער און עס איז נישט געווען קיין מורא, אַז ער וועט זיך האַסטיק צוריקקערן, האָב איך מיט דער האַנט געגעבן אַ צייכן די חברים, וועלכע זענען געשטאַנען אין די צוויי=רייען: „מ'קאָן רוען“. די אַרעסטאַנטן האָבן דאַן אויף אַ ווײַלע געקאָנט פריי אָפּעטעמען און געניסן פון אַ „פאַרבאָטענעם“ אָפּרו. זייער אָפּט איז אָבער געשען, אַז דער פּאָליציאַנט האָט פּלוצעם אומדערוואַרט זיך אויסגעדרייט און מיט איילִיקע, שטילע טריט געלאָזט זיך גלייך צו אונדזער קאַמער. אין אַזאַ דראָענדיקן מאָמענט האָט דער חבר, וואָס איז געשטאַנען אויפן אָבסערוויר=פּונקט נישט געטאָרט פאַרלירן אויף קיין איינציקער סעקונדע די גלייכגעוויכט און אָריענטאַציע און באַצייטנס סיגנאַליזירן די אָנקומענדיקע געפאַר. פון דעם פאַרמאַכטן מויל איז קוים דערהערבאַר געפאַלן דער באַקאַנטער אַרעסטאַנטן=צייכן: „זעקס“! בליץ=שנעל האָבן די חברים אויסגעגליכט זיך און ווי סטרו=

אברהם גערמאַניסקי

נעם אויף „אכטונג“ און אַליין בין איך מיט אַ פלינק־שנעלן שפּרונג אַריין אין די צוויי־רייען. כדי אויסצופירן די ראָזיקע ראָל האָט זיך געפאָדערט אַ גענוגנדיקע מאָס קאַלטבלוטיקע ניכטערקייט, ווי אויך אַ געהעריקע פיזישע פלינקייט, און איך, געהערנדיק אין יענער צייט צו דער פלעיאַדע יונגע אַרעסטאַנטן, האָב די ראָזיקע ראָל גאַנץ אָפּט אויסגעפירט. אָבער אין דאָזיקן טאָג האָט נישט געהאָלפן מיין אָריענטאַציע און רוטין. דער פּאָליציאַנט אויפן קאָרידאָר, ווען ער האָט זיך פּלוצלונג אויסגעדרייט, האָט גאַנץ מעגלעך נישט אַזוי מיך באַמערקט, ווי מיין שאָטן, וואָס האָט זיך דערוויימערט פון דער מיר.

מיר אַלע זענען געשטאַנען אין אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג און צוגעהערט זיך, ווי די טריט אויפן קאָרידאָר ווערן אַלץ נענטער און נענטער. באַלד איז דער פּאָליציאַנט געבליבן שטיין אין דער טיר פון אונדזער קאַמער, ווו עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מיר האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אומבאַוועגלעכע, פאַרשטיינערטע פיגורן. אַ לענגערע ווייל איז דער פּאָליציאַנט געשטאַנען מיט אַ צופרידענעם שמייכל פון אַ זיגער און געקוויקט זיך מיט דער אומבאַגרענעצטער מאַכט זיינער, וואָס ער האָט געהאַט איבער זיינע קרבנות.

— ווער איז געשטאַנען ביי דער טיר?

די פראַגע איז געפאַלן ווי אַן אָנגעלאָדענער גראַנאַט. באַלד וועט פאָרקומען דער אויפרייס. איך האָב געהאַט נישט קיין סך צייט איבערצוטראַכטן די געשאַפענע לאַגע, ווייל נאָר איך אַליין האָב געדאַרפט דעצידירן. מיר איז געווען קלאָר, אַז נישט מורה זיין זיך, וואָלט געהייסן אויסשטעלן אויף אַ גרויסער געפאַר אַלע חברים פון דער קאַמער. באַלד האָט מען געקאָנט ריכטן זיך אויף דעם שוין גענוג באַקאַנטן באַפעל: „אונטער די נאַרעס שנעל לויפן“ און אויף אַנדערע אכזריותדיקע שטראָף־איבונגען. עס איז אויך געווען אַ צווייטע סיבה, צוליב וועלכער עס איז נייטיק געווען שנעל צו דעצידירן. מיר, פּאָליטישע אַרעסטאַנטן זענען צו יענער צייט, אָנהייב 1938 יאָר שוין נישט געווען די איינציקע איינוווינער אין דער קאַמער; צווישן אונדז האָבן זיך אויך געפונען קרימינעלע. די באַציונגען מיט זיי האָבן זיך איינגעשטעלט גאַנץ מעגלעכע. דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ סך אַרבעט און אָנשטרענגונג פון אונדזער זייט. אין דער לאַגע האָט מען נישט געטאָרט אויסשטעלן די קרימינעלע פאַר אַ שווערן פרוּוו, טאָמער וועט זיך ווער פון זיי איינברעכן און מיך אויסגעבן? דאָס וואָלט אַרונטערגעריסן דעם אַזוי אויך גענוג שוואַכן קעגנזייטיקן צוטרוי צווישן אונדז און קרימינעלע — און באַדייטנדיק באַשווערט די אַטמאָספער אין דער קאַמער. דעריבער האָב איך שנעל דעצידירט און קאָנצענטרירנדיק זיך מיט אַ רויִקער שטימע דערקלערט:

— איך.

דערווייל זענען אָנגעקומען אַנדערע פּאָליציאַנטן. מ'האָט געהייסן אַרויסגיין אויפן קאָרידאָר. לויט די איינגעשטעלטע באַציונגען אין בערעזע בין איך אין אַזאַ פאַל געווען אין פולן רשות פון פּאָליציאַנט. וועלכער האָט מיך געכאַפּט ביים אויספירן דעם פאַרברעכן. אָפּהענגיק פון דער שטימונג, אין וועלכער ער האָט זיך אין געגעבענעם מאָמענט געפונען, האָט ער מיר געקאָנט דערלאַנגען אַ פּאָר גומענע פּאַלעס און צוריקשיקן אין קאַמער אַריין. ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ צווייט, מער ראַפינירט מיטל פון איזדיעקעווען זיך איבער דעם שולאָזן אַרעסטאַנט, און מיין פּייניקער האָט עס ליבער מיר אָנגעווענדן.

— בייג זיך איין! — האָט ער באַפוילן.

אין אַזאַ פאַל האָבן די קרימינעלע געוויינלעך געהאַרכזאַם אויסגעפירט דעם דאָזיקן באַפעל. איינגעבויגענע אינדרייען האָבן זיי אַרויסגעשטעלט דעם הינטן, אין וועלכן דער פּאָליציאַנט האָט געשמיסן מיט דער פּאַלע און געציילט דערביי, וויפל מאָל ער האָט אים דערלאַנגט. די פּאָליט. אַרעסטירטע דאַקעגן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופירן דעם דאָזיקן שענדלעכן באַפעל. דאָס איז געווען דער איינציקער באַפעל, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אָפּגעזאָגט אויסצופירן אין בערעזע. זייער איינגעשפּאַרטע, מוטיקע האַלטונג האָט דערפירט די פּאָליציאַנטן ביז משוגעת. ווי די ווילדע הינט זענען זיי פון אַלע זייטן זיך צוגעפאַלן, כדי אָנטיילצונעמען אין דעם אכזריותדיקן שלאָגן די שולאָזע אַרעסטירטע. אויך איך האָב געזאָגט אָנטקעגנצושטעלן זיך און נישט אויסגעפירט דעם ווילן פון אַלמעכטיקן פּאָליציאַנט אין בערעזע, און דערפאַר האָב איך זייער טייער באַצאָלט. אַ לאַנגע צייט האָבן בלויע צייכנס באַדעקט מיין קערפּער, און דאָך איז דאָס נישט געווען דער סוף פון דאָזיקן אינצידענט. עס האָט געוואַרט אויף מיר נאָך דער קאַרצער.

דער קאַרצער אין בערעזע איז קיינמאָל נישט געשטאַנען ליידיק. ווען איין גרופּע חברים איז פון אים אַרויס, האָבן אַנדערע גלייך פאַרנומען איר אָרט. צו דער צייט איז געוואָרן איינגעריכט צום שטראָף-ראַפּאָרט אַ נייע גרופּע „שולדיקע" אַרעסטאַנטן. געוויינלעך האָט די אַדמיניסטראַציע פון לאַגער זיך באַמיט צו שאַפן אַ וואָס מער ערגסטערן כאַראַקטער אַרום דעם טראַגישן פאַרס, וואָס האָט געהייסן „שטראָף-ראַפּאָרט". אין דער דאָזיקער רעכטלאָזער און מערדערישער שפּיל זענען אָן שום ווערנטלעכע מאָטיוון געוואָרן אַריינגעשלייערט אין די פינצטערע קאַרצער-גרייבער פון בערעזע די בעסטע זין פון אַרבעטער-קלאַס אין פוילן. עס איז שווער צו פאַרגעסן די סצענע ביים שטראָף-ראַפּאָרט! צום ערשטן מאָל האָב איך געדאַרפט אַדורכגיין דעם שווערסטן און גרויזאַמסטן פּרווו אין בערעזע.

צו דעם שטראָף-ראַפּאָרט זענען מיר דעמלט געשטאַנען 9 חברים, ניין קאָמוניסטן זענען געשטאַנען און געוואַרט אויפן אורטייל איבער זיך.

צווישן אונדז האָבן זיך געפונען אַנגעזעענע טוער פון דער קפּפּ, אַלטע בערעזער, וועלכע האָבן שוין דעמלט געהאַט מער טעג קאַרצער הינטער זיך, ווי איך טעג זיצן בכלל אין בערעזע. עס איז געווען דער חבר יאַלעס, אַ סטודענט פון לעמבערג. אָט שטייט ער אַ רואיקער און גלייכער, דער קינדערישער שמייכל פאַרשווינדט נישט פון זיין בלייך פנים, לעבן אים איז געשטאַנען אַ צווייטער קאַרצער־לאָקאַטאָר, דער חבר פירסטענבערג, אַ קראַנקער, אַן איינגעבויגענער. צוליב די אונטערגעהאַקטע נירן איז אים מיט גרויס אָנשטרענגונג קוים געלונגען צו האַלטן זיך אויף די וואַקלענדיקע פיס. אין אַן ענלעכן צושטאַנד פון פיזישער דערשעפּונג איז געווען דער חבר ווימאָלד קאָלסקי און אַנדערע חברים. און צווישן זיי האָב איך זיך געפונען — אַ פרישער קאַנדידאַט צו גיין אין קאַרצער אַריין.

דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון לאַגער האָט זיך דערנעענטערט צו אונדזער רייע, און דער „פשאָדאָווניק“ קאָוואַלסקי, וואַרפנדיק דעם לעצטן בליק אויף אונדז, האָט אַ דונער געטאָן:

— אַכטונג! אויף רעכטס קוק!

אַ טונקעלער פאַרשוין אין אַ מונדיר פון אַ פּאָליציי־אָפיציר איז אַ גלייכגילטיקער פאַרבייגעגאַנגען דעם פראָנט פון די „אויף אַכטונג“ שטייענדיקע אַרעסטאַנטן. אַ ווײַלע איז זיין בליק געפאַלן אויף פירסטענבערגן און, אָנווייזנדיק אויף אים מיט ביטול, אַ זאָג געטאָן:

— ווען ענדלעך וועט אָט דער שלימזל אויסלערנען זיך ווי געהעריק שטיין אויף „אַכטונג“? — און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער פון זיינע באַגלייטער איז ער געבליבן שטיין אַקעגן יאַלעסן. דער לעצטער האָט אים גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין און מיט אַ רואיקער שטים געמאָלדן:

— הער אינספּעקטאָר! דער אַרעסטירטער יאַלעס מעלדעט זיך געהאָרכזאַם צו דעם שטראָף־ראַפּאָרט, פאַר נישט אויספירן דעם באַפעל!

שווער איז צו פאַרגעסן יאַלעסעס שטימע ביי דעם שטראָף־ראַפּאָרט. אומצאָליקע מאָל האָט ער זיך שוין אַזוי געמאָלדן, כדי צו פאַרצייכענען אין זיין קאַרצער־עווידענץ פון בערעזע העכער צוויי הונדערט און פופציק טעג, וואָס ער האָט שוין דעמלט באַלד געהאַט אָפּגעזעסן!

דער אויבער־תּלין פון בערעזע, אַ באַהאָנגענער מיט מעדאַלן, האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז צו די פיס. קיין ברעם האָט ביי אים זיך נישט אַ באַוועג געטאָן, ווען ער האָט גלייכגילטיק געלאָזט פאַלן נאָר איין און איינציק וואָרט, אַ ציפער „זיבן“. די דאָזיקע ציפער איז געווען אַן אורטייל, די צאָל טעג וויפל יעדער פון אונדז האָט געדאַרפט פאַרברענגען אין קאַרצער־גרוב.

אַזוי האָבן מיר זיך איינער נאָכן אַנדערן געמאָלדן. פאַר אונדז, אַרעסטירטע איז פון פריער געווען קלאָר וואָסער שטראָף אונדז דערוואַרט, קיינער האָט נישט פאָרגעשטעלט זיך, אַז די שטראָף זאָל ווערן אים געשאָנקען אָדער וויניקסטנס פאַרקלענערט. דער בלוטדורשטיקער קאַרצער פון

בערעזע האָט געפאָדערט אַלץ נייע קרבנות, און די פּאָליציאַנטן האָבן שוין געזאָגט, אַז קיין קרבנות זאָלן נישט אויסהעלפן! — — —

עס איז געווען חודש יאַנואַר ניינצן אכט און דרייסיק. א קאַלטער, פראָסטיקער נאָכמיטאָג אין פּאָלעסיע. דער גרויסער לאַגער־פּלאַץ האָט הילכיק גערוישט, פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט די אויסגעשרייען און זידלערייען פון די פּאָליציאַנטן און קרימינעלע „אינסטרוקטאָרן“. אויפן צעטראָמטענעם שניי זענען געלאָפן אין שנעלן אימפּעט די אַרעסטאַנטן, אויסגעגלייכטע אין פערטלער זענען זיי געלאָפן לויטן טאַקט פון פּאָליציי־אישן פייפל: „שנעלער, שנעלער און נאָך שנעלער!“... און אויף יענער זייט שטעכיקע דראָטן, אויף דעם ווייס־פאַרשנייטן וועג, וואָס פירט צום קאַרצער, האָט מאַרשירט אַ גרופּע אַרעסטאַנטן אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן.

איידער מען האָט אונדז אָפּטראַנספּאָרטירט אין קאַרצער אַריין, האָט מען צוגענומען אונדזערע ווינטער־קליידער און אַרויסגעגעבן דינע לייוונטענע בלוזעס און הויזן, וועלכע מיר האָבן געמוזט אַרויפציען אויפן נאָקעטן לייב; מ'האָט צוגענומען אונדזערע שטיוול און אויף די באָרוועסע פיס האָט מען געהייסן אָנטאָן אַלטע, צעריסענע קאַלאָשן. ס'איז געווען קאַלט. נאָך אויפן וועג מאַרשירנדיק האָט אַ שוידער געוועלגערט די ביינער. שווייגנדיק, מיט פאַרביסענע ליפּן און אָן אַ היטל בין איך אַריין אין קאַרצער. די צעמענטענע פּאָדלאָגע איז געווען באַגאָסן מיט וואַסער. כ'בין געבליבן שטיין און נישט גערירט זיך פון אָרט. אַ פייכטער שווערער עיפוש האָט אויף אַ ווײַלע דערשטיקט אין מיר די מעגלעכקייט צו אָטעמען. ס'איז געווען פולקאָם פינצטער. און עס איז פאַרביי אַ גאַנץ לאַנגע צייט, ביז כ'האָב אין דער פינצטערניש געקאָנט אונטערשיידן די קוים־באַמערקבאַרע קאָנטורן פון די ווענט. פון עפּעס הויך אויף דער וואַנט האָט געגרויט זיך אַ שוואַכע שיין, דאָס האָט דער טאָג פון דרויסן אַריינגעדרונגען דורך אַ שמאָלער מויזן־שפּאַרע. מיר איז געוואָרן קאַלט און האָב אָנגעהויבן צו שפּרייזן פאַר זיך, אָנטאַפּנדיק מיט די הענט די פייכטע ווענט. פון צייט צו צייט האָבן מיינע פיס אָנגעטראָפן וואַסער־קאַלוזשעס, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די גריבלעך פון דער נישט גלייכער פּאָדלאָגע. דאָס האָט באַדייטנדיק באַשווערט מיין אַרומקריכן אין דער פינצטערניש. כסדר האָב איך פאַרלוירן די קאַלאָשן און ס'איז שווער געווען זיי צו געפינען.

אין אָנהייב פון מיין שפּאַציר בין איך געווען אַפילו צופרידן. אין די אַרעסטאַנטן־קאַמערן האָט מען געצוווּנגען צו שטיין „אויף אַכטונג“. דאָ דאַקעגן, נישט קאָנטראָלירט קאָן מען זיך פריי באַוועגן. איך האָב דערייבער געוואָלט אויסנוצן דאָס דאָזיקע רעכט און דער פילער מאָס און וויפל עס האָט זיך געלאָזט. נאָר לאַנג האָט דאָס אַרומגיין נישט געדויערט. אַ מידער האָב איך געמוזט אַוועקזעצן זיך אויף דער נאַסער פּאָדלאָגע.

לאַנגזאַם, גאַנץ לאַנגזאַם האָט דער הונגער, ווי אַ וואָרעם, גענומען נאָגן מיין גוף. פון מינוט צו מינוט האָט ער אַלץ פיינטלעכער געגעבן צו פילן וועגן זיך. גלייכצייטיק האָב איך מיט איבערראַשונג פלוצלונג דערפילט, ווי אַ פייכטע קעלט נעמט באַהערשן מיין גאַנצן קערפּער. כ'האָב זיך אויפגעריסן פון דער ערד און גענומען האַסטיק לויפן, אַזוי בין איך געלאָפן אָן אַ סוף. וויזט אויס, אַז דער שפּאַציר האָט גענוג לאַנג געדויערט, ווייל אַלץ וואַקלדיקער זענען געוואָרן מיינע טריט און אַ דערשעפּטער האָבן מיינע פיס זיך געשלעפּט, ווי אַ שווער־אָנגעלאָדענער וואָגן אויף אַ זאַמדיקן וועג, נאָר אָפּשטעלן האָב איך זיך נישט געטאָרט. אַן אינערלעכער פונק פון ווידערשטאַנד האָט מיך באַוועגט, און כ'בין אַלץ ווייטער און ווייטער געקראָכן, ביז כ'האָב זיך אויסגעגליטשט און אַנידערגעפאַלן.

...ווי לאַנג בין איך אַזוי געלעגן? דאָס איז מיר שווער צו זאָגן. איך געדענק, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָט מיך געטרייסלט פון קעלט און הונגער, נאָר דאָס געפיל פון „נישט אונטערגעבן זיך" האָט מיך ווייטער נישט פאַרלאָזט, באַוועגט די דרימלענדיקע קעמערלעך פון פאַרפרוירענעם מאַרך. מיר איז געוואָרן קלאָר די גאַנצע גרויליקייט פון מיין לאַגע: אָט זענען עס די קאַשמאַרן פון קאַרצער, יענע שרעקלעכע קלאַסן־מאַשין, וואָס דאַרף ברעכן דעם ווילן און מיך וואַרפן אויף די קני! וואָס טאָן? ווי אַזוי רעאַגירן און נישט פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, יענע גרויסע מאָראַלישע קראַפט, וואָס דערמעגלעכט הונדערטער קאָמוניסטן אַנטקעגנצושטעלן זיך די שווערסטע פייניקונגען אין בערעזע?

נישט ווייט פון מיר האָט עפּעס גענומען שאָרכן. איך האָב זיך איינגעהערט, וויזט אויס, אַז ערגעץ אין דער פינצטערניש האָט געבאַלעבאַטעוועט אַ שטשור. אָדער אפשר גאָר איז דאָס מיין חבר, וועלכער געפינט זיך דאָרט אין דער צווייטער קאַמער? אפשר אויך ער, פונקט אַזוי ווי איך, אַ נישט צוגעוווינטער צו די שרעקלעכע קאַשמאַרן, קריכט אין זיין קאַמער אויף אַלע פיר, ווי אַ קרעט אין זיינע פינצטערע קאָרידאָרן? און אפשר איז דאָס אַן אַלטער, דערפאַרענער חבר, וואָס איז שוין גענוג פאַרהאַרטעוועט קעגן הונגער און קעלט און איצט ליגט ער פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף פון אַ פאַרפייניקטן קנעכט?

— צי הערסטו מיך, חבר?

איך האָב געמוזט הויך שרייען, ווייל באַלד האָט דער פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך מיט דער ביקסן־קאָלבע געקלאַפּט אין טיר:

— שווייג, דו הינטישער זון!

איך האָב זיך באַלד באַהערשט. מען טאָר נישט טראַכטן הויך און נאָר דערשטיקן אין זיך דאָס געשריי, וואָס רייסט זיך פון די טיפענישן, מען טאָר נישט אויסשטעלן זיך אויף אומנייטיקע קלעפּ. הויך אויף דער

וואַגט, אַרום דער קליינער עפענונג, האָט אַלץ דייטלעכער באַוויזן זיך אַ גרויער צייכן. אין דרויסן האָט גענומען טאָגן. עס איז פאַרביי מיין ערשטע קאַרצער־נאַכט.

*

* *

אין ענלעכער איינזאַמקייט זענען אַדורך צוויי שפּעטערע נעכט, אָבער נאָך וועלכע עס האָט מיך געטראָפן אַן אומדערוואַרטער און פריידיקער סיורפּריז: אין מיין קאַמער האָט מען געבראַכט צו פירן אַ צווייטן אַרעסטאַנט. טראָץ דער פינצטערניש האָב איך אים גלייך דערקענט און לאַנג געדריקט זיין האַנט. דאָס איז געווען דער חבר צוקער—קאַלסקי. מיר האָבן זיך ביידע פערזענלעך נישט געקענט, נאָר זייענדיק נאָכאַנאַנד אויף די שטראָף־איבונגען האָב איך זיך גלייך דערוווּסט, אַז ער איז אַן אָנגעזעענער טוער פון דער קפּפּ. מיר, יונגע אַרעסטאַנטן האָבן נישט איינמאָל באַוווּנדערט זיין מוטיקע האַלטונג אויף די שטראָף־איבונגען, מיר האָבן געוווּסט, וויפל איבערנאַטירלעכע אָנשטרענגונגען ער האָט געמאַכט, כּדי נישט אַרויסצוּווייזן זיינע הענקער, אַז ער איז שוין אויפן ראַנד פון פיזישער דערשעפּונג. זיין איבערלעכע קאָנצענטרירטקייט, זיין רואיקייט און אייזערנער ביים איבערטראָגן די ווילדע אכזריות פון די פּאָליציאַנטן האָט אַרויסגערופן גרויס אַכטונג נישט נאָר ביי אונדז, פּאָליטישע אַרעסטירטע, נאָר אויך ביי די קרימינעלע און אפילו ביי דער אַדמיניסטראַציע פון לאַגער. איך האָב דעריבער נישט אַרויסגעלאָזט זיין האַנט פון מיינער, פעסט דריקנדיק זי. האָב איך אָן ווערטער געזאָגט אים וואַרעמען אויסברוך פון געפילן ס'האָט אַרויסגערופן אין מיר זיין באַוויזן זיך אין קאַמער. איך בין געווען זיכער, אַז דער חבר קאַלסקי קען מיך נישט, איז גרויס אין געווען מיין שטוינונג, ווען ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער קען מיך גאַנץ גוט, אַז די חברים פון מיין קאַמער האָבן אים דערציילט וועגן מיר, און נישט איינמאָל האָט ער באַמערקט אויף די שטראָף־איבונגען, ווי כ'האָב אונטערגעהאַלטן פירסטעגבערגן ביי דעם „שנעלער לויפן!" און אַנדערע שווערע מושטרעס. פאַר אַזאַ חברישער סאָלידאַריטעט האָט מען נישט איינמאָל זייער טייער באַצאָלט. און פון דעם האָט דער ח' קאַלסקי—צוקער אָנגעהויבן זיין שמועס. ער האָט אָנגעוויזן, אַז פאַר אַ קאָמוניסט אין בערעזע שטייט מיט דער פולער שאַרפקייט די פראַגע פון נישט לאָזן זיך פּראָוואָצירן און נישט אויסשטעלן זיך אויף קיין אומזיניקע קלעפּ. ווי עס געשעט טיילמאָל ביי אַ טייל חברים.

מיר זענען געזעסן האַרט לעבן זיך און געוואַרעמט זיך קעגנזייטיק. מיין פרייד איז געווען אומגעהייער. צום ערשטן מאָל פון מיין זיין אין בערעזע האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט פריי, אומגעשטערט צו שמועסן מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכן חבר וועגן די וויכטיקסטע פראַגן, וואָס האָבן

בּרוך צוקער (וויטאָלד קאָלסקי)

געגורטעוועט אין אונדזער פּאַרטיי. אין יענעם ערנסטן היסטאָרישן מאָמענט, אָנהייב 1938, ערב דעם פּאַנאַנדערלאָזן די קפּפּ. פיל פראַגן האָבן זיך ביי מיר אָנגעזאַמלט, און דער ח׳ צוקער האָט קלאָר זיי באַלויכטן. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף די ראַפינירטע מיטלען פון טעראָר, וועלכע דער שונא ווענדעט אָן קעגן אונדזער פּאַרטיי, כדי צו דעמאָראַליזירן אונדזערע רייען און איזאָלירן זי פון אַרבעטער=קלאַס, און גלייכצייטיק האָט ער אונטערגעשטראָכן די גרויסע פּאָליטישע באַדייטונג פון אונדזער שטילן און פאַרביסענעם קאַמף, וואָס מיר פירן אין בערעזע.

שפּעטער האָט אונדזער שמועס געטראָגן אַ מער פערזענלעכן כאַראַקטער. דער ח׳ צוקער האָט דערציילט, אַז אויך ער איז אַרעסטירט געוואָרן אין קאַטאָוויץ, און צוזאַמען מיט אים איז געוואָרן פאַרהאַלטן אַ חברטע פון בענדין. ער איז געווען זייער באַאומרואיקט וועגן איר ווייטערדיקן גורל און נישט געוווסט, וואָס מיט איר איז געשען, ווייל באַלד נאָכן אַרעסטירן איז דער קאָנטאַקט מיט איר געוואָרן איבערגעריסן. ווען ער האָט דערמאָנט איר נאָמען, בין איך אויפגעשפּרונגען פון דערשטוינונג. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די חברטע פון בענדין, לאָלאַ ט. איז נישט געווען קיין אַנדערע, ווי מיינע אַ קוזינע, מיט וועלכער איך בין געווען שטאַרק באַפריינדעט און, פאַרשטענדלעך, אַז כ׳בין אומשטאַנד געווען צו אינפאָרמירן דעם ח׳ צוקער וועגן ווייטערדיקן גורל פון לאָלען.

אין יענער צייט, ווען לאָלע איז געוואָרן אַרעסטירט, האָב איך זייענדיק פאַרפאָלגט דורך דער פּאָליציי, אויסבאַהאַלטן זיך אין בענדין. אין אַ געווּיסן אָוונט, זוכנדיק אַ נאַכטלעגער ביי זיי אין שטיב, האָב איך געטראָפן איר מוטער אַ וויינענדיקע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גראָד אין דעם טאָג איז לאָלע געוואָרן אַרעסטירט אין קאַטאָוויץ צוזאַמען מיט אַן אָנגעזעענעם טוער פון דער קפּפּ. די עלטערן און חברים האָבן זיך באַמיט צו באַפרייען זי אויף קויציע, ווייל אין תפיסה איז זי שווער קראַנק געוואָרן, נאָר דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. מ׳האָט זי איבערגעפירט קיין וואַרשע, ווו זי זיצט ביזן היינטיקן טאָג און וואַרט אויפן פּראָצעס. זי וועט האָבן אַ גוטע פאַרטיידיקונג.

דער ח׳ צוקער איז געווען זייער גערירט פון מיינע רעלאַציעס. ער האָט כסדר איבערגעחזרט וואָסער מערקווירדיקער פאַל, אַז גראָד אין קאַרצער פון בערעזע האָט ער זיך דערוווסט וועגן גורל פון אַ קאַמפס=חבר, וואָס האָט אים אַזאַ לאַנגע צייט געמאַטערט. אויך ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די געריכטס=פאַרהאַנדלונגען. אים איז פולקאָם קלאָר געווען, אַז ער האָט צו דערוואַרטן אַ שווערן אורטייל. לאַנגע חדשים אין בערעזע אין אומצאָליקע קאַרצערס האָבן רואינירט זיין געזונט=צושטאַנד.

אין אַ קורצער צייט שפּעטער, נאָכן פאַרלאָזן דעם קאַרצער האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיטן חבר צוקער—קאָלסקי ביי דעם שטראָף=ראַפּאָרט. דאָס מאָל זענען מיר נישט געזעסן מער צוזאַמען, נאָר שטייענדיק מיט אים צוזאַמען אין דער ריי, האָט ער מיר אויף מימיק געגעבן צו פאַרשטיין,

אַז אין די נאָענטסטע חדשים דערוואַרט ער זיין פּראָצעס, און ער וועט זיך באַמיען מיר צוּוויסן צו טאָן וועגן זיין ווייטערדיקן גורל, ווי אויך וועגן מיין קוזינע לאָלע.

און ווירקלעך, אין אַ קורצער צייט נאָך זיין פאַרלאָזן בערעזע, האָב איך דערהאַלטן אַ פּאָסט-קאַרטל פון מיין שוועסטער, אין וועלכן זי האָט מיר געשריבן, אַז די קוזינע לאָלע האָט חתונה געהאַט אין וואַרשע, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ 5-חדשימדיקן אורלויב און איר מאַן וועט צוליבן שוואַכן געזונט-צושטאַנד, דאָרט פאַרבלייבן גאַנצע 12 וואָכן... אַזוי האָבן מיר אין בערעזע זיך דערוווּסט וועגן חבר קאָלסקים אורטייל.

לאַנג און טרויעריק האָבן זיך געצויגן די טעג אין בערעזע. די פּריינדשאַפט מיטן חבר צוקער, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די לאַנגע קאַרצערנעכט, האָט העל באַלויכטן די דאָזיקע אומעטיקע טעג מיט אַ באַזונדערער שיין. די איבערלעבונגען פון מיין ערשטן קאַרצער האָב איך שוין געהאַט ווייט הינטער זיך, זיי זענען אָבער נישט פאַרגעסן געוואָרן. זייער עכאָ האָט זיך טיף איינגעקריצט אין דער נשמה און פאַרטיפט דעם נישט אויסלעשנדיקן האַס צו דער פאַרשאָלטענער אָרדענונג און אירע אָפּהיטער!

יצחק ראַפּאָוויטש

מײַן טורמע־וואָגלעניש

זאַבלודאָווע איז אַ קליין שטעטל לעבן ביאַליסטאָק מיט רײַכע רעוואָ־לוציאָנערע טראַדיציעס. די מערהייט אײַנוווינער פון שטעטל איז געווען באַשעפטיקט אין די אָרטיקע צאָלרײַכע גאַרבערײַען, וועבער־וואַרשטאַטן, שיך־פאַבריקלעך. זאַבלודאָווע געהערט צו די ערטער, וווּ עס איז אין סוף 1918 יאָר געשאַפן געוואָרן אַ ראַט פון אַרבעטער־דעלעגאַטן, וועלכער האָט עקזיסטירט 2 חדשים צײַט. איך בין געווען איינער פון זײַנע מיטגלידער, אַלס דעלעגירטער פון די זאַבלודאָווער לעדער־אַרבעטער, אָרגאַניזירטע אין דעם אָקאָרשט געשאַפענעם פּראָפעסיאָנעלן פאַרײַן פון לעדער־ און גאַרבער־אַרבעטער.

אין דער זעלבער צײַט זענען געשאַפן געוואָרן די ערשטע יוגנט־קרײַזלעך, וווּ די אויפקלער־ און דערציִונגס־אַרבעט איז געפירט געוואָרן אין רעוואָלוציאָנערן גײַסט. צו די אַקטיווע מער אין שטעטל האָבן דעמאָלט געהערט די חברים: משה גאַניאָנדזקי, וויגדער וואַקסין, לײזער וואָלף, רובין טענצער, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט בײַ אונדז דאָס ערשטע פּאַרטיי־קעמערל.

דער פּילסודסקי־איבערפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד און די מלחמה־אָפּע־ראַציעס פון 1920 יאָר האָבן אויף אַ געוויסער צײַט איבערגעריסן די אַר־בעט. בעת די רויטע אַרמיי האָט פאַרלאָזט אונדזער געגנט, איז אַ טייל חברים מיט איר מיטגעגאַנגען קיין ראַטנפאַרבאַנד. אַנדערע און איך בתוכם זענען אַוועק קיין ביאַליסטאָק.

אין יאָר 1921 ווערט די אַרבעט צוריק אויפגעלעבט. עס קערן זיך אום פון ראַטנפאַרבאַנד אייניקע חברים, ווי צ. ב. משה גאַניאָנדזקי, יצחק קאַגאַן. זיי נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. אין אַ קור־צער צײַט האָבן מיר געשאַפן 3 פּאַרטיי־קעמערלעך: איינס צווישן די גאַרבער, איין קעמערל בײַ די שוסטער און איינס בײַ די סטאָליער. דער פאַנאַנדערוווּקס פון אונדזער אַרבעט מאַכט נייטיק צו שאַפן אַ שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט. די ערשטע מיטגלידער זײַנע זענען געווען: קאַגאַן, וואַק־סין, פּושקעוויטש, גאַניאָנדזקי און איך. דער קאָמיטעט האָט באַדינט און אינסטרואירט די עקזיסטירנדיקע קעמערלעך און יוגנט־קרײַזן, אויף וועלכע מיר פלעגן דורכפירן שמועסן אויף פאַרשידענע פּאָליטישע טעמעס, ווי

אויך איבער פראגן פון טאָג־טעגלעכן לעבן און טעטיקייט פון דער אָר־גאַניזאציע. צווישן די רעפערענטן האָט זיך אויך געפונען דער ח' יוסף רעזניק, וועלכער איז צו אונדז געקומען פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער האָט פיל געהאָלפן צו געווינען פאר אונדזער אידעע נאָך אנדערע מענטשן.

אין די ארבעטער־יום־טובים, ווי די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, 1־טער מאי פלעגן מיר דורכפירן מאַסן־וועקעס מיט די ארבעטער ביים ארויסגיין פון די פאבריקן אָדער אין וואַלד, אויף וועלכע ס'פלעגן קומען פּאַרטיי־אישע און אומפּאַרטייאישע ארבעטער. די מאַסן־וועקעס פלעגן אָפט באַדי־נען חברים פון קרייז קאָמיטעט. איך געדענק אַ חבר „גרישאַ". אין די יאָרן 1924—1923 פלעגט צו אונדז קומען דער חבר יאַן באָגדאַן.

לאָמיר פון דעם אָרט באערן דעם אָנדענק פון שטעפּער־ארבעטער ח' ווינגדער וואַקסין, וועלכער איז געווען אַ גרויסער ספּעציאַליסט אויפן געביט פון דער אזוי גערופענער „טעכניק" (קאָלפּאָרטאַזש פון ליטעראַ־טור אדגל.). ח' ווינגדער וואקסין איז מיט לייב און לעבן געווען איבערגע־געבן דער פּאַרטיי ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג. ער איז אומגעקומען אין דער דעפענסיווע אין 1925 יאָר בעת די מאַסן־ארעסטן אין אונדזער געגנט. מען האָט אים געפּייניקט מיט די ראַפינירטסטע מעטאָדן, אָבער ער האָט ליבערשט אויסגעקליבן דעם טויט און נישט אויסגעגעבן זיינע חברים.

אין 1923 יאָר האָבן מיר אָרגאַניזירט אייניקע קרייזן אין דאָרף. אזוי ארום זענען אַנטשטאַנען פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס אין פאָלגנדיקע דער־פער: קאָוואַלייצע, קובאַרי, טאָפּאָליאַני, ווייעלקי פּאָלוואַרק, דאָבריוואָקא, ריבאָלי, פּאַוולי, קליעטנאָ און זשווירקי. מיט דער ארבעט פלעגן זיך פאַר־נעמען די חברים „גרישאַ" און „מיכאל" — ביידע דאָרפישע לערער, ווי אויך דער חבר ניקאָלאַיוק, אַ געוועזענער מיטגליד פון רעווקאָם אין 1920 אין זאַבלודאָווע. אויפן געביט פון דאָרף זענען אויך טעטיק געווען די חברים וואַקסין, טענצער, קאַשטאַן, איך און דער פאָרשטייער פון קרייז־קאָמיטעט, דער חבר יאַן באָגדאַן.

אין אונדזער טאָג־טעגלעכער ארבעט פלעגן מיר זיך קאָנטאַקטירן מיט חברים פון שכנותדיקע ראַיאָנען: פון מיכאַלאָווע — מיט יאַקוב אַב־ראַמסקין און וואָלף קאַפּלאַן, פון גרודעק — מיטן חבר עפּשטיין און פון ביאַליסטאָק — מיט קאַפּצעוויטשן און פייוול קאַפּלאַן. צום סוף 1924 יאָר האָבן מיר איינגעשטעלט אַ נעענטערן קאָנטאַקט מיט וואַסילקאָווע דורכן לערער פישמאַן. יעדן חודש פלעגן פאָרקומען פּאַרטייאישע קאָנפע־רענצן, אין וועלכע עס פלעגט אָנטיילנעמען א פאָרשטייער פון קרייז־קאָמי־טעט, יאַן באָגדאַן אָדער באַסינסקי, וועגן וועלכן מיר האָבן געוווּסט, אַז ער איז אַמאָל געווען א מיטגליד פון דער סדקפּל און איז נאָך פאר די צאַרישע צייטן געזעסן אין טורמע.

אויך דער חבר וואָלף קאַפּלאַן האָט געהערט צו די טוער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער ארבעט. אַלס מיטגליד פון מיכאַילאָווער

שטאָטישן קאָמיטעט, האָט ער אָנגעפירט מיט דער גאַנצער ארבעט אין מיכאַלאָווע און אין דער געגנט. ער האָט אָרגאַניזירט אַ פראָפ־פאַריין פון וועבער און צוזאמען מיטן חבר פאַרצעוויטש — א ביבליאָטעק. דער חבר קאַפלאַן האָט אויך צוגעצויגן צו דער ארבעט זיי פרוי נעשקע, וועלכע האָט אויסגעפירט די אויפגאַבע פון אַ פאַרבינדלערין. זי פלעגט אָפט אונדז ברענגען צו פירן אומלעגאלע ליטעראטור. זי איז געווען יונג — קנאַפע 21 יאָר אַלט. אין 1924 יאָר האָט אַן אומבאַוווּסטער פראָוואָקאַטאָר זי ארויסגעגעבן דער דעפענסיווע. איינמאָל, ווען נעשקע איז געקומען צו פאָרן מיטן אויטאָבוס מיט אומלעגאלע ליטעראטור, איז זי פארהאַלטן געוואָרן דורך א פאָליציימאַן. זי האָט זיך אָבער נישט פארלוירן. זייענדיק שוין אויפן הויף פון דער פאָליציי, האָט זי געבעטן די דערלויבעניש אריינציגיין אויף אַ ווײַלע אין טואַלעט, פון וואַנען זי איז אַנטלאָפן, אַריבערשפרינגענדיק דורכן פאַרקאַן. מען האָט זי דעם זעלבן טאָג ווידער ארעסטירט אין איר שטוב, אָבער קיין באַשווערנדיקע מאַטעריאַלן האָט זי שוין ביי זיך נישט געהאַט, און דערמיט האָט זי זיך געראַטעוועט. זי איז אין קורצן באַפרייט געוואָרן.

*

* *

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן מיר אויפן געביט פון זאַבלודאָווע אָרגאַניזירט א פראָפעסיאָנעלן קלאַסן־פאַריין פון די גארבער. אין דער פאַרוואַלטונג זענען אַריין די חברים: יצחק קאַגאַן — פאָרזיצער, סעקרעטאַר — יוסף בערשטיין, לייזער וואָלף און איך. דעם „בונד“ האָט רעפּרעזענטירט פישל כאַרקאָווסקי, און יצחק לאָפאַטי איז געווען אַן אומפאַרטייאישער. דער פאריין האָט אָרגאַניזירט א ריי שטרייקן אין די גאַרבערייען פון פלעגע, פלאַווסקי, ביאַלאָסטאָצקי, בעקער און מילער. אדאנק אונדזער אַנטשלאָסנעם, אייגהייטלעכן קאַמף האָבן מיר געוווּנען אַן 8־שעהדיקן ארבעטס־טאָג, ענגלישן שבת, דאָס אויסגלייכן די פארדינסטן פון אונדזערע גאַרבער מיט די ביאַליסטאָקער.

ביינאַנד מיט דער פאָליטישער און פראָפ.־טעטיקייט האָבן מיר אָרגאַניזירט א שטאָטישע ביבליאָטעק. אין דער פארוואַלטונג פון דער ביבליאָטעק האָבן זיך געפונען די חברים גאַניאָנדזקי, וואַקסין, יוסף רעזניק און איך. מיר האָבן זיך באַמיט צוצוקלייבן פאַסיקע ביכער און אויך פירן אַן אויפקלערונגס־אַרבעט. די ביבליאָטעק אַליין איז געוואָרן אַ פונקט פאַר די טרעפונגען פון אונדזערע חברים.

*

* *

דאָס 1925 יאָר איז פאַרבליבן אין מיין זכרון אַלס יאָר פון אַ דרייסטער אָפענסיווע פון אונדזער זייט, אָבער גלייכצייטיק אלס א יאָר פון מאַסן־ארעסטן און שרעקלעכע פראָוואָקאַציעס.

אין אָנהייב פון דעם יאָר האָבן זיך אין זאַבלודאָווע אויסבאַהאַלטן

פון דער פּאָליציי 2 ביאַליסטאָקער חברים, וואָס האָבן לויט דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי אויסגעפירט א טויט־אורטייל אויף א פּראָוואָקאַטאָר. מיר האָבן זיי אויסבאַהאַלטן אין דער וווינונג פון חבר מאיר דעם שטע־פּער, אין אַן אַלטן פאַבריקס־בנין.

לאָמיר דאָ דערמאָנען וועגן א ספּעציעלן אויפטו פון אונדזער „טעכניק“.

צוגרייטנדיק זיך צו דער 1־טער מאַי־פייערונג, האָבן מיר אויפגע־בויט א „פּראָם“ (א טראַטווע), דעקאַרירט מיט רויטע פענדלעך און טראַנספּאַרענטן. דעם פּראָם האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט אויפן וואַסער, און ער איז געשוווּמען מיטן שטראָם לענגאויס דעם נאַרעוו. די איינוווינער פון שטעטלעך און דערפער האָבן אים מיט פרייד באַטראַכט.

אין טאָג פון 1־טן מאַי האָבן מיר אָרגאַניזירט א מיטינג אין זאַב־לודאָווער וואַלד. עס איז געקומען אַ היפּש ביסל אַרבעטער און פּויע־רים. רעדעס זענען געהאַלטן געוואָרן אין פּויליש, ווייסרוסיש און יידיש. אַלץ איז געווען אַזוי פאָרזיכטיק צוגעגרייט, אַז די פּאָליציי האָט זיך נישט געכאַפּט, און די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אָן שטערונגען.

אין 1925 יאָר, זומער־צייט איז אין ביאַליסטאָק פאָרגעקומען א פּאָ־וויאַטאָווע קאָנפערענץ, אין וועלכער איך האָב אָנטיילגענומען אַלס דעלע־גאַט פון זאַבלודאָווע. איך געדענק, אַז אויף דער קאָנפערענץ זענען אויך געווען די חברטע ליובע קאָוויענסקאַ — יאַנקאָווסקאַ — טריוואַקס, „גרי־שא“, וול. סוויעזשבינסקי, אל. מאָיסאַק, יאקוב אַבראַמסקי און די חברטע „העלענע“, ראָמאַנאַ וואָלף, וועלכע האָט רעפּרעזענטירט דעם צ. ק.

*

* *

אין אויגוסט 1925 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן מאַסן־אַרעסטן אין ביאַ־ליסטאָקער און ביעלסקער פּאָוויאַט. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן העכער 2000 מאַן פון ביאַליסטאָק, זאַבלודאָווע, מיכאַלאָווע, גרודעק, אָרליא, סע־מיאַטיטש, וואַסילקאָוו, ביעלסק, סופּראַסל, ציעכאַנאָוו, בריאַנסק, גיליי־טשיץ, קלעשטשעל און אַנדערע ערטער. צווישן די אַרעסטירטע זענען געווען אויך מיטגלידער פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־ווייסרוסלאַנד, ווי דער חבר אַראָנשטאַם „אַרטור“. אַלע אַרעסטיר־טע האָט מען צונויפגעקליבן הינטער ביאַליסטאָק אויף פּיעטראַשי און אין ביעלסק — אין אַ שפּיטאָל־געבייַדע. די אויספאָרשונג האָט געפירט דער קאָמענדאַנט פון דער אויספאָרשונגס־אָפּטיילונג אין וואַרשע — קאָז־לאָווסקי מיט דער הילף פון די ביאַליסטאָקער פּאָליציי־אַגענטן: מילער, קוטילאָווסקי און אַנדערע.

די אַרעסטירטע האָט מען שוידערלעך געפּייניקט, געגאָסן וואַסער אין די נעז, געשלאָגן איבער די נאַקעטע פּיאַטעס מיט גומענע שטעקנס. אייניקע פון זיי זענען געוואָרן פאַרגוואַלדיקט, ווי למשל, די חברטע קאַפּלאַן, וועלכע איז נאָך אַ קורצער צייט געשטאָרבן. אויך דער

חבר יאַן פּועטשעק איז אין קורצן נאָכן דורכגיין די אַלע „אויספאָרשונ־גען" קראַנק געוואָרן אויף סוכאָטע און איז אין 1926 געשטאָרבן.

נאָכן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג האָט מען מיך באַפרייט. 400 מאַן זענען איבערגעפירט געוואָרן אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה. נאָך איי־ניקע חדשים איז פאָרגעקומען די 2־טע סעגרעגאַציע. מען האָט ענדגילטיק צונויפגעשטעלט א באַשולדיקונגס־אַקט קעגן 133 חברים. די איבעריקע האָט מען באַפרייט.

אין די מאַסן־ארעסטן אין ביעלסק האָט דער פּאָליציי א סך געהאָלפן די פּראָוואָקאַטאָרישע טעטיקייט פון יאַן גורסקי פון דאָרף סמריקי, ביעלסק־פּאָדלאַסקער פּאָוויאַט — א מיטגליד פון פּאָוויאַטאָווען קאָמיטעט — און דער באַוווּסטער פּראָוואָקאַטאָר מיכאַל גורין. איך פערזענלעך בין אין אויגוסט נישט געוואָרן ארעסטירט. מיר האָבן די חברים מענצער און רעז־ניק געגעבן צו וויסן צו דער צייט, איך זאָל מיך אויסבאַהאַלטן. איך בין אַוועק קיין ביאַליסטאָק, וווּ איך האָב מיך געפונען ביי א באַקאַנטן פורמאַן וואזשניק. די פּאַרטיי האָט מיך געשיקט קיין ווילנע. דאָרט בין איך געווען אין קאָנטאַקט מיט חנה ראָזען — מאַריאַן בוטשעקס פרוי, און פון דאָרט האָב איך נאָך מיט א חבר (מאַרלאָווסקין) צוזאַמען געדאַרפט אַריבער די גרענעץ קיין ראַטנפאַרבאַנד. נאָך איינציקע טעג זענען מיר געקומען קיין דאָקשיץ צו א פריזירער מיטן פּאַראָל: „איך האָב אן אַלטע בריטווע — מען דאַרף זי אָנשאַרפן". דער פריזירער וווּנדט האָט געבראַכט 2 פּויערים, וועלכע האָבן געזאָלט אונדז אַריבערפירן אויף יענער זייט. אויף דער גרע־נעץ זענען מיר ארעסטירט געוואָרן. אין תפיסה האָט מען געזאָגט, אַז אונ־דזער דורכפאַל איז געווען וווּנדטס שטיקל אַרבעט.

*

* *

אזוי ארום בין איך געקומען אין דער ווילנער דעפענסיווע. נאָך 9 טעג אויספאָרשונג — דאָס הייסט נאָך 9 טעג שלאָגן און מאַטערנישן, האָט מען מיך אָפּגעפירט קיין ביאַליסטאָק, און דאָרט האָט זיך די אויספאָרשונג אָנגעהויבן איבעראַניים. מען האָט מיך געמאַטערט סיי בייטאָג, סיי ביי־נאַכט. מיינע מערדער זענען געווען: קאָזלאָווסקי, קוטילאָווסקי, קאָשעליון און מילער.

ביים פּראָקוראָר האָט דער פּראָוואָקאַטאָר יאַן גורסקי אין מיין אָנ־וועזנהייט געטענהט, אַז ער האָט צוזאַמען מיט מיר אָנטיילגענומען אין פּאַרטייאישע קאָנפערענצן, אַז איך בין א מיטגליד פון זאַבלודאָווער קאָ־מיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איך האָב זיך צו קיין זאַך נישט אָנערקענט, נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט מיר געגאָסן אין דער נאָז אוריין, געשלאָגן און געפייניקט.

מען האָט מיך אָפּגעשיקט אין ביאַליסטאָקער תפיסה, וווּ איך בין גע־זעסן מיט סטעפאַן דובלינסקי און מאַקאַר אוגען. אין תפיסה פלעגט מען

אונדז אין אָנהייב ארויסלאָזן אויפן שפּאציר זאלבעפינפט, ד. ה. מיר זאל־בעדריט און 2 סטודענטן פון וואַרשע: מאַשאָוויצקי און נאכטיגאל. אין אַ געוויסער צייט ארום איז אונדזער גרופּע געוואָרן גרעסער. עס זענען צוגע־קומען די חברים: דוד שלאָסבערג, דוד לאַצקי, גרישע טריוואַקס. די שפּאַ־צירן פלעגן מיר אויסנוצן אויף פארשידענע שמועסן. די שפּאַצירנדיקע גרופּן פלעגן גיין איזאָלירט. מען האָט נישט געטאָרט האָבן קיין קאָנ־טאַקטן מיט אַנדערע קאַמערן.

די באדינגונגען אין תּפיסה זענען געווען שווערע. צוממערסטן פלעגט מען אונדז מאטערן יעדן טאָג מיטן שייערן די פּאָדלאָגע. דאָס עסן איז געווען זייער שלעכט.

נישט געקוקט אויף דער איזאָלאַציע, האָבן מיר געפונען פארשידענע וועגן, כדי צו קומען אין קאָנטאַקט מיט חברים. מיט דער הילף פון „גריפּ־סן", איבערקלאַפּן זיך אָדער מיט דער הילף פון די קרימינעלע קאַליפאַק־טאָרן. די פארבינדונגען זענען געווען אַזוי צעצווייגט, אַז מיר האָבן איינע די אַנדערע געליען ביכער צום לייענען.

אין מאַי 1926 יאָר האָט דער תּפיסה־אינספּעקטאָר באַמערקט, אַז איינער פון אונדזערע חברים רעדט מיט אַ חבר פון אַן אַנדער גרופּע. פאַר דעם ראַזיקן „פארברעכן" האָט ער געהייסן דעם חבר אַריינזעצן אין קאַרצער. אויף דעם האָבן מיר געענטפערט מיט אַ הונגער־שטרייק, צו וועלכן עס האָבן זיך נאָך 2 טעג פאַראייניקט די איבעריקע אַרעסטירטע. ס'איז געקומען דער ביאַליסטאָקער פּראָקוראָר. דער שטרייק האָט געדוי־ערט 3 טעג.

דער פּראָקוראָר האָט צוגעזאָגט צו פארבעסערן די באדינגונגען: אָפּשאַפן דאָס טאָג־טעגלעכע שייערן די פּאָדלאָגע, נישט אויסשניידן קיין פּאָליטישע אַרטיקלען פון די צייטונגען אדגל. אייניקע טעג שפּעטער נאָך די אונטערהאַנדלונגען זענען די חברים דוד שלאָסבערג, אבֿרהם לעוו און נאָך 3 אַנדערע, אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער ביאַליסטאָקער תּפיסה אין די ווילנער לוקישקעס. זיי זענען געווען די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן געפירט די אונטערהאַנדלונגען מיטן פּראָקוראָר.

אין יאָר 1927 האָב איך זיך געפונען אין אַן אַלגעמיינער קאַמער, וווּ עס זענען געזעסן 22 מאַן. אין קאַמער נומ. 18 זענען מיט מיר צוזאַמען געזעסן: לעוו, פיליפּענקאָ, נאכטיגאל, מאַשאָוויצקי, לאַצקי, טריוואַקס און אַנדערע. עס איז געוואָרן אַ ביסל פרייערער.

דאָס לעבן אין קאַמער איז געווען איינגעשטעלט לויט אַן אָנגעצייכנטן פּלאַן: נאָכן ערשטן שפּאציר פלעגן מיר האָבן רעפעראַטן פון פּאָליט־עקאָנאָמיע. פרעלעגענטן זענען געווען נאכטיגאל און מאַשאָוויצקי. נאָכ־מיטאָג — 15 אַזייגער — זענען ווידער געווען רעפעראַטן פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. רעפערירן פלעגט אבֿרהם לעוו, וועלכער האָט זיך געקענט אויף די זאַכן. נאָכן אָוונטברויט פלעגן זיין טיילמאָל רעפעראַטן וועגן דער

אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע, ווי אויך לעקציעס פון דער פוילישער שפּראַך.

אייניקע טעג פאַרן 1־טן מאַי אין יאָר 1927 האָט דער תפיסה־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער קאַמער נומ. 18, איבערגעגעבן אלע פּאָליט־אַרעסטירטע ווי זיי דאַרפן זיך צוגרייטן צום פייערן דעם 1־טן מאַי: יעדער חבר דאַרף אויפן שפּאַציר האָבן אין קליאַפּע פון דער מאַרינאַרקע אַ רויט בלימל, און 11 אזייגער לויט אַן אָפּגערעדטן סיגנאַל אָנהייבן צו זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“.

אין דער פּראַקטיק האָט עס אויסגעזען אזוי: אזייגער 10 אין דער פרי האָבן מיר דערהערט פון דער זייט פון שאָסיי דאָס געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל“ און אויך קלאַנגען פון אָרקעסטער־מוזיק. דאָס האָבן די ביאַליסטאָקער ארבעטער דעמאָנסטרירט הינטער דער תפיסה. דאָס איז אויך געוואָרן אַ סיגנאַל פאַר אונדז. דער חבר אברהם לעוו, דער סטאַראָסטע האָט געגעבן דעם סיגנאַל. אונדזער גאַנצע קאַמער האָט אָנגעהויבן צו זינגען. אין קאַמער רייסט זיך אריין דער נאַטשעלניק פון תפיסה ראַטשקאָווסקי מיטן עלטערן היטער טאַנסקי — ביידע דענערווירטע און בייזע, מיט אַ געשריי: „נישט זינגען! איך וועל אייך ווייזן אַ זינגען“! קיינער פון אונדז האָט דאָס געזאַנג נישט איבערגעריסן. נישט קאָנענדיק זיך קיין עצה געבן זענען זיי ארויס. אָבער אין אַ ווײַלע ארום זענען ווידער געקומען טאַנסקי מיט אַנדערע, זיי האָבן צוגענומען נאַכטיגאַלן מיט מאַשאָוויצקין און זיי ארייננעזעצט אין איינצל־קאַמערן.

ווען עס האָט זיך אַ ביסל בארואיקט, האָבן מיר אין קאַמער זיך ווידער אומגעקערט צו אונדזער „נאָרמאַלן“ לעבן און דיסקוטירט וועגן כאַראַקטער פון דער מאַי־איבערקערעניש, איבער די פעלערן פון אונדזער פּאַרטיי אין יענעם מאָמענט.

אין הארבסט 1927 נעמט דער רעזשים אין תפיסה אָן אַלץ שאַרפערע פאָרמען. אַלץ אָפטער קומט דער פאַרבאָט אויף צו באַקומען שפּייז־פּעקלעך, ביכער, צייטונגען.

מיר הויבן אָן אַ הונגער שטרייק. ער דויערט 6 טעג און ענדיקט זיך מיט אונדזער זיג.

אין 1928 יאָר ברענגט מען אראָפּ אין ביאַליסטאָקער תפיסה אַ ריי חברים, צוו. אנד. פון די „133“: אפרים גאָלדשטיין („קאַרלאָווסקי“, „יאַקוב“ (אברהם זאַבאַריאַש), פרישמאַן, פּיאָטר מאַלינאָווסקי — (ארעכוואַקלישקאָ). די דאָזיקע חברים אנטוויקלען אַ ברייטע טעטיקייט, לייענען רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס.

*

* *

פון מיטן אפּריל ביזן 28 מאַי 1928 יאָר דויערט דער פּראָצעס פון 133, באשולדיקטע לויט די ארטיקלען 51, 102, 100. צום געריכט, וואָס

האָט זיך געפונען אויף וואַרשעווער גאַס, האָט מען אונדז געפירט אין קאַרעטקעס פאַר אַרעסטירטע, עסקאָרטירטע דורך ריימער=פּאָליציי.

אונטערוועגנס, יד. ה. אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן האָבן מיר געזונגען לידער און געוואָרפן לאָזונגען: „נידער מיט די פאַשיסטישע מערדער!", „נידער מיטן ווייסן טעראָר!". אויפן וועג האָבן זיך געזאַמלט פיל מענטשן. אונדזערע סימפּאַטיקער האָבן אונדז באַגלייט ביז צו דער געריכטס=געביידע.

פון דעם פּראָצעס געדענק איך צווישן אַנדערע די חברטע „העלענע" (ראָמאַנאַ וואָלף), אברהם זאַכאַריאַש, וויערא כאָראָנזשאַ, מאַלינאָווסקי, גאָלדשטיין, ליובאַ קאָווענסקאַ און חנה ראָזען, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דעם געריכטס=זאַל אין אַ רעוואָלוציאָנערע טריבונע. מען פלעגט זיי אָפט אָפּנעמען דאָס רעכט צו רעדן און אַרויספירן זיי פון זאַל. די חברים: אַבראַמסקי, קאַפּלאַן, איזיאַבלאָ, סערעדאַ, צוקער, וואָלף וואָלקאָוויסקי (אײנער פון די העלדן פון ביאַליסטאָקער געמאָ=אויפשטאַנד), איך און אַ סך אַנדערע האָבן געהערט וועגן די מאַרטירן, וועלכע מיר זענען דורכגעגאַנגען אין דער צייט פון דער אויספאָרשונג. אויפן זאַל איז פול געווען מיט שפּיצלען און פּאָליציי. דאָס האָט אונדז גאָרנישט געשטערט צו מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע. ווען עס איז צוגעטראָטן אָפּצוגעבן זיינע דערקלערונגען דער פּראָקוראָטאָר יאַן גורסקי, האָט אונדזער טופען מיט די פיס און געשרייען: „נידער מיטן פּראָוואָקאַטאָר!", פאַרטויבט זיינע רייד. דער פּראָקוראָר האָט פאַראָרדנט אַרויסצופירן אונדז אַלע פון זאַל.

אונדזערע אַדוואָקאַטן זענען געווען: שמיאַראָווסקי, דאָמבראָווסקי, בערענסאָן, ביילין, טילמאַן און אָקרענט. דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט פאַר אונדז אַלע 900 יאָר תפיסה. דאָס געריכט האָט אָפּגעמשפּט אויף 600 יאָר. מיר האָבן באַקומען פון 4 ביז 8 יאָר. איך האָב באַקומען 5 יאָר. נאָכן איבערלייענען דעם אורטייל האָט דער חבר מאַלינאָווסקי געוואָרפן דעם לאָזונג „נידער מיט דער פאַשיסטישער רעגירונג!"; אַלע האָבן גענומען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". די פּאָליציי האָט זיך אויף אונדז געוואָרפן, געשמידט און גרופּעסווייז אָפּגעפירט אין תפיסה. דאָס געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל" האָבן מיר אויך פאַרגעזעצט אויף די גאַסן פון ביאַליסטאָק.

*

* *

סוף 1928 האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין לאָמזשער תפיסה. דאָ בין איך געזעסן אין איין קאַמער מיט מאַריאַן בוטשעק. פאַר אונדז אַרעסטירטע איז מאַריאַן געווען נישט בלויז דער מוסטער פון אַן אמתן רעוואָלוציאָנער, נאָר אויך אַן אמתער פאָטער. יעדער אַרעסטירטער, וואָס האָט זיך נאָר געניטיקט אין אַן אָנשפּאַר, האָט אים געפונען אין מאַריאַנען.

אין דער לאָמזשער תפיסה איז די פּאָליטישע שולונג געווען אָרגאַניזירט. אונדזערע פּרעלעגענטן זענען געווען: פרישמאַן, אברהם זאַכאַריאַש,

גאָלדשטיין. דאָ פלעגן מיר פון צייט צו צייט באַקומען קאָמוניסטישע לי־טעראַטור פון דער פריי.

אין 1928 יאָר האָט מען אונדז ווידער געבראַכט קיין ביאַליסטאָק. אונדזער גרופּע איז זיך צעפאַלן, נאָר לערנען זיך האָבן מיר נישט אויפ־געהערט. איצט איז אונדזער לערער געווען דער חבר חיים העלער, מיט־גליד פון צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־ווייסרוסלאַנד.

צו יענער צייט בין איך מיטן חבר סטאַניסלאַוו גרינבלאַט געווען אין תפיסה־קאָמיטעט. ווען די אַדמיניסטראַציע האָט אונדז געוואָלט אָפּנעמען אונדזערע רעכט פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, האָבן מיר געענטפערט מיט אַ הונגער־שטרייק, וועלכער האָט געדויערט 10 טעג. די אַדמיניסטראַציע האָט געוואָלט דעם שטרייק איינברעכן פאַר יעדן פּרייז. אויפן 7־טן טאָג האָט מען אונדז קינסטלעך דערנערט. אָבער אויך דאָס מאָל האָט מען אונדז נישט איינגעבראָכן.

*

* *

אין יאָר 1931 בין איך אַרויס פון תפיסה און געקומען קיין זאַבלו־דאָווע. פון דאַנען האָט מען מיך אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט. בין איך אַוועק קיין מיכאַלאָווע, וווּ איך האָב אינגיכן געפונען אונדזערע חברים: דוד קאַפּלאַן, אַבראַמסקי, פּאַרצעוויטש. מיין פונקציע איז דאַן באַשטאַנען אין פירן פּאָליטישע אויפקלער־אַרבעט, ד. ה. איך האָב געזאָלט איבערגעבן דאָס, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין תפיסה. מען האָט מיך אָבער אינגיכן אַרעסטירט, שטאַרק צעשלאָגן און אַרויסגעשיקט פון מיכאַלאָווע.

פון יענער צייט געדענק איך, אַז אין זאַבלודאָווע און אין מיכאַלאָווע זענען טעטיק געווען די ח״ח וולאָדזשימיעזש איזיאַבלאָ (אַוועק קיין ראַטנ־פאַרבאַנד), פערעלגוט, לייזער וואָלף, משה גאַניאָנדזקי (נאָך 6 יאָר תפיסה געקומען אינגאַנצן אַ קראַנקער, פאַרענדיקט מיט זעלבסטמאָרד). איך בין אַוועק קיין ביאַליסטאָק. אין אָנהייב האָט מיך קיינער נישט געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט. נאָר אַדאַנק אייניקע חברים: פּוריץ, אַללער און הורוויטשן האָב איך געקריגן אַרבעט ביים פאַבריקאַנט מאַרגוליס.

אין ביאַליסטאָק האָב איך פאָרגעזעצט מיין פּאַרטייאישע טעטיקייט. אָפט פלעג איך מיך טרעפן אין דער וווינונג פון וועבער וואָלף שוואַרץ, מיט א. שטריכערן, וועלכער האָט דאַן געאַרבעט אין ביאַליסטאָק אונטערן פּסעוודאָנים אָרלאָווסקי, ווי אויך מיט אַנדערע חברים, וועלכע האָבן צו יענער צייט אָנגעפירט מיט דער פּאַרטייאישער אַרבעט אין ביאַליסטאָק. אין מיין וווינונג פלעגן זיך אָפט צוזאַמענקומען מיינע אַלטע פריינד פון מיכאַלאָווע, מיינע פּאַרטייאישע חברים יאַקוב סעגאַל און ראַיאַ אורוויטש.

די ח׳טע אורוויטש איז געווען דאַן אַקטיוויסטין אין דער פּראָפ.־באַ־וועגונג. אַליין האָט זי געשטאַמט פון קרינעק (הינטער גראָדנע) און

פון פאַר געווען אַ לערערין. זי האָט שוין געהאַט הינטער זיך זעקס יאָר תפיסה, און נאָכן פאַרלאָזן די תפיסה איז זי אָנגעקומען ארבעטן אין א טעקסטיל־פאבריק אלס קעטלערין. זי איז געווען פּאָפּולער און באליבט צווישן די טעקסטיל־ארבעטער. צוזאמען מיט איר האָבן געפירט אן אק־טיווע טעטיקייט צווישן די טעקסטיל־אַרבעטער דער חבר וואָלף וואָלקאָ־וויסקי און ל. לעוו. ערב דער מלחמה האָט דער חבר זיגמונט זימניאַק אנטוויקלט א ברייטע און אקטיווע טעטיקייט צווישן די ביאַליסטאָקער ארבעטער און צוזאמען מיט אים אויך זיין פרוי אַננאַ לעווין — א מיט־גליד פון דער פארטיי. צווישן די גארבער־ארבעטער איז פּאָפּולער געווען דער חבר לייב פוריע און צווישן דער יוגנט — ביעלער.

אַזוי האָבן געאַרבעט און געקעמפט דערצויגענע פון דער קפפ.

מ. פּופּס

שלום זשירמאַן — קעמפער און פּאָעט

ווילסטו דעם דיכטער דעריקע־גען, דאַרפסטו אין דיכטערס לאַנד גיין. שלום זשירמאַן, דער אַרבע־טער, רעוואָלוציאָנער און פּאָ־עט איז געבוירן אין ווילנע, גע־פאַלן אין קאַמף אין ווילנע. וועגן וועלכער ווילנע עס האַנדלט זיך, — דאָס דערציילט אונדז זשירמאַן אַליין אין אַ ליד זיינס, וואָס רופט זיך „סראָלקע דער טרעגער“:

אַז וועמען גערופן ט'מען „סראָלקע דער טרעגער“.
ניט „רעב“ און ניט סראָל: פּשוט „סראָלקע“ און שוין...
געדאַרפט האָט עס הייסן: אַ קנאַפּער פאַרמעגער,
געדאַרפט האָט עס הייסן: אַ „וואַזשנע פּאַרשוין“.

דאָס איז געווען דער זיידע. און דער טאַטע?

...אַ טרעגערס אַ זון וועט קיין רב שוין נישט זיין,
דאָס איז אַ מהלך פון אלף ביז שין...
ער פירט אים צו יידל דעם שוסטער אַריין:
„אָט האָט איר מיין יאַנקעלען אויף אַ טערמין“.

אין זשירמאנס משפחה האָט מען גוט געדענקט די אָקטאָבער־טעג פון 1905, די ביטערע יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע בעת דער ער־שטער וועלט־מלחמה, די דעצעמבער־טעג פון 1918, ווען אין ווילנע איז פּראָקלאמירט געוואָרן די ראטנמאכט...

שלום זשירמאַן איז אַלט געווען 11 יאָר, ווען איבער ווילנע האָט אויף קאַרגע פיר חדשים צום ערשטן מאָל אויפגעפלאַטערט די רויטע פאָן. זי האָט געבראַכט מיט זיך די האָפענונג אויף גאָר אַן אַנדער לעבן, ווי דאָס אייביקע מאַטערן זיך, אָן ברויט און אָן פרייד, וואָס שלום האָט געזען ביי זיין טאַטן אין שטוב און אין אַנדערע שטיבער פון דער יידישער אָרעמ־קייט. און גלייך נאָך דער ליכטיקער האָפענונג — דער שווידערלעכער פּאָ־גראָם פון פּילסודסקים לעגיאָנערן. רויב און מאַסן־אַרעסטן. 69 יידן, פריד־לעכע בירגער, דערמאָרדעט דורך די אויפגעהעצטע צעיושעטע לעגיאָ־נערן. און ווידער — דאָס שווערע, גרויע לעבן. אין א יאָר אַרום וועט נאָך אויפשיינען אויף אַ ווײַלע די זון. עס קומט דער יולי 1920, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך שטאַרק א רוק געטאָן אויף מערב, אָבער זי האָט געמוזט זיך צוריקציען, און ווידער איז ווילנע אונטער דער מאַכט פון די פּריצים...

די שטאָט איז אויסגעמאַטערט פון אָקופּאַציע און מלחמות. רעכט־לאָזיקייט, אַרבעטסלאָזיקייט הערשט אין די אַרבעטער־הייזער. אָבער דאָר־טן, נישט ווייט הינטער דער גרענעץ — איז דאָס צעשטורעמטע, רעוואָ־ליוציאָנערע רוסלאַנד. אין שטאָק־פינצטערניש שיינט נאָך העלער א ווייטער שטערן. אין 1924, ווען שלום זשירמאַן ווערט אַן אַקטיווער מיטגליד פון קאָמיוג, שפּירט זיך שוין אין ווילנע גאָר שטאַרק דער מעכטיקער אָטעם פון דער ראַטנמאַכט. די סאָוויעטן געווינען אָנהענגער קודם־כל אין די ברייטסטע אַרבעטער־קרייזן. עס קאָנען אָבער אויך נישט ביישטיין די לאָזונגען פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט אינטעליגענטן, באַלמעלאָכעס און קליינהענדלער. די אַרבעטנדיקע ווילנע דערוואַרט ברויט און פרייהייט פון מזרח. זשירמאַן איז א קינד פון זיין שטאָט, פון דער אָרעמער, טרוימענדיקער און קעמפנדיקער ווילנע.

דער זיידע האָט נאָך געדולדיק געטראָגן דעם יאָך:
„אַ יידל אַ טויב —
ניט קיין העלד, ניט קיין שלעגער“...
דער טאַטע האָט שוין געפרעגט קשיות:
„...די וועלט, זאָגט ער, בעט זיך ווי אויפן קאָפּ,
ס'איז ענג און עס קוועטשט, עס טוט וויי און ס'איז דול...“
דאָס אייניקל האָט געגעבן קלעפּ.

*

* *

דער לעבנסוועג פון שלום זשירמאַן איז גלייך ווי א ווירע. אין דער יידישער פאָלקס־שול, וווּ זשירמאַן האָט זיך געלערנט, האָט ער שוין גע־שריבן קינדער־לידער. אייניקע פון זיי זענען אפילו געווען אָפּגעדרוקט אין קינדער־זשורנאַל „גרינינקע ביימעלעך“, אַרויסגעגעבן פון באַקאַנטן ווילנער פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער שלמה באַסטאָמסקי. אָבער שוין אין שול האָט ער אָרגאַניזירט קינדער־קרייזן, אָנגעפירט פון קאָמיוג. נאָך

דער שול איז ער אַוועק אַרבעטן סטאָלעריי. ער זעגט און הובלט און — שרייבט לידער וועגן אַרבעטער, וועגן קאַמף. זיינע לידער ווערן אונטער־געכאַפּט פון דער אַרבעטער־יוגנט. מען זינגט זיי אין די וואַרשטאַטן, אין פאַריינען, אויף אויספלוגן. אין 1927 פּאַראינטערעסירט זיך זייער מיט זשירמאַנען די דעפענסיווע, און ער מוז אַרויספאָרן קיין וואַרשע. זשירמאַן איז דאָ פּאָרזיצער פון דער יוגנט־סעקציע ביים בוי־פאַריין, אַקטיוו אין קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד און — שרייבט רעוואָלוציאָנערע לידער. אין 1929 ווערט ער אַרעסטירט און מען שיקט אים אָפּ קיין ווילנע. זשיר־מאַן ווערט פאַרמשפּט אויף 6 יאָר תפיסה, וואָס ער זיצט אָפּ אין לוקיש־קעס, קאָראָנאָווע און גראָדנע. הינטער די קראַטעס, אין די שווערסטע באַ־דינגונגען, אָפּט אָן פּאַפּיר און בלייער שאַפט זשירמאַן זיינע תפיסה־לידער (דאָס לידער־בוך, וואָס וועט אין 1940 אַרויסגיין אין מאָסקווע, וועט זיך טאַקע רופן „דורך קראַטעס”). סוף 1935 איז זשירמאַן אויף דער פריי און שליסט זיך גלייך איין אין אַקטיווער פּאַרטיי־אַרבעט...

אין קאָנצלאַגער קאַרטוז־בערעזע איז שלום זשירמאַן אָפּגעווען באַלד צוויי יאָר. אויסגעשטאַנען די שווידערלעכסטע פּייניקונגען...

סוף 1939, ווען מערב־ווייסרוסלאַנד איז באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, געפינט זיך שלום זשירמאַן אין ביאַליסטאָק. דער העלע־דער מאָרגן, פאַר וועלכן עס האָט געקעמפט, וועגן וועלכן עס האָט גע־טרוימט אַלע זיינע יאָרן — אויף דער פריי, אין טורמע און קאַרצער און קאָנצלאַגער — שלום זשירמאַן, איז ענדלעך געקומען. צוזאַמען מיטן פאָלק איז אויך דערהויבן געוואָרן זשירמאַן, זיינע לידער דרוקן זיך אין די יידישע סאָוויעטישע צייטונגען, ער איז שוין מיטגליד אין פאַרבאַנד פון די סאָוויעטישע שרייבער. אין מאָסקווער פאַרלאַג „דער עמעס” גייט אַרויס זיין ערשטע לידער־זאַמלונג...

זומער 1940. ווילנע ווערט די הויפּטשטאָט פון דער סאָוויעטישער ליטע. זשירמאַן קומט צוריק אין זיין היימשטאָט און וואַרפט זיך אַריין מיטן גאַנצן ברען פון זיין קאָכיקער נשמה אין אויפגעברויזטן לעבן פון דער באַנייטער יונג־געוואָרענער אַלטער ווילנע. אין ווילנע דאַרף אַרויסגיין אַ צווייטע לידער־זאַמלונג פון שלום זשירמאַן. אָבער דאָ קומט די מלחמה, זשירמאַן באַוויזט נישט זיך צו עוואַקואירן און קומט אום אויף פּאָנאַר.

*

* *

שלום זשירמאַנס פּאָעזיע איז אַזוי עכט, אַזוי ערלעך און קעמפעריש, ווי זיין גאַנץ לעבן, ווי ער אַליין. און די פּאָעזיע זיינע איז נישט אָפּצו־טיילן פון זיין לעבן. דאָס איז געווען נאָך איין פאָרם פון זיין קאַמף, וואָס ער האָט געפירט, אַ קאַמף אויף לעבן און טויט פאַר פרייהייט, פאַר די רעכט פון פאָלק.

שלום זשירמאַן

מיין שוועסטערל

זי — די נויט, ער — דער טויט,
ביידע האַלטן זיך צוזאַמען,
ביידע אַלט, ביידע קאַלט,
און דאָס פאָלק זאָגט: ווינד דער מאַמען...

שטיבל־איין, שטיבל־אויס,
נישטערט טויט אין אַלע ווינקלען,
קינדער צאַרטע קלייבט ער אויס,
און די שרייערס לאָזט ער ליגן...

און דערשנאַפּט זיך צו מיין שטיבל,
קלאַפּט אין פענצטער: בום־בום־בום;
וועמען זוכסטו, קאַלטער איבל,
קומסט צו שלומקע סידון?!

עט, איך דאַרף נישט קיין סידונעס,
נישט אַזוי גיך שטאַרבסטו, וואַרט,
כ׳האָב דיין שוועסטערל געפונען,
אַזאַ שטילינקס, אַזאַ צאַרטס...

כ׳האָב פאַרגראָבן קאָפּ אין קישן,
און געכליפּעט מיט פאַרדראָס.
ס׳האָט אַ פראַגע מיך געביסן
און געעקבערט אַלץ: פאַרוואָס?

זי — די נויט, ער — דער טויט,
ביידע האַלטן זיך צוזאַמען,
ביידע אַלט, ביידע קאַלט,
און דאָס פאָלק זאָגט: ווינד דער מאַמען.

בערעזאַקעס גייען

ווי באַגנעטן גלייכע רייען
אַכטונג! בערעזאַקעס גייען...
אַלע פּלייצעס נומערירט,
און די אָפּטיילונג מאַרשירט!

אויף די אַקסלען די לאָפּאַטעס,
זינגט אַ פויגל — נאָגט עס, ציט עס...
זינג דיר, האַרציקער, דיין לידו!
פרילינג, הייסט עס, זינגט און בליט.

שטייט דער בושל א פאַרקלערטער,
פויגלשע געזאַנגען הערט ער —
דער פאַליעסער פילאָזאָף
וואכט אויף פעלדער האַלב אין שלאָף...

ווערן ווילדער טעמפּע היטער,
האָט רציחה זיך צעברענט,
פאַלט אַ צווייטער, פאַלט אַ דריטער.
ווערן שוואַכער פיס און הענט...

נעמען פיס זיך בויגן, בויגן,
שטאַרבן ווילט זיך — טויט איז רו..
ווערלט צעשווימט זיך פאַר די אויגן,
און די לעפּלען פאַלן צו.

יאָגט דיך אָן א האָגל שטעקנס,
רייסט ארויס פון טויט צוריק.
ווערסט מיר שלאָפן? כ'וועל דיך וועקן?
דו אַזוינער באַלשעוויק!!!

גיט אַ שטראָם אין מיר א גבורה,
כ'וואַרף עקשנותדיק אַ בליק
אויף דער בעסטיעס טעמפּער צורה:
וואָס זאָגסטו באַלשעוויק?!

ווער שטאַרבן וויל, דעם פעלט אויס מוט
צו גיין פאָרויס און גיין צוריק,
וואך אויף, עקשנותדיקער גלוט!
ביים קלאַנג פון נאָמען: באַלשעוויק!

טיפער, טיפער בייג דעם נאַקן,
מיט עקשנות גראָב און גראָב...
בלייכע ערד, ווי נישט דערבאַקן,
טרינקט דעם שווייס דיין טראָפּ נאָך טראָפּ...

האָט אַ פויגל זיך צעזונגען
דער בערעזער „סאָלאָוויי",
אַ האַלבן מאַי־טאָג איז געקלונגען
איבערטראָגן אָט אַזוי.

ווי באַגנעטן גלייכע רייען
הויבט די קעפּ, כאַטש פּיס פון בליי,
אַכטונג! בערעזאַקעס גייען,
יאָר דרייסיק זעקס אין חודש מאַי.

זון גייט אויף פון פייער־ימען
אין צעגליטע העלע פלאַמען:
נאַדיר, וועלט, אין פרייד און פלאָג,
אלציינס פון הערלעכקייט א טאָג...

א טאָג גייט אויף אין פאַרבן, פּראַכט,
אָרעמע פּאָליעסער טראַכט,
בענקט דיין ברייט נאָך פרייער ליד...
גייען מיר מיט גלייכע טריט.

איינס, צוויי, דריי, פיר,
לינקע, לינקע, גייען מיר!
„אָפּטיילונג קלאָפּ צו און שטיי!
הייבט זיך אָן א טאָג אַזוי:

איינגעבויגן טיף דעם נאַקן,
מיטן רידל גראָב און גראָב;
בלייכע ערד, ווי נישט דערבאַקן,
טרינקט דעם שווייס דיין טראָפּ נאָך טראָפּ.

איבער פלייצעס שניידט א שטעקן,
פּאַסן רויטע, ברוינע, גרינע...
וויפל כוח ס'וועט נאָך קלעקן,
גראָב און ווערג זיך מיט דער שנאה,

פאַלט ווער — אַ בוים אַן אָפּגעהאַקטער,
מיט די הענט פֿאַרשפּרייט ווי צווייגן,
אויף דער פּייכטער ערד פֿאַרפֿלאַנצטער,
און מיר גראָבן און מיר שווייגן...

ווייטיקט לויטערקייט פֿון הימל,
ווייטיקט פֿרילינגדיקע פּראַכט,
שטעכט די אויגן יעדעס בלימל,
און די זון סאַדיסטיש לאַכט.

קאַרצער

א סקריפּע דער ריגל — דער קאַרצער פֿאַרמאַכט.
זיבנטאָגיקע נאַכט...
בלייב איך שטיין קעגן פֿינצטערן גרויל
מיט א קללה אין מויל:
„עך, איר! ...״

גראָב איך זיך ווי אַ קראָט,
דורכן חושך א טראָט נאָך א טראָט,
קאָפּ פֿאָרויס, הענט פֿאַר זיך,
און איך קריך, און איך קריך,
און איך פֿריר...

נעמט דורך פֿראָסט יעדן ביין,
הילכיק קלינגען די ציין;
כ׳וועד ווי גלאָז האַרט און קאַלט,
אָט צעשיט איך זיך באַלד
אויפֿן שטיין...

פּלוצלונג פֿאַל איך אַוועק,
ווי א בוים אונטער זעג,
אין פֿאַרגליווערטן לאָף
ווערט פֿאַרשלונגען מיין שלאָף,
און איך ליג...

האָט זיך חושך צעברענט,
וויגן, וויגן זיך ווענט,
כ׳ליג מיט אויגן פאַרמאַכט:
הוידאַ־הוידאַ דורך נאַכט,
ווי אין וויג...

הונגערט מיך, קאַלט איז מיר,
גיט א בראַזגע א שטיוול אין טיר:
שפּרינג איך אויף — א דערשראָקענע קראָ:
„יעסטעם" — שריי איך אין חושך: כ׳בין דאָ:
מיט מיין פּיין...
שלעפּן זיך שווער ווי וועגענער בליי
אויף ליימיקע וועגן, נאָר הארץ, דו בלייבסט טריי...
צו ליכטיקע טעג דורך א פינצטערער שעה
איך מעלדע געהאָרכזאַם: איך בין דאָ;
און וועל זיין!!!

יוסף עפשטיין — קאָלאָנעל זשאָזעף זשיל



יוסף עפשטיין, איינער פון אַ סך מוטיקע, העלדישע זין, אויפגעהאָדעוועטע דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן. זיין לעבנס-וועג — אַן אויסערגעוויינלעך פּרעכטיקער.

געבוירן אין זאַמאָשטש אין 1914 יאָר, אין דעם זעלבן זאַמאָשטש, וואָס האָט דער פּוילישער און דייטשישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג געגעבן ראָזע לוקסעמבורג, דעם „אָדלער פון דער רעוואָלוציע" — ווי לענין האָט זי באַצייכנט; דער יידישער ליטעראַטור — דעם גרויסן יצחק לייבוש פּרץ. יוסף עפּשטיין איז טאַקע געווען פּרץ'עס אַ גאָר נאָענטער קרוב: זיין שוועסטערס זון.

נאָך אין דער גימנאַזיע איז ער צוגעטראָטן צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַלס צוואַנציק-יאָריקער בחור איז ער צום ערשטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן. זיינע קרובים האָבן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אים אַרויסצורייסן פון דער סאַנאַציע-תפיסה. מיטן הסכם פון דער פּאַרטיי איז ער אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. לעבנדיק אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין פראַנקרייך ביז 1936 יאָר, איז ער געווען טעטיק אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

אין 1936 יאָר האָט זיין רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט אים אַוועקגעטראָגן קיין שפּאַניע. צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע קאָמוניסטן פון פאַרשידענע לענדער פאָרט ער קעמפן קעגן פראַנקאָס בלוטיקער דיקטאַטור. אָנגעהויבן האָט ער זיין דינסט אַלס פּשוטער סאָלדאַט, שנעל אָבער אַוואַנסירט ער אויף אַ לייטענאַנט פון דער רעפּובליקאַנישער אַרטילעריע. דרייסט, מיט אויסדויער מאַכט ער אַדורך די גאַנצע שפּאַנישע קאַמפּאַניע. נאָכן טראַגישן פאַלן פון דער רעפּובליק קומט ער צוריק קיין פראַנקרייך, וווּ מ'זעצט אים איין אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער.

ס'ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה. יוסף עפּשטיין ווערט מאָ־ביליזירט אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. בעת אַ שלאַכט פאַלט ער אַריין אין דייטשישער געפאַנגענשאַפט. עס געלינגט אים אָבער צו אַנטלויפן. דורך דער שווייץ קומט ער צוריק קיין פראַנקרייך און שליסט זיך תיכף אָן אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. ער געווינט שנעל צוטרוי און אָנער־קענונג. אין זיין טעטיקייט איז ער מסירת־נפשדיק, מוטיק. ער צייכנט זיך אויס מיט קלאַרקייט פון געדאַנק און אומבויגזאַמקייט פון ווילן.

יוסף עפּשטיין פון זאַמאָשטש אָרגאַניזירט די ערשטע איבערפאַלן אויף די מיליטערישע עס־עס־אָפּטיילונגען אין פּאַריז, אין דער געגנט פון אָרעאַן און עליזעער פעלדער. אַלס קאָלאָנעל (פּולקאָווניק) זשיל פירט ער אָן מיט אָפּטיילונגען פון פראַנצויזישע פּאַרטיזאַנער און „פריע שיסער".

ווען די היטלעריסטן איז געלונגען אים צו אַרעסטירן אין אָקטאָבער 1943 — איז ביי זיי געווען ששון ושמחה. זיי האָבן זיך געריטמט דערמיט, וואָס זיי איז געלונגען צו כאַפּן אַזאַ „געפערלעכן פּוילישן באַנדיט", און דערצו... „איין יודע". נאָך די שווידערלעכסטע פּייניקונגען אין געסטאַפּאָ איז ער דעם 11 אַפּריל 1944 יאָר, אַ באַדעקטער מיט וווּנדן און אָפּגייענ־דיקער אין בלוט דערשאָסן געוואָרן.

אַזוי האָט געלעבט און איז געשטאָרבן יוסף עפּשטיין פון זאַמאָשטש — י. ל. פּרצעס ווירדיקער פּלימעניק, דער טרייער זון פון דער קפּפּ.

עס זענען פאַרבליבן צוויי „גריפּסן", וואָס יוסף עפּשטיין (קאָלאָנעל זשיל) האָט אַרויסגעשיקט פון דער תפיסה אין פרען צו זיין פרוי און קינד און צו זיינע עלטערן, דאַטירט דעם 6 אָקטאָבער 1943 און דעם 11־טן אַפּריל 1944. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ צאַרטע ליבנדיקע נשמה פון אַ מאַן, פאָטער און זון. אין דעם ל ע צ ט ן ב ר י וו שרייבט ער צו זיין „געליבטער פּאולא":

„היינט נאָך מיטאָג דריי אַזייגער וועל איך דערשאָסן ווערן. איך וועל אומקומען, טריי צו מיינע אידעאַלן ביזן לעצטן אָטעם־צוג. איך לאָז דיך איבער אַליין צוזאַמען מיט אונדזער טייערסטן ייִנגעלע. איך טראַכט איצט וועגן אייך. איך האָב אייך ליב אַזוי שטאַרק, מיין קליינינקע, טייערינקע. זיי מיר מוחל, אויב איך האָב דיך עפּוואָס באַעוולט. דו האָסט מיר אַזוי פיל גליק געגעבן... זיי מו־טיק, ליבסטע, באַשיץ אונדזער פּיצעלע... איך וועל זיכער באַווייזן צו שטאַרבן מוטיק. איך וועל שטיין אַנטקעגן דעם עקזעקוציע־פּלוטאָן און טראַכטן וועגן אייך, און אייער גליק".

און צום זונעלע שרייבט ער: „מיין טייערער פּיצעלע, מיין געליב־טער זונעלע! אַז דו וועסט זיין אַ גרויסער, וועסטו איבערלייענען אָט דעם בריוו פון דיין טאַטן. איך שרייב עס דריי שעה פאַר מיין אומקום פון דייטשישע קוילן. איך האָב דיך אַזוי ליב, מיין קליינינקער, איך לאָז דיך איבער מיט דער מאַמען. האָב זי ליב מער ווי אַלץ... גיב איר אַ סך פרייד.

XIII BRIGADA DOMBROWSKI · BATALLON PALAFOX

באָטווין

אָרגאַן פֿון דער יידישער קאָמפּאַניע א.נ. פֿון נאַפֿטאַלי באָטווין

3 אָקטאָבער 1938 · נומער 5 · קאַטאַלאָניע

א געזעגענונג

[illegible]

[illegible]

זיי אַ גוטער און בראַווער. גיב דער מאַמען וואָס מער גליק און פרייד... פאַרגעס נישט דיין טאַטן... זייט ביידע גליקלעך, און לעבט אין אַ בעסערער, מער מענטשלעכער וועלט".

אַזאַ איז געווען אונדזער יוסף עפשטיין. זאָל זיין נאָמען אייביק פאַר־בלייבן אינעם פאַנטעאָן פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפער.

באַאַרבעט דורך י. ג.

ע. באַמשטיק

אַזוי איז געווען אַמאָל

די הויז־אַרבעטערינס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פֿאַריין שוין אין יאָר 1918. די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פֿון פֿאַריין זענען געווען: מאַניע צעגעלקע, חייקע (איר פֿאַמיליע־נאָמען קאָן איך זיך נישט דערמאָנען), שרה ווייצמאַן און בנימין וואַלקער, אַן אַלטער רעוואָלוציאָנערער שוסטער־אַרבעטער, אַ געוועזענער בונדיסט. בנימין איז געווען אַ קראַנקער און געלאָמט אויף אַ פוס. דער חבר בנימין איז אַריבער צו די קאָמוניסטן און זיך געפונען אויף עמיגראַציע אין ראַטנפאַרבאַנד. געווען איז ער אַ גלענצנדיקער רעדנער. אין די ערשטע צייטן האָט ער געפירט אונדזערע פאַרזאַמלונגען. קיינער פון אונדז האָט נאָך צו יענער צייט נישט געהאַט די מינדסטע דערפאַרונג אין פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער טעטיקייט, ווייל ווען און ווו האָבן מיר אַזעלכעס געקאָנט באַקומען? לייענען און שרייבן האָט זעלטן ווער פון אונדז געקענט.

דאָס לעבן פון די צענדליקער טויזנטער יידישע אָרעמע מיידלעך אין אַמאָליקן פוילן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ טרויעריק בילד: געטריבן פון דער נויט, וואָס האָט געהערשט אין דאָרף און אין קליינעם שטעטל, האָט מען זיך געלאָזט אין דער גרויסער שטאָט זוכן אַ שטיקל ברויט. דאָס איז אָבער גאָרנישט לייכט אָנגעקומען. אָן אַ היים, אָן נאָענטע, ביי דער גרויסער אַרבעטלאָזיקייט, וואָס האָט געהערשט אין אַלע פאַכן, האָבן פיל פון זיי קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי פאַרדינגען זיך פאַר אַ שקלאַף צו רייכע באַלעבאַטים. אַן אמת שקלאַפיש איז געווען דאָס לעבן פון אַ דינסט. געהאָרעוועט האָט מען אַ גאַנצע וואָך, אָפט בלויז פאַרן עסן, פון פריען באַגינען ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין. בלויז שבת פלעגן מיר באַקומען די דערלויבעניש פון די באַלעבאַטים אַרויסצוגיין אויף אַ פאָר שעה. יענע, וועלכע האָט זיך אַ ביסל פאַרשפעטיקט, נישט געקומען צו דער צייט צוריק, איז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. זי האָט געקריגן די אמתע „גאָב“ פון דער „מאַדאַם“. נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז פאַר אַזאַ „זינד“ פלעגט די „מאַדאַם“ תיכף משלח זיין. פון וועלכע ס'איז סאָציאַלע פאַרזיכערונגען איז קיין רייד נישט געווען. „איר“ צימער איז געווען די קיך.

די דערנידערונגען און באַליידיקונגען, די קאַפריזן, וועלכע מען האָט געהאַט אויסצושטיין מצד דער באַלעבאָסטע, די זינדלעך און „געבילדעטע“

טעכטערלעך, די ביטול=באַציִונג מצד די „שיינע יידן“ צו דער „דינסט=
מויד“, האָבן געשאַפן ביי פיל פון אונדז אַ מינדערווערטיקייטס=געפיל, אַז
אומגלויבן, אַז מיר קאָנען מיט אייגענע כוחות אויסבעסערן אונדזער לאַגע.
איך דערמאָן זיך מיט וויפל מי און שוויִם עס איז אונדז, אַ גרופּע
באַוווּסטזיניקע הויז=אַרבעטערינס אָנגעקומען צו שאַפן דעם פאַריין. ביים
צונויפרופן די ערשטע פאַרזאַמלונג האָבן מיר אויסגעמאָסטן צענדליקער
שטאָקן. מיר זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, ביז מיר האָבן צונויפ=
גערופן אַ פּאָר צענדליק הויז=דינערינס. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען
אין דער פּריוואַטער וווינונג פון אַ לעדער=אַרבעטער, אין אַ בוידעם=שטיבל
ביי אַ ליכטל, דוכט זיך, אויף נאַלעווקעס 32. קליין אין צאָל איז געווען
די גרופּע מענטשן, וואָס האָט אויף זיך גענומען די שווערע אויפגאַבע צו
אָרגאַניזירן דעם פאַריין. אָבער געטריבן דורך דער נויט און שטאַרקן ווילן
אויסצובעסערן אונדזער לעבן, האָבן מיר ביסלעכווייז דערגרייכט אַ מצב,
אַז אין 1921 יאָר האָט שוין דער פאַריין געציילט איבער 300 מיטגלידער.
פון מיטגלידס=אָפּצאָל זענען מיר שוין געווען בכוח אויסצוהאַלטן אַ סעק=
רעטאַר און אַ גרויסן לאָקאַל אויף דער דלוגע 61.
די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אין יענע יאָרן
די ברייטע שיכטן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, ווי אויך די מיטגלי=
דער פון „בונד“, האָט אויך מיטגעריסן די הויז=דינערינס. די מערהייט
פון אונדזער פאַריין האָט סימפּאַטיזירט מיטן „קאָמבונד“. שפּעטער גע=
פינט זיך דער פאַריין אונטערן איינפלוס פון דער קאָמפּאַרטיי.
אין אויסערסט שווערע באַדינגונגען קומט אונדז אויס צו אַרבעטן.
דער פאַריין ווערט אין מאַי 1923 יאָר פאַרמאַכט צוליב דער אַגמדעקטער
ערשטער לאַנד=קאָנפערענץ פון דער קאָמוניסטישער יוגנט, וואָס איז דאָרט
פאָרגעקומען. דאָס אַלץ שרעקט אונדז אָבער נישט אָפּ. אין פּאָדערצימער פון
דערנערונגס=פאַריין אויף לעשנאָ שטעלט מען אַוועק אַ טישל און מען פירט
ווייטער די אַרבעט. אונדז געלינגט אויסצוקעמפן פאַר די אַרבעטערינס
בעסערע באַדינגונגען. אין דער ערשטער ריי דאָס אָנערקענען דעם פאַריין,
צונעמען און נישט באַזייטיקן אָן וויסן פון פאַריין. ווייטער: 3 מאָל אין
וואָך פרייע אָוונטן, קראַנקנקאַסע, אורלויב און מענטשלעכע באַהאַנדלונג.
ווי אַ סך פאַריינען, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער קאָמ=
אָנפירונג, האָט אויך אונדזער פאַריין נישט אויסגעמיטן פּאָליציייִשע
פאַרפאָלגונגען. אַלע פּאָר חדשים פלעגט דער פאַריין ווערן פאַרמאַכט.
ס'האָט נישט געהאָלפן דאָס ענדערן דעם נאָמען אָדער דאָס אונטערשרייבן
אַלעמאָל אַנדערע מענטשן אונטער דער לעגאַליזאַציע. אַזוי אַרום איז
אונדז אויסגעקומען צו פירן די אַרבעט אויף דער גאַס, אומלעגאַל,
אויף די אַזוי גערופענע „בירזשעס“. אין די שווערסטע באַדינגונ=
גען, אין פרעסט און שנייען. מען האָט אַראָפּגעטריבן פון איין אָרט, האָט
מען זיך שנעל איבערגעטראָגן אויף אַ צווייטן. נישט געלאָזט די הויז=דינע=
רינס אויפן באַראָט פון די „רייפוריקעס“ און „מאַדאַמען“.

אויסער דער פּראָפֿ.-טעטיקייט האָבן מיר אויך געפֿירט אַ פּאָליטיש-פּאַרטייאישע אַרבעט. דאָס פּאַרטיי-קעמערל האָט אין די יאָרן 1927—1928 געציילט אַן ערך 50 מיטגלידער און איז באַדינט געוואָרן דורך די ח'ח: שמעון זאַכאַריאַש, יונה הזבאַנעק, משה גרינבאום, (דער טויבער), אַדעלע הערץ, יודל ראָזענפֿעלד, אברהם ראָזענפֿעלד, פּייוול מאַלאַזש, קאַראָל פֿון די נאָדל א. אַנד. וועמענס נעמען איך געדענק שוין נישט. מיר האָבן אויך געהאַט אַ גרויסן מאָפּר-קרייז, וועלכער איז באַדינט געוואָרן דורך די ח"ח: חיים קראַמאַזש, ליובע שמולאָוויטש און העלענקע גראַף.

די רויטע פֿראַקציע אין דער צאָל פֿון 80 מענטשן איז באַדינט געוואָרן דורך די טייערע און געטרייע ח"ח געצל גוטערמאַן פֿון די בעקער און בערנאַרד פֿריידקעס, וואָס איז געפֿאַלן העלדיש אין שפּאַניע. די גרעסטע פֿאַרדינסטן האָט געהאַט דער ח' סענדער קאַנער (סענדער מאַסאָוויעץ — מאַלאַזש). ער און אַנדערע האָבן אָן אַ שיעור מי און צייט אַוועקגעגעבן פֿאַר אָרגאַניזירן די הויז-דינערינס.

נישט געקוקט אויף די ספּעציפֿיש-שווערע באַדינגונגען, האָבן מיר אָנטיילגענומען אין אַלע דעמאָנסטראַציעס, געקלעפּט פּלאַקאַטן, פֿאַרשפּרייט די פּאַרטיי-פּרעסע, געגעבן לאָקאַלן פֿון אונדזערע באַלעבאַטים, ווען זיי זענען געווען אויף דאַטשע, פֿאַר זיצונגען און סקלאַדעס פֿאַר אומלעגאַלער ליטעראַטור. אַרבעטנדיק שפּעטער אַלס פֿאַרבינדלערין פֿון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ און פֿון סעקרעטאַריאַט פֿון צ. ק. האָב איך די גרעסטע הילף געהאַט פֿון די חברטעס הויז-דינערינס.

צו די איבערגעגעבנסטע דעם פּאַרטיי און פּאַרטיי האָבן, ווי ווייט איך געדענק, געהערט צווישן אַנדערע: אסתר שפּאַקער (באַקומען אַ הויכע מלוכה-אויסצייכענונג פֿאַר רעוו.-טעטיקייט), יענטע סאַרנאַצקאַ (אָפּגעזעסן אַ תפֿיסה-אורטייל פֿאַר קאָמ.-טעטיקייט), העליע לאַקס, רויזשע מיגדאַל, רויזשע ווינוואָרצל, אידע בערנשטיין (געפֿינט זיך איצט אין ראַטנפֿאַרבאַנד).

סאַלע יערלינע — אַ הערלעכע געשטאַלט, אומגעקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ. ביי איר האָבן שטענדיק געפֿונען אַ היים הונגעריקע און פֿאַרפֿאָלגטע קאָמוניסטן. זי איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דער פּאַרטיי. חנה קאָטלאַזש, וואָס חברים האָבן זי גערופֿן „ס'מלאכל". זי פֿלעגט זיך אַרויפֿשטעלן אויף אַ סטראַגאַן אין סמאָטשער באַזאַר און אָפּהאַלטן מאַסיוקעס פֿאַר דער יידישער אָרעמקייט, רופֿנדיק זיי צום קאַמף קעגן די שטייערן-לאַסטן, יקרות און עקסמיסיעס. חנהס פֿינצטער קינדשטיבל, וווּ זי האָט געאַרבעט אויף נייקע-גאַס, האָט געדינט פֿאַר אַ שטענדיקן סקלאַד פֿון אומלעגאַלער ליטעראַטור.

אַזעלכע זענען זיי געווען, די הויז-דינערינס — די געפּלאָגטע פֿון די געפּלאָגסטע, די געדרודפּטע פֿון די געדרודפּטסטע. ערשט די קאָמפּאַרטיי האָט זיי אַריינגעפֿירט אין די רייען פֿון קעמפֿנדיקן פּראָלעטאַריאַט און געמאַכט פֿון זיי דאָס, וואָס איך האָב אויבן באַשריבן: קעמפֿערינס.

א. פריינד

חנהלע פון ראָזשישטש

אין אַ פּיטשינק שטעטעלע הינטער לוצק אויף וואָלין איז אין 1908 יאָר געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע — חנהלע. איר פאַמיליע־נאָמען איז געווען גיעפּאָמניאַשטשאַ ד. ה. „אַזעלכע, וואָס געדענקט נישט". היינט לעבט זי אין וואַלבזשיך, און לעבט מיט איר מאַן, אַ קינסטלער־מאָלער באָרושעק. פון פאַך איז זי אַ שניידערקע, אייגנטלעך — אַ פוטערוואַרג־נייערקע.

ווער דער טאַטע איז געווען, איז אונדז נישט געווען באַוווסט, נאָר כמעט די גאַנצע משפּחה אירע זענען געווען... קאָמוניסטן. איר שוואָגער קליינמאַן — איז שוין אין 1922 יאָר געווען אַרעסטירט פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. דאָס זעלבע אברהם אייזענבערג, איר שוועסטער זעלדע נעפּאָמניאַשטשאַ (וועלכע וווינט איצט אין אַרגענטינע) — אַלע קאָמוניסטן, אַלע זענען אַרעסטירט געוואָרן אין פעברואַר 1930 פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט און צוגעצויגן געוואָרן אין יאָר 1933 צום גרויסן קאָמוניסטן־פּראָצעס פון העכער 50 באַשולדיקטע אין לוצק. חנה אַליין איז באַשולדיקט געוואָרן אין אָנגעהערן צו אַ ראַיאָן־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־אוקראַינע. זי איז זייט 1925 געווען פּאָליטיש טעטיק אַלס קאָמוניסטקע אין באַקלייד־פאַריין פון דער בונדישער צענטראַלע. אויך די שוועסטער פון איר מאַן, רחל באָרושעק איז אָפּגעזעסן 4 יאָר פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט.

שוין דער קאָמוניסטישער „יחוס־בריוו" פון אַ גאַנצער פאַרצווייגטער משפּחה איז ווערט אויפמערקזאַמקייט. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה אין 1934 יאָר שיקט איר די פּאַרטיי צו אַרבעטן אינעם קרייז־קאָמיטעט פון וואָלינער געגנט.

אין אַן אַקציע קעגן שטייערן, קעגן פּאַציפיקאַציע, איז אַ שטרייק פון וואַלד־אַרבעטער אין 1934, וועלכער איז איבערגעוואַקסן אין אַן אָקופּאַציע־שטרייק — אַלץ אויף חנהלעס קאָפּ. אמת. זי איז שוין דעמאָלט געווען... אַ „גרויסע". נישט קיין זיבעצן־יאָריקע, ווי אין 1925 יאָר, נישט קיין 22־יאָריקע, ווען מ'האָט זי דאָס ערשטע מאָל אַרעסטירט, נאָר שוין אַ 26־יאָריקע, מיט אַ פריאָריקן טורמע־סטאַזש הינטער זיך. זי איז שוין העמאָלט געווען סעקרעטאַר פון באַקלייד־פאַריין.

מאַכט זיך, מעשה שטן, אַז הינטער דובנע, אינעם „כרך" וואַרקאָווישע דערהרגעט מען ווינטערצייט צוויי פּאָליציאַנטן. אויף די „קרעסן"

איז דאָס געווען נישט קיין גאָר זעלטענע דערשיינונג: אַזוי שטאַרק האָט מען דאָרט ליב געהאַט די פּאָליציי. און צוריק גערעדט, פאַרוואָס האָבן זיי די אוקראַינישע פּויערים געזאָלט ליב האָבן? אַ געוועזענער אוקראַינער, אַ געוועזענער פּאָפּ און אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט געקראָגן אַ צוטריט צום קרייז־קאָמיטעט און האָט דאָרט געזען חנהן. בקיצור, דעם 3־טן יולי 1935 אַרעסטירט מען זי ווידער אין דובנע, דאָס מאָל נישט די פּאָליציי, נאָר די גרענעץ־וואַך. זי שטעלט אַ ווידערשטאַנד ביים אַרעסט, און מע פירט זי אַוועק אַ צעמזיקטע אין דובנער דעפענסיווע. וואָס עס האָט זיך געטאָן דעמאָלט אין די וואָלינער (לוצק, דובנע) דעפענסיוועס, ווייסט יעדער פּוילישער בירגער פון יענער צייט. נישט איין אינטערפּעלאַציע איז אין סיים געווען מכוח דעם.

חנה ווערט באַשולדיקט אין מיטהעלפן צום מאָרד פון די צוויי פּאָליציאַנטן אין וואַרקאָוויטשע. זי ווערט פאַרמשפּט צום טויט. דער טויט־אורטייל ווערט פאַרביטן אויף 15 יאָר שווערע תפיסה. זי זיצט ביזן 3־טן סעפּטעמבער 1939 אין אַ ריי תפיסות: ווי לובלין, ראַווגע, פאָרדאָן. אין פאָרדאָן ברעכן די אַרעסטאַנטן אויס די קראַטעס און ראַטעווען זיך.

חנהלע איז געבליבן לעבן. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אין נחת און אין פרייד.

חנה דערציילט מיט ליבע און אָנערקענונג וועגן אַ מאָטל ווערבע, אַ קראַנקן, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט אין די קינדערשע יאָרן אַ קינדער־פּאַראַליזש. זיין הויז איז געווען אַ צענטער פאַר אַלע טוער. וואָס איז מיט אים איצט?

מ. שולשטיין

דער טאַטע שטרייקט

— נו, קינדער, שטיל זאָל זיין, נו, קינדער שווייגט —
זאָגט א מאמע בייז, זאָגט אַ מאַמע גיך,
נו, קינדער, שטיל, דער טאַטע שטרייקט,
און אַז דער טאַטע שטרייקט —
שטרייקן אויך די טעפלעך אויף דער קיך.

שלאָפט מען — און מיט הונגער אונטער קאָפּ,
אונטער קאָפּ געלייגט,
אונטער קאָפּ און האַנט...
— אוי מאמע, ס'פינסטער, פינסטער ווי נ'אַ טאָפּ,
— נו, קינדער, שטיל, דער טאַטע שטרייקט,
און אַז דער טאַטע שטרייקט —
שטרייקט ביינאַכט דאָס לעמפּל אויף דער וואַנט.
דערציילט אַזוי אַ מאַמע — אַ מאַמע נאָר דערציילט
און קינדער ווערן קיינמאָל, קיינמאָל מיד צו הערן...
— וועט דער טאַטע קומען
און דעם שטרייק געווונען,
און ברענגען ט'ער פון שטרייק, —

— מיר — אַ קלייד אַ נייע,
— מיר — שיכלעך אַ פּאָר,
— און מיר... און מיר... און מיר...
אַזאַ־אַ גרויסן ברויט.
— און פאַר מיר — אַ פענדעלע
אַ פענדעלע אַ רויטס.

וואַרט מען אָפּ אַ נאַכט, אַ טאָג, אַ צווייטן און אַ דריטן:
וועט אָנקומען אַ גרוס פון שטרייק,
אַ גרוס פון שטרייק אַ גוטער.
וועט אָנקומען, וועט קומען — און געקומען אויפדערנאַכט —
געברענגט אַ גרוס — געברענגט אַהיים אַ טאַטן אונטער הענט:
קאָפּ אין וווּנדן.

קאָפּ אין בלוט אַ סאַך, אַ סאַך, אַ סאַך,
קאָפּ אין באַנדן, אין באַנדאַזשן ווייסע איינגעבונדן
איינגעוויקלט און פאַרוויקלט, ווי אַ הייפּטל קרויט,
און פון באַנדן, אונטער ווייסקייטן אפּער,
ווי צוויי גלאנצנדיקע שטיקלעך אייז, פון אונטער שניי, —
קוקן אויגן ווייטאָקדיק אזוי.
קוקן אויגן פּראָסטיק, קאלט און שטים,
בלייבט אַ טאַטע ליגן שטיל און שווער,
בלייבט אַ טאַטע ליגן און ער שווייגט,
און פּאָר קינדער נישט געברענגט,
נישט געברענגט פון שטרייק —

קיין קליידעלעך,
קיין שיכעלעך
און נישט קיין ברויט,
נאָר אַ העמד מיט בלוט, —
אַ פענדעלע, אַ פענדעלע
אַ רויטס.

„ליטעראַרישע טריבונע", לאָדזש נומ. 4 (27), אַפּריל 1932.

יעדן אָוונט

יעדן אָוונט שפּילט דאָ דער קלאַוויר
הינטער פרעמדער, ליכטיקער גאַרדין.
און יעדן אָוונט, ווען כ'גיי אונטער דער וואַנט,
איז שווער אַזוי מיר הערן און צו זען,
ווי העל און הילכיק עס צעלאַכט זיך דער קלאַוויר
מיט קלאַווישן ווייסע ווי מיט ציין.
ס'האָבן ציין אזוי אָט נעכטן און ערשט היינט
געשטשירעט ווילד, רעציכעדיק צו מיר, צו דיר, צו אונדז
פון יעדן ווינקל דאָ, פון יעדן ראָג, פון יעדן אָרט —
איז שווער אזוי מיר הערן און צו זען,
ווי העל און הילכיק עס צעלאכט זיך דער קלאַוויר
מיט קלאַווישן ווייסע ווי מיט ציין.

יעדן אָוונט שפּילט דאָ דער קלאַוויר
הינטער פרעמדער, ליכטיקער גאַרדין.

און ווען עס גיבן די אַקאָרדן אַ צעשיט זיך פלינק,
קלינגט אָן אין אויער און צעוויגט זיך אַזוי שטיל
אַ נאָענטע, אַזאַ לאַנג, אָ, לאַנג באַקאַנטע שוין מוזיק...
נאָר וואָס? פון וואַנען? — יאָ, כ׳דערמאָן זיך און דערהער:
ס׳גיבן זיך אויף שטיינער א צעשיט
שאַרפע, גיכע, פלינקע פאָדקאָוועס פון פערד.
און כ׳הער: עס לויפן דעמאָלט די אַקאָרדן גיך
לויפן, לויפן הילכיק, לויפן הילכיק נאָענט
צו מיר, צו דיר, צו אונדז — — —

יעדן אָוונט שפּילט דאָ דער קלאַוויר
הינטער פרעמדער, ליכטיקער גארדין.
און יעדן אָוונט, ווען כ׳גיי אונטער דער וואַנט,
איז שווער אַזוי מיר צו הערן און צו זען,
ווי העל און הילכיק עס צעלאכט זיך דער קלאַוויר
מיט קלאווישן ווייסע, ווי מיט ציין. —

„ליטעראַרישע טריבונע“ נומ. 4 (37), לאָדזש, 15־טער דעצעמבער 1932.

ז. זילבערבערג

„אַ נ נ ע"

מיט אַננען* האָב איך זיך באַקענט נאָך זומער 1931 יאָר. אויף דער „בירזשע"** האָט זי געבראַכט איינער פון די מיטגלידער פון ראַיאָן־קאָמיטעט פונעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין קאַליש. ער האָט מיר געמאָלדן, אַז זי וועט באַלאַנגען צו מיין קעמערל. זי איז אַלט געווען אַ יאָר 17. דאָס איז געווען אַ מיידל מיט אַ סמוגלע, בלאַס געזיכט, אָבער אַ בליק האָט זי געהאַט אַ שאַרפן, אַ דורכדרינגלעכן. זי האָט נישט אויסגעקוקט אויף אירע יאָרן. זי האָט געטראָגן אַן אָפּגעניצטן גראַנאַט־פאַלטן, אַרומגעצויגן מיט אַן אויסגעריבענעם לעדערנעם פאַסעק. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ בערעט, פון אונטער וועלכן עס האָט אַרויסגעשמעקט אַ זאָרגהאַפט־אויסגעפלאָכטן צעפּל.

אין טעכנישע אַקציעס האָט אַננע נישט אָנערקענט קיין שום כללים פון קאָנספּיראַציע. זי האָט געהאַלטן, אַז פאָרזיכט־מיטלען האַמעווען דאָס אויספירן פון די אויפגאַבן און גרענעצן זיך מיט פּחדנות. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די אָרגאַניזאַציע געהאַט נישט ווייניק קלאָפּאָטן. אייגנס מוז מען מודה זיין, אַז אין איר קאָנספּיראַציע־אַרבעט האָט זי געהאַט אַ כּך איינפאַלן, און נישט איינמאָל האָט זי אָפּגענאַרט די שפּיצלען. זי איז געווען דרייסט, און די יאָרן, וועלכע זענען מיט איר געגאַנגען אויף אויספירן פאַרשיידענע אַרבעטן, האָבן זיך געמוזט צופּאַסן צו אירע פּלענער. אין קעגנפאַל האָט זי באַלד אַ פרעג געטאָן: האָסט מורא? און פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט נישט געוואָלט ריזיקירן מיט זיין רעפּוטאַציע, ווייל פאַר אַ יונגן קאָמוניסט איז נישט געווען קיין גרעסערע חרפּה, ווי די מיינונג, אַז ער איז אַ פּחדן.

אַננע האָט געשטאַמט פון אַ קאַלישער אָרעמער משפּחה. זי האָט נישט געוווּסט פון קיין קינדהייט. פון 14 יאָר אָן האָט זי שוין געאַרבעט, און צו 17 יאָר איז זי געווען די איינציקע שפּייזערין אין שטוב. זי האָט געהאַט אַ פאַרביטערטן אויסזען, אפילו בעת זי האָט געלאַכט. בעת זי איז

---

* אַננע איז געווען די יונגע קאָמוניסטקע חנה יאַסטשעמבסקאַ.

** „בירזשע" — „געלדע" — די גאַס, וו פּאַרטיי־מיטגלידער פלעגן זיך טרעפן אין אַ באַשטימטער שעה, כּדי צו באַקומען אַן אויפגאַבע. (באַמערקונגען פון אויטאָר).

וואַרשע, 12 דעצעמבער 1934
פרייז 15 גראשן
№ 1
בליץ
צווייוואכנשריפט פאר ליטעראטור, קונסט און פארש
ש. לובלינער
JUNGIER DOR
פריין 15 גר.
יונגער דאר
Warszawa, 15 stycznia
1936

געשטאַנען פאַר אַן אוממיטלבאַרער סכנה, האָט זי געקאָנט זיין קאַלט־בלוטיק.

איך געדענק, ווי אין פרילינג פונעם זעלבן יאָר איז אננע אַוועק מיטן „באָלשעוויק"*, כדי פאַנאַנדערצוּוואַרפן פּראָקלאַמאַציעס אין די קאַזאַרמעס פון 25־טן פּולק, אויף פּיסקאָזשעווו־גאַס אין קאַליש. זיי זענען אַוועק אין אָוונט און אַריבערגעוואָרפן ליטעראַטור דורכן פּלויט אויפן זאַמל־פּלאַץ. זיי האָבן גערעכנט, אַז אויף צומאָרגנס אינדערפרי, ווען די זעלנער וועלן אַרויס אויפן זאַמלפּונקט, וועלן זיי געפינען די פּראָקלאַמאַציעס. אָבער דריי אָפיצירן, וועלכע זענען אַרויס פון דער וואַך, האָבן זיי באַמערקט. דער „באָלשעוויק" האָט זיך צעטומלט און אַנטלאָפן דורך אַ פּוסטן פּלאַץ אין דער ריכטונג פון דער נייער גאַס. אננע האָט אויך אָנגעהויבן אַנטלויפן. נאָך אים האָבן זיך אַ יאָג געטאָן צוויי אָפיצירן און דער דריטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אננען, וועלכע איז אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון דער שאָפּען־גאַס. אים האָט מען געכאַפּט און אָפּגעפירט אויף דער וואַך. אָבער אננע, ווען זי איז אַריין אין דער שאָפּען־גאַס, האָט אָנגעהויבן רויק צו שפּאַצירן. ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט, און דער אָפיציר האָט זי נישט דעריקענט. ווען ער איז צו איר צוגעגאַנגען אַ צעהיצטער און געפרעגט, צי זי האָט נישט באַמערקט אַ לויפנדיק מיידל, האָט זי געענטפערט, אַז אין דער ריכטונג פון דער נייער גאַס איז דאָ נישט לאַנג געלאָפן אַ מיידל.

דער אָפיציר איז אַוועק ווייטער. דעם „באָלשעוויק" האָט מען ווי געהעריק צעממיתט אויף דער וואַך און אין דער פּאָליציי, אָבער ער האָט קיינעם נישט אַרויסגעגעבן. מען האָט אים פאַרמשפּט אויף פינף יאָר שווערע תפיסה.

אין דריי טעג אַרום בין איך מיט אננען אַוועק אויף אויסצופירן אַן אַרבעט. אונדזער אויפגאַבע איז געווען צו שרייבן לאָזונגען אויף די ווענט און פאַנאַנדערוואַרפן פּראָקלאַמאַציעס פאַר די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף עפנטלעכע אַרבעטן אויפן שאָסיי, נעבן דעם שטאָטישן שעכטהויז. דאָס איז געווען פונקט פאַרן 1־טן מאַי. אויפן קילינסקי־פּלאַץ האָבן מיר געשריבן לאָזונגען. פונדערווייטנס האָט אונדז באַמערקט דער שפּיצעל פּאַווליאַק, און אפשר האָט ער זיך אונדז בלויז אויסגעדאַכט, אַז ער האָט אונדז באַמערקט. מיר האָבן פאַרקערעוועט אויף דער 3־טער מאַי־גאַס — דאָס איז געווען אַ פינצטערע גאַס. פון דער רעכטער זייט האָט זיך געצויגן אַ געמויערטער פּלויט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם פּאַרק פונעם בערנאַרדינער קלויסטער. אננע האָט זיך תיכף אָריענטירט און מיר פאָרגעלייגט, איך זאָל אַריבערקריכן איבערן פּלויט. חוץ דעם איז אין דער דאָזיקער סיטואַציע נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג. איידער איך האָב מיך

* „באָלשעוויק" איז געווען דער יונגער קאָמוניסט יאַרמעק ראַט. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן „באָלשעוויק", ווייל ער איז אין 1919 געבוירן געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד.

אָריענטירט איז שוין אַנגע געזעסן אין דער הייך. מיר זענען אָפּגעזעסן אינגאַרטן אַ גאַנצע שעה צייט, און נאָכדעם, ווען מיר האָבן באַמערקט, אַז קיינער דרייט זיך נישט אויף דער גאַס, האָבן מיר באַשלאָסן פאָרצוזעצן אונדזער אַרבעט.

אין יוני 1932 יאָר האָט די פּאַרטיי, קאָמיוג און אַנדערע פאַרבינדעטע אָרגאַניזאַציעס באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ רייע עפנטלעכע אַרבעטער־אַרויסטריטן אין קאַליש. דאָס איז געווען נאָכן גרויסן דורכפאַל, וואָס האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט די פּאַרטיי, און עס האָט זיך געפאָדערט צו באַווייזן די אַרבעטער, אַז די פּאַרטיי לעבט און איז טעטיק.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן איינצואָרדענען אַ מאַסוווקע. יוני 1932, זונטיק, 10 אַזייגער איז פאָרגעקומען די מאַסוווקע פאַרן קלויסטער אויף דער סטאַניסלאַוו־גאַס. דער עולם איז אַרויס פון קלויסטער. ס'איז צוגעגרייט געוואָרן אַ ספּעציעלער אויפרוף, צוגעשיקט פונעם צ. ק. איך דערמאָן זיך, אַז דער אויפרוף האָט געוואָרנט קעגן די וואַקסנדיקע איינפלוסן פון פאַשיזם אין דייטשלאַנד און קעגן דער סכנה, וואָס באַדראָט דאָס פּוילישע פאָלק. איך האָב באַקומען אַן אויפגאַבע נאָך דעם אַרויסטריט אַרויסצולאָזן אַ טויב מיט אַ צוגעבונדענער רויטער לענטע צום פיסל, ווו עס איז געווען אַן אויפשריפט: נידער מיט פּילסודסקיס פאַשיסטישער דיקטאַטור! די טויב האָב איך באַקומען אויף גראָדזקע־גאַס פון רויזע אַראָנאָוויטש. מיר האָבן זיך איינדערשטיל אָפּגעזעגנט און אַוועק דורך פאַרשידענע וועגן צום אָרט פון דער מאַסוווקע. די טויב האָב איך געהאַלטן אונטער דער מאַרינאַרקע פון דער לינקער זייט, און יעדע באַוועגונג אירע האָב איך געשפּירט ווי דעם דופק פון מיין אייגן האַרץ. כדי זיך צוצוגעבן מוט האָב איך איינדערשטיל דעקלאַמירט רעוואָלוציאָנערע לידער, פאַרצויגן אין זיך מעלאָדיעס (אַזוי האָבן זיך די קאָמיוג־מיטגלידער אָפט נוהג געווען). איך געדענק ווי היינט, אַז מיינע ליפּן האָבן מיט ברען געשעפּטשעט בראָניעווסקיס אַ ליד.

ווער נאָך האָט אַזוי גוט פאַרשטאַנען אונדזער פאָעט, ווי מיר, יונגע קאָמוניסטן! בעת ס'איז געהאַלטן געוואָרן די רעדע, בין איך געשטאַנען אין פאָדערהויז, און ווען זי האָט זיך פאַרענדיקט, בין איך אַרויס און אָפּגעלאָזט די טויב. זי איז געווען אַזוי אָפּגעמאַטערט, אַז זי האָט זיך קוים אויפגעהויבן אינדערלופטן. אינגיכן איז אָנגעקומען אַ שטאַרקע פּאָליציי־אָפּטיילונג און איינגעאָרדנט אַ הריגה. פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ מין לאַגע האָבן געליטן אַ סך אומשולדיקע. מען האָט אַרעסטירט עטלעכע צענדליק מענטשן. מיך האָט מען אַרעסטירט ערשט נאָך מיטאָג. מען האָט מיר תיכף פאָרגעוואָרפן, אַז דאָס האָב איך אַרויסגעלאָזט די טויב, צו וואָס איך האָב זיך, פאַרשטייט זיך, נישט מודה געווען, אָבער אַ פּשוטער צופאַל האָט מיך אַרויסגעגעבן.

פאָרגעקומען איז עס אַזוי: אויפן דריטן טאָג האָט מען מיך אַריינגעפירט אין דער פּאָליציי, ווו מען האָט פאָטאָגראַפירט. מען האָט פאָטאָ־

גראַפירט אין פֿאַרשידענע פּאָזעס. ווען מען האָט מיר געהייסן אראָפּנעמען די מאַרינאַרקע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טויב האָט פֿאַרשמוצט מיין העמד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אויספאָרשונג. דער דאָזיקער צופֿאַל האָט אַרויסגערופֿן אַ געוואַלדיקע סענסאַציע ביי דער פּאָליציי. אַגב צו באַטראַכטן מיין העמד איז געקומען דער פּאָליציאַנט גיעמטשעווסקי, וועלכער האָט באַלד געמאָלדן, אַז ער דערקענט מיך, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק אָוונטצייט האָב איך געשריבן לאָזונגען אונטער זיין פֿענצטער, וואָס איך האָב פֿאַקטיש געטאָן.

גיעמטשעווסקי האָט געווונט אויפֿן פֿאַרטער אָנהייב נייע וועלט-גאַס. די לאָזונגען האָט געשריבן אַננע, און איך בין געשטאַנען אויף דער וואַך. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט געוווסט, אַז דאָרט וווינט אַ פּאָליציאַנט. מיטאַמאָל האָט זיך דאָס פֿענצטער אויפֿגעעפֿנט און עס האָט זיך באַוויזן אַ היטל פֿון אַ פּאָליציאַנט. איך האָב אַ ווונק געטאָן אַננען, אָבער זי האָט קאַלטבלוטיק פֿאַרענדיקט די אויפֿשריפֿט, און מיר האָבן זיך ביידע אָפּגעטראָגן.

אַזוי בין איך צום ערשטן מאָל אַריינגעפֿאַלן אין תּפֿיסה. איך בין דעמאָלט געווען דער איינציקער, וועלכער איז געשטעלט געוואָרן פֿאַרן געריכט. בנוגע די איבעריקע זענען נישט געווען קיין גענוגנדיקע באַווייזן. פֿון די יונגע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין יענער מאַסן-וואָך, געפֿינען זיך איצט אין פֿויזן: מאַריאַ קוויעטשינסקאַ (סטאַראָסלאַווסקאַ) און מיכאַל קאָן, וועלכן מען האָט דעמאָלט אַרעסטירט. ער איז אָפּגעזעסן עטלעכע טעג.

אויפֿן דריטן טאָג נאָכן אָנקומען אין תּפֿיסה איז אויסגעבראָכן אַ הונגער-שטרייק פֿון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. איינע פֿון די אַרויסגעשטעלטע פּאָסטולאַטן איז געווען, אַז די זעונגען פֿון די קרובֿים זאָלן פֿאָרקומען נישט דורך קיין דראָטן. קיינער האָט זיך נישט איינגעבראָכן, הגם דער קאַמף איז געווען אַ שווערער. מיר האָבן געהונגערט זעקס טעג נאָכאַנאַנד. אַ סך פֿון אונדז האָט מען געשלאָגן און אַריינגעזעצט אין קאַרצער. אָנשטויסנדיק זיך אויף אַזאַ מין האַרטנעקיקייט מצד דער תּפֿיסה-קאָמונע, איז די אַדמיניסטראַציע געצוווּנגען געווען צו גיין אויף געוויסע הנחות.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער אַקציע, האָט מען מיר געמאָלדן, אַז צו מיר איז געקומען מיין טאַטע און מיין כּלה. אויפֿן גאַנצן וועג פֿון דער קאַמער האָב איך זיך געבראָכן דעם קאָפּ, וואָס איז עס פֿאַר אַ כּלה, און ווער איז זי. איך האָב געשטויגט, ווען אין טרעף-צימער האָב איך זיך ביי זייט מיטן טאַטן דערזען אַננען. אַ זעונג האָבן באַקומען דריי אַרעסטירטע באַראַמאָל. אַננע מיט מיין טאַטן זענען געשטאַנען אינמיטן.

ווען איך בין צוגעגאַנגען צום באַריער, האָט זי זיך מיר אַ וואָרף געטאָן אויפֿן האַלדז, אָנגעהויבן צו וויינען און צו קושן, מיך געפֿרעגט צי איך בין אָנגעשוואָלן, אַרויסגעוויזן אַ סך פֿילבאַרקייט. איך בין פּשוט צעטומלט געוואָרן. איך האָב זיך דערויף נישט געריכט. די דאָזיקע סצענע

האָט מיך געשטעלט אין אַן אומאָנגענעמער לאַגע, בפרט אַז ביי אונדזער זייט איז געשטאַנען אַן אָפיציר, און איך בין אַלט געווען בלויז 17 יאָר. איך האָב זיך אפילו געוווּנדערט, וואָס דער אָפיציר האָט איר דערלויבט די זעונג. מיטאַמאָל האָב איך דערשפירט, אַז אונטער מיין העמד האָט עפּעס אַ שורשע געטאָן, און אַנגע האָט אַ שעפּטשע געטאָן אין אויער: שוּ־מה, מיין נישט, אַז צוליב דיין אָדער מיין פאַרגעניגן קוש איך דיך. זי איז אַפּגעטראָטן. איך האָב דערשפירט אונטערן העמד עטלעכע צייטונגען. איך האָב גערעדט בלויז מיט אַנגען. דער טאַטע האָט גערעדט מיטן פּאָליציאַנט, קענטיק צו פאַררעדן אים די ציין. דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַ פון פאָרויס־אויסגעאַרבעטער פּלאַן. איך בין אַוועק צוריק אין קאַמער, טראָגנדיק די „סכנותדיקע משא“. אויפן וועג האָט דער פּאָליציאַנט געוואָרפן אויף מיר אַ דורכדרינגלעכן בליק — אַ סברה, אַז ער האָט עפּעס געמוזט באַמערקן, אָבער ער האָט זיך געמאַכט כלא־ידע. אין קאַמער האָב איך אַרויסגענומען די צייטונגען. דאָס זענען געווען האַלב־לעגאַלע ליטעראַרישע צייטונגען: א וואָכנבלאַט „זע שוויאַטאַ“, וואָס פלעגט דעמאָלט דערשיינען אין בידגאָשטש און אַ יידישע צייטונג. אין די תפיסה־באַדינגונגען איז עס געווען אַן אמתער אוצר. די דאָזיקע צייטונגען האָבן אַרומגעוואַנדערט פון איין קאַמער אין דער צווייטער.

נאָך מיין אַרויסגיין פון דער תפיסה האָב איך שוין אַנגען מער נישט באַגעגנט. עס האָבן נישט געהאָלפן אירע „פּעיקייטן“ און זי איז אַריין אין תפיסה, ווערנדיק פאַרמשפּט אויף דריי יאָר. ווען זי איז באַפרייט געוואָרן, בין איך אַריינגעפאַלן אין תפיסה, דערנאָך אַוועק קיין בערעזע, און אונדזערע וועגן זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

י. יאַקובאָוויטש

פאַקטן און עפּיזאָדן

זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין אָנצוּוואַרפן עטלעכע שטריכן, דערמאָנען טייל פאַקטן און עפּיזאָדן צום נאָך נישט אָנגעשריבענעם קאַפּיטל: „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו", מיט דער כוונה, אַז דאָס וועט אפשר אָנרעגן אויך אַנדערע, לײדער אַזוי ווייניק איבערגעבליבענע געווע. מיטגלידער פון קפּפּ, קזמפּ, מאָפּר, לינקער פּראָפ-אָפּאָזיציע, וועלכע געפינען זיך ביי אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד, אויך אָנצושרייבן זייערע דערינערונגען אַלס מאַטעריאַל פאַר די געשיכטע-פאָרשער.

טשענסטאָכאָוו. ביי פיל ווערט דער באַגריף פון דער שטאָט ווי צוזאַמענגעפלאָכטן מיטן בילד פון די באַקאַנטע קלויסטערס, וואָס זענען דאָרט פאַראַן, צו וועלכע מאַסן גלויביקע זענען עולי-רגל.

אין אָט דער שטאָט האָט ביינאַנד מיט דעם אָרטיקן פּראָלעטאַריאַט געלעבט אַ קאָמפּאַקטע יידישע אַרבעטנדיקע און האָרעפּאַשנע באַפעלקערונג, מיט שיינע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס נאָך פון די צייטן פון דער סדקפּל. אין די יאָרן צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט-מלחמה ווערט אין אונדזער שטאָט געפירט אַ פאַרצווייגטע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אויפן פּאָליטישן, פּראָפעסיאָנעלן און קולטור-געביט. די קפּפּ שפּילט דאָ אַ וויכטיקע ראָל, פאַרמאָגט אַ ריי קעמערלעך און קרייזן, שטאַרקע איינפלוסן אין די אָרטיקע פּראָפ-פאַריינען פון די לעדער-, נאָדל- און אַנדערע אַרבעטער, ווו עס גייט אָן אַ שאַרפער קאַמף קעגן די רעפאָרמיסטישע פאַרטייען, דער עיקר קעגן „בונד".

אין 1926 בין איך אַלס יונגטלעכער אַרבעטער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יוגנט-סעקציע פון טשענסטאָכאָווער לעדער-פאַריין. אַ קורצע צייט דערנאָך האָט די פּאָליציי פאַרחתמעט דעם לאָקאַל. אונדזער פּאַרטיי האָט פאַרגעלייגט דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט פון פאַרחתמעטן פאַריין אַריינצוטרעטן אין פאַריין, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן „בונד". ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אונדזערע אָנהענגער בילדן אַ מערהייט. די בונדישע פירער האָבן שטאַרק מורא געהאַט, אַז מיר וועלן ביי די קומענדיקע וואַלן באַקומען אַ מערהייט אין דער פאַרוואַלטונג, און האָבן מיט אַלע מיטלען באַשלאָסן צו באַזייטיקן אַלע אָנהענגער פון דער „לינקער אָפּאָזיציע". מיר

זײַנען אַלזאָ געווען געצוווּנגען זיך צו פֿאַרשטענדיקן מיט די „אומאָפּהענגיקע"* און מיט דער הילף פֿון זייער לעגאַליזאַציע געשאַפֿן אַ לעדער־פֿאַריין פֿון פּוילישע און יידישע אַרבעטער. פֿאָרזיצער פֿון פֿאַריין איז געווען דער ח' פּיאַסעצקי, סעקרעטאַר — ח' שמעון פּרענטקי. ח' פּיאַסעצקי ווערט קורץ נאָכדעם אַרעסטירט. ער ווערט דערנאָך אַרויסגעלאָזט אויף קויציע און פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד. אויך דער סעקרעטאַר ח' פּרענטקי מוז פֿאַרלאָזן די שטאָט צוליב פּאָליצייאישע רעפּרעסיעס. נאָך זייער אַוועקפֿאָרן ווערט אַלס פֿאָרזיצער אויסגעוויילט דער ח' ווינצענטי סאָבוטקאַ און איך אַלס סעקרעטאַר, מיר האָבן אָנגעפֿירט מיט דער אַרבעט ביזן 1935 יאָר.

*

* *

געווען איז דאָס אין 1931 יאָר. עס האָט זיך דערנענטערט דער 1־טער מײַ. זינט עטלעכע יאָר זענען צוליב אַרעסטן, רעפּרעסיעס א.אַ.וו. נישט פֿאָרגעקומען קיין עפֿנטלעכע 1־טע מײַ־אַרויסטריטן פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט דאָסמאָל געשטעלט די אויפֿגאַבע צו אָרגאַניזירן אַן עפֿנטלעכן אַרויסטריט. עס ווערט געשאַפֿן אַן 1־טער מײַ־קאָמיטעט פֿון פּאַרטיי־מיטגלידער און מיטגלידער פֿון דער לינקער ריכטונג.

אָנהייב מערץ איז פֿאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פֿונעם מײַ־קאָמיטעט אויף גאַרנצאַרסקע־גאַס 71, אין דער שטוב פֿון יוריסטאַ. איך האָב רעפּרעזענטירט די „לינקע ריכטונג" פֿון פּראָפֿ־פֿאַריין פֿון לעדער־אַרבעטער. אין קאָמיטעט זענען געווען פֿאַרטרעטן פֿאָרשטייער פֿון אַלע פּראָפֿ־פֿאַריינען. מצד דעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָבן באַדינט דעם מײַ־קאָמיטעט די ח"ח בערעק יוריסטאַ און פּרץ סילמאַן.

צוליב פּראָוואָקאַציעס און אַרעסטן איז געווען באַשלאָסן צו שאַפֿן איין קאָמיטעט, וועלכער זאָל אַרומנעמען די גאַנצע שטאָט. עס ווערן אַלזאָ געשאַפֿן 2 באַזונדערע קאָמיטעטן: איינער, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די אַרבעטער פֿון דער שווער־אינדוסטריע, ווי די הוטע „ראַקוּוו" (היינט הוטע א. נ. פֿון ביערוט), „וואַרטאַ", און „טשענסטאָכאָוויאַנקאַ" און דער צווייטער — די מיטלשטאָט מיט אירע פּראָפֿ־פֿאַריינען. ביידע קאָמיטעטן האָט פֿאַרבונדן אַ פֿאָרשטייער פֿון שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט.

דער מײַ־קאָמיטעט פֿון מיטלשטאָט האָט געמאַכט אַלע באַמיונגען,

---

„אומאָפּהענגיקע" — די פּאַרטיי פֿון אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן (PNS) איז אַנטשטאַנען אין סוף 1921 פֿון אַ שפּאַלטונג אין דער פּפּס. אין 1922 האָט זי זיך פֿאַראייניקט מיט דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פֿאַראייניקטע" און דער פּאַרטיי פֿון די דייטשישע אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן. אין סעפּטעמבער 1924 האָט זי זיך פֿאַראייניקט מיטן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד „אַרבעט" אין ווילנע, שאַפֿנדיק די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע אַרבעטס־פּאַרטיי (NSPP) (רעד.).

אַז די דעמאָנסטראַציע זאָל אויספאַלן וואָס אימפּאָזאַנטער. ער האָט פאַראָרדנט זאַמלען געלט אויפן מײַ=פאָנד, אויסטיילן פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר צוגרייטן פלוגבלעטער, פּלאַקאַטן און פענער, באַשטימען דעם זאַמל=פּונקט און מאַרשרוט אאַוו. יעדן טאָג איז געווען באַשטימט אַ טרעף=פּונקט ביים מאַגיסטראַט=פּלאַץ, וווּ יעדער מיטגליד האָט איבערגעגעבן קורצע אינפאָרמאַציעס וועגן דער אָפּגעטיענער אַרבעט און באַקומען ווייטערדיקע אינסטרוקציעס.

די מיטגלידער פון מײַ=קאָמיטעט איז פאַרבאָטן געוואָרן פון 1=טן אַפּריל אָן צו שלאָפן אין דער היים, כּדי ניט אַרײַנצופאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. צום ערשטן מײַ האָט זיך אויך „געגרייט“, פאַרשטייט זיך, די פּאָליציי. זי האָט אָנגעהויבן פון אַרעסטן. די יעניקע, וועלכע זענען געווען פאַרדעכטיקט אין קאָמוניסטישער טעטיקייט, זענען פאַרהאַלטן געוואָרן. די פּאָליציי, זעענדיק, אַז אַ טייל באַהאַלט זיך אויס, איז געפאַלן אויף אַן המצאה: דער מאַגיסטראַט האָט אַרויסגעשיקט אײַנלאַדונגען זיך צו שטעלן אין דער אָפּטיילונג פאַר פּאַספּאָרטן, כּדי כלומרשט צו דערגענצן די דאָקומענטן. דאָרט האָט אויף זיי שוין געוואַרט פּאָליציי און אַרעסטירט.

דעם 1=טן מײַ אינדערפרי. דער טאָג שטעלט זיך אַ הייסער. אין די טויערן פון וואַרשעווער מאַרק זאַמלען זיך די מיטגלידער פון קפּפּ, לינקער ריכטונג און סימפּאַטיקער.

נאָכן סיגנאַל פון קאָמענדאַנט זאַמלען זיך אַלע אונטער דער פאַר=מײַ=פאָן און מאַרשירן ביזן עק ספּאַדעק. עס איז גראָד געווען אַ מאַרק=טאָג. די פּאָליציי, וועלכע איז געקומען פון די קליינע שטעטלעך, האָט זיך ניט אָריענטירט, אַז דאָס איז אַ קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציע. זי האָט אונדז ניט געוואָלט דורכלאָזן צום נייעם מאַרק און געהייסן גיין אין דער ריכטונג פון ספּאַדעק=גאַס. אַזוי האָבן מיר מאַרשירט מיט דער ספּאַדעק= און יאַסעלעוויטש=גאַס ביזן נייעם מאַרק. דאָ האָט אונדז שוין אָפּגעוואַרט אַ קאָרדאָן פון פּאָליציי, וועלכע האָט אויף אונדז געעפנט אַ פייער. אַדאַנק דער מוטיקער האַלטונג פון קאָמענדאַנט פון דער דעמאָנסטראַציע, ח' קריצער, האָבן מיר אויסגעמיטן קרבנות און זענען לויטן פריער באַשטימטן פּלאַן אַוועק אויפן צווייטן טרעף=פּונקט. ביים פאַנאַנדערגיין די דעמאָנסטראַציע זענען 2 ח"ח פאַרהאַלטן געוואָרן. דאַקעגן די פאָן, וואָס ס'האָט געטראָגן מרדכי יאַקובאָוויטש, איז געראַטעוועט געוואָרן.

נאָכמיטאָג האָבן מיר נאָך מאַניפעסטירט אויף דער קראָקעווער גאַס. נאָכן וואַרפן עטלעכע לאָזונגען: „פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּוילן“, „קעגן דער רעגירונג פון זוייסן שטראָר“ אאַ. איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אַ פאָן אויף אויף די עלעקטרישע דראָטן.

אין זעלבן טאָג זענען אויך געווען פּרוּוון צו דעמאָנסטרירן אין ראַקיוו און אין אַנדערע געגנטן פון שטאָט.

די דעמאָנסטראַציע פון דער קפּפּ אין 1=טן מײַ אין טשענסטאָכאָוו

האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג. די ענדעקישע צייטונג „גאָניעץ טשענסטאָכאָווסקי“ האָט זיך וועגן איר ברייט צעשריבן, פאַרשטייט זיך, אויף איר שטייגער.

אין קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד בין איך אַרייגעטראָטן אין 1929 יאָר. אין דער ערשטער צייט געווען טעטיק אַלס אינסטרוקטאָר פון „פּיאָניער“ צוזאַמען מיט דער ה׳טע יאַדזשע, וועלכע האָט דעמלט געאַרבעט אַלס דערציערין אין קינדערהיים אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ. איך בין אויך געווען פאַרבונדן מיטן געמישטן פּאַרטיי־קעמערל פון נאָדל און לעדער. מיר זענען אָפט באַדינט געוואָרן דורך די ח״ח: אדעק לאַנדאַו, (ער איז עטלעכע טעג פאַרן 1־טן מאַי 1935 יאָר געוואָרן אַרעסטירט און דערמאָרדעט אין דער סאָסנאָוויצער דעפענסיווע), פּרץ סילמאַן, בערעק יוריסטאַ אאַ. אין יוגנט־קעמערל האָב איך געאַרבעט מיט שלמה גרודאַ, יהודית ערליך, מילעכמאַן „גופּעלע“ אאַ. אין 1931 יאָר ווער איך איבערגעשיקט אין די ריען פון קפּפּ. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די האַרציקע געזעגענונג, וועלכע מיר האָבן געהאַט, ווען מיר, אַ גרופּע יוגנטלעכע זענען איבערגעשיקט געוואָרן אין דער פּאַרטיי. דאָס איז פאָרגעקומען אויף „גלאָוואַצקים פעלד“. דאָרטן איז געקומען דער ח׳ אדעק לאַנדאַו, אַלס דער פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי. דעם ח׳ לאַנדאַו האָב איך שוין פריער געקענט פון די געמיינזאַמע צוזאַמענטרעפן אויפן געביט פון די פּראָפּפאַריינען.

טייערע חברים האָבן מיר געהאַט. איך געדענק די חברים פון שטאָטישן קאָמיטעט: מאַניעק קאַפּיטאַנסקי, וועלכער איז אומגעקומען אין שפּאַניע, זיגמונט מאַיעווסקי, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1947 יאָר אין קעלץ און ח׳ בערעק יוריסטאַ, וועלכער האָט, נישט געקוקט וואָס ער איז געקומען פון דער תפיסה אויף אַ געזונטהייטס־אורלויב, אַקטיוו געאַרבעט אין שטאָטישן קאָמיטעט.

אין יוני 1935 איז דער גאַנצער שטאָטישער קאָמיטעט אַרעסטירט געוואָרן אין דער וווינונג פון דער ח׳טע גיטעלע גראָסמאַנס שוועסטער צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר פון קרייז־קאָמיטעט. נאָכן אָפּזיצן עטלעכע חדשים זענען מיר באַפרייט געוואָרן. זעענדיק אַז דער באָדן ברענט שוין אונטער די פיס, בין איך מיטן הסכם פון דער פּאַרטיי אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש, ווו איך האָב געאַרבעט אין ראַיאָנעם קאָמיטעט „סטאַרוווקאַ“ און אַלס סעקרעטאַר פון לעדער־פאַריין אויף צעגעלניאַנע 30 צוזאַמען מיט די ח״ח פּלוסקוואַ („יורעק“), שלמה מאָשקאָוויטש, קובאַ שפּיגעל, לייזער מיכאַלאָוויטש אאַ.

*

*　　　*

פיל איבערגעגעבענע זעלנער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערבאַוועגונג האָט טשענסטאָכאָוו אַרויסגעגעבן. איינער פון זיי איז ח׳ אברהם יאַקובאָוויטש (פּסעוודאָנים „באָם“). דער פאָטער זיינער האָט אים גע־

וואָלט מאַכן פאַר אַ רב. ער באַזוכט דעם „מחזיקי הדת“ און הייבט אָן לערנען אין אַ ישיבה. קיין וועלטלעכע בילדונג האָט ער נישט באַקומען. דער דראַנג נאָך וויסן איז דעריבער ביי אים גרויס. ער שלינגט ליטעראַטור — יידישע און פוילישע. צוליב די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען פון די עלטערן רעזיגנירן זיי פון זייערע פלענער און גיבן אים אָפּ צו דער לער אַלס שניידער. דאָ דערפילט ער דעם טעם פון עקספּלאָאַטאַציע, פון ניאַנטשען די קינדער פון מייסטער און העלפן אין דער שטוב־אַרבעט. אונטער דער ווירקונג פון זיין קוזין חיים ישראל דרעקסלער, וועלכער איז געווען פאָרזיצער פון נאָדל־פאַריין אין טשענסטאָכאָוו, נייער מאַרק 2, ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער יוגנט־סעקציע, ווו ער וואַרפט זיך מיט ברען אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אין 1928 יאָר טרעט ער אַריין אין די רייען פון קאָמיוג. צו יענער צייט קומט פאָר אַ שפאַלטונג אין די רייען פון „יוגנט־בונד צוקונפט“. אין קאָמיוג טרעט אויך אַריין דער ח' טוביה מאָרדקאָוויטש. אין 1930 יאָר אַנטשטייט אַ געמיינזאַם פאַרטיי־קעמערל פון נאָדל־ און לעדער־פאַריין, ווו צווישן אַנדערע אַרבעטן: אברהם יאַקובאָוויטש, טוביה מאָרדקאָוויטש און דוד דיימשמאַן. נאָכן פאַרמאַכן דורך דער פאָליציי דעם נאָדל־פאַריין, ווערט ער ווידער אָרגאַניזירט ביים „בונד“. אונדזערע פאַרטיי־חברים האָבן דאָ אויסצושטיין שוועריקייטן. די בונדישע פירער סטראַשען די פאַראיינס־מיטגלידער, אַז אויב די „רויטע“ וועלן האָבן אַ מערהייט, וועט די מאַכט פאַרמאַכן דעם פאַריין. אָבער דער איינפלוס פון דער פאַרטיי איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג.

*

* *

דער ח' אברהם יאַקובאָוויטש ליידט פון רעפרעסיעס מצד דער דעפענסיווע. פאַר יעדן אַרבעטער־יום־טוב ווערט ער אַרעסטירט. צוליב דעם וואָס ס'דראָט אים געשיקט צו ווערן קיין בערעזע, פאָרט ער אַוועק מיט דער הסכמה פון דער פאַרטיי קיין לאָדזש. דאָרט אַרבעט ער אין נאָדל־פאַריין, פריער פיעטריקאָווער 15 און דערנאָך אויף דער 1־טער מאַי גאַס (דעם נומער געדענק איך נישט). אין דער פאַרטיי אַרבעט ער צוזאַמען מיט די ח"ח: בנימין ראָזמאַרין, יאַקוב גנאַט, דאָרא גאָטליב, בערקאָוויטש, בערעק א. אַנד.

מאַניע ראָזענפעלד

דער, וואָס האָט געהאַט מערקווירדיקע איינפאַלן...

אין באַדינגונגען פון אומלעגאַלער אַרבעט האָט די פּאַרטיי געמוזט זיך שיצן קעגן פּראָוואָקאַטאָרן, שפּיצלען און פאַשיסטישע באַוועקעס, וועלכע האָבן געלויערט אויף אירע אָרגאַניזאַציעס, באַפאַלן קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציעס, אויסגעשטעלט חברים אויף אַרעסטן און פאַרפאָלגונגען. מיט שיצן די פּאַרטיי אַנטקעגן איבער די געפאַרן האָט זיך פאַרנומען די זעלבסט־שוץ.

בראש פון דער וואַרשעווער זעלבסט־שוץ איז געשטאַנען דער חבר „יוזעק" — יוסף מאַרגוליעס, פון פאַך אַ שטובן־מאָלער. פיל האָט מען געהערט אין די וואַרשעווער אַרבעטער־קרײַזן וועגן זײַן ראָל בעתן צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי אויף עק נאַוואָליפּקי און פּשעיאַזד.

איך וויל אָבער דערציילן וועגן דער זעלבסט־שוץ אויף מוראַנאָוו, דעם פּאַרטיי־ראַיאָן מיט אַ מערהייט יידישע אַרבעטנדיקע, וואָס איז געווען טעטיק אין די יאָרן 1938 — 1934. מיט דער מוראַנאָווער זעלבסט־שוץ האָט אָנגעפירט דוד האַך — אַ שניידער (געשטאָרבן אין 1940 יאָר אויף אַ מוח־אָנטצינדונג). צו איר האָט אויך געהערט ברוך נוסענבוים — „טאַבּרוש" — אַ מעטאַל־אַרבעטער, וועלכער איז העלדיש אומגעקומען אין שפּאַניע, שימעלע דער שניידער (פּסעוודאָ. „ספּאַרטאַוויעץ"), יאָסל קאַלאַטש, אויך אַ קעמפער אין שפּאַניע, וועלכער איז אומגעקומען אין פראַנקרייך בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע. צו דער מוראַנאָווער זעלבסט־שוץ האָט אויך געהערט דער שעכטהויז־אַרבעטער לייבל פעלדבלום, (געשטאָרבן נאָך דער באַפרייונג פון פּוילן), דער שניידער ישראל קערש און דער שניידער העניעק, וועלכער איז שפּעטער צוזאַמען מיט קאַלאַטשן אַוועק קעמפן אין שפּאַנישן בירגער־קריג, וווּ ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין די שלאַכטן. צווישן די מיטגלידער פון דער זעלבסט־שוץ זענען אויך געווען פרויען. אַן אַקטיווע ראָל אין איר האָט געשפּילט פראַנקע איצקאָוויטש, אַ שטימאַל־פלעגערין. זי האָט מיך אויך אַרייַנגעצויגן אין דער דאָזיקער אַרבעט.

צו די אויפגאַבן פון דער זעלבסט־שוץ האָט אויך געהערט, ווי שוין געזאָגט, דאָס אויסהיטן די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס פון פּראָוואָקאַטאָרן און ווען נייטיק לויט אַ באַשלוס פון פּאַרטיי־אינסטאַנצן, זיי אומשעדלעך מאַכן. דוד האַך האָט געהאַט מערקווירדיקע איינפאַלן. ער איז געווען אַן אײַ־

בערגעבענער, אויסערגעוויינלעך מוטיקער קעמפער און גרויסער ריזיקאַנט. ער האָט געקאָנט, למשל, פאַרשידענע פאַשיסטישע באָיוווקאַזשעס, שפּיצלעס און „שמעקן־העלדן“, וועלכע האָבן אים פאַרמישפּעט אויף דער גאַס, קונציק אַריינגעאַרן אין דער געגנט פון זאַמענהאָף און מילע, און דער סאַמע געדיכטקייט פון יידישן עמך־ראַיאָן; דאָ איז גענוג געווען, אַז דוד זאָל געבן נאָר אַ ווינק, און די באָיוווקאַזשעס זאָלן קוים אַנטלויפן מיט אָנגעבראָכענע ביינער.

אין יאָר 1934 איז אָנגעקומען פון טשענסטאָכאָוו קיין וואַרשע אַ געוויסער הערשליקאָוויטש. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז געפאַלן אויף אים אַ חשד אין פּראָוואָקאַציע. מען האָט אים גענומען אויפן אויג. מ'איז אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט, געוווסט וועגן יעדן איינעם, מיט וועלכן ער קומט אין באַרירונג, וו ער עסט, וווהין ער קומט. מ'האָט באַמערקט, ווי ער עפנט מיט אַ שליסל אַ געוויסן לאָקאַל אויף לעשנע עק רימאַרסקע, וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס טרעף־פּונקט פון דעפענסיווע־שפּיצלעס.

ווען עס איז שוין געווען אויסער דעם מינדסטן ספק, אַז ער איז טאַקע אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָט אים איינער פון אונדזערע חברים געגעבן אַ קאָנטאַקט מיט דעם... „וואַרשעווער קאָמיטעט“. ער האָט אים אַוועקגעפירט אויפן כלומרשטן טרעף־פּונקט אויף זאַמענהאָף 44, אינעם לעצטן הויף, פון וועלכן מען האָט געקאָנט דורכן פּאַרקאַן אַריבער אויף מילע־גאַס. דאָרט אויף זאַמענהאָף 44 האָט אויף אים געזאָלט וואַרטן „אַ פּאָרשטייער“ פון „וואַרשעווער קאָמיטעט“.

אויף די טרעפּ האָט שוין געוואַרט חבר העניעק, מיט אַ שטאָק העכער איז געשטאַנען אַ ייד אין אַ קאַפּאָטע, מיט אַ חסידיש קליין היטעלע אויפן קאָפּ, מיט אַ קאַן מילך אין האַנט. דער „מילך־הענדלער“ איז געווען דוד האָך. ווען העניעק האָט אַרויסגענומען די כלי און זי אויסגעצויגן קעגן פּראָוואָקאַטאָר, האָט זי זיך אים מעשה־שטן פּלוצעם פאַרהאַקט. דער „מילך־הענדלער“, דערזעענדיק דאָס, איז שנעל אַראָפּגעפלויגן מיט אַ שטאָק נידעריקער און עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אינעם פּראָוואָקאַטאָר. דער הונט האָט אָנגעהויבן שרייען: „ראַטעוועט, באַנדיטן זענען מיך באַפאַלן!“ שכנים האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין די טירן. דעמאָלט האָט האָך רואיק דערקלערט: „מאַכט נישט קיין טומל, מיר זענען נישט קיין באַנדיטן. דאָס האָט אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס האָט אויסגעגעבן חברים, באַקומען זיין פּסק“. די שכנים, דערהערנדיק דאָס, האָבן זיך פאַרשטעקט אין זייערע הייזער. רואיק און געלאַסן איז חבר האָך אַראָפּ, אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקאַן אויף מילע, דורך אַ געוועלב אַריבער אויף מוראַנאָווסקע און מיט דער מוראַנאָווסקע־גאַס דערגאַנגען צו נאַלעווקי 38, (דאָרט האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון „מאָמענט“), ווו ער האָט לויט דער אינסטרוקציע אָפּגעגעבן דער חברטע פראַנקע איצקאָוויטש ביידע רעוואָלווערן — זיינעם און העניעקס.

די וואַרשעווער צייטונגען האָבן דערפון געמאַכט אַ סענסאַציע, באַזונ־דערס האָבן זיי באַשריבן דעם באַנדיט, דעם „מליעציאַזש“. פאַר דער פּרע־סע איז דער ענין געבליבן נישט אויפגעקלערט. די פּאָליציי האָט אָבער גוט געוווסט, ווער ס'איז געווען הערשליקאָוויטש, און ווער ס'זענען געווען די „באַנדיטן“.

ליובע בורשטין

אַ פּאָר רויזן אויף זיין קבר...

(צום אָנדענק פון יוסף קאַשעווסקין)

ערשטער אויגוסט 1931. קאַמפּס-טאָג קעגן מלחמה.

שוין פון די פרימאָרגן-שעהן זענען די אַרבעטער-קוואַרטאַלן פון וואַרשעווער „מוראַנאָוו“, באַזונדערס דאָרט, וווּ עס האָבן זיך געפונען די לינקע פּראָפ-פאַריינען, געווען באַשטעלט פון פּאָליציי און שפּיצלעם. זיי לאָזן אַכזריותדיק אין גאַנג זייערע „פּאַלעס“, וווּ נאָר זיי באַמערקן די קלענסטע גרופּע פאַרזאַמלטע מענטשן. די פּאָליציייאישע סטופּייקעס זענען אָבער אומטעכטיק לגבי דער עקשנות פון די קאָמוניסטן, קאָמיוגיסטן און מאָפּראָווצעס צו דעמאָנסטרירן אויף די גאַסן פון וואַרשע קעגן מלחמה.

עס ווערן כסדר איבערגעוואָרפן די „פּאָדפּונקטן“. די קאָמענדאַנטור פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע מאַנעווירט אוים די פּאָליציי, ביז ענדלעך עס געלינגט איר צו פאָרמירן דעם אַנטימלחמה-צוג.

פון אָרלע צו לעשנאָ מאַרשירן הונדערטער אַרבעטער. פון די טראַנספּאַרענטן שיינען אַראָפּ אויפשריפטן קעגן מלחמה. עס הילכן אָפּ לאָזונגען און אויסרופן קעגן פאַשיסטישן טעראָר, קעגן דער נאַציאָנאַל-פאַררעטערישער אויסערן-פּאָליטיק פון פּילסודסקי און בעק, פאַר אַן אַרבעטער- און פּויערים-רעגירונג.

ווי שטענדיק זעט מען יוסף קאַשעווסקין אין די ערשטע רייען פון דער דעמאָנסטראַציע.

די צעיושעטע פּאָליציי, וועלכע האָט באַלאַגערט לעשנאָ גאַס, האָט זיך געוואָרפן אויף די דעמאָנסטראַנטן. עס דערהערט זיך אַ שיסעריי. אַ קויל טרעפט יוספן אין ברוסט-קאַסטן. יוסף, אַ שטערבלעך פאַרווונדעטער באַוויזט נאָך אַוועקזעצן זיך אויף דער שוועל פון דער אַפּטייק אויף ראָג לעשנאָ און קאַרמעליצקע. חברים רינגלען אים אַרום. זיי ווילן אים אַוועקנעמען פון דאָרט. אָבער שפּיצלעם מיט געווער שלעפּן יוספן אויף אַ דראָזשקע.

די מערדערישע קויל האָט איבערגעריסן יוספס יונג לעבן.

ווער איז געווען יוסף קאַשעווסקי?

געשמאַמט פון דער יידישער אָרעמקייט. פון די פריסטע יאָרן אָן האָט ער שוין געמוזט זאָרגן פאַר זיין מוטער, ייִנגערע שוועסטער און ברודער. ווי אַלע שטריקער־אַרבעטער צו יענער צייט איז יוסף מערסטנטייל געווען אַרבעטלאָז. יוסף קומט צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג דורך דער מאָפּר־אָרגאַניזאַציע.

זיין ערשטע פּאָליטישע אויסשולונג קריגט ער אין דער אַרבעט פון מאָפּר־קרייז ביים „פאָלקס־אוניווערסיטעט", ווו ער איז געווען זיין סעק־רעטאַר פון יאָר 1926. דער מאָפּר־קרייז פון „פאָלקס־אוניווערסיטעט" איז געווען איינער פון די שטאַרקסטע קרייזן פון מוראַנאָווער מאָפּר.

יוסף צייכנט זיך אויס מיט דער לייכטקייט פון אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט מענטשן און געווינען פאַר דער אידעע פון מאָפּר אפילו מיטגלידער פון אַנדערע פּאַרטייען. אויסער דעם האָט יוסף קאַשעוווסקי זיך אויסגע־צייכנט מיט זיין דרייסטקייט און געוואַגטקייט. אין דעם גייסט האָט ער אויך דערצויגן זיין מאָפּר־קרייז. באַזונדערס איז עס געקומען צום אויס־דרוק בעת דעם בלוטיקן איבערפאַל פון די פראַקעס אויפן קאָמוניסטישן מאַי־צוג אין 1928 אויפן טעאַטער־פּלאַץ. קאַשעוווסקי און זיינע חברים פּאַרלירן זיך נישט. זיי היטן אָפּ די פאָן פון זייער קרייז, זי זאָל נישט אריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. קאַשעוווסקי גיט איבער די פאָן דער חבֿרטע חוהלע פינקערט און צוזאַמען רייסן זיי זיך אַדורך דורכן קאָר־דאָן פון פּאָליציי און פראַקישע באַיוווקעס. די פאָן איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

יוסף ווייזט ארויס אַ סך אָרגאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. לויט זיין אי־ניציאַטיוו אָרדנט דער מוראַנאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט איין אַלגעמיינע מאָפּר־אויספלוגן, וועלכע זענען געווען זייער פּאָפּולער. די מאָפּר־אויספלוגן פלעגן נישט נאָר געבן באַדייטנדיקע הכנסות לטובת די פּאָליטאַרעסטירטע, נאָר דאָרט פלעגט דער עיקר געפירט ווערן אַ קולטור־פּאָליטישע אַרבעט. יוסף איז געווען רייך מיט איינפאַלן.

אין 1928 יאָר ווערט דורך יוספן און גאַטאַנען דעם שטריקער — מיטגליד פון מוראַנאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט פון מאָפּר — צוגעגרייט אַ פאָן לכבוד די אָקטאָבער־פייערונגען, באַלויכטן מיט אַ לאַמטערן פון אַ באַ־טעריע.

די פאָן האָט פאַרוואָרפן גאַטאַן אויף ראָג דזיעלנע־זאַמענהאָף.

די לויכטנדיקע פאָן האָט באַזונדערס צוגעצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון די דורכגייער. דער פּאַרזאַמלטער עולם האָט אַ לענגערע צייט באַשווערט דעם טראַמוויי־פאַרקער. יוסף רופט דאָן אויס אַ באַגייס־טערטער:

„מיר הענגען מער נישט קיין געווינלעכע פענער!"

יוסף איז נאָך צו יענער צייט נישט געווען אין דער פּאַרטיי. ער האָט געהאַלטן, אַז ער איז נאָך צו איר נישט דערוואַקסן. ערשט אין אַ יאָר ארום, דאָס הייסט אין יאָר 1929 ווערט יוסף קאַשעוווסקי אַ מיטגליד פון

דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין זעלבן יאָר ווערט יוסף סעקרעטאַר פון מוראַנאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט פון „מאָפּר“.

דאָס יאָר 1930 שאַפט אַ באַזונדער גינסטיק פעלד פאַר יוספס אָר־גאַניזאַטאָרישע פעיקייטן. אין לאַנד ווערט געפירט די צוגרייטונג צו דער וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים. אַלע מאָפּר־קרייזן ווערן אַריינגעצויגן אין דער הויז־אַגיטאַציע. יוסף האָט געלייגט באַזונדערס אַכט אויף דער וויזועלער פּראָפּאַגאַנדע.

צו דער מאַי־פייערונג פון 1930 יאָר ווערט ווידער צוגעגרייט אַ פאָן מיט אַ נייער קאָנסטרוקציע אויף דריי „זשאַבקעס“. עס ווערט באַשלאָסן די פאָן אויפצוהענגען אויף דאָג מילע און זאַמענהאָף.

די פאָן ווערט אויפגעהאָנגען שבת אין דער פרי. צו דער אַקציע איז צוגעגרייט געוואָרן אַ ספּעציעל פאַרשטאַרקטע זעלבסטשוץ פון מאָפּ־ראָווצעס.

די פאָן ווערט געבראַכט פון גאַטאַנס שטוב אויף מילע 24 איינגאַנצן לעגאַל. צוליב איר גרייס קאָן מען זי נישט באַהאַלטן. די פאָן טראָגט אַראָפּ יוסף.

אויף דער גאַס וואַקסט די שפּאַנונג. די פאָן פאַרוואַרפט דער אויס־געספּעציאַליזירטער פאָנען־הענגער פון מאָפּר, דער קוילנטרעגער־אַרבעטער „כינע“.

די גאַס איז דערווייל פול געוואָרן מיט מענטשן, סימפּאַטיקער און סתם נייגעריקע. קיינער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן, כאָטש, ווי מען האָט געשמועסט, זענען צווישן פאַרזאַמלטן עולם געווען אויך שפּיצלעס. זיי וואַגן אָבער נישט צו אינטערווענירן, אַזוי גרויס איז געווען דער פאַר־זאַמלטער עולם, הייגט די האַלטונג פון די אָרגאַניזאַטאָרן אַליין! די שפּאַנונג איז געוואַקסן פון רגע אויף רגע. ווען די פאָן איז אַרויפגע־צויגן געוואָרן, האָבן די פנימער ביי אַלעמען געשטראַלט: „אַזוינס האָט מען נאָך נישט געזען!“.

דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ פאָן! געהאַט האָט זי 1½ מעטער די לענג און געווען אילוסטרירט (די פאָן האָט געמאָלט נאַטאַן). פון איין זייט פאָן אַ תפיסה־פענצטער, דורך די קראַטעס קוקט אַרויס אַ פּאָליט־אַרעסטירטער, פון דער צווייטער זייט אַ צייכענונג פון אַ דעמאָנסטראַציע. אַרבעטער טראָגן אַ טראַנספּאַרענט מיט לאָזונגען פאַר באַפרייען די פּאָ־ליט־אַרעסטירטע.

די פאָן האָט מען געזען פון דערווייטנס — פון מילע, נאַלעווקעס, פון גענשע און זאַמענהאָף און דאָג סטאַווקע.

ווי מען האָט שפּעטער געשמועסט, איז דאָס אַראָפּנעמען די פאָן אויך געווען אַ מאַניפעסטאַציע. די אַרויסגערופענע פייערלעשער האָבן לאַנג זיך געפּאָרעט ביים אַראָפּנעמען זי. דאָס זענען די „זשאַבקעס“ געווען שוין אַזוי קאָנסטרואירט...

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט אויף די גאַסן פֿון זאַמענהאָף, מילע, געגשע געהוליעט די פּאָליציי־קאַרעטקע. שפּיצלעם און פּאָליציאַנטן האָבן געשלאָגן און אַרעסטירט אומשולדיקע דורכגייער. דער טאָג איז אָבער געווען דער זיג פֿון מוראַנאָווער מאָפּר, דער זיג פֿון יוספֿן.

די ידיעה וועגן טויט פֿון יוספֿן האָט אַרויסגערופֿן טרויער, צאָרן און אַן אומגעהויערע אויפֿרעגונג צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט אין וואַרשע. ספּאָנטאַן זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן טרויער־מאַסנוויקעס אין די פֿראָפֿ־פֿאַריינען, מאָפּר־קרייזן. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן גאַסן־מאַסנוויקעס קעגן ווייסן טעראָר אין די געגנטן פֿון מוראַנאָווער ראַיאָן. עס וועלן פֿאַרוואָרפֿן פֿענער געווידמעט יוספֿס אָנדענק. עס וועלן עטלעכע מאָל איינגעאָרדנט טרויער־מאַסנוויקעס אויף פּאָקאָרנע גאַס, דאָרט וווּ עס האָט געוווינט יוסף.

אַ באַזונדער אויפֿזען האָט אַרויסגערופֿן די פֿאָן, וואָס איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אויף ראָג לעשנאָ און קאַרמעליצקאַ, דאָרט וווּ יוסף איז געפֿאַלן. זי האָט געהאַט יוספֿס צווי „זשאַבקעס“. די פֿאָן האָט מען געבראַכט אויף אַ קוילן־וועגעלע. זי איז געוואָרן אויפֿגעהאָנגען אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דער פּאַרטייאישער זעלבסטשוץ.

די פּאָליציי, וועלנדיק אויסמיידן גייע דעמאָנסטראַציעס אַרום יוספֿס לוויה, האָט יוספֿן באַערדיקט געהיים. אַפֿילו דער דערמאָרדעטער יוסף האָט דער פּאָליציי נישט געגעבן קיין רו.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין קבר איז געווען געהיט דורך שפּיצלעם, פֿלעגן זיך אויפֿן בית־עלמין זאַמלען גרופּן אַרבעטער, יוספֿס חברים. גאָר אַ לאַנגע צייט פֿלעגט זיין קבר יעדן פֿרימאָרגן זיין באַדעקט מיט פֿרישע בלומען.

און שפּעטער איז געוואָרן אַ טראַדיציע פֿון מוראַנאָווער מאָפּר. יעדעס יאָר, דעם 1־טן סעפּטעמבער אַראָפּצורייסן די אויפֿשריפֿט „קאַרמעליצקע־גאַס“ און אויפֿצוהענגען אַ בלעכענעם טאָוול מיט דער אויפֿשריפֿט: „גאַס אויפֿן נאָמען פֿון יוסף קאַשעווסקי“.

בראָנקע שיין

קוואַל־וואַסער...

וועגן דער ביבליאָטעק „דאָס לעבן“

אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן דער ייִדישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אין וואַרשע צווישן די 2 וועלט=מלחמות האָט אַ חשוב אָרט פאַרנומען די ביבליאָטעק „דאָס לעבן“ („זשיטשע“, וואַרשע דזיעלנע 32).

וועלכער וואַרשעווער אַרבעטער האָט אין די יאָרן נישט געקענט די ביבליאָטעק „דאָס לעבן“? ווען איך בין אין יאָר 1928 אַריינגעטראָטן אין דער קולטור=קאָמיסיע ביים לינקן פּראָפ. טעקסטיל=פאַריין, האָט זי שוין געפייערט איר 10=יאָריקן יובילײ.

לכתחילה איז דאָס געווען אַ ביבליאָטעק אַ מיניאַטור, אָן אַ געהעריקן אינווענטאַר אָדער קאַטאַלאָג, מיט עטלעכע פּאָליצעס ייִדישע ביכער, קוים פאַררוקט אין אַ ווינקל פון פאַריין, וואָס האָט זיך דעמלט געפונען אין צווייטן טויער אויף קאַרמעליצקע 15.

נאָכדעם ווי די פּאָליציי האָט עטלעכע מאָל פאַרחתמעט דעם פאַריינס=לאָקאַל, איז ביי דער פאַרוואַלטונג, וועלכע האָט געהאַט אַ מערהייט קאָמוניסטן, געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אָפּצוטיילן די ביבליאָטעק פון פאַריין און בילדן אַן אייגענע אינסטיטוציע מיט אַן אייגענעם לאָקאַל. פאַר דער 'מאַכט האָט דאָס באַדאַרפט הייסן, אַז ס'האָט זיך געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיוו מיט אַן אייגענעם אויפזיכטס=ראַט, מיט נייע פאַרוואַלטונגס=מיטגלידער, אָבער דער פאַקטישער באַלעבאָס איז ווייטער געווען די פאַרוואַלטונג פון טעקסטיל=פאַריין. אין דער אַרבעט פון דער ביבליאָטעק האָבן זיך דירעקט באַטייליקט די ח״ח אברהם ראָזענפעלד, אבא פלוג, אהר: סקראָבעק, אַלטער פרידמאַן, טויבע פיגא, בראָנקע רייבענבאַך, מלך רייך, חיים=ישראל און אַנדערע.

די הויפּט=פונקציעס האָבן אויסגעפירט די מיטגלידער פון דער קולטור=קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון העכער 30 מיטגלידער, צווישן די אַקטיווסטע האָבן זיך אָנגעזען: פריידע גערווירץ, יודל געזונדהייט, שלמה דימאַנט. אַ גאָר וויכטיקע ראָל אין אונדזער טעטיקייט האָבן געשפּילט די חודשלעכע באַריכטן און פּלענומס פון דער קולטור=קאָמיסיע

צוזאַמען מיט דעם פּרעזידיום פון דער ביבליאָטעק, אויף וועלכע ס'פלעגן ברייט באַהאַנדלט ווערן אונדזערע פּלענער.

אונדזער ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אַ וואַנט נעבן אַ וואַנט מיטן „פּאַוויאַק". אָ, איראָניע פון גורל!

ווי געזאָגט, האָבן אין דער פאָרמעלער פאַרוואַלטונג געקאָנט פיגורירן בלויז אַזעלכע מיטגלידער, וואָס זענען געווען „פּאָליטיש כשר", אָן יעדן פּגם, וחלילה, פון קאָמוניסטישער מעטיקיים. אַלס אָפיציעל פאַראַנטוואָרטלעכע זענען פאַר דער מאַכט דורכן פּרעזידיום פון טעקסטיל־פאַריין באַשטימט געוואָרן משה ווילנער און די שרייבערין פון די שורות.

דער ביכער־אוצר פון אונדזער ביבליאָטעק האָט באַטראָפן אַרום 20.000 בענדער אין דער יידישער און פּוילישער שפּראַך, אַחוץ אַ קאָלאָסאַלן פאָנד פון די סאָוועטיש־יידישע אויסגאַבן, פון זיי אַ גרויסער טייל פאַרווערטע אין פּוילן. די לייענער־קאַרטאָטעקע האָט אַרומגענומען אַרום 3.000 אַבאָנענטן. די טעגלעכע פרעקווענץ האָט באַטראָפן פון 250 — 300 לייענער. די איבערהויפּגיקע מערהייט לייענער זענען געווען מיטגלידער פון פאַרשידענע קלאַסן־פאַריינען. פון אַ גרעסערער הנחה האָבן גענאָסן אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן נישט געאַרבעט איבער 3 חדשים. די ביבליאָטעק איז געווען טעטיק 7 שעה אַ טאָג. די גרעסטע צאָל ביכער האָט אַרומגענומען די געביטן פון בעלעטריסטיק, סאָציאַלע וויסנשאַפטן און פּובליציסטיק, מיט דעם הויפּט־געוויכט אויף איבערזעצונגען פון דער רוסישער שפּראַך. אַ טייל פון פּאָפּולערע רוסישע מחברים האָבן מיר איינגעקויפט אין צענדליקער עקזעמפּליאַרן. די הויפּט־הכנסות פון דער ביבליאָטעק זענען געווען פון דער גרויסער צאָל איינגעאָרדנטע קולטור־אימפּרעזעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ הויכער פרעקווענץ.

זייער פּאָפּולער זענען געווען די איינגעאָרדנטע דורך אונדז קינאָ־פּרימאָרגנס, ווו עס זענען געוויזן געוואָרן די בעסטע קינסטלערישע פילמען, געבנדיק די אַרבעטער די מעגלעכקייט פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל צו באַקוקן אַ גוטן פילם. מיר האָבן אויך איינגעאָרדנט קאָלעקטיווע מאַסן־באַזוכן פון זעונגסווערטיקע ערטער אין און אַרום וואַרשע מיט דער באַטייליקונג פון היסטאָריקער און ספּעציאַליסטן פון דעם געביט. נישטאָ אַזאַ ווינקעלע, מיט וועלכן מיר זאָלן נישט האָבן פאַראינטערעסירט אונדזערע באַזוכער.

דער אָפּטסטער טרעף־פּונקט פון אונדזערע אויספלוגן זענען געווען... די באַלעווקער קראָמען, קעגנאיבער דעם קראַשינסקי־גאָרטן. כמעט יעדן שבת, פּינקטלעך 10 אַזייגער האָבן פון דעם אָרט אָפּמאַרשירט אַן ערך 150 אָנטיילנעמער אויף אַ באַזוך אין פאַבריקן, אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אָדער אינסטיטוציעס פון עפנטלעכן געברויך (עלעקטראָוויע, פילטרען, גאַז־אַנשטאַלט), הויפּט־אינסטיטוציע פאַר פּוילישער דערציונג, מוזייען, היגיענישע קוליסן פון פּאָפּולערע טעאַטערס אין וואַרשע און אַנדערע וויכטיקע ערטער.

קאָלעקטיוו פון דראַמאַטיש=מוזיקאַלישן קרייז „אָרפעוש“ און אַקטיוויסטן פון פראָפ=פאַריין
פון טעקסטיל=אַרבעטער אין וואַרשע.

מיר האָבן אויך איינגעאָרדנט מאַסן־באַזוכן פון מאָלעריי־אויסשטעלונגען פון באַוווּסטע פּאָפּולערע קינסטלער. אויף דער באַקאַנטער סאָוויעטישער קונסט־אויסשטעלונג אין די סאַלאָנען פון „איפּס“ האָבן מיר אַדורכגעפירט אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג הונדערטער באַזוכער. מיט אונדזער קולטור־טעטיקייט האָבן מיר פיל בייגעטראָגן צו פּאָפּולאַריזירן צווישן יידישן אַרבעטער די דערגרייכונגען פון דער סאָוויעטישער קונסט, מאָלעריי, דעם סאָוויעטישן פילם און בוך. דערקלערונגען וועגן אינהאַלט און כאַראַקטער פון די בילדער האָבן געגעבן די באַקאַנטע פּראָלעטאַרישע קונסט־קריטיקער אברהם גוטערמאַן און יעקב וואַסערמאַן.

אַחוץ דער קולטור־קאָמיסיע האָט די ביבליאָטעק אויך פאַרמאָגט אַ ברייטע פּעריפּעריע פון סימפּאַטיקער, אָנגעהעריקע צו אונדזערע פּראָפּ־פאַריינען, וועלכע האָבן אַקטיוו מיטגעהאָלפן אין אונדזער אַרבעט. אין דער ערשטער ריי זיינען עס געווען: יעקב ראָטבוים, דוד ליכט, לייבעק שאַפּראַן, ישראל שיין, י. וואַסערמאַן און אַנד. ווער געדענקט עס נישט אונדזערע אויספלוגן לעגנוים דער ווייסל קיין מלאָטשין! טויזנטער אַרבעטער פלעגן אין אַ היימישער סביבה פאַרברענגען אין אַ היימשן זומערדיקן טאָג אונטערן פרייען הימל. מיט וויפל שוועריקייטן מצד דעם רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט און דעפענסיווע האָבן זיך אונדזערע קאָמיסיאַנטן אָנגעטראָפן ביים איינאָרדענען אַזעלכע אויספלוגן אָדער בכלל אונטערנעמונגען. מען האָט געדאַרפט באַנוצן פאַרשידענע מעטאָדן בכדי פטור צו ווערן פון די אַנשיקענישן. צו פּאָפּולאַריזירן אונדזערע אונטערנעמונגען האָבן מיר זיך באַנוצט מיט אַפישן, ציימונגס־אַנאָנסן, פּלאַקאַטן, און ווען מ׳האָט באַדאַרפט, האָט מען אויך דורך פלוגבלעטלעך מודיע געווען די אַרבעטער אין די פּראָפּעסיאָנעלע פאַריינען.

גרויס דערפאָלג פלעגן האָבן אונדזערע אָפּרו־קאָלאָניעס, איינגעאָרדנטע אין קוזמיר און אין אַנדערע פּראַכטפולע ערטער. וויפל הומאָר און געזאַנג געפּאָרט מיט וויציקע איינפאַלן האָבן דאָס חברה אַריינגעבראַכט! מיט בענקשאַפט האָט מען דערוואַרט דעם נעכסטן זומער־סעזאָן, כדי ווידער צו פאַרברענגען אויף אונדזערע קאָלאָניעס.

נאַטירלעך, אַז פון אַלע אימפּרעזעס, עקסקורסיעס, פרימאָרגנס פלעגן מיר האָבן אַ נאָרמאַלן ריווח. האָבנדיק אַן עודף אין דער קאַסע, איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן אָרגאַניזירן אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער מיט אַ כאָר, אין איינוועגס מיט אַ דראַמקרייז. פון די אָנגעזאַמלטע געלטער האָבן מיר איינגעקויפט מוזיק־אינסטרומענטן — פון אַ פּאָפּולערער מאַנדאָלין ביז די „גרויזאַמע“ באַסן. אַזוי אָרום איז אַנטשטאַנען נעבן דער ביבליאָטעק „דאָס לעבן“ נאָך איין פּראָלעטאַרישע קולטור־פּלאַצוווקע אונטערן נאָמען „אָרפעוש“. פאַר דער מאַכט האָט „אָרפעוש“ פיגורירט אַלס קאָאָפּעראַטיוו מיט אַן אייגענעם אויפזיכטס־ראַט און פאַרוואַלטונג.

דער אויפטו פון „אָרפעוש“ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ געלונגענעם. מיר האָבן אָנגענומען יונגטלעכע אַרבעטער, ווי נאָר זיי האָבן

אַרויסגעוויזן פֿעיִקייטן אין איינער פֿון די ריכטונגען, מוזיק אָדער רעציטאַציע. אַנגאַזשירט צו דער אַרבעט האָבן זיך דעמלטיקע יונגע רעזשיסערן: יעקב ראָטבוים, דוד ליכט; די דיריגענטן: סאָלאָמאָנאָוו, האָפּמאַן און אַנדערע פּעדאַגאָגן, וואָס האָבן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט אונדז צוגעהאָלפֿן אין דער אַרבעט. אין פֿאַרלויף פֿון אַ זייער קורצער צייט האָט דער דראַמקרייז מיט דעם כאָר און מאַנדאָלין־אָרקעסטער געציילט 150 מאַן.

גאַנץ שנעל איז אונדזער „אָרפּעוש“ געוואָרן זייער פּאָפּולער אויף דער ייִדישער גאַס. נאָך יעדן קאָנצערט, אויפֿטריט, האָבן מאַסן ייִדישע אַרבעטער פֿון אונדזערע רייען נאָכגעזונגען די לידער, אויסגעפֿירט דורכן כאָר אָדער אָרקעסטער, אויך דער דראַמקרייז האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפֿאָלג. די פֿאָרשטעלונגען זענען פֿאָרגעקומען ביי אויסגעקויפֿטע זאַלן.

די „טעכניק“ פֿון אָרגאַניזירן אַן עפֿנטלעכן אַרויסטריט האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן. נאָכן בייקומען די ערשטע שוועריקייט מיט דער לעגאַליזאַציע פֿון רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פֿון דינגען אַ פּאַסיקן לאָקאַל. די אייגנטימער פֿון אַזעלכע לאָקאַלן, פּיפּיקע ביזנעסלייט האָבן זיך שנעל אָריענטירט אין זייערע קליענטן, האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן דעמאָנסטרירן רעוואָלוציאָנערע לידער אָדער פֿאָרשטעלונגען. וויפֿל האָט מען דאָס באַדאָרפֿן אָנצווענדן הינטערדריידלעך מיט קאָמבינאַציעס!..

דעם שכר פֿאַר אונדזער מי האָבן מיר באַקומען פֿון דער סאַמע וויכטיקסטער זייט — פֿון אונדזער האַרציקן פּובליקום. ווי ליב איז געווען פֿאַר אונדז זיך צוצוהערן צו די בראַוואָס אין „בים“־אַפּלאָדיסמענטן, מיט וועלכע ס'זענען באַשאָנקען געוואָרן די אויספֿירער פֿון כאָר מיטן דראַמקרייז, פֿון יעדער סצענע באַזונדער! הגם אונדזערע באַזוכער האָבן זיך געקאָנט ריכטן אויף אַ ספּעציעלן „צוגאָב־נומער“ מצד דער פּאָליציי, האָט דאָס אָבער קיינעם נישט אָפּגעהאַלטן פֿון באַזוכן אונדזערע פּרימאָרגנס.

דער דראַמקרייז האָט פֿאַר דער צייט פֿון זיין עקזיסטענץ אויפֿגעפֿירט — אַחוץ קלענערע שאַפֿונגען — די פּיעסע פֿון דוד בערגעלסאָן „דער טויבער“; ראַפּאַלסקיס „דאָס חדר“; פּעדערס „אויפֿן וועדינג קיין גייעס“. מיט גרויס איבערגעגעבנקייט זענען מיר צוגעטראָטן צו די פּראָבן פֿון אַ. קושניראָווס פּיעסע „הירש לעקערט“ (רעזשיסירט דורך דוד ליכט) און פּרץ'עס „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק“. אין די לעצטע צוויי פֿאַלן זענען די פֿאָרשטעלונגען צו דער עפֿנטלעכקייט נישט דערגאַנגען, צוליב דעם וואָס מיר האָבן פֿון דער פּאָליציי קיין לעגאַליזאַציע דערויף נישט באַקומען.

די „באַזוכן“ פֿון דער פּאָליציי און אַגענטן אין אונדזער ביבליאָטעק זענען געווען גאַנץ אָפֿטע. ס'רוב האָבן זיי זיך געוואָרפֿן אויף די קאַטאַלאָגן און ביכער, האָפֿנדיק צו געפֿינען אַ פּאַסיקן מאָטיוו, וואָס זאָל מיט איינמאָל פֿאַסלען אונדזער טעטיקייט. מיר זענען אָבער געווען זייער פֿאָרזיכטיק און

גענוי אַכטונג געגעבן נישט בלויז אויף אינדזערע ביכער, נאָר אויך אויף זייערע הענט, ווייסנדיק צו וואָס זיי זענען פעיק!

נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן האָבן מיר נאָך געפירט אַ פאַרלעגערישע טעטיקייט. מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ יידישע איבערזעצונג פון פלעכאַנאָווס „גרונט־פראַגן פון מאַרקסיזם“ און יאַן העמפּעלס „די צען געבאָט“, נאַטירלעך דורך אַ פיקטיוו אָנגעגעבענעם פאַרלעגער.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אונדזער קאָלעקטיוו איז אָן ספק געווען דער ענטוזיאַזם, אָן וועלכן מיר וואָלטן נישט געקאָנט בייקומען די שווערע מאָמענטן אין אונדזער טעטיקייט. דאָס איז געווען דער קוואַל פון דער אומאויסשעפּלעכער ענערגיע און איניציאַטיוו סיי פון פּרעזידיום און סיי פון די קאָמיסיאַנטן ביים אויספירן זייערע פונקציעס לגבי דער ביבליאָטעק אויף די דיזשורן און אימפּרעזעס. שטענדיק האָבן מיר געהאַט אַ וועלט מיט אַרבעט, און ביי דעם אַלעם איז נישט מער געווען ווי איין פונקציאָנאַר — דער לייטער פון דער ביבליאָטעק. עס איז נייטיק צו דערמאָנען די אַקטיוויסטן פון דער קולטור־קאָמיסיע, די פּאַרטייאישע און פּראָפ־פאַריינישע טוער, וועלכע האָבן יעדע פרייע מינוט אָוועקגעגעבן דער קולטור־אַרבעט. צו זיי האָבן געהערט די חברים: לעאָנקע, שמואל צעלמייסקי, לייבוש מאָרגענשטערן, הערשל וואַציאַזש, אסתר לים.

אין יאָר 1936 זומערצייט האָט די פּאָליציי פאַרחתמעט דעם ביבליאָטעק־לאָקאַל אונטערן אויסרייד, אַז מיר פּראַווען קאָמוניזם. כ'דערמאָן זיך גענוי דעם פאַקט. אַרום 9 אַזייגער זענען אַריין אין לאָקאַל ביי אַ 10 שפּיצלעס בראש מיטן פּרעסע־רעפערענט ביערנאַצקי. איך בין געווען דעמאָלט איינע אַליין. מיט דער זעלביקער גענויקייט ווי זיי האָבן מיך אָבסערווירט, כ'זאָל, חלילה, נישט אונטער זייערע אויגן עפּעס פאַרבאַהאַלטן, פּונקט אַזוי האָב איך געמוזט גענוי אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן דער ביבליאָטעק עפּעס נישט אונטערוואַרפן. צום גליק האָבן זיי נישט אַריינגעשמעקט אין דער שפּייזשאַרקע אויפן הויז־קאָרידאָר, וווּ ס'איז געלעגן אָנגעלייגט אַ פולער שטויס מיט פּרעסע־ און ליטעראַטור־אויסגאַבעס, צוגעשיקטע פון ראַטנפאַרבאַנד. פאַרשטענדלעך, אַז די ביכער האָבן מיר נישט אַריינגעצויגן אין אינווענטאַר, ווייל זיי האָבן אין פּוילן קיין דעביוט נישט געהאַט.

הגם די אַגענטן האָבן קיין שום קאָמפּראָמיטירנדיקס נישט געפונען, האָבן זיי די ביבליאָטעק פאַרחתמעט. אויפצומאָרגנס האָט די פּרעסע געבראַכט אַ נאָטיץ, אַז דער פּאָליציי איז געלונגען צו אַנטדעקן אַ ניי־אַנטשטאַנענע קאָמוניסטישע „יאַטשייקע“.

דאָס פאַרחתמענען די ביבליאָטעק האָט אונדז אַלעמען שווער געטראָפן. מיר האָבן פיל געטאָן אין דער ריכטונג צוריק צו עפענען אונדזער אינסטיטוציע.

פיל געהאָלפן האָט אונדז דער באַקאַנטער טוער פון דער פּפּס — לעאָן וואַשילעווסקי, געוועזענער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט „גיע־

פּאַדלעגלאַשטש". ער האָט אונדז אַמאָל געשאָנקען עטלעכע קאָמפּלעטן יאָרגענג פון דער צייטשריפט. אַ דאַנק זיין אינטערווענץ איז די ביבליאָטעק געוואָרן צוריק געעפנט. לײדער האָט אונדזער פרייד נישט לאַנג געדויערט. אינקורצן איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

אין דעם טרויעריקן זיבעטן סעפּטעמבער, ווען די מענער זענען גערופן געוואָרן צו פאַרלאָזן וואַרשע, איז געקומען אברהם ראָזענפעלד און מודיע געווען, אַז די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָבן באַשלאָסן צו גיין אויף מזרח. ער האָט מיר געעצהט, אַז איך זאָל צו זיך צוקלייבן עטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכע חברטעס און בלייבן אויף דער וואַך, אַכטונג געבן אויף דער ביבליאָטעק. כ'געדענק, אין יענע סעפּטעמבער־טעג זענען מיר געשטאַנען אין טויער פון דזיעלנע 32 און געהיט פון אַ שׂרפה און אַנדער שלעכטס אונדזער האָב און גוטס.

נאָכן אַריינמאַרש פון די היטלעריסטן קיין וואַרשע, האָב איך פאַרניכטעט די לייענער־קאַרטאָטעקע און אויך אַנדערע מאַטעריאַלן, וואָס וואָלטן געקאָנט עווענטועל עמעצן קאָמפּראָמיטירן.

*

* *

אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָט זיך מיט דער ביבליאָטעק פאַרנומען דער אָנגעזעענער מעצענאַט און ליבהאָבער פון יידישן בוך יוסף שור — געוועזענער אייגנטימער פון פאַרלאַג „קאַמאַר" אין ווילנע.

ער האָט אַריבערגעפירט אין זיין פּריוואַטער וווינונג אויף לעשנאָ גאַס דעם גאַנצן ביכער־פאָנד פון די צוויי באַקאַנטע אַרבעטער־ביבליאָטעקן: פון „זשיטשע", דזשעלנע 32, און פון „קולטור־ליגע", לעשנאָ 13. ווען די דייטשן האָבן פאַראָרדנט צו פאַרשמעלערן דעם געטאָ־פּאַס פונעם לעשנאָ־קוואַרטאַל, האָט ער זיך איבערגעטראָגן מיט די ביכער אין אַ צווייטער וווינונג אויף דער זעלבער גאַס, ביז וואַנען ס'איז דערשינען אַ נייע פאַראָרדענונג פון זעלבן כאַראַקטער. דעמלט האָט יוסף שור איינגעזען, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול, און ער האָט באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן צו זיין לעבן. פון סופים־האַק איז ער אַראָפּגעהאָנגען אויף די ביכער. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל ביבליאָטעק „דאָס לעבן". זי האָט געטיילט דעם גורל פון אירע שעפער און לייענער.

משה שלמה ראָזענפעלד

נאַלעווקעס 34

וועלכער ווארשעווער ייד ווייסט נישט, ווו די נאַלעווקעס זענען גע־ווען! און וויפל מאָל איז יעדערער פון די וואַרשעווער איינוווינער אַדורכ־געגאַנגען די לעבעדיקע אַרטעריע פון דער יידישער געגנט אין וואַרשע.

און דאָך האָט קיינער אַחוץ עטלעכע געציילטע מענטשן נישט געוווסט, אז אין אַ קעלער־דירה אויפן צווייטן הויף פון דעם ריזיקן טומל־דיקן הויז אויף נאַלעווקעס 34 איז פון מיטן 1934 ביז העלפט פון 1938 יאָר, אונטערן באַשיידענעם שילד פון א קירזשנער־וואַרשטאַט פון שלמה ראָזענפעלד געווען אַ גוט־פאַרקאָנספּירירטע קאָמוניסטישע דרוקעריי.

די אָרגאַניזירונג פון דער דרוקעריי האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַזאַ אופן. אין ערך אין מאַי—יוני 1934 יאָר איז צו מיר קיין קאַלושין געקו־מען חבר אדאַש אַסטראָוויטש פון דער „צענטראַלער טעכניק“ (עס האַנדלט זיך וועגן דער טעכנישער אָפּטיילונג פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי אָדער מאָפּר, גענוי געדענק איך נישט) און האָט מיר פאָרגעשלאָגן אריבערצוטראָגן מיין קירזשנער־וואַרשטאַט קיין וואַרשע, כדי אונטער דעם שילד צו אָרגאַניזירן אן אומלעגאַלע דרו־קעריי. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך בין געווען און בין עד היום אן אומפּאַרטייאישער, האָט די פּאַרטיי געוווסט וועגן מיינע קאָמוניס־טישע סימפּאַטיעס און האָט צו מיר געהאַט גרויס צוטרוי, וואָס עס האָט מיך שטאַרק געפרייט. מיין פרוי איז געווען אן אַקטיווע קאָמוניסטישע טוערין, און צוויי קאַדענציעס נאָכאַנאַנד 1927—1934 איז זי געווען ראַט־מאַן פון קאַלושינער שטאָט־ראַט פון דער ליסטע פון „אַרבעטער און פּויע־רים־איינהייט“. איך האָב נאָך אַ ישוב־הדעת מיט מיין פרוי אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון אדאַש (ער לעבט שוין נישט: אומגעקומען אין לוצ־קער געטאָ).

כדי די קעלער־שטוב אויף נאַלעווקי 34 צוצוגרייטן צו דערפילן איר מאָפּלטע פונקציע פון א לעגאַלן פוטערוואַרג־וואַרשטאַט און אן אומלע־גאַלער דרוקעריי, האָט מען געדאַרפט דעם קעלער גרינטלעך איבער־בויען. מ׳האָט געמאַכט צוויי סופיטן, פאַרמויערט דעם אריינגאַנג דורכן הויז און איבערגעלאָזט בלויז איין אריינגאַנג דורכן הויף. מ׳האָט אדורכ־געפירט עלעקטרישע אינסטאַלאַציע אויף אַזאַ אופן, אַז איך, זיצנדיק ביי

דער אַרבעט, זאָל קענען אומבאַמערקט אויסשליסן דאָס עלעקטרישע ליכט אין דעם „בלינדן הדר" — אָן פענצטער און אין פאַרמאַסקירטן אריינגאַנג, וווּ די דרוקעריי האָט זיך געפונען, כדי אויף אַזאַ אופן צו סיגנאַליזירן, אַז אַ פרעמדער איז אריינגעקומען און אז מען דאַרף אויפהערן צו אַרבעטן און... באַוועגן זיך. מיט דער גאַנצער אַרבעט האָט זיך פאַרנומען דער „דירעקטאָר" פון דער דרוקעריי — חבר יאַקוב (וועגן דאָס איז געווען, ווייס איך עד היום נישט. כ'ווייס בלויז, אז ער איז געווען דער הויפט-טעכניקער פון מאָפּר). פּאַפּיר האָט אונדז צוגעשטעלט אַ חבר, וועמען איך האָב געקענט ואלס — משה, ער איז געווען א מרגינער.

מיט דער פאַכמענישער זייט פון דער אַרבעט אין דער דרוקעריי האָט זיך פאַרנומען דער חבר יוזעף קריגער, הײַנט א מאַיאָר פון דער פוילישער אַרמיי און פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער דרוקעריי אין לאָדזש. געהאָלפן האָט אים אַ סטודענט פון יוריספּרודענץ — מיכאל (אומגעקומען בשעת דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ) און חברטע מנוחה קאַט פון קאַלושין. אַרבעטן איז אויסגעקומען אין אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען: שטיקנדיקע לופט, קיין זון-ליכט, אָפטמאָל דריי-פיר טאָג נאָכאַנאַנד נישט אַרויסגייענדיק פון דעם דאָזיקן לאָך, באַזונדערס ווען מ'האָט געהאַט א סך אַרבעט צוליב גרויסע אקציעס, מאַי-אויסגאַבן אָדער יאָרטאָג פון דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

די פּאַרטיי האָט די באַשעפטיקטע אין דער דרוקעריי אויסגעצאָלט געהאַלט דורך דער חברטע אסתר אלטמאַן. נאָר עס פלעגן פאַרגיין אויך חדשים, ווען מ'האָט זיי נישט געקענט אויסצאָלן. אָבער אַלע אָן אויסנאַם האָבן מיט מסירת נפש פאַרגעזעצט זייער אַרבעט, ווייסנדיק, אז זיי דינען דער זאַך פונעם אַרבעטער-קלאַס.

די דרוקעריי האָט דער עיקר געאַרבעט פאַרן מאָפּר, אָבער פון צייט צו צייט פלעגט זי אויך אדורכפירן ארבעט פאַרן צ.ק., פאַרן וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, פאַר דער קאָמפּאַרטיי פון מערב-אוקראַינע און מערב-ווייסרוסלאַנד.

די אויסגעפאַרטיקטע אַרבעט פלעג איך אַרויסטראָגן, נישט וועלנדיק אַרייננמישן אין דעם ענין „איבעריקע מענטשן". איך פלעג זיך אָפּרעדן מיט די אָפּנעמער אויף באַשטימטע „פּאָדפונקטן" אין גאַס, אין שיך-געשעפטן.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די היגיענישע באַדינגונגען פון דער דרוקעריי זענען געווען זייער שלעכטע, האָט זי אָבער אנטשפּראָכן, ווי די פּאַרטיי האָט פעסטגעשטעלט, די שטרענגסטע פאָדערונגען פון קאָנספּיראַציע. איינמאָל איז אפילו געקומען א ספּעציעלע פּאַרטיי-קאָמיסיע אויף א לוסטראַציע. ביז איך האָב דער קאָמיסיע נישט געוויזן ווי איין ווי אויס, האָט זי נישט געוווּסט, וווּ די דרוקעריי געפינט זיך...

Jednodniówka DOS LEBEN.

פרייז 25 גר.

דאס לעבן

№ 2

פרייז 25 גראשן

אונזער שטימע

„UNZER SZTYME"

Po konfiskacie nakład drugi.

אונזער וועג

ROK III.

„UNZER WEG"

Lwów, 12 stycznia 1934.

פרייז 20 גר.

Nr. 2 (46)

אין נומער II

צו אלע אונזערע באוויירים און לעזער!

הענריק זאָלאָטאָוו

אין די מויערן פון „הייליקן מיכאל“

אין יאַנואַר 1931 בין איך אַרעסטירט געוואָרן אין קראָקע, אין אַ דרוקעריי, און מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין תפיסה פונעם „הייליקן מיכאל“. די אויספאָרשונגס־מאַכט האָט מיך באַשולדיקט אין געהערן צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון פוילן. חוץ דעם האָט מען מיר פאָרגעוואָרפן שפיאָנאַזש־טעטיקייט לטובת דעם ראַטנפאַרבאַנד. דער שפיאָנאַזש־פאַראַגראַף האָט מיך קוואַליפיצירט צו דער קאַטעגאָריע פון קרימינעלע פאַרברעכער און האָט געגעבן די מעגלעכקייט דער תפיסה־מאַכט מיך פולשטענדיק צו איזאָלירן פון די פאָליטישע אַרעסטירטע.

מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין דער קאַמער 36, אויפן 3־טן שטאָק צוזאַמען מיט די אַזוי גערופענע „בעסערע“ קרימינאַליסטן. דאָס איז געווען אַ קליינע בודע אויף זעקס בעטן. די הילצערנע פאָדלאָגע איז געווען צעפוילט און פול מיט לעכער. אויסערגעוויינלעך דיק איז געווען די מויער, און אַ קליין פאַרקראַטעוועט פענצטערל האָט זיך געפונען הויך אונטערן סופיט. די פלאָג פון דער קאַמער איז געווען דער קיבעל, וואָס איז געשטאַנען אונטער אַ נידעריק הילצערן ווענטל, וווּ די אַרעסטירטע פלעגן דערליידיקן זייערע נאַטירלעכע באַדערפענישן. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס אַ גאַנצן טאָג איז געשטאַנען אַ געסראָכע, הויפטזעכלעך אין זומערדיקע הייסע, דושנע טעג.

צוערשט בין איך געווען איין איינציקער „פאָליטישער“, נאָכדעם האָט מען אין קאַמער אַריינגעזעצט נאָך איין חבר. אַזוי אַרום זענען מיר שוין געווען צוויי און פיר קרימינאַליסטן.

איך וועל אייך בקיצור באַשרייבן אונדזער געזעלשאַפט. איינער פון זיי איז געווען אַ גנבֿ פון אַ יאָר 20, און לויט זיינע ווערטער איז ער פון פאַך געווען אַ שלאָסער; ער איז געווען זייער אַ פעיקער, באַלעזענער יונג, האָט געהאַט אַ סך פראַקטישע ידיעות פון פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע געביטן און פון האַנטווערקעריי. ער האָט געוווּסט, ווי עס רופן זיך אָן און ווי אַזוי עס אַרבעטן פאַרשידענע מאַשינען, אינסטרומענטן, ער האָט געהאַט אַ השגה אין באַן־ענינים, נישט ערגער פון אַ פאַכמאַן. מיר אַלע האָבן פשוט באַוווּנדערט דאָס גרויסע וויסן פונעם דאָזיקן בחור. עס איז נישט געווען קיין שום פראַגע, אויף וועלכער ער זאָל נישט געפונען קיין

לאַגישן אויסשעפּנדיקן ענטפער. עס איז נישט געווען קיין וואָרט, וואָס ער זאָל נישט קאָנען אויפקלערן.

דער צווייטער אַרעסטאַנט, אויך אַ יונגער יאַט, אויך אַ גנבֿ, איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ. אַ לעבעדיקער און פריילעכער. ער האָט געהאַט טיפע ליידנשאַפטן. אין הייסע זומערדיקע טעג, ווען מען האָט אונדז אַרויסגעפירט אויף אַ שפּאַציר און עס האָט אָנגעהויבן צי כליאָפּען אַ רעגן, פלעגט ער קיינמאָל נישט אָנטאָן דאָס היטל. ער האָט ליב געהאַט, ווען דער רעגן האָט אים דורכגעווייקט, און גאַנצע טייכן האָבן זיך געגאָסן אויף זיין פּנים. דאָס דאָזיקע יאַטל האָט געוואַלדיק ליב געהאַט לידער, שלאָגערס און שטענדיק געלאַכט; עס האָט פון אים געברויזט דאָס לעבן און ער האָט ליב געהאַט צו פרוימען. זיין גרעסטער, אומדערגרייכבאַרער, פאַרבאָרגענער פאַרלאַנג איז געווען — איך חזר איבער ווערטלעך — אַרומצונעמען און צודריקן די אָרדאָנקע (די עלטערע גענעראַציע ווייסט, ווער עס איז אָרדאָנקע: איינע פון די בעסטע פאַרמלחמהדיקע פּוילישע זינגערינס, אַ שיינע און גראַציעזע אַקטריסע).

דער דריטער אַרעסטאַנט, איך געדענק זיין פאַמיליע, מיעטשיסלאַוו קענקוש. ס'איז געווען אַ מאַנצביל פון אַ יאָר 34, אַ שלאַנקער און גוט געקליידעט. ער האָט באַלאַנגט צו דער אַזוי גערופענער גנבֿהשער אַריסטאָקראַטיע. אַ קאַסע־ברעכער, טיילווייז אויך אַן אַלפאָנס און בכלל אַ זשוליק און שווינדלער. זיינע גנבֿהשע הויפּט־ראָלן האָבן געהאַט אַ ברייטן פאַרנעם, געמלעך: זומער פלעגט ער אָפּט אַרויספאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין טשעכישע בעדער. היות ער איז געווען שיין, יונג, געקענט די טשעכישע שפּראַך, פלעגט ער זייער לייכט שליסן באַקאַנטשאַפטן מיט פאַראייניזאַמטע, פאַרמעגלעכע פרויען. ווען אַ פרוי האָט אים אין אַ געוויסער צייט אַרום פאַרבעטן צו זיך, האָט ער מיט אַ געשיקט אויג אַלץ ביי איר דורכגעשטערט, וואָס זי האָט און ווו עס ליגט און אויסנוצנדיק אַ מאָמענט, ווען זיין „סימפּאַטיע" פלעגט אַרויס פון צימער, פלעגט ער זי „באַאַרבעטן" אומבאַמערקלעך, צונעמענדיק בריליאַנטענע פינגערלעך, בראָשקעס און אַנדערע טייערע חפצים. נאָך אַזאַ מין אָפּעראַציע פלעגט קענקוש מגולגל ווערן אין אַן אַנדער קוראָרט און דאָרט פאָרזעצן זיין אַרבעט. ער האָט געפירט אַ לייכט לעבן און תמיד געהאַט געלט אין קעשענע. און לסוף איז ער אַריינגעפאַלן.

מיט מיעטשיסלאַוו קענקושן האָב איך מיך האַרציק באַפריינדעט. ער האָט מיך אויסגעלערנט טשעכישע לידער. איך האָב ליב געהאַט צו שפּילן מיט אים אין שאָך. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, האָב איך אים געבעטן, ער זאָל אָנשרייבן אַ בריוו צו מיר אין דערהיים, ער זאָל אָפּגעבן אַ גרוס מיין ווייב, ער זאָל איר איבערגעבן, ווי עס לעבט זיך מיר און וועגן די פּערספּעקטיוון פון מיין ענין. ער האָט גלענצנדיק אויסגעפירט מיין בקשה. ווען איך וואָלט אים איצט באַגעגנט, וואָלט איך אים האַרציק באַגריסט,

ווייל ער איז געווען איינער פון די העלדן פון מיינע דערציערונגען. אָבער וועגן דעם ווייטער.

דער פערטער געפאַנגענער איז געווען אַ קראָקעווער אייזנבאַנער, סיעדזיאַק, באַשולדיקט אין גורם זיין אַ באַן-קאַטאַסטראָפע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט מענטשלעכע קרבנות. דאָס איז געווען אַ באַגרענעצטער מענטש. צום ביישפּיל, דער דאָזיקער קראָקעווער אייזנבאַנער האָט נישט געוווּסט, ווער ס'איז לענין און האָט אפילו נישט געהערט וועגן אַזאַ איינעם. ווען איך האָב געפּרוווט דיסקוטירן מיט אים וועגן קאָמוניזם, איבערצייגן אים אין דער ריכטיקייט פון אונדזערע שטרעבונגען, האָט ער מיר איינמאָל אָפּגעענטפערט מיט אַ וויץ: „דיין האַרמאַט שיסט זייער גוט, אָבער איך נייטיק זיך נישט אין אים“. אין דעם ענטפער איז געווען אַן אייגנאַרטיקע לאָגיק, אַ לאָגיק פון אַ מענטש מיט קליינע השגות.

מיר האָבן באַשלאָסן איינצואָרדענען אַ שפּייז-קאָמונע אין אונדזער קאַמער. מיר האָבן דורכגעפירט אַ שמועס צווישן די אַרעסטירטע, און אַלע באַלעבאָס פון דער קאָמונע האָבן מיר אויסגעוויילט אונדזער ערודיט. דעם יונגן מאַרעוויכער — דעם שלאָסער. ער איז געווען אַ מוסטערהאַפטער באַלעבאָס. ער האָט אָרנטלעך פאַרטיילט די שפּייז-מיטלען, אונדז נישט באַגנבעט, האָט געהיט די זאַפּאַסן: ברויט, שמאַלץ, וווּרשט, טאַבאַק, ציבעלע, צוקערלעך אאַוו. אָבער מיט דער צייט, ווען דאָס ייִנגל האָט זיך שוין צו שטאַרק צוגעוווינט צו זיין פונקציע, האָט זיך אים קענטיק אָנגעהויבן אויסצודאַכטן, אַז די גאַנצע לעבנס-מיטלען זענען זיין אייגנטום, אַז ער איז אונדזער פאַקטישער שפּייזער. דאָס ייִנגל האָט אויסגעהערט צו זיין אַ „דינער פון פאָלק“, האָט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן נישט קיין געזונטע קאַפּריזן און געבראַכט צום אויסדרוק אַ מין „פערזאָנען-קולט“. מיר האָבן געמוזט אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף זיין טעות און געצוווּנגען אים צו קומען צו זיך. מיר האָבן געמאַכט אַ באַראַטונג, אים אַריינגעזאָגט, ווי עס באַדאַרף צו זיין, און אים אַראָפּגענומען פון זיינע פונקציעס אַלס באַלעבאָס, באַשטימענדיק אַן אַנדערן אויף זיין אָרט.

ס'האָט זיך דערנענטערט דער 1-טער מאַי. איך און מיין חבר זענען פולשטענדיק געווען איזאָלירט פון אַלע אַנדערע. מיר האָבן נישט געוווּסט, צי אונדזערע חברים גרייטן זיך צו אַ מאַי-מאַניפעסטאַציע אין תפיסה, צי אפשר טוען זיי גאָרנישט.

נישט לאַנג טראַכטנדיק האָבן מיר באַשלאָסן זיך אַליין צו קרוינען מיטן נאָמען „ערשטמאַיקער תפיסה-קאָמיטעט“. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַן אויספירלעכע אינסטרוקציע, ווי אַזוי דורכצופירן די ערשטמאַיקע דעמאָנסטראַציע. מיט אַ דראָבנעם דרוק-שריפט האָבן מיר זי אָנגעשריבן אין עטלעכע עקזעמפּליאַרן. און דאָ טרעט אַרויס אויף דער סצענע אונדזער העלד, מיעטשיסלאַוו קענקוש.

איך האָב שוין אויבן געזאָגט, אַז מיר האָבן זיך מיט אים באַפריינדעט. ווי עס ווייזט זיך אַרויס, קאָן מען זיין אַ גנב און האָבן אַן אָנשטענ-

דיקן כאַראַקטער, אַרויסרופֿן צו זיך צוטרוי, זיין אַ מענטש, מיט וועלכן מען קאָן זיין זיכער, אַז ער וועט נישט פֿאַראַטן, אַז ער וועט נישט אָפּטאָן קיין נידערטרעכטיקייט, אויב ער וועט אַפֿילו אַרײַנפֿאַלן און עס וועט אים דראָען אַ שטראָף. אַזאַ מענטש איז געווען מיעטשיסלאַוו קענקוש. האָבן מיר זיך אַלזאָ געווענדעט צו קענקושן מיט אַ פֿאַרטרויליכער בקשה, ער זאָל ביי אונדז נעמען די „אינסטרוקציעס“ און איבערגעבן זיי אויפֿן 2-טן שטאָק צו די „פּאָליטישע“ פֿון דער „קאָמונע“.

מיעטשיסלאַוו קענקוש האָט געשפּילט אין אַמאַטאָרישן תּפֿיסה-טעאַטער. צוליב דעם איז ער געווען פֿרייער אין זיינע באַוועגונגען, פֿלעגט זיך טרעפֿן מיט אַרעסטאַנטן פֿון פֿאַרשידענע שטאָקן, אָפּטיילונגען און קאַמערן. ער האָט געהאַט זיינע פֿאַרטרויענס-לייט. ער האָט אַלזאָ ביי אונדז גענומען די אינסטרוקציעס און זיי געלאָזן אין גאַנג. וואָס איז ווייטער פֿאַרגעקומען מיט די דאָזיקע אינסטרוקציעס, ווייסן מיר נישט. צו וועלכע חברים זיי זענען אַרײַנגעפֿאַלן, ווי עס האָבן זיך צו זיי באַצויגן די חברים, וואָס האָבן זיי דערפֿון געטראַכט — ווייסן מיר גאָרנישט. מיר ווייסן איינס, אַז די מאַניפֿעסטאַציע, וואָס איז דורך אונדז פּלאַנירט געוואָרן, האָט געגעבן אויסערגעוויינלעכע רעזולטאַטן, וועלכע האָבן איבערגעשטיגן אונדזערע פֿאַרשטעלונגען.

דעם 1-טן מאַי, פּונקט ווי יעדן טאָג, האָט מען מיך מיט מיין חבר באַזונדער, נישט צוזאַמען מיט די קרימינאַליסטן, אַרויסגעפֿירט אויפֿן הויף, אויף דעם אַזוי גערופֿענעם שפּאַציר. געווען איז עס 7 אַזייגער אינדערפֿרי. מיר האָבן זאַלבעצווייט שפּאַצירט אין מיטלסטן קליינעם גערטנדל. אויף דער רעכטער און אויף דער לינקער זייט פֿון אונדז האָבן שפּאַצירט צוויי פּאַרטיעס קרימינאַליסטן. אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין נאָרמאַל, רויִק, ווי געוויינלעך. דער פּלאַן פֿון דער מאַניפֿעסטאַציע איז ביי מיר מיט מיין חבר געווען אויסגעאַרבעט מיט אַלע איינצלהייטן. נאָך דריי פֿערטל שעה שפּאַצירן, 7.45 אַזייגער האָבן מיר בליץ-שנעל אַרויסגעשלעפּט פֿון דער באַהעלטעניש רויטע שלייפֿלעך און אַרײַנגעשטעלט אין אונדזערע לאַצן (די רויטע שלייפֿלעך האָט אונדז צוגעשטעלט דער זעלבער קענקוש). דער תּפֿיסה-וועכטער, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויפֿן שפּאַציר, האָט גאָרנישט געהאַט באַמערקט. נאָכן אַרײַנשטעקן די שלייפֿלעך האָב איך מיט מיין חבר זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן גערטנדל, געשטעלט זיך מיטן פּנים צו די פּאַווילאָנען, ווו עס זענען געזעסן די אַרעסטירטע, מיר האָבן אַראָפּגענומען די היטלען, און איך האָב מיט אַ הויכער שטים, וואָס האָט אָפּגעהילכט אויפֿן גאַנצן הויף, אָנגעהויבן מיין ערשטמאָליקע „דרשה“. מיין חבר איז געשטאַנען זייט ביי זייט מיט מיר. מיר האָבן צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז די „דרשה“ וועל איך האַלטן, און די לאָזונגען וועלן מיר אויסרופֿן צוזאַמען. די „דרשה“ איז באַשטאַנען פֿון עטלעכע געדאַנקען און איז געווען אויסגערעכנט נישט מער ווי אויף אַ מינוט.

און באמת, איידער דער תּפֿיסה-וועכטער האָט זיך אָריענטירט, וואָס

ליטעראַרישע טריבונע
לאָדזש
4
(27)
פאַרמעסט
פרײַז 25 גראָשן
1930
טריבונע
6

עס קומט פאַר אויפן הויף, און איידער נאָך ער האָט באַוויזן צוגיין צו אונדז, איז די „דרשה" שוין געווען פאַרענדיקט, און לאָזונגען זענען געפלויגן: „זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד!", „זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט!", „נידער מיטן פאַשיזם!", „זאָל לעבן די פּוילישע ראַטן-רעפּובליק!".

דער וועכטער איז צו אונדז צוגעקומען און געפאָדערט, מיר זאָלן אַראָפּנעמען די שלייפלעך. מיר האָבן אָפּגעזאָגט — היינט איז אונדזער יום-טוב — איז געווען דער ענטפער. ער האָט זיי אַליין אַראָפּגעריסן פון אונדזערע לאַצן. ער האָט אַרויסגעגעבן א באַפעל: — אויס שפּאַציר! מיר האָבן זיך פריער אָפּגערעדט, אַז מיר זאָלן נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד, נישט דערפירן צו רייבונגען מיט דער תפיסה-אַדמיניסטראַציע. מיר זענען אַרויס פון גערטנדל און מיטן גאַנצן כוח איבער דער גאַנצער לענג פון הויף ביזן אַריינגאַנג אין פאָדערהויז פון פּאַווילאָן געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל".

און דאָ, בעת די תפיסה-אַדמיניסטראַציע האָט געמיינט, אַז די מאַניפעסטאַציע איז שוין ליקווידירט, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע דעמאָנסטראַציע. אַלס ענטפער אויף אונדזער געזאַנג האָט אָפּגעהילכט דער „אינטערנאַציאָנאַל" פון אַלע תפיסה-בלאָקן. דאָס האָבן די חברים פון די קאַמערן אונטערגעכאַפּט אונדזער געזאַנג און צוזאַמען מיט אונדז דעמאָנסטרירט. דער איינדרוק איז געווען א קאָלאָסאַלער. די גאַנצע תפיסה איז געוואָרן אויפגעטרייסלט פונעם מעכטיקן געזאַנג.

מען האָט מיך באַשטראָפט, אַוועקנעמענדיק אויף עטלעכע וואָכן די רעכט צו באַקומען וואַלוועקעס, ברויט, ביכער און צייטונגען. מען האָט מיך איבערגעפירט אין אַן איינצל-קאַמער אויפן פּאַרטער. אין עטלעכע וואָכן אַרום, ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט מיין שטראָף, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ווען די חברים אין די קאַמערן האָבן אינדערפרי דערהערט די לאָזונגען און דאָס געזאַנג, האָבן זיי אפילו נישט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז דאָס האָבן מאַניפעסטירט צוויי חברים אויפן הויף. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער, וועלכע זענען פון די קראָקעווער פּלאַנטן צוגעקומען צו די ווענט פון דער תפיסה און מאַניפעסטירט זייער סאָלידאַריטעט מיט די חברים הינטער די תפיסה-קראַטן. פון דאַנען די באַגייסטערונג און דער אומגעהויערער כוח, מיט וועלכן די חברים פון די קאַמערן האָבן אָפּגעענטפערט מיט געזאַנג אויף אונדזער געזאַנג.

צו דער באַשרייבונג מוז איך צוגעבן אַ קליינעם קאָמענטאַר. איך האָב דאָך געקאָנט אַזוי זאָגן: מיר זענען איזאָלירט פון דער קאָמונע, מיר ווייסן גאָרנישט, וואָס עס טוען די חברים, חוץ דעם האָט אונדז קיינער פון אויבן נישט געגעבן קיין שום פאַראָרדענונגען. לאָמיר זיצן רואיק. ס'איז שווער, ס'האָט זיך געשאַפן אַזאַ סיטואַציע!

ניין! עפּעס אַן אינערלעכע שטים האָט אונדז נישט דערלויבט צו האַלטן זיך ביי אַזאַ מיינונג. אין תפיסה, האָב איך געזאָגט, מוז פאַרקו=

מען אַן 1־טע מאַי־מאַניפעסטאַציע, און יעדער פון אונדז איז פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, אויב ער געפינט זיך אפילו אין איזאָלאַציע. דאָס איז דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער פאַרטיי.

און טאַקע — דער ענין וועגן פאַראָרדענונגען פון אויבן. מיר זענען קיינמאָל נישט געווען קיין אַנאַרכיסטן. דער באַשלוס פון דער פאַרטיי איז ביי אונדז געווען אַ דירעקטיוו. די אָנפירונג האָט אין אונדז אַנטוויקלט אַ שטרענגע פאַרטיי־דיסציפּלין, אָבער יעדער קאָמוניסט האָט אַליין געקאָנט זיך דעצידירן אויפן אָרט, האָט געקאָנט און נישט מורא געהאַט אָנצונעמען אַן אייגענע שטעלונג ביי שווערע סיטואַציעס, ווען ער איז געווען אָפּגעשניטן פון דער אינסטאַנץ, און דער ענין האָט געפאָדערט אַ שנעלן באַשלוס. אַזוי איז געווען אין תפיסה, און אַזוי איז געווען אויף דער פריי. אַ מיטגליד פון קפפ האָט נישט געוואַרט ביז דער „אויבן" וועט אים זאָגן, וואָס ער האָט צו טאָן.

אָט די האָזיקע מעלות האָבן צווישן אַנדערע דעצידירט וועגן דער אָנפירערישער ראָל פון דער קפפ צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס, וועגן איר הויכן מאָראַלישן אויטאָריטעט, וועגן דער סימפּאַטיע און אַכטונג, וואָס זי האָט זיך דערוואָרבן צווישן אומפּאַרטייאישע און אפילו צווישן אונדזערע שונאים.

אין יאָרן אַרום נאָך דער מאַניפעסטאַציע, פינקטלעך אַ פערטל יאָרהונדערט האָט מיין רעדאַקציע־קאָלעגע, דער ח' יוזעף קאָזלאָווסקי, וועלכער האָט ליב זיך צו גריבלען אין היסטאָרישע דאָקומענטן, אַרויסגעשלעפּט פון וואָיעוואָדישן מלוכהשן אַרכיוו אין קראָקע אַ ראַפּאָרט פון דער קראָקעווער פּאָליציי וועגן די אויבנבאַשריבענע געשעענישן אין דער קראָקעווער תפיסה.

אָט איז דער אינהאַלט פון דעם ראַפּאָרט:

„שריפט פון דער מלוכהשער פּאָליציי־קאָמענדאַטור אין קראָקע, אויספאָרשונגס־אָפּטייל, נומער 5240/7/31. צום קראָקעווער שטאָט־סטאַראָסטע, 17 מאַי 1931 יאָר.

דעם ערשטן מאַי 1931 יאָר, 7 אַזייגער מיט 45 מינוט אינדערפרי האָבן די אַרעסטירטע קאָמוניסטן איינגעאָרדנט אַן ערשטע מאַי־מאַניפעסטאַציע.

די אַרעסטירטע זאָלאָטאָוו העניק און רופערט פראַנצישעק האָבן בעתן שפּאַציר אויסגערופן: „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי!", „נידער מיטן פאַשיזם!" אאַוו. נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר". גלייכצייטיק האָבן אָנגעהויבן צו זינגען די אַרעסטאַנטן אין אַנדערע קאַמערן...

זייער חוצפהדיק האָט זיך פאַרהאַלטן דער אַרעסטאַנט אַכאַב עדוואַרד אין דער 67 קאַמער, וועלכער האָט בעתן שפּאַציר פון די אַרעסטירטע פון אַנדערע קאַמערן זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער, אָנגעכאַפּט זיך פאַר די קראַטן, און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די וואָרענונגען, האָט

ער אויסגערופן: „נידער מיטן פאשיזם“!, „נידער מיטן דיקטאטאָר!“, „זאָל לעבן די פוילישע ראטן־רעפובליק!“, נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען.

אָכאבס געזאנג און זיינע געשרייען האָט מען געהערט אויפן גאנצן תפיסה־געביט“.

איך האָב דענסטמאָל נישט געוווּסט, אַז איינער פון מיינע תפיסה־חברים איז געווען עדוואַרד אָכאַב. מיר האָבן זיך נישט געקענט. אונדזער געמיינזאמע ערשטמאָליקע תפיסה־רעמאָנסטראציע איז געווען א צופאַל. נישט צופעליק איז אָבער געווען דער פאקט, וואָס די אַלטע קאָמוניסטישע קאַדרען זענען פארבליבן טריי דער פאָן פון קאמף, וואָס אין די באַדינגונגען פון פאַלקס־פוילן פירן זיי ווייטער, יעדער אויף זיין פאָסטן: דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, פאַר ברידערלעכער צוזאַמענארבעט מיטן ראַטנ־פאַרבאַנד, פאַר אינטערנאַציאָנאַליסטישער דערציונג פון די מאַסן!

מאַניש איזראַעלעוויטש

וואָס אין ראַווע־מאַזאָוויעצק איז זיך פאַרלאָפן...

געווען איז דאָס אין 1920 יאָר, ווען די „באָלשעוויקעס" זענען צוגעקומען צו דער ווייסל. איבער די גאַסן פון ראַווע־מאַזאָוויעצק דרייען זיך מאַסן געקומענע מיליטער־לייט מיט גרינסטע פּנימער. קאָפּקעלער מענטשן אין בית־המדרש ביים דאַוונען זיפצן באַזאָרגט „וואָס וועט זיין?, די רויטע גייען". איך און עטלעכע באַלמעלאָכעס האָבן זיי געטרייסט: „קיין אַרבעטער משפּיען זיי נישט, נאָר די רייכע". איך האָב באַשלאָסן צו ווערן אַ „פּראָלעטאַריער". אָנגעהויבן צו לערנען זיך א מלאכה. פריער ביי אַ קאַמאַשנמאַכער און דערנאָך ביי א סטאָלער. אין יאָר 1923 האָב איך שוין געאַרבעט אין לאָדזש אויף פּעפּער גאַס נר 18 ביי סראָלקע טישלער (סראָלקע הויקער). די „פאַבריק", אַ קליין שטיבל, דריי אויף דריי אַ האַלבן מעטער האָרט ביי דער אוביקאַציע. ביי אַ נאַפט לעמפּל אויף דער וואַנט האָב איך געאַרבעט פון 7 אינדערפרי ביז 8 אָוונט.

אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט אַנדערהאַלבן יאָר, שלאָפנדיק אויף די שפּענער. אין דעם זעלבן יאָר בין איך געוואָרן א מיטגליד אין האָלץ־פאַריין אויף פּאָלודניאָווע גאַס נר. 20. אין א געוויסן אָוונט, ווען כ'בין געווען אין פאַריינס־לאָקאַל, קומט צו מיר צו א ייִנגל אין מיין עלטער און זאָגט מיר, אַז כ'זאָל אַריינגיין אין אַ צווייטן צימער, וווּ ס'וועט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון יונגטלעכע טישלער. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט מען גערעדט וועגן דעם, אַז מען זאָל אָרגאַניזירן אַלע יונגטלעכע סטאָלערס. איינער פון די רעדנער האָט געזאָגט, אַז אין פאַריין דאַרף מען אַריינגעמען בלויז יידן, די פּוילישע זאָלן זיך אָרגאַניזירן אַ פאַריין באַזונדער. דאָס איז מיר נישט געפעלן. איך האָב גענומען א וואָרט און געזאָגט: „ס'וועט זיין בעסער, ווען יידישע טישלער־אַרבעטער וועלן גיין צוזאַמען מיט די פּוילישע טישלער".

די צווייטע וואָך. ווען איך בין געווען אין פאַריין, האָט מיך דער זעלבער יונגטלעכער אַריינגערופן אין אַ צווייטן צימער. דאָרטן האָב איך שוין געפונען 5 יאַטן: 2 טישלער, 1 טאָקער, 1 שניידער און 1 שוועטערמאַכער. דער רעדנער האָט גערעדט וועגן געמיינזאַמע מיט די פּוילישע אַרבעטער קאַמפן, אַז אין אייניקייט איז קראַפט אאוו. איך האָב גענומען א וואָרט און געזאָגט: „אַזוי דאַרף זיין". האָט מיר אַ יאַטל (געווען איז דאָס העניעק

ראָזען) געענטפערט, אז אים געפעלט דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אויף דער פאַבריקער פאַרזאַמלונג און היינט. ער האַלט, אז איך בין ראוי אריינגעצויגן צו ווערן אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד.

צום ערשטן מאָל האָב איך אָנטיילגענומען אין גרעסערע פאַרזאַמלונגען. דאָס איז געווען פאַרן 1-טן מאַי פון 1923. מיר האָבן זיך געגרייט ווי עס געהערט צו זיין צו באַגעגענען די ענדעקישע באַנדעס, וועלכע האָבן זיך געקליבן אָנצופאַלן אויף אונדזער מאַי-מאַניפעסטאַציע. יעדער איז געווען גרייט צו פאַרטיידיקן די פאָן. וואָס עמעץ האָט געקענט, האָט ער מיטגענומען — איך האָב מיטגענומען אין קעשענע א „שטאָלענעם רייבער".

דער זאַמל-פונקט אין טאָג פון ערשטן מאַי איז געווען דער „וואַדנירינעק" (שייבלערס מארק). ריזיקע מאַסן ארבעטער האָבן זיך פאַרזאַמלט מיט פאַריינס-פענער און טראַנספּאַרענטן. צום אויסגאַנג פון דער הויפּטגאַס האָבן זיך אויסגעשטעלט די פּראָפ. פאַריינען, וועלכע זענען געווען אונטער דעם איינפלוס פון פּפּס. אין שפּיץ א גרויסע פאָן מיט דער אויפשריפט פּפּס. צום סוף פון די פאַריינען האָט זיך אוועקגעשטעלט א מחנה „מיליץ" מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט. דערנאָך האָבן זיך אוועקגעשטעלט די דייטשע פאַריינען, וועלכע די מיליץ האָט אָנגעשלאָסן אין אירע רייען. הינטער זיי האָבן זיך אוועקגעשטעלט די פּראָפ. פאַריינען, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער קפּפּ. דאַן — דער „בונד" מיט די פּראָפ. פאַריינען, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער זיין איינפלוס. צום סוף די לינקע פועלי-ציון. ווען דער מאַניפעסטאַציע-צוג האָט אָנגעהויבן מאַרשירן האָבן די קאָמוניסטן אויפגעהויבן א גרויסע רויטע פאָן מיט דריי גרויסע אותיות — קפּפּ. דער צוג האָט מאַרשירט מיט דער גלוווינע-גאַס צו דער פּיאָטרקאָווער אויף רעכטס. אין מאָמענט, ווען די מיליץ פון פּפּס האָט זיך פאַרקערעוועט אויף דער פּיאָטרקאָווער גאַס — האָט די פּאָליציי אויף פערד און פוסגייער זיך געוואָרפן אויף די מאַניפעסטאַנטן פון אונדזער צוג און מיט בלויזע שווערדן, ביקסן, קאָלבעס געשלאָגן איבער די קעפּ. צוערשט האָט די פּאָליציי זיך געוואָרפן אויף דעם פאָנען-טרעגער. מיר האָבן זיך א לאָז געטאָן פאַרויס צו פאַרטיידיקן די גרויסע פאָן מיט די דריי פייערדיקע בוכשטאַבן קפּפּ. די גאַס האָט אויסגעזען ווי א שלאַכטפעלד. ארבעטער מיט פאַרבלוטיקטע קעפּ האָבן זיך געראַנגלט מיט דער פּאָליציי. הונדערטער זענען ארעסטירט געוואָרן. די פּאָליציי האָט אויך אטאַקירט דעם שלוס פון אונדזער צוג. ס'זענען דעריבער געווען פיל פאַרוווּנדעטע אויך פון „בונד" און פּ.צ.

אזוי האָבן אויסגעזען מיינע ערשטע טריט אלס קאָמוניסט.

*

* *

אין מיין געבורטס-שטעטל ראַווע-מאַזאָוויעצק איז אנטשטאַנען א שניידער-פאַריין, געשאַפן דורך דער בונדישער צענטראַלע. דער פאַריין האָט

גרופּירט די יידישע אַרבעטער פונעם שטעטל. ער האָט געהאַט אַ שיינעם לאָקאַל מיט אַ באַזונדער צימער פאַר דער ביבליאָטעק. אויף אַלע יום=טובים פלעג איך קומען פון לאָדזש אַהיים און פירן שמועסן מיט דער יוגנט. די יוגנט האָט זיך מיט גרויס אינטערעס צוגעהערט צו מיינע רייד. ס'האָבן זיך אַנטוויקלט לייַדנשאַפטלעכע דיסקוסיעס. אין רעזולטאַט פון די דיסקוסיעס האָט זיך געשאַפן אַ „רויטע פראַקציע“. יעדעס מאָל, ווען כ'בין געווען אַרבעטסלאָז, האָב איך זיך גלייך געפונען צווישן מיינע יאַטן אין ראַווע. אַזוי אַרום האָב איך צוגעלייגט אַ האַנט ביים אַנטשטיין פון דער קאָמוניסטישער יוגנט=גרופּע אין מיין היים=שטעטל ראַווע. היינט די טעטיקייט פון עלטערע קאָמוניסטן. זייער ברען, זייער איבערגעגעבנקייט. אין פייער אַריין וואָלטן זיי געגאַנגען פאַר דער פּאַרטיי.

כ'דערמאָן זיך די מיטגלידער פון פּאַרטיי=קאָמיטעט: שלמה רובין, יוסף ביגלייזער, וועגראָוו, דאַווידאָוויטש און לענצנער. צי עמיצער פון זיי לעבט נאָך, ווייס איך נישט. אין יוגנט=קאָמיטעט איז געווען דער ה' ווער. דאָס געדענק איך אויף זיכער (היינט פאָרזיצער פון דער לאָדזשער אָפּטיילונג פון קולטור=געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד). מיר האָבן געהאַט אַ מיטגליד אין ראַיאָן=קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. צום ראַיאָן האָבן געהערט: גריצע, מאָגיעלניצע, ראַווע=מאַזאָוויעצק, ניי=שטאָט און ביאַלאַ=ראַווסקאַ. מיר פלעגן פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע אויפרופן צווישן די פּויערים, שרייבן לאָזונגען אויף די ווענט, אויסהענגען פענער, איינאָרדענען קעסטל=אָוונטן, זאַמלען געלט פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע.

איך וויל דערציילן וועגן אַ קוריאָז. אין ראַווע האָט זיך געפונען אַ געוויסער מלמד, מרדכי גוטמאַן האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ שילדן=מאָלער. ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט צוויי טעכטער און געקוקט מיט עטלעכע יינגלעך אַ ביסל... אַפּיקורסיש. ער פלעגט מיט אירוניע רעדן וועגן דעם, ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג, ווי גאָט גיט רעגן, ווי ער מאַכט, אַז די זון זאָל שיינען אַדגל. האָבן די עלטערן אָפּגענומען זייערע קינדער פון אים און אפילו נישט געגעבן דעם אַפּיקורס קיין שילדן צום מאָלעווען. ער האָט נעבעך אָנגעהויבן געשמאַק אונטערצוהונגערן מיט זיין משפּחה. אַ געוויסן טאָג איז צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה, אַז מרדכי גוטמאַן דער מלמד מיט זיין יידישן היטל וויל אין פאַריין האַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער... באַדייטונג פון דער זון פאַרן מענטשן. האָבן מיר באַשלאָסן מאַכן בילעטן צו 20 גראָשן, וועט זיין אַ שטיקל הילף פאַרן פרעלעגענט... דער רעפעראַט האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען און דעם „מלמד“ געבראַכט כבוד. די קהילה האָט אים אין חרם געלייגט. האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג צווישן אונדז און די פּועלי=ציון פאַר געווינען דעם פּראָלעטאַרישן מלמד. אין צווישנצייט האָט דער לאָקאַל פון שניידער=פאַריין אין ראַווע געקראָגן אַ מתנה פון מרדכי גוטמאַן — אַ הערלעך בילד פון קאַרל מאַרקס...

אין 1926 יאָר איז דער אויפגעקלערטער מלמד און גלייכצייטיק שילדן־מאָלער געשטאָרבן. אויפן בית־עלמין האָב איך געהאַלטן אַ רעדע. נאָך דעם האָט דער פאַרזאַמלטער עולם געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון ראַווע האָט דער מעכטיקער אַרבע־טער־הימן געקלונגען אויף דעם בית־עולם.

סטאַניסלאַוו ראָטשטער

די טעטיקייט פון „מאָפּר" אין וואַרשע אין די יאָרן 1924—1927

פאַר דער אַנשטייונג פון מאָפּר האָב איך אָנטיילגענומען אין דער רויטער הילף פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע און זייערע משפּחות. אין 1924 בין איך געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם ערשטן וואַרשעווער קאָמיטעט פון מאָפּר. איך בין דאָרטן געווען סעקרעטאַר ביז מיין אַרעסט, ד. ה. ביזן יאָר 1927. מיטאָרגאַניזאַטאָרן פון מאָפּר זענען געווען די חברים: בערנאַרד מאַנטרעל, אַלעקסאַנדער טאָמאַשעווסקי — מיטגליד פון ערשטן „פּראָלעטאַריאַט", אַרטור האָפּקין און לעאָן זאַנדבערג, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אינטערנאַציאָנאַלן „מאָפּר". אין אָנהייב האָבן מיר אָרגאַניזירט פאָלגנדיקע אָפּטיילן: פאַר פינאַנסן, בגדים, מעדיקאַמענטן, פאַר יורידישער הילף, פאַר פּראָפּאַגאַנדע און פאַר קאָנטאַקטן מיט דער תּפיסה. די ערשטע אויפגאַבע איז געווען — אָרגאַניזירן אַ ברייטע נעץ מאָפּר־קרייזן צווישן די פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע אַרבעטער, אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ און יוגנט. די קרייזן האָבן געדאַרפט קלייבן פאַר מאָפּר, זאַמלען בגדים, באַשטייערן די מיטגלידער און אַנדערע מיט אַ שטענדיקן חודש־אָפּצאָל לטובת מאָפּר. די קרייזן האָבן גענומען שעפטום איבער באַזונדערע אַרעסטירטע, פירנדיק גלייכצייטיק אַ פּאָליטישע אַרבעט און דעם קאָלפּאָרטאַזש פון מאָפּר־אויפרופן און פון דער צייטונג „מאָפּראָוויעץ".

אויף די פאַרזאַמלונגען פון די יוגנט־קרייזן איז געפירט געוואָרן אַ דערציערישע אויפקלער־אַרבעט אין גייסט פון מאַרקסיזם. קודם־כל האָבן מיר געזאָרגט פאַר די משפּחות פון די אַרעסטירטע. זיי האָבן געקראָגן אַ שטענדיקע חודשדיקע געלט־שטיצע און, אויב עס איז נייטיק געווען, אויך בגדים און מעדיציניש הילף. די חברים, וואָס פלעגן אַרויס פון תּפיסה, האָבן מיר געהאָלפן מיט דירות און מזומנים. מיר זענען געווען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די תּפיסה־קאָמונעס, ווי: מאָקאָטאָוו, פּאַוויאַק, סערביע און צענטראַלניאַק. מיר פלעגן אַריינשיקן אין די תּפיסות שפּייז־פּעקלעך, בגדים ווי אויך ביכער, אין וועלכע מיר פלעגן אַריינלייגן גריפסן (פאַרשיפרירטע בריוו).

אפענער בריוו

פון 9 טויזנט רעוואלוציאנערע

פאליטישע ארעסטירטע

אין פוילן

אויסגאבע פון צ.ק. סוו מאפר

ווארשע, סעפטעמבער 1931

מיט יורידישער הילף ווי אויך מיט זייער פאַרטיידיקונג פון די אָנגעקלאָגטע האָבן זיך פאַרנומען די אַדוואָקאַטן דוראַטש, קאַראָל ווינאַווער ווי אויך סטעפאַניאַ סעמפּאָלאָווסקאַ, קאַרל רידיגער און אַנטעק פּיוואָוואַרטשיק (אַנטאָני וואָלסקי). עס פלעגן אויך אַרויסטרעטן אויף פּראָצעסן די אַדוואָקאַטן לעאָן בערנסאָן, עטינגער, שמיראָווסקי א. אנד. מעדיצינישע הילף האָבן געגעבן ד״ר פיליפּ שטערן, שעגנע 9 (אָנפירער פון מעדיצינישן אָפּטייל), ד״ר סטרושעצקאַ, ד״ר פלאָצקער, ד״ר זשעגזשניצקי (דאָברע), ווי אויך דער טעכניק־דענטיסט ח' אַלעקסאַנדער גראַנאַס. דער בגדים־סקלאַד האָט זיך געפונען אין דער דירה פון דער חברטע וויעטשאָרקעוויטש (וואָלסקע 56) — דער פרוי פון לייטענאַנט וויעטשאָרקעוויטש, וואָס איז צוזאַמען מיטן לייטענאַנט באַגינסקי דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּוילישע זשאַנדאַרמען בעתן עסקאָרטירן זיי צו דער סאָוויעטישער גרענעץ.

אין קאָלאָ האָט דער מאָפּר אונטערן שילד: פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון האָלץ־אַרבעטער איינגעאָרדנט אַ הויז פאַר די קינדער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. עס האָבן זיך פאַרנומען מיטן הויז די ח' גרושטשינסקאַ און אַנדערע. אויסגעהאַלטן האָט מען דאָס הויז פון פאַרשידענע אימפּרעזעס. אין אַפּריל 1927, בעת אַזאַ אימפּרעזע לטובת מאָפּר אין פּראָפ. פאַריין פון די האַנדלס־ און ביוראָ־אָנגעשטעלטע (זיעלנע 25) האָבן זיך אַריינגעריסן פּאָליציאַנטן און אַגענטן, דורכגעפירט פערזענלעכע רעוויזיעס און אַרעסטירט אַ גאַנצע ריי חברים.

צום פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל האָבן געהערט די ח״ח סאַלעק גאַרפינקעל (זשוראַוויע), סטעפאַן מאַלינאָווסקי, קלאַרע לאַפּאָן, סטעפע גאָלדפינגער און העלענע מאַרקאָוויטש. אין יאָר 1926 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע פון די משפחות פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע פאַר די תפיסות מאָקאָטאָוו, פּאַוויאַק, „סערביע“. די דעמאָנסטראַציע איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער ח'טע קלאַרע לאַפּאָן. אין פאַרשידענע ערטער פון שטאָט האָט מען אויך צעהאָנגען מאָפּר־טראַנספּאַרענטן מיט פאָדערונגען צו באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

אין דער אַקטיווער מאָפּר־אַרבעט האָבן אויך אָנטיילגענומען די ח״ח דאָרע מאָנטרעל, עדזשיע אַלטמאַן, זאָשיע גאָלדבערג (איצט יאַבלאָנאָווסקאַ) און אַנדערע. זיי פלעגן פאָרן אין גרודזשאָנדזער תפיסה מיט שפּייז־פּעקלעך פאַר די אַרעסטירטע ציכאָצקי, ראַציבאָרסקי אאַ. שעפטום איבערן ח' בוטשעק האָבן געהאַט דאָלע און אַדאָלף ראָטער. צווישן די אומפּאַרטייאישע איז זייער אַקטיוו געווען מאַקס און מאַריע וואָרטמאַן (פּאַוויע 19). זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט ביים זאַמלען געלט פאַרן מאָפּר, פלעגן געבן זייער דירה, האָבן אויסבאַהאַלטן מאָפּר־מאַטעריאַלן און ליטעראַטור.

מ אַ ו ר י צ י ש פּ י נ אַ ק (בערדנאַרסקע), אַ באַנק־באַאַמטער, פלעגט געבן זיין דירה אויף פאַרטיי־ און מאָפּר־פאַרזאַמלונגען. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט, העלפנדיק מיר אַריבערפירן פון באַדראָטן אָרט די צענטראַלע פּאַרטיי־דרוקעריי, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע קאַסטנס, געפינענדיק פאַר איר אַן אַנדער אָרט אין אַן עקספּעדיציע־קאַנטאָר. מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און מסירת נפש האָט געאַרבעט אין דער פאַרטיי־ און מאָפּר־טעכניק ח׳ ל ע אָ פּ אָ ל ד ג י מ ז ע ל (פּאָלדעק), צוליב וואָס ער איז פיל מאָל געווען אַרעסטירט און געפייניקט אין דער דעפענסיווע.

פאַר מיין פאַרטייאישער און מאָפּר־טעטיקייט בין איך כסדר פאַרפאָלגט געוואָרן און עטלעכע מאָל געווען ארעסטירט. אין 1940, אין ביאַליסטאָק, ווו איך האָב ווייטער געפירט מיין מאָפּר־אַרבעט, האָב איך באַקומען פון פרעזידיום פון צ.ק. מאָפּר אין מאָסקווע אַן ערן־דיפּלאָם.

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן

אין די פּאַרטיי=דאָקומענטן און צייטונגס=אַרטיקלען, באַזונדערס פֿון אָנהייב דרייסיקער יאָרן איז בולט אָפּגעשפּיגלט דער סטיל פֿון דער פּאַרטיי=אַרבעט אין יענער צייט. צוגלייך מיטן העראָישן געראַנגל, וועלכן די קפּפּ האָט געפֿירט אַלס דער איינציק קאָנסעקווענטער קעמפֿער קעגן פּוילישן פֿאַשיזם, קומען אויך צום אויסדרוק די פֿעלערהאַפֿטע זייטן פֿון דער פּאַרטיי=ליניע. די פֿאַלשע טעאָריע פֿון „סאָציאַל=פֿאַשיזם" האָט געפֿירט צום נישט דערשאַצן די דעמאָקראַטישע כוחות, וועלכע זענען געווען פֿאַרבאָרגן אין דער באַוועגונג פֿון פּפּס, פֿויערים=פּאַרטיי „בונד" אד"גל., צום פֿאַרווישן דעם דיפֿערענצירונגס=פּראָצעס, וועלכער האָט אָנגעריפֿט אינערהאַלב די סאָציאַל=אָפּאָרטוניסטישע פּאַרטייען, צום טראַקטירן די לינקע טוער פֿון פּפּס און „בונד" אַלס די מער געפֿערלעכע סאָציאַל=דעמאָקראַטן, צום אידענטיפֿיצירן די פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע „טרומפּעלדאָר" מיט די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פֿון ציוניזם, ווי השומר=הצעיר, גרינבוימס גרופּע און זייערס גלייכן.

שפּעטער, אין פּעריאָד פֿון פֿאָלקס=פֿראָנט האָט די קפּפּ קאָרעגירט אירע פֿעלערן, וואָס האָט איר דערמעגלעכט צו ווערן דער פֿאָנען=טרעגער און עיקרדיקע טרייב=קראַפֿט פֿון דעם פֿאָנאַנדערגעוויקלטן אַנטיפֿאַשיסטישן קאַמף.

רעדאקציע.

פּראָטעסט פון אָרגאַניזיר־צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פון פוילן קעגן די אַנטי־יידישע פּאָגראָמען

דער צוזאַמענפאָר שטעמפּלט מיט דער גאַנצער קראַפט די ווילדע יידנפרעסערישע העץ־קאַמפּאַניע, וועלכע איז צעפלאַקערט געוואָרן דורך די פוילישע באַזיצנדיקע קלאַסן, און די העסלעכע פּאָגראָמען איבער דער שוצלאָזער יידישער באַפעלקערונג.

קרוב 1.000 דערמאָרדעטע בלויז אין איין לעמבערג, דאָס פאַרברעכן לעבעדיקערהייט מענטשן אין פאַרמאַכטע שולן און הייזער שאַפן דעם באַגריף פון דעם דאָזיקן חיהשן וואַנזין, וועלכער איז געריכטעט קעגן די אָרעמסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. די היינטיקע אַ. ג. פאָלקס־רעגירונג טוט גאָרנישט, כדי אַ סוף צו מאַכן צו די דאָזיקע פאַרברעכנס, זייענדיק אויך אין דעם געטריי איר ראָל פון אַ שווייגנדיקן משרת פון דער קאָנטררעוואָלוציע.

דער פוילישער און יידישער פּראָלעטאַריאַט וועט זיך מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט אַנטקעגנשטעלן דער נאַציאָנאַליסטישער העצע. אויף דער פּאָגראָם־העצע וועט ער ענטפערן מיט דעם נאָך ענגערן צוזאַמענשלוס פון זיינע רייען און מיט פאַרטאָפּלטע אָנשטרענגונגען אין קאַמף פאַר דעראָבערן זיין דיקטאַטור, וועלכע וועט פאַרניכטנדיק דעם קאַפּיטאַליזם גלייכצייטיק מאַכן אַ סוף צו דער נידערטרעכטיקער פּאָגראָם־פּאָליטיק פון די באַזיצנדיקע קלאַסן.

וואַרשע, דעצעמבער 1918.

קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון פוילן

(סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל)

דער צ. ק. פון „בונד“ פון דער רוסלענדער ראַטן־רעפּובליק האָט אויף זיין פּלענום אָנהויב יאַנואַר 1921 באַשלאָסן פּאָלגנדע ווענדונג צו די יידישע אַרבעטער אין פוילן און געבעטן זי צו פאַרעפנטלעכן:

„צו די יידישע אַרבעטער אין פוילן! באַקענענדיק זיך מיט דער רעזאָלוציע פון צ.ק. פון „בונד“ אין פוילן, וועלכער וואַרפט אָפּ די איינ=

טריטס־באַדינגונגען פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל * ווענדט זיך דער פּלענום פון צ. ק. פון „בונד“ פון דער פעדעראַטיווער ראַטן־רעפּובליק צו די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין פּוילן, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אונטער דער פאָן פון „בונד“, מיט אַ רוף: ערקלערן דעם סאַמע אַנטשלאָסענעם קאַמף קעגן דעם ראָזיקן באַשלוס, אומברחמנותדיק פאַראורטיילן די וואַקלעניש פון דער אָנפירנדער גרופּע, און אַלע ווי איינער זיך צוזאַמענשליסן אונטער דער פאָן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל“.

פּאָרזיצענדער פון צ.ק. — ווײַ נ ש ט יי ן
סעקרעטאַר — ר אַ ש ק ע ס

7 מערץ 1921.

לאַנד־באַראַטונג פון יידישע טוער פון דער קפּ״פּ **

1) אונדזער פּאַרטיי לעבט איצט איבער אַ פּעריאָד פון שנעלער עקסטענסיווער אַנטוויקלונג. די נאַציאָנאַליסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווי פּפּס, „בונד“, פּועלי־ציון פאַרלירן וואָס אַמאָל אַלץ מער זייער איינפלוס צווישן די אַרבעטער־מאַסן. די ווירקונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ברענגט מיט זיך אַ פאַרשטאַרקטן פּראָצעס פון פונאַנדערפאַלן זיך פון די נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטייען.

2) דער וווּקס פון די איינפלוסן פון דער פּאַרטיי האָט געשטעלט פאַר איר נייע אויפגאַבן, וועלכע דרינגען אַרויס פון פאַרשידנאַרטיקן אין נאַציאָנאַלער הינזיכט צוזאַמענשטעל פון פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן. אינעם מאָמענט פון איר אַנטשטייונג האָט די קפּ״פּ אַרומגענומען כמעט

---

* „21 פּונקטן“, אָנגענומען אין 1920 יאָר אויפן II־טן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן פעסטגעשטעלט זייער אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן. זיי זענען געווען די פּלאַטפאָרם אויף אָנגענומען צו ווערן אין קאָמינטערן. האָבנדיק פאַר אַ ציל די אידעאָלאָגישע געשלאָסנקייט און פּאָליטיש־אָרגאַניזאַציאָנעלע שלאָגפערטיקייט פון די יונגע קאָמפּאַרטייען אַלס שטאַבן פון דער אָנרייפנדיקער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, האָבן די „21 פּונקטן“ צווישן אַנדערן געשטרעבט נישט צו דערלאָזן דערצו, אַז אין די יונגע קאָמפּאַרטייען און אינעם קאָמינטערן אַלס גאַנצן זאָלן אַריינדרינגען אַנטימאַרקסיסטישע, אַנטילענינישע עלעמענטן (רעד.).

** אין סעפּטעמבער 1921 איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון חברים, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער פּאַרטייאישער אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין צענטער און אין די קרייזן. ס'האָבן אין איר אָנטיילגענומען 25 חברים פון וואַרשע, לאָדזש, ביאַליסטאָק, בריסק, טשענסטאָכאָוו, בענדין, קאַליש, ראַדאָם, קעלץ, גראָדנע. די באַראַטונג האָט געדויערט 2 טעג. מיר געבן דאָ איבער די וויכטיקסטע אויסצוגן פון דער אָנגענומענער רעזאָלוציע, פאַרעפנטלעכט אין „גלאָס קאָמוניסטיטשני“ נומער 1. דעצעמבער 1921. (רעד.).

אויסשליסלעך די פּוילישע אַרבעטער פון געוו. קאָנגרעס־פּוילן, און איצט ווערט זי וואָס אַמאָל אַלץ מער דער אַוואַנגאַרד פונעם פּראָלעטאַריאַט פון גאַנצן לאַנד און פון אַלע זיינע נאַציאָנאַליטעטן (פון דער פּוילישער, דייטשישער, אוקראַיִנישער, יידישער און ווייסרוסישער). די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע דאַרף זיך דעריבער ווי צום בעסטן צופּאַסן צו דעם דאָזיקן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל פון אירע מיטגלידער. די נאַציאָנאַלע פראַגע ווידער, אַלס פראַגע פון די פאָרמען פונעם צוזאַמענלעבן פון פאַרשידענע פעלקער אין איינער און דער זעלבער מלוכה, דאַרף צוציען מער אויפמערקזאַמקייט, ווי דאָס איז געווען ביז איצט.

3) די פּאַרטיי דאַרף געדענקען וועגן דער געפאַר, וואָס דראָט דעם פּראָלעטאַריאַט מצד דער נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע פון דער בורזשואַזיע. דער קאַמף קעגן יעטוועדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, באַזונדערס קעגן אַנטיסעמיטיזם, דאַרף דעריבער פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער פּאַרטייאישער טעטיקייט. די וויכטיקסטע אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר אונדזער פּאַרטיי אויף דעם דאָזיקן אַרבעטס־געביט, איז אויסצואַרבעטן אַזאַ טאַקטישע ליניע אין אַלע נאַציאָנאַלע פראַגן, וועלכע וואָלט באַפרייט דעם פּראָלעטאַריאַט פון די נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן, צוגעוווינט אים צו אָפטע געמיינזאַמע אַרויסטרעטונגען, ווי צום ענגסטן פאַרבונדן אים אָרגאַניזאַציאָנעל און אויף אַזאַ אופן געשאַפן די יסודות פאַרן געמיינזאַמען קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

4) אונדזער פּאַרטיי דאַרף פאַרשטאַרקן איר אַקציע, וואָס צילט צום פאַראייניקן די פּראָפעסיאָנעלע און קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. נישט וואַרטנדיק אויף דער פאַראייניקונג פון דער גאַנצער באַוועגונג, וועלכע איז באַשווערט צוליב דעם, וואָס די סעפּאַראַטע פאַריינס־צענטראַלעס געפינען זיך אונטער די איינפלוסן פון פּפּס פון איין זייט און פון „בונד“ און פּ. צ. פון דער צווייטער, דאַרף די פּאַרטיי מאַכן ענערגישע שריט, כדי צו פאַראייניקן די פאַריינען, וועלכע געפינען זיך אונטער איר איינפלוס באַמיענדיק זיך דערביי צו געפינען אַזאַ לעזונג פון דער שפּראַך־פראַגע, וועלכע וואָלט פולשטענדיק אַנטשפּראָכן די קולטורעלע באַדערפעניש פון די מאַסן, וועלכע קענען נישט די פּוילישע שפּראַך, באַקעמפנדיק גלייכצייטיק יעדן פּרווו פון וועלכער נישט איז סעפּאַראַטער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע אינערהאַלב די איינהייטלעכע צענטראַליזירטע פאַריינען.

5) די באַראַטונג שטעלט פעסט, אַז אונטערן איינפלוס פון די אויבן אָנגעוויזענע סיבות פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער לאָזט זיך אויך צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן מערקן אַן איבערברוך אין דער ריכטונג פון קאָמוניזם. דאָס שאַפט גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אונדזער פּאַרטיי. די צאָל יידישע אַרבעטער אינערהאַלב דער געשלאָסענער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע וואַקסט. די יידישע גרופּן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען שוין איצט נישט קיין קליינע הייפעלעך, אָפּגעריסענע פון די מאַסן. די דאָזיקע גרופּן פירן אַ לעבהאַפטן קאַמף אין אַלע יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־

גען, און אין געוויסע שטאָט געפינען זיך די צענטראַל-ראַטן פולשטענדיק אונטער דער אָנפירונג פון אונדזערע חברים.

6) די פּאַרטיי דאַרף נעמען אין אַכט דעם דאָזיקן איבערברוך אין די שטימונגען פון די יידישע ארבעטער-מאַסן און נאָך מער פארשטאַרקן איר ארבעט צווישן דעם יידישן פּראָלעטאַריאַט. די פּאַרטיי דאַרף שטרעבן צום פאַרשנעלערן דעם ליקווידאַציע-פּראָצעס פון אַלע קליינבירגערלעכע סאָציאַל-נאַציאָנאַליסטישע יידישע פּאַרטייען און גרופּירן ארום זיך דעם גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט. ס'איז, אַלזאָ, נויטווענדיק, אז נישט בלויז די אָנפירנדיקע פּאַרטיי-אינסטאַנצן, נאָר אויך די גאַנצע מיטגלידער-מאַסע זאָל פאַרשטיין די באַדייטונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע פאר דער פּאַרטיי און זאָל מיטאַרבעטן מיט די פּאַרטיי-אָרגאַנען, וואָס פירן אָן מיטן דאָזיקן געביט פון דער ארבעט.

7) די ארבעט צווישן די יידישע ארבעטער דאַרף זיין ענג פאַרבונדן מיט דער גאַנצער פּאַרטיי-ארבעט. זי דאַרף געפירט ווערן אונטער די זעלבע לאָזונגען, ווי די אלגעמיין-פּאַרטייאישע ארבעט (צ. ב. דער קאַמף פאַרן פּרינציפּיעלן אָנערקענען דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען דעם רויטן פּראָפ-פאַריינישן אינטערנאַציאָנאַל * א. אַז. וו.). די אָרגאַנען, וועלכע פירן אָן מיט די באַזונדערע געביטן פון דער ארבעט צווישן די יידן, דאַרף מען ענג פאַרבינדן מיט די אַנטשפּרעכנדיקע אלגעמיינע פּאַרטיי-אָרגאַנען. די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיך באַמיען ווי מעגלעך אָפטער צונויפצוזאַמלען געמיינזאַם די יידישע און פּוילישע פּאַרטיי-חברים, כדי אַזוי ארום אָפּצושוואַכן די אָפּזונדערונג, וועלכע קאָן ארויסדרינגען פונעם פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון באַזונדערע יידישע קרייזן, געשאַפענע פאר די דאָזיקע יידישע אַרבעטער, וועלכע קענען נישט קיין פּויליש.

8) די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי אויפן געביט פון דער ארבעט צווישן די יידישע ארבעטער-מאַסן דאַרף זיין צו באַהערשן די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און צו דערלאַנגען אויף אַזאַ אופן אַן אַנטשיידנדיקן קלאַפּ די נאַציאָנאַליסטיש-סאָציאַליסטישע יידישע פּאַרטייען.

---

* „רויטער אינטערנאַציאָנאַל" („פּראָפינטערן") — אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון פּראָפאַריינען, אַנטשטאַנען אין 1920 — האָט געזאַמלט דעם רעוואָלוציאָנערן טייל פון דער פּראָפבאַוועגונג פון אַלע לענדער. דער „רויטער אינטערנאַציאָנאַל" האָט מאָביליזירט די אַרבעטנדיקע מאַסן צום קאַמף קעגן דעם אָנגריף פון קאַפּיטאַל און פאַשיזם, פאר אויסבעסערן די לעבנס- און אַרבעטס-באַדינגונגען פון אַרבעטער-קלאַס, האָט געקעמפט פאר דעם אייגנהייטלעכן פראָנט פון אַרבעטער-קלאַס און פאַר אייגנהייטלעכע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפפאַריינען.

אין יאָר 1937 האָט דער „רויטער אינטערנאַציאָנאַל" אויפגעהערט צו עקזיסטירן, און זיינע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אַמסטערדאַמער פּראָפ. אינטערנאַציאָנאַל — (רעד.).

די קאָמוניסטישע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער

אין משך פון לעצטן האַלבן יאָר האָט די טעטיקייט פון אונדזער פאַרביי צווישן די יידישע אַרבעטער געמאַכט באַדייטנדיקע פאָרשריטן. דאָס הויפט=געביט פון דעם אידעישן קאַמף זענען די פראָפ=פאַריינען. צוליב דעם, וואָס בראש פון דער פראָפ=באַוועגונג אין פוילן שטייען די גאַציאָנאַליסטן פון דער פפס און וואָס די פירנדיקע אָרגאַנען פון די יידישע פראָפ=פאַריינען ליגן אין די הענט פון די בונדיסטן, האָט זיך ביז איצט נישט איינגעגעבן צו שאַפן פאַראייניקטע צענטראַליזירטע פראָפ=פאַריינען, וואָס זאָלן גרופירן אַלע אַרבעטער אָן אינטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט. לעצטנס זענען די בונדיסטן פון יידישן צענטראַל=פאַרבאַנד * און די פפסאָווצעס פון דער צענטראַלער קאָמיסיע דערגאַנגען צו אַ פאַרשטענדיקונג אין דער פראַגע פון דער פאַראייניקונג, וועלכע דאַרף אָבער אַרומנעמען בלויז די שפיצן פון די פאַריינען, די פאַריינס=ביוראָקראַטיע. אָבער די מיטגלידער=מאַסע, פאָליאַקן און יידן, וועלן ווייטער פאַרבלייבן סעפאַרירט.

אין אַלע יידישע פראָפ=פאַריינען עקזיסטירן „רויטע פראַקציעס“, וועלכע קעמפן פאַר געווינען די מערהייט אין די פאַריינען און פאַר צוזאַמענשליסן אויף אַזאַ אופן די פאַקטישע פאַראייניקונג. דער „בונד“ קעמפט קעגן די דאָזיקע פראַקציעס מיט דער זעלבער ווילדקייט, ווי די פפס, בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס ער גענוצט נישט פון דער הילף פון דער דעפענסיווע. אין וואַרשע און אין לאָדזש פאַרנעמען די „רויטע פראַקציעס“ אין די פאַריינען דאָס צווייטע אָרט נאָכן „בונד“. דער איינפלוס פון די „רויטע פראַקציעס“ וואַקסט שנעל; די „רויטע“ ווערן אַלץ אָפטער אויסגעקליבן אין די פאַר=קאָמיסיעס און אין די פאַריינס=פאַרוואַלטונגען. געשלאָסענע „רויטע פראַקציעס“ זענען אויך אַרויסגעטראָטן אויף די לעצטנס פאָרגעקומענע לאַנד=צוזאַמענפאָרן פון די פראָפ=פאַריינען פון די שניידער, טעקסטיל= און לעדער=אַרבעטער.

אויפן צוזאַמענפאָר פון לעדער=פאַריין איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַגריסונג=רעזאָלוציע פאַר דער קאָמוניסטישער סיים=פראַקציע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן צום רויטן פראָפ. אינטערנאַציאָנאַל אַדגל. אונטערן דרוק פון די „רויטע“ האָט דער צוזאַמענפאָר באַאויפטראַגט די פאַרוואַלטונג אַדורכצופירן אין דער גאָענטסטער צייט די פאַראייניקונג מיטן לעדער=פאַריין פון זשיטניע 18.

דער אומדירעקטער רעזולטאַט פון אונדזער אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער, איז דער קאַמף צווישן די ריכטונגען אינערהאַלב די יידישע אָפּאָרטוניסטישע פאַרטייען, ד. ה. „בונד“ פ. צ. „פאַראייניקטע“. שוין זינט אַ לענגערער צייט רייסן איבער באַזונדערע מיטגלידער און גרופן מיט די

---

* יידישער צענטראַל=פאַרבאַנד האָט געהייסן דער ראַט פון די יידישע פראָפּ=פאַריינען, שפּעטער — לאַנד=ראַט. (רעד.)

פּשרהניקעס און גייען איבער אין אונדזערע רייען. אין די לעצטע צייטן, אדאַנק דעם וווקס פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען צווישן די יידישע מאַסן און צוליב דער אוממעכטיקייט פון דער סעפּאַראַטיסטישער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס קומט אַלץ בולטער צום אויסדרוק, לאָזט זיך מערקן אַ צעפּאַלונגס־פּראָצעס פון די דאָזיקע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען.

דאָ נישט לאַנג איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי „פּאַראייניקטע“, אויף וועלכן ס'איז דערגאַנגען צו אַ שפּאַלטונג. פון דער פּאַרטיי האָבן זיך אָפּגעריסן גרויסע גרופּן אויף רעכטס און אויף לינקס. די ערשטע איז געגאַנגען צום „בונד“, די לינקע גרופּע דאַקעגן האָט דעקלאַרירט איר אָנשלוס צו דער קפּפּ.

די פּוילישע פּועלי־ציון, וועלכע האָבן זיך דערקלערט פאַר די 21 פּונקטן פון III אינטערנאַציאָנאַל, האָבן אין דער אמתן נישט איבערגעריסן מיט דעם נאַציאָנאַליזם און רעפאָרמיזם. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דאָזיקער פּאַרטיי האָט זיך צו אונדז געוואָנדן מיט דעם פאָרשלאַג וועגן אָננעמען זי אין דער קפּפּ אַלס יידישע סעקציע, מיט דער באַוואָרעניש, אַז די דאָזיקע סעקציע וועט ווייטער פירן אַ פּועלי־ציוניסטישע פּאָליטיק, ד. ה. ריכטן די עמיגראַציע פון די יידן קיין פּאַלעסטינע. נאַטירלעך, אַז זיי האָבן באַקומען אַן ענטפער, אַז דער באַדינג פאַר אָננעמען זיי אין דער קפּפּ איז איבערצורייסן מיט דער ציוניסטישער איינשטעלונג און מיט אַלע רעפאָרמיסטיש־נאַציאָנאַליסטישע איבערבלייבענישן, ד. ה. אויספירן די אויפגאַבן, וואָס זענען פאָרמולירט אין דעם בריוו פון אויספירקאָמיטעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל צו דער פּ. צ.־פּאַרטיי. אינערהאַלב דער דאָזיקער פּאַרטיי האָט זיך שוין געשאַפן, אַגב, אַ נישט גרויסע גרופּע, וועלכע שטייט אויף אַן אמת קאָמוניסטישן שטאַנדפּונקט.

דער „בונד“ פירט שוין זינט אַ יאָר אונטערהאַנדלונגען מיטן קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, נישט וועלנדיק זיך שיידן מיט די סאָציאַל־נאַציאָנאַליסטן, וועלכע פאַרנעמען אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אַן אָנפירנדיק אָרט. דאָ נישט לאַנג האָט זיך געשאַפן אין „בונד“ אַ פראַקציע „קאָמבונד“, וועלכע שטרעבט צו גרינדן אַ „קאָמוניסטישן בונד“, וועלכער דאַרף זיך, נאָכן אָננעמען אים אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פאַראייניקן מיטן דער קפּפּ.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד“ האָט אויף דער אַנטשטייונג פון דער פראַקציע געענטפערט מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע רעפּרעסיעס, צוו. אַנד. מיט באַזייטיקן פון דער פּאַרטיי איינעם פון די אָנגעזעענסטע חברים פון לאָדזש. *

„גלאָס קאָמוניסטיטשני“ נומ. 2, וואַרשע, מערץ 1922.

---

* דער אויטאָר פון דער נאָטיץ מיינט דעם פירער פון לאָדזשער „בונד“ — אַלעקסאַנדער מינץ, וועלכער איז אין יאָר 1932—1933 אַריבער צו די טראָצקיסטן און שפּעטער זיך אומגעקערט צוריק צום „בונד“. איצט איז ער טעטיק אין דער בונדישער גרופּע אין אַרגענטינע (רעד.).

פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער

דער פּראָצעס פון דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פאַנאַנדערפאַל און פון אידעישן באַנקראָט פון די יידישע סאָציאַליסטישע פשרה-פאַרטייען, וועגן וועלכן מיר האָבן געשריבן אין דעם נומער 1 פון „גלאָס", דויערט ווייטער. די צאָלמעסיק קליינע פאַרטיי „פאַראייניקטע" איז זיך צעפאַלן. די קאָמוניסטישע עלעמענטן זענען איבערגעגאַנגען צו דער קפ"פ און די פשרה-עלעמענטן — צום „בונד". בלויז אַ קליינע גרופּע באַמיט זיך צו בלייבן אונטער דער פאָן פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער „פאַרטיי". די „פאַראייניקונגס-פראַקציע" פון דער פּ. צ., וועלכע האָט זיך מיט עטלעכע חדשים צוריק אָרגאַניזירט אויפן געביט פון גאַנצן לאַנד, איז שוין אַריינגעטראָטן אין אונדזער פאַרטיי *.

די „קאָמבונדישע פראַקציע" האָט איבערגעריסן מיטן „בונד" און האָט געשאַפן אַ זעלבשטענדיקע איבערגאַנגס-אָרגאַניזאַציע א. נ. „קאָמוניסטישער בונד". דער „קאָמבונד" האָט שוין אַרום זיך גרופּירט די מערהייט פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן פון אַלטן „בונד" אין די וויכטיקערע אַרבעטער-צענטערן, ווי וואַרשע, לאָדזש, קראָקע. אויך אין אַנדערע ערטער פון לאַנד קעמפט ער מיט דערפאָלג קעגן רעכטן „בונד". די באַציונג פון „קאָמבונד" צו דער קפּ"פּ איז איינגעשטעלט געוואָרן אויפן גרונט פון פאָלגנדיקן באַשלוס, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן דורך די באַפולמעכטיקטע פאָרשטייער פון דער קפּ"פּ און פון „קאָמבונד".

„אָנערקענענדיק, אַז מיטן מאָמענט פון שאַפן זיך פון „קאָמבונד", אין הסכם מיט די באַדינגונגען פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע זענען פאָרמולירט געוואָרן אין די בריוו צום „בונד", איז דער „קאָמבונד" געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל — האָבן די פאָרשטייער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער אַרבעטער פאַרטיי פון פּוילן און פון דעם לאַנד-עקזעקוטיוו פון יידישן קאָמוניסטישן אַרבעטער-בונד („קאָמבונד") באַשלאָסן פאָלגנדיקס:

1) די אוממיטלבאַרע אויפגאַבע פון „קאָמבונד" איז צו דערפירן צו דער וואָס שנעלערער פאַראייניקונג פון דעם „קאָמבונד" מיט דער קפּ"פּ.

2) כדי צוצואיילן די פאַראייניקונג פון דעם „קאָמבונד" מיט דער קפּ"פּ, ווערט די פראַגע פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען איבערגעגעבן צו אַ קאָנגזייטיקער דיסקוסיע.

3) די אַרויסטרעטונגען פון דער קפּ"פּ און פון „קאָמבונד" זענען איינהייטלעכע. כדי צו ברענגען צו אַ הסכם די אַרויסטרעטונגען פון „קאָמבונד" מיט די אַרויסטרעטונגען פון דער קפּ"פּ ווערן געשאַפן אין צענטער און אין די קרייזן קאָנטאַקטירנדיקע קאָמיסיעס".

---

* דער מחבר מיינט די גרופּע בראש מיט די חברים שאול אַמסטערדאַם (הענריקאָווסקי), יוסף לעוואַרטאָווסקי און אַלפרעד לאַמפּע. (רעד.)

די שטעלונג פון דער פּאַרטיי בנוגע דעם „קאָמבונד“ און בכלל די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אויף דער „יידישער גאַס“, איז געוואָרן פאָרמולירט אין אַ ספּעציעלן אויפרוף פון צענטראַל-קאָמיטעט פון קפּרפּ.

„גלאָס קאָמוניסטיטשני“ נומ. 4, וואַרשע, אויגוסט 1922

די צווייטע יידישע באַראַטונג פון דער קפּרפּ

אין מערץ ד. י. איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע יידישע לאַנד-באַראַטונג פון דער קפּרפּ. אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון וואַרשע, וואַרשע-אונטערשטאָט, לאָדזש, ביאַליסטאָק, קראָקע, טשענסטאָכאָוו, ראַדאָם, וולאָצלאַוועק, שעדלעץ, פּאָרשטייער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, פון צענטראַל-קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד ווי אויך די מיטגלידער פון יידישן אָפּטייל.

די טאָג-אָרדענונג האָט אַרומגענומען פאָלגנדיקע פּונקטן:

1) באַריכט פון צענטראַל-קאָמיטעט, 2) באַריכט פון אויסגעבריי-טערטן עקזעקוטיוו פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, 3) די פראַגע פון יידישן אָפּטייל, 4) די פראַגע פון „קאָמבונד“, 5) די קולטור-אַרבעט, 6) פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונגען און 7) אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

אין דער פראַגע פון „קאָמבונד“ האָט די באַראַטונג מיט אַ באַדייטנדיקער מערהייט שטימען אָנערקענט פאַר ריכטיק די טאַקטיק פון צענטראַל-קאָמיטעט און פונעם יידישן אָפּטייל אין דער דאָזיקער פראַגע.

אין דער פראַגע פון קולטור-אַרבעט איז אָנגענומען געוואָרן אַ לענגערע רעזאָלוציע, וועלכע פאָרמולירט אונדזער שטעלונג צו דער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע און צו דער קולטור-ליגע. *

די באַראַטונג האָט אין אַ גרויסער מאָס בייגעטראָגן צום אויפלעבן אונדזער טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער.

„גלאָס קאָמוניסטיטשני“ נומ. 3, וואַרשע, 1922.

די וואַל-אַקציע צווישן די יידישע אַרבעטער

דאָס אַנטשטיין פון צענטראַלן וואַל-קאָמיטעט פון „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“ איז דורך דער יידישער בורזשואַזער פּרעסע אויפגענומען געוואָרן מיט אַ געוואָלד. דער „היינט“ און „מאָמענט“ האָבן אין דאָזיקן קאָנצערט פאַרנומען די ערשטע ערטער, איבעריאָגנדיק די „גאַזעטאַ פּאָראַננאַ“ און „זשעטשפּאָספּאָליטאַ“. נישט ווייניקער האָט זיך אויסגעצייכנט די בונדישע „פאָלקסצייטונג“. אין יעדן

---

* די רעזאָלוציע וועגן דער שול-אָרגאַניזאַציע און קולטור-ליגע געפינט זיך נישט אין אַרכיוו פון אַנשטאַלט פאַר פּאַרטיי-געשיכטע ביים צ.ק. פון פּופּר. (רעד.).

נומער אירן ווערן אויסגעגאָסן עמערס רכילות און אויסטראַכטעגישן אויפן אַדרעס פון דעם „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“. פּונקט ווי דאָס יידישע בירגערטום אזוי האָבן אויך די בונדיסטן פאַרשטאַנען, אַז צו דער וואַל-אַקציע איז צוגעטראָטן אַ געפערלעכער קעגנער.

זיי האָבן געזען, מיט וועלכן ענטוזיאַזם די יידישע אַרבעטער האָבן באַגריסט די וואַל-פּלאַטפאָרם פון „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“. די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פּראָפ-פאַריין פון טעקסטיל-אַרבעטער פון 11-טן ד. ח. האָט מיט אַ ריזיקער מערהייט שטימען (פאַר — איבער 600, קעגן — 14 בונדיסטן און 16 פּ. צ.) באַשלאָסן אונטערצושטיצן ביי די וואַלן די איינציקע קאַמפער פאַר דער אַרבעטער-זאַך. אויך די פאַרזאַמלונג פון די מענער-מאַגאַזין-אַרבעטער, איינע פון די גרעסטע סעקציעס פון פּראָפ-פאַריין פון די באַקלייד-אַרבעטער, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער זעלבער וואָך, האָט אָנגענומען אַן אידענטישע רעזאָלוציע.

דער „בונד“ האָט שוין באַוויזן צו צעפּלאַקערן אַן אומדערהערטע נאַציאָנאַליסטישע העצע. זיינע 3 ערשטע מיטינגען ווייזן דערויף, אַז די בונדיסטן וועלן זיך אין דער וואַל-קאַמפּאַניע באַנוצן מיט די זעלבע מעטאָדן ווי די פּפּס. אויף זייערע וואַל-מיטינגען לאָזן זיי אַריין בלויז אויף ספּעציעלע איינלאַדונגען. גישט געקוקט דערויף האָט אויפן ערשטן מיטינג, וועלכער איז פאָרגעקומען שבת, דעם 10-טן ד. ח., נאָך דער רעדע פון פאַרשטייער פון „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“ די באַדייטנדיקע מערהייט פון די פאַרזאַמלטע געשטימט קעגן דער בונדישער רעזאָלוציע.

מען דאַרף דערביי באַמאָנען, אַז זייער אַגיטאַציע גייט נישט ווייט אַוועק פון די געוויינלעכע מעטאָדן פון יאַוואָראָווסקי.* ביי דעם אַלעם איז זיכער נישט נייטיק צוצוגעבן, אַז די פּערספּעקטיוון פון „בונד“ זענען האָפענונגסלאָז.

„פּראָלעטאַריאַט“ נומ. 2, וואַרשע, דעם 29 סעפּטעמבער 1922

די קאָמוניסטישע באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער אויסברייטערונג פון אונדזער טעטיקייטס-געביט

פאַר דער מלחמה און אין די ערשטע יאָרן נאָך איר אויסברוך האָט אַ באַדייטנדיקער טייל פון יידישן פּראָלעטאַריאַט זיך געפונען אונטער די איינפלוסן פון די סעפּעראַטע נאַציאָנאַל-יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, קודם-כל פון „בונד“. בלויז אַ קליינער טייל יידישע אַרבעטער, וועלכער איז געווען אויפריכטיק דורכגעדרונגען מיט די פּרינציפּן פון אינטערנאַציאָנאַ-

---

* איינער פון די רעכטע פירער פון דער פּפּס. אין 1928 געשפּאָלטן די פּפּס און מיטגעאַרבעט מיט דער סאַנאַציע. (רעד.).

נאַלן סאָציאַליזם, האָט זיך גרופּירט צוזאַמען מיט די פּוילישע אַרבעטער אונטער די פענער פון דער סדקפּל און פּפּס לעוויצע.

זינט 1917 יאָר דאַטירט זיך דער קער אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג. זינט דער דאָזיקער צייט האָט די קאָמוניסטישע באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער שוין אַדורכגעמאַכט 3 אַנטוויקלונגס-עטאַפּן: דער ערשטער עטאַפּ האָט אַרומגענומען די יאָרן 1917—1921, דער צווייטער — 1921—1923 און דער דריטער האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָר (1923).

אין דעם ערשטן פעריאָד, באַזונדערס אין די יאָרן 1917—1919, האָט זיך אָנגעהויבן אין די רייען פון די דעמלט נאָך איינהייטלעכע פּאַרטייען: „בונד“, פּועלי-ציון און „פאַריייניקטע“ אַ שנעלער פּראָצעס פון ראַדיקאַליזאַציע פון די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן. עס איז גענוג צו דערמאָנען די וואַלן צום געזעצגעבערישן סיים, אין וועלכע די גרעסטע בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך גישט באַטייליקט, נישט געקוקט אויף דעם בפירושן באַפעל פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד“ *. די גרופּע ייִדישע אַרבעטער, וועלכע האָט זיך דעמלט געפונען אין דער קפּרפּ און וועלכע האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַן ענערגישע פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט, איז צו יענער צייט געווען זייער קליין אין דער צאָל. זי האָט זיך פאַמעלעך פאַרגרעסערט ערשט אין דער צווייטער העלפט פון ערשטן פעריאָד פּאַראַלעל מיטן פּראָצעס פון אינטענסיוון אָרגאַניזירן זיך פון קאָמוניסטישע פראַקציעס אינערהאַלב אַלע דריי ייִדישע פּאַרטייען. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציע-פּונקט אין יאָר 1921, ווען פון דער פּועלי-ציון טרעט אַרויס די א. ג. פאַראייניקונגס-פראַקציע און די „פאַראייניקטע“ ליקווידירן זיך פאַקטיש. און וואָס עס איז צומוויכטיקסטן — אין „בונד“ דערגייט צו אַ שפּאַלטונג. עס אַנטשטייט דער „קאָמוניסטישער בונד“, וועלכער נעמט אַרום ברייטע מאַסן פון די ייִדישע אַרבעטער, וואָס זענען ביז יענער צייט געווען אָרגאַניזירט אין „בונד“.

זינט 1921 הייבט זיך אָן אַ פעריאָד פון שנעלן וווּקס פון די איינפלוסן פון דער קפּרפּ צווישן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. נאָכן פאַראייניקן זיך מיטן „קאָמבונד“ ווערן מיר די איינפלוסרייכסטע פּאַרטיי צווישן די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער-שיכטן. דאָס באַשטעטיקן די וואַלן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אויפן געביט פון די פאַרשידענע פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס. אונדזערע איינפלוסן זענען געוואַקסן כמעט אויסשליסלעך צווישן אָרגאַניזירטן ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. אין דער זעלבער צייט, ווען אַדאַנק אונדזער טעטיקייט, אַדאַנק אונדזער קלאָרער און אומצווייידייטיקער שטעלונג אין די פראַגן, וועלכע גייען אָן די ייִדישע אַרבעטער-מאַסן, האָבן

* די קפּפּ האָט אין יענער צייט גערופן צו באָיקאָטירן די וואַלן צום סיים. די פּאַרטיי האָט שפּעטער אָנערקענט די שטעלונג פון באָיקאָט פאַר אַ פאַלשע. (רעד.)

מיר דערלאָזן די אונטערשטיצונג פון די דאָזיקע מאַסן — האָבן מיר אָבער נישט באַוויזן אויסצובריייטערן אונדזער אַרבעטס־געביט אויף די נאָך נישט אָרגאַניזירטע אַרבעטנדיקע שיכטן, אויף די ברייטע קרייזן פון דער אַרבעטנדיקער יידישער אָרעמקייט און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, וועלכע זענען ווייטער געבליבן אונטער די אויסשליסלעכע איינפלוסן פון „בונד“ און אפילו פון די ציוניסטן, קלעריקאַלן און פאָלקיסטן.

דערפאַר טאַקע זענען מיר אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָר, נאָכן גרופירן אַלע קאָמוניסטישע עלעמענטן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אונטער די פענער פון אונדזער פּאַרטיי און נאָכן פאַרטיפן דעם קאָמוניסטישן באַוווסטזיין אין אונדזערע אייגענע רייען — צוגעטראָטן צו אַ ברייטער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַקציע, מיטן ציל צו געווינען דעם צוטרוי פון די דאָזיקע קרייזן צו דער קאַמף.

דעם שטאַנדפּונקט פון דער קאַמף לגבי דעם וועלטלעכן יידישן שולוועזן, וועלן מיר באַהאַנדלען אין קומענדיקן נומער *.

„גלאָס קאָמוניסטיטשני“ נומ. 12, וואַרשע, 23 יאַנואַר 1924.

צווישן די יידישע אַרבעטער

דער עקאָנאָמישער קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט האָט זיך מיט אַ באַזונדערער קראַפט אָפּגערופן אויף די יידישע אַרבעטער. צווישן די יידישע שטריקער זענען אַן ערך 90 פּראָצענט פאַריינס־מיטגלידער אָן באַשעפטיקונג. ביי די שוסטער, קאַמאַשנשטעפּער, שניידער — דערגרייכט די צאָל אַרבעטסלאָזע ביז 70 פּראָצענט. די לעצטע סעזאָן־אויפלעבונג (פאַר די יום־טובים) האָט וואָס אַן אמת פאַרקלענערט אויף אַ קורצער צייט די צאָל אַרבעטסלאָזע. אָבער שוין איצט איז זי פריש געוואַקסן מיט אַ גרויסער שנעלקייט.

די לאַגע פון די יידישע אַרבעטער פאַרערגערט זיך אַלץ מער צוליב דער אומאויפהערלעכער כוואַליע פון רעפּרעסיעס, וועלכע האָט אַרומגענומען כמעט אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען **... דער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די 2 אינדוסטריע־צווייגן, וווּ עס איז קאָנצענטרירט דער רוב פון די יידישע אַרבעטער אין וואַרשע, לעדער און נאָדל... אַ ריי אַנדערע קלענערע פאַריינען קעמפן ביי אַן אומדערהערט שווערער סיטואַציע. די קעמפערישקייט פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין

* דער צוגעזאָגטער אַרטיקל וועגן יידישן שול־וועזן איז אין נאָענטסטן נומער נישט דערשינען (רעד.).

** די פּונקטלעך — דאָס זענען נישט דייטלעכע ווערטער אין אָריגינאַל, וועלכע מיר זענען נישט אימשטאַנד געווען איבערצולייענען (רעד.).

אונדזער פּאַרטיי און וועלכע סימפּאַטיזירן מיט אונדז, האָט זיך לגמרי נישט פאַרמינערט.

אַדאַנק אונדזער אינטענסיווער פּראָפּאַגאַנדע, האָט זיך דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אין וואַרשע נישט געלאָזט אַריינציען אין דער נעץ פון די נאַציאָנאַליסטישע פראַזן פון „בונד“, וועלכער האָט געוואָלט אויסנוצן די איצטיקע אַרבעטסלאָזיקייט פאַר אָפּזונדערן די יידישע אַרבעטער פון דעם אַלגעמיינעם קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס קעגן אַרבעטסלאָזיקייט און האָט געשטרעבט אים אַריינצוציען אין דעם זומפּ פון אַ פּעטיציע-אַקציע פאַר נדבות פון די הילפס-פאָנדן פון דער יידישער רעליגיעזער גמינע. דאָס האָט זיך די בונדיסטן נישט איינגעגעבן. די יידישע אַרבעטער האָבן באַוויזן, אַז נישט געקוקט אויף די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, נישט געקוקט דערויף, וואָס אַרבעטנדיק אין קליינע וואַרשטאַטן באַקומען זיי נישט קיין גראָשן רעגירונגס-שטיצע, לאָזן זיי זיך נישט אַריינציען אין דער בלאָטע פון דער בונדישער פילאַנטראָפּיע.

עס איז אָבער די אויפגאַבע פון דער גאַנצער פּאַרטיי צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף פאַר אויסברייטערן די רעגירונגס-אונטערשטיצונג פאַר אַלע אַרבעטער, די קאַמפס-שטימונג פון די יידישע אַרבעטער אין וואַרשע שפּיגלט זיך אָפּ אין אַלע אַקציעס, וועלכע זענען די לעצטע צייט געוואָרן אָרגאַניזירט דורך אונדזער פּאַרטיי. די אַקציע פאַר באַפרייען דעם ח' לאַנצוצקי האָט אַרומגענומען ברייטע שיכטן פון די יידישע אַרבעטער-מאַסן. אין משך פון 2 וואָכן זענען פאַרגעקומען 14 מאַסווּקעס, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט פון 3 ביז 4 טויזנט אַרבעטער. מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן דעם מאַסן-אָנטייל פון די יידישע אַרבעטער אויף די מיטינגען און אויףביידע דעמאָנסטראַציעס.

אַ נישט קלענערע קעמפערישקייט האָבן די יידישע אַרבעטער אַרויס-געוויזן אין אונדזער אַקציע פאַר באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע. עס איז נישט געווען כמעט קיין איין פאַריין אָדער גרעסערער וואַרשטאַט, וו עס זאָלן נישט פאָרקומען קיין מאַסווּקעס אָדער פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען. מען דאַרף באַגריסן די שיינע איניציאַטיוו פון די יידישע בעקער-אַרבעטער, וועלכע האָבן באַשלאָסן אָפּצושפּאָרן וועכנטלעך פון זייערע דעפּוטאַטן * 140—150 קילאָ ברויט און אָפּגעבן עס פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

לעצטנס האָבן מיר אָנגעהויבן אויפן געביט פון וואַרשע אַן ענערגישן קאַמף קעגן ציוניזם, אין שייכות מיטן ברוטאַלן טעראָר און רעפּרעסיעס, וועלכע די ציוניסטן, בשותפות מיט די ענגלישע אימפּעריאַליסטן ווענדן אָן לגבי דער אויפוואַכנדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די אַראַבישע מאַסן אין פּאַלעסטינע און לגבי דער דאָרטיקער קאָמוניסטישער

---

* בעקער-אַרבעטער פלעגן באַקומען צו זייער לוין אַ געוויסן סכום ברויט פון זייער אויסאַרבעטונג (רעד.).

פּאַרטיי. דעם אויפרוף, וועלכן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קפּ״פּ האָט אַרויסגעגעבן אין דער פראַגע צו די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, האָבן מיר פאַנאַנדערגעשפּרייט צווישן די ברייטע מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע.

אין שייכות מיט די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר, טרעטן מיר צו צו אַ גרינטלעכער רעאָרגאַניזאַציע פון אונדזער טעטיקייט צווישן די יידישע אַרבעטער אויפן געביט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, שטרעבנדיק אָפּצושאַפן די באַזונדערע יידישע הזשעלניצע און צום... פאַרווירקלעכן דעם פּרינציפּ פון אַ טעריטאָריעלער אָרגאַניזאַציע ..... צו די יידישע אַרבעטער.

„טשערוואָני שטאַנדאַר“ נומער 2. וואַרשע, אפּריל 1925.

רעזאָלוציע פון צ.ק. קפּפּ וועגן דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן *

1. דער קער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורכן 3־טן פּלענום פֿון צ. ק. אין דער ריכטונג פון פאַרשטאַרקן די טאָג־טעגלעכע קאַמפן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די אונטעריאָכטע פעלקער, איז אויך נוגע די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער אונטערדריקטער יידישער באַפעלקערונג. די פּוילישע בורזשואַזיע בשותּפות מיט דער יידישער וואַרפט אַרויף אויפן פּראָלעטאַריאַט און אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן פון יידישן קליינבירגערטום די ריזיקע לאַסטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלאָאַטאַציע. די מאַסן פון דער מיליאָניקער שטאָטישער און קליינשטעטלדיקער יידישער אָרעמקייט, וואָס ווערן רואינירט דורכן קאַפּיטאַליזם, באַרויבט פון אַרבעטס־וואַרשטאַטן, ווערן וואָס אַמאָל אַלץ שנעלער פּויפּעריזירט אין די באַדינגונגען פון פאַרשאַרפטן ווירטשאַפטלעכן קריזיס. באַזונדערס שטאַרק לייגט זיך אויף די פּלייצעס פון דער יידישער אָרעמקייט דער פינאַנסיעלער קריזיס, די פאַרשטאַרקונג פון שטייער־דרוק, וואָס פאַרשנעלערט די רואינירונג פון דער דאָזיקער אָרעמקייט.

די דרינגענדיקע אויפגאַבע פון דער גאַנצער פּאַרטיי איז אַריינצוציען אין געמיינזאַמען קאַמף צוזאַמען מיטן פּראָלעטאַריאַט פון גאַנץ פּוילן נישט בלויז דעם רעוואָלוציאָנערן יידישן פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך די ריזיקע מאַסן פון דער יידישער אָרעמקייט, וואָס רעוואָלוציאָניזירט זיך אונטער די קלעפּ פון קריזיס און זוכט אַן אויסוועג פון דער עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

* די רעזאָלוציע פון צ.ק. איז אָנגענומען געוואָרן אין סעפּטעמבער 1931. אָפּגעדרוקט אין „נאָווי פּזשעגלאָנד“ נום. (45/46) 9/10, סעפּטעמבער— אָקטאָבער, 1931.

2. דער צ.ק. קאָנסטאַטירט אַ ריי ערנסטע דערפאָלגן פון דער אַרבעט אין דער יידישער סביבה, באַזונדערס אין דער אַרבעט פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ. די דאָזיקע דערפאָלגן האָבן אַ שייכות אין דער ערשטער ריי צו דער רעוואָלוציאָנערער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. די רעוואָלוציאָנערע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, וואָס זענען טעטיק אויף דער יידישער גאַס, האָבן אָנגעפירט מיט אַ גאַנצער ריי זיגרייכע עקאָנאָמישע קאַמפן קעגן די אָנגריפן פון די אונטערנעמער (די שטרייקן פון די שניידער, קאַמאַשנמאַכער און שוסטער אין וואַרשע, בערשטער אין מעזריטש, טעקסטיל-אַרבעטער אין מראָזי, די שטרייקן פון די קאַמאַשנמאַכער און שניידער אין לאָדזש, דער אַלגעמיינער שטרייק אין סאָקאָלאָוו אאַוו.). אין די דאָזיקע קאַמפן זענען אַריינגעצויגן געוואָרן ברייטע מאַסן נישט אָרגאַניזירטע אַרבעטער. דער צ.ק. קאָנסטאַטירט די אויסברייטערונג און פאַרשטאַרקונג פון קאַמף קעגן סאָציאַל-פאַשיזם („בונד“ און פ.צ.), באַזונדערס אין די מאַסן-אַקציעס אין צוזאַמענהאַנג מיטן מענשעוויקעס-פראָצעס אין מאָסקווע, אין צוזאַמענהאַנג מיט לוצק און בריסק, מיטן 25-טן יאָר-טאָג פון צוזאַמענפאָר פון פ.צ. אאַוו. דער דאָזיקער קאַמף האָט באַדייטנדיק מיטגעווירקט צו דער פאַרשאַרפונג פון פערמענט צווישן די די אַרבעטער פון די סאָציאַל-פאַשיסטישע פאַרטייען און צו דער פאַרשטאַרקונג פון אונדזערע איינפלוסן (האַנדלס-אָנגעשטעלטע, טראַנספּאָרט- און לעדער-אַרבעטער אין וואַרשע, מעטאַל- און דרוקער-אַרבעטער אין לאָדזש אדגל).

דער צ.ק. שטרייכט אונטער דעם מאַסן-כאַראַקטער פון דער פּראָפ-פאַריינישער אַרבעט (12 פאַריינען, וואָס נעמען אַרום 7 טויזנט אַרבעטער אין וואַרשע, דאָס באַהערשן און שאַפן אַ ריי פראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ), ווי אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרשטאַרקונג פון דער פאַרטיי אויף דער יידישער גאַס אין אַ ריי ערטער. מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן די אַנטוויקלונג פון דער פרעסע און די פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעט און איינפלוס פון דער פאַרטיי צווישן דער יידישער אינטעליגענץ. וועגן ברייטן פאַרנעם פון די איינפלוסן פון דער פאַרטיי צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן זאָגט עדות דער צאָלרייכער אָנטייל פון די דאָזיקע מאַסן אין אַלע פאָליטישע אַקציעס, וואָס ווערן געפירט דורך דער פאַרטיי (1 מאַי, 1 אויגוסט * אאַוו.). דאָך האָבן די דערגאָבערונגען אַ שייכות דער עיקר צו די עטנאָגראַפישע געביטן פון פּוילן, אין דער צייט ווען אין מערב-אוקראַינע און מערב-ווייסרוסלאַנד און אפילו אין אַ ריי ערטער אין עטנאָגראַפישן פּוילן, באַזונדערס אין

---

* 1-טער אויגוסט — יעדעס יאָר אין ערשטן אויגוסט האָבן די קאָמוניסטישע פאַרטייען אָרגאַניזירט מיטינגען, פאַרזאַמלונגען און דעמאָנסטראַציעס קעגן די מלחמה-צוגרייטונגען, פאַר פאַרטיידיקן דעם סאָציאַליסטישן ראַטנפאַרבאַנד. (רעד.).

לאָדזש און אין קראָקע, איז די טעטיקייט פון דער פּאַרטיי צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן נאָך אַלץ א שוואַכע.

3. אויף דער אַרבעט פון דער פּאַרטיי צווישן די יידישע אַרבעט־נדיקע מאַסן רופט זיך אָפּ די נישט־גענוגנדיקע אָנווענדונג פון דער טאַק־טיק פון אייניהייטלעכן פראָנט פון אונטן. אין דער ערשטער ריי האָט עס א שייכות צום קאַמף פאַר געווינען די אַרבעטער, וואָס גייען נאָך מיטן „בונד" און פּ.צ. אין אונדזער קאַמף מיט יידישן סאָציאַל־פאַשיזם טיילן מיר נישט שטענדיק גענוגנדיק אָפּ די פּאַרטעטרישע פירער פון די פּשוטע אַרבעטער. אין א ריי פאַלן לאָזן זיך אונדזערע חברים פראָ־וואָצירן פון „בונד", פאַרוואַנדלענדיק דעם פּאָליטישן קאַמף קעגן „בונד" און פּועלי־ציון אין בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן אונדזערע חברים און די אַרבעטער פון „בונד" און פּ. צ. דאָס איז נאַטירלעך אויף דער האַנט פון דער פּאָליטיק פון „בונד", וועלכער באַמיט זיך אָפּצוגרעניצן מיט א ביגעזישער מויער די אַרבעטער פון „בונד" פון די רעוואָלוציאָ־נערע יידישע און פּוילישע אַרבעטער. די זעלבע דערשיינונגען האָבן אַן אָרט אויפן געביט פון דער אַרבעט אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. שטענדיק אַן אַנטשיידענעם ווידערשטאַנד די שלעגערישע מעטאָדן פון „בונד", דאַרף מען פאַר קיין שום פאַל נישט פאַרטרעטן דעם מאַסן־קאַמף מיטן קאַמף פון רעוואָלוציאָנערן אַקטיוו קעגן די בונדישע באַ־יוווקעס. א ריי שטרייקן אויף דער יידישער גאַס (מעדעס־סאַנאַטאָריע, סאָדע־וואַסער־אַרבעטער אין וואַרשע, בעקער אין לאָדזש) ווייזן אָן אויפן נישט גענוגנדיקן צוזאַמענגעגן דעם דאָזיקן פּרינציפּ. ס'איז נייטיק אריינ־צוברענגען מער קאָנקרעטיזירונג אין אונדזער טאָג־טעגלעכן פּאָליטישן קאַמף קעגן „בונד" און פּועלי־ציון, דעמאַסקירנדיק זיי אויפן סמך פון קאָנקרעטע טאָג־טעגלעכע פאַקטן פון זייער פאַרעטערישער טעטיקייט. מען דאַרף וועגדן מער אויפמערקזאַמקייט ווי ביז איצט אויף די עלע־מענטן פון פערמענט, וועלכע האָבן אַן אָרט אינערהאַלב דעם „בונד" און פּועלי־ציון, ארומנעמען די אַרבעטער־אָפּאָזיציע אינערהאַלב די דאָזיקע פּאַרטייען, אָרגאַניזירנדיק איר איבערגאַנג אין רעוואָלוציאָנערן לאַגער.

מען דאַרף באַזונדערס פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן די „לינקע" בונ־דישע דעמאַגאָגן (די גרופּע פון כמורנער) ווי די סאַמע געפערלעכסטע שונאים אינעם קאַמף פאַר דעראָבערן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

4. דער צ. ק. שטעלט פעסט, אַז אין לעצטן פעריאָד איז געמאַכט גע־וואָרן אַן ערנסטער שריט פאָרויס אין דער ריכטונג פון איבערנעמען די אָנפירונג מיטן קאַמף פון די יידישע מאַסן קעגן דער יידישער רעאַקציע און קלער (די קאַמפּאַניע אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַלן צו די יידישע גמינעס). נישט געקוקט דערויף, איז דער טאָג־טעגלעכער קאַמף קעגן די יידישע בורזשואַזע פּאַרטייען, קעגן ציוניזם און דער אגודה, וועלכע האָט אין לעצטן פעריאָד באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט אירע איינפלוסן אפילו צווישן דער יידישער אָרעמקייט, נאָך נישט קיין פולשטענדיק גענוגנדי־

קער. מען דארף פארשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דעם ציוניזם, קעגן די פאָלקיסטן און אָרטאָדאָקסן, דעמאַסקירנדיק זייער אָפענע צוזאמענארבעט מיט דער פאַשיסטישער רעגירונג אין קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנערער און נאַציאָנאַל־באפרייערישער באַוועגונג, זייער אקטיוון אָנטייל אין די צוגרייטונגען צו אן אינטערווענץ קעגן פסס״ר. מיר מוזן פארשטאַרקן די אויפמערקזאמקייט פון דער פארטיי אויף דער געפאר, וועלכע דראָט מצד די ציוניסטישע מיליטעריש־פאשיסטישע אָרגאניזאציעס (טרומפעלדאָר, יאָסעלעוויטש, השומר אד״גל.).

5. דער צ.ק. האַלט פאר נייטיק צו פארשטאַרקן די פּאָפּולאַריזאַציע און דאָס אויסנוצן אין אונדזער טאָג־טעגלעכער אגיטאַציע די דערגרונגען פון פססר אויפן געביט פון לעזן דאָס נאַציאָנאַלע פראָבלעם, באַזונדערס אין דער יידן־פראגע, דורך אריינציען די יידישע ארבעטנדיקע מאַסן אין בויען דעם סאָציאַליזם (דאָס אריינציען די יידן אין דער אינדוסטריע, אין דער לאַנדווירטשאַפט, די ליקווידאציע פון דער ארבעטלאָזיקייט צווישן די יידישע מאסן, דאָס אויפלעבן די שטעטלעך, די אַנטוויקלונג פון דער פראָלעטאַרישער קולטור).

6. נישט קיין גענוגנדיקע איז די ארבעט פון דער פאַרטיי צו געווינען די ברייטע מאַסן פון דער יידישער אָרעמקייט און דאָס קליינבירגערטום. ס׳איז נישט געווען קיין גענוגנדיקע איניציאַטיוו ביים מאָביליזירן און אָנפירן מיטן קאַמף פון דער יידישער אָרעמקייט קעגן די שטייערן, עקסמיסיעס און יקרות. ס׳איז נייטיק צו שאַפן קאָמיטעטן צום קאַמף פון דער יידישער אָרעמקייט קעגן די שטייערן, צו אָרגאניזירן דעם לאָקאַטאָרן־פאַריין אד״גל.

די גרונט־סיבה פון אונדזער שוואכער ארבעט צווישן דעם יידישן קליינבירגערטום און אָרעמקייט זענען די פאראנענע הערשיינונגען פון ניהיליזם אין דער יידישער נאַציאָנאַלער פראגע, זיי פירן צו א דריי פעלערן און בלויזן אין אונדזער אַרבעט. דער צ. ק. שטעלט פעסט, אַז די יידישע ביוראָ האָט מיט רעכט שוין געמאַכט א געוויסן קער אויפן דאָזיקן געביט (דאָס אַראָפנעמען דעם לאָזונג פון א פראָלעטאַרישער שול, דער קאַמף קעגן שליסן די יידישע שולן, קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן די פּאָגראָמען, קעגן דער אונטערדריקונג און שיקאַנעס לגבי דער יידישער באַפעלקערונג). נישט געקוקט דערויף ווערט די טאָג־טעגלעכע ארבעט אויפן דאָזיקן געביט, די מאָביליזאציע פון די מאַסן קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, פאר דער מוטער־שפּראַך, פאר דער שול, פאר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידישע מאַסן נישט געפירט אין א גענוגנדיקער מאָס. אונדזער אויפגאַבע איז צו מאָביליזירן די מאַסן קעגן אַלע דערשיינונגען פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, אומאָפהענגיק דערפון קעגן וועלכע גרופּן ס׳זענען געריכטעט די אַקטן פון פאַשיסטישן טעראָר (דאָס שליסן די ציש״אָ־שולן אָדער אַנדערע יידישע שולן).

ס׳איז נייטיק פאַנאַנדערצוּוויקלען אַ וואָס ברייטערע אַקציע קעגן די פּרוּוון פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור, וועלכע שטרעבט אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן פון קלאַסן־קאַמף און צו שפּאַלטן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג דורך פאַרשפּרייטן נאַציאָנאַלן האַס און אָרגאַניזירן יידישע פּאָגראָמען. ס׳איז נייטיק צו שטעלן אַן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד די דאָזיקע פּרוּוון מיט דער הילף פון אַ געמיינזאַמער זעלבסטשוץ פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

7. דער צ.ק. האַלט פאַר נייטיק קאָנסעקווענט דורכצופירן די ליניע אויף אינטערנאַציאָנאַליזירן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען דורך פאַרשטאַרקן די אַרבעט צווישן די פּוילישע אַרבעטער אין די געמיינזאַמע פאַריינען, וועלכע האָבן ביז איצט בלויז פיקטיוו אַרומגענומען די פּוילישע אַרבעטער, דורך פאַראייניקן (דורך אַן אַקציע) די פּוילישע און יידישע פאַריינען, און ענדלעך, דאָרט וווּ ס׳איז אין איצטיקן מאָמענט אוממעגלעך, — דורך שאַפן פאַרשטענדיקונגס־אָרגאַנען פאַר דער קאָאָרדינאַציע פון די אַרויסטרעטונגען פון די פּוילישע און יידישע פאַריינען פון דער געגעבענער אינדוסטריע־צווייג.

דער צ.ק. האַלט פאַר אוּמדערלאָזבאַר די עקזיסטענץ פון זעלבשטענדיקע יידישע און פּוילישע קאָמפראַקציעס * אין איין און דעם זעלבן פאַך (פאַריין פון אַרבעטער פון דער ** אינדוסטריע אין וואַרשע). די שעדלעכקייט פון אַזאַ פּראַקטיק ווערט נאָך אָפט פאַרשטאַרקט צוליבן מאַנגל אין אַ קאָנטאַקט צווישן די דאָזיקע פראַקציעס. גאָר אוּמדערלאָזבאַר איז די עקזיסטענץ פון באַזונדערע פּוילישע און יידישע פראַקציעס אין זעלבן רעוואָלוציאָנערן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. דער צ. ק. באַאויפטראַגט דעם צענטראַלן פּראָפ־פאַריינישן אָפּטייל געמיינזאַם מיט דער צענטראַלער יידישער ביוראָ צו ליקווידירן וואָס גיכער די דאָזיקע אוּמנאָרמאַלע לאַגע. דאָרט, וווּ ס׳עקזיסטירן פּאַראַלעל אַ יידישער און אַ פּוילישער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין, דאַרף מען תיכף שאַפן אַ געמיינזאַמע עקזעקוטיוו פון דער קאָמפראַקציע פאַר ביידע פאַריינען.

אין הסכם מיט דער אַלגעמיינער סטרוקטור פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג דאַרפן די רויטע פראַקציעס *** אין די רעוואָלוציאָנערע יידישע פאַריינען פאַרוואַנדלט ווערן אין אָרגאַנען פון פאַריינס־אַקטיוו (פאַך־קאָמיסיעס, וואַרשטאַטן־דעלעגאַטן. קולטור־קאָמי־

---

* „קאָמפראַקציעס“ — קאָמוניסטישע פראַקציעס. קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געהערט צו זייערע פּאַרטיי־קרייזן אויף די אַרבעטס־ערטער, האָבן געבילדעט קאָמוניסטישע פראַקציעס אין פאַרשידענע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, פּראָפ־פאַריינען, ספּאָרט־קלובן, קולטור־אָרגאַניזאַציעס אאַ. (רעד.).

** צוליב קאָנספּיראַטיווע סיבות איז נישט אָנגעגעבן דער נאָמען פון פאַריין (רעד.).

*** „רויטע פראַקציעס“ — צו זיי האָבן געהערט אַלע די, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון רויטן פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, קעגן רעפאָרמיסטישן, אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל. (רעד).

סיעס אד"גל.). דאָס אויפהאַלטן די רויטע פראַקציעס באַשווערט אַריינציִען דעם ברייטן אומפּאַרטייאישן אַקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. דער צ.ק. האַלט פאַר נייטיק דורכצופירן אַריינציִען אין דער פּאַרטיי דעם פאַרגרעסערטן רעוואָלוציאָנערן אַקטיוו, דאָס הייסט אַלע די אַרבעטער, וועלכע האָבן מיט זייער אַרבעט באַוויזן, אַז זיי זענען אויפריכטיק איבערגעגעבן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ קאָלאָסאַלע דעראָבערונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין דער יידישער סביבה איז דער אויסגעקעמפטער דורך די רעוואָלוציאָנערע פאַריינען מאָנאָפּאָל אויף אַרבעטס־פאַרמיטלונג. דאָך איז די דאָזיקע דעראָבערונג נישט געוואָרן אין אַ גענוגנדיקער מאָס פּאָפּולאַריזירט צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן און אויסגענוצט, כדי צו דעמאַסקירן די צעכאָווע פּאָליטיק פון „בונד“, וואָס לאָזט צו צו דער אַרבעט נאָר זיינע אָנהענגער אין קעגנזאַץ צו דער קלאַסן־פּאָליטיק פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

דער צ.ק. שטעלט פעסט באַדייטנדיקע דעראָבערונגען אויפן געביט פון דערהאַלטן און אויסברייטערן די איינפלוסן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אויף דער יידישער גאַס, אפילו נאָכן שליסן זיי*. דער צ. ק. ווייזט אָן אויף דער נויטווענדיקייט צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר דער לעגאַלקייט פון די רעוואָלוציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, קעגן די פּרוּוון פון דער פאַשיסטישער רעגירונג און סאָציאַל־פאַשיסטן צו שפּאַלטן און פאַרטרייבן אין אונטערערד די רעוואָלוציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג. מען דאַרף אומבאַדינגט באַקעמפן יעטוועדע דערשיינונג פון רעכט־אָפּאָרטוניסטישן לעגאַליזם, ווי אויך די אולטראַלינקע טענדענצן, וואָס דערשאַצן נישט די באַדייטונג פון קאַמף פאַר דער לעגאַלקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דער צ.ק. שטעלט פעסט, אַז די ביז איצטיקע אַרבעט אונדזערע אויפן געביט פון די סאָציאַל־פאַשיסטישע יידישע פּראָפאַריינען אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ לינקע אָפּאָזיציע אויף דעם געביט איז נישט גענוגנדיק.

8. דער צ. ק. האַלט פאַר נייטיק צו אָרגאַניזירן אויף דער יידישער גאַס לעגאַלע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס (קולטור־ און בילדונגס־אָרגאַניזאַציעס, ספּאָרט־קלובן, ביבליאָטעקן, פאַרבאַנדן פון פריינד פון פּסס"ר, אָרגאַניזאַציע פון עמיגראַנטן פון פּאַלעסטינע אד"גל.). ס'איז נייטיק אַריינציִען אין דער דאָזיקער אַרבעט אַ ברייטן אומפּאַרטייאישן אַקטיוו, רע־

* די פּאָליציי פלעגט כסדר שליסן די פאַריינען, וועלכע זענען געווען אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמוניסטן אָדער פון אָנהענגער פון פּראָפינטערן. נישט געקוקט אויפן פּאָליציייאישן טעראָר האָבן די פאַריינען געפירט זייער טעטיקייט אויף די אַזוי גערופענע „בערזעס“ און ווייטער געקעמפט פאַר זייער לעגאַליזאַציע. (רעד.)

אַליזירנדיק אונדזער אָנפירונג מיט דער הילף פון די קאָמוניסטישע פראַקציעס.

9. דער צ. ק. דערמאָנט די באַשלוסן פון 5-טן צוזאַמענפאָר פון קפּפּ וועגן דער נויטווענדיקייט איינצופירן אויף דער יידישער גאַס די אַלגעמיין-פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור, איבערבויען די פּאַרטייאישע קעמערלעך, אָרגאַניזירן די פּאַרטיי-מיטגלידער לויטן אַרבעטס-אָרט אָדער וווין-אָרט.

10. דער צ. ק. שטעלט פעסט, אַז ביז איצט איז די אויפגאַבע פון דער אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן נאָך נישט געוואָרן די זאַך פון דער גאַנצער פּאַרטיי. דאָס פעלן פון געהעריקער פּאַראינטערעסירונג מצד די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס מיט דער אַרבעט אויף דער יידישער גאַס פירט צו דערשיינונגען פון אָפּזונדערן די יידישע אַרבעט פון דער אַלגעמיין-פּאַרטייאישער, שוואַכט אָפּ דעם קאַמף קעגן נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם און אַנטיסעמיטיזם. שולדיק אין דעם איז קודם-כל די אָנפירונג פון די אָרטיקע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, וואָס שענקט נישט קיין געהעריקע אויפמערקזאַמקייט דער יידישער אַרבעט, איבערלאָזנדיק זי אינגאַנצן פאַר דער צענטראַלער יידישער ביוראָ און די יידישע קרייז-ביוראָען. טאַקע צוליב דעם ווערן די יידישע ביוראָען פאַרוואַנדלט אָפט אין זעלבשטענדיקע אָרגאַנען, וועלכע פירן אויס אַלע אַלגעמיין-פּאַרטייאישע פונקציעס אויף דער יידישער גאַס, די פונקציעס, וואָס גייען אַפילו נישט אַריין אין זייערע קאָמפּעטענצן. באַזונדערס קומט דאָס צום אויסדרוק אויפן געביט פון דער פאַריינישער אַרבעט, וווּ ס'איז נישטאָ קיין גענוגנדיקער קאָנטאַקט און צוזאַמענאַרבעט צווישן די יידישע און אַנדערע פּראָפ-פאַריינען. וווּ עס איז נישטאָ קיין גענוגנדיקע אָנפירונג פונעם צענטראַלן פּראָפ-פאַריינישן אָפּטייל.

אַזאַ לאַגע פירט צום פאַרסקליפּעווען זיך פון אונדזערע יידישע חברים אין דער אַרבעט אויסשליסלעך צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. אַפילו די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פון מוראַנאָווער ראַיאָן אין וואַרשע איז, נישט געקוקט אויף די פּאַראַנענע אויף איר געביט אונטערנעמונגען, וואָס באַשעפטיקן פּוילישע אַרבעטער, נאָך כמעט אינגאַנצן אַ יידישע אָרגאַניזאַציע, זי ציט נישט אַריין אין קיין גענוגנדיקער מאָס די פּוילישע אַרבעטער-מאַסן. ס'איז נייטיק פולשטענדיק צו ליקווידירן אַזאַ פאַרסקליפּעווען זיך. די מוראַנאָווער אָרגאַניזאַציע דאַרף די ערשטע געבן אַ ביישפּיל, אויסברייטערנדיק אירע איינפלוסן אויף די פּוילישע אַרבעטער. ס'איז אומדערלאָזבאַר איינצושליסן אין דער מוראַנאָווער אָרגאַניזאַציע יידישע קעמערלעך פון אַנדערע ערטער בלויז אויפן יסוד פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט. פון דער צווייטער זייט איז נייטיק אויסצוברייטערן די מוראַנאָווער אָרגאַניזאַציע אויף די שכנותדיקע פּוילישע ראַיאָנען, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַ-

ציע. דער דאָזיקער פּרינציפּ דאַרף איבערגעטראָגן ווערן אויך אויף די אַנדערע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

די גרונט־ליניע פון דער פּאַרטיי אויף געווינען די אַרבעטער פון דער גרויס־אינדוסטריע מוז אויך ווערן רעאַליזירט אויף דער יידישער גאַס דורך פאַרשטאַרקן די אַרבעט אין די פאַבריקן, וווּ ס'זענען באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער (מאַבאַק־אַרבעטער, ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אַרבעטער און אַנדערע), ווי אויך דאָרט, וווּ ס'זענען באַשעפטיקט פּוילישע אַרבע־טער אין די פאַבריקן, וואָס געפינען זיך אין ראַיאָנען, באַוווינטע דורך דער יידישער באַפעלקערונג. ס'איז אויך נייטיק צו פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון די קליינשטעטלדיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס נעמען אַרום דער עיקר דעם יידישן פּראָלעטאַרישן עלעמענט און די אָרעמקייט אין די דערפער, צווישן די פּויערים און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער.

די פּאַרטיי דאַרף ווענדן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף דער־ציען די יידישע מאַסן אין אינטערנאַציאָנאַלן גייסט.

11. ס'איז נייטיק צו פאַרשטאַרקן די אָנפירונג מיט דער יידישער אַרבעט אין מערב־אוקראַינע, מערב־ווייסרוסלאַנד, אין לאָדזש, קראָקע און אויך צווישן דער יוגנט.

12. דער צ. ק. שטעלט פעסט אַ באַדייטנדיקע פאַרשטאַרקונג פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ (דאָס באַזוכן און אינסטרואירן אַן ערך 100 שטעט און שטעטלעך, דאָס דורכפירן 8 יידישע קרייז־באַראַטונגען, דאָס שאַפן כמעט אין אַלע קרייזן יידישע ביוראָען).

די קרייז־קאָמיטעטן דאַרפן מער ווי ביז איצט נעמען אָנטייל אין אָנ־פירן מיט דער אַרבעט פון די יידישע קרייז־ביוראָען, באַריקזיכטיקן אין זייער פאַרלאַנג־מעטיקייט די באַדערפעניש פון די יידישע מאַסן.

„נאָווי פּזשעגלאָנד" נומער 9/10. סעפּטעמבער—דעצעמבער 1931.

קעגן דער אַנטיסעמיטישער דיווערסיע *

די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין פּוילן פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער. אירע פּרובטן זענען שוין צאָלרייכע לאָקאַלע פּאָגראָמען איבער דער יידישער באַפעלקערונג. וואָס מער מיר דערנענטערן זיך צו דער רעוואָ־לוציאָנערער סיטואַציע, מיט אַן אַלץ גרעסערער פאַרביסנקייט וואַרפט די בורזשואַזיע פון פּוילן אויף דער וואָגשאָל פון די געשעענישן דאָס דאָזי־קע אויסגעפּרוווטע דורך דעם הערשנדיקן קלאַס מיטל צו פאַרטומלען די דערוואַכנדיקע מאַסן. אויף יעדער נייער מפּלה אויפן ווירטשאַפטלעכן פראָנט, אויף יעדן נייעם קלאַפּ מצד די אַרבעטנדיקע מאַסן, ענטפערט די בורזשואַזיע מיט אַ נייעם אָנגריף פון שאָוויניסטיש־אַנטיסעמיטישן גיפט־

* געקירצט (רעד.).

גאַז, וועלכער דאַרף זיך איינפּרעסן אין די גופים פון די קעמפנדיקע אַרבעטער, אויפּפּרעסן זיי און צעלייגן און מאַכן אומפּעיק צום קאַמף.

שפּעקולירנדיק אין דער ערשטער ריי אויף דעם רואינירטן און פּויפּעריזירטן הורבן קאַפּיטאַל קליינבירגערטום, באַמיען זיך די פּראָפּאַגאַנדיסטן פון אַנטיסעמיטיזם צו צוקומען קודם־כל צו די אַרבעטער־ און פּויערים־מאַסן, לכל־הפּחות צו זייערע צוממערסטן אָפּגעשטאַנענע שיכטן. פון דאַנען נעמט זיך דער אַנטיסעמיטישער לאָזונג: „אין פּוילן זענען פּאַראַן 250 טויזנט ארבעטסלאָזע און 3 מיליאָן יידן, וועלכע פּאַשען זיך מיט אונדזער בלוט. אַרבעטער, גיב אין די ציין יעדן, וועלכער זאָגט, אַז אַזוי דאַרף עס זיין!“ דערפון נעמען זיך די פּרוון פון אָרגאַניזירן די דעקלאַסירטע עלעמענטן און דעם לומפּן־פּראָלעטאַריאַט צו אַרויסטרעטונגען אין זין פון דעם דאָזיקן שמוציקן פּרינציפּ. דערפון נעמען זיך די באַמיונגען אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די פּאַראָרעמטע פּויערים־מאַסן פון זייערע פּאַקטישע אויסנוצער — דעם פּריצישן הויף און שטייערן־אַמט, פון דער קירך און קולאַקישער כאַטע, פון דער גמינע און פּאָליציי. דערפון נעמען זיך די פּרוון פון ריכטן די וואַקסנדיקע רעוואָלוציאָנערע יורונג אויפן דאָרף קעגן די יידישע סטראַגאַן־הענדלער און קליינשטעטלדיקן דלות.

שענדלעך איז אדורכגעפאלן אזא פּרווו מצד דער אָ.וו.פּ.* אין יאַדאָווע, אָבער עס האָט זיי בעסער אָפּגעגליקט בעת פּויערישע הונגער־אומרוען איז זשיוויעץ און ראדזשיווילאָוו.

אין דער לעצטער צייט באַמיט זיך די פּוילישע בורזשואַזיע בשותפות מיט דער אוקראַינישער מיט דער הילף פון יידנפרעסעריי צו פּאַראַליזירן די נאַציאָנאַל־באַפרייערישע באַוועגונג פון די ארבעטנדיקע מאסן אין מערב־אוקראַינע, באַמיט זיך אַריינצושטויסן דעם קאַמף קעגן דער אָקופּאַציע פון פּוילישן אימפּעריאַליזם אינעם בלינדן געסל פון דער אנטיסעמיטישער העצע. אין נאָמען דערפון שפּינט די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ“ — דער אָרגאַן פון דער ענדעקישער, אנטיאוקראַינישער האַקאַטע — א פּלאַן פון פּויליש־אוקראַינישער צוזאַמענאַרבעט אויף דער פּלאַטפאָרם פון... אַנטי־יידישע פּאָגראָמען. אין א ספּעציעלן ארטיקל פון 1־טן מאי ד. י. געווידמעט דער דאָזיקער פראגע שרייבט זי:

„די געשעענישן פון די לעצטע 2 יאָר באַווייזן, אַז אין קאמף קעגן יידנטום שטעלט זיך די רוטענישע באַפעלקערונג אָפּטמאָל סטיכיש (?) אין איין ריי מיט די פּאָליאַקן, עס איז קלאָר, אַז אויב זי וואָלט געזען אין פּוילן איר אַפּיטרופּס און פּארטיידיקער קעגן די יידן, וואָלט זיך אינגאַנצן אַנדערש געשטאַלטיקט איר צוטרוי צו אונדזער מלוכה און פּאָלק“.

מיר זעען אלזאָ, ווי פּלאַנמעסיק עס אנטוויקלט זיך די יידנפרעסע־

* אָבוז וויעלקיעי פּאָלסקי — ענדעקישע יידנפרעסערישע אָרגאַניזאַציע. (רעד.)

רישע אַקציע. דער אַנטיסעמיטיזם ווערט זאָרגפעליק, מיט פיל ענערגיע און פינאַנס־מיטלען פאַרפלאַנצט דורך דער בורזשואַזיע צווישן דער קליינ־בירגערלעכער אָרעמקייט, וועלכע נויגט זיך וואָס אמאָל מער צו דער רע־וואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די אַרבעטער, פויערים און אויף די אָקו־פירטע געביטן. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם האָט נישט געלאָזן קיין וואָרצלען צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פוילן, נישט גע־קוקט דערויף, וואָס די אַלע וואַקסנדיקע קלאַסן־קאַמפן אין שטאָט און אויפן דאָרף האָבן מיט איין קלאַפּ אַראָפּגעשווענקט די לאַנג און זאָרגפעליק אָרגאַניזירטע דורכן קאַפּיטאַל אַנטי־יידישע אָדער אַנטי־דייטשישע העצע (ווי דאָס האָט געהאַט אַן אָרט בעתן טראַמוויי־שטרייק אין וואַרשע, פון די טעקסטיל־אַרבעטער אין לאָדזש, בעת דעם שטרייק אין אייבערשלעזיע, בעת די פויערים־אַרויסטרעטונגען אין יאַדאָווע)—בילדעט ער דאָך אַ גרוי־סע קאָנטררעוואָלוציאָנערע סכנה.

מיט איינפלאַנצן דעם אַנטיסעמיטיזם פאַרנעמט זיך ווייט נישט בלויז דער ענדעקישער לאַגער, וועלכער שטייט איצט אין נאָמען פון פינאַנס־קאַפּיטאַל בראָש פון דער אַנטי־יידישער העצע. דער גאַנצער פאַשיסטי־שער לאַגער און אַלע זיינע פראַקציעס רייטן איצט אויפן אַנטיסעמיטישן פערדל. בעת אָבער די ענדעציע טרייבט איר פּאָגראָם־פּראָפּאַגאַנדע מיט אַן אָפענעם פּרצוף, אָרגאַניזירט אָפּן כוליגאַנישע שטיק, מאַסקירט די סאַ־נאַציע איר אַנטיסעמיטיזם מיט „ליבעראַלע" שלייערן, באַמיענדיק זיך צו רעאַליזירן איר אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק אויף אַ מער פאַרשטעלטן אופן. אונטער איר אָנפירונג קומט פאָר די אַרויסשטויסונג פון יידן פון די מלוכה־שע און קאָמונאַלע אונטערנעמונגען, ווי למשל, פון די טאַבאַק־פאַבריקן, פון שול־וועזן און פון די פּריוואַטע אַרבעטס־אונטערנעמונגען. דאָס יידישן שול־וועזן ווערט פאַרפּלאָגט פּונקט ווי דאָס אוקראַיִנישע, ווייסרוסי־שע, דייטשישע. דער גאַנצער פּאָליצייאיש־אַדמיניסטראַטיווער און יוסטיץ־אַפּאַראַט שטייט צו דינסט פון דער אַנטיסעמיטישער אַרבעט. אַלץ אָפטער הערן זיך אויך אין דער סאַנאַציע שטימען פון אָפענער, נישט מאַסקירטער יידנפרעסעריי. גענוג צו דערמאָנען בלויז די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרע־טונג פון סאַנוויצא אין סיים סוף מערץ ד.י., וועלכע איז געווען באַשטימט פאַר די פויערים, און דאָס געמיינזאַמע ליציטירן זיך אין אַנטיסעמיטיזם צווישן דעם סאַנאַטאָרישן „לעגיאָן מלאָדיך" און דעם ענדעקישן „אָבוויע־פּאָל"...

דער געדיכטער משאד פון שאָוויניזם פאַרשפּרייט זיך אַלץ נידעריקער אין די שטעט און שטעטלעך און ציט זיין יניקה פון דער פּאָגראָם־פּאָלי־טיק פון היטלערן. די פּאָגראָם־מעשים פון היטלערן גיבן דערביי די יידישע אונטערשטופּער פון דער סאַנאַציע נאָך אַ געלעגנהייט פעסטצושטעלן, אַז אין פוילן איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און אַנטיסעמיטיזם מצד דער רעגירונג, אַז אין דער היגזיכער זינדיקט בלויז דער ענדעקישער

לאַגער, און אַז ווילנדיק זיך אים אַנטקעגנשטעלן דאַרף מען שטיין ווי אַ מויער אַרום מאַרשאַלעק. פּונקט אַזוי פאַרזוימט נישט די פאַשיסטישע רעגירונג און אירע אַמבאַסאַדאָרן אין אַמעריקע, לאָנדאָן, פּאַריז און זשענעווע צו פאַרמאַסקירן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק מיט דער פּאָזע פון „ליבעראַליזם“. דערפאַר טאַקע טוישט די ענדעציע, וועלכע האָט ביז דאָ נישט לאַנג אַטאַקירט די סאַנאַציע פון דעם שטאַנדפּונקט פון פאַרטיידיקן די רעכט פון דער דעמאָקראַטיע, איר כלי־זין אין דער הינזיכט און גרייפט איצט אָן די רעגירונג אַלס „נישט גוטע“ פאַשיסטן, שטעלנדיק דעם היטלעריזם אַלס מוסטער פון דער נאַציאָנאַלער, מלוכהשער און סאָציאַלער פּאָליטיק.

די אַנטיסעמיטיש־שאָוויניסטישע דיווערסיע, וועלכע איז אין אַ געוויסן זין דער באַראָמעטער, וואָס ווייזט אויף דער שפּאַנונג פון די סאָציאַלע קאַמפן, ווייל ער איז די מאָס פון דער רעאַקציע פון קאַפּיטאַליזם אויף דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע קאַמפן — דראָט מיט גרויסע געפאַרן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דערפאַר טאַקע מוז די דאָזיקע דיווערסיע אָנטרעפן אויף דעם אַנטשידנסטן ווידערשטאַנד פון אַרבעטער־קלאַס. עס מוז אויך פאַרשאַרפט ווערן דער קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער העצע און קעגן דעם נאַציאָנאַליזם אין אַלע זיינע קאָלירן: פון דער שוואַרצער „אַגודה“, וויס־בלויען ציוניזם, פון ברוינעם רעוויזיאָניזם פון זשאַבאָטינסקי און פון „רויטן“ „בונד“. אָפּשטויסן די דאָזיקע שמוציקע אַנטיסעמיטיש־נאַציאָנאַליסטישע כוואַליע וועלן מיר קאָנען, צואייגענענדיק זיך די אָנווייזונגען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פון דעם פּעריאָד פון אָנוווּקס פון דער רעוואָלוציע פון 1905 אין רוסלאַנד, ווען דער צאַריזם האָט געפּרוּווט דערטרינקען די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין פּאָגראָמען. פּונקט אַזוי פּרוּווט עס דער פאַשיזם איצט צו טאָן, די באָלשעוויסטישע „איסקראַ“ האָט דעמאָלט געשריבן.

„אונדזער פּאַרטיי, וועלכע מאַרשירט בראש פון דעם פּראָלעטאַריאַט, מוז אויפווייזן, אַז די רעגירונג מאַכט אַ טעות אין חשבון, ווען זי שטעלט זיך פאָר, אַז עס וועט זיך איר איינגעבן צו פאַרסמען דעם רוסישן אַרבעטער־קלאַס מיט דער אַנטיסעמיטישער העצע. דער חוב פון דער פּאַרטיי איז צו אָרגאַניזירן מיט אייגענע כוחות דעם ווידערשטאַנד קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס... דאָרט, ווו אונדזער פּאַרטיי איז גענוג שטאַרק און קאָן ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַרויסשיקן עטלעכע הונדערט אַנטשלאָסענע אַרבעטער, מוז זי תיכף מיט כוח דערשטיקן יעטוועדן פּרוּוו פון אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען. אין די געביטן, ווו איר איינפלוס איז נישט אַזוי גרויס, דאַרף זי אָפּציען די אומרואיקע מאַסע, וועלכע איז אונטערגעהעצט קעגן די יידן, און זי קערעווען קעגן דער פּאָליציי מיט דער הילף פון דעמאָנסטראַציעס און פון אָנפאַלן אויף די פּאָליציי־געביידעס אד״גל. און דאָרט, ווו אויך דאָס וועט זיך נישט איינגעבן, מוזן אין לעצטן פאַל אונ-

דזערע קאָמיטעטן דרייסט און מסירת־נפשדיק ארויסטרעטן קעגן די צעיושעטע באנדעס און פארטיידיקן די יידן, ווי בכלל די „פרעמדע פעלקערשאפטן“, נישט צוריקציענדיק זיך פאר קיין שום סכנה און פאר קיין שום גאַרישע פארווורפן. אונדזערע קאָמיטעטן מוזן געדענקען, אז ראטעווענדיק די געשלאָגענע, וועלן זיי ראטעווען דעם כבוד פון זייער פארטיי, דעם כבוד פון רוסישן פראָלעטאריאט און די צוקונפט פון דער גאנצער באוועגונג“.

די דאָזיקע געבאָטן מוזן זיך פארוואנדלען אין מעשים — פארן וויל פון ארבעטער־קלאס, פון זיין באפרייונג פון די קייטן פון דער פאשיסטישער דיקטאטור.

„טשערוואָני שטאַנדאַר“ נומער 4—3, וואַרשע, יוני — יולי 1933.

באַשלוס פון צ.ק. וועגן געוויסע אָרגאַניזאציאָנעלע פראַגן, וואָס האָבן א שייכות צו דער ארבעט צווישן די יידישע מאסן

כדי צו פארטיפערן די אינטערנאַציאָנאַלע דערציונג פון די אָרגאַניזאציעס, זייער באַוואָפענונג, פארן דערפאָלגרייכן קאמף קעגן די נאַציאָנאַליסטיש־אַנטיסעמיטישע העצער, כדי צו פארלייכטערן די דורכפירונג פון דער באָלשעוויסטישער ליניע אין דער פראקטישער ארבעט, אין די נאַציאָנאַלע פראָבלעמען, און ענדלעך כדי צו פארלייכטערן די מאסן־ארבעט איז נייטיק צו ליקווידירן אין דער אָרגאַניזאציאָנעלער סטרוקטור און אין די ארבעטס־מעטאָדן די איבערבלייבענישן פון סעפּאַראַטיזם און די פרעמדע דעם באָלשעוויזם, גענומען פון „בונד“, פפס אָרגאַניזאציע־פאָרמען, וואָס זענען פאַראַן אין געוויסע רינגען פון די אָרגאַניזאציעס. אין שייכות דערמיט דערמאָנט דער צ.ק. און שטעלט פעסט, אין הסכם מיט די פילמאָליקע באַשלוסן פון די צוזאמענפאָרן און פלענומס:

1. די יידישע ביוראָס שטעלן מיט זיך פאָר א געהילפס־אָרגאַן פון די אָנפירונגען פון די פאַרטיי־אָרגאַניזאציעס, כדי צו פארלייכטערן דער פארטיי צו אָריענטירן זיך אין די געזעלשאַפטלעכע, פאָליטישע און נאַציאָנאַלע פראָבלעמען און דערשיינונגען צווישן די יידישע מאסן, כדי צו פארלייכטערן דורכצופירן די נאַציאָנאַלע פאָליטיק פון דער פארטיי (אינסטרוקטאַזש) לגבי די יידישע מאַסן אויך אין די אָרגאַניזאציעס, וווּ די דאָזיקע מאַסן קאָנצענטרירן זיך. די יידישע ביוראָס, וואָס ווערן געשאַפן אין פרינציפּ אלס קרייז־ביוראָס (שטאָטישע בלויז אין די גרויסע צענטערס) זענען נישט קיין זעלבשטענדיקע אינסטאַנצן, נאָר אונטערליגן די אַנטשפּרעכנדיקע אלגעמיין־פאַרטייאישע אינסטאַנצן. (קרייז־קאָמיטעט, שטאָט־קאָמיטעט, דערביי זענען פאראַנטוואָרטלעך פאר דער אָנפירונג ספּעציעל־אויסגעטיילטע חברים — מיטגלידער פון די עקזעקוטיוון פון

ק. אָ.* עווענטועל פון מ. ק.** אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט (ס'איז געווונטשן אריינצוציען נישט־יידישע חברים).

2. ס'זענען אומדערלאָזבאַר די פאקטן (ראדאָמסק, פּיאָטרקאָוו, און אנדערע), אז קעמערלעך, אין וועלכע די מיטגלידער זענען בלויז יידן, זאָלן באדינט און אָנגעפירט ווערן דורך דער יידישער ביוראָ, אָנשטאָט דורך דעם געהעריקן ק.ד.***, וואָס איז א רעכט־אָפּאָרטוניסטישע קאָמבונדישע איבערבלייבעניש און מוז ווערן תיכף ליקווידירט. מיט אַלע פּאַרטיי־קעמערלעך דאַרפן אָנפירן אויסשליסלעך די אַנטשפּרעכנדיקע ק.ד. און מ.ק.

3. כדי לייכטער גובר צו זיין דעם סעפּאַראַטיזם און פּאַרטיפערן די אינטערנאַציאָנאַלע דערציונג, כדי צו פאַרלייכטערן די מאַסן־אַרבעט פון קעמערל און זיין ווירקונגס־קרייז, רעקאָמענדירט דער צ. ק. וואָס גיכער צו פאַרוואַנדלען די פאַריינישע קעמערלעך, וואָס זענען פאַרשפּרייט צווישן די וואַרשטאַטן־אַרבעטער און כאַלופּניקעס אין טעריטאָריעלע קעמערלעך (גאַסן־קעמערלעך), באַמיענדיק זיך קודם־כל פאַנאַנדערצובויען די נעסט פון פאַבריק־ און וואַרשטאַטן־קעמערלעך אַלס אונדזער גרונטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם — עווענטועל פאַנאַנדערבויען די צווישן־פאַבריק און צווישן־וואַרשטאַטן קעמערלעך אלס עמבריאָנען פון די פאַבריק־ און די וואַרשטאַטן־קעמערלעך. אין צוזאַמענשטעל פון די פאַבריק־קעמערלעך דאַרפן אַריינגיין חברים, וואָס וווינען אין געגעבענעם אָרט סיי באַשעפטיקטע אין קליינע וואַרשטאַטן, סיי אַרבעטסלאָזע אָן אונטערשייד פון פאַך און נאַציאָנאַליטעט. גלייכצייטיק דאַרף אין יעדן פאַריין עקזיסטירן א קאָמוניסטישע פראַקציע.

4. ס'ווערן אָפּגעשאַפט אַלע אַזויגערופענע יידישע „סוב־אָפּטיילונגען“, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אָרגאַנען פאַראַלעלע צו די קאָמיטעטן פון דער לינקער ריכטונג אין די פאַריינען און וואָס פירן אָן בייגאַנג מיט די דאָזיקע קאָמיטעטן מיט דער פאַריינישער באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן. מיט דער ארבעט אין פאריין קאָאָרדינירט און פירט אָן אונטער דער העגעמאָניע פון דער פּאַרטיי איין אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיטעט, וואָס באַדינט אלע לינקע פאריינען און די אָפּאָזיציע אין די פּיינטלעכע פאריינען. די אַרבעטס־צעטיילונג אינערהאַלב דעם קאָמיטעט מוז האָבן פאר אַן אויסגאַנגס־פונקט די אינדוסטריע־צווייגן און נישט דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון די פאַריינען.

5. אַלע אָפּאָזיצעס זענען פאַרפליכטעט דורכצופירן וואָס גיכער א קער אין דער סטרוקטור און אַרבעטס־סיסטעם פון די רעוואָלוציאָנערע פראָפ־פאַריינען. מען דאַרף איין מאָל פאר אלע מאָל מאַכן א סוף צו דער

* ק. אָ. קאָמיטעט אָקרענגאָווי — קרייז־קאָמיטעט.

** מ. ק. מיעיסקי קאָמיטעט — שטאָטישער קאָמיטעט.

*** ק. ד. קאָמיטעט דזשעלניצאָווי — ראַיאָן־קאָמיטעט. (רעד.)

צעטיילונג אויף „פּוילישע“ און „יידישע“ לינקע פּאַרייען. יעדער לינקער פּראָפ־פּאַריין דאַרף אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער פון געגעבענעם פּראָדוקציע צווייג אומאָפּהענגיק פון דער נאַציאָנאַליטעט (ס׳איז באַזונדערס אַקטועל אין וואַרשע און אין לאָדזש). דאָרט ווי ס׳זענען פאַראַן פּאַראַלעלע „פּויל־ישע“ און „יידישע“ לינקע פּראָפ־פּאַריינען אויף די ברייטע שטחים פון די גרעסערע שטעט, איז נייטיק זיי אינטערנאַציאָנאַליזירן און פאַרוואַנדלען אין אָרטיקע אָפּטיילונגען (נישט קיין נאַציאָנאַלע) פון דעם זעלבן פּאַריין. אין די קליינע צענטערס דאַרף מען אַזעלכע פּראָפ־פּאַריינען פאַראייניקן, שאַפנדיק איין גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפ־פּאַריינישער באַוועגונג. אומעטום, ווו אַזאַ צונויפגיסן זיך פון די פּאַראַלעלע לינקע פּאַריינען איז פאָרלויפיק אוממעגלעך, ווייל דאָס קאָן צום ביישפּיל ברענגען צו שליסן זיי, איז נייטיק וואָס ענגער צו פאַרבינדן צווישן זיך די מאַסן פון ביידע פּאַראַלעלע פּאַריינען דורך געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען, געמיינזאַמע אַקציעס, דורך איינשטעלן אַ געמיינזאַמע אָנפירונג, שטרעבנדיק צו מאַקסימאַלן אינטערנאַציאָנאַליזירן די דאָזיקע פּאַריינען, צו פאַרוואַנדלען זיי אין גרויסע אָפּטיילונגען (און נישט אין קיין נאַציאָנאַלע) פון דאָזיקן פּאַריין.

6. די דאָזיקע אַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע שריט דאַרפן פאָרקומען אויפן באָדן פון אַ ברייטער פּאָליטישער אינערלעך־אָרגאַניזאַציאָנעלער און מאַסנהאַפטער קאַמפּאַניע, וואָס זאָל גיין לויט דער ליניע פון פאַרשטאַרקן דעם קאַמף מיטן נאַציאָנאַליזם, אַנטיסעמיטיזם און סעפּאַראַטיזם, מיט דער שאָוויניסטישער און קריגס־העצע — פאַר אַ מעכטיקן אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַרישן פראָנט.

7. דער צ. ק. פאָדערט פון די קרייז־קאָמיטעטן באַריכטן פון אויספירן דעם דאָזיקן באַשלוס, אָנהייבנדיק פון סעפּטעמבער ד. י.

צענטראַל־קאָמיטעט
פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן

אויגוסט 1934 י.

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!

קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן
(סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל)

באַרוואָס האָט דער „בונד“ איבערגעריסן די אונטערהאַנדלונגען וועגן איינהייטלעכן פראָנט?
די אונטערהאַנדלונגען דאַרפן תיכף ווערן באַנייט!
צו אַלע אָרגאַניזאַציעס פון „בונד“ און פּ.פּ.ס.!
צום צ.ק. פון „בונד“

צום אַרבעטער־קלאַס

די אונטערהאַנדלונגען, וואָס זענען צוויי חדשים צייט געפירט געוואָרן דורך דער לינקער אַרבעטער־ריכטונג מיט די פאָרשטייער פונעם

„בונד“ וועגן אייניהייטלעכן פראָנט, זענען דורכן צ.ק. פונעם „בונד“ איבערגעריסן געוואָרן. אזוי ארום ווילן די פירער פונעם „בונד“ איבערשרייבן דעם צייטווייליקן אָפמאַך, וועלכער האָט באזירט אויף דער פּלאַטפאָרם, וואָס איז געוואָרן ארויסגערוקט דורך דער לינקער ריכטונג אינעם אָפענעם בריוו פון 7-טן אויגוסט. דורך דער גאַנצער צייט האָבן די פירער פונעם „בונד“ זיך ארויסגעדרייט פון דורכפירן צוזאמען מיט די קאָמוניסטן די אקציעס, וואָס זענען געווען פאָרויסגעזען. אונדזערע אלע פאָרשלאַגן, וואָס צילן געמיינזאַם צו אָרגאַניזירן דעם קאַמף, זענען כסדר סאַבאָטירט געוואָרן דורך דער אָנפירונג פונעם „בונד“. אָבער דער וועזנטלעכער ציל פונעם אָפמאַך פון 2-טן אויגוסט איז דאָך געווען דאָס אָרגאַניזירן די קאַמפן, וועלכע זענען פאָרויסגעזען אינעם אָפענעם בריוו פון דער לינקער ריכטונג.

די פירער פונעם „בונד“ האָבן איבערגעריסן די אונטערהאַנדלונגען דאַן, ווען דער אויספיר-קאָמיטעט פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט פאָרגעלייגט דעם ביוראָ פון 2-טן אינטערנאַציאָנאַל תיכף צו שליסן דעם אייניהייטלעכן פראָנט צו הילף די קעמפער פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע.

דאָס איבעררייסן די אונטערהאַנדלונגען איז וואסער אויף דער מיל פון דער פאַשיסטישער רעגירונג, וועלכע האָט פאַרעפנטלעכט אַ דעקרעט, וואָס ליקווידירט די רעשטלעך פון די סאָציאלע פארזיכערונגען. דאָס איז אַ פרווו צו פארהאַמעווען דעם דראַנג פון די פּעפּעסישע און בונדישע מאסן צום געמיינזאמען קאַמף-פראָנט מיט די קאָמוניסטן. דאָס איז אַ באַשטאַנדטייל פונעם סאַבאָטאַזש פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אייניהייט-פראָנט-אַקציע מצד דעם ביוראָ פונעם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל.

דער פּראָיעקט פון אָפמאַך, וואָס איז ארויסגערוקט געוואָרן דורכן צ.ק. פון „בונד“ אין אן אולטימאַטיווער פאָרם, האָט נישט אַנטשפּראָכן די אינטערעסן פונעם פּראָלעטאַריאַט. ער האָט געדעקט די צעברעכער פונעם אייניהייטלעכן פראָנט פון דער אָנפירונג פון פּ.פּ.ס. די דעלעגאציע פון „בונד“ האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג פון דער לינקער ריכטונג וועגן באַקעמפן די, וועלכע ברעכן דעם אייניהייטלעכן פראָנט. דער פּראָיעקט האָט אַנטהאַלטן פאָרמולירונגען, וועלכע זענען אין סתירה מיטן פּראָגראם פון די קאָמוניסטן. די דעלעגאציע פונעם „בונד“ האָט געפּאָדערט פעסטצושטעלן, אַז די פּארטייען פונעם 2-טן אינטערנאַציאָנאַל זענען רעוואָלוציאָנערע קלאַסן-פּאַרטייען פונעם פּראָלעטאַריאַט צוגלייך מיט די פּארטייען פונעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די דעלעגאַציע פון „בונד“ האָט אויך אָפּגעוואָרפן דעם פּרינציפּ פון פּאַרייניקער דעמאָקראַטיע און פון פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן אַלס תנאי פאַר פאַרייניקן די פּראָפּ. פאַריינען.

נישט זעענדיק אָבער קיין שום יסוד פאַר איבעררייסן די אונטער-

האַנדלונגען, לייגן מיר פאָר אויסצואַרבעטן אזא אָפּמאַך, וועלכער זאָל אַנטשפּרעכן די איצטיקע פאָדערונגען פונעם קאַמף פון די אַרבעטער־מאַסן און וועלכער זאָל קאָנען ווערן אָנגענומען אָן דינגען זיך אויפן חשבון פון דער אידעאָלאָגיע. די פראַגע פון די פּראָגראַם־אונטערשיידן דאַרף ווערן באַזייטיקט פון די אונטערהאַנדלונגען.

מאַקע פון די דאָזיקע הנחות איז אַרויסגעגאַנגען אונדזער גייער פּראָיעקט, וואָס באַזירט אויף פאָלגנדיקע יסודות:

1) פאָרמען פון קאַמף: פאַרזאַמלונגען, מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן, די דירעקטע אָנפירונג מיט דער אַקציע געהערט צו פאַריטעט־קאָמיסיעס, וועלכע אָרגאַניזירן דאָס אויסוויילן די איינהייט־פראָנט־קאָמיטעטן דורכן כלל אַרבעטער אין די אונטערנעמונגען און אין די צוזאַמענקונפט־ערטער פון די אַרבעטלאָזע.

2) ביידע צדדים שטעלן אָפּ אַלע אָנפאַלן, באַליידיקונגען און זידלערייען, איינהאַלטנדיק די פרייהייט פון פּראָפּאַגאַנדע, אַגיטאַציע, פון זאַכלעכער קריטיק און ווערבירן מיטגלידער. די, וועלכע ברעכן דעם איינהייטלעכן פראָנט, דאַרף מען באַקעמפן אַלס אַזעלכע, וואָס אַרבעטן אויף דער האַנט פון דער בורזשואַזיע.

3) ביידע צדדים טרעטן צו צו פאַראייניקן די פּאַראַלעלע פראָפ. פאַריינען אויפן יסוד פון קלאַסן־קאַמף און פון פאַריינישער דעמאָקראַטיע, וועלכע באַדייט קודם־כל די פרייהייט אַרויסצוזאָגן מיינונגען און פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן צו אַלע פאַריין־קערפּערשאַפטן.

אונדזער פּראָיעקט קאָן אָננעמען יעדער אַרבעטער, פּעפּעסאָוויעץ, בונדיסט, אומפּאַרטייאישער. אונדזער פּראָיעקט שטעלן מיר נישט אולטימאַטיוו, ווי דאָס האָט געטאָן דער צ.ק. פון „בונד“. מיר וועלן אָננעמען יעטוועדן פאָרשלאַג, וועלכער וועט פאַרלייכטערן דאָס דערגרייכן אַ פאַרשטענדיקונג.

איבערן פאַרדרייען דעם פאַרלויף פון די אונטערהאַנדלונגען, איבערן פאַראַכטלעכן טראַקטירן אַן אַרבעטער־דעלעגאַציע פון אַן אומלעגאַלער באַוועגונג, איבערן דיפּלאָמאַטישן זשאָנגלירן פון דער רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג“, איבער אַלע אָנפאַלן מיט וועמענס הילף די פירער פונעם „בונד“ וואָלטן געוואָלט פאַרדעקן זייער אויסמיידנדיקע באַציונג צום איינהייטלעכן פראָנט — גייען מיר אַריבער צום טאָג־אָרדענונג.

די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס דאַרף מען קאָנצענטרירן אויפן פאַרווירקלעכן מיט אַלע כוחות דעם איינהייטלעכן פראָנט.

אומאָפּהענגיק פונעם פאַרלויף פון די אונטערהאַנדלונגען לייגן מיר פאָר תיכף אָנצוהייבן אַ געמיינזאַמע אַקציע קעגן דעם גייעם צורייבן די סאָציאַלע פאַרזיכערונגען ווי אויך צו דער פאַרטיידיקונג פונעם ח' טעלמאַן און פון די שפּאַנישע רעוואָלוציאָנערן, איבער וועלכע עס הענגט

די תליון=האַק פון דער צעווילדעוועטער קאָנטר=רעוואָלוציע. די באַזע פון דער אקציע קען זיין דער פראָוויזאָרישער אָפּמאַך פונעם 22=טן אויגוסט.

מיר רופן אלע אָרגאַניזאַציעס פון פ.פ.ס. און „בונד“ איינצואָרדענען צוזאַמען מיט אונדז מיטינגען, דעמאָנסטראַציעס און פּראָטעסט=שטרייקן. יעדער טאָג פון אָפּשלעפּן גייט בלויז אויף דער האַנט פון דער בורזשואַזיע.

צענטראַל־קאָמיטעט

פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן

אָקטאָבער, 1934.

„נאָווי פּזשעגלאָנד“ נומ. (74) 6 נאָוועמבער 1934.

וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם *

דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם קאָן ווערן געפירט בלויז ביי דער באַריקזיכטיקונג פון פאָלגנדיקע מאָמענטן:

1). דער דאָזיקער קאַמף מוז ווערן געפירט בשותפות דורך די יידישע, פּוילישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע און דייטשישע אַרבעטנדיקע מאַסן, געשטיצט אויף די פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם און פון דער סאָלידאַריטעט=אַקציע אויף דער באַזע פון איינהייטלעכן פראָנט.

2. דער קאַמף מוז געפירט ווערן געמיינזאַם דורך די אַרבעטער און די ברייטסטע פאָלקס=מאַסן, וועלכע ליידן אין דער גלייכער מאָס פון דעם פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם; די העלדישע אינטערנאַציאָנאַליסטישע און איינהייטספראָנטיקע אַרויסטרעטונגען אין קראָקע, לעמבערג, כזשאַנאָוו, טשענסטאָכאָוו, ווי אויך די מעכטיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטרייקבאַוועגונג אין גאַנצן לאַנד און די אינטערנאַציאָנאַליסטישע דעמאָנסטראַציעס פון די יידישע און פּוילישע אַרבעטער בעת די אַלע קאַמפס=אַרויסטרעטונגען — דאָס זענען טויט=קלעפּ פאַרן אַנטיסעמיטיזם און פאַר די טרעגער פון אַנטיסעמיטיזם אין אַלע לאַגערן. אַ באַווייז דערפון זענען די אימפּאָזירנדיקע אינטערנאַציאָנאַליסטישע, איינהייטספראָנטיקע 1=טע מאַי אַרויסטרעטונגען אין גאַנצן לאַנד, באַזונדערס אין וואַרשע, וווּ נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט האָבן די רעוואָלוציאָנערע יידישע אַרבעטער מאַסנווייז דעמאָנסטרירט אין די געמיינזאַמע רייען צוזאַמען מיט די פּוילישע אַרבעטער און צוזאַמען מיט זיי אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס פון די ענדעקעס. פון דעם דאָזיקן וועג פון אינטערנאַציאָנאַליסטישן קאַמף און פון דער סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער=קלאַס טאָר מען נישט אָפּטרעטן.

צוליב דעם מוז דער קאָנגרעס צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם און

* פראַגמענט פון אַ בריוו פון לאַנד=סעקרעטאַריאַט צום פּאָליט=ביוראָ פון קפּפּ, דעצעמבער 1936 יאָר. (רעד.)

פאַשיזם זיין קודם־כל אן אינטערנאַציאָנאַליסטישער. דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם קאָן זיך נישט באַגרענעצן בלויז צו די פּראָלעטאַרישע און אָרגאַניזירטע מאַסן, נאָר מוז אַרומנעמען די ברייטסטע נישט אָרגאַניזירטע מאַסן פון די אַרבעטער, האַנטווערקער, קליינהענדלער, וועלכע זענען באַרויבט פון זייערע עקזיסטענץ־מיטלען, און בכלל די אָרעמקייט. די פּראַקטישע מעגלעכקייט דערפון האָט באַוויזן די פּראָטעסט־אַקציע פון 17־טן מערץ. דערפאַר דאַרף מען געבן די מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אין דעם קאָנגרעס די אַלע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, וועלכע זענען גרייט צו קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, קעגן דעם ווילקיר, וואָס ווערט אָנגעווענדט לגבי דעם פּראָלעטאַריאַט, פאַר ברויט, שולן און פרייהייט. דער קאָנגרעס מוז קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם און דאַרף ווערן אַ מעכטיקע דעמאָנסטראַציע פון די ברייטסטע פאָלקסמאַסן אונטער דער אָנפירונג פון פּראָלעטאַריאַט.

די אויפגאַבן פון קאָנגרעס דאַרפן זיין פאָלגנדיקע: וועקן און אָרגאַניזירן דעם ווייטערדיקן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן יעטוועדער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, קעגן פאַשיזאַציע און מלחמה. אַרויסטרעטן קעגן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, קעגן דער באַנקראָטירטער חניפה־פּאָליטיק פון דער יידישער בורזשואַזיע און קלער, קעגן דער יידישער פאָרשטייערשאַפט אין איצטיקן סיים, קעגן די שעדלעכע ציוניסטישע אילוזיעס, קעגן עמיגראַציאָניזם; ווייזן אויף דעם ביישפּיל פון ראַטנפאַרבאַנד, ווי אויף דער לעזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע (די סאָציאַלע איבערקערעניש אַלס דאָס איינציקע מיטל פון לעזן די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדערפענישן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, דורך גלייכבאַרעכטיקונג, פּראָדוקטיוויזאַציע און קאָלאָניזאַציע; די מעכטיקע סאָציאַליסטישע בויונג און דער ביישפּיללאָזער וווקס פון מאַטעריעלן און קולטורעלן וווילשטאַנד).

אָרגאַניזירן און פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון די יידישע מאַסן, פאַר זייערע פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע פאָדערונגען, פאַר דער פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פון די פעלקער.

צי אַ קאָנגרעס פון בלויז יידישע אַרבעטער?

אויפן באָדן פון דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעך־פּאָליטישער סיטואַציע האָט דער קריזיס אויסגעאיבט אַ באַזונדערן דרוק אויף די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

נויט און הונגער זענען די טעגלעכע געסט אין די דאָזיקע ענגע, שמוציקע קעלער־ און בוידעם־שטיבלעך, וווּ עס וווינען די יידישע פאָלקסמאַסן. דער יידישער אַרבעטער האָט נישט קיין צוטריט צו די גרויסע פאַבריקן און איז געצוווּנגען צו זוכן אַרבעט אין דער קליינער אויסאַרבעטונגס־אינדוסטריע.

צוליבן קריזיס ווערן מאַסנהאַפֿט ליקווידירט גרעסערע אַרבעטס־וואַרשטאַטן און אויף זייער אָרט ווערט פֿאַרשפּרייט און צעבליט זיך מיט יעדן טאָג די כאַלופּניקעריי, דערמיט אַליין ווערן ערגער די אַרבעטס־ און לוין־באַדינגונגען פֿון די יידישע אַרבעטער. אין די גרעסטע צאָל פֿאַכן איז די אַרבעט אַ סעזאָניקע, און די דאָזיקע סעזאָנען ווערן פֿון יאָר צו יאָר קלענער און דויערן פֿילמאָל נישט לענגער ווי 6—8 וואָכן. די נעכטיקע וואַרשטאַט־אַרבעטער און היינטיקע אַרבעטלאָזע, באַרויבט פֿון דער אויסזיכט אויף וועלכער עס איז אַרבעט אין זייער פֿאַך, נישט קריגנדיק קיין שום שטיצע אַלס אַרבעטסלאָזע, פֿאַרגרעסערן די אַרמיי פֿון גאַסן־הענדלער, וואָס ווערן שטרענג גערודפֿט און פֿאַראורטיילט דורך די היטער פֿון דער זיכערקייט.

די נאַציאָנאַליסטן פֿון אַלע פֿאַרבן אויף דער יידישער גאַס נוצן אויס די קאַטאַסטראָפֿאַלע לאַגע פֿון די יידישע אַרבעטער, איינשמועסנדיק די פּויפּעריזירטע מאַסן, אַז *זייער איינציקע רעטונג און לעזונג פֿון יידישן פּראָבלעם — איז פּאַלעסטינע.* זיי פֿאַרשטייען נישט, אַז נאָר אַ קאָמפּראָמיסלאָזער קלאַסן־קאַמף, געפֿירט דאָ, אויפֿן אָרט, האַנט ביי האַנט מיטן יידישן, פּוילישן און אוקראַיינישן אַרבעטער פֿאַר זייערע ענדגילטיקע צילן וועט אויך לעזן די נאַציאָנאַלע פֿראַגע פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

שוין לאַנג איז געוואָרפֿן געוואָרן דער געדאַנק דורך די אוממייגסטן קלאַסן באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער, און עס איז דורך זיי געפֿירט געוואָרן אַ קאַמפּאַניע פֿאַרן צוזאַמענרופֿן אַן אַלגעמיינעם לאַנד־קאָנגרעס אויף דער פּלאַטפֿאָרם פֿון אַנטי־פֿאַשיסטישן פֿאָלקס־פֿראָנט — פֿאַר דער מאָביליזאַציע פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן פֿון שטאָט און דאָרף קעגן פֿאַשיזם און מלחמה, קעגן אַנטיסעמיטיזם.

ערשט די טראַגישע געשעענישן אין פּשיטיק און די פֿאַרשטאַרקטע פּאָגראָם־העצע פֿון די ענדעקישע שוואַרצמאַהניקעס, ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פֿון סאַנאַציע־פּראָיעקט צו פֿאַרבאָטן די שחיטה האָט צוגעאײַלט די איניציאַטיוו פֿון „בונד“ און לאַנדראַט־לייט פֿאָרצוברייטן דעם לאַנד־קאָנגרעס.

דער פֿאָרשלאַג פֿון די לינקע אַרבעטער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דעם „בונד“ נאָך די טראַגישע געשעענישן אין פּשיטיק, צו אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמע אַקציע קעגן פֿאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם — *איז געבליבן אָן ענטפֿער.*

דערפֿאַר האָט זיך נאָך עטלעכע טעג באַוויזן די „איניציאַטיוו פֿון בונד“ צו אָרגאַניזירן אַ יידיש פּראָטעסט־שטרייק אויפֿן 17 מערץ ד. י. אַלע פּרווון, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן דורך די לינקע אַרבעטער אין לאַנד־האַט נאָך אַ מאָל זיך צו ווענדן צו דער צענטראַל־קאָמיסיע און פּ.פּ.ס. צו אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמען קאַמף פֿון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער — זענען געבליבן אָן דערפֿאָלג.

דער אימפּאָזירנדיקער פאַרלויף פון פּראָטעסט־שטרייק פון 17־טן מערץ, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען נישט בלויז די יידישע אַרבעטער, נאָר אויך דאָס גאַנצע יידישע קליינבירגערטום, באַווייזט די שטימונגען, וואָס נורטעווען צווישן די מאַסן, פאַר דער נויטווענדיקייט פון אַן איינהייטלעכן פראָנט פון די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן דעם אַנטיפאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט אין פּוילן.

טראָץ דער קורצער צייט — אַדאַנק די לינקע יידישע און פּוילישע אַרבעטער — איז געלונגען אַריינצוציען טיילווייז די פּוילישע אַרבעטער אין דעם אַקטיוון סאָלידאַרן פּראָטעסט־קאַמף אין טאָג פון 17־טן מערץ.

די אויפגאַבע פון הייַנטיקן טאָג איז צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם אַנטיפאַשיסטישן קאָנגרעס פון די פּוילישע, יידישע, אוקראַיִנישע, ווייס־רוסישע און דייטשישע אַרבעטער און פּויערים, פון די אויפריכטיק אַנטיפאַשיסטישע עלעמענטן פון שטאָט און דאָרף. דאָס אָפּוואַרפן דורך דער צענטראַל־קאָמיסיע דעם פאָרשלאָג צו אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמען קאַמף פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער קעגן אַנטיסעמיטיזם, די דערקלערונג, אַז „דער פּוילישער אַרבעטער וועט נישט פאַרשטיין די נויטווענדיקייט פון אַזאַ קאַמף“ (קוואַפּינסקיס ווערטער) — שטייט אין קעגנזאַץ צו דער רייכער טראַדיציע פון קלאַסן־קאַמף פון די פּוילישע אַרבעטער פאַרן קריג און אין די יאָרן נאָכן קריג.

די איינגעהאַלטנקייט פון די רעפאָרמיסטישע פירער פון פּ.פּ.ס. און דער צענטראַל־קאָמיסיע האָט געפונען איר אויסדרוק נישט בלויז ביים אָרגאַניזירן דעם שטרייק פון 17־טן מערץ, נאָר אפילו נאָך די געשעענישן אין קראָקע און טשענסטאָכאָוו און האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסן פּראָטעסט און אומצופרידנקייט פון דער מערהייט אַרבעטער, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין די פּראָפ. קלאַסן־פאַראייַנען אָן אונטערשייד פון פּאָליטישער איבערצייגונג. כדי צו שאַפן אין פּוילן אַ פּאַקטישע באַריערע קעגן פאַשיזם, דאַרף מען האַנדלען אויף שפּאַניש און פראַנצויזיש און נישט פאַרגיסן קיין קראָקאָדיל־טרערן איבער דער נויט און גורל פון די אַרבעטער און פּויערים.

צום קאָנגרעס מוזן דערלאָזן ווערן די אַלע, וואָס ווילן קעמפן קעגן פאַשיזם, פאַר ברייטע רעכט און דעמאָקראַטישע פרייהייטן.

נישט ריכטיק וואָלט געווען פאַרשטעלן דעם צוטריט צום קאָנגרעס פאַר די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס דורך אַרויסרוקן אַזעלכע לאָזונגען, וואָס קענען אין איצטיקן מאָמענט אין פּוילן זיין אַ שטערונג צום שאַפן דעם אַנטי־פאַשיסטישן פאָלקס־פראָנט.

אונטערן דרוק פון די מאַסן באַוווסטזיניקע אַרבעטער איז געמאַכט געוואָרן אַ גרויסער דורכברוך, (נישט קיין גענוגנדער), וואָס צום קאָנגרעס וועלן דערלאָזן ווערן די אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן אָנערקענען די אויסגעאַרבעטע פּלאַטפאָרם און די

פּ ו י ל י ש ע א ר ב ע ט ע ר, אויב זיי וועלן מעלדן זייער אָנטייל. די באַוווסטזיניקע ארבעטער האָבן געקעמפט אין לאַנד־ראַט דערפאַר, אז מען זאָל זיך ווענדן צו דער צענטראַל־קאָמיסיע און פּ.פּ.ס. צוזאמענצורופן אן אלגעמיינעם אַנטי־פאשיסטישן קאָנגרעס און נישט נאָר א קאָנגרעס פון יידישע ארבעטער — אָבער אָן דערפאָלג.

די אויפגאַבע פון די פראָפ. קלאַסן־פאַריינען און נישט־פאשיסטישע אָרגאַניזאַציע איז מאַסנהאַפט אַנטיילצונעמען אין קאָנגרעס. ווי דאָס האָבן שוין געטאָן מאַנכע פראָפ. פאַריינען פון פּוילישע ארבעטער אין וואַרשע.

אזוי ארום וועלן מיר צווינגען די צענטראַל־קאָמיסיע און די לאָקאַלע פראָפ. ראַטן צוצוטרעטן צום אַנטי־פאַשיסטישן לאַנד־קאָנגרעס, וואָס וועט פאָרקומען אין סוף יוני 1936.

אין אייערע הענט חברים פון פאַבריקן, קוילן־גרובן, הוטעס און וואַרשטאַטן ליגט די קראַפט, וואָס וועט זיין בכח צו פאַרוואַנדלען דעם קאָנגרעס אין אן אמתן, אַנטי־פאשיסטישן, אינטערנאַציאָנאַלן מאַסן־קאָנגרעס אין קאַמף מיטן פאַשיזם.

צוליב דעם ציל איז נייטיק צוטרעטן צו א מאַסן־אַקציע פאַרן קאָנגרעס, תיכף צוזאַמענצורופן באַראַטונגען, פאַרזאַמלונגען אין די פאַריינען, אין די פאַבריקן, אָננעמען באַשלוסן וועגן צוטרעטן צום קאָנגרעס און איבערשיקן דעם אַקצעס צום לאַנד־ראַט פון די יידישע פראָפ. פאַריינען אין וואַרשע, לעשנאָ 3, וו. 5.

ל. קאָפּיטקאָ

„וויאַדאָמאָשצי ראָבאָטניטשע" קאַטאָוויץ, 1־טער מאַי 1936 י.

וועגן יידישן קאָנגרעס

אין פעברואַר ד. י. דאַרף פאָרקומען א „קאָנגרעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן". אין דער פאַרעפנטלעכטער דורך די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם קאָנגרעס פּלאַטפאָרם זאָגט זיך:

„דעם יידישן קאָנגרעס אין פּוילן אָרגאַניזירט דאָס פּוילישע יידנטום צום קאַמף פאַר זיינע מענטשלעכע, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אלע זיינע פאָרמען, צום קאַמף פאַר דעמאָקראַטיזאַציע, פאַר ווירטשאַפטלעכער זעלבסטהילף און ווידעראויפבוי. דער קאָנגרעס וועט אויסוויילן א דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנץ פון פּוילישן יידנטום".

פונעם שטאַנדפּונקט פון אַנטיפאַשיסטישן קאַמף און פון די אַקטועלע אויפגאַבן פון אַרבעטער־קלאַס אין איצטיקן מאָמענט — איז אַזאַ קאָנגרעס אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. אויב דער קאָנגרעס קאָן מיטווירקן צום מאָביליזירן די ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג צום אַנטיפאַשיסטישן קאַמף, צום קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע, צום קאַמף קעגן דער נאַציאָ־

נאַלער אונטערדריקונג, פאַר פולע רעכט פון דער יידישער באַפעלקערונג; אויב אַזאַ קאָנגרעס קאָן מאַניפעסטירן דעם ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג און זיך אַרויסזאָגן קעגן דעם רעזשים פון אונטערדריקונג און אויסראָטונג — איז דער אַרבעטער-קלאַס פאַראינטערעסירט, אַז אַזאַ קאָנגרעס זאָל פאָרקומען. דאָ שפילט נישט קיין ראָל, ווער עס אָרגאַניזירט דעם קאָנגרעס — ווי עס שטעלן די פראַגע די פירער פון „בונד" — נאָר וואָס פאַר אַ באַדייטונג קאָן דער קאָנגרעס האָבן. די קלאַסן-סטראַטעגיע פון פראָלעטאַריאַט פאַרלאַנגט נישט נאָר אונטערצושטיצן יעדן קאַמף קעגן פאַשיזם, פאַר דעמאָקראַטיע, פאַר שלום, קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, נאָר אויך — צו אָרגאַניזירן דעם דאָזיקן קאַמף. דער דערפאָלג פון דעם קאַמף פאַרלאַנגט, אַז די אַרבעטנדיקע מאַסן זאָלן אָנטיילנעמען נישט בלויז אין די אַנטיפאַשיסטישע ארויסטרעטונגען, וועלכע ווערן אָרגאַניזירט דורכן פראָלעטאַריאַט, נאָר אויך אין אַלע אַנטיפאַשיסטישע אַקציעס, אומאָפהענגיק דערפון ווער עס אָרגאַניזירט זיי.

דעריבער טאַקע האָבן די יידישע אַרבעטער לכתחילה אונטערגעשטיצט די אידעע פון קאָנגרעס און געהאַט בדעה אין אים אָנטיילצונעמען.

עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אַז די ארגאַניזאַטאָרן פון דעם קאָנגרעס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון זייער לכתחילהדיקן באַשטימטן פראָגראַם. עס איז גלייך פון אָנהייב נישט געווען קיין ספק, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם קאָנגרעס האָבן דערביי אויך זייערע פאַרטייאיש-פאָליטישע צילן. דער באַדינג פון אַלע יידישע דעמאָקראַטישע כוחות איז אָבער געווען, אַז דער קאָנגרעס וועט זיך נישט פאַרנעמען מיט קיין פראַגן, וועלכע צעטיילן די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, אַז ער וועט זיך נישט פאַרנעמען מיט נאַציאָנאַליסטישע דעמאָנסטראַציעס, און אַז אוודאי וועט נישט דערלאָזט ווערן צו שטעלן אויף אים די פראַגע פון עמיגראַציע, וואָס וואָלט בלויז געווען אויף דער האַנט פון אַנטיסעמיטיזם, ווי אויך אַז דער קאָנגרעס וועט זיך אויסשליסלעך פאַרנעמען מיטן קאַמף פון פוילישן יידנטום דאָ אויפן אָרט.

דער אָפזאָג מצד אַ טייל פאַרטייען, באַזונדערס פון „בונד" אָנטייל צונעמען אין דעם קאָנגרעס, ביי אַ נישט ערלעכן קאַמף קעגן דער אידעע גופא פון קאָנגרעס — האָט פאַרשטאַרקט די פאָזיציעס פון די אַנטידעמאָקראַטישע עלעמענטן צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם קאָנגרעס. סוף-כל-סוף, נאָך בהדרגהדיקע ענדערונגען אין זיין פראָגראַם און פלאַטפאָרם איז דער אייגנטלעכער כאַראַקטער פון דעם קאָנגרעס געוואָרן פולשטענדיק געענדערט. די אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָנגרעס האָבן באַשלאָסן ארויפצושטעלן אויף זיין טאָג-אָרדענונג נישט בלויז די פראַגע פון פאַלעסטינע, נאָר אויך די פראַגע פון עמיגראַציע פון יידן. זיי האָבן געשלאָסן אַן אָפמאַך מיט דער יידישער „קאָלאָ" אין סיים, אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן צו באַהאַנדלען דורך דעם קאָנגרעס דעם פאָרשלאָג וועגן צוריקציען די

יידישע דעפּוטאַטן פון סיים, וואָס האָט געזאָלט זיין איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון דעם קאָנגרעס. די אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָנגרעס האָבן זיך פאַרגאַלאָפּירט אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געוואָלט פאַרווערן די אַנטי־ציוניסטן אַנטקעגנצושטעלן דער ציוניסטישער רעזאָלוציע זייערס אַן אייגענע רעזאָלוציע און האָבן אָנגעזאָגט, אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן צום קאָנגרעס קיין „נישט־נאַציאָנאַלע", דאָס הייסט קיין אַנטינאַציאָנאַליסטישע ליסטעס. זיי האָבן צוגעצויגן צום קאָנגרעס אַלערליי רעאַקציאָנערע גרופּן, ווי די רעוויזיאָניסטן, אָפּשטויסנדיק גלייכצייטיק די דעמאָקראַטישע און אַרבעטער־גרופּירונגען.

אין אַט די באַדינגונגען איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער קאָנגרעס וועט נישט זיין בכוח צו דערפילן זיינע אויבן פאָרמולירטע אויפגאַבן. די אָרגאַניזאַטאָרן פון קאָנגרעס האָבן געמאַכט אַ שטריך איבער זיין דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, האָבן געענדערט זיין פּראָגראַם און פּלאַטפאָרם, וועלכע האָבן געגעבן אַ גרונט פאַרן אָנטייל אין קאָנגרעס פון אַרבעטער און דעמאָקראַטן. דער קאָנגרעס האָט אויפגעהערט צו זיין אַ קאָנגרעס פון דער יידישער באַפעלקערונג און ווערט אַ ציוניסטישער קאָנגרעס, אַ קאָנגרעס פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען (איינשליסלעך די לינקע פּועלי־ציון).

די יידישע אַרבעטער וועלן אַלזאָ נישט גיין אויף אַזאַ קאָנגרעס. זיי וועלן אָבער נישט אויפהערן דעם קאַמף פאַר אַן אמתן קאָנגרעס פון דער יידישער באַפעלקערונג, פאַר אַ קאָנגרעס אויף אַ דעמאָקראַטישער פּלאַטפאָרם. זיי וועלן דעמאַסקירן די אָרגאַניזאַטאָרן פון איצטיקן קאָנגרעס, צו וועלכע עס געהערן אויך דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דעם טיפ קליינבוים, ווי אויך די רעכטע פּ. צ. — פאַר זייער פאַראַט פון דער דעמאָקראַטישער פּלאַטפאָרם, פאַר זייער אונטעראָרדענען די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן די פּאַרטיי־אינטערעסן פון ציוניזם, פאַר זייער מיטאַרבעט מיט דער יידישער רעאַקציע און אָפּשטויסן די דעמאָקראַטיע, פאַר זייער אָנטייל אין אָרגאַניזירן אַן אַנטידעמאָקראַטישן, ציוניסטישן קאָנגרעס אונטערן דעקמאַנטל פון אַ קאָנגרעס פון דער יידישער באַפעלקערונג.

„טשערוואָני שטאַנדאַר" נומ. 4. 15 יאַנואַר 1938 י.

בריוו פון אינטעלעקטואליסטן
און געזעלשאפטלעכע טוער
פון פוילן און אויסלאנד

אונדזער דעלעגאַציע קיין פוילן און וואָס זי דערציילט

אַן אינטערנאַציאָנאַלע דעלעגאַציע פון פראַנקרייך, קאַנאַדע און די פאַראייניקטע שטאַטן איז געווען אין פוילן פון דעם 19־טן ביזן 29־טן יוני 1935 צו אונטערזוכן די באַדינגונגען אין די פוילישע טורמעס.

די דעלעגאַטן זענען געוואָרן אויסגעוויילט אויף פאַרשידענע קאָנגרעסן און אויך פון פּאַטראָנאַטן.

דער באַשטאַנד פון דער דעלעגאַציע איז געווען פאָלגנדיקער:

1. **לאַהי האַללעבעק מאַריאַ** — פּראָפעסאָר פון סאָרבאָנער אוני־ווערסיטעט אין פּאַריז.
2. **קינג קעראָל** — אַדוואָקאַטין פון ניו־יאָרק.
3. **יאַבלאָנסקי** — אַ פוילישער אַרבעטער פון פראַנקרייך.
4. **איוואַשצישין סטעפאַן** — אַן אַרבעטער פון קאַנאַדע.
5. **זיממערמאַן א.** — אַ דרוקער פון פּאַריז.
6. **אסקאַס זשין** — ליטעראַט פון פּאַריז.

אויף צו דעקן די קאָסטן פון דער דעלעגאַציע און אויף איבערלאָזן כאָטש עטוואָס געלט־שטיצע פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן די אַר־בעטער פון פראַנקרייך געגעבן צען טויזנט פראַנק און די אַרבעטער פון קאַנאַדע און פון די פאַראייניקטע שטאַטן פופצן טויזנט פראַנק.

די דעלעגאַציע האָט פאַרבראַכט אין פוילן 13 טעג, און נאָך איר צוריקקער האָט זי אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקן קאָמוניקאַט:

„מיר האָבן געהערט דעם פאַרלאַנג פון די אַרבעטער אין פוילן, און מיר האָבן בייגעווינט די גענעראַל־שטרייקן אין וואַרשע, לאָדזש און לעמבערג.

„איבער הונדערט דעלעגאַציעס פון פאַמיליעס פון פּאָליטישע אַרעס־טירטע, פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, פאַבריקן און פּראָפעסיאָנעלע פאַ־ריינען (יוניאָנס) האָבן אונדז באַזוכט און געשילדערט פאַר אונדז די לאַגע אין פוילן און אין די טורמעס.

„מיר זענען אויך געווען אויף אַ זיצונג פון דער ליגע פאַר דער פאַר־טיידיקונג פון מענטשלעכע רעכט און אויף אַ פאַרזאַמלונג פון פוילישע אינטעלעקטואַלן.

„מיר האָבן זיך אויך דורכגערעדט וועגן דער לאַגע אין פוילן מיט פאַרשטייער פון פאַרשידענע פּאַרטייען: מיט נ י ע ד ז י אַ ל ק אָ ווּ־ ט ק י ן פון דער פּפּס, אַ ל ט ע ר ן פון דעם „בונד" און מיט פאַר־שטייער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

„מיר האָבן אויך געהאַט עטלעכע שמועסן מיט פאָרשטייער פון דער פרעסע. אָבער פאַר דרוקן אונדזערע קאָמוניקאַטן זענען די צייטונגען קאָנפיסקירט געוואָרן.

„מיר האָבן אָנטיילגענומען אין דעם קאָנגרעס פון דעם לעדער־אַרבעטער־פאַריין, אויף אַ גאַסן־פאַרזאַמלונג פון 5 טויזנט אַרבעטער און גערעדט אויף אַ גרויסן ענטוזיאַסטישן מיטינג אין לעמבערג.

„איבעראַל האָבן אונדז די אַרבעטער האַרציק באַגריסט און האָבן אַרויסגעוויזן זייער קעגנערשאַפט צום פאַשיזם.

„מיר האָבן דערהאַלטן באַגריסונגען פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע פון די טורמעס אין ווראָנקי, ראַוויטש, וואַרשע, פּיעטרקאָוו, פּלאָצק און שעראַדז.

„נישט געקוקט אויף דעם שרעקלעכן טעראָר, וואָס הערשט אין פוילן, האָבן גרויסע מאַסן פון דער באַפעלקערונג אויסגעדריקט זייער פולסטן צוטרוי צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, וואָס די דעלעגאַציע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

„און מיר וועלן טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, צו אינפאָרמירן דער וועלט וועגן דעם שרעקלעכן טעראָר, וואָס הערשט דאָרט.

„מיר רופן אַלע אַנטיפאַשיסטן צו העלפן אונדז אין אונדזער אַרבעט, צו שטיצן אין פוילן די, וואָס קעמפן פאַר ברויט, אַרבעט און קעגן פאַשיזם און מלחמה.

„זאָל אונדזער דעלעגאַציע ווערן דער סטימול פאַר אַרבעטער־אַקציע:

„פאַר מענטשלעכע באַדינגונגען אין די פּוילישע טורמעס!

„פאַר אַ ברייטער אַמנעסטיע פאַר די פּאָליט־אַרעסטאַנטן!

„קעגן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן!

„פאַר קעמפן קעגן מאָרדן און פּייניקונגען דורך דער פאַשיסטישער דעפענסיווע!"

די באַדייטונג פון דער דעלעגאַציע איז פון אַ גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט: ערשטנס האָט זי אַרויסגעוויזן די סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער אין אַנדערע לענדער מיט די בראַווע קעמפער קעגן פּוילישן פאַשיזם, און צווייטנס וועט זי ווערן דער שטורם־פויגל, וואָס וועט פאַנאַנדערטראָגן דעם אמת וועגן דעם טעראָר אין פוילן.

... דער „מאָפּר" זאָגט אין זיין אויפרוף: „אין דעם נאָמען פון די טויזנטער פּאָליטישע אַרעסטירטע באַגריסן מיר די דעלעגאַציע. דער אויסדרוק פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט האָט געגעבן מוט אונדזערע ברידער און שוועסטער אונטער די קראַטעס און האָט געבראַכט אַ שטאַרקן סטימול פאַר די ברייטע מאַסן, וואָס קעמפן קעגן דעם בלוטיקן פאַשיסטישן טעראָר, וואָס בושעוועט אין פוילן".

„צוהילף" — אָרגאַן פון צענטראַלן קאָמיטעט פון די פּאַטראָנאַטן פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פוילן נומ. 3, נאָוועמבער 1935, ניו־יאָרק.

אויפרוף צו דער פוילישער עמיגראַציע אין אויסלאַנד

(ארויסגעגעבן פון דעם קאָמיטעט פון אינטעלעקטואַלן אין פוילן, וועגן העלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע. דער קאָמיטעט איז אָנגעפירט פון דעם באַוווסטן שרייבער און ליטעראַט אַנדזשעי סטרונג, מיטגליד פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און געוועזענער סענאַטאָר פון דער זעלבער פּאַרטיי).

טייערע פריינד:

די סיטואַציע פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין פוילן ווערט מיט יעדן טאָג ערגער. דער קאַמף קעגן דעם פאַשיזם פאַראורזאַכט הונדערטער קרבנות. צענדליקער טויזנטער מענטשן זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן הינטער די טורמע־קראַטעס פאַר זייערע איבערצייגונגען, פאַר זייער קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון אַרבעטער־קלאַס.

די באַדינגונגען, אין וועלכע די אַרעסטירטע לעבן, זענען פשוט שרעקלעך. די אַמנעסטיע, וואָס איז לעצטנס אַרויסגעגעבן געוואָרן, וועט נישט לעזן זייערע פּראָבלעמען, ווייל זי נעמט נישט אַריין די אַרעסטאַנטן, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגע טערמינען און גראָדע די אַרעסטאַנטן לעבן אין די ערגסטע באַדינגונגען.

סוכאָטעס און אַנדערע קראַנקהייטן רואינירן זייער געזונט און דער טורמע־רעגולאַמין פאַרשנעלערט זייער סוף.

זייערע פאַמיליעס קאָנען זיי נישט העלפן צוליב דער גרויסער נויט, אין וועלכער עס לעבט דער אַרבעטער־קלאַס. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס קאָנען אויך נישט צופיל טאָן פאַר די אַרעסטאַנטן, ווייל זיי אַליין מוזן שטענדיק קעמפן קעגן די מאַטעריעלע שוועריקייטן, וואָס וואַקסן מיט יעדן טאָג.

דעריבער קומען אום הונדערטער אַרעסטאַנטן צוליב מאַנגל פון הילף. עס קומען אום די בעסטע זין פון אַרבעטער־קלאַס, זיינע בראַווסטע סאָלדאַטן.

פריינד: אין נאָמען פון פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט, אין נאָמען פון די געמיינזאַמע צילן, וואָס באַלויכטן אונדזער לעבן, אין נאָמען פון מענטשלעכער ווירדע, וואָס איז געוואָרן צעטראָטן פון דעם פאַשיסטישן שטיוול, אַפּעלירן מיר צו אייך נאָך הילף פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

מיר אפעלירן צו אייך און גלויבן, אז איר וועט נישט אפזאגן אייער הילף פאר די פאליטישע ארעסטירטע, וועלכע ליידן אין די שרעקלעכסטע באדינגונגען, פאר די מענטשן, וועלכע זענען געגאנגען צום קאמף פאר דער באפרייונג פון ארבעטער־קלאס.

מיר ווייסן און פארשטייען, אז אייך איז אויך נישט גרינג, אבער מיר גלויבן, אז אונדזער רוף וועט ווערן געהערט און ווי ווייט מעגלעך וועט איר זיך איילן מיט הילף פאר דעם קעמפנדיקן ארבעטער־קלאס פון פוילן

מיט גרוס
אנדזשעי סטרוג
טעאדאר דוראטש
וואנדא וואשילעווסקא

„צו הילף" נומער 5, ניו־יארק, יולי־אויגוסט 1936.

וואנדא וואשילעווסקא

מ ע ר ד ע ר!

„...אט איז אייער לויב, די פרוכט פון געשריי פון נידערטרעכטיקע העלדזער, מיט וועלכע איר ווילט פארטיליקן דאס, וואס רוקט זיך אן מיט דעם געוויש פון שטורעם.

אט זענען די פרוכטן פון אייער זייען — מתים אויף די גאסן פון לאדזש, דער אפקלאנג פון די שאסן געווענדט קעגן שוצלאזע, דער אפקלאנג, וואס וועט לאנג נישט אנהאלטן.

אט זענען די באזיגטע קעגנער: די יידישע ארעמקייט, פרנסה־געבער פון פאמיליעס, די נויט פון די געסלעך: גיסט זיך דאס בלוט, צעדרייט דעם קערפער אן אומבאוווסטזיניקער שמערץ. גוט זענען געצילט די שאסן: דריי שאסן אין בויך פון א מענטשן, וואס זיין איינציקע שולד איז, וואס ער הייסט נישט סטאניסלאוו אדער וולאדיסלאוו, נאר — אויף יידיש — סרול..."

„...דארט אין צוויי קליינע שטיבעלעך ווארטן זיבן קינדערלעך; זיי האבן שוין נישט אויף וואס צו ווארטן, ווייל זייער פאטער האט געהאט דאס אומגליק צו הייסן יאסל...

די אנדערע צוויי, צו קליין צו פארשטיין דאס ווארט „ווארטן", וועלן מער שוין נישט הערן דאס עפענען פון דער טיר פון זייער בוידעמדיקער וווינונג, ווייל זייער פאטער האט געהייסן סרול...

די אנדערע ווידער, ניינצעניאריקע, וועמען עס איז געלונגען צו פארמיידן דעם טויט, און ליגן איצט פארשמאכט אין דעם שפיטאל, וועלן אויך וויסן, ווי מען באצאלט פאר דער שולד פון א נאמען..."

„...יעדן טאָג לערנט איר ווי מען דאַרף מאָרדן. טאָג־איין און טאָג־אויס לערנט איר, ווי מען דאַרף פּאַראורטיילן מענטשן, וועמענס נאָמען קלינגט אַנדערש, ווי אייערע: טאָג איין און טאָג־אויס צעוויקלט איר די נידעריק־סטע אינסטינקטן: אין די באַהעלטעניש, אין די בלאָטעס פון לעבן, זוכט איר אויס די שלאָפנדיקע מענטשלעכע בעסטיע, צייגט איר מיט דעם פינגער אויף דעם לייכטן געפאַנג, אויף דעם קוואַל פון בלוט, וואָס מען קאָן לייכט אַנצאַפּן.

אויף אַלעס האָט איר איין ענטפער — שולדיק איז דער ייד.
אויף אַלעס האָט איר איין עצה — שלאָגט דעם יידן...״

...הענדלערס מיט אידעען, גנבים פון ערע, אויסוורפן און פאַרברעכער, זאַמלט אייערע פּרוכטן... איר קענט זיך נישט אַרויסדרייען, איר קענט נישט לייקענען, אַז דער, וועמען מען משפט פאַר דעם טויט פון צוויי מענטשן און די ווונדן פון צוויי אַנדערע, איז געווען בלויז בלינד, פינצטער און אַ פאַרנאַרט געצייג. איר האָט אים אַריינגעשטופּט דאָס געווער אין האַנט, איר האָט אים אָנגעצייגט דעם ציל פאַר זיינע קוילן. איר האָט אים אַריינגענומען אין אייערע רייען און איינגעשריבן זיין נאָמען צווישן די מיטגלידער פון אייער ריכטונג — און אויך אין די רייען פון מערדער.

טויטע אין פּשיטיק, ברענענדיקע הייזער אין מינסק — אָט דאָס זענען אייערע טיטולן צום לויב אייערן, מערדער פון פרויען, מערדער פון קינדער, פאַרגיפטער פון פוילן.

אָבער זי, פוילן, לעבט קעגן אייער ווילן, און זי איז נישט קיין מערדער־לעכער שאָס פון פאַרבאָרגענעם ווינקל און אויך נישט קיין שטיקל אייזן, וואָס האָט צעשפּאָלטן דעם קאָפּ פון מינקאָווסקאַ, און אויך נישט די שאַנדע, וואָס איר ווילט פון איר מאַכן.

זי, פוילן, שטראָמט מיט א ברייטער כוואַליע דורך די גאַסן פון די שטעט אין טאָג פון דעמאָנסטראַציעס, וועלכע איר ווילט צעשטערן. זי וואַקסט מיט דער פויערישער קראַפט, וועלכע איר ווילט אָפּשטעלן מיט דעם מיראַזש פון געוועלבל — איר, פאַרקויפטע נשמות.

זי פליסט, לעבט, האַלט אויס, כאָטש איר וועט זיך וועלן צעהוליען נאָך מער, און דאָס, וואָס איז אין איר לעבעדיק, אמתדיק און ווערט ליב צו האָבן, וועט אייך נישט געלינגען צו פאַרסמען און באַשפּייען.

און ווען עס וועט קומען דער גרויסער טאָג, וועט זי אייך אָפּשאָקלען פון זיך ווי ווערים, און דעמלט, ווייסט איר גוט, וועט אייער פּלאַץ זיין אין געריכט, וואָס וועט משפטן מערדער.

און דאָס נעמט אייך דורך מיט אַזאַ שרעק, דאָס מאַכט אייך פאַראומרייניקן און פאַרגיפטן אַלץ, דאָס מאַכט אייך אַריינלייגן אין די הענט פון די פאַרנאַרטע יינגלעך אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן. מיט דעם

גערויש פון אויסגעהאַקטע שויבן ווילט איר פאַרטויבן די שרעק, וואָס פאַרפאָלגט אייך: מיט דעם קנאַל פון די שאָסן ווילט איר איינשטילן אייער פחד. אָבער יעדער טאָג, יעדע וואָך דערנענטערט דעם טאָג „ווען דער פוילישער פויער און דער פוילישער אַרבעטער וועט אַרויסגעבן אויף אייך דעם אורטייל פון פאַרניכטונג...“

„צו הילף“ נומ. 7, ניו־יאָרק, מערץ 1937.

„נישטאָ קיין געמיינהייטן, וואָס זאָלן אונדז וואונדערן“

אָפענער בריוו פון העך באַקאַנטער פוילישער דיכטערין און פרייהייט־קעמפערין האַלינאַ גורסקאַ

זייער געערטע פרוי!

איך האָב זיך געוואונדערט צו אַלע פרויען — מאַמעס מיט דער פראַגע, וואָס זיי טראַכטן וועגן דער האַנדלונג פון דער יוגנט, וועלכע האָט מיט איר ברוטאַלן אַריינרייסן זיך אויפן הויף פון פראָפעסאָרן־הויז איבערגע־שראָקן אייער שוואַכער קראַנק קינד.

זייער געערטע פרוי!

איך גלויב, אַז ברוטאַליטעט און חוצפה ביי אַ געוויסן טייל פון דער אַקאַדעמישער יוגנט קענען שוין ליידער קיינעם נישט איבעררעאַשן. עס איז שווער פון זיי צו פאָדערן אַזאַ איידלקייט, ווי ריקזיכט אויף דער רו פון אַ קראַנק קינד. פון דער דאָזיקער יוגנט, וועלכע באַפאַלט זייערע שוצלאָזע חברים, וועלכע פאַרניכטעט ביכער, מסרט אַקאַדעמיקער פון אַנדערע איי־בערציַיגונגען, האָט נישט קיין רעספּעקט נישט פאַר די פאַרדינסטן און נישט אַפילו פאַר דעם פאַרגאָסענעם בלוט (די שענדונג פונעם אָרון פון יידישן אָפיציר) — די דאָזיקע יוגנט האָט זיך אין ווילדקייט אַזוי געדרוקט פאָרויס, אַז עס וואָלט אונדז נישט געחידושט, ווען זי שוינט נישט די רו פון אַן אָפּעראַציע־זאַל (ווי דאָס האָט, איבעריקנס, שוין פּאַסירט אין וואַרשע).

עס זענען שוין אפשר בכלל נישטאָ קיין געמיינהייטן, וואָס זאָלן אונדז וואונדערן.

איך פיל מיט מיט אייך אַלס מוטער, איך פאַרשטיי אייער פאַרצוויי־פלונג און אויפרעגונג.

אָבער נעמט נישט פאַר אומגוט, וואָס איך קען נישט פאַרענדיקן מיט אַ מיטגעפיל צו אייך אין די גרענעצן פונעם הויף פון פּראָפעסאָרן־הויז אויף סופינסקי־גאַס.

איך פיל מיט נישט נאָר אייך.

איך פיל מיט דעם צער אויך פון די אַלע יידישע מאַמעס, וועלכע גע־

זעגענען זיך מיט זייערע קינדער, וואָס גייען אינעם אוניווערסיטעט, און ווייסן קיינמאָל נישט, צי די קינדער וועלן צוריקקומען גאַנץ און געזונט, סיי קערפּערלעך, סיי גייסטיק.

אָבער נאָך מער אפשר פיל איך מיט די פּוילישע מאַמעס, וועמענס זין עס ווערן אומאויפהערלעך אויסגענוצט אין פּארטייאישן קאמף, ווערן סיסטעמאטיש פארנארט און פארגיפטעט מיט סם פון האַס, ווילדעווען, ווערן קארליקעס און גייען אַראָפּ פון גלייכן וועג, פון וועלכן דער צוריקקער ווערט וואָס אמאָל שווערער.

האַלינאַ גורסקאַ

פון דער רעדאקציע: דער רעקטאָר פון לעמבערגער אוניווערסיטעט קולטשינסקי, האָט אָפיציעל פּראָטעסטירט קעגן איינפירן די געטאָ־בענק. דערפאר האָבן די פאשיסטן נקמה גענומען און געמאכט אן איבערפאל אויף זיין וווינונג. דעם רעקטאָרס פרוי האָט דאן פאַרעפנטלעכט אן אָפענעם בריוו, וועלכער האָט געמאכט א רושם. צווישן אנדערע ענטפערס איז אויך אָנגעקומען דער בריוו פון האלינא גורסקא, א באקאנטע פרייהייטס־קעמפערין. צוליב זיין וויכטיקייט אלס אן אויסדרוק פון דער שטעלונג פון דעם פּראָגרעסיוון טייל פון פוילישן פאָלק דרוקן מיר דעם בריוו.

„צו הילף" נומער 10, ניו־יאָרק, פעברואַר 1938.

בראָניק

די נעכטיקע קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציע אין ווארשע

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די זיכערהייטס=מאַכט האָט אָנגענומען די געהעריקע פּאָרזיכטס=מיטלען נישט צו דערלאָזן צו קיין שום דעמאָנסטראַציעס אין צוזאמענהאנג מיטן קאָמוניסטישן אנטי=מלחמה=טאָג, וואָס איז גערופן געוואָרן אויף נעכטן דעם 1=טן אויגוסט, איז דאָך געקומען צו אַ בלוט=פאַרגיסונג.

שוין פון אינדערפרי אָן האָבן זיך אָנגעהויבן זאמלען גרופּעס ארבעטער אויפן קערצעלי=פּלאַץ, כדי דאָרט צו פאָרמירן אַ דעמאָנסטראַציע=צוג. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט, וואָס נעכטן איז געווען אַ זייער באַלעבאַטער טאָג אויפן קערצעלי=פּלאַץ און אַזוי ארום אומבאַמערקטערהייט פאָרמירן דעם דעמאָנסטראַציע=צוג.

די פּאָליציי האָט זיך אָבער אָריענטירט אין דעם דאָזיקן מאַנעוור און אין דעם מאָמענט, ווען די דעמאָנסטראַציע האָט זיך שוין געהאַלטן אין פאָרמירן, זענען די דעמאָנסטראַנטן צעטריבן געוואָרן. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע=פּרווון זענען דערשטיקט געוואָרן אָן שום קרבנות. דאַקעגן די צווייטע דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט זיך פאָרמירט אויף דער אָרלע גאַס ארום האַלב 4 נאָכמיטאָג, איז שוין געווען אַ בלוטיקע און האָט געקאָסט דאָס לעבן פון אַ יידישן אומשולדיקן יונגנמאַן און אַ צווייטן שווער פארווונדעט אין פוס. געשען איז עס אַזוי:

ארום 3 אַזייגער נאָכמיטאָג האָט די לעשנאָ אויסגעזען ווי אַ מלחמה=לאַגער. די גאַנצע לעשנאָ גאַס איז געווען באַלאַגערט מיט רייטער=פּאָליציי און פוס=גייער פּאָליציי. אַ סך פּאָליציי איז אויך געווען פארבאהאלטן אין די טויערן און הויפּטזעכלער פון ביידע זייטן גאַס אויף דעם אָפּשניט צווישן דער לעשנאָ און דער קאַרמעליצקא. אין די קאַוויארניעס, וואָס געפינען זיך דאָרט, האָבן זיך געפונען די צייטווייליקע שטאַבן פון דער פּאָליציי, וועלכע האָבן זיך קאָמוניקירט מיט דעם ספּעציעלן קאָמיטעט פון דער זיכערהייטס=מאַכט, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו וואַכן אויף דער אָרדענונג אין ווארשע. אין דעם דאָזיקן קאָמיטעט זענען ארייַנגעגאַנגען אלס מיטגלידער דער וויצע=וואָיעוואָדע אַלפּינסקי און דער שעף סקורעוויטש.

ארום האַלב 4 האָט זיך געלאָזט ארויסמאַרשירן פון דער אָרלע אַ צוג פון אַ 300 פּערזאָן דעמאָנסטראַנטן מיט טראַנספּאַרענטן און פענער, אויף וועלכע עס זענען געווען לאָזונגען: „אַ מלחמה דער מלחמה“.

אויף עק לעשנאָ און קאַרמעליצקע האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ העפטיקע רעוואָלווער=שיסעריי. עס איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה, די דעמאָנסטראַנטן זענען זיך צעלאָפן מיטנעמענדיק מיט זיך אַ טייל לייכט פארווונדעטע. די דעמאָנסטראַנטן האָבן בלויז איבערגעלאָזט אויפן טראָטואַר צוויי פארווונדעטע. איינער מיט אַ דורכגעשאָסענעם ברוסט=קאַסטן און אַ צווייטן מיט אַ דורכגעשאָסענעם לינקן פוס. די ביידע פארווונדעטע האָט מען שנעל ארייַנגעטראָגן אין דער נאָענטער אַפּטייק. פון דער אַפּטייק האָט מען זיי אָפּגעפירט אויף דראָשקעס אין דעם אַמבולאַטאָריום פון דער „גיכער הילף“ אויף לעשנאָ. פון אַמבולאַטאָריום האָט מען שנעל מיט דער קאַרעטקע אָפּגעפירט אין גסיסה=צושטאַנד דעם פארווונדעטן אין ברוסט=קאַסטן אין יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע, ווו ער איז אַ פערטל אויף פינף געשטאָרבן. פון זיינע דאָקומענטן האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס

איז געווען דער 25 יאָריקער ישראל קאטשעווסקי*, פּאָקאָרנא 8 וווינ. 13.

דעם צווייטן פארוווּנדעטן האָט מען פאַרבאַנדאַזשירט דעם פוס אין דער „גיכער הילף“ און פּאָליציי האָט אים אין אַ דראָשקע אָפּגעפירט אין דריטן קאָמיסאריאט און פון דאָרט אין דער פּאָליטישער פּאָליציי. ביים אויסלעגיטימירן אים, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דער 25-יאָריקער טריקאָטאזש-ארבעטער — געזעלן נתן טשערוואָנאָגוראַ, לעשנאָ 99.

חוץ דעם זענען שטאַרק פאַרוווּנדעט געוואָרן אין קאָפּ דער 17-יאָריקער שוסטער-געזעלן נתן באָרנשטיין, סטאַווקי 15, און וולאדיסלאוו טשעמינסקי (פּשעמיסלאָווא 2), אַן עלעקטראָטעכניק. די „גיכע הילף“ האָט זיי פארבאנדאזשירט די וווּנדן און זיי זענען אהיים געגאנגען.

אויף קרולעווסקע האָט מען אַוועקגעלייגט בערג מיט שטיינער אויף די שינעס און אזוי ארום אויף א געוויסער צייט געשטערט די באוועגונג פון די טראמווייען.

בסך-הכל זענען אין משך פון נעכטיקן טאָג ארעסטירט געוואָרן 20 פּערזאָן.

„היינט“, 2 אויגוסט 1931.

פּאָליציי נישט דערלאָזט צו קיין פּאָליטישע דעמאָנסטראציעס

נאָך די דורכגעפאלענע שבתדיקע קאָמוניסטישע דעמאָנסטראציעס האָבן זיי באַשלאָסן מיטוואָך זיך צו רעוואנזשירן און זאָגאר אויסגעקלעבט וועגן דעם פלאקאטן. די דעמאָנסטראציעס זענען געווען באַשטימט אויף נעכטן 6 אזייגער אין אָוונט.

אין יידישן ראיאָן האָבן שוין נעכטן ארום 5 אזייגער פארנאכט אָנגעהויבן צו פּאַטראָלירן גרעסערע פּאָליציי-אָפּטיילונגען. כמעט אויף יעדער ראָג האָבן זיך ארומגעדרייט גרופּקעס פון צוויי-דריי פּאָליציאנטן, וועלכע האָבן נישט דערלאָזט צו קיין שום פארזאמלונגען.

ארום דעם גענשער בית-עולם האָט אויך געהאלטן וואך א גרעסערע פּאָליציי-אָפּטיילונג צו פארהיטן דאָרט פון א דעמאָנסטראציע. דאָס איז געשען אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס שוין גאנץ פרי האָבן באזוכט פארשידענע דעלעגאציעס דעם קבר פון דעם דערשאָסענעם יוסף קאשעווסקי, אים דעקאָרירט מיט בלומען.

די פּאָליציי האָט דיזשורירט ביז שפּעט אין דער נאכט. צו קיין דעמאָנסטראציעס און צוזאמענשטויסן איז אָבער נישט געקומען.

„היינט“, פרייטיק, 7 אויגוסט 1931.

קאָמוניסטישע דעמאָנסטראציעס אין ווארשע

פרייטיק פאַרנאַכט האָט זיך פאַרזאַמלט א גרעסערע גרופּע קאָמוניסטן פארן טויער פּאָקאָרנא 8, וווּ עס האָט געוווינט דער דערשאָסענער טריקאָטאזש-ארבעטער קאַשעווסקי, און געוואָלט איינאָרדענען דאָרט א מיטינג. באלד איז אָנגעקומען א פּאָליציאנט און צעטריבן דעם פארזאמלטן עולם. עס זענען דערביי געפאלן עטלעכע רעוואָלווער-שאָסן. די קוילן האָבן אָבער קיינעם נישט געטראָפן.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האָט די פּאָליציי פארהאלטן א געוויסן ישראל רובינשטיין (מוראַנאָווסקע 22).

אויף דער זאמענהאָף-גאס עק מילא האָט זיך שבת פארמיטאָג פארזאמלט אַ גרופּע יונגטלעכע קאָמוניסטן און געפּרוווט פאָרמירן א דעמאָנסטראציע-צוג. באלד איז אָנגעקומען פּאָליציי און צעטריבן דעם עולם. בעת דעם צעיאָגן די דעמאָנסטראציע איז דער צופעליקער פארבייגייער אהרן קושניר (סטאַווקא 41) אומגעפאלן. א פּאָליציאנט איז צו אים צוגעלאָפן און צעמזיקט. דעם פארוווּנדעטן האָט מען אָפּגעפירט אין דער „גיכער הילף“, וווּ דער דאָקטער האָט אים פארבאנדאזשירט די וווּנדן און דערנאָך אָפּגעפירט אין יידישן שפיטאָל אויף טשיסטע.

„היינט“, 10 אויגוסט 1931.

* ס'איז א טעות. ס'דארף זיין יוסף קאַשעווסקי. (רעד.).

4 פוילישע שריפטשטעלער אַרעסטירט אַלס פאַרדעכטיקטע אין קאָמוניזם

א גרויסע סענסאַציע האָט אַרויסגערופן דער אַרעסט פון א ריי באַקאַנטע פוילישע שריפטשטעלער אין וואַרשע.

דאָנערשטיק אין אָוונט האָט די פּאָליטישע פּאָליציי געמאַכט א רעוויזיע אין דער וווינונג פון דעם סטודענט מעדיקער פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט איזאַק לעוו אויף דער זשוראַוויא 26.

ווען די פּאָליציי איז אַהין אַריינגעקומען, האָט זי דאָרט געטראָפן די שריפטשטעלער יאַן העמפּעל, וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי, אַלעקסאַנדער כוואַט, רעדאַקטאָר פון „מיעשענטשניק ליטעראַצקי" (באַקאַנט אונטערן נאָמען אַלעקסאַנדער וואַט), עדוואַרד יאַניש (פּסעוודאָנים סטאַוואַר) און משה נאָוואָגרודזקי. אַלס רעזולטאַט פון דער רעוויזיע זענען די פיר דערמאָנטע שריפטשטעלער אַרעסטירט געוואָרן. צוזאַמען מיט זיי איז אויך אַרעסטירט געוואָרן דער באַלעבאָס פון דער וווינונג איזאַק לעוו, ביי וועמען עס איז, לויט די פּאָליציישע אינפאָרמאַציעס פאַרגעקומען די זיצונג פון רעדאַקציע=קאָמיטעט פון „מיעשענטשניק ליטעראַצקי" און אויך משה נאָוואָגרודזקי. בעת דער רעוויזיע האָט מען דאָרט געפונען פיל קאָמפּראָמיטירנדיקע דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן, אַז די אַרעסטירטע האָבן זיך פאַרנומען מיט קאָמוניסטישער אַגיטאַציע.

דערנאָך זענען אויך דורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס אין די וווינונגען פון די אַרעסטירטע, ביי וועלכע מען האָט געפונען איינציקע נומערן פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע=קאָרעספּאָנדענץ", מאַנוסקריפּטן, בראָשורן און קאָמוניסטישע צייטשריפטן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָבן נאָך מער באַפעסטיקט דעם חשד פון דער פּאָליציי, אַז די אַרעסטירטע זענען אויסגעשפּראָכענע קאָמוניסטן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע אַרעסטן איז דורך דער מאַכט אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס אַרויסגעבן דעם „מיעשענטשניק ליטעראַצקי".

„היינט", 15 סעפּט. 1931.

דעפּוטאַט כיל ראָזענבערג רעדט צו די פוילישע אַרבעטער פון „לילפּאָפּ"

דעם 21=טן אָקטאָבער 4 נ. מ. איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פון דעם קאָמוניסטישן דעפּוטאַט ח' כיל ראָזענבערג ביי דער פאַבריק „לילפּאָפּ" אויף וואָליע.

ח' ראָזענבערג האָט זיין רעדע געווידמעט כמעט אינגאַנצן דעם יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע. ער האָט אַרומגערעדט דעם העלדישן קאַמף פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט מיט 15 יאָר צוריק אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַריזם און די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל און בויט היינט מיט זיין העלדישער מסירת=נפשדיקער אַרבעט דעם בנין פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, דערגרייכנדיק אַלץ נייע פּאָזיציעס. דער דעפּוטאַט האָט צווישן אַנדערן דערציילט וועגן דער בוינג און באַדייטונג פון „דניעפּראָסטראָי".

נאָך דער רעדע פון ח' ראָזענבערג האָבן די פאַרזאַמלטע אויסגעוויילט פון צווישן זיך אַ דעלעגאַציע פון 5 פּערזאָן אויף אָנטיילצונעמען אין די אָקטאָבער=פייערלעכקייטן. ווי פון אונטער דער ערד זענען אויסגעוואַקסן שטויסן מיט ליטעראַטור, וועלכע איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. דער מיטינג האָט זיך פאַרענדיקט מיט ענטוזיאַסטישע אויסרופן לכבוד דעם ראַטנפאַרבאַנד, קעגן טעראָר אדגל.

„נאָווי פּשעגלאָנד" נומער 9/10 (57/58). נאָוועמבער — דעצעמבער 1932.

* * *

דעם 23=טן אָקטאָבער, 2 נ. מ. איז אויפן ראָג מילע און לובעצקי=גאַס פאָרגעקומען אַ מיטינג פון קאָמוניסטישן דעפּוטאַט ח' כיל ראָזענבערג.

אויפן מיטינג זענען געקומען איבער 800 אַרבעטער. ער איז געוואָרן געעפנט אין נאָמען פון קאָמוניסטישן פּראָלעטאַריאַט פון וואַרשע דורך איינעם פון די אַרבעטער, וועלכער גיט איבער דאָס וואָרט דעם ח' ראָזענבערג.

דער דעפּוטאַט בינדט אָן צום שטרייק פון די בעקער און שטעלט פעסט, אַז דער חוב פון אַלע וואַרשעווער אַרבעטער איז

אונטערצושטיצן די שטרייקנדיקע. מיט ענטוזיאַזם האָבן די פאַרזאַמלטע אויפגענומען די אויספירן פון דעפוטאַט וועגן 15-טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. אומאויפהערלעך הערן זיך אויסרופן לכבוד דעם ראַטנפאַרבאַנד.

נאָכן מיטינג האָט זיך פאָרמירט אַ דעמאָנסטראַציע, וועלכע איז אַוועק מיט דער מילע אין דער ריכטונג פון דער זאַמענהאָף-גאַס. עס הערט זיך דאָס געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל“, רעוואָלוציאָנערע אויסרופן. ביים ראָג מילע און זאַמענהאָף איז די דעמאָנסטראַציע באַפאַלן געוואָרן דורך דער פאָליציי. פיל דעמאָנסטראַנטן זענען געוואָרן אַרעסטירט. ווען די פאָליציי האָט אריינגעשטופט עטלעכע אַרעסטירטע אין אַ טאַקסוווקע, האָבן די אַרבעטער אויסגעהאַקט דאָרט די שויבן. די פאַנאַנדערגעטריבענע אַרבעטער האָבן זיך אַליין דערנאָך פאַרזאַמלט אויפן וויענזשענע געסל, פאַרן פאַוויאַק, דעמאָנסטרירנדיק קעגן פאַשיסטישן טעראָר.

„נאָווי פשעגלאָנד“, נומער 9/10 (57/58). נאָוועמבער—דעצעמבער 1932, ז׳ 94).

מיטינג אין וואַרשע קעגן פּאָגראָם־העצע

אויף שבת, דעם 10-טן דעצעמבער איז אין וואַרשע, ביים ראָג מילע און לובעצקיגאַס געריפן געוואָרן אַ מיטינג קעגן דער פאַשיסטישער פּאָגראָם-העצע.

דער מיטינג האָט זיך אָנגעהויבן 11 אַזייגער פ. מ. מיטן אָנטייל פון איבער 200 אַרבעטער.

דער קאָמוניסטישער סיים-דעפוטאַט ח׳ ניל ראָזענבערג האָט אין זיין רעדע פעסטגעשטעלט צווישן אַנדערן, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פּאָגראָם-עקסצעסן פאַלט אויף דעם גאַנצן בורזשואַזן לאַגער, אויך אויף דער יידישער בורזשואַזיע, וועלכע וויל נאָך דערצו רייוואַשן די „סאַנאַציע“.

די יידישע בורזשואַזיע טוט דאָס דערפאַר, ווייל מיט דער שטיצע פון דער רעגירונג און פון פאַשיסטישן טעראָר פירט זי דורך אירע פאַרשטאַרקטע אָנגריפן אויף די עקזיסטענץ-באַדינגונגען פון די ברייטע יידישע מאַסן. צום סוף פון זיין רעדע האָט דער דעפוטאַט גערופן די פאַרזאַמלטע צום סאָלידאַרן אָפּשטויסן די פאַשיסטישע דיווערסיע און צו שאַפן אַ געמיינזאַמע זעלבסטשוץ פון יידישע און פוילישע אַרבעטער קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס.

ח׳ ראָזענבערג האָט אויך אַרומגערעדט די פראַגע פון שטרייק אין „פּאַראָוווז“. דער מיטינג איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און אויסרופן, וועלכע זענען געוואָרפן געוואָרן דורך די פאַרזאַמלטע.

דעם זעלבן טאָג, אַרום 4,30 נ. מ. איז פאָרגעקומען ביים ראָג גזשיבאָווסקע און סקווזשאַנע אַ צווייטער אַרבעטער-מיטינג אויך וועגן דער פראַגע פון דער אַנטי-יידישער פּאָגראָם-העצע. צו איבער 600 פאַרזאַמלטע אַרבעטער האָט גערעדט דער קאָמוניסטישער דעפוטאַט וואַצלאַוו ראָזשעק.

אין זיין לענגערער רעדע האָט דער דעפוטאַט אָנגעוויזן צווישן אַנדערן אויף דעם פאַקט, אַז דער פלאַצדאַרם פון דער אַנטי-יידישער העצע איז דאָס יאָר די שטאָט לעמבערג, פונקט ווי מיט אַ יאָר צוריק איז עס געווען ווילנע. דאָס זענען די אָקופּירטע געביטן פון מערב-אוקראַינע און מערב-ווייסרוסלאַנד, וו די נאַציאָנאַלע פראַגע איז באַזונדערס פאַרשאַרפט און וועלכע דער פאַשיזם פרווט „לעזן“ מיט דער הילף פון די שטעקנס פון זיינע פּאָגראָמשטשיקעס. „יעדער שטעקן, וועלכער פאַלט אויף די קעפ פון דער יידישער אָרעמקייט טרעפט פאַקטיש — זאָגט דער ח׳ ראָזשעק — אין דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס פון פוילן, אין די אַרבעטער און פויערים פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע קעמפן קעגן דער פאַשיסטישער דיקטאַטור“..

ח׳ ראָזשעק ווייזט אָן צום סוף, אַז די אָנפאַלן פון די פאַשיסטישע באַנדיטן דאַרף אָנטקעגנגעשטעלט ווערן דער איינהייטלעכער אַרבעטס-פראָנט און דער סאָלידאַרער רעוואָלוציאָנערער קאַמף קעגן פאַשיזם און רופט די פאַרזאַמלטע צו דעמאָנסטרירן.

נאָך דער רעדע פון דעפוטאַט פאַלן

צאַלרייכע, שטאַרקע אויסרופן לכבוד דעם איינהייטלעכן אַרבעטער־פראָנט, קעגן די סאָציאַל־פאַשיסטישע פאַרעטער פון פפּס, „בונד“, פאַר דער קאָמוניסטישער סיים־פראַקציע אדגל.

די אַרבעטער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען און אונטערן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל“ האָבן זיי גענומען מאַרשירן אין דער ריכטונג פון דער גראַניטשנע. איבער דער דעמאָנסטראַציע פלאַטערט די פאָן פון קפּפּ. די דעמאָנסטראַציע איז שוין אויף קרולעווסקע. ביים ראָג מאַרשאַלקאָווסקע ווערט זי צעטריבן דורך פּאָליציי. אַ טייל דעמאָנסטראַנטן בראש מיטן ח׳ ראָזשעק זענען אַוועק אויף זיעלנע. עס פאַלן אויסרופן: „נידער מיט דער רעגירונג פון הונגער, טעראָר און מלחמה!“, „נידער מיט פּאָליציייִשן טעראָר!“. די אַרבעטער האָבן אָפּגעפירט דעם דעפּוטאַט ראָזשעק ביז צום הויז, וווּ ער וווינט.

(„נאָווי פשעגלאָנד“ נומער 1/2
59/60, יאַנואַר — פעברואַר 1933,
זייט 120).

אויף אַ מערקווירדיקן אופן אַנטדעקט די דרוקעריי פון קאָמוניסטישן צ. ק.

די פּאָליציי האָט אַנטדעקט די הויפּט־דרוקעריי פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וווּ עס האָבן זיך געדרוקט אַלע קאָמוניסטישע צייטשריפטן מיט דער גאַנצער ליטעראַטור.

די דרוקעריי איז געווען אויף אַן אינטערעסאַנטן אופן קאָנספּירירט אין אַ קעלער אויף לעשנאַ גאַס.

די אַנטדעקונג איז דורך דער פּאָליציי געמאַכט געוואָרן ביי פאָלגנדע אומשטענדן:

מיט אַ צייט צוריק האָט זיך אויף לעשנאַ 24 געדונגען אַ קליין געוועלבל אויף אַ שוסטער־וואַרשטאַט אַ געוויסער ראָטנבערג. אין דעם דאָזיקן וואַרשטאַט פלעגן אַראָפּקומען פאַרשידענע מענטשן, אַריינטראָגנדיק און אַרויסטראָגנדיק פּעקלעך.

דער פּאָליציי איז די זאַך פאַרגעקומען פאַרדעכטיקט, און מען האָט איבער דעם שוסטער־וואַרשטאַט פאַרפירט אַן אָבסערוואַציע. און אָט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ סענסאַציאָנעלע געשיכטע:

ראָטנבערג האָט אין דער פּאָדלאָגע אויסגעהאַקט אַ לאָך, דורך וועלכן מען פלעגט דורך אַ לייטער זיך אַראָפּבאַקומען אין אַ פאַרמויערטן קעלער, וואָס געפינט זיך אונטער ראָטנבערגס קראָם.

אין דאָזיקן קעלער האָט מען איינגעריכטעט אַ פולשטענדיק מאָדערנע דרוקעריי מיט די נייסטע מאַשינען. די ווענט זענען ספּעציעל איזאָלירט געוואָרן אַזוי, אַז קיינער פון די איינוווינער זאָל נישט הערן דעם גערודער פון די מאַשינען.

דאָס אויסגעהאַקטע שטיק פּאָדלאָגע איז געווען פאַרדעקט מיט אַ דיוואַן, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ טיש מיט שטולן.

פעסטשטעלנדיק פאָרויס ווי אַלץ שטעלט זיך פאָר, איז די פּאָליציי אָנגעקומען אין ראָטנבערגס וואַרשטאַט, דעמאָסקירנדיק די גאַנצע דרוקעריי. אין קעלער האָט מען ביי דער אַרבעט געטראָפן דריי זעצער. געווען זענען דאָס: מונדיעק פלאַנק (פּאַוויאַ 4), אהרן צוקער (פראַנציסקאַנער 17) און לייב ערדעפּעל (שוויענטאָיאַנסקאַ 18). אַלע דריי זענען זיי צוזאַמען מיט ראָטנבערגן אַרעסטירט געוואָרן.

אין דער דרוקעריי, וועלכע איז געווען באַזאָרגט מיטן נייסטן סאָרט פלאַך־דרוק־מאַשינען און סטעראָטיפּ־מאַשינען צו מאַטריצירן און גיס־פּלאַטן צו גיסן פּלאַטן, האָט מען געפונען צוגעגרייט צום דרוק די נייסטע נומערן „טשערוואָני שטאַנדאַר“ און „נאָווי פשעגלאָנד“.

די פּאָליציי האָט אַראָפּגעבראַכט ספּעציעלע מעכאַניקער, וועלכע האָבן פאַנאַנדערגענומען די מאַשינען און די טיילן איבערגעפירט אויף לאַסט־אויטאָמאָבילן אין אויספאָרשונגס־אַמט.

עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז נאָך דער דאָזיקער גרעסטער קאָמוניסטישער דרוקעריי האָט זיך די פּאָליציי געיאָגט אַרומגעיאָגט אַ לאַנגע צייט, איידער מען האָט באַוויזן צו אַנטדעקן.

„דער מאָמענט“, 4 אויגוסט 1935.

ווייטערדיקע ארעסטן אין ווארשע; פארמאַכט פאַריינען און ביבליאָטעקן, גרויסע צאָל ארעסטירטע

אין דער נאכט אויפן 1=טן אפּריל האָט די פּאָליציי ווייטער געמאַכט רעוויזיעס און ארעסטן צווישן רעוואָלוציאָנערע ארבעטער. אין רעזולטאט פון די דורכגעפירטע ארעסטן זענען פריש ארעסטירט געוואָרן 56 מאַן. אויך האָט די פּאָליציי פאַרחתמעט דעם לאָקאל פון ספּאָרט=פאריין „מאַראַטאָן“ (ביעלאַנסקע גאַס) און פּאָלגנדיקע פּראָפעסיאָנעלע פאריינען: די ווארשעווער אָפּטיילונג פאַר בעקער=אַרבעטער פון פּראָפעסיאָנעלן דערנערונגס=פאריין (לעשנאָ גאַס), וו מען זאָל האָבן געפונען „פאַרדעכטיקטע מאַטעריאלן“. בעת דער רעוויזיע האָט מען דאָרט פאַרהאַלטן 10 „פאַרדעכטיקטע“ פּערזאָנען, דער פאריין פון די טעקסטיל=אַרבעטער (סאַפּיעזשינסקע גאַס), וו די פּאָליציי זאָל האָבן לעגיטימירט 120 מאַן און אנטדעקט אומלעגאלע יידישע אויפרופן. אויך דער צווייטער לאָקאַל פון זעלבן פאריין אויף לעשנאָ גאס איז פארחתמעט געוואָרן. דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט די לאָקאלן פון פּראָפעסיאָנעלן פאריין פון כעמישע ארבעטער פון צענטראלן פאריין פון לעדער=ארבעטער.

אין 56 דרוקערייען זענען דורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס און אין רעזולטאַט דערפון האָט די פּאָליציי פארחתמעט 4 יידישע דרוקערייען.

די פּרץ=ביבליאָטעק אין אָכאָטע איז אויך פארחתמעט געוואָרן אונטערן זעלבן פּאָליציייאישן מאָטיוו: מען זאָל דאָרטן האָבן געפונען „אנטי=מלוכהשע“ אויפרופן.

דער רעגירונגס=קאָמיסאריאט האָט אין צוזאמענהאנג מיט דער זעלבער „ליקווידירונג=אקציע“ אויך אויסגעשטראָכן פון געזעלשאפטן=רעגיסטער די יידישע „יוגנט געזעלשאפט פאר קולטור און בילדונג“.

פּאָליציי=פּאטרולן האָבן אין לעצטן טאָג פארהאלטן אין עטלעכע ערטער פון דער שטאָט אונטער דער באשולדיקונג פון טוילן „ביבולע“: אויף פּרעטא זענען ארעסטירט געוואָרן יצחק שטאנייזער און יוליאן קאמינסקי. אויך האָט מען ארעסטירט פאר טוילן אויפרופן צווישן שולקינדער דעם סטודענט בנימין פּערלמוטער און די סטודענטקע רויזע ראָזענבוים.

„צ ו ה י ל ף“ נומער 5, ניו=יאָרק, יולי—אויגוסט 1936.

יידישע סטודענטן זיצן אויף דער פּאָדלאָגע

ווארשע. אן אויסערגעוויינלעכער פּאַל האָט פּאסירט אויף דער האנדלס=שול. דאָרט שטייען די יידן אויף די לעקציעס, ווייל זיי ווילן זיך נישט זעצן אויף די „געטאָ=בענק“. אזוי ווי עס קומען דאָרט פאָר איצט שריפטלעכע עקזאמענס און שטייענדיק איז דאָך שווער צו שרייבן, האָבן די יידישע סטודענטן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע און געשריבן.

דער צושטאנד פון ביאליסטאָקער סטודענט אברהם געוואוירן, וועלכער איז פארוונדעט געוואָרן פון ענדעקישע סטודענטן, איז א שווערער.

„צ ו ה י ל ף“, ניו=יאָרק, מאַי 1937.

נייע מערדערייען אין קארטוזא

(פון א בריוו פון ווארשע)

„...די פּוילישע פאשיסטישע מאכט האָט פארשיקט הונדערטער ארבעטער=טוער אין קאָנצענטראציע=לאגער. די געשעענישן אין קראָקע, לעמבערג און טשענסטאָכאָוו האָבן אָנגעוואָרפן א שרעק אויף די פאשיסטן, און דעריבער איז דער רעזשים אין לאגער פארשארפט געוואָרן אזוי, אז ער האָט שוין לאנג איבערגעטריבן די שוידערלעכע מעשים פון דער שפּאנישער אינקוויזיציע.

דער ארבעטער מאָזירקא פון ביאַלא פּאָדלאסקא האָט געחלשט אין צייט פון דער מערדערלעכער מושטירונג, וואָס קומט פאָר אין לאגער יעדן טאָג. פאר אזא פארברעכן פון חלשן האָט מען אים אומגעטשלעד צעקאַטעוועט, אָפּגעשלאָגן די לונגען און דערנאָך ארייגעזעצט אין פינצטערן און נאסן קארצער. אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען אים א האלב לעבעדיקן איינגעגראָבן אין דער ערד ביז צום האלדז און געהייסן די איבעריקע ארעס=

טירטע מיט די שטיוול אײַנטרעטן די ערד ארום דעם לעבעדיק=באגראָבנעם. די ארעסטירטע האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, האָט מען אויף זײ געמאכט א שרעקלעכע שחיטה.

דעם אומגליקלעכן אַרבעטער מאָזירקא האָט מען איבערגעפירט אין שפּיטאָל אין קאָברין, וװ ער איז באלד געשטאָרבן.

דער ארעסטירטער גערמאַניסקי איז אזוי צעמזיקט געוואָרן פון פּאָליציאַנט זווירקאָווסקי, אַז ער איז גלייך פון די קלעפּ געשטאָרבן. צוויי אַנדערע אַרעסטירטע זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל, וװ זײ קעמפן מיט דעם טויט.

צו דעם מוז מען צוגעבן, אז דאָס איז נישט א טאַט פון א צופעליקן פּאָליציאַנט, נאָר א סיסטעם אזא, א רעזשים פון פּאַרקריפּלען פיזיש און מאָראַליש די ארעסטירטע.

„צו הילף“, מאַי, 1937.

דער יונגער שרייבער אברהם גערמאַניסקי פאַרפּייניקט אין קאַרטוז־בערעזע

די צײַטונגען און זשורנאַלן האָבן מיט וואַרעמע ווערטער געטרויערט נאָכן טויט פונעם יונגן שרייבער אברהם גערמאַניסקי (א. גארין).

גערמאַניסקי האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור און פארשידענע אָפּהאַנדלונגען איבער דערשינענע ביכער, און אויך לידער, — אין בונדישן „יוגנט וועקער“, „וואָכנשריפט“ און אין אַנדערע זשורנאַלן. דער „ווילנער טאָג“ גיט איבער די ביאָגראַפיע פון א. גערמאַניסקי: ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1910 אין סוועכוויאַן. אין יאָר 1928 האָט ער פאַרענדיקט די אָרטיקע יידיש=וועלטלעכע גימנאַזיע. אין זעלבן יאָר קומט ער קיין וואַרשע און ווערט אויפגענומען אין „יודאַיסטישן אינסטיטוט“. אים איז ענג אין דערמאָנטן אינסטיטוט. ער פאַרלאָזט אים און קומט צוריק אין שטעטל, פון דאָרט כאַפּט ער זיך אריבער קיין ווילנע, באַקומט מאַטורע, ווערט אָנגענומען אין אוניווערסיטעט. ער שטודירט יורי, ווערט אַקטיוו אין די ווילנער פּראָלעטאַרישע קרייזן, זיין אינטערעס ווערט הויפּטזעכלעך ליטעראַטור, קריטישע אַרטיקלען ביז — דער גרויזאַמער טויט האָט איבערגעהאַקט זיין לעבן.

אָנהייב יוני 1936 האָט זיין מוטער אין סווענציאַן באַקומען די מעלדונג פון קאָברינער שפּיטאָל, אַז איר זון איז דאָרט געשטאָרבן פון א האַרץ=אַטאַקע דעם 12=טן מאַי.

אזוי טוט דער פּוילישער פאַשיזם מיט דער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ: מען פאַרשיקט זיי אין קאָנצענטראַציע=לאַגער, מען פאַרפּייניקט זיי, און אין גסיסה=צושטאַנד פירט מען זיי אָפּ אין קאָברינער שפּיטאָל.

אזוי איז געשטאָרבן דער יונגער מאַרטירער א. גערמאַניסקי. און ערשט צוויי וואָכן שפּעטער, גיט מען צו וויסן זיין מוטער, וועגן... פּלוצלינגדיקן טויט פון איר זון...

די פּאָטאָגראַפיע איז געוואָרן צוגעשיקט דורך א גרופּע זיינע חברים צום פּאַטראָנאַט פון די גראָדנער און אומגעגנט — מיט דער טרויעריקער מעלדונג, וועגן גערמאַניסקיס מאַרטירער=טויט.

ערע דעם אָנדענק פון דעם יונגן, פאַרפּייניקטן אברהם הערש גערמאַניסקי! ערע דעם אָנדענק פון אַלע פאַרפּייניקטע אין יענעם גיהנום: קאַרטוז בערעזא!

„צו הילף“ נומ. 9. סעפּטעמבער 1937.

פּוילישע לאַנד־אַרבעטער קעגן אַנטיסעמיטיזם

פון מעזריטש שרייבט מען אונדז:

זונטיק, דעם 14=טן מערץ איז פאָרגעקומען אַ ראַיאָן=צוזאַמענפאָר פון לאַנדאַרבעטער=פאַריין. עס זענען געקומען 60 דעלעגאַטן; מיט אַ גרויסער רעדע וועגן דער לאַגע אין לאַנד און די אויפגאַבן פון אַרבעטער=קלאַס איז אַרויסגעטראָטן דער סעקרעטאַר פון לוקאָווער אָ. ק. ר. פון פּ.פּ.ס. ח׳ זאַרעמבסקי. דער רעדנער האָט אַ גרויסן טייל פון זיין רעדע געווידמעט דעם ענדעקישן און סאַנאַטאָרישן אַנטיסעמיטיזם — און גערופן די פּוילישע אַרבעטער מיט אַלע מיטלען זיך אַנטקעגנ=

שטעלן דעם אַנטיסעמיטיזם ,וואָס איז אַ
אַ ווערקצייג אין די הענט פון פאַשיזם
קעגן אַרבעטער=קלאַס. די פּאַרזאַמלטע האָבן
די רעדע פון ח' זאַרעמבסקי אויפגענומען
מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

„צו הילף“ נומ. 9. ניו=יאָרק, סעפּטעמ=
בער 1937.

פון פּאָרדאָנער פרויען־טורמע

די אַרעסטירטע פרויען קעמפן פאַר זייער כבוד און לעבן

זינט עטלעכע מאָנאטן קעמפן די פּאָ=
ליטישע אַרעסטירטע פאַר זייערע רעכט.
די העלדישקייט פון די פרויען, וואָס האָ=
בן נישט פאַרלוירן זייער זעלבסטרעספּעקט
אין די שרעקלעכע טורמע=באַדינגונגען
און האָבן שטענדיק צוריקגעשלאָגן די
בעסטיאַלישע אַטאַקעס פון דער אַדמיני=
סטראַציע, דאַרף אַפּעלירן צו יעדן אָרענט=
לעכן מענטשן.

ביי די 63 פרויען, צווישן זיי 34 אַר=
בעטאָרינס, 10 פּויערטעס און 10 אינטע=
ליגענטקעס, זענען צוגענומען געוואָרן יע=
דע עלעמענטאַרע רעכט, וואָס מען האָט
אפילו געגעבן אין די צאַרישע צייטן.

שטיקן זיי זיך צו 12 פרויען אויף 8
בעטלעך, פול מיט ווילגאַטש, אין אַ קליי=
נער צעל. די קעלט איז שוידערלעך. איין
פונט קוילן אויף איין אויוון ווערט גע=
געבן אפילו אין די גרעסטע פרעסט. וואַ=
רימע וועש ווערט נישט געגעבן, אַפילו
ווען דאָס ווערט געשיקט פון דער היים.

63 אַרעסטירטע פרויען, צווישן זיי 11
קראַנקע אויף די לונגען, 12 — אויפן
מאָגן, 4 — האַרץ, 8 — רעוומאַטיזם.
און אַלע, איינגעשלאָסן די קראַנקע, ווערן
געהאַלטן אויף דיעטע אָן יעדן פעטס, צו
קליין צו ראַטעווען זיי פון אַ הונגער=
טויט.

די נייע קאָמענדאַנטקע פון דער טור=
מע — זדאַנאָווסקאַ — האָט זיך גענומען
מיט אַ שנעלן טעמפּאָ „איינצושטילן“ די
אַרעסטירטע. אַזוי האָט זי געפאָדערט, אַז
מען זאָל שטיין אויסגעצויגן ווי אַ סטרו=
נע אינדערפרי און אויף דער נאכט, ווען
עס ווערט געמאַכט דער אַפּעל. דערנאָך האָט
זי זיך גענומען צו די צייטונגען. זי האָט
פאַרווערט צו שרייבן בריוו אין אַן אַנ=
דערער שפּראַך אויסער פּויליש. שרייבן
און קריגן בריוו איז דערלויבט איין מאָל
אַ מאָנאַט. ביכער, צייטונגען און שרייב=
מאַטעריאַלן ווערט נישט צוגעלאָזט.

אָבער דער ווילדסטער קאַמף איז
אויסגעבראָכן, ווען מען האָט געוואָלט
צווינגען אָנטאָן די פּאָליטישע אַרעסטירטע
אין קרימינעלע קליידער. שוין צוויי וואָ=
כן זיצן די פרויען אין זייער אונטער=
וועש. די אויפזעערין האָט ספּעציעל אָנ=
געשטעלט מענער פאַר דער פרויען=אָפּטיי=
לונג, וועלכע באַליידיקן די אַרעסטירטע
און אידזעקעווען זיך איבער זיי. דער אוק=
ראַינישער אַרעסטירטע, אָלגאַ קאַטשקאַ,
האָט מען אָפּגעשלאָגן די נירן און די לונ=
גען. קיין פּעקלעך לאָזט מען נישט צו. די
17=יאָריקע בערגמאַן האָט מען מיט גע=
וואַלד איבערגעטאָן און אריינגעשיקט אין
דער אָפּטיילונג פון פּראָסטיטוטקעס. ביי
דער פרוי קרופּינסקאַ האָט מען אַוועקגע=
נומען איר קינד און אריינגעגעבן צו די
סיפיליטישע קינדער.

נישט געקוקט אויף דעם טעראָר, קעמ=
פן די פרויען העלדיש פאַר זייער כבוד
און לעבן.

„צו הילף“ נומ. 9, ניו=יאָרק, סעפּ=
טעמבער 1937.

עס ווערט אָפּגעשאַפט דער פּאַטראָנאַט איבער די פּאָליטישע אַרעסטירטע

זינט פּוילן עקזיסטירט אַלס אומאָפּ=
הענגיקע מלוכה, האָט עקזיסטירט דער
אַזוי גערופענער פּאַטראָנאַט איבער די פּאָ=
ליטישע אַרעסטירטע אין די פּוילישע תפי=
סות. מיטן פּאַטראָנאַט האָט אָנגעפירט די
פּאַרדינסטפולע געזעלשאַפטלעכע טוערין
און שריפטשטעלערין סטעפאַניאַ סעמפּאָ=
לאָווסקאַ, וועלכע פירט שוין איר אַרבעט
אויף דעם געביט 45 יאָר — פון די ווײַ=
טע צאַרישע צייטן אָן.

פרוי סטעפאַניאַ סעמפּאָלאָווסקאַ האָט

איצט באקומען א מעלדונג, אז מ׳נעמט ביי איר צו די רעכט זיך צו פארנעמען מיט איר ביז־איצטיקער טעטיקייט אויף דעם געביט, ווייל די מאכט־אָרגאַנען ווילן קאָנצענטרירן די אויפזיכט איבער די פּאָליטישע ארעסטירטע אין די הענט פון אלגעמיינעם פּאטראָנאט, וועלכער האָט ביז איצט בלויז זיך פארנומען מיט דער אויפזיכט איבער קרימינעלע.

די באקאנטע קינדער־דערציערין ח׳טע ווייבערט שימאנאָווסקא און די ארבעטס־אינספּעקטאָרין פרוי קראהעלסקא זענען איצט ארויס מיט ארטיקלען קעגן דער דאָזיקער פאראָרדענונג.

ח׳טע שימאנאָווסקא דערציילט, אז אין יאָר 1920 האָט מארשאל פּילסודסקי צוגעשיקט איינעם פון זיינע אדיוטאנטן צו דער פרוי סעמפּאָלאָווסקא, כדי איר צו לאָזן זאָגן, אז ווי לאנג ער וועט זיצן אין בעלוועדער, דארף זי נישט מורא האָבן פאַר קיינעם (ס׳איז דאן געגאַנגען זייער אַ שאָוויניסטישע העצע), ס׳וועט איר קיין האָר פון קאָפּ נישט אַראָפּפאַלן. איצט פירט דער יוסטיץ־מיניסטער גראבאָווסקי איין פיל „נייעס" און דער פארבאָט פון דער טעטיקייט פון דער פרוי סעמפּאָלאָווסקא איז איינער פון די דאָזיקע „נייעס".

פרוי קראהעלסקא שטעלט פעסט, אז אַ געוויסער קרייז מענטשן ארום דער פרוי סעמפּאָלאָווסקא קען דעם נאָמען פון יענער פּערזאָן, וואָס איז דאן געקומען צו איר אלס פאָרשטייער פון מארשאל פּילסודסקי. „מיר וועלן אים דאָ נישט אָנרופן — זאָגט פרוי קראהעלסקא — ווייל אויב ס׳וואָלט אין אים נאָך געלעבט די דאָזיקע דערינערונג, וואָלט ער אליין וועגן דעם גענומען א וואָרט".

פרוי קראהעלסקא חידושט זיך, פאַרוואָס עס רופן זיך נישט אָפּ די פיל איינפלוסרייכע מענטשן, וואָס האָבן אמאָל, אין די צארישע צייטן גענאָסן פון דער אויפזיכט פון פרוי סעמפּאָלאָווסקא, ווען זיי זענען געזעסן אין די צארישע תפיסות אלס פּאָליטישע ארעסטירטע.

„צו הילף" נום. 9. ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 1937.

ייִדישע און קריסטלעכע ארבעטער פאַריאָגן די פּאָגראָמשטשיקעס

לאָמזשע. — דאָס ארבעטנדע לאָמזשע האָט דערוויזן זיין כוח. שוין עטלעכע מאָל ווי די ענדעקעס ווילן דורכפירן זייערע פּיקעטן פון די יידישע געשעפטן, אָבער יעדעס מאָל ווערן זיי פארטריבן פון גאס.

לעצטנס האָבן די כוליגאנעס זיך אָרגאַניזירט אין באנדעס און פארפלייצט לאָמזשע מיט אנטיסעמיטישע אויפרופן. זיי זענען געקומען אומדערווארט און באַוואָפנט מיט שטעקנס האָבן זיי צעראבירט עטלעכע סטראגאנעס, געצוואונגען די יידן צוצומאכן זייערע געשעפטן און געלאָזט זיך וויילגיין. צווישן די געליטענע געפינען זיך: פּיווועלאָוויטש, שולשניידער, דוד טיצקיעוויטש, א שוסטער, אלטער מארק 6, לייב פּענדראק און אנדערע. די ארבעטער זענען נישט געווען צוגעגרייט און קיין ווידערשטאַנד איז נישט געשטעלט געוואָרן. האָט זיך אויסגעדאכט די ענדעקעס, אַז זיי האָבן שוין לאָמזשע איינגענומען...

אָבער צו זייער אנטוישונג האָבן זיי ביים צווייטן מאָל געקראָגן אזא אָפּשניט, אַז זיי וועלן אזוי שנעל נישט ארייננשמעקן זייער נאָז קיין לאָמזשע. די ארבעטער, יידישע און קריסטלעכע האָבן אָפּגעשטעלט אלע פאבריקן, ארויס אין גאס און מיט אנטיפאשיסטישע לאָזונגען און לידער פאַריאָגט די כוליגאנעס פון גאס.

דאָס אינטערעסאנטסטע איז, אז קיין פּאָליציאנט האָט מען נישט געקענט געפינען דורך דער צייט פון דעם שטילן פּאָגראָם אין שטאָט.

„צו הילף" נום. 10. ניו־יאָרק, פעברואַר 1938.

מוטיקער ארויסטריט פון א פּוילישן פּראָפעסאָר

ווארשע. — נאָכדעם ווי דער ווילנער רעקטאָר האָט ארויסגעגעבן די פאראָרדענונג וועגן איינפירן אויך אין ווילנער אוניווערסיטעט א געטאָ פאר די יידישע סטודענטן, האָט דער באקאנטער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר קרידעל אָפּגערופן אויף אַ געוויסער צייט זיינע לעקציעס אין אוני־

וועסיטעט. ווען ער האָט באַנייט זיינע לעקציעס האָט פּראָפעסאָר קרידעל געהאלטן פאַר זיינע סטודענטן פאַרן אָנהייבן זיין ערשטע לעקציע פאָלגנדיקע רעדע:

„איידער איך וועל צוטרעטן צו דער לעקציע מוז איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער לאגע, וואָס האָט זיך דאָ גע־שאפן.

די לאגע, וועלכע האָט זיך דאָ געשאפן, איז אן אומנאָרמאלע און אן אוממאָראלי־שע — אַ טייל פון מיינע תלמידים מוז הערן די לעקציעס שטייענדיק. קיינמאָל האָב איך נישט מסכים געווען אויף אזא מצב. איך האָב געקעמפט קעגן דעם אין נאָמען פון דער וויסנשאפט, וועלכע מיר רעפּרעזענטירן, און ווי אַ פּאָליאַק, האָב איך פאַרטיידיקט דעם גוטן נאָמען פון פוילן אין דער וועלט. צום באַדויערן אָ־בער בין איך נישט בכוח צו ענדערן דעם דאָזיקן, אונדז אלעמען דערנידעריקנדיקן מצב. איך קען אָבער נישט צונעמען ביי באַעוולטע מענטשן די לעצטע מעגלעכקייט אויסצודריקן זייער פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס עס קומט פאָר, איך האָף אָבער, אַז די לאַגע וועט לאַנג נישט דויערן".

די רעדע פון פּראָפעסאָר קרידעל האָט געמאכט א שטארקן איינדרוק אויף די סטודענטן.

צו הילף" נומ. 11. ניו־יאָרק, מאַי— יוני 1938.

א ביסל סטאַטיסטיק פאַר 1933

תורמע	צאָל ארעסטירטע		
		ראַדאָם	60
וראָנקי, 1 געביידע	300	סאנדאָמיעזש	70
וראָנקי, 2 געביידע	200	זאַמאָשטש	80
וראָנקי, איזאָלירונג	14	יאַנאָוו לובעלסקי	75
גרודזשאָנדז, איזאָלירונג	200	קראַסניסטאַוו	42
גרודזשאָנדז, אונטערזוכונג	100	ביאלא פּאָדלאסקע	55
שעדלעץ	400	טשענסטאָכאָוו	54
פּיעטריקאָוו	300	וולאָצלאוועק	100
לאָדזש (גדאנסקע)	200	קוטנע	50
לאָדזש (טארגאָווע)	120	לוויוויטש	40
שעראדז	110	פּולטוסק	18
לענטשיץ	100	פּלאָנסק	20
וואַרשע (מאָקאָטאָוו)	120	שערפּץ	5
ווארשע (צענטראלע)	200	גראָיעץ	12
ווארשע (סערביע)	100	אָסטראָלענקא	15
ווארשע (פּאוויאק)	30	קראָקע	200
פּלאָצק	150	טאַרנאָוו	110
לאָמזשע	110	זשעשאָוו	55
לובלין	220	יאסלע	20
קעלץ	150	דזשאַנאָוו	60

וואַדאָוויץ	30 —	ראַוויטש	120 —
אָשוויענטשים	20 —	פּויזן	70 —
דזשעלין	45 —	בידגאָשטש	50 —
ריענעק	20 —		
קאַטאָוויץ	120 —	צוזאַמען	5.149 —
מיסלאָוויץ	220 —	אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד	5.000 —
לובליניעץ	30 —	קלענערע טורמעס	1.700 —
ווישניץ	20 —		
קאראנאָווא	180 —	צוזאַמען	11.849 —

דאָס זענען ציפערן פאַר דער ערשטער העלפט 1933 יאָר. די מערסטע אַרעסטירטע,
וואָס זענען געזעסן אין טורמעס אין 1933, זיצן נאָך איצט אויך, און עס זענען צו=
געקומען אַ סך מער נייע קרבנות. די צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע דערגרייכט שוין
איצט די ציפער 15.000.

„ פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע
אין פּוילן“
בוילעטין פון צענטראַל=קאָמיטעט
פון די פּאַטראָנאַטן פאַר די פּאָליטישע
אַרעסטירטע אין פּוילן נום. 2, מאַי 1935,
ניו=יאָרק.

ציטשריפטן — בראָשורן

רשימה פון יידישע צייטונגען, איינמאָליקע אויסגאבן, צייט־שריפטן, בראָשורן אַרויסגעגעבן דורך דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון פוילן, לינקע פראָפ־פאַריינישע און אידעיש־נאָענטע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס

אין די יאָרן 1919—1939

צונויפגעשטעלט פון דעם מיטאַרבעטער פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט
אין וואַרשע

ישראל שיין

אין דעם אימפאָזאַנטן יובל פון 40 יאָר קפּפּ האָט אויך נישט געקאָנט פאַרפעלן אַזאַ וויכטיק פאַרטייאישער אָפּשניט, ווי ס'איז געווען דאָס געדרוקטע רעוואָלוציאָנערע יידישע וואָרט.

די קאָמוניסטישע אויסגאבעס, אַפילו די, וואָס זענען צום לייענער דערגאַנגען עפנטלעך, שוין נישט פאַרוועגט, האָבן אויך צו יענער צייט דורכגעמאַכט אַלע שוועריקייטן, וועלכע זענען ספּעציפיש פאַר אַ פאַרטיי, וואָס לעבט און שאַפט אין אומלעגאַלע באַדינגונגען. דער האַגל פון רדי־פות, האָט געמוזט גורם זיין, אַז ס'רוב פון די דערשינענע צייטונגען אָדער פעריאָדיקעס האָבן זיך געהאַט דעם חותם פונעם צענזאָר. דאָס מערקט זיך תיכף אין די ווייסע בלויזן פון איינצלנע אַרטיקלען אָדער אין דער ריזיקער צאָל פון קאָנפיסקירטע אויפלאַגעס מיט אַ בפירושן אָנדייט צו דער ליקווידאַציע פון דער צייטונג גופא. ביי אַזאַ סיסטעם פון שיקאַנעס האָט קיין איין צייטונגס־טיטל נישט געקאָנט מער דערגרייכן ווי אַ סכום פון עטלעכע צענדליק נומערן.

די יידישע קפּפּ־אויסגאַבעס זענען דערשינען אויפן שטח פון גאַנץ פוילן און האָבן ארומגענומען אַ ריי שטעט, ווי וואַרשע, לאָדזש, קראָקע, לעמבערג, ווילנע און אַנדערע. די גרעסטע צאָל געדרוקטע פּאָזיציעס האָבן אויף זייער חשבון צום פאַרצייכענען לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, פּיעטר־קאָוו. אין פּיעטרקאָוו זענען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן קאָמוניסטי־שן פאַרלאַג „אונדזער וועג“ אַ צאָל בראָשורן פון פּאָליטיש־וויכטיקן באַדייט.

צוליב פּאָרזיכט־טעמים באַהאַלטן זיך די פּאַקטישע אויטאָרן פון גרעסטן טייל בראָשורן און צייטונגען אונטער פּסעוודאָנימען און קריפּ־טאָנימען. די אמתע פאַמיליע־נעמען איז אונדז געלונגען פעסטצושטעלן בלויז פון אַ טייל. מיר דעשיפרירן זיי ביי יעדער אָנגעגעבענער פּאָזיציע.

די פאָרגעלייגטע רשימה איז צונויפגעשטעלט אין א כראָנאָלאָגישן סדר, וועלכער גיט א בעסערע מעגלעכקייט אָנשוילעך צו ווייזן די האַסטיקע אַנטוויקלונג פון דער יידיש־קאָמוניסטישער פּרעסע אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן.

ס'וואָלט אויף זיכער נישט אַנטשפּראָכן דער ווירקלעכקייט, ווען מיר זאָלן אין דער ארבעט נישט זען אומפּינקטלעכקייטן ביי דער אָדער יענער פּאָזיציע. פאַר יעדע ריכטיקע באַמערקונג פון לייענער דאַנק איך פאָרויס.

כ'האלט אויך פאַר מיין חוב עפנטלעך אויסצודריקן מיין טיפסטן דאנק אַלע חברים און פריינד, לאנגיאָריקע טוער פון דער קאָמוניסטישער באַ־וועגונג אין פוילן פאר זייער ביישטייער מיט וויכטיקע ביבליאָגראַפישע ידיעות צו דער פאָרגעלייגטער רשימה.

דער מחבר

I

צײַטשריפטן

צום קאַמף

צענטראַל־אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן

דערשינען אין יאָר 1918, פריער אַלס אָרגאַן פון דער סדקפּל (עטלעכע נומערן); און שפּעטער ביזן יאָר 1938 אַלס אָרגאַן פון דער קפּפּ.

די ערשטע רעדאַקציע=מיטאַרבעטער: אברהם ווייצבלום („שכנא“, „קאַראָלסקי“), ה. זאַטאָרסקי, („סטאַשעק“), משה טירמאַן („זשיוויאָל“), מאַקס ווײַנער (סעקרעטאַר).

אין שפּעטערדיקן פּעריאָד: יצחק גאָרדין, שאול אַמסטערדאַם (הענריק האָוואַסקי), שמעון זאַכאַריאַש, יוסף לעוואַרטאָווסקי, ציממערמאַן (יוליאַן מײַסקי), שלמה (משה), לעווין, דוד ריכטער, מ. טאַבאַטשניק (מיכאל מירסקי).

פאָלגנדיקע נומערן געפינען זיך אין אַנשטאַלט פאַר פּאַרטיי=געשיכטע ביים צ. ק. פּזפּר: נומ. 19 (אַפּריל 1924), נומ. 22, 23 (יאַנואַר — פעברואַר 1925), נומ. 4 (אָקטאָבער 1928), נומ. 1 און 10 (יאַנואַר —דעצעמבער 1929), נומ. 1 (פעברואַר 1930), נומ. 1 (1933), נומ. 2 (1935), נומ. 1 (1937).

בוי־אַרבעטער

צווייוואָכנשריפט אָרגאַן פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון בוי־אַרבעטער

וואַרשע. נומ. 21 — 1 1920—1919

ערשטער נומער דערשינען דעם 15=טן מאַי. דעם 11=טן יולי 1920 האָט די פּאָליצײַ צוזאַמען מיט זשאַנדאַרמעריע דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע, אַרעסטירנדיק עטלעכע און דרײַסיק מאַן. אויפן סמך פון אַ פאַראָרדענונג, אויגוסט 1920, פון דעמלטיקן רעגירונגס=קאָמיסאַר פר. אַנוש איז די צײַטשריפט געוואָרן פאַרבאָטן און דער רעדאַקציע=לאָקאַל — פאַרחתמעט. די רעדאַקציע האָט זיך געפונען אויף נאָוואָליפּיע 30, און פאַר געלט=איבערווײַזונגען איז אָנגעגעבן דער אַדרעס פון פּאָלאַ דימענטמאַן, וואַרשע — שוויערסקע 13/21, רעדאַקציע=מיטאַרבעטער: פישער, אברהם ווייצבלום („שכנא“, „קאַראָלסקי“), ראָמאַנטיק, הענריק זאַטאָרסקי.

דער כאַווער

צענטראַל־אָרגאַן פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין פּוילן

וואַרשע. 1938—1924

אין דער רעדאַקציע האָבן מיטגעאַרבעט: הערש גאָלדפינגער, יצחק גאָרדין, אַלעק זאַטאָרסקי, אַדאַם יעראָזאָלימסקי, אַדעק ליכטנבוים, משה לעווין, ליבער מושינסקי („סטאַך“), אפרים פינקערט, חיים קאַפּלאַן, גיטעלע ראַפּאַפּאָרט.

אַרבעטער־לעבן

וועכנטלעכע אַרבעטער־צײַטונג,

ווילנע. נומ. 6 — 1 1921

רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער — אברהם שאַוועל.

נאָך דעם 6=טן נומער האָט די מאַכט אָפּגעשטעלט די צײַטונג און דעם רעדאַקטאָר אברהם שאַוועל אַרעסטירט.

ביולעטין פון דער אָרגאַניזאַ־ציאָנס־קאָמיסיע פון די אַר־בעטער דעלעגאַטן־ראַטן פון שטאָט און דאָרף

ווארשע, 1־טער מאי 1919.

דער גלאָק
(וואָכנבלאַט)

ווארשע נומ. 3—1 (יוני—יולי) 1921

פאַקטישער רעדאַקטאָר: וויקטאָר פּריש־מאַן.

אויפן סמך פון אַ געריכטס־אורטייל פון 13 אויגוסט 1921 האָט דער רעגי־רונגס־קאָמיסאַר אין ווארשע פאַרווערט די טעטיקייט פון דער רעדאַקציע און דעם לאָקאַל אויף נאָוואָליפּיע 39 פאַרחתמעט.

טאָג־צייטונג

29 סעפּטעמבער — 1922
ווארשע. 6 אָקטאָבער — 1922

רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער אלתר גאָלדמאַן (לוציאַן מאַ־רעק) 6 זייטן.

די טאָג־צייטונג איז געווען געווידמעט דער וואַל־אַקציע צום סיים לטובת די קאַנדידאַטן פונעם „פאַרבאַנד פון פּראָלע־טאַריאַט פון שטאָט און דאָרף". צום אָר־גאַניזיר־קאָמיטעט האָבן געהערט: דער סיים־דעפּוטאַט — סטאַניסלאַוו לאַנצוצקי, פאָרזיצער פון בוי־פאַריין — שטשעפּאַן ריבאַצקי, רעדאַקטאָר פון „קולטורא־ראַ־באָטניטשאַ" — יאַן העמפּעל און דער מיטגליד פון דער צענטראַלער קאָמיסיע און פאָרזיצער פון פּראָפ־פאַריין פון האַנדלס־ און ביוראָ־אָנגעשטעלטע אין ווארשע — יאַקוב דוטלינגער.

אונדזער וועג
אייגנטאָגבלאַט

ווארשע. 15 אפּריל 1923.

רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער דוד דאַנציגער, וואָלינסקע 20. 18 זייטן.

דאָס לעבן
וואָכנשריפט

נומ. 19—1 1923
קראָקע. נומ. 18—1 1924

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער ב. האַלפּערן און שפּעטער מ. ראָטענבערג. דרוקעריי י. דייטשער. 8 זייטן.

אין דער צייט פון קראָקעווער אַרבע־טער־אויפשטאַנד (6 נאָוועמבער 1923) איז די צייטונג דורך דער מאַכט געוואָרן פאַר־באָטן. ס'האָבן זיך אָבער צו יענער צייט, באַוויזן אַ גאַנצע ריי איינמאָליקע אויס־גאַבן: „לעבן", „אונדזער לעבן", „אַר־בעטער לעבן", „דאָס פרייע לעבן", „צום ניי יאָר — דאָס לעבן".

רעדאַקציע־קאָלעגיע: שאול אַמסטער־דאַם, (הענריקאָווסקי), גרשון דוא־באָגען, יצחק גאַרדין, יוסף לעוואַרטאָווסקי, יו־ליאַן מייסקי (סעקרעטאַר).

וואַלבלאַט
איינמאָליקע אויסגאַבע

לאָדזש. 25 אפּריל 1924

אַרויסגעבער: וואַל־קאָמיטעט פון דער „לינקער ריכטונג" צו די וואַלן אין די קראַנקן־קאַסעס ביי די פּראָפ. קלאַסן פאַ־ריינען פון לאָדזש און אומגעגנט. 8 זייטן.

די צייט
וואָכנשריפט

לעמבערג. נומ. 15—1 1924

רעדאַקציע־קאָלעגיע: שאול אַמסטער־דאַם (הענריק הענריקאָווסקי), יצחק גאַר־דין, גרשון דוא־באָגען, יוליאַן מייסקי (סעקרעטאַר) און יוסף לעוואַרטאָווסקי.


1883—1933

וואַרשעווער קאָמיוגיסט

איינמאָליקע מאַי־אויסגאַבע פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט פאַרבאַנד אין פוילן

וואַרשע, אַפּריל 1925

רעדאַקציע־קאָלעגיע: ה. גאָלדפינגער און ישׂשכר ראַוויטש. די רעדאַקציע צוזאַמען מיט דער גאַנצער אויפלאַגע זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי (גענשע 73).

די וואָך

צווייוואָכנבלאַט

נומ. 1—21 1925
לעמבערג, נומ. 22—28 1926

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער עליאַש פינק.
6 זייטן.

פון 10־טן יוני דערשיינען 3 מאָל אַ חודש: יעדן 1, 10, 20־טן. אין חודש אַפּריל פון יאָר 1926 האָט די מאַכט פאַרווערט דאָס דערשיינען די צייטונג און אַרעסטירט דעם רעדאַקטאָר עליאַש פינק.

אונדזער רוף

איינמאָליקע אויסגאַבע פונעם יונגן האַנדלס־אָנגעשטעלטן

וואַרשע, אָקטאָבער 1926
העקטאָגראַף.
8 זייטן.

באָלשעוויק

אָרגאַן פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין מיירעוו־ווייסרוסלאַנד

ווילנע, נאָוועמבער נומ. 1 (2) 1926

דער טאָג

איינטאָגבלאַט

וואַרשע, 21 מאַי 1926

די גאַנצע אויפלאַגע קאָנפיסקירט.
רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער: מ. ווייסבראָט. דרוקעריי — „רעקאָרד“.

דעם 22 מאַי 1926 איז דער רעדאַקטאָר געוואָרן צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דער יונגער פּראָלעטאַריער

איינטאָגבלאַט

וואַרשע, 16 יולי 1926

8 זייטן.

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער חיים בוימוואָל — פאַנסקע 51.
רעדאַגירט ה. גאָלדפינגער.

דער מאָרגן

וואָכנצייטונג

נומ. 1—[?] 1926
1—16 1927
סטאַניסלאַוואָו, 3 —1 1928

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער דוד ווייטצנער און שפּעטער אַדאָלף דרעשער.

פאַר דער אַרבעטער־איינהייט

איינטאָגצייטונג

צו די בריסקער שטאָטראַט וואַלן.

25 יוני 1926
בריסק (קאָנפיסקירט)
4 זייטן

פאַר דער אַרבעטער־איינהייט

איינטאָגצייטונג

צו די צווייטע בריסקער שטאָט־ראַט וואַלן.
8 סעפּטעמבער 1926.
4 זייטן.
בריסק (קאָנפיסקירט)

רעדאַקטאָרן: יאַנקל פרישמאַן און יוסף פורמאַנאָוויטש, אַרויסג. און צוזאַמענגעשטעלט דורכן וואַל־קאָמיטעט פון די לינקע פראָפ.־פאַריינען — געדרוקט אין דער דרוקעריי פון טענענבוים.

דער פריידענקער

אָרגאַן פון פריידענקער פאַרבאַנד אין לאָדזש

יידישע סעקציע אין לאָדזש.

נומ. 5—1 1926
נומ. 16—6 1927־1928

איינטאָגבלעטער

1. נייער פריידענקער

מערץ — אַפּריל;

2. פראָלעטאַרישער פריידענקער

יולי;

3. פריידענקערוואָרט

סעפּטעמבער;

4. פון פראָפעסיאָנעלן לעבן אין לאָדזש

ביילאַגע צום פריידענקערוואָרט
וואַרשע 1926
לאָדזש. סעפּטעמבער 1928

אַרויסגעבער: יאַן האַגנעמאַן
פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר: ר. מ. קאָפּלאָוויטש. רעד. קאָלעגיע: פּייוול בערלינער, מאַרעק גינזבורג, ראָמאַן שיעראַדזקי. מיט דער טעכניש־אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט האָט זיך פאַרנומען: דוד בירענצווייג.

אויף דער וואַך

אָרגאַן פון דער רויטער יוגנט ביים האַנדלס־אָנגעשטעלטן פאַריין נאָוואָליפּקי 38

דערשיינט דעם 1־טן יעדן חודש.

העקטאָגראַף.
וואַרשע, 1926

אונדזער רוף

חודש־שריפט

אָרגאַן פון מור.[ראַנאָווער] ד.[זשעלניצאָווער] קאָמ.[יטעט] באַם וו.[אַרשעווער] ק.[אָמיטעט] פון דער ק.[אָמוניסטישער] פּ.[אַרטיי] פון פּוילן

שאַפּיראָגראַף
וואַרשע. נומ. 4—1 1927

דער טעקסטיל אַרבעטער

איינטאָגבלאַט

וואַרשע, 1 דעצעמבער — 1927

פאַראַנטוואָרטלעכער רעד. יאַנקל געווירץ, גענשע 39. אַרויסג.: פראָפ. פאַריין פון אַרבעטער און אַרבעטערינס אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין פּוילן. 2־טער אָפּטייל אין וואַרשע פּאַוויע 48.
16 זייטן.

רעדאַקטאָר: מענדל סקראָבעק — סעקרעטאַר פון טעקסטיל־פאַריין. מיטאַרבעטער: אַבע פלוג, אַבע קאַנטאָר, אברהם ראָזענפעלד און יודל ראָזענפעלד.

דער פראָפעסיאָנעלער אַרבעטער

איינטאָגבלאַט

געווידמעט די אינטערעסן פון די אַרבעטער אין די באַקליידונג־ און לעדער־פאַריינען.
פּיעטרקאָוו. 21 פעברואַר 1927.

רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער: ח. לייזעראָוויטש.
דרוקעריי: מ. ראָזענשטיין.
82 זייטן.

פראָפעסיאָנעלע לעבן

איינטאָגבלאַט

לאָדזש. 21 אַפּריל 1927.
רעדאַקטאָר: הערשל קרוק.
דרוקעריי: ד. שטשעצינסקי, לאָדזש נאַרוטאָוויטש 11.

5281

ש. סאקאלאווסקי

צו א געפאנגענעם פון ציוניזם

1878

ווארשא — 1934

פּיאָנער

חודש־זשורנאַל

פאַר ארבעטער־קינדער

נומ. 1, יאַנואַר 1927.
העקטאָגראַף
ווארשע.

אונדזער וואָרט

קראָקע. נומ. 11—1 1929—1928
פאַראַנט. רעד. און ארויסגעבער ד ו ד טשאַרנאָכא, בזשאָזאָווא 14.
12 זייטן.
די צייטונג איז אָפּט דערשינען אַלס איינמאָליקע אויסגאַבע. רעדאַקציע־סעקרע־טאַר: יוליאַן מייסקי.

ארבעטער און פויערן־איינהייט

איינמאָליקע אויסגאַבע

לעמבערג. אפּריל — 1928
פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר קאַראַל שמאַל.
4 זייטן.

ארבעטער און פויערן סאָלידאַריטעט

איינמאָליקע אויסגאַבע

לעמבערג, 1 מאַי 1928 — פארלאַג קאראל שמאל.
6 זייטן.

דאָס לעבן

איינטאָגבלאַט

קראָקע. 16 יאַנואַר — 1928
אדרעס פאַר געלט אברהם קערבעל יוזעפּא 8.
רעדאַקטאָר: יוליאַן מייסקי.
8 זייטן.

נייע געדאַנקען

איינטאָגבלאַט

קראָקע. — 1928
8 זייטן. קאָנפיסקירט.
ארויסגעבער און פאַראַנטוו. רעד. אברהם קערבעל.

ליטעראַרישע טריבונע

צייטשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק

פון נומ. 34 איבערגעגאַנגען פון אַ חודש־שריפט — אויף אַ צווייוואָכנשריפט.
דער ערשטער נומער דערשינען דעם 1־טן אַפּריל.

1930	8 —1	
1931	23—9	
1932	37—24	
1933	43—38	לאָדזש.

פאַראַנט. רעד. און ארויסג.: יאַקוב אייזענמאַן. רעדאַקציע און אַדמיניס־טראַציע, זשעראָמסקי 85 וו. 27. דרו־קעריי „דיאַמאַנט", קילינסקי 50 און דרוקעריי פון מ. ראָזענשטיין, פּיעטרקאָוו — פּל. טריבונאַלסקי 4.
16 זייטן.
גרינדער פון דער צייטשריפט זענען געווען: י. אייזענמאַן, מ. מאַרקעוויטש און ר. שיעראַדסקי.
דער צוזאַמענשטעל פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע האָט זיך אין משך פון 33—1930 עטלעכע מאָל געביטן. פאַר דער צייט זענען אין איר געווען פאַרטראָטן לויטן א"ב: לעאָן באַומגאַרטען, איזאַק דויטשער, בינעם העלער, יאַקוב וואַסערמאַן, הענריק זאָלאָטאָוו, משה לעווין, בער מאַרק, מיכאל מירסקי, דוד ספּאַרד, יוסף ראַבי־נאָוויטש. דוד ריכטער.
מיטארבעטער: נחמן בליץ, הערץ בערגנער, אברהם גוטערמאַן, סט. וויגאָדזקי, ש. וואָלמאַן, קלמן ליס, זיסקינד ליעוו, דוד מיצמאַכער, כלאָונע קאַ־גאַן, שמערל קאַטשערגינסקי, משהקנאַפּהיים, משה שול־שטיין, בנימין שלעווין, און יאַנקל שפּאַן.
פּסעוודאָנימען: א. קאָוואלסקי, ב. מאַר־קוס — בער מאַרק. משה ליטווין — הענ־ריק זאָלאָטאָוו.

טריבונע

צייטשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק

[המשך פון „ליטעראַרישע טריבונע"]

1—14 1933

טשענסטאָכאָוו. 15 1934

פאָראַנטוו. רעד.: מ. ווייסבערג. דרוקעריי „שטוקאַ", טשענסטאָכאָוו, אַל. פון דער פּאַננע מאַריע 22.

20 זייטן.

קעמפער און ווייַלער

פון לאָדזש און אומגעגנט

לאָדזש. 10 נאָוועמבער — 1930

פאַראַנטוו. רעד. און אַרויסג.: דוד גליקסמאַן.

4 זייטן.

פרייע טריבונע

וואָכנשריפט

דער ערשטער נומער דערשינען דעם 24 אויגוסט.

1—19 1930

לאָדזש. 20 1931

פאַראַנטוו. רעד. און אַרויסג. אברהם שורעק. דרוקעריי „דיאַמאַנט", קילינסקי 50.

12 זייטן.

דעם 9־טן יאַנואַר 1931 איז דערשינען דער נומ. 1 „יוגנט־בייל אַגע" צו דער וואָכנשריפט „פרייע טריבונע".

רעד.־קאָלעגיע: אהרן וואָל, שמעון זאַכאַריאַש, משה לעווין און יוליאַן מייסקי. אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „קסיאַנזשקאַ" אין לאָדזש.

אונדזער נייער־רוף

אָרגאַן געווידמעט די אינטערעסן פון דער אַרבעטער־יוגנט

איינמאַליקע אויסגאַבע

וואַרשע. יוני — 1931

8 זייטן.

אַרויסגעגעבן דורך אַ לינקער גרופּע אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט".

דאָס וואָרט

וואָכנבלאַט

לעמבערג. 1—8 1931

פאַראַנטוו. רעד. און אַרויסגעבער: יוזעף ריסלער. דרוקעריי „שטוקאַ".

8 זייטן.

פאָרויס צום ציל

וואָכנבלאַט

אַרויסגעגעבן דורך אַ פּועלי־ציון־אָפּאָזיציע

וואַרשע. 1—4 1931

פאַראַנטוואָרטלעכער רעד. און אַרויסג. מ. קאָפּעלמאַן, מוראַנאָווסקע 31.

12 זייטן.

רעד.־קאָלעגיע: לעאָן באָומגאַרטען, מאַרק באָומקאָלער.

פרייע שטימע

וואָכנבלאַט

לעמבערג. 1—10 1932—1931

רעדאַקטאָר און אַרויסג.: שלמה שטערנבאַד. דרוקעריי „שטוקאַ", פּל. סטשעלעצקי 2.

8 זייטן

מיטאַרבעטער: יעקב שודריך, לעאָן פּאַסטערנאַק.

די שטימע

וואָכנבלאַט

לאָדזש, נומ. 1—3 1931

פאַראַנטוו. רעד. און אַרויסג. יאַנקל שניפּער.

8 זייטן.

דאָס לעבן

איינמאַליקע אויסגאַבע

וואַרשע. מאַי—1931

290

Cena gr. 40

[stamp]

M. Rywes

Z zagadnień ruchu proletarjatu żydowskiego w Polsce

TREŚC:

1) Położenie ekonomiczne i ucisk narodowy mas żydowskich . 3
2) Burżuazja żydowska a masy żydowskie 9
3) Socjalfaszyzm żydowski 18
4) Rola KPP w środowisku żydowskiem a nasze zadania . 26

Wydawnictwo
„Nowego Przeglądu"

Listopad — Grudzień 1931

מ. ריוועס איז דער פסעוודאָנים פון שלמה (משה) לעווין.

אונדזער וועג

אָרגאַן פון דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטס־פּאַרטיי (איאַפּ)

דערשיינט יעדן חודש

פון נומ. 8 — צווייוואָכנשריפט.

פון נומ. 22 — וואָכנשריפט.

דעם 8־טן אַפּריל איז „אונדזער וועג" דערשינען ווי אַן איינמאָליקע אויסגאַבע.

דער ערשטער נומער דערשינען דעם 1 פעברואַר

1—16	1932
17—44	1933
45—72	1934

לעמבערג.

פּאַראַנטוו. רעד. און אַרויסג. ל ײ ב קאַמערמאַן.

8 זייטן.

אין חודש נאָוועמבער 1931 איז אַנטשטאַנען אין לעמבערג אַ לעגאַלע אָרגאַניזאַציע א. נ. „אַלגעמיינע יידישע אַרבעטס־פּאַרטיי" (איאַפּ).

דער „איאַפּ" האָט ענג צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־אוקראַינע (קפּזאו).

די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון: הערש ברייער, עמיל האָם, אהרן וואַל, יאַקוב עגיט און לייב קאַמערמאַן.

הויפּט־רעדאַקטאָר: מרדכי (מאַרק) באָומקאָלער.

מיט דער טעכניש־אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט האָט זיך פאַרנומען דער חבר ה. קעף.

די אַרבעטער שטימע

איינטאָגיקע אויסגאַבע

לעמבערג. פעברואַר — 1932

דרוקעריי „ליטעראַצקאַ".

די גאַנצע אויפלאַגע איז געוואָרן קאָנפיסקירט.

יונגער קאָמוניסט

אָרגאַן פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון מייראָו־ווייסרוסלאַנד

ווילנע. (14) 3 1932

אונדזער שטימע

צווייוואָכנשריפט

נומ. 1 — 1 דעצעמבער 1933

נומ. 2 — 10 יאַנואַר 1934

שעדלעץ.

רעד. און אַרויסג. י. אייזענבערג, קילינסקי 29. דרוקעריי „עקספּרעס", שעדלעץ פּזשעכאַדניאַ 6, אַדרעס פאַר געלט: פּ[סח] סטאַצקי, וואַרשע, פּל. פּאַריסאָווסקי 12/4.

6 זייטן.

איבערבוי

חודש־זשורנאַל

דער ערשטער נומער דערשינען אין אַפּריל.

	1— 9	1933
	10—21	1934
וואַרשע.	1— 4	1935

רעד. און אַרויסג.: מאַרק ראַקאָווסקי.

32 זייטן.

מיטאַרבעטער: משה לעוויז, ב. מאַרק, מ. מירסקי, א. פּערעלמאַן, דוד ריכטער.

איבערבליק

איינמאָליקע אויסגאַבע

ווילנע. 25 יולי—1933

רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער מיכאל קאָזלאָווסקי.

15 זייטן.

פרייער געדאַנק

איינמאָליקע אויסגאַבע

וואַרשע. 25 נאָוועמבער — 1933

פּאַראַנטוו. רעד.: ברוך גאָלדבערג, וואָלינסקע 16. דרוקעריי „פּלאַרידאַ".

4 זייטן.

אויפבוי

איינמאָליקע אויסגאַבע

ווילנע. סעפטעמבער — 1934

6 זייטן.

„אויפבוי" איז דערשינען אין אויפטראָג פון איציק וויטענבערג. די אויפלאַגע איז געווען געווידמעט דעם געדאַנק צו באַזעצן יידן אויף ערד אין ביראָבידזשאַן.

ווינשאַפטלעכער זשורנאַל

צייטשריפט פאַר קולטור און וויסנשאַפט

דערשיינט 2 מאָל אין חודש

ערשטער נומער דערשינען דעם 30־טן אָקטאָבער

	1—5	1934
לעמבערג.	? —1	1935

פאַראַנטוו. רעד. און ארויסג.: הערמאַן פאַסטערנאַק. דרוקעריי „אַלפאַ", בלאַכאַרסקע נום. 8

12 זייטן.

ארויסגעבער: מ. האַהן; מיטאַרבעטער: ישראל אשענדאָרף, נחום באָמזע, יעקב שודריך.

יוגנט־בליץ

צווייוואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און פּאָליטיק

וואַרשע. נום. 1 1934

פאַראַנטוו. רעד.: סטעפאַן וואַלאַווסקי. אדרעס פון רעדאַקציע: קראָכמאַלנע 3.

12 זייטן.

מיטאַרבעטער: א. קוואַטערקאַ און ס. קרישטאַל. ארויסגעבער: צענטראַלע יידישע ביוראָ ביים צ. ק. פון קאָמ. יוגנט־פאַרבאַנד אין פוילן.

עטיודן

צייטשריפט פאַר פּראָבלעמען פון קולטור און לעבן

ערשטער נומער דערשינען אָקטאָבער

1934 2 —1

	3—13	1935
ווילנע.	17—14	1936

דרוקעריי ש. רינדזונסקי. רעד. קאָלעגיע: ד"ר יעקב גאָרדאָן, מגר. שייע געזונטהייט, אהרן מאַרק, נ. צוקערמאַן און נחה ראַטנער.

20 זייטן.

רויטער פראָנט

אויסגאַבע פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מיירעוו־ווייסרוסלאַנד

ווילנע. נום. 2 — 1934

4 זייטן.

פריינד

טאָג־צייטונג

ערשטער נומער דערשינען דעם 20־טן אַפּריל

	1—234	1934
וואַרשע.	235—321	1935

4 זייטן.

פאַראַנטוו. רעד.: י. קאָן, ארויסגעבער: ב. קלעצקין.

דעם „פריינד" האָבן רעדאַגירט קאָמוניסטן און אומפּאַרטייאישע אַנטיפאַשיסטן. די צייטונג האָט געקעמפט קעגן סאַנאַציע־רעזשים, פאַר דער אידעע פון אַ ברייטן פאָלקס־פראָנט. דער „פריינד" איז געווען די איינציקע אַנטיפאַשיסטישע יידישע טאָג־צייטונג, וואָס האָט דערגרייכט אָן איבעררייס אַזאַ סכום נומערן.

רעדאַקציע־קאָלעגיע: אלתר קאַציזנע (שעף־רעדאַקטאָר), ש. לעוו, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, בער מאַרק, ד"ר דוד ספאַרד, ד"ר זעני עלבירט (רעדאַקציע־סעקרעטאַר), א. פּשעפּיורקע און דוד ריכטער.

מיטאַרבעטער:

ברוך אָליצקי, גאָלדבראָך, מילטשטיין, גרין, פאָלקהאָל־

פֿאַרלאַג „אונזער ביבליאָטעק" פּיעטריקאָוו.

נומער 2. 1933.

פערין, בינעם העלער, משה לעווין, דוד מיצמאַכער, אינזש. פינעס, משהל פאַלטענבערג, קוטשער, י. קיטאי, זלמן רייזין, שאול רייזין, ליבל רייזין, וואָלף שירזשיק.

פסעוודאָנימען:

ד. לייבין — דוד ריכטער.
ש. יאַקובאָוויטש — משה לעווין.
בערל אַראָנאָוויטש — בער מאַרק.
ד. ראַווין — ד"ר דוד ספּאַרד.
ז. ע. — ד"ר זלמן עלבירט.

דער קילימאַר

איינמאָליקע אויסגאַבע

קאָלאָמיי. 22 דעצעמבער — 1934

פאַראַנטוו. רעד. און אַרויסג.: איזאַק שטענגעל. דרוקעריי ש. טייכער.

8 זייטן.

שטראַל

אילוסטרירטע ליטעראַרישע צווייוואָכנשריפט

וואַרשע.
אָקטאָבער, נאָוועמבער 1934
12 זייטן.

פאַראַנטוו. רעד. און אַרויסג.: ד. קערמאַנשטאַט.

רעד.-קאָלעגיע: דוד ריכטער, חיים קראַמאַזש, אברהם קוואַטערקאַ און שלמה קרישטאַל.

קינדער וואָרט

צווייוואָכנשריפט

(שאַפּיראָגראַף.)
וואַרשע. נומ. 1 1934

די וואָך

וואָכנבלאַט

	נומ. 1	1935
ווילנע.	17	1936

8 זייטן.

דערשינען יעדע וואָך ווי אַן איינמאָליקע מיניאַטור-אויסגאַבע א. נ. „וואָך“; „די וואָך“; „אַ נייע וואָך“ אאַז. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „די וואָך“ איז געווען באַסטאַצקי (ליאָסקע).

„די וואָך“ איז געווען דער המשך פון די איינמאָליקע אויסגאַבן „קורץ“; „דער קורץ“; „אַ קורץ“ אאַז. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון „קורץ“ איז געווען שלמה קרושאַנסקי. פאַקטישער רעדאַקטאָר פון „די וואָך“ און „קורץ“ איז געווען מאיר פּופּס.

וועלט איבערבליק

צווייוואָכנזשורנאַל

ערשטער נומער דערשינען אין אויגוסט.

	1—10	1935
וואַרשע.	11—18	1936

פאַראַנטוו. רעד.: ח. הייזשעריק און ל. בערגמאַן. אַרויסגעבער: מאַרק ראַקאָווסקי.

16 זייטן.

מיטאַרבעטער: משה לעווין, בער מאַרק און א. פערלמאַן.

פון דער וועלט

איינטאָגיקע אויסגאַבע

קאָלאָמיי. 5 — יולי — 1935

פאַראַנטוואָרטלעכער רעד. און אַרויסגעבער: דוד בינדער.

4 זייטן.

ליטעראַטור

צווייוועכנטלעכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קונסט

וואַרשע. 1—5 1935

אַרויסגעבער: א. ל. טאָף. דרוקעריי „גראַפיאַ“.

רעדאַקציע-קאָלעגיע: אלתר קאַציזנע, מיכאל מירסקי, דוד ספּאַרד.

זיבן טעג

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע וואָכנשריפט

אײנטאָגבלעטער:

אונדזערע זיבן טעג.
נייע זיבן טעג
די זיבן טעג

ערשטער נומער דערשינען דעם 22 נאָוועמבער 1935.

	6—1	1935
ווילנע.	3+20—7	1936

פאַראַנטוו. רעד.: אַ. פרידקין. אַרויסג. ב. קלעצקין. דרוקעריי פון ב. קלעצקין, קוואַשעלנע 23.

8 זייטן.

רעד.־קאָלעגיע: דוד ריכטער (הויפּט־רעדאַקטאָר), ה. גאָלדפינגער, י. לאַזעבניק, מ. מירסקי (רעד.־סעקרעטאַר), ה. שירזשיק.

מיטאַרבעטער: ישראל אשענדאָרף, נחמן בליץ, הערץ בערגנער, אברהם גוטערמאַן, מ. געלענבערג, בינעם העלער, א. ל. טאַף, קלמן ליס, אלתר קאַציזנע, יעקב שודריך.

פּסעוודאָנימען:

מ. געלער — מ. געלנבערג.

אַ. קליינער — דוד ריכטער.

ש. וואָלפזאָן, ל. ווערנער, ש. וו. — וו. שירזשיק.

Logos —אלתר קאַציזנע.

מ. גיטעליס, מ. מירטאַל, מ. מאָשקעוויטש — מ. מירסקי

וואָכנבלאַט

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע וואָכנשריפט

ווילנע. (יוני) 2. (מאַי) נומ. 1936

דרוקעריי ב. קלעצקין.

דערשינען אויפן אָרט פון די פאַרמאַכטע „זיבן טעג“ אין דעם זעלביקן רעדאַקציע צוזאַמענשטעל.

דער בליץ

איינמאָליקע אויסגאַבע

ווילנע, 17 אָקטאָבער 1936

פאַראַנטוו. רעד. און ארויסג.: אבֿרהם מאַקאָווסקי.

רעדאַקטאָר: מיכאל מירסקי.

דער יונגער דור

איינטאָגבלאַט

וואַרשע, 15 יאַנואַר 1936

רעדאַקטאָר און אַרויסג.: מ. גרוב, נאָוואָליפּקי 56.

16 זייטן.

געווידמעט די פּראָבלעמען פון געמיינזאַמען קולטור־פראָנט מיט דער אָרגאַניזאַציע „יוגנט“ אין פּוילן. מיטאַרבעטער: מ. גרוב, א. קוואַטערקאָ און ס. קרישטאַל.

פּאַרמעסט

צווייוואָכנשריפט פאַר קולטור־פראַגן און ליטעראַטור

וואַרשע. נומ. 2—1 1936

פאַראַנטוו. רעד.: ישראל משה גראָסמאַן, טלאָמאַצקע 13, וו. 62.

16 זייטן.

„פּאַרמעסט“ איז געווען געווידמעט די פּראָבלעמען פון א ברייט געאייניקטן קולטור־פראָנט צום קאַמף קעגן קולטור־באַרבאַריזם.

רעדאַקציע־קאָלעגיע: אלתר קאַציזנע, אדאָלף בערמאַן, נחמן מײזל, מיכאל מירסקי און דוד ספארד.

אינפאָרמאַציעס

איינמאָליקע אויסגאַבע

ווילנע. 1938

מיט דער אויסגאַבע האָבן אָנגעפירט די פּאַרטיי־אַקטיוויסטן ס. וויניצקי, שלמה קאַץ ביי דער מיטהילף פון מאיר פּופּס. פאַראַנטוו. רעד. איז געווען די סטודענטין אלפּס. די גאַנצע אויפלאַגע איז געוואָרן קאָנפיסקירט. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען די לעצטע קאָמוניסטישע אויסגאַבע אין ווילנע און אפשר אין גאַנץ פּוילן.

פארלאג „אונזער ביבליאטעק" פיעטרקאוו

מ. לאנדוי

35 יאָר אין דינסט פון דער בורזשואזיע

פיעטרקאוו 1933

II

בראשורן

איצקאָוויטש ה. [שלמה לעווין]

דער נייער ציוניסטישער טאַראַראַם און זיין באַדייטונג

פיעטרקאָוו — 1933. פארלאג „אונדזער ביבליאָטעק“, נומ. 4 אַרויסגעגעבן מ. ליפּשיץ. דרוק: מ. ראָזענשטיין.
63 זייטן.

אָפּענער בריוו...

פון 9 טויזנט רעוואָלוציאָנערן — פּאָליטישע ארעסטירטע אין פּוילן.
ווארשע — סעפּטעמבער — 1931. אויסגאבע פון צ.ק. מאָפּר.
6 זייטן.
אַנשטאַלט פאַר פאַרטיי־געשיכטע ביים צ. ק. פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פאַרטיי (פּזפּר)

באַל סאַמועל וו.

וועגן ריכטיקן אופן פון דענקען

(ארײנפיר אין היסטאָרישן מאטעריאליזם)
יידיש: ב. שליאמקאָוויטש.
לאָדזש — 1928. „פריידענקער פארבאנד“.
24+3 זייטן.

באַשלוסן...

פון 3־טן צוזאמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון מערב־אוקראַינע.
לעמבערג — 1929. אויסגאבע פון צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון מערב־אוקראינע.
132 זייטן.
אַנשט. פאר פאַרט. געש. סיגנ. 6928

בְרון יוליאַן

ווי אַזוי די בורזשואַזיע גרייט צו דעם איבערפאַל אויפן ראַטן־פאַרב.

אויסגאַבע צ. ק. קפּפּ.
העקטאָגראף.
10 בלעטער.

קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן

(סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל)

ביולעטין פון ביוראָ ביים צ. ק. פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד.
ווארשע — 1935.

ברענער י. [רינג יעזשי] *

בירגערלעכער סאָציאליזם אָדער ווען די אלטערס וועלן זיין ביי דער מאַכט

יידיש — מ. לעווין.
ווארשע — 1935. פארלאג „פריינד“,
ארויסגעבער ב. קלעצקין.
30 זייטן.

---

*) פארעפנטלעכט אין „נאָווי פּשעגלאָנד“ נומ. (74) 6, נאָוועמבער 1934 י. ז״ז 40—27 אונטערן פּסעוודאָנים ה. יעזש. איבערגעדרוקט פון יעזשי רינגס —

די געשיכטע פון א פאלשער טעאָריע

(זאמלהעפט)

די אנטוויקלונג און דאס וועזן פון טראָצקיזם

פיעטרקאָוו — 1934. פארלאג „אונדזער ביבליאָטעק" נומ. 10. ארויסגעבער י. באַראָן. 128 זייטן.

אינהאלט:

1) פנחס שטיינשטאל — די געשיכטלעכע אנטוויקלונג און דאס וועזן פון טראָצקיזם.

2) יאָסעף ס[טאַלין] — דער אָקטאָבער און טראָצקיס טעאָריע וועגן פערמאַנענטער רעוואָלוציע.

3) י. דזשו[גאשווילי] [סטאַלין] — די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט פון בויען סאָציאַליזם אין איין לאנד.

4) מענאַשע געלמאן — פון אָפּאָזיציע ביז יענער זייט באריקאַדע.

5) מ[שה] [לעווי]ן — טראָצקי און די אקטועלע פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

6) ה. יע—זש [יעזשיהערינג] — די נייסטע ענונציאציעס פון טראָצקין.

7) לייב ראַטנער [דוד ריכטער] — דער שלום־אַקאָרד.

ייהא סיגנ. 10581

דימיטראָוו

מיט אילוסטראציעס און אָפּהאנדלונגען פון ערגאָן קיש, אַנדריי זשיד, ראָמען ראָלאַן, אַנרי באַרביוס, יעלענאַ דימיטראָוואַ.

לעמבערג — 1935. פאַרלאַג „אונדזער וועג".

16 זייטן.

אויסגעוויילטע שריפטן. דערשינען אינעם אַנשטאַלט פאר פּאַרטיי־געשיכטע ביים צ.ק. פּזפּר. פאַרלאַג „קסיאָנזשקאַ אי וויעדזאַ", וואַרשע — 1957, ז"ז 387—369.

נאצ. ביבל. סיגנ. I 507174

העמפּעל יאַן

די צען געבאָטן

איבערגעזעצט פון דער צווייטער פוילישער אויפלאַגע

וואַרשע — 1928. ש. באַרענשטיין. 59 זייטן.

די בראָשור איז געוואָרן איבערגעזעצט דורך ש. וואָלמאַן און יודל געזונטהייט. ארויסגעגעבן דורך דער ביבליאָטעק „דאָס לעבן" אין וואַרשע.

נאצ. ביבל. סיגנ. I 502069

„געזוערד"

וואָס איז אַזוינס „געזוערד"?

וואַרשע — 1934. רעדאַקטאָר און ארויסגעבער: ח. צוקערמאַן, „איבערבוי" (מ. ראַקאָווסקי, אָטוואָצק.)

15 זייטן.

ווערנער ל.

צוריק אויף די אַלטע נאַציאָנאַליסטישע פּאָזיציעס

(צו די קהילה־וואלן)

ווילנע — 1936. פארלאג „קולטור". דרוקעריי קלעצקין.

15 זייטן.

נאצ. ביבל. סיגנ. II 618.142

דער 6־טער צוזאמענפאָר פון קפּפּ

(מאַטעריאַלן)

וואַרשע — יאַנואַר — 1933. ארויסג. דורכן צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פוילן.

32 זייטן.

אנשט. פאר פּארט. געש.

טולין נ. [לענין]

דער קראַך פון 2־טן אינטערנאַציאָנאַל

פאָרוואָרט: פּ. שעל

פּיעטרקאָוו — 1933. פאַרלאַג „אונדזער

פארלאג ,,אונזער ביבליאטעק"

די געשיכטע פון א פאלשער טעאריע

זאמלהעפט

[illegible] 1934

ביבליאָטעק", נומ. 8. אַרויסג. באַראָן.
77 זייטן.
ייהא. סיגנ. 10846

יאקובאָוויטש מ. [מ. לעווין]

דער ציוניזם צו זיין 17־טן קאָנגרעס

א וואָרט צו ציוניסטיש־געשטימטע אַרבעטס־מענטשן
לעמבערג — 1931, אַרויסג. יאַקוב ווינשטיין, זאמארסטינאָוו, גראָניטשנאַ 6אַ (קאָנפיסקירט).
74 זייטן.

די יידן אין ראטנפאַרבאַנד

צום 10־טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

באַאַרבעט דורך: ד. ב.
ווילנע — 1927. צ.ק. פון דער ק[אָמוניסטישער] פ[אַרטיי] מ[ערב] וו[ייסרוסלאַנד].
רשימה פון די אויסגאַבעס פון צ. ק.
הילע: פראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך — אין ווייסרוסיש, פויליש, יידיש, רוסיש און ליטוויש.
146+2 זייטן.

לאנדוי מ. [יוליאַן מייסקי]

35 יאָר אין דינסט פון דער בורזשואַזיע

פיעטרקאָוו — 1933. פאַרלאַג „אונדזער ביבליאָטעק", נומ. 3 אַרויסג. י. באַראָן.
60 זייטן.
ייהא סיגנ. 8326

מאַן ר.

ציוניסטישע געשיכטע־פעלשונג

(ספּעציעלער אָפּדרוק פון דער צייטונג „אונדזער וועג")
לעמבערג — 1934. „אונדזער וועג".
70 זייטן.
ייהא סיגנ. 10846

מאַניפעסט...

פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע רעפּובליקן.

קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פוילן

(סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל)
קאָמוניסטישע פאַרטיי פון מערב־ווייס־רוסלאַנד.
ווילנע — 1927. אַרויסג. פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ק[אָמוניסטישער] פ[אַרטיי] מ[ערב] וו[ייסרוסלאַנד]
30 זייטן.

מינדלין י. [יוליאַן מייסקי]

דער „בונד" אין 2־טן אינטערנאַציאָנאַל

לאָדזש — 1930. פאַרלאַג פון דער בוכהאַנדלונג „קסיאָנזשקאַ". דרוק. י. דיאַמאַנט.
44 זייטן.

נאָוואַקאָווסקי י.

יידישע ימים־טובים און „הייליקע" מנהגים

פיעטרקאָוו — 1933. פאַרלאַג „אונדזער ביבליאָטעק", נומ. 6. אַרויסג. י. באַראָן דרוק מ. ראָזענשטיין.
64 זייטן.

נאָוויק פּסח]

פאַלעסטינע אָן אַ פרוכת

ארץ־ישראל אין יאָר 1932
פיעטרקאָוו—(1932). פאַרלאַג „אונדזער ביבליאָטעק". אַרויסג. י. באַראָן. דרוק מ. ראָזענשטיין.
103 זייטן.

נייע מאָמענטן אין דער סי־טואַציע און די אויפגאַבן פון דער פאַרטיי

אָנגענומענע באַשלוסן פון פּאָליט־ביוראָ פון צ.ק. קפּפּ.

וואַרשע. פעברואַר — 1928.
6 זייטן.
אנטעט. פאר פארט. געש.

פּאָקאָלאָווסקי פּ.

צו אַ געפאַנגענעם פון ציוניזם

ספּעציעלער אָפּדרוק פון „איבערבוי“, נומ. 11. דרוקעריי „וויר“
וואַרשע — 1934
14 זייטן.

סטאַשעווסקא ה. (מ. זאָרסקא) און גרין ק. (ק. מירסקאַ)

די אונטערצינדער פון רייכסטאַג

דער פאַרלויף פון לייפּציקער פּראָצעס
וואַרשע — 1934. „צייט־בוך“
רעדאַקטאָר: דוד ריכטער.
52 זייטן.

סמיט וו.

ענגלאַנד קייקלט זיך כסדר אַראָפּ

יידיש: ב. שליאַמקאָוויטש.
לאָדזש — 1927. „קשאָנזשקא“. ארויסג. י. רייטשעווער.
16 זייטן.

עקער ה.

וואָס איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד?

פּיעטרקאָוו — 1933. פאַרלאַג „אונדזער ביבליאָטעק“. ארויסג. י. באַראָן. דרוק מ. ראָזענשטיין.
35 זייטן.
ייהא, סיגנ. 9310

קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן
(סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל)

די פּוילישע פראַגע אויפן V קאָנגרעס פון קאָמינטערן

וואַרשע — 1925.

פּלעכאַנאָוו ג.

גרונט־פראגן פון מארקסיזם

איבערגעזעצט פון רוסיש: א. דמשק און י. ראַבינאָוויטש.
וואַרשע — 1929. ארויסגעבער: ש. באָרענשטיין.
190 זייטן.
אַרויסגעגעבן דורך דער ביבליאָטעק „דאָס לעבן“ אין וואַרשע.
ייהא, סיגנ. 8058

פינק. וויקטאָר

אין בירא־בידזשאַנער טייגעס

וואַרשע — 1933. פארלאג „איבערבוי“. דרוקעריי „גראַפיא“.
46 זייטן.

קאַרל מאַרקס

1933 — זאמלהעפט — 1883

אינהאַלט: 1) 1933—1883. 2) קאַרל מאַרקס (ביבליאָגראַפישע סקיצע). 3) ענגעלסעס רעדע ביי מאַרקס קבר. 4) טולין [לענין]—די פילאָזאָפישע גרונט־יסודות פון מאַרקסנס לערע. 5) ד״ר וו. פריי [לענין] — די עקאָנאָמישע לערע פון ק. מארקס. 6) וו—טש. [לענין] — די טעאָריע פון סאָציאַליזם ביי מארקסן. 7) וו. אילין [לענין] — די טאַקטיק פון פּראָלעטארישן קלאסן־קאַמף ביי מארקסן. 8) פּ. שעל — 50 יאָר קאמף קעגן פעלשן און פארקריפּלען דעם מארקסיזם. 9) ל. ראבינאָוויטש — דער מארקסיזם פון דער נייעסטער עפּאָכע. 10) ר. ג—ן — די פראגע פון באָנאפּארטיזם ביי מארקסן און ביים היינטיקן טאָג. 11) ד. ר—וו — די געפעלשטע הקדמה צום „קלאסן־קאמף אין פראנקרייך“. 12) פון מאַרקסיסטישן קוואַל (ציטאַטן פון ק. מאַרקס און פ. ענגעלס שריפטן).
פּיעטרקאָוו — 1933. פאַרלאַג „אונדזער ביבליאָטעק“, נומ. 5. ארויסג. י. באַראָן
64 זייטן.
ייהא, סיגנ. 9973



קרופּסקאַיאַ נ.

לענין

(זכרונות)

יידיש: מ. ראַקאָווסקי.

וואַרשע — 1930. אַרויסגעבער פאַרלאַג מ. ראַקאָווסקי. דרוקעריי „פאָל“.

238 זייטן.

קאָמוניסטישע פאַרטיי אין פּוילן

(סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל)

רעזאָלוציעס פון III צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון פּוילן

וואַרשע — 1925.

קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פּוילן

(סעקציע פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל)

קאָמפּאַרטיי פון מערב־ווייסרוסלאַנד

רעזאָלוציעס פונעם 12 פּלענום פון אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן. (סעפּטעמבער 1932 יאָר)

ווילנע — 1932. אויסגאַבע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון ק.פּ.מ.וו.

אַנשט. פאַר פאַרט. געש.

שאַטען ש.

בריוו פון אַ בונדיסט צו בונדיסטן

רעדאַגירט דורך דוד ריכטער

צייכנונג אויף דער הילע פון א. גוטערמאַן.

פּיעטרקאָוו — 1933. פאַרלאַג „אונדזער ביבליאָטעק“, נומ. 2. ארויסג. י. באַראָן.

88 זייטן.

ייהא, סיגנ. 12290

קאָמבונד

צו דער געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג אין פוילן

מאַטעריאַלן און דאָקומענטן.

(וואַרשע) — 1922. ארויסג. דורכן לאַנד־עקזעקוטיוו פון יידישן קאָמונ. אַרבעטער־בונד (קאָמבונד) אין פוילן.

36 זייטן.

אַנשט. פאַר פאַרט. געש. סיגנ.1163

שאַך־אַנין מ.

(דר. מאַקס־אוריאַ ז. שאַך)

בירא־בידזשאַן נעכטן — היינט — מאָרגן

וואַרשע — 1933. פאַרלאַג „איבערבוי“.

96 זייטן.

ייהא, סיגנ. 1079

שירמאַן וו. [שירזשיק]

נייע וועגן אין דער לאַנדווירטשאַפט

(וועגן קאָלעקטיוויזאַציע און סאָציאַליזם אין דאָרף)

פּיעטרקאָוו — 1933. פאַרלאַג „אונדזער ביבליאָטעק“, נומ. 9, ארויסגעבער: מ. ליפּשיץ. פּיאָטרקאָוו־טריבונאַלסקי, דרוקעריי מ. ראָזענשטיין, פּיעטרקאָוו־טריבונאַלסקי 4.

61 זייטן.

ייהא, סיגנ. 8041

אַנשט. פאַר פאַרט. געש.

קירצונגען:

אנשט. פאר פארט. געשט.	— אנשטאלט פאר פארטיי־געשיכטע
ייהא	— יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט
נאצ. ביבל.	— נאציאָנאלע ביבליאָטעק
סיגנ.	— סיגנאטור

ביאָגראַפֿישע נאָטיצן

אייזען טביה — „טאַדעק“. געבוירן אין לאָדזש אין 1909. פון פאַך אַ זייד-וועבער. פון די יונגסטע יאָרן געווען טעטיק אין קאָמיוג און אין דער קפּפּ. חבר טאַדעק איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער אין רעוואָלוציאָנערן פראָפפאַריין פון די זייד-אַרבעטער אין לאָדזש. אָנגעפירט מיט זייערע שטרייקן און קאַמפן. חבר אייזען איז געווען איינער פון די אָנפירנדיקע חברים אויף די קאָנפערענצן פון די פאַבריקס-דעלעגאַטן אין לאָדזש.

פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט ווערט ער אין יאָר 1936 איינגעזעצט אין בערעזע, וווּ ער האַלט זיך זייער מוטיק און ווירדיק.

נאָך בערעזע פאָרט ער אָפּ קיין שפּאַניע. ער קעמפט אין דעם באַטאַליאָן אויפן נאָמען פון אַדאַם מיצקעוויטש. ער איז רעדאַקטאָר פון דער באַטאַליאָן-צייטונג און פאַרטרעטער פון פּאָליט. קאָמיסאַר. אין פעברואַר 1938 בעת דער גרויסער אָפּעראַציע אויפן עסטראַמאַדוער פראָנט פאַלט ער אין אַ שלאַכט.

אַנקערמאַן חיים — לאַנגיאָריקער קאָמוניסטישער טוער אין וואַרשע און וואַרשע—אונטערשטאָט. אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פון די ערשטע מיטגלידער פון דער פּפּר. איינער פון די אַקטיווסטע ביים אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ. אומגעקומען דעם 8-טן מאַי 1943 אין בונקער פון שטאַב פון דער יידישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע.

אַפּעלבוים משה — „משה ביאַלער“. אַ בוי-סטאָליער. אין דער קפּפּ פון אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן. פאַרוואַלטונגס-מיטגליד און איינער פון די פירער פון רעוואָלוציאָנערן פראָפפאַריין פון דער האָלץ-בראַנזשע. אָנגעפירט מיט די שטרייק-קאַמפן פון די אַרבעטער פון דער האָלץ-אינדוסטריע. פיל יאָרן געווען מיטגליד פון פאַרטיי-קאָמיטעט פון פּאָוואָנזקער ראַיאָן. געענדיקט די פאַרטיי-שול אין מאָסקווע. אין די יאָרן 1935—1936 געווען טעטיק אין לאָדזש אַלס סעקרעטאַר פון שניידער-פאַריין און אַלס פאַרטיי-אַקטיוויסט אין דער יידישער סביבה.

אין די יאָרן 1939—1941 אין סאָוויעטישן ביאַליסטאָק. בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע געווען טעטיק אין דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין ביאַליסטאָק.

אומגעקומען אין קאַמף מיטן היטלעריזם.

אַראָנשטאַם לאַזאַר — "אַרטור", „ברעטערסקי“. געבוירן אין 1896 יאָר. שטודירט יורי. אין 1915 טרעט ער אַריין אין דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פאַרטיי (באָלשעוויקעס) און איז טעטיק אין דער פאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פון כאַרקאָוו. חבר אַרטור איז אַן אָנטיילנעמער אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. בעתן בירגער-קריג און באַוואָפנטער אינטערווענץ איז ער פּאָליטישער קאָמיסאַר. ער קעמפט קעגן דעניקין און קאָלטשאַק. נאָכן בירגער-קריג ענדיקט חבר אַרטור אַ מיליטערישע אַקאַדעמיע.

אין 1922—1925 איז ער אין פּוילן און אַרבעט אין צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון מערב-ווייסרוסלאַנד. ער איז דעלעגאַט אויף דער IV פאַרטיי-קאָנפערענץ און אויפן III פאַרטיי-צוזאַמענפאָר פון דער קפּפּ. ער איז אויך דעלעגאַט אויף דער צווייטער און דריטער פאַרטיי-קאָנפערענץ און אויפן I פאַרטיי-צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון מערב-ווייסרוסלאַנד. אין 1926 ווערט ער אַרעסטירט און אין 1928 ווערט ער אויסגעטוישט און פאָרט אָפּ קיין ראַטנפאַרבאַנד. פון 1928 יאָר איז ער געווען אויף אָנפירנדיקער אַרבעט אין דער סאָוויעטישער

אַרמיי. אין יאָר 1937 ווערט ער אַרעסטירט אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּאַנעגדערלאָזן די קפּפּ.

באַלטיקאַקלים משה — „גוטמאַן" פּסעוודאָנימען — „מיכלין", „בעריל זעליוויטש." זיין פּאָליטישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן ביי די ס. ס., נאָכדעם געווען ביי די „פּאַרייניקטע". שפּעטער אַריבער צום „בונד". געווען מיטגליד פון ווארשעווער קאָמיטעט פון „בונד" און סעקרעטאַר פון ווארשעווער קולטור-אַמט. אין 1924 אַריינגעטרעטן מיט אַ גרופּע בונדיסטן אין דער קפּפּ. געווען סעקרעטאַר פון דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג פון פּראָפאַריינען פון דער באַקלייד-אינדוסטריע. אין 1926 יאָר, בעת די וואַלן צו דער קראַנקען-קאַסע, איז בעריל זעליקאָוויטש געווען סעקרעטאַר פון ווארשעווער וואַלקאָמיטעט פון דער לינקער ליסטע. געווען מיטגליד פון דער יידישער ביוראָ ביים ווארשעווער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. געזעסן אין תפיסה. שפּעטער געפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד. געאַרבעט אין „געזערד" אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר. אומגעקומען אַלס קרבן פון דער פּראָוואָקאַציע קעגן דער קפּפּ.

באָטווין נפתלי. געבוירן אין יאָר 1905. פון פאַך אַ קאַמאַשנשטעפּער. פון 1923 מיטגליד פון קאָמוניסטישן יוגנטפאַרבאַנד. דערשאָסן דעם פּראָוואָקאַטאָר צעכנאָווסקי דעם 28 יולי 1925. פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך שיסן. דער אורטייל אין אויסגעפירט געוואָרן דעם 6 אויגוסט 1925.

בוטשעק מאַריאַן. „שטורמער". געבוירן אין 1896 אין אַ דאָרף פון לובלינער וואָיעוואָדשאַפט. פון פאַך אַ שלאָסער. אַלס מיטגליד פון פּפּס טרעט ער אַריין אין 1915 אין די לעגיאָנען.

בעת דאַשינסקיס רעגירונג פון 1919 איז בוטשעק קאָמענדאַנט פון דער פאָלקס-מיליץ אין לובלין.

ווען די פאָלקס-מיליץ ווערט פאַר דער רעגירונג פון פּילסודסקי—מאָראַטשעווסקי אומבאַקוועם, און זיי באַשליסן זי פאַנאַנדערצולאָזן — איז מאַריאַן בוטשעק איינער פון די, וועלכע שטעלן זיך אַנטקעגן. ער ווערט צוליב דעם אַרעסטירט און זיצט 2 יאָר אין תפיסה. אין 1921, שוין אויף דער פריי, טרעט ער אַריין בראש פון אַ גרופּע פּפּסאָווצעס אין דער קפּפּ.

אין האַרבסט 1921 ווערט ער ווידער אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 8 יאָר תפיסה. אין מאַי 1929 ווערט ער באַפרייט. ער איז סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער אָפּטיילונג פאַר פּאַרטיי-אַרבעט אין מיליטער און שפּעטער פון אַ ריי קרייז-קאָמיטעטן, ווי ווארשע, אויבערשלעזיע, זאַגלעמביע. דעם 24-טן מאַי 1933 ווערט בוטשעק צום דריטן מאָל אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 10 יאָר תפיסה. דעם 1-טן סעפּטעמבער 1939 רייסט זיך בוטשעק אַרויס צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטירטע פון ראַוויטשער תפיסה. פון 20 יאָר בורזשואַזער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן איז מאַריאַן בוטשעק 16 יאָר אָפּגעזעסן אין טורמע.

אין דער נאַכט פון 9-טן אויפן 10-טן סעפּטעמבער 1939, הינטער אָזשאַראָוו פאַלט בוטשעק אין קאַמף מיטן דייטשישן אָקופּאַנט.

בוקסהאָרן פּינקוס (1894—1941). אין דער קפּרפּ איז ער געקומען (1920) פון די „פּאַרייניקטע". געווען מיטגליד פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ. ק. פון קפּפּ. אין די יאָרן 1922—23 איז ער געווען מיטגליד פון לאָדזשער פּאַרטיי-קאָמיטעט. געווען דעלעגאַט אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר. שפּעטער געאַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון דער קאָמפּאַרטיי פון מערב-ווייסרוסלאַנד און מערב-אוקראַינע. געווען אויך סעקרעטאַר פון אַ ריי קרייז-קאָמיטעטן פון דער קפּפּ, ווי לובלין, ראַדאָם. פיל מאָל געווען אַרעסטירט און געזעסן אין תפיסה. געטיילט דעם טראַגישן גורל פון פיל אַנדערע טוער פון דער קפּפּ.

בורשטיין שמואל — „שמואל באַבע". אַ שוסטער-אַרבעטער. אַ טוער אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג נאָך פון די צאַרישע צייטן. געווען דעמלט אין „בונד". אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן געקומען פון „קאָמבונד" אין יאָר 1922. אַלע יאָרן געווען פאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן פאַריין פון די לעדער-אַרבעטער. געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון די שטרייק-קאַמפּן פון די

וואַרשעווער יידישע און פוילישע שוסטער-אַרבעטער. מיטגליד אין דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון די פראָפ-פאַריינען פון די אַרבעטער פון דער לעדער-בראַנזשע, אויסגעוויילט אַלס קאַנדידאַט פון דער קאָמוניסטישער ליסטע. אין 1930 יאָר אָנטיילגענומען אין דער אַרבעטער-דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן פון פוילן קיין ראַטנפאַרבאַנד. שפּעטער אומדערשראָקן אַרויסגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען מיט באַריכטן פונעם באַזוך פון דער דעלעגאַציע. אין די יאָרן פון דער מלחמה געווען אין ראַטנפאַרבאַנד. געאַרבעט אַלס שוסטער. געשטאָרבן אין אוזבעקיסטאַן.

ביבלייזער יאַנקעלע — „דער קליינער יאַנקעלע". געבוירן אין 1895 יאָר. פון פאַך אַ היטל-אַרבעטער. ביז 1921 איז ער געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון דער בונדישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע „צוקונפט". פון „קאָמצוקונפט" געקומען אין 1922 יאָר אין די רייען פון קאָמוניסטישן יוגנט פאַרבאַנד. חבר יאַנקעלע איז געווען איינער פון די אָנפירנדיקע טוער פון רעוואָלוציאָנערן פאַריין פון די שניידער-אַרבעטער אין וואַרשע און פון דער קאָמוניסטישער אָפּאָזיציע אין בונדישן באַקלייד-פאַריין. פיל יאָרן סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פון די שניידער-אַרבעטער. מיטגליד פון דער יידישער ביוראָ ביים וואַרשעווער קאָמיטעט פון קאָמיוג, און שפּעטער פון דער יידישער ביוראָ ביים וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. חבר ביבלייזער איז אויך געווען מיטגליד פון מוראַנאָווער פאַרטיי-קאָמיטעט. דער „קליינער יאַנקעלע" איז געווען זייער פּאָפּולער צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין וואַרשע.

אין די ערשטע טעג פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע פון ביאַליסטאָק איז דער חבר יאַנקעלע אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ און אומגעבראַכט געוואָרן.

בלומקינד עליאַש — „אָסקאַר" געבוירן אין יאָר 1897. אין דער קפּפּ געקומען אין 1918 יאָר פון דער סדקפּל. פון 1918 ביז 1922 יאָר געווען פאָרזיצער פון פאַבריקס-קאָמיטעט אין פּאָלאַקעוויטשעס טאַבאַק-פאַבריק אין וואַרשע. מיטגליד פון דער אָרטיקער און פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פון די פראָפ-פאַריינען פון די טאַבאַק-אַרבעטער אין פוילן. אין 1918 — 1920 טעטיק געווען אין מוראַנאָווער פאַרטיי-קאָמיטעט. פון 1923 יאָר סעקרעטאַר פון רעוואָלוציאָנערן פראָפ-פאַריין פון די וואַרשעווער בעקער-אַרבעטער. מיטגליד פונעם פראָפ.-אָפּטייל ביים וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער קפּפּ. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון די העלדישע שטרייקן פון די וואַרשעווער יידישע בעקער-אַרבעטער. פאָרשטייער פון דער לינקער אָפּאָזיציע אויף די צוזאַמענפאָרן פון די אַרבעטער פון דער דערנערונגס-בראַנזשע אין פוילן.

אין די דרייסיקער יאָרן זיך דערווייטערט פון דער פאַרטיי. געשטאָרבן אין ביאַליסטאָק אין רעזולטאַט פון אַ טיפוס-קראַנקהייט.

„בראַנד" ערנסט, פּסעוודאָנים פון הענריק לאַוער. געבוירן אין יאָר 1891. דאָקטאָר פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן, דאָצענט פון אוניווערסיטעט אין ציריך. אין 1908 יאָר טרעט ער אַריין אין דער שווייצאַרישער געזעלשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער אַקאַדעמישער יוגנט. שפּעטער איז ער טעטיק אין דער דאָרטיקער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי. אין יאַנואַר 1919, קומענדיק צוריק קיין פוילן, טרעט ער אַריין אין דער קפּרפּ. אין יולי 1920 ווערט ער אַרעסטירט. בעתן פירן אים אין תפיסה אַריין, אַנטלויפט ער (ער שפּרינגט פון דער באַן). אין 1922 יאָר ווערט ער ווידער אַרעסטירט. אין 1923 ווערט ער צוזאַמען מיט אַנדערע חברים איבערגעפירט קיין ראַטנפאַרבאַנד אין די ראַמען פון אויסטויש פון פּאָליטישע אַרעסטירטע. חבר בראַנד האָט דער עיקר געאַרבעט אין דער צענטראַלער פאַרטיי-רעדאַקציע. אָנטיילגענומען אין פאַרטיי-צוזאַמענפאָרן און קאָנגרעסן פון קאָמינטערן. חבר בראַנד האָט איבערגעלאָזט אַ רייכע ירושה פון טעאָרעטישע אַרבעטן, פאַרעפנטלעכטע אין טעאָרעטישן אָרגאַן פון דער פאַרטיי „נאָווי פּשעגלאָנד". געווען אויך מחבר פון פיל בראָשורן.

אין 1937 יאָר איז ער געפאַלן אַלס קרבן פון דער פּראָוואָקאַטאָרישער באַשולדיקונג קעגן דער קפּפּ.

גאָלדפלאַם בנימין — „יאַניצקי", „יאַנעק טויטער". געבוירן אין יאָר 1903. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער „קאָמצוקונפט". דעלעגאַט אויפן 1=טן צוזאַמענפאָר פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אין מערץ 1922 און אָנטיילנעמער אין דער לאַנד=באַראַטונג פון קאָמיוג אין מאַי 1923 יאָר, ווו ער איז אַרעסטירט געוואָרן מיט אַלע אָנוועזנדע.

חבר יאַנעק איז געווען איינער פון די פעיקסטע און באַליבטע קאָמוניסטישע יוגנט=טוער. פיל יאָרן געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד. אין די דרייסיקער יאָרן סעקרעטאַר פון קאָמיוג אין פוילן. אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין לאַנד. ער האָט אָנטיילגענומען אין אַ ריי זיצונגען פון עקזעקוטיוו פון קאָמוניסטישן יוגנט=אינטערנאַציאָנאַל. געווען מיטגליד פון פרעזידיום פון אויספיר=קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט=אינטערנאַציאָנאַל. אויפן VI צוזאַמענפאָר פון דער קפפ אין 1932 יאָר אויסגעוויילט אַלס קאַנדידאַט פון צ. ק. פון דער קפפ. אויפן VI קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן יוגנט=אינטערנאַציאָנאַל אין 1935 יאָר איז חבר יאַניצקי אויסגעוויילט געוואָרן אין פרעזידיום פון אויספיר=קאָמיטעט און אויך אַלס פאַרטרעטער פון מיטגליד פון סעקרעטאַריאַט פון אויספיר=קאָמיטעט פון ק. יוג. אינט. חבר גאָלדפלאַם איז דריי מאָל געמשפט געוואָרן דורכן בורזשואַזן געריכט אין פוילן. באַקומען 2 יאָר, 4 יאָר און שפעטער 7 יאָר תפיסה.

אין 1937 יאָר געפאַלן אַ קרבן פון אַ פאַלשער באַשולדיקונג.

גאָלדשטיין אפרים. פסעוודאָנימען: זיגמונט, קאַרלאָווסקי. געבוירן אין יאָר 1900. פון די יונגסטע יאָרן אָן זיך פאַרבונדן מיט דער קפפ. אין די יאָרן 1924 — 1925 איז ער טעטיק אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון מערב=ווייסרוסלאַנד.

אין די יאָרן 1926 — 1927 אַרבעט ער אַלס איינער פון די סעקרעטאַרן פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער קפפ. אין 1927 יאָר אַרעסטירט און פאַרמשפט אויף 7 יאָר תפיסה. אין די יאָרן 1935 — 1936 אַרבעט ער אין לאַנד=סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. געווען דעלעגאַט מיט באַראַטונגס=רעכט אויפן VII קאָנגרעס פון קאָמינטערן. אין 1937 — אויף עמיגראַציע אין מאָסקווע.. אַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון קאָמינטערן פאַר פוילן און באַלטישע לענדער.

אומגעקומען אַלס קרבן פון דער „יעזשאָווטשינע".

גאָלדשלאַג הערצקע. אַ גאָלדשמיד=אַרבעטער. געקומען אין דער קפפ אין אָנפאַנג פון די צוואַנציקער יאָרן. געווען אַ מיטגליד פון מוראַנאָווער פאַרטיי=קאָמיטעט, פירער פון דער קאָמוניסטישער פראַקציע אין בונדישן פאַריין פון די מעטאַל=אַרבעטער אין וואַרשע. אַ געוויסע צייט וויצע=פאָרזיצער פון דעם פאַריין.

חבר הערצקע פלעגט אין דער פרייער צייט צייכענען און קריצן, אַרויסווייזנדיק גרויסע פעיקייטן אויף דעם געביט. צוליב דעם האָט אים דער צ. ק. פון דער פאַרטיי אין 1926 יאָר געשיקט קיין מאָסקווע אין דער קונסט=אַקאַדעמיע. נאָכן ענדיקן די אַקאַדעמיע, איז ער אין איר פאַרבליבן אַלס אַסיסטענט. גלייכצייטיק אַקטיוו געווען אין דער דאָרטיקער פאַרטיי=אָרגאַניזאַציע אַלס מיטגליד פון פאַרטיי=ביוראָ.

נאָכן פאַנאַנדערלאָזן די קפפ זענען וועגן אים נישט פאַראַן קיין שום ידיעות.

גוטערמאַן דוד — „געצל". געבוירן אין יאָר 1901. אַ בעקער=אַרבעטער. אין דער קאָמפאַרטיי פון די יאָרן 1923—1924. אַקטיווער טוער אין מוראַנאָווער פאַרטיי=קאָמיטעט. איינער פון די פאָפולערסטע פירער פון די וואַרשעווער בעקער=אַרבעטער. אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט זייער גרויסע און פאַרביטערטע מאַסן=שטרייקן. געווען אַ מיטגליד פון דער פוילישער אַרבעטער=דעלעגאַציע קיין ראַטנפאַרבאַנד (1929). אויף הונדערטער פאַרזאַמלונגען אומדערשראָקן באַריכטעט וועגן באַזוך פון דער דעלעגאַציע. 5 יאָר געזעסן אין תפיסה. צוליב דער געפאַר אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין ברעזיע, ווערט אים דערלויבט אַרויס=

צופאָרן קיין אויסלאַנד, ווו ער אַרבעט אַלס בעקער=אַרבעטער און איז עד היום טעטיק געזעלשאַפטלעך אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

גורפינקעל ישראל — „סאַלעק“. געבוירן אין 1902 אין מעזריטש. פון פאַך אַ בוראַליסט. פון 1925 אַ מיטגליד פון דער קפּפּ. איינער פון די אָנפירנדיקע חברים אין דער מעזריטשער פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציע. געווען פיל יאָרן ראַטמאַן אין מעזריטשער שטאָט=ראַט, געוויילט פון דער קאָמוניסטישער וואַל=ליסטע. ער איז סעקרעטאַר פון פאַריין פון די בעקער=אַרבעטער. אין 1930 ווערט ער אַרעסטירט און זיצט אָפּ 4 יאָר אין תפיסה. אין יאָר 1934 איז ער טעטיק אין דער וואַרשעווער פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציע. אין 1935 ווערט ער ווידער אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 6 יאָר. דעם 1=טן סעפּטעמבער 1939 רייסט ער זיך אַרויס פון דער ראַוויטשער תפיסה און קומט קיין ביאַליסטאָק. אַרבעט אין סאָוויעטישע אינסטיטוציעס. אומגעקומען אין 1941 יאָר בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

גזשעלטשאַק פראַנטישישעק, פּסעוודאָנימען: מאַרטשין, גזשעגאָזשעווסקי, מעכאַליק. געבוירן אין 1881 יאָר. אַ וואַרשעווער מעטאַל=אַרבעטער (שלאָסער=מעכאַניק). אין דער סדקפּל פון 1904. אַקטיוו אָנטייל=גענומען אין דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר. ער איז דאַן געווען מיטגליד פון וואָליער ראַיאָן=קאָמיטעט. אין 1907 איז גזשעלטשאַק געווען דעלעגאַט פון וואַרשע אויפן לאַנדאַנער צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַפּ. אין 1908 יאָר איז ער געווען מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער סדקפּל. חבר גזשעלטשאַק איז פיל מאָל אַרעסטירט געווען אין די צאַרישע צייטן. פיל יאָרן געזעסן אין תפיסה און געווען אויף פאַרשיקונג, פון וואַנען ער איז 2 מאָל אַנטלאָפן. אין די יאָרן 1914—1917 האָט ער זיך געפונען אין צאַרישן מיליטער און דאָרט געפירט אַ רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. געווען דעלעגאַט אויפן I צוזאַמענפאָר פון דער אַרמיי אויפן מערב=פראָנט און שפּעטער אויפן צוזאַמענפאָר פון דער II אַרמיי, ווו ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין סאָלדאַטן=ראַט אַלס פאָרשטייער פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע. ער איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין דער II אַרמיי (מינסק—מאָהילעוו). אויפן II צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער= און סאָלדאַטן=ראַטן (11—6 נאָוועמבער 1917) איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין אַלרוסלענדישן אויספיר=קאָמיטעט פון די ראַטן.

אין יאַנואַר 1918 זעען מיר שוין דעם חבר גזשעלטשאַק אין וואַרשע, ווו ער איז טעטיק אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער סדקפּל. ער ווערט איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון וואַרשעווער ראַט פון אַרבעטער=דעלעגאַטן און ווערט אויסגעוויילט אַלס זיין פּרעזידענט. אויפן I צוזאַמענפאָר פון דער קפּפּ ווערט דער חבר גזשעלטשאַק אויסגעוויילט אין צ. ק. אויסער דעם IV (ער איז געווען אין תפיסה) איז חבר מאַרטשין געווען דעלעגאַט אויף אַלע פּאַרטיי=צוזאַמענפאָרן און מיטגליד פון צ. ק. פיל יאָרן טעטיק געווען אין לאַנד=סעקרעטאַריאַט. חבר מאַרטשין איז אויך געווען דעלעגאַט אויפן IV, V, VI און VII קאָנגרעס פון קאָמינטערן און אויפן III און IV קאָנגרעס פון רויטן פראָפ.=אינטערנאַציאָנאַל (פּראָפינטערן). אויפן V קאָנגרעס פון קאָמינטערן איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין אויספיר=קאָמיטעט פון קאָמינטערן. אין די יאָר 1918 — 1928 איז ער פיל מאָל געווען אַרעסטירט און געזעסן אין תפיסה 6 יאָר צייט. פון 1928 זיך שטענדיק געפונען אין מאָסקווע און געאַרבעט אין דער פּוילישער סעקציע פון קאָמינטערן.

אומגעקומען אין יאָר 1937.

גייסט ישראל — פּסעוודאָנימען: סאָנין, מאַריוש, מאַרילסקי. געבוירן אין יאָר 1888. פון 1905 ביז 1919 — אַ טוער פון דער ציוניסטיש=סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (ס. ס.), שפּעטער „פּאַריינקטע“. אין 1919 טרעט ער אַריין מיט אַ גרופּע אין דער קפּפּ. געווען אַ מיטגליד אין וואַרשעווער קאָמיטעט און פון וואַרשע — אונטערשטאָט. פון 1921 ביז 1925 האָט חבר גייסט אָנגעפירט מיט דער צענטראַלער פּאַרטיי=טעכניק, געאַרבעט אין דער צענט=

ראַלער ייִדישער ביוראָ ביים צ.ק., געווען טעטיק אין לאַנד=סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. פון דער קפּפּ. דער חבר גייסט איז געווען דעלעגאַט אויף דער 2=טער און 3=טער פּאַרטיי=קאָנפערענצן. געווען דעלעגאַט מיט באַראַטונגס=רעכט אויפן 5=טן און 6=טן פּאַרטיי=צוזאַמענפאָרן. אויפן 5=טן פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר אויסגעוויילט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט פון צ. ק.

ישראל גייסט איז פיל יאָרן געזעסן אין די צאַרישע און פּוילישע תפיסות. פון 1932 יאָר אויף עמיגראַציע אין ראַטנפאַרבאַנד און האָט געאַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. פון „מאָפּר" אין מאָסקווע.

אומגעקומען נאָכן פאַנאַנדערלאָזן די קפּפּ.

גראַנאַס אַלעקסאַנדער — „וראָנסקי", „אַלעק". געבוירן אין 1884 יאָר, פון פאַר אַ טעכניק=דענטיסט. אַנטיילנעמער אין דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר. אַרעסטירט און פאַרשיקט אויף דריי יאָר קיין סיביר. שפּעטער ווייטער טעטיק אין דער סדקפּל. אַ ריי יאָרן געווען אין דענעמאַרק און אין פינלאַנד און פאַרבונדן געווען מיט דער פּוילישער און רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין 1917 יאָר געקומען קיין פּעטערבורג, וואַרשיינלעך אין זעלבן צוג, מיט וועלכן לענין איז געפאָרן. גראַנאַס האָט אָנטיילגענומען אין דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע. אין 1920 יאָר קומט ער צוריק קיין פּוילן און טרעט אַריין אין דער קפּפּ. אַרבעט אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. אין 1922 יאָר ווערט ער אַרעסטירט אויף דעם קאָמוניסטישן 1=טן מאַי=מיטינג אַלס רעדנער און פאַרמשפּט אויף $2\frac{1}{2}$ יאָר תפיסה. נאָך דער תפיסה איז ער שטיק אין דער וואַרשעווער פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציע און אין מאָפּר.

אין משך פון די צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן אַרבעט ער אויף פּאַרטיי=אַרבעט אין מיליטער.

בעת אַ רעוויזיע ביי אים אין וווינונג אַנטלויפט ער און באַהאַלט זיך אוים. אין 1937 — אויף עמיגראַציע אין ראַטנפאַרבאַנד. טיילט דעם גורל פון די, וואָס זענען אומגעקומען צוליב דער פּראָוואָקאַציע קעגן דער קפּפּ.

גרינבאַום משה — באַקאַנט אַלס „משה גרינבערג", „משה דער טויבער". געבוירן ביי אָרעמע עלטערן אין לענטשיץ אין יאָר 1898. ביז 1914 געלערנט אין חדר. פון 16=טן לעבנס=יאָר אַן אַרבעטער אין שניידער=פאַך. אין 1915 טרעט ער אַריין אין דער פּועלי=ציון, אָבער שוין אין 1916 פירט ער אַדורך אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי און פאַרבינדט זיך מיט דער סדקפּל. אין 1917 איז משה שוין אַ מיטגליד פון פּאַרטיי=קאָמיטעט און אין 1918 — אַ מיטגליד פון דער קפּרפּ. אין 1919 יאָר פאָרט משה קיין דייטשלאַנד, וו ער איז טעטיק אין אַ ראַיאָן=קאָמיטעט פון דער קפּד. ער ווערט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון לאַנד. אָנהייב 1920 פאָרט ער קיין דענעמאַרק. ער איז טעטיק צווישן די ייִדישע אימיגראַנטן און אין קאָמיטעט פון הילף פאַר די קעמפער פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער ווערט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון דענעמאַרק. ער פאָרט קיין פראַנקרייך. אַרבעט אַלס שניידער און איז טעטיק אין דער פראַנצויזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויך אין פראַנקרייך ווערט ער צוויי מאָל אַרעסטירט. די פּאַרטיי שיקט אים דאַן קיין מאָסקווע. אין אָנפאַנג אַרבעט ער אַלס שניידער, שפּעטער ווערט ער געשיקט זיך לערנען אויפן קאָמוניסטישן מערב=אוניווערסיטעט.

פון 1922 איז משה אין לאַנד. ער איז געווען איינער פון די אָנפירנדיקע טוער אין בונדישן נאָדל=פאַריין, מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג און סעקרעטאַר פון דער קאָמפראַקציע. אין די יאָרן 1926—1924 איז משה פאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן פאַריין פון די שניידער. אָרגאַניזאַטאָר פון פיל מאַסן=שטרייקן פון די שניידער=אַרבעטער אין פּוילן. אין דער צייט איז ער געווען מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער הויפּט=פאַרוואַלטונג פון די לינקע שניידער=פאַריינען. אין 1929 יאָר איז חבר משה געווען דעלעגאַט אויפן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון די פּראָפ=פאַריינען, אָנגעשלאָסענע אין פּראָפינטערן. געוואָרן אויסגעוויילט אין אינטערנאַציאָ=

נאַלן אַקציע־קאָמיטעט פון די שניידער־אַרבעטער ביים פּראָפינטערן.

פּאַרטייאיש איז משה לכתחילה געווען טעטיק אין מוראַנאָווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, אין דער וואַרשעווער יידישער בוראָ און פּראָפ.־אַפּטייל ביים וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט. שפּעטער גייט ער איבער אויף צענטראַלער פּאַרטיי־אַרבעט. ער נעמט אָנטייל אין אַ ריי לאַנד־באַראַטונגען פון די יידישע פּאַרטיי־טוער, ער ווערט אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער יידישער בוראָ. אין 1931 איז משה סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער יידישער בוראָ. אין 1932 אַרבעט ער אין צענטראַלן פּראָפּ.־אַפּטייל. סוף 1933 איז ער אַ מיטגליד פון לאַנדס־סעקרעטאַריאַט פון צ.ק. אין 1934 איז משה טעטיק אין לאָדזשער שטאָטישן קאָמיטעט. שפּעטער — אינסטרוקטאָר אין ביאַליסטאָק און ווילנע. אין 1935 איז משה געווען מיטגליד פון לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־אוקראַינע. אין 1936 ווערט ער אַרעסטירט, פאַרשיקט קיין בערעזע, וו ער זיצט אָפּ 18 חדשים (64 טעג אין קאַרצער). אין די יאָרן 1941 — 1939 געפינט זיך משה אין ביאַליסטאָק. ער אַרבעט אַלס שניידער און איז באַפולמעכטיקטער פון דער געגנטלעכער אַרגבוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַרייניען. אומגעבראַכט דורך דער געסטאַפּאָ אין די ערשטע טעג פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

גרינבערג טאָשע — „מאַרטאַ“, „גורסקאַ“. אין דער קפּפּ געקומען פון דער סדקפּל אין 1918 יאָר. געווען אַן אַקטיווע טוערין אין דער לאָדזשער און אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. אין וואַרשע האָט זי געאַרבעט אין אַ ריי ראַיאָן־קאָמיטעטן און אויף מוראַנאָוו.

אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן עמיגרירט קיין ראַטנפאַרבאַנד. געענדיקט די רויטע פּראָפעסור אין מאָסקווע. טעטיק געווען אין פאַרשידענע ראַיאָן־קאָמיטעטן פון דער מאָסקווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. געהאַלטן לעקציעס פון געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער לענין־שול אין מאָסקווע און אויפן פּוילישן סעקטאָר. אין 1937 — 1935 געאַרבעט אַלס אינסטרוקטאָר פון מאָסקווער פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אַ קרבן פון דער אַנטי־קפּפּ־פּראָוואָקאַציע.

„דאָמסקי“ — הענריק שטיין. געבוירן אין יאָר 1883. פון 1915 יאָר מיטגליד פון דער לאַנד־אָנפירונג פון דער סדקפּל און שפּעטער מיטגליד פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער סדקפּל. אין די יאָרן פון דער ערשטער דייטשישער אָקופּאַציע איז ער געזעסן אין לאַגער פון האַוועלבערג (דייטשלאַנד). פון 1918 יאָר מיטגליד פון דער קפּפּ. אויפן III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר ווערט ער אויסגעוויילט אין צ.ק. אויף דער IV פּאַרטיי־קאָנפערענץ באַזייטיקט פון צ. ק. פאַר אולטראַלינקע פעלערן. שפּעטער געווען טעטיק אין די רייען פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. טראַגיש אומגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד.

דזבאַנעק חיים — „יונה“, „יאַנעק“ — געבוירן אין יאָר 1892. אַן אַרבעטער. אין די יאָרן 1922 — 1921 געאַרבעט אין פּאַלאַקעוויטשעס טאַבאַק־פאַבריק אין וואַרשע. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין דער פאַבריק. שפּעטער אַ סאַנדאַלן־אַרבעטער און איינער פון די אַקטיווסטע טוער פון רעוואָלוציאָנערן פּראָפ־פאַריין פון די לעדער־אַרבעטער. אָנפירער פון שטרייק־קאַמפּן פון די סאַנדאַלן־ און שוסטער־אַרבעטער. אין דער קפּפּ זינט איר אַנטשטייאונג. אין די יאָרן 1926 — 1925 געלערנט זיך אין מאָסקווע אין דער פּאַרטיי־שול. איינער פון די אַקטיוויסטן פון דער וואַרשעווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. מיטגליד פון מוראַנאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט. שפּעטער סעקרעטאַר פון פּאַוואַנזקער ראַיאָן־קאָמיטעט. אין די דרייסיקער יאָרן איז חבר חיים דזבאַנעק געווען מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. עטלעכע יאָר געזעסן אין תפיסה. אין די יאָרן 1941 — 1939 האָט זיך דזבאַנעק געפונען אויף מערב־אוקראַינע. אומגעקומען ביי טראַגישע אומשטענדן אין יאָר 1941.

דרייער יאַקוב — „קובאַ“. געבוירן אין 1910 אין גריצע, הינטער וואַרשע.

אַלס 11־יעריקער יונגל זיך געלערנט שוס־טעריי. אַדאַנק זיין דורשט צו וויסן קומט ער אָן אין גריצער גימנאַזיע, וועלכע ער ענדיקט אין 1929 יאָר. שפּעטער שטודירט ער געשיכטע אויפן וואַרשעווער אוני־ווערסיטעט. אין דער צייט איז קובאַ אַקטיוו אין דער וואַרשעווער אָרגאַ־ניזאַציע פון דער קפּפּ, אין צענטראַלן אָפּ־טייל פאַר פּאַרטיי־אַרבעט אין מיליטער. אין 1934 ווערט ער אַרעסטירט און פאַרמישפּט אויף 12 יאָר תפיסה.

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939 יאָר רייסט ער זיך אַרויס צוזאַמען מיט אַנדערע קאָמוניסטן פון דער ראַוויטשער תפיסה. אין די יאָרן 1939 — 1941 אַרבעט קובאַ אין ביאַליסטאָק אין אַרכיוו פון דער נ. ק. וו. ד. בעתן אָנפאַל פון דער היטלער־אַרמיי אויפן ראַטנפאַרבאַנד אַנטלויפט ער קיין מינסק. אויפן וועג ווערט ער אַרעסטירט און אייגגעזעצט אין אַ לאַגער. אין נאָוועמ־בער 1941 געלינגט אים צו אַנטלויפן. ער קומט אין וואַרשעווער געטאָ. שליסט זיך אָן צו אַ רעוואָלוציאָנערער גרופּע. בעת דער אַנטשטייונג פון דער פּפּר, איז ער צו־זאַמען מיט לעוואַרטאָווסקין, מערעטיקן און אַנדערע דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּאַרטיי און דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" אין געטאָ. ער ווערט דער II סעקרעטאַר פון פּאַרטיי קאָמיטעט.

חבר קובאַ איז איינער פון די גרינ־דער פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַ־ניזאַציע. אין אירע קאַמפס־רייען איז ער אַקטיוו ביז מערץ 1943 יאָר. די פּאַרטיי שיקט אים אויף דער „אַרישער" זייט. ער פירט אָן מיטן מאָפּר. דעם 15־טן יולי 1943 ווערט חבר דרייער אַרעסטירט אויף אַ זיצונג פון מאָפּר אויף גראָכאָוו. ער פרווט אַנטלויפן און ווערט דערשאָסן אויף דער גאַס.

העכטמאַן לייבל. פון פאַך אַ דרו־קער־אַרבעטער. אין דער קפּפּ פון אָנהייב צוואַנציקער יאָרן. חבר העכטמאַן האָט גע־הערט צו די אַקטיוויסטע קאָמוניסטישע טו־ער אין בונדישן פראָפ־פאַריין פון דרוקער־אַרבעטער אין וואַרשע. געווען מיטגליד פון דער וואַרשעווער פאַרוואַלטונג פון דרוקער־פאַריין. אַ לענגערע צייט אויך פון דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג. חבר העכטמאַן האָט אַנטיילגענומען אין צוזאַמענפאָרן פון די פראָפ־פאַריינען פון די דרוקער־אַרבעטער אין פוילן, אָנפירנדיק מיט דער קאָמוניס־טישער פראַקציע.

געשטאָרבן אין דער צייט פון דער מל־חמה אין ראַטנפאַרבאַנד.

העמפּעל יאַן. פּסעוודאָנימען: יאַן באַזשי, ווישלאַק. געבוירן אין יאָר 1877. אין יאָר 1895 געענדיקט די האַנטווערקער־שול. שפּעטער שטודירט ער פילאָזאָפיע. אין 1903 עמיגרירט העמפּעל קיין מאַנ־דזשוריע, נאָכדעם קיין בראַזיליע. געווען דאָרט אַ לערער און רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „פּאָליאַק בראַזיליי".

אין 1908 יאָר איז ער אין פראַנקרייך און טרעט אַריין אין דער פּפּס לינקע. אין 1920 יאָר קומט ער קיין פוילן. ער איז טעטיק אין דער פּראָלעטאַרישער קאָאָפּעראַ־טיווער באַוועגונג. פּאָליטיש שליסט ער זיך אָן צו דער פּפּס. אָבער שוין אין 1921 רייסט ער איבער מיט דער פּפּס און טרעט אַריין אין דער קפּפּ.

חבר העמפּעל איז געווען איינער פון די גרינדער פון „פרייַדענקער־פאַרבאַנד" אין פוילן און פון די אַרבעטער־אוניווער־סיטעטן, רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „פרייַדענקער" און אויך אַ מיטרעדאַק־טאָר פון זשורנאַל „קולטוראַ ראָבאָטני־טשאַ". אויפן II פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין 1923 האָט העמפּעל רעפּרעזענטירט דעם צענטראַלן אָפּטייל פאַר פּאַרטיי־אַרבעט אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. ביז 1930 יאָר איז ער געווען קאַנדידאַט אויף אַלע קאָמוניסטישע וואַל־ליסטעס צום סיים. אַ געוויסע צייט האָט ער אויך געאַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון דער קאָמוניסטישער סיים־פראַקציע. אין 30 — 1929 איז ער געווען מיטגליד פון פּראָוויזאָרישן לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון צ. ק.

חבר העמפּעל האָט געאַרבעט אין די רע־דאַקציעס פון די לעגאַלע פּאַרטייאישע לי־טעראַריש - געזעלשאַפטלעכע צייטשריפטן. פיל מאָל געווען אַרעסטירט און געזעסן אין תפיסה. אין 1931 יאָר שיקט אים די פּאַרטיי קיין דייטשלאַנד און אין 1932 —

קיין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט האָט ער זיך פאַרנומען מיט ליטעראַרישער טעטיקייט. ער אַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער „קולטורא מאַס“. געווען אויך רעדאַקטאָר פון „מיעשענטשניק ליטעראַצקי“. ער שרייבט מאַרקסיסטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור.

אומגעקומען אין רעזולטאַט פון דער פּראָוואָקאַציע קעגן דער קפּפּ.

הערץ אַדעלע — פרוי פון משה גרינבאַום. אַן אַרבעטערין. אין דער קפּפּ פון 1918 יאָר. געווען אַן אַקטיווע טוערין אין רעוואָלוציאָנערן שניידער-פאַריין און אין דער קאָמוניסטישער אָפּאָזיציע אין באַקלייד-פאַריין, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון „בונד“. אין 1925 — 1926 געענדיקט די פּאַרטיי-שול אין מאָסקווע. פיל יאָרן געווען מיטגליד פון מוראַנאָווער פּאַרטיי-קאָמיטעט און אַ געוויסע צייט זיין סעקרעטאַר. אין 1928 יאָר איז אַדעלע געווען סעקרעטאַר פון פּאַרטיי-קאָמיטעט אין לאָמזשער געגנט. בעת די וואַלן צו דער קראַנקן-קאַסע אין וואַרשע אין יאָר 1927 איז אַדעלע געווען קאַנדידאַט אויף דער קאָמוניסטישער וואַל-ליסטע.

אין די יאָרן 1939 — 1941 געווען אין ביאַליסטאָק און געאַרבעט אין סאָוויעטישע אינסטיטוציעס. אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע געווען אַקטיוו אין דער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ און אין דער פּאַרטיזאַנער-אָפּטיילונג „פאָרויס“. אומגעקומען אין קאַמף.

וואָלף ראָמאַנאַ. פּסעוודאָנימען: „יעזיערסקאַ“, „העלענאַ“, „ראָמאַ“. געבוירן אין יאָר 1899. אין יאָר 1914 געפינט זיך ראָמאַנאַ אין אוקראַינישן שטעטל טשערניעהאָ. זי טרעט אַריין אין אַ רעוואָלוציאָנערן יוגנט-קרייז, וואָס איז געווען אונטער דער ווירקונג פון די באָלשעוויקעס. אין יאָר 1917 ווערט זי אַ מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. פירט אַן אומלעגאַלע פּאַרטיי-טעטיקייט אין כאַרקאָוו בעת דער הערשאַפט פון העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער זעען מיר די 19-יעריקע ראָמאַנאַ אין דער שפּיץ פון דער אומלעגאַלער ביוראָ פון דאָנער געגנט. שפּעטער אַרבעט זי אַלס שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון אַ דיוויזיע פון דער רויטער אַרמיי. נאָך דעם איז זי סעקרעטאַר פון רעוואָלוציאָנערן מיליטער-ראַט אויפן מערב-פראָנט. פון 1921 ביז 1924 אַרבעט זי אין דער מאָסקווער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע און אין דער טשעקאַ. אין 1924 יאָר זעען מיר זי שוין אין פּוילן. זי אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון די קרייז-קאָמיטעטן אין ביאַליסטאָק, בריסק, זאַגלעמביע און איז אַ מיטגליד פון צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון מערב-ווייסרוסלאַנד. פאַר איר טעטיקייט ווערט זי דריי מאָל געמשפּט: אין בריסק, סאָסנאָוויעץ און אין ביאַליסטאָק (פּראָצעס פון 133). 6 יאָר איז זי אָפּגעזעסן אין תפיסה. אין האַרבסט 1932 קומט זי קיין מאָסקווע און לערנט זיך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער לענין-שול. ווערט אַספּיראַנט. אין 1934 קומט זי צוריק אין לאַנד און אַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון דער קפּפּ. וואָלף ראָמאַנאַ איז געווען דעלעגאַט אויף דער IV פּאַרטיי-קאָנפערענץ פון קפּפּ, דעלעגאַט אויף דער III קאָנפערענץ פון קפּזב און אויפן VI פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר פון דער קפּפּ, וו זי ווערט אויסגעוויילט אַלס קאַנדידאַט פון צ. ק. אין 1937 יאָר — אויף עמיגראַציע אין מאָסקווע. קומט אום אין רעזולטאַט פון דער פּראָוואָקאַציע קעגן דער קפּפּ.

וואָלקאָוויסקי וואָלף. געבוירן אין 1906 יאָר אין ביאַליסטאָקער געגנט. פון פאַך אַ וועבער. אין 23 — 1922 געווען אַ מיטגליד אין קאָמיוג. שפּעטער אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב-ווייסרוסלאַנד. פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט חבר וואָלקאָוויסקי געהאַט דריי געריכטס-אורטיילן. אין יאָר 1936 — 1937 געווען אין בערעזע. ער איז געווען איינער פון די פּאָפּולערע טוער אין רעוואָלוציאָנערן פּראָפ-פאַריין פון די טעקסטיל-אַרבעטער אין ביאַליסטאָק. אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע איז חבר וואָלקאָוויסקי איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער געטאָ. אומגעקומען אין

באַוואָפנטן קאַמף מיט די היטלער־באַנדיטן.

וויטשיק קאַראָל — „זשוראַווסקי“. געבוירן אין 1883 יאָר. אַ וואַרשעווער מעטאַל־אַרבעטער. מיטגליד פון דער סדקפל פון 1903. אין די צאַרישע צייטן (1907) פאַרשיקט קיין סיביר. פון 1909 ביז 1918 טעטיק אין דער וואַרשעווער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דער סדקפל. פון 1918 יאָר מיטגליד פון דער קפפ און אָרגאַניזאַטאָר פון דעם וואַרשעווער ראַט פון אַרבעטער־דעלעגאַטן. פיל יאָרן געווען טעטיק אַלס מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט. בעת דער אָקופּאַציע געווען אַקטיוו אין דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע „סערפּ און האַמער“ — אומגעקומען אין אָשוויענטשים דעם 10 מערץ 1941.

ווייסמאַן פישל. געבוירן אין 1900 יאָר. פון פאַך אַן אַרבעטער. אין דער קפפ געקומען פון די פּועלי־ציון אין יאָר 1918. אין 20 — 1919 דינט ער איז פּויליש מיליטער אין ווילנע. געווען אין קאָנטאַקט מיט דער דאָרטיקער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ער ווערט אַרעסטירט. מיט דער הילף פון דער פאַרטיי געלינגט אים צו אַנטלויפן. ער גייט אַריבער דעם פראָנט און קעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי.

אין יאָר 1927 ענדיקט ער דעם קאָמוניסטישן מערב־אוניווערסיטעט אין מאָסקווע. דער צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד שיקט אים אויף פּראָפּפאַריינישער אַרבעט קיין אוקראַינע. דאָרט איז ער געווען טעטיק ביזן יאָר 1937. געפאַלן אַ קרבן פון דער „יעזשאָווטשינע“.

ווייצבלום אברהם — „קאַראָלסקי“, „קאַראָל“, „שכנא“. געבוירן אין יאָר 1896 אין וואַרשע, אין יאָר 1912 מיטגליד פון דער פּפּס לינקע. אין 1916 יאָר איז קאַראָלסקי מיט דער גרופּע קאָוואַלסקי — גזשעד אַריבער אין דער סדקפל. אין 1917 פאַרשיקט דורכן דייטשישן אָקופּאַנט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון האַוועלבערג מיט אַ גרופּע טוער פון דער סדקפל און פּפּס לינקע. שפּעטער איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט אין וואַרשע. אַנטיילנעמער אין 1־טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון דער קפרפ. אַ גלענצנדיקער מאַסן־רעדנער און פּאָלעמיסט. חבר קאַראָלסקי האָט געהערט צו די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרטיי־אַרבעט פון דער סדקפל און קפרפ אין דער ייִדישער סביבה. אין די יאָרן 1920 — 1918 — פירער פון מוראַנאָווער פאַרטיי־קאָמיטעט און מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. פאַקטישער רעדאַקטאָר פון צענטראַלן פאַרטיי־אָרגאַן „צום קאַמף“. אין די יאָרן 1929 — 1928 טעטיק אַלס אינסטרוקטאָר פון צ. ק. און אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון צ. ק.

אין אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן געענדיקט די רויטע פּראָפעסור אין מאָסקווע. שפּעטער געאַרבעט אין סעקרעטאַריאַט פון קאָמינטערן פאַר מערב־אייראָפּעישע לענדער. אין די יאָרן עטלעכע מאָל געשיקט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון קאָמינטערן אין דער דייטשישער קאָמוניסטישער פאַרטיי. באַזונדערס אַקטיוו אין דער דאָזיקער אַרבעט נאָך דער היטלערישער איבערקערעניש. אין 1937 יאָר אַרעסטירט אין רעזולטאַט פון דער „יעזשאָווטשינע“. נאָך דער מלחמה ווערט ער באַפרייט. קומט אום טראַגיש אין 1952 יאָר.

וויעטשאָרעק יוזעף. פּסעוודאָנימען: „גראַנסקי“, „דזשען“. געבוירן אין יאָר 1893. אַ קוילן־גרעבער, מאַשיניסט. אין די יאָרן 1920—1918 געווען אין דער פּפּס. שפּעטער אין דער קפפ. חבר וויעטשאָרעק איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די שלעזישע אויפשטאַנדן (21 — 1919). דעפּוטאַט פון אויבערשלעזישן סיים אין יאָר 1928. סעקרעטאַר פון אַ ריי פאַרטיי־קאָמיטעטן אין פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד. באַזונדערס געווען טעטיק אויף אויבערשלעזיע, זאַגלעמביע און פּויזן. אין 1932—1931 זיך געלערנט אין דער לענין־שול אין מאָסקווע. ח׳ וויעטשאָרעק איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און פירער פון די שטרייקקאַמפן פון די קוילן־ און הוטע־אַרבעטער. פיל יאָרן געזעסן אין די פּוילישע תפיסות.

אין די יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע איז וויעטשאָרעק איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּפּר. מיטגליד פון

צ. ק. טעטיק אויף אויבערשלעזיע און אין זאַגלעמביע. אין 1943 ווערט ער אַרעסטירט און דערמאָרדעט דורך דער געסטאַפּאָ.

זאַטאָרסקי הענריק — „סטאַד“. — געבוירן אין 1893 יאָר. פון פאַך בוכהאַלטער=פינאַנסיסט. געווען אַ מיטגליד אין דער פּפּס לינקע נאָך בעת דער ערשטער וועלט=מלחמה. אין 1916 יאָר אַריבער אין דער סדקפּל מיט דער גרופּע קאָוואַלסקי — גזשעך. אין 1917 ווערט ער פאַרשיקט דורכן דייטשישן אָקופּאַנט אין קאָנצענטראַציע=לאַגער פון האַוועלבערג. אין נאָוועמבער 1918, אין די ערשטע טעג פון דער פּילסודסקי=מאַכט ווערט ער אַרעסטירט דורך די פּילסודסקי=לעגיאָניסטן און שרעקלעך צעשלאָגן.

הענריק זאַטאָרסקי איז איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם אַרבעטער=דעלעגאַטן=ראַט אין וואַרשע. אָנטיילנעמער אין 1=טן צוזאַמענפאָר פון דער קפּרפּ, טעטיק געווען אין מוראַנאָווער פּאַרטיי=קאָמיטעט און צוזאַמען מיט קאַראָלסקין אָנגעפירט מיט דער פּאַרטיי=אַרבעט אין דער יידישער סביבה. פון 1923 יאָר נישט אַקטיוו אין דער פּאַרטיי.. טעטיק געווען אַ רײ יאָרן אין פּראָפּ=פאַריין פון די האַנדלס=אָנגעשטעלטע. אין די יאָרן 1934 1935 אַרבעטער מצד דער אַנטיפאַשיסטישער טאָג=צייטונג „פּריוונד“ אינעם געזעלשאַפטלעכן געריכט מיט דער בונדישער „פאָלקס=צייטונג“.

אין די יאָרן 41 — 1939 געאַרבעט אין ביאַליסטאָק אין אַ פאַבריק פון קאַפּלעס. בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע אומגעקומען אין וואַרשע.

זילבערגעלט לאָזער — „דער ווייסער לאָזער“. געקומען פון פּועלי=ציון אין דער קפּפּ אין 1918 יאָר. טעטיק געווען אין דער מוראַנאָווער פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציע, אָרגאַניזירנדיק די פּאַרטיי=טעכניק. אין די יאָרן 1920 — 1919 האָט לאָזער זילבערגעלט געאַרבעט צווישן די סאָוויעטישע געפאַנגענע און אָרגאַניזירט זייער אַנטלויפן פון די לאַגערן און אַריבערגיין דעם פראָנט. אין די יאָרן 23 — 1921 איז ער געווען טעטיק אין דער וואַרשעווער פּאַרטיי=טעכניק. אין 1923 יאָר האָט דער צ.ק. אים געשיקט קיין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט האָט ער געאַרבעט אין דער טעקסטיל=פאַבריק „באַפרייטע מי“. שפּעטער געענדיקט דעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט אין מאָסקווע. געאַרבעט אין מאָסקווער „עמעס“ און אין מינסקער „אָקטיאַבער“. אין 1937 יאָר געפאַלן אַלס קרבן פון אַ פאַלשער באַשולדיקונג.

טאָמאַשעווסקי אַלעקסאַנדער. געבוירן אין יאָר 1868. אַ מעטאַל=אַרבעטער. מיטגליד פון „פאַרבאַנד פון פּוילישע אַרבעטער“ און שפּעטער פון סדקפּל. פון 1918 אַ טוער אין דער קפּפּ. אין 1925 ווערט ער אַרעסטירט אויף אַ זיצונג פון סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. אין די דרייסיקער יאָרן זיך געפונען אויף עמיגראַציע אין ראַטנפאַרבאַנד.

טושינסקי משה. געבוירן אין יאָר 1899. פון פאַך אַ דאַמענטאַשן=אַרבעטער. אין דער קפּפּ געקומען אין 1918 פון פּועלי=ציון. אַקטיוו געווען אויפן מוראַנאָווער פּאַרטיי=ראַיאָן און אין בונדישן פראָפ=פאַריין פון לעדער=גאַלאַנטעריע. אין יאָר 1923 אָפּגעפאָרן קיין פראַנקרייך. אומגעקומען אין אָשוויענטשים בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע.

יאַקובאָווסקי אַנטאָני. געבוירן אין יאָר 1908. אַלס יינגל פון 11 יאָר האָט ער פאַרקויפט צייטונגען און געאַרבעט ביי שוסטערײ. אין די יאָרן 26 — 1925 האָט ער געאַרבעט אַלס שלאָסער אויף אַן אַמוניציע=פאַבריק.

פון 1926 יאָר — אין דער קפּפּ. אין די יאָרן 27 — 1926 געווען מיטגליד און אַ געוויסע צייט סעקרעטאַר פון קרייז=קאָמיטעט אין ראַדאָם. אין 1927 יאָר ווערט ער אַרעסטירט און פאַרמשפט אויף דריי יאָר תפיסה. נאָכן אָפּזיצן 1 ½ יאָר, גענױסט ער פון דער אַמנעסטיע און ווערט פריי. ער שטעלט זיך תיכף צו פּאַרטייאישער אַרבעט. ווערט סעקרעטאַר פון דער ראַדאָמער פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציע. אין נאָוועמבער 1930 ווערט ער ווידער אַרעסטירט און פאַרמשפט אויף 6 יאָר תפיסה. פון 1936 ביז 1938 האָט חבר יאַקובאָווסקי

אָנגעפירט מיט די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אין וולאָצלאַוועק, לובלין, וואַרשע, לאָדזש.

אין די יאָרן 1939 — 41 געווען טעטיק אין ביאַליסטאָק. געווען ראַטמאַן פון ביאַליסטאָקער שטאָט־ראַט.

אין 1941 יאָר, בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע, האָט חבר יאַקובאָווסקי אָרגאַניזירט אַן אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק צום באַוואָפנטן קאַמף קעגן אָקופּאַנט.

חבר יאַקובאָווסקי האָט פיל מי אַריינגעלייגט ביים אָרגאַניזירן דעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמף אינעם ביאַליסטאָקער געטאָ, ביים אָרגאַניזירן פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען.

אומגעקומען אין 1943 יאָר.

יאַשונסקי פּאַלאָמאָן — „יוסטין". געבוירן אין 1902 יאָר אין לאָדזש ביי בירגערלעכע עלטערן. שוין אַלס 15־יעריקער שילער איז ער געווען באַהאַווונט אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור. אין 1920 איז ער שוין אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג פון לאָדזש. ביים פאַנאַנדערקלעפּן פלאַקאַטן ווערט ער אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף אַ יאָר תפיסה. ער ווערט אַרויסגעוואָרפן פון דער מיטלשול און איז געצוווּנגען אַלס עקסטערן אין ווילנע זיך צו שטעלן פאַר אַ מאַטוראַלן עקזאַמען. ער שטודירט אין קראָקע און אין לעמבערג סלאַווישע שפּראַכן. גלייכצייטיק איז ער טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע „זשיטשיע" און אין דער קפּפּ. ער איז איינער פון די פעיקסטע סטודענטן פון פּראָפעסאָר ניטש. אין 1925 יאָר איז יאַשונסקי טעטיק אין קראָקאָווער פּאַרטיי־קאָמיטעט, אין 2 יאָר שפּעטער איז ער שוין געווען סעקרעטאַר פון קראָקאָווער קרייז־קאָמיטעט פון דער קפּפּ.

אין 1927 ווערט ער אַרעסטירט אין וואַרשע און פאַרמשפּט אויף 4 יאָר תפיסה. אין די יאָרן וואַנדערט ער פון מאָקאָטאָוו קיין לאָדזש, פון דאָרט קיין לענטשיץ, פּיעטרקאָוו, קאַטאָוויץ, ראַוויטש און ווראָנקע. מאַכט אַדורך פיל הונגער־שטרייקן. גלייכצייטיק פאַרנעמט ער זיך אין תפיסה מיט זיינע באַליבטע סטודיעס איבער ליגגוויסטיק. פון תפיסה שיקט ער אַרויס זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, פירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט פילאָלאָגן.

נאָך די תפיסה־יאָרן אַרבעט ער אין דער פּאַרטיי־רעדאַקציע פון „טשערוואָני שטאַנדאַר" און אין דער רעדאַקציע פון טעאָרעטישן אָרגאַן „נאָווי פּשעגלאָנד".

אין יאַנואַר 1938 טרעפן מיר שוין יאַשונסקין אין קעמפנדיקן שפּאַניע אַלס פּאָליטישן קאָמיסאַר פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע. אין יולי 1938 יאָר, בעת דער אָפענסיווע פון רעפּובליקאַנישן מיליטער ביים טייך עבראָ, איז יאַשונסקי געפאַלן ביים ראַטעווען די שטאַב־דאָקומענטן.

אין 1954 האָט דער אַנשטאַלט פאַר פּאַרטיי־געשיכטע ביים צ. ק. פון פּזפּר אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען, געדרוקטע אין „נאָווי פּשעגלאָנד", „רונדשאַו", „דזשעננים לודאָווי", „דזשענניק פּאָלסקי", אַ ריי ניט געדרוקטע רעצענזיעס און בריוו פון תפיסה.

פּאַרוזשאַ וויערא. געבוירן אין 1903 יאָר אין באָברויסק. אין 1919 טרעט זי אַריין אין קאָמסאָמאָל פון ווייסרוסלאַנד און אין 1921 — אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין די יאָרן 23 — 1922 האָט זי געענדיקט די פּאַרטיי־שול אין מינסק. שפּעטער געאַרבעט אין צ. ק. פון ווייסרוסישן קאָמסאָמאָל.

אין 1923 יאָר איז זי אין פּוילן. אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון ווייסרוסלאַנד. איז אַ מיטגליד פון צ. ק. קאָמיוג פון פּוילן און פון צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון מערב־ווייסרוסלאַנד. אין 1925 יאָר ווערט זי אַרעסטירט און באַקומט 6 יאָר תפיסה. אין 1928 יאָר — צום צווייטן מאָל פאַרמשפּט אויף 8 יאָר תפיסה. אָקטאָבער 1932 ווערט וויעראַ צוזאַמען מיט אַנדערע פּאָליט.־אַרעסטירטע אויסגעטוישט און פאָרט אָפּ קיין ראַטנפאַרבאַנד.

פון 1932 ביז 1935 אַרבעט זי אין קאָמינטערן אַלס רעדאַקטאָר. פון 1935 ביז 1939 יאָר געפינט זיך פּאַרונזשאַ אויף פּאַרטיי־אַרבעט אויפן סאָוויעטישן מיטלן מזרח.

אין די יאָרן 41 — 1939 איז וויערא טעטיק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד (פּאָלעסיע). נאָכן אָנפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויפן ראַטנפאַרבאַנד, גייט וויערא אַריבער אויף אונטערערדישער פּאַרטיי־אַרבעט. אין 1942 איז זי טעטיק אין וויטעבסקער געגנט. אָנהייב 1943 ווערט זי אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ און אויפגעהאָנגען אין וויטעבסק אונטערן נאָמען קאָרנילאָוואַ.

וויעראַס בריוו פון תפיסה צו דער מוטער, שוועסטער און חברים אין ראַטנפאַרבאַנד זענען אין יאָר 1934 אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד אויף פאַרשידענע שפּראַכן.

אויך אין פּוילן נאָך דער באַפרייונג איז אַרויס אַן אויפלאַגע פון די דאָזיקע בריוו.

לאַמפּע אַלפרעד. פּסעוודאָנימען: „מאַרעק“, „נאָוואַק“. געבוירן אין 1900 י. אייניקער פון די פירער פון דער קפּפּ. אַלס סטודענט — פון 1918 ביז 1921 געווען אין דער פּאַרטיי פּועלי־ציון. פון 1921 אין דער קפּפּ. לכתחילה סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. געווען דעלעגאַט אויפן IV, V און VI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן. פון IV פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר — מיטגליד פון צ.ק. און נאָכן V צוזאַמענפאָר מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ פון צ. ק. אָנטיילנעמער פון אַ ריי פּלענאַרע זיצונגען פון עקזעקוטיוו פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. 10 יאָר געזעסן אין די פּוילישע תפיסות. אין 1933 יאָר ווערט לאַמפּע אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 15 יאָר טורמע. אין סעפּטעמבער 1939 צוזאַמען מיט חברים זיך אַרויסגעריסן פון ראַוויטשער תפיסה. אין די יאָרן 1941 — 1939 געאַרבעט אין ביאַליסטאָקער געגנטלעכן אויספיר־קאָמיטעט פון ראַט פון די אַרבעטנדיקע. אין די יאָרן פון דער II וועלט־מלחמה געווען אין קויבישעוו און אין מאָסקווע. ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „נאָווע ווידנאָקרענגי“ (נייע האָריזאָנטן) און מיטרעדאַקטאָר פון דער צייטונג „וואָלנאַ פּאָלסקאַ“ (דאָס פרייע פּוילן), וועלכע זענען דערשינען אין מאָסקווע. חבר לאַמפּע איז געווען אויך דער איניציאַטאָר און איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון „פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן“ און פון פּוילישן מיליטער, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד.

דעם 10־טן דעצעמבער 1943 יאָר איז חבר לאַמפּע געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק אין מאָסקווע. אין זיין פּאָליטישער און פּובליציסטישער טעטיקייט האָט לאַמפּע אָנגעצייכנט די אַנטוויקלונגס־וועגן פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן.

אין 1954 יאָר איז דערשינען אַ בוך אויסגעוויילטע אַרטיקלען פון חבר לאַמפּע א. נ. „פאַר אַ ניי פּוילן“.

לאַנדאַו אַבּרהם — „אַדעק“. געבוירן אין 1904 יאָר. אַ סטודענט. מיטגליד פון קאָמיוג פון די צוואַנציקער יאָרן. שפּעטער אַ מיטגליד פון דער קפּפּ. טעטיק געווען אין קאַליש, טאָמאַשאָוו און אין וואַרשע. פיל יאָרן געווען אַן אַקטיווער טוער אין מאָפּר. עטלעכע יאָר געזעסן אין תפיסה.

אין 1935 געווען אינסטרוקטאָר פאַר פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סביבה אין דער זאַגלעמביער־שלעזישער וואָיעוואָדשאַפט. דעם 10־טן אַפּריל 1935 יאָר ווערט חבר לאַנדאַו אַרעסטירט אין סאָסנאָוויעץ און דערמאָרדעט אין דער דעפענסיווע.

לאַנצוצקי סטאַניסלאַוו. געבוירן אין יאָר 1882. אַ באַן־אַרבעטער. פון 1900 יאָר אַ מיטגליד אין פּפּסד (פּפּס פון גאַליציע). פון 1919 אַ דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים פון דער פּפּס. אין מאַי 1921 טרעט ער אַרויס פון דער פּפּס און שליסט זיך אָן אין דער קפּפּ. אין 1922 אויסגעוויילט אַלס דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים פון דער ליסטע „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“. פון 1924 ביז 1929 יאָר געזעסן אין תפיסה. פון 1929 יאָר אויף עמיגראַציע אין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ ער האָט געאַרבעט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאָפּר. חבר לאַנצוצקי האָט איבערגעלאָזט אַ ריי אַרבעטן, אין וועלכע ער דעמאַסקירט דעם אָפּאָרטוניזם און נאַציאָנאַליזם פון די רעכטע פירער פון פּפּס. ער איז געווען זייער פּאָפּולער ביים פּוילישן פּראָלעטאַריאַט.

אומגעקומען אין רעזולטאַט פון דער פּראָוואָקאַציע קעגן דער קפּפּ.

לאַפּאַן מאַקס — „אַלבין“. געבוירן אין 1901 יאָר. אין סעפּטעמבער 1918 ווערט ער אַ מיטגליד פון דער סדקפּל, און אין דעצעמבער איז ער דעלעגאַט אויפן פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר פון דער סדקפּל און פּפּס לינקע.

חבר לאַפּאַן איז איינער פון די גרינדער פון קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד, טעטיק געווען אין זיינע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון 1918 ביז 1920 יאָר. אין יאָר 1920 איז ער אין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ ער לערנט זיך אויפן מאָסקווער פּאָליטעכניקום. גלייכצייטיק איז ער אַקטיוו אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין יאָר 1923 קומט ער צוריק אין לאַנד און אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון צ. ק. פון קאָמיוג פון פּוילן. אין 1924 נעמט ער אָנטייל אַלס דעלעגאַט אין V קאָנגרעס פון קאָמינטערן און אין IV קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן יוגנט-אינטערנאַציאָנאַל. אין 1925 יאָר איז חבר לאַפּאַן אַ מיטגליד פון דער יוגנט-דעלעגאַציע אויפן III פּאַרטיי צוזאַמענפאָר.

אין מאַי 1925 ווערט לאַפּאַן אַרעסטירט און אין 1928 יאָר — באַפרייט. נישט געקוקט אויף זיין שווערער קראַנקהייט, איז ער ווייטער ביי אַקטיווער אַרבעט אינעם לאַנד-סעקרעטאַריאַט פון קאָמ[illegible] עטלעכע חדשים אַרבעט ווערט לאַפּאַן ווייטער אַרעסטירט און אין 1929 דערמאָרדעט אין ווראָנקער תפיסה.

ליבערמאַן ברוך. געבוירן אין יאָר 1901 אין וואַרשע. נאָך אַלס שילער פון דער מיטלשול טרעט ער אַריין אין דער פּאַרטיי פּועלי-ציון. אין 1918 איז ער שוין אין דער קפּפּ. בעת דער פּויליש-סאָוויעטישער מלחמה פירט ער אַלס זעלנער אַ קאָמוניסטישע טעטיקייט אין פּוילישן מיליטער. עס דראָט אים אַן אַרעסט און פעלד-געריכט. ער אַנטלויפט, גייט אַריבער דעם פראָנט און שליסט זיך אָן אין דער רויטער אַרמיי. נאָך דער מלחמה שטודירט ער אין מאָסקווע אין קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאַר די מערב-פעלקער. נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט ווערט ער געשיקט דורכן צ. ק. פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויף פּאָליטישער אַרבעט אין דער אַרמיי. פון 1932 ביז 1937 יאָר איז ער טעטיק אויפן ווייטן מזרח.

אַ קרבן פון דער „יעזשאָווטשינע“.

ליכטענשטיין יאָסל. געבוירן אין יאָר 1895. פון פאַך אַ בוי-סטאָליער. אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן פון 1918 יאָר. לכתחילה געווען פירער פון דער קאָמוניסטישער אָפּאָזיציע אין בונדישן פאַריין פון די האָלץ-אַרבעטער. שפּעטער — פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון רעוואָלוציאָנערן פאַריין פון די אַרבעטער פון דער האָלץ-בראַנזשע. אָנפירער פון פאַרעקשנטע שטרייק-קאַמפן פון די בוי-אַרבעטער. אַקטיוויסט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע און עקזעקוטיוו-מיטגליד פון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע פון די סטאָליער-אַרבעטער. דער חבר יאָסל ליכטענשטיין האָט געהערט צו די פּאָפּולערסטע קאָמוניסטישע אַרבעטער-טוער און איז געווען איינער פון די שיינע געשטאַלטן אין דער קפּפּ.

בשעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע אין ביאַליסטאָק זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד-באַוועגונג. אומגעקומען אינעם קאַמף מיטן אָקופּאַנט.

לעסקי לייבוש-מענדל. אַן אַרבעטער. אין 1925 — 1926 אַ מיטגליד פון קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד אין לאָדזש. שפּעטער אַן אַקטיוויסט אין דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע פון דער קפּפּ. מיטגליד פון דער לאָדזשער יידישער ביוראָ ביים לאָדזשער פּאַרטיי-קאָמיטעט. איינער פון די טוער פון דער לאָדזשער פּראָפ.-באַוועגונג. געזעסן דריי יאָר אין תפיסה. אין 1938 יאָר געפאָרן קיין פראַנקרייך. אומגעקומען פון אַ היטלעריסטישער קויל נישט ווייט פון דער שווייצאַרישער גרענעץ.

מאָדזעלעווסקי זיגמונט איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1900 אין טשענסטאָכאָוו. אַ זון פון אַ באַן-אַרבעטער. אין דער סדקפּל פון 1917 יאָר. אין דער קפּפּ פון 1918. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער לינקער ריכטונג אין

דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין לובלין. פירט אָן מיטן רעוואָלוציאָנערן פּראָפּפאַריין פון מעטאַל=אַרבעטער אין סקאַרזשיסקאָ. אין יאָר 1920 ווערט ער פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע=לאַגער אין דאָמביע. שפּעטער אַרבעט ער אַלס פּאַרטיי=סעקרעטאַר פון דאָמבראָווער=שלעזישן קרייז קאָמיטעט. געווען אַ מיטגליד פון דעם צענטראַלן פּראָפּ. = אָפּטייל ביים צ. ק. און פון דער צענטראַלער פּאַרטיי=רעדאַקציע. פיל מאָל געווען אַרעסטירט און געזעסן אין די תפיסות פון טשענסטאָכאָוו, קראָקע, וואַרשע און לובלין. פאָרט אָפּ קיין פראַנקרייך, וווּ ער שטודירט פּאָליטישע וויסנשאַפטן. גלייכצייטיק אַקטיוו אין דער קאָמ.=באַוועגונג. ער ווערט באַשטימט פון צ. ק. פון דער קאָמ=פּאַרטיי אַלס סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער סעקציע פאַר אַרבעט צווישן די פּוילישע אַרבעטער. טעטיק אַלס פּובליציסט אין דער פּוילישער און פראַנצויזישער פּאַרטיי=פּרעסע. ער ווערט אויסגעוויילט אַלס מיטגליד פון צ.ק. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט=מלחמה איז חבר מאָדזשעלעווסקי איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון „פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן“ אין ראַטנפאַרבאַנד און קעמפט אין די רייען פון דער פּוילישער אַרמיי קעגן היטלעריזם.

נאָך דער באַפרייונג פון פּוילן איז ז. מאָדזשעלעווסקי דער ערשטער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע. אין יאָר 1947 — אויסערן=מיניסטער. געווען אויך דעלעגאַט אויף דער פּאָטשדאַמער קאָנפערענץ.

זיין געזונט=צושטאַנד דערלויבט אים נישט צו פאַרנעמען זיך מיט דירעקטער פּאָליטישער אַרבעט. ער ווערט דירעקטאָר פון אינסטיטוט פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן ביים צ. ק. פון דער פּאַרטיי. ער איז אויך מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער פּוילישער וויסנשאַפט=אַקאַדעמיע. מיטגליד פון מלוכה=ראַט. מיטגליד פון צ. ק. פון פפּר און שפּעטער פון פּזפּר.

געשטאָרבן אין וואַרשע דעם 18=טן יוני 1954.

מאָנטרעל בערנאַרד — „סמוטני“. געבוירן אין פּולטוסק אין יאָר 1989. אין דער קפּפּ געקומען אין 1918 פון דער סדקפּל. פון 1915 אַן אַקטיווער מיטגליד פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן = פאַריין פון די האַנדלס=אָנגעשטעלטע אין וואַרשע. אין די יאָרן 25 — 1924 איז חבר מאָנטרעל געווען מיטגליד פון דעם וואַרשעווער קאָמיטעט פון מאָפּר. סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן געווען אָנפירער פון דער צענטראַלער פּאַרטיי=טעכניק. סוף דרייסיקער יאָרן אויף עמיגראַציע אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט אומגעקומען אין רעזולטאַט פון פאַנאַנדערלאָזן די קפּפּ.

מאָרגנשטערן משה — „מאַרקוס“, „מאַנקאָווסקי“. געבוירן אין 1906 יאָר. אַ העפטער=אַרבעטער. איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער=יוגנט פון דער טעקסטיל=אינדוסטרי אין וואַרשע. אין 1922—1921 איינער פון די אָנפירער פון דער וואַרשעווער קאָמוניסטישער יוגנט=אָרגאַניזאַציע. חבר מאַרקוס איז געווען סעקרעטאַר פון אַ ריי קאָמיוג=אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד. געאַרבעט אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנטפאַרבאַנד און אין צענטראַל=קאָמיטעט פון „מאָפּר“ אַלס סעקרעטאַר. געזעסן פיל יאָר אין תפיסה. געהאַט ריי אורטיילן (2 יאָר, 4 יאָר און אין 1931 — 6 יאָר) אין 1935 ווערט מאַרקוס געשיקט דורכן צענטראַל=קאָמיטעט פון דער קפּפּ קיין מאָסקווע. אין מאָסקווע אַרבעט ער אין דער „טריבונאַ ראַדזיעצקאַ“ אַלס פאַרטרעטער פון הויפּט=רעדאַקטאָר און אויך אין דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון דער „פּראַוודאַ“.

ער קומט אום אין 1937 יאָר.

מושינסקי ליבער. געבוירן אין 1903 יאָר אין לאָמזשע. צענטראַלער טוער אין דער בונדישער „צוקונפט“. איינער פון די גרינדער פון דער „קאָמצוקונפט“.

נאָכן אָנשלוס פון „קאָמצוקונפט“ אין קאָמיוג איז ליבער מושינסקי געווען אַ מיטגליד פון צ. ק. פון קאָמיוג. פיל יאָרן געווען סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ. ק. פון קאָמיוג.

סוף צוואַנציקער און אין די דרייסיקער יאָרן האָט חבר מושינסקי אָנגעפירט מיט דער צענטראַלער פּאַרטיי=טעכניק.

אין 1935 יאָר ווערט ליבער פאַרשיקט קיין בערעזע און ווערט באַפרייט ערשט אין מאַי 1937. ער פאָרט קיין פראַנקרייך, וווּ

ער קומט אום בעת דער דײַטשישער אָקופּאַציע.

מיכראָווסקי מענדל — „מיראָן“. געבוירן אין יאָר 1893, פון פאַך אַ דענטיסט. פון 1915 אַ מיטגליד פון פּועלי=ציון. אין 1921 איז ער אַרײַנגעטרעטן אין דער קפּרפּ. געווען טעטיק אין לאָדזשער פּאַרטיי=קאָמיטעט און אין דער יידישער ביוראָ. געווען דעלעגאַט אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. אַ ריי יאָרן געאַרבעט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב=ווייסרוסלאַנד. אין 1924 יאָר געזעסן אין פּאַוויאַק. ביים פירן אים אין געריכט אַרײַן אַנטלויפט ער. פיל יאָרן געווען אין ראַטנפאַרבאַנד, געאַרבעט אין פּראָווינצן. אומגעקומען אַלס קרבן פון פּראָוואָקאַציע.

מילער שלמה — „שלאָמקע“. געבוירן אין 1889 יאָר. אַן אַרבעטער. אין דער אַרבעטער באַוועגונג פון 1905. פון 1907 ביז 1917 — אַן אַנאַרכאָ=סינדיקאַליסט. אין 1919 טרעט ער אַרײַן אין דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. פון 1921 יאָר אַ מיטגליד פון דער קפּפּ. ער איז טעטיק געווען אין ביאַליסטאָק אַלס סעקרעטאַר פון אָרטיקן פּאַרטיי=קאָמיטעט. אין יאָר 1923 אויף דער I פּאַרטיי=קאָנפערענץ פון דער קאָמפּאַרטיי פון מערב=ווייסרוסלאַנד ווערט ער אויסגעוויילט אין צענטראַל=קאָמיטעט. שפּעטער ווערט ער אַ מיטגליד אין ביוראָ פון צ. ק. פון קפּמוו. שלמה איז געווען דעלעגאַט (אויסער דעם ערשטן) אויף אַלע צוזאַמענפאָרן פון דער קפּפּ. פון III פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר אָן איז חבר מילער געווען קאַנדידאַט פון צ. ק. פון דער קפּפּ. ער נעמט אָן אַקטיוון אָנטייל אין די דריי פּאַרטיי=קאָנפערענצן און אויף דעם I צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי פון מערב=ווייסרוסלאַנד. פיל יאָר איז דער חבר ש. מ. געזעסן אין צאַרישע און פּוילישע תפיסות. אין יאָר 1933 איז ער איבערגעשיקט געוואָרן אויף פּאַראַנטוואָרטלעכער פּאַרטיי=אַרבעט אין דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. געווען סעקרעטאַר פון געגנטלעכן פּאַרטיי=קאָמיטעט אין אָמסק. אומגעקומען טראַגיש אין יאָר 1937.

מערטענס סטעפאַן — „סקולסקי“. געבוירן אין 1892 יאָר. זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט הייבט ער אָן שוין אין יאָר 1905. אין 1909 ווערט ער אַ מיטגליד פון דער סדקפּל. אין יאָר 1912 און 1916—17 זיצט ער אין תפיסה. בעת דער אָקטאָבער=רעוואָלוציע טרעט סקולסקי אַרײַן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. קעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. פון 1921 איז סקולסקי טעטיק אין דער קפּפּ און אין דער קפּזב. אַרבעט אַלס סעקרעטאַר אין אַ ריי קרייז=קאָמיטעטן און אין דער לאַנד=אָנפירונג פון קפּפּ און קפּזב. באַטייליקט זיך אין II, III און VI פּאַרטיי=צוזאַמענפאָר. איז מיטגליד פון צ. ק. און אויך פון פּאָליט=ביוראָ (1925 און 1936). אין די יאָרן 1925—1928 זיצט ער אין תפיסה. אין 1930—1932 איז ער איינער פון די סעקרעטאַרן פון רויטן פּראָפ. אינטערנאַציאָנאַל. טראַגיש אומגעקומען אין יאָר 1937.

מערעטיק שמואל — „אַדאַם“. געבוירן אין יאָר 1907 אין וואַרשע. דער פאָטער איז געווען אַ בעקער=אַרבעטער. די מוטער — אַ וועשין און אַ קעכין. אַדאַם האָט פון 12=טן לעבנס=יאָר אָן געאַרבעט אַלס שניידער=אַרבעטער. אין 1922 ווערט מערעטיק אַ מיטגליד פון קאָמיוג אין מינסק=מאַזאָוויעצק. אין 1924—25 ווערט ער אַרעסטירט פאַר זיין אַקטיווער טעטיקייט ביים אָרגאַניזירן שטרייק=קאַמפּן פון די שניידער=אַרבעטער. אין 1926 איז ער סעקרעטאַר פון ראַיאָן=קאָמיטעט פון קאָמיוג אין מינסק. אין 1927 איז חבר מערעטיק טעטיק אַלס סעקרעטאַר פון ראַיאָן=קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אין 1929 ווערט ער דאָ אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 16 חדשים תפיסה. אין די יאָרן 1931—1934 אַרבעט ער אין די קרייז=קאָמיטעטן פון וואַרשע, לאָדזש, זאַגלעמביע, קעלץ, לובלין און אין ראַדאָם. פריער אַלס מיטגליד און שפּעטער אַלס זייער סעקרעטאַר. אין 1934 איז אַדאַם סעקרעטאַר פון טשענסטאָכאָווער קרייז=קאָמיטעט. ער ווערט אַרעסטירט און דריי טעג שרעקלעך געפּייניקט. דער אַרעסט האָט געדויערט 6 וואָכן. שפּעטער איז ער טעטיק אַלס סעקרעטאַר פון פּאַרטיי=קאָמיטעט פון וואַרשע — אונטערשטאָט און אין 1935 — אַלס סעקרעטאַר פון צ. ק. פון מאָפּר. אין 1936 יאָר האָט די פּאַרטיי

אים איבערגעשיקט אויף לעגאַלער מאַסנאַרבעט אין פּראָפ.-פאַריין פון די באַקליידאַרבעטער אין וואַרשע, וווּ ער איז אויך טעטיק אין דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע.

אין די יאָרן 1939 — 1941 איז חבר מערעטיק אין ביאַליסטאָק און איז איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די שניידער-קאָאָפּעראַטיוון אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט.

אין די יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע איז חבר מעריטיק — אויפן רוף פון דער פּאַרטיי-אָנפירונג — איינער פון די גרינדער פון דער פּפּרישער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע און מיטאָרגאַניזאַטאָר פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. ער איז סעקרעטאַר פון פּאַרטיי-קאָמיטעט אין געטאָ. אין יאָר 1942 ווערט אַדאַם אַרעסטירט און דערמאָרדעט דורך דער געסטאַפּאָ.

נאָוואָגרודזקי משה — „מאַניעק“, „ענסקי“ איז געבוירן געוואָרן אין 1903 יאָר אין וואַרשע. נאָך גאָר יונג, אַלס שולער איז ער שוין געווען גרינטלעך באַהאַוונט אין דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור. אין 1920 שטייט ער בראש פון אַ גרופּע יוגנטלעכע, וועלכע טרעטן אַרויס פון יוגנט-בונד „צוקונפט“. ער גרינדעט די „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטישע יוגנט-אָרגאַניזאַציע“, וועלכע שליסט זיך שפּעטער אָן אין קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד פון פּוילן. סוף 1920 פאָרט ער קיין מאָסקווע צום קאָמוניסטישן יוגנט-אינטערנאַציאָנאַל. אין 1921 קערט ער זיך אום צוריק אין לאַנד. ער ווערט איינער פון די צענטראַלע קאָמוניסטישע יוגנט-טוער. ווערט דעלעגירט אויפן 1-טן צוזאַמענפאָר פון קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד אין פּוילן (מערץ 1922). אין מאַי 1923 יאָר ווערט ער אַרעסטירט אויף דער לאַנד-באַראַטונג פון קאָמיוג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, דלוגע 61. פיל יאָרן געווען טעטיק אין צענטראַל-קאָמיטעט און אין סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. פון קאָמיוג אין פּוילן.

אין די דרייסיקער יאָרן האָט דער צ. ק. פון דער קפּפּ אים מאָביליזירט אויסשליסלעך אויף פּאַרטיי-אַרבעט. ער איז געווען סעקרעטאַר פון אַ ריי קרייז-קאָמיטעטן אין פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד. אין 1934 איז ער געווען סעקרעטאַר פון זאַגלעמביע-דאָמבראָווער און שלעזישער קוילן-געגנט („אָבוווד“). אין 1936 — 1935 יאָר — סעקרעטאַר פון וואַרשעווער פּאַרטיי-קאָמיטעט. חבר נאָוואָגרודזקי האָט געהאַט דריי געריכטס-אורטיילן און פיל יאָרן געזעסן אין תפיסה. אין די יאָרן 1939 — 1941 געאַרבעט אין ביאַליסטאָק אין דער צייטונג „וואָלנאַ פּראַצאַ“ (אין פּויליש), דעם אָרגאַן פון ביאַליסטאָקער געגענטלעכן קאָמיטעט פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אומגעקומען אין די ערשטע טעג פון דער היטלערישער אָקופּאַציע.

נוסענבוים ברוך — פּסעוודאָנים „באָברוש“. געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1912. זיינע עלטערן זענען געווען אָרעמע אַרבעטס-מענטשן. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט הייבט ער אָן פון „פּיאָנער“. שפּעטער ווערט ער אַ מיטגליד פון קאָמוניסטישן יוגנט-פאַרבאַנד. ער צייכנט זיך אויס מיט אויסער געוויינלעכער קעמפערישקייט און דרייסטקייט. ניש איין מאָל ווערט ער אַרעסטירט. אין 1936 פאָרט ער קיין שפּאַניע. ביי ווילאַ מאַיאָר דע גאַלעגאַ פאַלט ער אין אַ שלאַכט.

סאָכאַצקי — טשעשעיקאָ יעזשי. פּסעוודאָנימען: בראַטקאָווסקי, יוליאַן, קאָנראַד, מינסקי. געבוירן אין יאָר 1892. שטודירט יוריספּרודענץ אין פּעטערבורג. אין די יאָרן 1914—1921 איז ער טעטיק געווען אין דער פּפּס. אין 1919 יאָר אויפן צוזאַמענפאָר פון דער פּפּס איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַלן אויספירקאָמיטעט און איז באַשטימט געוואָרן אַלס גענעראַל-סעקרעטאַר. ער האָט דעמאָלט רעפּרעזענטירט דעם לינקן פליגל אין דער פּפּס. אין מערץ 1921 רייסט ער איבער מיט דער פּפּס און שליסט זיך אָן אין דער קפּפּ. אויף דער III פּאַרטיי-קאָנפערענץ אין 1922 יאָר ווערט ער אויסגעוויילט אין צ. ק. ער נעמט אָנטייל אין אַלע פּאַרטיי-צוזאַמענפאָרן, און ביזן 1934 יאָר איז ער מיטגליד פון צ. ק. ער איז איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער וואַל-קאַמפּאַניע פון קפּפּ צום סיים אין יאָר 1922, וועלכע האָט זיך לעגאַליזירט אַלס „פאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“. אין 1924

יאָר איז חבר סאָבאַצקי געווען דעפּוטאַט פון פּוילישן סיים און סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער סיים=פראַקציע. אין 1928 יאָר ווערט ער אַרויסגעגעבן דורכן סיים דעם געריכט. ער פאַרלאָזט פּוילן. פיל יאָרן איז ער געווען פאָרשטייער פון דער קפּפּ אין קאָמינטערן. געווען טעטיק אין צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון מערב=אוקראַינע. חבר סאָבאַצקי האָט פיל געשריבן אין „נאָווי פּשעגלאָנד“, „ז פּאָלאַ וואַלקי“ און געווען אויך מחבר פון אַ ריי בראָשורן. חבר סאָבאַצקי האָט געהערט צו די אָנפירנדיקע טוער אין דער קפּפּ.

אין 1934 געפינט ער זיך אין ראַטנפאַרבאַנד. ער ווערט אַרעסטירט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע קרבנות פון דער פּראָוואָקאַציע קעגן דער קפּפּ.

סקראָבעק מענדל — „אהרן קוטנער“. אַן אַרבעטער. טעטיק אין דער בונדישער יוגנט=אָרגאַניזאַציע „צוקונפט“, מיטגליד פון איר צענטראַל=קאָמיטעט. אין 1921 איינער פון די פירער פון דער „קאָמצוקונפט“. פון 1922 — אַ מיטגליד פון דער קפּפּ. געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ. ק. פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד אין פּוילן. לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון וואַרשעווער רעוואָלוציאָנערן טעקסטיל=פאַריין. אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון די שטרייק=קאַמפּן פון די טעקסטיל=אַרבעטער. אין 1931—1932 מיטגליד פון דער יידישער ביוראָ ביים וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אין 1934 יאָר אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין קאַרטוז=בערעזע. נאָך בערעזע געפינט זיך מענדל סקראָבעק אויף עמיגראַציע אין פראַנקרייך. רעדאַקטאָר פון דער יידישער פּראָגרעסיווער טאָג=צייטונג „נייע=פּרעסע“. בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה — אָנטיילנעמער אין דער ווידערשטאַנד=באַוועגונג אין פראַנקרייך. אומגעקומען אין די קאַזעמאַטן פון דער געסטאַפּאָ.

עלבירט זלמן — „זעני“. שטאַמט פון לוצק פון אַ פאַראָרעמטער קליינבירגערלעכער משפּחה. געבנדיק אַליין לעקציעס פון די יונגסטע יאָרן אָן, מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג געענדיקט די גימנאַזיע. שפּעטער שטודירט ער אין וואַרשע אויף דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט, אַרבעטנדיק זיין אַדמיניסטראַציעס פון פאַרשידענע צייטונגען. ער ענדיקט דעם זעלבן פאַקולטעט אין נאַנסי (פראַנקרייך), ווו ער נעמט דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין דער לינק=סטודענטישער באַוועגונג. קומענדיק צוריק קיין פּוילן, טרעט ער אַריין אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַרבעטנדיק ווייטער אין דער פּרעסע=אַדמיניסטראַציע, איז ער טעטיק צווישן די האַנדלס=אָנגעשטעלטע. איז אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע „ליטעראַרישע טריבונע“, שפּעטער — סעקרעטאַר פון „פריינד“. שרייבט ליטעראַרישע קריטיק און פּובליציסטיק. געהערט צו דער לינקער שרייבער=גרופּע און צום ליטעראַטן= און זשורנאַליסטן=פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13. אומגעקומען בעת דער דייטשער אָקופּאַציע צוזאַמען מיט זיין פרוי פרידע (אַ טרייע און אַקטיווע טוערין פון דער קפּפּ) אין לעמבערג, ווו ער האָט געאַרבעט בעת דער סאָוויעטישער מאַכט אַלס אַדיונקט אין דער אוניווערסיטעט=ביבליאָטעק.

ענגעל סאַמועל. געבוירן אין יאָר 1904. מיטגליד פון קאָמוניסטישן יוגנט=פאַרבאַנד פון 1923. אין 1924 יאָר האָט ער געשאָסן צום פּראָוואָקאַטאָר לוטשאַק אין לאָדזש. פאַרמשפּט געוואָרן אויף טויט=שטראָף. דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן דעם 17=טן מאַי 1924 יאָר.

פּאַצאַנאָווסקאַ רחל — „זשולאַ“. געבוירן אין 1904 יאָר אין לאָדזש. מיטגליד פון דער קפּפּ פון 1925 יאָר. חברטע זשולאַ איז געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע און אַקטיווסטע קאָמוניסטישע טוער אין לאָדזש. געווען טעטיק אין לעגאַלע מאַסן=אָרגאַניזאַציעס. געאַרבעט אין „פריידענקער=פאַרבאַנד“ און אין דער דעמאָלט אַנטשטאַנענער פּאַרטיי פּפּס=לינקע. פיל מאָל געווען אַרעסטירט און פאַרמשפּט 2 מאָל דורכן געריכט: אין 1928—29 און אין 1932 אויפן גרויסן פּראָצעס פון דער פּפּס=לינקע. צוזאַמען איז ח=טע פּאַצאַנאָווסקאַ אָפּגעזעסן אין תפיסה 10 יאָר.

אין די יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע איז זי געווען אין לאָדזשער געטאָ. געווען איינע, פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער לינקער אַנטיפאַשיסטישער באַוועגונג אין געטאָ. אומגעבראַכט געוואָרן דורך

דעם היטלערישן אָקופּאַנט אין אָשוויענטשים אין 1942 יאָר.

פּאַנדאַמינסקי עדוואַרד — „עדעק“. געבוירן אין 1910 יאָר. שטודירט אין וואַרשעווער פּאָליטעכניקום. חבר פּאַנדאַמינסקי איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער רעוואָלוציאָנערער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע „זשיציע“ און „פּאָבאָדניאַ“. מיטגליד פון קאָמיוג און קפּפּ. אין די 41 — 1939 איז ער געווען אין לעמבערג. אין 1941 יאָר קומט ער קיין וואַרשע. איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון דער אַנטשטאַנענער פּפּר אין וואַרשעווער געטאָ. נאָך דעם אַרעסט פון די חברים לעוואַרטאָווסקי, מערעטיק און שמידט ווערט חבר פּאַנדאַמינסקי סעקרעטאַר פון דער פּפּר־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ און מיטגליד פון דער פּאָליטישער אָנפירונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. בעת דעם אויפשטאַנד אין געטאָ האָט ער געהערט צום אָנפירנדיקן קאַדער.

אומגעקומען אין בונקער פון שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (מילע 18) דעם 8־טן מאַי 1943.

פּייערמאַן משה — פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון רעוואָלוציאָנערן פאַריין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין וואַרשע. געקומען אין דער קפּפּ פון פּועלי־ציון אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן. אָרגאַניזאַטאָר פון פיל שטרייקן און אַקציעס פון די אָנגעשטעלטע אין דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע.

חבר פּייערמאַן איז געווען אַן אַקטיווער טוער פון דער וואַרשעווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. אין 1939 פאַרלאָזט ער וואַרשע. געשטאָרבן אין 1941 אין שטעטל קאַלקע, הינטער קאָוועל.

פירסטענבערג סטאַניסלאַוו — „סטאַשעק“. געבוירן אין 1905 יאָר. אין 1925 יאָר טרעט ער אַריין אין קאָמיוג אין זאַגלעמביע. אין 23 — 1922 — אין דער קפּפּ. אין 1925 איז ער טעטיק אין זאַגלעמביע־דאָמבראָווער קרייז־קאָמיטעט פון דער קפּפּ. דעם 1־טן מאַי 1925 יאָר ווערט ער אַרעסטירט אין קראָקע אַלס רעדנער אויפן פּאַרטיי־מיטינג. ער זיצט אין תפיסה ביזן 1928 יאָר. אין 30 — 1929 דינט ער אין מיליטער און פירט דאָרט אַ רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט. נאָכן מיליטער־דינסט אַרבעט ער אין קרייז־קאָמיטעט פון וואַרשעווער אונטערשטאָט. אין 1931 ענדיקט ער די פּאַרטיי־שול אין מאָסקווע. אין 1932 איז ער טעטיק אין דעם צענטראַלן אַפּטייל פאַר פּאַרטיי־אַרבעט אין מיליטער. פון 1933 ביז 1937 איז ער אַקטיוו אין אַ ריי קרייז־קאָמיטעטן פון דער פּאַרטיי, ווי אויבער־שלעזיע, זאַגלעמביע, גדיניע. ער ווערט פיל מאָל אַרעסטירט און זיצט אין תפיסה. אין 38—1937 — אין בערעזע. נאָך בערעזע ווידער אין תפיסה. אין סעפּטעמבער 1939 רייסט ער זיך אַרויס פון קאָראָנאָווער תפיסה. קומט אַהיים. ווערט אַרעסטירט און דערמאָרדעט דורך די געסטאַפּאָ־לייט.

פישער פּינקוס — „„פּאַווין“. אַ מאַלער־אַרבעטער. אין דער קפּפּ פון 1918 יאָר. איינער פון די פירער פון רעוואָלוציאָנערן פאַריין פון די בוי־אַרבעטער. מיטגליד פון מוראַנאָווער פּאַרטיי־קאָמיטעט. אַ געוויסע צייט — סעקרעטאַר. חבר פּאַווין האָט געהערט צו די אָנגעזעענע, אינטעליגענטע אַרבעטער־טוער אין דער יידישער סביבה. ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער וואַרשעווער יידישער ביוראָ. אַ ריי יאָרן אויך געאַרבעט אין דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ. ק. פון דער פּאַרטיי. אַ גוטער פּאַרטיי־אַגיטאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט. אין 1926 — 1925 יאָר עמיגרירט קיין ראַטנפאַרבאַנד. דאָרט געאַרבעט אין פאַרשידענע סאָוועטישע אינסטיטוציעס. אין 1930 — 1929 שטודירט און געוואָרן בוי־אינזשעניער.

פלוג אַבע — „דער שוואַרצער אַבע“. געבוירן אין 1896 יאָר. פון פאַך אַ שטריקער־אַרבעטער. פון 1913 יאָר אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. געווען זייער פּאָפּולער צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע אין פוילן. פיל יאָרן געווען פאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די טעקסטיל־אַרבעטער אין וואַרשע. אָנגעפירט מיט פיל שטרייק־קאַמפן פון די טריקאָטאַזש־אַרבעטער און פון אַנדערע טעקסטיל־פאַכן. פון 1915 ביז 1921 אָנגעזעענער טוער פון „בונד“. מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט. שפּעטער איינער פון די גרינדער פון קאָמוניסטישן בונד אין פּוי=

לן. פון 1922 יאָר אַ מיטגליד פון דער קפּפּ. טעטיק געווען אין דער צענטראַלער יידישער ביוראָ ביים צ. ק. אין די יאָרן 1927—1929 איר סעקרעטאַר. נעמט אַנטייל אין פיל לאַנד־באַראַטונגען פון דער פּאַרטיי. אין יאָר 1927 איז ער דעלעגאַט מיט באַראַטונגס־רעכט אויפן 4־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וו ער ווערט אויסגעוויילט אַלס קאַנדידאַט פון צ. ק.

אין די יאָרן 1929 — 1930 זיך געלערנט אין דער פּאַרטיי־שול אין מאָסקווע.

אין יאָר 1932 ווערט אַבע פּלוג אויסגעשלאָסן פון דער קפּפּ פאַר זיין אָפּאָזיציאָנעלער שטעלונג לגבי דער גענעראַל־ליניע פון דער פּאַרטיי. אין 1935 יאָר, נאָכן 7־טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, ווענדעט ער זיך צו דער פּאַרטיי־אָנפירונג פון דער קפּפּ וועגן צוריקאויפנעם אין דער פּאַרטיי.

אין 1938 יאָר איז אַבע פלוג געשטאָרבן אין וואַרשע פון זיין לאַנגיאָריקער שווינדזוכט־קראַנקהייט.

פריידקעס יאַקוב — „בערנאַרד“ געבוירן אין 1908 אין ביאַליסטאָק. אין יאָר 1924, נאָך אַלס גימנאַזיע־שילער טרעט ער אַריין אין קאָמיוג. נאָכן ענדיקן די שול אַרבעט ער פריער אַלס דרוקער, שפּעטער אַלס לאַנד־אַרבעטער.

אין 1925 ווערט בערנאַרד אַרעסטירט. נאָך עטלעכע חדשים ווערט ער באַפרייט. אין 1926 יאָר אַרבעט ער אַלס סעקרעטאַר פון מוראַנאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט פון קאָמיוג. שפּעטער איז ער טעטיק אין פּראָווינציאַלישן קאָמיוג. אין 1930 איז פריידקעס צוריק אין וואַרשע. ער אַרבעט אַלס טרעגער און איז פּאָליטיש טעטיק אויפן געביט פון טראַנספּאָרט־פאַריין. בעתן אָנפירן מיט אַ שטרייק פון די קוילן־טרעגער ווערט ער אַרעסטירט. אין 1931 יאָר ווערט חבר פריידקעס סעקרעטאַר פון פּראָפ.־פאַריין פון באַקלייד־אַרבעטער אין וואַרשע. אין 1932 יאָר ווערט ער ווידער אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף דריי יאָר תפיסה. נאָכן באַפרייען זיך אַרבעט ער אַלס סעקרעטאַר פון פּראָפ.־פאַריין פון די כעמישע אַרבעטער. אין 1935 יאָר איז בערנאַרד אין לעמבערג אויף פּאַרטיי־אַרבעט. ווערט ווידער אַרעסטירט און זיצט אַ קורצע צייט. שפּעטער איז ער טעטיק צווישן די מאַלער־אַרבעטער אין וואַרשע. פיל יאָרן איז חבר בערנאַרד אַקטיוו אין דעם פּראָפ. אָפּטייל און אין דער יידישער ביוראָ ביים וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אין 1936 יאָר פאָרט חבר בערנאַרד אָפּ קיין שפּאַניע. קעמפט אין די רייען פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע און איז פּאָליט.־קאָמיסאַר פון אַ קאָמפּאַניע.

אין אויגוסט 1937 בעת די קאַמפן ביי הועסקא פאַלט חבר ז. פריידקעס אין אַ שלאַכט.

פרישמאַן וויקטאָר. געבוירן אין לאָדזש אין 1897 יאָר. פון פאַך אַ לערער. אין דער קפּפּ פון 1918. געווען אויף אָנפירנדיקער פּאַרטיי־אַרבעט אין לאָדזש, וואַרשע, און אין ווילנע. אָנגעפירט מיט דער קאָמפראַקציע אויפן 1־טן יידישן שול־צוזאַמענפאָר אין פּוילן. אין 1923 יאָר אַרעסטירט געוואָרן. באַפרייט אויף קויציע און עמיגרירט קיין ראַטנפאַרבאַנד. אין 1926 יאָר צוריק אין לאַנד און אַרבעט אין דער קאָמפּאַרטיי פון מערב ווייסרוסלאַנד. אין 1927 ווערט ער ווידער אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף 15 יאָר תפיסה. אין 1932 ווערט חבר פרישמאַן אויסגעטוישט און פאָרט אָפּ קיין ראַטנפאַרבאַנד. ביז 1936 אַרבעט ער אין יידישן סעקטאָר פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

אין 1936 יאָר אין דער אַטמאָספער פון „יעזשאָווטשינע“ איז חבר פרישמאַן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט איבערגעלאָזט אַ ירושה פון וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן, אַרויסגעגעבן אין מינסק.

ציטערשפּילער יאַקוב־קובאָווסקי. געבוירן אין וואַרשע אין 1903. 1918 אָרגאַניזירט ער אַ לינק־סאָציאַליסטישן שילער־קרייז. אָנהייב 1919 ווערט ער מיטגליד פון פאַרבאַנד פון קאָמוניסטישער שול־יוגנט. סוף 1919 איז ער שוין אַ מיטגליד פון דער וואַרשעווער פאַרוואַלטונג פון קאָמוניסטישער שול־יוגנט. 1920 — סעקרעטאַר פון מיטלשטאָטישן ראַיאָן־קאָמיטעט פון קאָמיוג. אין 1921 יאָר איז י. ציטערשפּילער דעלעגאַט אויפן II קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל. מערץ 1922 נעמט ער אַנטייל אין דער I

לאַנד=קאָנפערענץ פון קאָמיוג אין פוילן. אין מאי ווערט ער אַרעסטירט און פאַרמשפט אויף 6 יאָר. פאַרן אויסגעשריי אויפן געריכט „די קאָמעדיע האָט זיך געענדיקט"! — באַקומט ער נאָך 2 יאָר.

אין מאי 1927 ווערט ער באַפרייט. ער איז ווידער טעטיק. ער ווערט סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער יוגנט=רעדאַקציע און אינסטרוקטאָר פון צ.ק. פון קאָמיוג. סוף 1929 ווערט ער געשיקט קיין מאָסקווע. 1930 איז ער סעקרעטאַר פונעם קאָמיטעט פון די טעקסטיל=אַרבעטער ביים פּראָפינטערן. אין די יאָרן 1931 — 1933 לערנט ער זיך אויף דער קאַטעדרע פאַר רויטער פּראָפעסור און אונטעריכט פּאָליטעקאָנאָמיע אין פוילישן סעקטאָר פון דער לענין=שול.

אין 1933 — 1934 שיקט אים דער צ.ק. פון דער קאָמפּאַרטיי פון ראַטנפאַרבאַנד אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאַרטיי=אַרבעט.

אין 1937 אומגעקומען.

קאַופמאַן משה — „משה מעזריטשער". געבוירן אין יאָר 1882. פון פאַך אַ מאַלער=אַרבעטער. אַריינגעטראָטן אין דער פּפּס אין יאָר 1900. געווען מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע ביי דער פּפּס. אָנטיילגענומען אין 1904 אין דער באַוואָפנטער דעמאָנסטראַציע אויף דעם גשזיבאָוו=פּלאַץ. אַן אָנטיילנעמער אין דער רעוואָלוציע (1905—1907). ביז 1915 איינער פון די פירער פון די מאַלער=אַרבעטער. בעת דער ערשטער וועלט=מלחמה איז ער שטאַרק קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און צוליב דעם נישט אָנטיילגענומען אין דער באַוועגונג. אין די יאָרן 1918—1923 שטייט משה קאַופמאַן נאָענט צו דער קפּפּ, אָבער נישט אַקטיוו. ער פאַרנעמט זיך דער עיקר מיט זאַמלען מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וועגן אָנטייל פון יידישע אַרבעטער אין דער באַוועגונג פון פּפּס. אין דער היסטאָרישער צייטשריפט „ניעפּאָדלעגלאָשטש", וועלכער ס'האָט רעדאַגירט לעאָן וואַסילעווסקי, זענען אָפּגעדרוקט צוויי אינטערעסאַנטע אַרבעטן פון משה קאַופמאַן (אין VII באַנד פון 1930 — די אַרבעט „דער אָנהייב פון דער יידישער אַרבעט אין פּפּס" און אין XII באַנד פון 1935 — „צו דער געשיכטע פון דער יידישער אָרגאַניזאַציע פון פּפּס").

אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע געפינט זיך זיינער אַ מאַנוסקריפּט.

דער חבר משה קאַופמאַן איז געשטאָרבן אין יאָר 1936 אין פאַלעניץ, הינטער וואַרשע.

קאַוועַ יאַשקע. אַ לאָדזשער וועבער=אַרבעטער. אַ מיטגליד פון דער קפּפּ פון די ערשטע יאָרן פון איר אַנטשטייונג. איינער פון די פּאָפּולערסטע און באַליבסטע אַרבעטער=טוער פון די לאָדזשער יידישע וועבער=אַרבעטער. געווען מיטגליד און אַ געוויסע צייט אויך סעקרעטאַר פון דער יידישער ביוראָ ביים לאָדזשער פּאַרטיי=קאָמיטעט. פיל יאָרן געווען מיטגליד פון דעם לאָדזשער פּאַרטייאישן פּראָפ.=אַפּטייל און מיטגליד פון לאָדזשער פּאַרטיי=קאָמיטעט. אָנטיילנעמער פון אַ ריי לאַנד=באַראַטונגען פון פּאַרטיי=טוער אין דער יידישער סביבה. אין די דרייסיקער יאָרן האָט זיך דער חבר קאַווע געלערנט אויפן קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט אין מאָסקווע. אין די יאָרן 1939 — 1936 ווידער טעטיק אין דער לאָדזשער פּאַרטיי=אָרגאַניזאַציע. אין די יאָרן 1941 — 1939 געפינט ער זיך אין ביאַליסטאָק.

אין די יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע איז חבר יאַשקע איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון באַוואָפנטן קאַמף אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

אומגעקומען אין קאַמף מיט די היטלעריסטישע מערדער.

קאַנטאָר אַבע — „דער ווייסער אַבע", „נאַטאַן". געבוירן אין יאָר 1905. פון פאַך אַ טריקאָטאַזש=אַרבעטער. איינער פון די אָנפירנדיקע טוער פון רעוואָלוציאָנערן טעקסטיל=פאַריין אין וואַרשע און אָנפירער פון זיינע שטרייק=קאַמפן. אין דער קפּפּ פון 1922 יאָר. געווען אַ מיטגליד פון מוראַנאָווער ראַיאָן=קאָמיטעט און פון דער וואַרשעווער יידישער ביוראָ. אין די יאָרן 1929—1925 מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און אַ געוויסע צייט אויך זיין סעקרעטאַר. חבר אַבע קאַנטאָר האָט געהערט צו די פּאָפּולערע מאַסן=טוער פון דער קפּפּ. אַ גוטער רעדנער, אַגיטאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר. אין די יאָרן

1930—31 זיך געלערנט אין דער פּאַרטיי־שול אין מאָסקווע. ביזן 1937 געאַרבעט אין דער מאָסקווער פאַבריק „עלעקטראָזאַוואָד". דאָרט געווען אַקטיוו אין דער פּאַרטיי און ביי אַנדערער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אַ קרבן פון דער אַנטיקפּפּ = פּראָוואָקאַציע.

„קאָלסקי וויטאָלד" פּסעוודאָנים פון ב. צוקער. געבוירן אין 1902 יאָר אין לאָדזש. אין 1918 יאָר טרעט ער אַריין אין אַ שילער־קרייז, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער סדקפּל. שפּעטער, נאָך פאַרן אַנטשטיין פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד איז ער געווען אַ מיטגליד פון שילער־קרייז „יונגע קאָמונע". פון 1924 — מיטגליד פון קפּרפּ. ער איז געווען טעטיק אין וואַרשע, לאָדזש, זאַגלעמביע און מערב־אוקראַינע. פיל יאָרן געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „טשערוואָני שטאַנדאַר". אויפן VI פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר (1932) ווערט ער אויסגעוויילט אלס מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּפּ. אין די יאָרן 1932—1935 טעטיק געווען אין לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון צ. ק. אין 1936—37 געפינט זיך קאָלסקי אין קאַרטוז־בערעזע. פון דאָרט ווערט ער אַריבערגעפירט אין תפיסה. באַקומט אַן אורטייל פון 12 יאָר. אין 1939—41 זעען מיר קאָלסקין אין לעמבערג. ער איז פּאַרטרעטער פון שעף־רעדאַקטאָר פון „טשערוואָני שטאַנדאַר", אָרגאַן פון לעמבערגער געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער קאָמ.־פּאַרטיי פון אוקראַינע (אין פּויליש). אין די יאָרן 1941—43 געפינט ער זיך אין דער רויטער אַרמיי. אין 1943 ווערט חבר קאָלסקי דערמאָרדעט דורך דער געסטאַפּאָ, ווען ער קומט קיין פּוילן אַלס פּאַראַשוטיסט צו דער דיספּאָזיציע פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּר).

וויטאָלד קאָלסקי האָט איבערגעלאָזן אַ רייכע ירושה פון פּובליציסטישע אַרבעטן. צו אים געהערט אויך די וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן קאָמוניסטישן מאַניפעסט פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

קאַנעמאַן שלמה. פּסעוודאָנימען: „גראַף", „סטיטשען", „טשערווינסקי". געבוירן אין יאָר 1889. פון פאַך אַ וואַלקער־אַרבעטער. אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — פון 1905 יאָר. אין דער קפּפּ געקומען פון דער סדקפּל אין 1918. ער איז געווען טעטיק אין דער טשענסטאָכאָווער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און אין דער פּראָפּ־פאַריינישער באַוועגונג. ער פאַרנעמט זיך מיט פּאַרטיי־אַרבעט אין דער יידישער סביבה.

אין דער קפּפּ געאַרבעט אין טשענסטאָכאָווער קרייז־קאָמיטעט. געווען דעלעגאַט אויפן III פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אין די יאָרן 1926—29 געאַרבעט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ק. פּ. פון מערב־ווייס־רוסלאַנד. אַרעסטירט געוואָרן און באַקומען 6 יאָר תפיסה. די צווייטע אינסטאַנץ (אַפּעלאַציע) האָט אים באַפרייט. פון 1931 יאָר געווען אין מאָסקווע. סטודענט פון אוניווערסיטעט אויפן נאָמען פון סווערדלאָוו. שפּעטער געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט פון די פּאָסט־ און טעלעגראַף־אָנגעשטעלטע.

אין 1937 יאָר אַרעסטירט געוואָרן.

קאַנער סענדער — פּסעוודאָנימען: „וויטענבערג", „סענדער מאַלאַזש", „מאַסאָוויעץ". געבוירן אין יאָר 1897. געקומען אין די רייען פון דער קפּפּ אין יאָר 1918 פון „בונד". לאַנגיאָריקער מיטגליד פון מוראַנאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט, פון דעם פּראָפּ.־אַפּטייל און פון דער יידישער ביוראָ ביים וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער קפּפּ. געווען מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. לאַנגע יאָרן געווען פאָרזיצער פון רעוואָלוציאָנערן פּראָפּ־פאַריין פון די מאָלער־אַרבעטער אין וואַרשע. איינער פון די פּעאיקסטע מאַסן־טוער און גלענצנדער רעדנער. געווען דעלעגאַט פון וואַרשע אויפן 5־טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי אין יאָר 1930. בעת די וואַלן צום סיים אין 1930 קאַנדידירט אויף דער קאָמוניסטישער וואַל־ליסטע פון „אַרבעטער־ און פויערים־איינהייט". אין 1931 ווערט דער חבר סענדער געשיקט קיין מאָסקווע. דאָרט האָט ער געאַרבעט אין דער פאַבריק „שאַריקאָפּאָדשיפּניק". געווען אַקטיוו אַלס טוער פון „מאָפּר".

אין יאָר 1937 אַרעסטירט און אומגעקומען אין מאָסקווע.

קומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קפּפּ-פּראָוואָקאַציע.

קאַפּצעוויטש פּייוול — „אַרטשיק“. געבוירן אין יאָר 1895 אין ביאַליסטאָק. פון פאַך אַ שלאָסער. געקומען אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין יאָר 1918 פון דער אָרטיקער באָלשעוויסטישער גרופּע. אין 1920 יאָר געווען אַ מיטגליד פון שטאָטישן פּאַרטיי-קאָמיטעט אין ביאַליסטאָק. חבר אַרטשיק האָט אַלע יאָרן געאַרבעט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב-ווייסרוסלאַנד. אין 1922, בעת די וואַלן צום סיים האָט ער קאַנדידירט אויף דער ליסטע פון „פּאַרבאַנד פון פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף“. פיל יאָרן אָנגעפירט מיט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפ.-באַוועגונג אין ביאַליסטאָק און אין אַנדערע געגנטן פון מערב-ווייסרוסלאַנד. געווען סעקרעטאַר פון פּראָפּ-פּאַריין פון די טעקסטיל-אַרבעטער אין ביאַליסטאָק. סוף 1924 ווערט ער אַרעסטירט און פאַרמישפּט אויף 6 יאָר תּפיסה. אין 1928 ווערט ער באַפרייט אויפן גרונט פון אַמנעסטיע. ער אַרבעט דאָן אַלס סעקרעטאַר פון אַ ריי קרייז-קאָמיטעטן ווי בריסק, גראָדנע. ער פירט אָן מיטן צענטראַלן פּראָפ.-אָפּטייל. אין 1931 ווערט ער ווידער אַרעסטירט און פאַרמישפּט אויף פינף יאָר תּפיסה. אין 1935 איז ער אָנוועזנד אויפן II פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר פון דער קפּמוו. ער ווערט אויסגעוויילט אין צ. ק. אין 1935—1937 אַרבעט ער אין דער פאָרשטייערשאַפט פון קפּמוו אין מינסק

אין 1937 — אַ קרבן פון דער „יעזשאָווטשינע“.

קראַנצנבלום לייב — „בער“. אַן אַרבעטער. געבוירן אין יאָר 1898. פון 1916 ביז 1918 אין פּועלי-ציון. אין 1918 איז קראַנצנבלום אַריינגעטראָטן אין דער קפּפּ. אין 1919 יאָר האָט ער געפירט אַ רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין פּוילישן מיליטער. באַדראָט אַרעסטירט צו ווערן דורך דער זשאַנדאַרמעריע, איז קראַנצנבלום מיט אַ גרופּע סאָלדאַטן אַריבער אויף דער סאָוויעטישער זייט און געמאַסקווע אויפן קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פאַר די מערב-פעלקער. שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין מינסק אין דער רעדאַקציע פון דער יידישער צייטונג „אָקטיאַבער“ און ביז 1937 אין דער ווייסרוסישער צייטונג „זוויעזדאַ“. טראַגיש אומגעקומען.

ראָזענפעלד אברהם. איינער פון די פירער פון קאָמוניסטישן „בונד“ — „קאָמבונד“ אין פּוילן. אין דער קפּפּ פון יאָר 1922. אברהם ראָזענפעלד איז געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון רעוואָלוציאָנערן טעקסטיל-פאַקעמפּט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. נאָך דער מלחמה שטודירט ער אין רוין אין וואַרשע. אָרגאַניזאַטאָר און ליטער פון דער ביבליאָטעק „דאָס לעבן“, מיטגליד פון מוראַנאָווער ראַיאָן-קאָמיטעט פון דער קפּפּ אין וואַרשע און מיטגליד פון דער יידישער ביוראָ ביים וואַרשעווער פּאַרטיי-קאָמיטעט. געשטאָרבן אין 1942 יאָר אין סאָוויעטישן אוזבעקיסטאַן.

ראָטער אַדאָלף געבוירן אין 1898 יאָר. לאַנגיאָריקער טוער אין פּאַריין פון האַנדלס- און ביוראָ-אָנגעשטעלטע. געווען אַ מיטגליד פון סדקפּל, קפּפּ, פּפּר און פּזפּר. נאָך דער באַפרייונג געאַרבעט אין מיניסטעריום פאַר קאָנטראָל. געשטאָרבן אין 1952 יאָר אין וואַרשע.

ראַציאָנאָוויטש בנימין — „דער לאָמער בניאָמקע“. פון פאַך א גאַרבער-אַרבעטער. געבוירן אין 1879 יאָר. אַ טוער פון „בונד“ נאָך אין די צאַרישע צייטן. אין 1908 אויף פּאַרשיקונג. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט-מלחמה און נאָך דער מלחמה איינער פון די פירער פון דער פּראָפ. באַוועגונג צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט. אַ פירער פון דער לינקער גרופּע אין „בונד“. מיטשעפער פון „קאָמבונד“ און פון 1922 יאָר אין דער קפּפּ. אין 1924 געשיקט קיין מאָסקווע. מיטגליד פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער קאָמפּאַרטיי. געאַרבעט אין סאָוויעטישעווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט-מלחמה אין טאַשקענט. געשטאָרבן אין יאָר 1950 אין מאָסקווע.

רידיגער יוליוש — „קאַראָל“ געבוירן אין יאָר 1892. מיטגליד פון דער פּפּס פון 1905 יאָר אָן. פון 1914 מיטגליד פון סדקפּל. אין יאָר 1916 איז

ער טעטיק אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער סדקפל. גלייכצייטיק פאַרנעמט ער זיך מיט פראָפ.-אַרבעט. אין זעלבן יאָר ווערט ער אַרעסטירט דורכן דייטשישן אָקופּאַנט און זיצט אָפּ ביזן 11-טן נאָוועמבער 1918 אין די קאָנצענטראַציע-לאַגערן פון האַוועלבערג, מאָדלין און שטשיפּיאָרנע. חבר רידיגער נעמט אָנטייל אין דער צוגרייטונג פונעם 1-טן צוזאַמענפאָר פון דער קפפ. ער איז אויך איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון די ראַטן פון די אַרבעטער-דעלעגאַטן אין זאַגלעמביע.

אין 1920 יאָר ווערט ער אַרעסטירט. ער אַנטלויפט און איז ווידער אַקטיוו אין פּאַרטיי-אַרבעט. אין זעלבן יאָר ווערט ער נאָכאַמאָל אַרעסטירט און פאַרמישפּט אויף 5 יאָר תפיסה. אין 1927 יאָר איז ער אָנוועזנדיק אויפן IV פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר. אין 1928—29 איז רידיגער טעטיק אין קרייז-קאָמיטעט פון אויבערשלעזיע און זאַגלעמביע. פון 1930 יאָר אַרבעט ער אין פּאַטראָנאַט פאַר הילף די פּאָליט. אַרעסטירטע. גלייכצייטיק איז ער טעטיק אין סעקרעטאַריאַט פון דער קאָמוניסטישער סיים-פראַקציע. אין די יאָרן 1939—41 געפינט ער זיך אין לאַנד און איז טעטיק אין „פאַרבאַנד פאַר אַקטיוון קאַמף“, וועלכער האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין דער פפר. אין אָקטאָבער 1942 ווערט ער אַרעסטירט, געבראַכט קיין אָשוויענטשים און דערמאָרדעט.

שור יוסף פון בארוף אַ זעצער. געאַרבעט אין דער רעדאַקציע „מאָמענט“. אַרבעטנדיק ביי זיין פאַך האָט ער גלייכצייטיק פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע געלטער געגרינדעט דעם פאַרלאַג „טאָמאָר“. ער האָט עס נישט געטאָן צוליב קאָמערציעלע צוועקן. ער האָט אַרויסגעגעבן ווערק פון וויסנשאַפטלעכן און פּובליציסטישן כאַראַקטער, ס׳רוב איבערזעצונגען. פּאָליטיש איז ער געווען אַ סימפּאַטיקער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין וואַרשעווער געטאָ.

שטיין וולאַדיסלאַוו פּסעוודאָנימען: „קראַיעווסקי“ „בראָניסלאַוו“, „פּעליקס“, „יונאָשאַ“, „באָראָווסקי“, „וויערני“. געבוירן אין יאָר 1886. פון 1905 אַ מיטגליד אין דער סדקפל. אָנטיילגענומען אין V צוזאַמענפאָר פון דער רוסלענדישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטיי אין לאָנדאָן. פיל יאָרן געזעסן אין די צאַרישע תפיסות און געווען פאַרשיקט. אין 1916 יאָר איז וולאַדיסלאַוו שטיין געווען סעקרעטאַר פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון סדקפל. אין זעלבן יאָר נעמט ער אָנטייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ אין קיענטאַל. אין 1918 יאָר דעלעגאַט אויפן I צוזאַמענפאָר פון דער קפפ. אויף דער I פּאַרטיי-קאָנפערענץ אין 1920 יאָר ווערט ער אויסגעוויילט אין צ.ק. דעלעגאַט כמעט אויף אַלע פּאַרטיי-צוזאַמענפאָרן. ביז 1930 געווען מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט. פיל יאָרן געווען מיטגליד פון לאַנד-סעקרעטאַריאַט. פון 1930 ביז 1937 געאַרבעט אַלס פּאַרטרעטער פון ליטער פון דעם קאַדרען-אָפּטייל ביים קאָמינטערן. גלייכצייטיק רעדאַגירט ער לענינס ווערק אויף פּויליש אין מאַרקס-ענגעלס-לענין-אינסטיטוט אין מאָסקווע. חבר קראַיעווסקי האָט פיל געשריבן אין „נאָווי פּשעגלאָנד“ און אין דער מאָסקווער אויסגאַבע „ז פּאָלאַ וואַלקי“: אומגעקומען אין יאָר 1937.

שטריכער אברהם — „אָרלאָווסקי“, „מעמאַק“. געבוירן אין 1904 אין ביאַליסטאָק. אין 1919 געהערט ער צו דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט. אין 1920 שוין אין קאָמיוג. פון 1921 אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב-ווייסרוסלאַנד. געווען סעקרעטאַר פון קרייז-קאָמיטעט אין ביאַליסטאָק, ווילנע, סלאָנים. פיל מאָל אַרעסטירט. אין 1928 יאָר פאַרמשפּט אויף 7 יאָר תפיסה. אין 1936, נאָכן באַפרייט ווערן פאַרנעמט ער זיך מיט רעדאַקציע-אַרבעטן ביים צ.ק. פון ק.פּ. פון מערב-ווייסרוסלאַנד. אין די יאָרן 1939—41 געפינט ער זיך אין ביאַליסטאָק און איז פאָרזיצער פון פאַבריקס-קאָמיטעט פון II טעקסטיל-קאָמבינאַט.

בעת דעם אָנפאַל פון דער היטלער-אַרמיי אויפן ראַטנפאַרבאַנד ווערט ער מאָביליזירט. קומט אום אויפן ווייסרוסישן פראָנט אין די ערשטע וואָכן פון דער מלחמה.

אינדעקס פון נעמען

א.

אבראמסקי יאקוב — 192, 194, 198, 199
אברהמקע — 142
אדאמיטש — 112
אדמוני (גרשון דוא) — 172
אוגען מאקאר — 195
אויזיאבלא וולאדזימיעזש — 198, 199
אזשאווא וולאדיסלאוו — 86
איוואשציצין סטעפאן — 299
איזאקסאן — 139, 140, 141
איזידארטשיק יאן — 85
איזראעלעוויטש מאניש — 252
אייזיקל — 176
אייזן — 14 (ביאגר. נאט. ז' 345).
אייזענבערג אברהם — 215
אייכענבוים אברהם — 85
איינשטער אלטער — 149
אילסקי — 92
איצקאוויטש פראנקע — 230, 231
אכאב עדווארד — 13, 250, 251
אלטמאן אסתר — 244
אלטמאן עדזשיע — 257
אלטער — 105, 301
אליצקי לייב — 160
אלענטשוק — 157
אללער — 199
אמסטערדאם שאול — 43, 45, 46, 49, 83, 172, 267
אמשוויץ — 89
אנטאני — 172
אננע — 220, 221, 222, 233, 224
אנקערמאן חיים — 33, (ביאגר. נאט. ז' 345).
אסטראווסקי אדאש — 243
אסקאס זשין — 299
אסתר — 94, 116
אפעלבוים משה „ביאלער" — 34 (ביאגר. נאט. ז' 345).
אפרים־לאזער — 170
אקרענט — 198
אראנאוויטש רויזע — 222
אראנסקי — 52
אראנשטאם — 194 (ביאגר. נאט. 345)
ארדאנקע — 246
ארטור — 194
ארלאווסקי — 199
ארעכווא פיאטר — קלישקא — 86, 197
ארקאדי (סעמעניקאוו) — 152

ב.

באברוש — 230 (ביאגר. נאט. ז' 362).
באגדאן יאן — 84, 86, 192
באגינסקי — 10, 257
באגען־דוא גרשון — 43, 49, 55, 56, 88
באדזשעק רחל — 215
באטווין נפתלי — 10, 14, 55, 180, (ביאגר. נאט. ז' 346).
באלשעוויק — 221
באם — 228
באמשטיק ע. — 212
באלטיקאקליס משה „גוטמאן" — 172 (ביאגר. נאט. ז' 346).
באלאק — 140
באסינסקי — 192
בארדאווסקי — 116
בארטאשעוויטש — 36
בארטעל — 26
באשקין — 133
בארנשטיין שלמה (שלאמעק) 28, 169, 170, 171, 172, 173, 174
בוטשעק מאריאן — 22, 195, 198, 257 (ביאגר. נאט. ז' 346).
בוקסהארן פינקוס (וולסקי) — 23, 171, 176 (ביאגר. נאט. ז' 346).
בורשטין ליובא — 233
בורשטין שמואל — 24 (ביאגר. נאט. ז' 346).
בושקא עדמונד — 149

ביאַלאָסטאָצקי — 193
ביבלייזער יאַנקעלע — 24, 96, 110, ביאָגר. נאָט. ז'347).
ביגלייזער יוסף — 254
בידערמאַן — 169
ביזבערג פייגע — 115
בײלין — 198
בינעצקי פסח — 179
ביעלער — 200
ביערוט — 85
ביערנאַצקי — 242
בלומקינד אַניעלע — 24
בלומקינד אָסקאַר — 24 (ביאָגר. נאָט. ז' 347).
בלייוויים שלמה — 176
בעבער מאַניעק — 112
בעק — 233
בעקער בער — 131, 133, 134, 149, 193
בעקער שלמה — 134
בער — 79
בערגעלסאָן דוד — 240
בערגמאַן אַלעקסאַנדרא — 5
בערנסאָן לעאָן — 198, 257
בערנשטיין אידע — 214
בערעק — 229
בערקאָוויטש — 229
בערשטיין יוסף — 193
בראַנד — 54 (ביאָגר. נאָט. ז' 347).
בראָניעוסקי וולאַדיסלאַוו — 15, 222
ברייטשטיין — 173

ג.

ג. י. — 211
גאָטליב דאָרא — 229
גאָלדבערג הערש — 175
גאָלדבערג זאָשע — 257
גאָלדבערג שמחה — 115
גאָלדוואַסער משה — 112
גאָלדמאַן מענדל — 173
גאָלדפינגער הערשל — 5, 24, 91, 110
גאָלדפינגער סטעפע — 257
גאָלדפלאַם בנימין — יאַניצקי — 24, 96, 103, 110 (ביאָגר. נאָט. ז' 348).
גאָלדשטיין — 198, 199
גאָלדשטיין אפרים — 197 (ביאָגר. נאָט. ז' 348).
גאָלדשטיין חיים — 89
גאָלדשלאַג הערצקע — 24 (ביאָגר. נאָט. ז' 348).
גאָלוב קאַסריעל — 149
גאָמולקאַ וולאַדיסלאַוו — 7
גאַניאַנדזקי משה — 191, 193, 199
גאָרדין־לעגאָוויטש יצחק — 5, 23, 113, 172, 176
גורפינקעל ישראל „סאַלעק“ — 257 (ביאָגראַפ. נאָט. 349).
גאָרקי — 124
גוטמאַן מרדכי — 254
גוטעק — 112
גוטערמאַן אברהם — 239
גוטערמאַן (געצל) דוד 214 (ביאָגר. נאָט. ז' 348).
גורין מיכאל — 195
גורסקאַ האַלינאַ — 304, 305
גורסקי יאַן — 195, 198
גזשעלטשאַק - גזשעגאָזשעוסקי פראַנטשישעק 84 (ביאָגר. נאָט. ז' 349).
גיטלער־באַרסקי יוסף — 5
גייסט ישראל — 23, 83 (ביאָגר. נאָט. ז' 349).
גילינסקי — 141
גימזעל לעאָפּאָלד — 258
גנאַט יאַקוב — 229
געווירץ פריידע — 237
געזונטהייט יודל — 237
געלער — 114
געלער מאָריץ — 72
גענס נחקע — 149
גערמאַניסקי — 14
נעשפּעסט חיים — 177
געשקע — 193
גראַבינאַ מאיר — 173
גראַדאָס זיגמונט — 174
גראַנאַס אַלעקסאַנדער — 257 (ביאָגר. נאָט. ז' 350).
גראָסמאַן גיטעלע — 228
גראַף — 63
גראַף העלענקע — 214
גרודא שלמה — 228
גרוינעס — 172
גרושטשינסקאַ — 257
גרינבוים — 259
גרינבאום משה — 24, 85, 214 (ביאָגר. נאָט. ז' 350).
גרינבלאַט סטאַניסלאַוו — 199

גרינבערג — 52, 53
גרינבערג מאשע (מארטא) — 75 (ביאגר. נאט. ז' 351).
גרישא — 192, 194

ד.

דאווידאוויטש — 254
דאמבראווסקי — 61, 198
דאמבראווסקי יאראסלאוו — 55
דאמסקי — 53 (ביאגר. נאט. ז' 351).
דארווין — 123
דאשינסקי — 39, 98
דוא גרשון (זע באגען־דוא) — 88, 172
דובלינסקי סטעפאן — 195
דוראטש טעאדאר — 257, 302
דזבאנעק חיים (יונה) — 24, 85, 213 (ביאגר. נאט. ז' 351).
דזערעוויאנקא אלעקסאנדער — 148
דזשעוויצקא מאריא — 158
דיוואן מ. — 116
דייטשמאן דוד — 229
דימאנט שמואל — 237
דרייער קובא — 34 (ביאגר. נאט. ז' 351).
דרעקסלער חיים־ישראל — 229

ה.

האך דוד — 230, 231
האלפערן אידא — 86
האפקין ארטור — 256
האפמאן — 240
הויכער יאנקל — 75
הורוויטש ראיא — 199
היבנער — 10
הייטשיק — 10
הימעלפארב הערשל — 102, 109
העכט חיים — 149
העלענא — 86, 194, 198
העלער חיים — 199
העמפעל יאן — 241 (ביאגר. נאט. ז' 352)
העכטמאן לייבעלע — 74 (ביאגר. נאט. ז' 252).
העניעק — 230 231
הענריקאווסקי (זע: אמסטערדאם) — 23, 45, 172, 267
הערמאן עווא — 171
הערץ — 103
הערץ־גרינבאום אדעלע — 34, 85, 214 (ביאגר. נאט. ז' 353).
הערץ לוצינא — 14
הערשליקאוויטש — 231, 232

ו.

וואזשניק — 195
וואלסקי אנטאני — 257
וואלף לייזער — 191, 193, 199
וואלף ראמאנא — 86, 194, 198 (ביאגר. נאט. ז' 353).
וואלקאווסקי וואלף — 34, 198, 200, (ביאגר. נאט. ז' 353).
וואלקער בנימין (ראציאנאוויטש) — 212 (ביאגר. נאט. ז' 367).
וואסערמאן יעקב — 239
וואסקא — 156, 157
וואציאזיש הערשל — 241
וואצלאווסקי — 158
וואקסין ווינגדער — 191,192, 193
ווארא־ביי קאנסטאנטין — 148
ווארטמאן מאקס — 257
ווארטמאן מאריע — 257
וואשילעווסקא וואנדא — 302
וואשילעווסקי לעאן — 242
ווילאנד זלמן — 102
וויסקאווסקא רבקה — 34
ווינדט — 195
וויגאדזקי — 145
וויעזשביצקי — 115
וויטאס — 39, 98
ווידע דוד — 83
וויטווארצל רוזשע — 214
וויינער אבראשא — 107, 108
וויינער מאקס — 76
וויינשטיין — 262
ווייסגלאז חיים — 96, 116
ווייסמאן פישל — 23, 80
ווייסע רוזשקע — 96
וויצבלום אברהם — 70, 73, 81, (ביאגר. נאט. ז' 354).
וויצמאן שרה — 212
ווילנער מאיר — 89
וילנער משה — 238
ווינאווער קארל — 257
וויסאקינסקי — 153
וויעטשארעק יוזעף — 25 (ביאגר. נאט. ז' 354).
וויעטשארקעוויטש — 10, 257

וועלפקע — 136, 137, 138, 139, 140, 141
ווענגראָוו — 254
ווערבע מאָטל — 216
ווראָנסקי יוסף — 79

ז.

זאַטאָרסקי אַלעקסאַנדער — 24, 103, 110
זאַטאָרסקי הענריק — 73, 81 (ביאָגר. נאָט. ז' 355).
זאַיאָנץ מיראָן — 170
זאַכאַריאַש אברהם — 23, 78, 79, 80, 81, 82, 83, 84, 85, 86, 87, 88, 89, 90, 197, 198
זאַכאַריאַש ביילע — 89
זאַכאַריאַש מענדל — 78
זאַכאַריאַש שמעון — 5, 16, 23, 24, 80, 85, 214
זאַלאַטאָוו הענריק — 245, 248
זאַנדבערג לעאָן — 256
זייקין באַזיל — 149
זייקין פעליקס — 149
זילבערבערג אַננע — 220
זילבערגעלט לאזער — 23 (ביאָגר. נאָט. ז' 355).
זומניאַק זיגמונט — 200
זימערמאַן א. — 299
זינאָוויעוו — 48
זעליקאָוויטש בערל „גוטמאַן" — 172 (זע: באַלטיקאַקלים ביאָגר. נאָט. ז' 346).
זעמבע מנחם — 78
זערקאָ ניקאָלאַי — 142, 148, 149
זערקאָ קאַזימיר — 148
זשאַבאָטינסקי — 283
זשאַרסקי טאַדעוש — 22
זשוראַווסקי — 53 (זע: וויטשיק קאַראָל ביאָגר. נאָט. ז' 354).
זשיוויאַל — 72
זשיל זשאָזעף — 209
זשירמאַן שלום — 201, 202, 203, 204
זשענזשניצקי ד"ר — 257

ח.

חיים־ישראל — 237
חייקע — 112

ט.

טאָלסטאָי לעוו — 169
טאָמאַראָוויטש וויטאָלד — 120
טאָמאַשעווסקי אַלעקסאַנדער — 256 (ביאָ־גראַפ. נאָט. 355).
טאַנסקי — 197
טאַנק מאַקסים — 156
טאַרלאָווסקי — 195
טויבנשלאַק חיים — 23, 80, 81
טושינסקי משה — 80 (ביאָגר. נאָט. ז' 355).
טילמאַן — 198
טיק ראָמאַן — 24
טירמאַן משה — 70, 73
טישלער סראָלקע — 252
טענצער — 195
טענצער רובין — 191, 192
טעפער מיכאל — 169
טראָווינסקי — 117
טריוואַקס גרישע — 194, 196
טשאַפּ משה — 112
טשערווינסקי — 63
טשעשניאַק יאַנוש — 117

י.

יאַבלאָנאָווסקאַ — 257
יאַבלאָנסקי — 299
יאַדזשע — 228
יאַוואָראָווסקי — 269
יאַטשקאָווסקי — 88
יאַכימאָוויטש יוסף — 177
יאַלעס — 185
יאַנקאָווסקאַ ליובא — 84, 86, 194
יאַסטשעמבסקאַ חנה — 220
יאַקוב — 84, 197, 244
יאַקובאָוויטש — 134, 176, 225
יאַקובאָוויטש אברהם — 228
יאַקובאָווסקי אַנטאָני — 15 (ביאָגר. נאָט. ז' 355).
יאַקובאָוויטש מ. — 122
יאַקובאָוויטש מרדכי — 227
יאַשונסקי — 14 (ביאָגר. נאָט. ז' 356).
יאָשקע — 141, 142, 144
יוזעק — 230
יוליאַן — 171
יולסקי — 171 176 (זע: בוקסהאָרן. ביאָגר. נאָט. ז' 346).
יולעק — 145, 146
יונגהויז רוזשקע — 96
יונציקעוויץ בראָניסלאַוו — 149
יוקלסאָן ראובן — 115

יוריסטאַ בערעק — 226, 228
יורעק — 228
יושדאַ — 149
יעדליגע סאלע — 214

כ.

כאַנדזינסקי — 38
כאַרונזשאַ וויערא — 86, 198 (ביאָגר. נאָט. ז' 356).
כאַרקאָווסקי פישל — 193
„כינע" — 235
כמורנער יוסף — 105, 275
כמעלניצקי — 28

ל.

לאַחי האללעבעק — מאַריאַ — 299
לאָווקאַ — 115
לאַזעבניק יואל — 5, 24, 85, 112
לאַלאַ ט. 189, 190
לאַמפּע אַלפרעד — 123, 267 (ביאָגר. נאָט. ז' 357).
לאַנדאַו אברהם „אדאַם" — 14, 228 (ביאָגר. נאָט. 357).
לאַנדאַו לייב — 88
לאַנדאַו קאַרל — 22
לאַנצוצקי סטאַניסלאַוו 272 (ביאָגר. נאָט. ז' 357).
לאַנקעוויץ מיכאל — 49
לאָסער — 89
לאַפּאַטי יצחק — 193
לאַפּאַן מאַקס — 14 (ביאָגר. נאָט. ז' 358).
לאַפּאַן קלאַרע — 257
לאַצקי דוד — 196
לאַקס העלע — 214
לוטאָסלאַווסקי — 92
לוקסעמבורג ראָזע — 209
ליבערמאַן ברוך — 23, 80, (ביאָגר. נאָט. ז' 358).
ליבקנעכט קאַרל — 104
ליובע — 145, 156
לייבגאָט בנימין — 33
לייבין ד. — 64
לייבקע — 142
ליכט דוד — 239, 240
ליכטענבוים אברהם (אדעק) — 96, 97, 103, 110, 116
ליכטענשטיין יאָסל — 34 (ביאָגר. נאָט. ז' 358).
ליכטענשטיין ישראל — 24
ליס אסתר — 241
ליפשיץ — 103, 108
לעוו אברהם — 196, 197
לעוו ל. — 200
לעוואַרטאָווסקי יוסף — 14, 23, 33, 43, 45, 52, 53, 54, 83, 86, 180, 267
לעווין — 144, 145
לעווין אַננאַ — 200
לעווין באַלעק — 171
לעווין משה (שלמה) — 30, 66, 122, 123, 124, 125, 128, 129
לעווין רפאל — 149
לעאַנקע — 241
לעמאַן פסח — 25
לענין — 104, 110, 123, 209
לענצנער — 254
לעסקי לייבוש מענדל — 28, (ביאָגר. נאָט. ז' 358).
לעשטשינסקי יוסף — 105

מ.

מאיר דער שטעפער — 194
מאַדזעלעווסקי זיגמונט — 63, (ביאָגר. נאָט. ז' 358).
מאַטיס ראָמאַן — 117
מאַיסאַק אל. — 194
מאַיעווסקי זיגמונט — 228
מאַלאַזש (קאַנער סענדער) — 214 (זע: ביאָגר. נאָט. ז' 366).
מאַלאַזש פיוויל — 214
מאַלאַטשינסקי — 24
מאַלטאַ קאַזימיעזש — 149
מאַלי — 119, 120, 121
מאַלינאָווסקי — 198
מאַלינאָווסקי סטעפאַן — 257
מאַלינאָווסקי פּיאָטר — 149, 197, 198
מאַלקאַ ס. — 156
מאַנדעלבלאַט לייבוש — 34
מאַנטרעל בערנאַרד — 256, (ביאָגר. נאָט. ז' 359).
מאַנטרעל דאַרע — 257
מאַניעק — 172
מאַסאָוויעץ — 214
מאַקראָווסקי — 149
מאַריאַן וואָלאָדיסלאַוו — 149
מאַראַטשעווסקי — 97
מאַרגוליס — 199

מאַרגוליעס יוסף — 230
מאָרגענשטערן לייבוש — 241
מאָרגענשטערן משה „מאַרקוס" — 112, (ביאָגר. נאָט. ז' 359).
מאָרדקאָוויטש טוביה — 229
מאַרטאַ — 75
מאַרטשין — 84
מאַריוש — 83
מאַרכלעוויסקי — 119
מאַרעק לוציאַן — 5
מאַרק סאַמועל — 14
מאַרקאָוויטש העלענע — 257
מאַרקס קאַרל — 123
מאַשאָוויצקי — 196, 197
מאָשקאָוויטש דאַניעל — 34
מאָשקאָוויטש שלמה — 228
מוטא — 158
מיכראָווסקי מענדל (מיראָן) — 170, 176, (ביאָגר. נאָט. ז' 360).
מושינסקי ליבער — 24, 96, 103, 108, (ביאָגר. נאָט. ז' 359).
מיאַנאָווסקי — 40
מיגדאַל רוזשע — 214
מייטעלעס גרשון — 181
מיכאַטעק אַהאַם — 14
מיכאַל — 192, 244
מיכאַלאָוויטש לייזער — 228
מיכאַלעוויטש — 105
מיכלין — 172
מילעכמאַן — 228
מילער שלמה — 84, 144, 193, 194, 195, ביאָגר. נאָט.) ז' 360).
מינץ אַלעקסאַנדער — 266
מיעטעק — 82
מירסקי מיכאַל — 5, 63
מערטענס סטעפאַן — (ביאָגר. נאָט. 360).
מערע — 83
מערעטיק אַדאַם — 33, (ביאָגר. נאָט. ז' ז' 360).
משה — 244
משה לעווין — 124, 129

נ.

נאַבל מאַטעס — 116
נאָוואָגרודזקאַ יודיטאַ — 34
נאָוואָגרודזקי מאָניעק — 14, 95, 112, 116, (ביאָגר. נאָט. ז' 361).
נאָוואַק ראָמאַן — 85
נאַטאַן דער שטריקער — 234, 235
נאַכטיגאַל — 196, 197
נאַליוויקאַ פעליקס — 149
נופעלע — 228
ניעדזשאַלקאָווסקי — 301
נוסענבוים ברוך — 230, (ביאָגר. נאָט. ז' 361).
ניעדזשוויעדזש — 177
ניעמטשעווסקי — 223
ניפאָמניאַשטשאַ זעלדע — 215
ניעפאָמניאַשטשאַ חנהלע — 215
ניקאָלאַיוק — 192

ס.

סאָבוטקאַ ווינצענטי — 226
סאַגאַן נאָסקע — 149
סאָבאַצקי יעזשי — 23, 84, (ביאָגר. נאָט. ז. 361).
סאָלאָוויטשיק — 77
סאָלאָמאָנאָוו — 240
סאַמעט — 94
סאַנקע — 141
סאַרנאַצקאַ יענטע — 214
סוועזשבינסקי וול. 194
סוויטאַ יאַקוב — 149
סטאַך — 81, 112
סטאַנקעוויטש — 156, 157
סטאַראָסלאָווסקאַ — 223
סטאַשעק — 73
סטושעגאָוו — 115
סטרוג אַנדזשעי — 301, 302
סטרוזשעצקאַ ד"ר — 257
סטרעלטשוק — 133
סילמאַן פרץ — 226, 228
סיעדזיאַק — 247
סלאָמאַ עמיל — 175
סנאַרסקי — 97
סמאָליאַר הערש — 152
סעגאַל יאַקוב — 199
סעווערעק — 112
סעמעניקאָוו — 152
סעמפּאָלאָווסקאַ סטעפאַניאַ — 257
סערייקאַ יוזעף — 149
סערעדאַ — 198
ספּאַרטאָוויטש — 230
ספּאַרד דוד — 122, 124
סקולסקי — 56 (זע: מערטענס סטעפאַן ביאָגר. נאָט. ז' 360).

סקראַבעק מענדל — 24, 96, 103, 108, 110, 237 (ביאָגר. נאָט. ז' 362).
סקראַבעק שרה (וויערע) — 24
סראָלקע הויקער — 252

ע.

עטינגער — 257
עלבערט זלמן „זעני" — 124 (ביאָגר. נאָט. ז' 362).
ענגעל שמואל — 10, 14 (ביאָגר. נאָט. ז' 362).
עפּשטיין — 192
עפּשטיין יוסף — 209, 210, 211
ערליך — 105
ערליך יהודית — 228

פּ.

פּאַווין — 83
פּאַוליאַק — 221
פּאַווליקאָווסקי וולאַדיסלאַוו — 148
פּאַזמאַנסקי — 169
פּאַזנער מענדל — 175
פּאַטאַשניק — 141
פּאָלדעק — 258
פּאַליאַקעוויטש — 75
פּאַצאַנאָווסקאַ זשולאַ — 171 (ביאָגר. נאָט. ז' 262).
פּערצאָוויטש — 193, 199
פּוטראַמענט יעזשי — 158
פּופּס מ. 201
פּוריץ — 199
פּושקעוויטש — 191
פּיאַטרקאָווסקי — 136
פּיאַסעצקי — 226
פּיוואָוואַרטשיק אַנטאָני — 257
פּילאַרטשיק — 10
פּילסודסקי — 18, 54, 98, 202, 233
פּינקערט אַבֿרהם — 115
פּינקערט אפרים — 96, 103, 104, 105, 110, 115, 116, 117, 118, 119, 120, 121
פּינקערט ווילע — 115
פּינקערט חוהלע — 234
פּיסקאָרסקי — 149
פּיעטשעק יאַן — 195
פּלאַווסקי — 193
פּלאַץ יידל — 24
פּלאַצקער ד"ר — 257
פּלוזשאַנסקי וואָלף — 117
פּלוסקוואַ — 228
פּלעגען — 193
פּלעכאַנאָוו — 123, 241
פּערעוואָסקין — 139
פּערעלגוט — 199
פּרילוצקי נח — 92
פּרענסקי שמעון — 226
פּרץ יצחק לייבוש — 209, 240

פֿ.

פֿאַנדאַמינסקי עדוואַרד — 33 (ביאָגר. נאָט. ז' 363).
פֿוריע לייב — 200
פֿידלער — 88
פֿיינגאָלד שכנא — 33
פֿייערמאַן משה — 66 (ביאָגר. נאָט. ז' 363).
פֿיליפּענקאָ — 196
פֿינא טויבע — 237
פֿינדער פּאַוועל — 123
פֿירסטענבערג — 182, 185, 188 (ביאָגר. נאָט. ז' 363).
פֿישביין — 172
פֿישמאַן — 192
פֿישער פּיניע — 83 (ביאָגר. נאָט. ז' 363).
פֿלוג אַבע — 24, 83, 85, 237 (ביאָגר. נאָט. ז' 363).
פֿעדער — 240
פֿעלדבלום לייבל — 230
פֿעפֿער האַלינע — 110
פֿראַנקאָ — 209
פֿרידמאַן אַלטער — 237
פֿריידקעס בערנאַרד — 214 (ביאָגר. נאָט. ז' 364).
פֿרייַנד א. — 215
פֿרישמאַן — 197, 198 (ביאָגר. נאָט. ז' 364).

צ.

צאַנקאָוו — 53
צוקער — 198
צוקער ב. (וויטאָלד קאַלסקי) — 14, 182, 185, 188, 189, 190 (זע: ביאָגר. נאָט. ז' 366).
ציטערשפּילער — 112 (ביאָגר. נאָט. ז' 364).
ציכאָצקי — 257

ציעלאַק אַלעקסאַנדער — 148
ציפּריאַן — 36
צעגעלקע סאָניע — 212
צעלמייסקי שמואל — 241

ק.

קאַגאַן יצחק — 191, 193
קאָוואַלסקי — 185
קאָוונער איציק — 96, 110
קאָווע יאַשקע — 28, 34 (ביאָגר. נאָט. ז' 365).
קאָווענסקאַ ליובאַ — 84, 194, 198
קאָוטסקי — 104
קאָזלאָווסקי — 194, 195
קאָזלאָווסקי יוזעף — 250
קאָט מנוחה — 244
קאָטלאַזש חנה — 214
קאַלאַטש יאָסל — 230
קאַלטון יהושע — 173
קאָן מיכאל — 223
קאַנטאָר אַבע — 24, 83, 85, (ביאָגר. נאָט ז' 365).
קאַנעמאַן שלמה — 63 (ביאָגר. נאָט. ז' 366).
קאַנער סענדער (מאַלאַזש) — 24, 214 (ביאָגר. נאָט.) ז' 366).
קאַפּיטאַנסקי מאַניעק — 228
קאַפּיטקאַ ל. — 293
קאַפּלאַן — 11, 194, 198
קאַפּלאַן דוד — 199
קאַפּלאַן וואָלף — 192, 193
קאַפּלאַן חיים — 24, 103, 108, 110, 116
קאַפּלאַן פייוול — 192
קאַפּצעוויטש — 192 (ביאָגר. נאָט. ז' 367).
קאַציזנע אַלטער — 32
קאַראַל — 70, 71, 72, 73, 75, 214
קאַראַלסקי שכנא — 70, 10
קאַרטינאַ־שמידט אַנדזשעי — 14, 33
קאַרלאָווסקי — 197
קאַרנאַוד מיקאַלאַי — 149
קאַרפּ שלמה — 175
קאַשטאַן — 192
קאַשעווסקי יוסף — 233, 234, 235, 236
קאַשעליון — 195
קאַשצענקאַ ניקיפאָר — 149
קדיש — 115
קוואַפּינסקי — 294
קוויעטשינסקאַ מאַריאַ — 223
קוזשטינסקי — 117
קוטילאָווסקי — 194, 195
קוטשאַר אַלעס — 157
קאופמאַן משה — 24 (ביאָגר. נאָט. ז' 365).
קולטשינסקי — 307
קושטאָווסקי לוקאַש — 148
קושניראָוו א. — 240
קינג קעראַל — 299
קליין ד. — 64
קליינמאַן — 215
קלימקאַ יוזעף — 148, 149
קניעווסקי — 10
קענקוש מיעטשיסלאַוו — 246, 247, 248
קערש אברהם — 117
קערש ישראל — 230
קראַיעווסקי וולאַדיסלאַוו — 84 (זע: ישטיין וולאַדיסלאַוו ביאָגר. נאָט. ז' 368).
קראַמאַזש נחמן — 24
קראַמאַזש חיים — 214
קראַמאַזש מנחם — 117
קראַנצנבלום לייב — 23, 79, 80 (ביאָגר. נאָט. ז' 367).
קרוליקאָווסקי סטעפאַן — 36, 37, 38, 39, 40
קריגער יוזעף — 244
קריצער — 227
קרענגעל — סטאַך — 171

ר.

ראַדזיקאַ לעאָן — 149
ראַדיטש מאַטל — 170
ראַדעק — 48, 54
ראַטשקאָווסקי — 197
ראַטשקעוויטש — 27
רייבענבאַך בראָנקע — 237
ראַפּאָוויטש יצחק — 191, 193
ראַפּאַפּאָרט גיטעלע — 24, 103, 100, 116
ראַפּאַפּאָרט — 74
ראַפּאַלסקי — 240
ראַפּעס משה — 83
ראַציבאָרסקי — 257
ראָש — 177
ראַשקעס — 262
ראָזמאַרין בנימין — 229
ראָזנאָווסקי ווינצענטי — 148
ראָזען העניעק — 253

ראָזען חנה — 195, 198
ראָזענבערג כיל — 28, 59, 60, 61
ראָזענפעלד אברהם — 24, 214, 237, 242 (ביאָגר. נאָט. ז' 367).
ראָזענפעלד יודל — 83, 214
ראָזענפעלד מאַניע — 230
ראָזענפעלד מיכאל — 33
ראָזענפעלד משה שלמה — 243
ראָט יארמעק — 221
ראָטבוים יעקב — 239, 240
ראָטענבערג סאלא (מערי) — 24, 83
ראָטענוי — 53
ראָטשטעק ראלע — 257
ראָטשטער אַדאָלף — 257 (ביאָגר. נאָט. ז' 367).
ראָטשטער סטאַניסלאַוו — 256
ראָטשטיין יאַקוב — 14
רובין הדסה — 150
רובין שלמה — 254
רובינשטיין — 14
רודאַשעווסקי — 141
רוטקאָווסקי — 10
רוסמאַן חיים — 112
רופערט פראַנצישעק — 250
רידיגער קאַרל — 257 (ביאָגר. נאָט. ז' 367
ריגערט — 153, 155
ריוועס מ. — 123
רייך מלך — 237
ריכטער דוד — 30, 63, 64, 65, 66, 67, 68, 128, 173
רינד לייזער — 72, 74, 77
רעזניק יוסף — 141, 192, 193, 195

ש.

שאַטען — 24, 64
שאַמע בעקער — 83
שאַפּראַן — 103, 108
שאַפּראַן לייבעק — 239
שוואַרץ וואָלף — 199
שוואַרצבאַרד געציל — 24
שוואַרצע רוזשקע — 96
שוואַרצער איטשע — 102
שוואַרצער דוד — 100
שוואַרצער יולעק — 112
שוואַרצפּוס יאַנעק — 33
שוויטאַלסקי — 62
שולשטיין משה — 217
שור יוסף — 242 (ביאָגר. נאָט. ז' 368)
שטאַבעלסקי יעזשי — 158
שטאַקפּיש מענדל — 149
שטערן פּיליפּ ד"ר — 257
שטריכער א. — 199 (ביאָגר. נאָט. ז' 368)
שטשיגעלסקי זביגניעוו — 21
שיוועק י. — 119
שייבלער — 169
שיין בראַנקע — 237, 238, 242
שיין ישראל — 239
שילאַ ניקאָלאַי — 140, 145, 148
שימאַנסקי ז. — 78
שימעלע דער שניידער — 230
שלאַגעטער לעאָ — 54
שלאָסבערג דוד — 196
שלאָמקע — 84
שלמה הויקער — 175
שמואלקע — 141
שמולאַוויטש ליובע — 214
שמיאַראָווסקי — 198, 257
שמעון — 59
שעראַדזקי — 171
שפּאַקער אסתר — 214
שפּיגעל קובאַ — 228
שפּינאַק מאוריצי — 258

אינהאַלט

זייט

אַריינפיר

וול. גאַמולקאַ

קפּפּ אין קאַמף קעגן פאַשיזם און מלחמה־געפאַר 7

עז. אַכאַב

רום די אומדערשראָקענע קעמפער — זעלנער פון דער קפּפּ . 13

ש. זאַכאַריאַש

40 יאָר קאַמף פאַר דער מאַכט פון פאָלק, פאַר סאָציאַליזם . . 16

סט. קרוליקאָווסקי

רעדע פון קאָמוניסטישן סיים־דעפּוטאַט קעגן אַנטיסעמיטיזם . 37

כ. ראָזנבערג

רעדע פון קאָמוניסטישן סיים־דעפּוטאַט קעגן דער ליקווידאַציע פון דער בילדונג 43

פון די רעדעס אויפן II און III צוזאַמענפאָר פון קפּרפּ:

ש. אַמסטערדאַם־סאַנדעצקי 50

י. לעוואַרטאָווסקי־גרינבערג 57

ג. דוא־באָגען 60

זכרונות, כאַראַקטעריסטיקעס און ביאָגראַפיעס:

מ. מירסקי

„דודל" 65

נ. טירמאַן

די ערשטע נומערן „צום קאַמף" 70

ז. שימאַנסקי

אברהם 78

ה. גאָלדפינגער

פון שמאָלן געסל אויפן ברייטן טראַקט 91

ווילע און אברהם פינקערט

דער אומפאַרגעסלעכער אפרים 115

י. שיוועק

„Mały" 119

ד. ספּאַרד
אייניקע זכרונות און כאַראַקטער־שטריכן 124
ב. בעקער
טאָג־בוך פון דער לוקישקער טורמע 131
הדסה רובין
אַ בריוו, אויף מיין גאַנעק (לידער) 150
ה. סמאָליאַר
פון טיפן אונטערערד אויף דער ברייטער אויבערפלאַך 152
ל. אָליצקי
אינעם לעצטן טאָג פון פּראָצעס (פראַגמענט) 160
נ. טעפער
שלמה באָרענשטיין (שלאָמעק) 169
פסח בינעצקי
קפּפּ (ליד) 179
ג. מייטעלעס
דער ערשטער קאַרצער 181
י. ראַפּאָוויטש
מיין טורמע־וואָגלעניש 191
מ. פּופּס
שלום זשירמאַן — קעמפער און פּאָעט 201
שלום זשירמאַן
מיין שוועסטערל, בערעזאַקעס גייען, קאַרצער (לידער) 204
י. ג.
יוסף עפּשטיין קאָלאָנעל דזשאָזעף זשיל 209
ע. באָמשטיק
אַזוי איז געווען אַמאָל 212
א. פריינד
חנהלע פון ראזשישטש 215
מ. שולשטיין
דער טאַטע שטרייקט, ביים קלאַוויר (לידער) 217
ז. זילבערבערג
„אַננע" 220
י. יאַקובאָוויטש
פאַקטן און עפּיזאָדן 225
מאַניע ראָזענפעלד
דער, וואָס האָט געהאַט מערקווירדיקע איינפאַלן 230
ליובע בורשטין
אַ פּאָר רויזן אויף זיין קבר 233
בראָנקע שיין
קוואַל־וואַסער...(וועגן דער ביבליאָטעק „דאָס לעבן") 237

זייט

משה שלמה ראָזענפעלד
נאַלעווקעס 34 243
הענריק זאַלאַטאָוו
אין די מויערן פון „הייליקן מיכאל" 245
מאַניש איזראַעלעוויטש.
וואָס אין ראָוו־מאַזאָוויעצק איז זיך פאַרלאָפן 252
סט. ראָטטער
די טעטיקייט פון „מאָפּר" אין וואַרשע אין די יאָרן 1924—1927 . 256

דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.

בריוו פון אינטעלעקטואַליסטן און געזעלשאַפטלעכע טוער פון פוילן און אויסלאַנד 297
בראָניק 307

צייטשריפטן און בראָשורן

(רשימה צונויפגעשטעלט און באַאַרבעט פון ישראל שיין) 321
ביאָגראַפישע נאָטיצן 343
אינדעקס פון נעמען 369

M. IZRAELEWICZ
Co w Rawie Mazowieckiej się zdarzyło . . . 252
ST. ROTTER
Z działalności MOPR-u w Warszawie 256
DOKUMENTY I MATERIAŁY:
LIST POLSKICH I ZAGRANICZNYCH INTELEKTUALISTÓW ORAZ DZIAŁACZY SPOŁECZNYCH . 297
KRONIKA 307
CZASOPISMA I BROSZURY
(Wykaz. Zebrał i opracował *I. SZAJN*) 321
NOTATKI BIOGRAFICZNE 343
INDEKS NAZWISK 369

D. SFARD
Kilka wspomnień o Lewinie 124
B. BEKER
Dziennik z więzienia w Łukiszkach 131
H. RUBIN
List, Kwiaty na moim ganku (wiersze) 150
H. SMOLAR
Z głębokiego podziemia na światło dzienne . . 152
L. OLICKI
Ostatni dzień sprawy (fragment powieści) . . . 160
M. TEPER
Salomon Borensztejn (Szlamek) 169
P. BINECKI
KPP (wiersz) 179
G. MAJTELES
Pierwszy karcer 181
I. RAPOWICZ
Wędrówki więzienne 191
M. PUPS
Salomon Żyrman — bojownik i poeta 201
S. ŻYRMAN
Moja siostrzyczka, Bereziacy maszerują, Karcer (wiersze) 204
I. G.
Josef Epsztejn — Colonel Joseph Gilles . . . 209
E. BOMSZTYK
Ongiś tak było 212
A. FRAJND
Chanełe z Rożyszcz 215
M. SZULSZTEJN
Tata strejkuje. Przy fortepianie (wiersze) . . . 217
Z. ZYLBERBERG
„Anna“ 220
J. JAKUBOWICZ
Fakty i epizody 225
MANIA ROZENFELD
O tym, który miał wspaniałe pomysły 230
LUBA BURSZTYN
Róże na grobie 233
BRONKA SZAJN
Woda źródlana (Biblioteka „Życie“) 237
M. SZ. ROZENFELD
Nalewki 34 243
H. ZOŁOTOW
W murach „Świętego Michała“ 245

SPIS TREŚCI

Wstęp 5

WŁ. GOMUŁKA

KPP w walce z faszyzmem i niebezpieczeństwem wojny (fragment) 7

E. OCHAB

Sława nieustraszonym bojownikom — żołnierzom KPP 13

SZ. ZACHARIASZ

40 lat walki o władzę ludu, o socjalizm 16

ST. KRÓLIKOWSKI

(Przemówienie sejmowe przeciwko antysemityzmowi) 37

CH. ROZENBERG

(Przemówienie sejmowe w sprawie likwidacji oświaty) 43

Z PRZEMÓWIEŃ NA II i III ZJEŹDZIE KPRP:

S. AMSTERDAM-SANDECKI 50

J. LEWARTOWSKI-GRYNBERG 57

G. DUA-BOGEN 60

WSPOMNIENIA, CHARAKTERYSYKI I ŻYCIORYSY

M. MIRSKI

Moje spotkania z Dawidem Rychterem . . . 65

M. TYRMAN

Pierwsze numery „Do walki“ 70

Z. SZYMAŃSKI

Abram 78

H. GOLDFINGIER

Z ciasnego zaułka na szeroką drogę 91

W. I A. PINKIERT

Niezapomniany Efroim 115

J. SIWEK

„Mały“ 119

גלייכשטעלונג

זייט	שורה	אנשטאט	דארף זיין
10	3 פון אונטן	גערעכט איז געווען די קפּ. אָנ= ווייזנדיק די מאַסן אויף דעם,	גערעכט איז געווען די קפּ, אָנ= ווייזנדיק די מאַסן אויף דעם,
24	17 פון אויבן	סענדער קאַנאר	סענדער קאַנער
24	21 פון אויבן	שמואל בורשטיין	שמואל בורשטין
27	7 פון אונטן	רצלאַוויצע	ראַצלאַוויצע
43	2 פון אויבן	רעדע פון קאָמוניסטישן דעפּוטאַט כיל ראָזענבערג, אויף דער זיצונג	רעדע פון קאָמוניסטישן דעפּוטאַט כיל ראָזענבערג אויף דער זיצונג
44	10 פון אונטן	454 מיליאָן זלאָטעס	454 מיליאָן רובל
68	4 פון אויבן	פּען אין דער	פּען פון דער
104	16 פון אויבן	קינענטאַל	קינטאַל
151	7 פון אויבן	איך באַשווער דיך ביי דער סט	איך באַשווער דיך ביי דער סטעזשקע,
161	14 פון אונטן	בקומען	באַקומען
163	16 פון אויבן	ווי מ׳וולאָט	ווי מ׳וואָלט
174	2 פון אונטן	דער גרענץ	דער גרענעץ
175	3 פון אונטן	קוים געקענט לייענען	קוים געקענט לייענען,
183	7 פון אונטן	פאַר אַ שווערן פּרווו,	אויף אַ שווערן פּרווו,
194	17 פון אויבן	ביאַליטאָק	ביאַליסטאָק
198	19 פון אויבן	פּראָקוראָר	פּראָוואָקאַטאָר
236	3 פון אונטן	דעם 1=טן סעפּטעמבער	דעם 1=טן אויגוסט
243	2 פון אונטן	אַריינגאַנג דורכן הויז	אַריינגאַנג דורכן טויער
291	5 פון אונטן	אַ יידיש פּראָטעסט=שטרייק	אַ יידישן פּראָטעסט=שטרייק
327	13 פון אונטן 1=טע שפּאַלט	פאַרווערט דאָס דערשיינען די צייַ= טונג	פאַרווערט דאָס דערשיינען פון דער צייטונג
346	4 פון אויבן	באַלטיקאַקליס משה — „גוטמאַן“	באַלטיקאַקליס משה — גוטמאַן
348	12 פון אונטן 2=טע שפּאַלט	פון די יאָרן (24—1923)	פון די יאָרן (1920—1919)
359	24 פון אונטן 2=טע שפּאַלט	געהאַט ריי אורטיילן	געהאַט דריי אורטיילן
366	3 פון אונטן	אַלס טוער פון „מאָפּר“	אַלס טוער פון „מאָפּר“ אין מאָסקווע
367	23 פון אונטן	ראַציאָנאָוויטש בנימין	ראַבינאָוויטש בנימין

די שורות 11 און 12 פון זייט 367 פון אויבן, זענען על פי טעות אריינגעפאַלן אין דער ביאָגראַפישער נאָטיץ פון ראָזענפעלד אברהם.

זיי דאַרפן זיך געפונען אויף דער זעלבער זייט אַלס 4 און 5 שורה פון אונטן — אין דער ביאָגראַפישער נאָטיץ פון קראַנצנבלום לייב.